STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06579

# SHELOMOH HA-MELEKH

Abba Gordin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא גאָרדין

# שלמה המלך

היסטאָרישער ראָמאַן

הויפּט פאַרשפּרייטער:
פאַרלאַג „מנורה״ רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל

Yid F
G65s

Cop. 1

ABBA GORDIN

# KING SOLOMON

HISTORICAL NOVEL

Copyright by Abba Gordin
Printed in Israel, Tel-Aviv, 1960

נדפס בישראל, תל־אביב, תש״ך
Ramat-Gan, 36, Rechov Rashi.

THE CHICAGO PUBLIC LIBRARY
APR 12 1962

דפוס א. מוזס, רח׳ פין 7, תל־אביב.

בוך איינס

# שלמה'ס געבוירן ווערן און זיין דערציונג

א דאַנק מײַן פֿרײַנט
א. בערניקער.

אבא גאָרדין
רמת־גן, ישראל

# פאָרוואָרט

„שלמה המלך איז אַ גלגול פון משה רבנו ע״ה. וועגן אים שטייט געשריבן אין (שמות ב׳, ו׳): ‚און דאָס קינד וויינט׳. און פּרעהס טאָכטער האָט אים געראַטעוועט, דעריבער האָט ער זי גענומען פאַר אַ ווייב״ (ספר הגלגולים לר׳ חיים וויטאַל, דף ל״ו: פראַנקפורט, תמ״ד).

„און שלמה המלך וואָס אלהים האָט אים געגעבן קלוגשאַפט און וויסעניש... אויך פון די אייגנשאַפטן פון די גראָזן אַזוי אַז ער האָט אַפילו אָנגעשריבן א בוך פון רפואות, ווי עס שטייט געשריבן (מלכים א׳, ד׳, י״ג): ‚און ער האָט גערעדט וועגן ביימער, פון צעדערבוים אין לבנון ביזן מאָך־גרעזל, וואָס וואַקסט אַרויס פון וואַנט׳.

און איך האָב געזען דעם איבערגעזעצטן בוך, וואָס הייסט ‚די גרויס־קלוגשאַפט פון שלמהן׳, און אין אים שטייט געשריבן: ‚עס איז ניט פאַראַן עפּעס באַזונדערס אין דעם געבוירן־ווערן פון אַ קעניג אַדער אַ געזועלטיקער, דאָס קומען אויף דער וועלט און דאָס אַוועקגיין פון דער וועלט איז גלייך פאַר אַלעמען. דעריבער האָב איך געבעטן מיך צו באַגנעדיקן מיט אַ גייסט פון קלוגשאַפט. און איך האָב גערופן — און דער גייסט פון וויסעניש איז צו מיר געקומען און איך האָב אים אויסדערוויילט בעסער פון דעם צעפּטער און טראָן. וואָרעם אלהים איז דער געבער פון וויסעניש אָן פאַלשקייט, צו וויסן ווי איז אַנטשטאַנען די וועלט, און די טאוונג פון די מזלות, דעם אָנהויב, ענד און מיטן פון צייט, און די היפּאָטענוזעס און קאָמעטן־ווידלען, און ווי אַזוי באַווירקן די סעזאָנען דעם פאַרלויף פון די הימלען און די שטענדיקייט פון די שטערן, דעם גוטמוט פון די בהמות און דעם גרימצאָרן פון די חיות, די שטאַרקייט פון די גייסטער און די געדאַנקען פון מענטשן, די פאַרהעלטענישן פון די ביימער און די פּאָטענצן פון די וואָרצלען, אַלץ וואָס איז פאַרהוילן און אַלץ וואָס איז אַנטפּלעקט — האָב איך געוווּסט׳.

דאָס אַלץ האָט ער אַרויסגענומען פון דער תורה, אַלץ האָט ער אין איר געפונען. אין אירע טייטשן און דרינגונגען, אירע בוכשטאַבן און שטריכעלעך... און אַזוי האָט געזאָגט וועגן אים דער פסוק (מלכים א׳, ה׳,

י׳)׃ און שלמהס קלוגשאַפט איז געווען געמערט איבער דער קלוגשאַפט פון די מזרח קינדער׃ דאָס מיינט צו זאָגן, אַז ער איז געווען באַהאַוונט אין טרעפעניש און צויבעריי... ,איבער דער קלוגשאַפט פון מצרים׳, ווייל ער איז געווען א וויסער פון כישוף מאַכעריי, וואָס דאָס איז די קלוגשאַפט פון מצרים. און פון דער נאַטור פון די געוויקסן׃ און אַזוי האָבן זיי געזאָגט (מדרש תנחומא,, קדושים. ו׳)׃ ,אַפילו פעפער האָט שלמה געפלאַנצט איז לאַנד... און זיי פלעגן גלייך געבן פרוכט׳, (די הקדמה פון רמב״ן (רבנו משה בן נחמן 1195—1270) צום ספר בראשית, ח׳—ט׳, פירוש הרמב״ן על התורה).

# דאס געבוירן ווערן

## 1

בת־שבע, נאָך דעם ווי איר זון, וואָס זי האָט געהאַט פון דוידן, איז געשטאָרבן, איז זי כמעט ווי ניט אַרויס פון שטוב. געוווינט האָט זי אין קעניג דוידס הויף. דער „חצר המלך" איז באַשטאַנען: פון געראַמע פּאַלאַטעס, ווו די זיצונגען פון דוידס ראַטגעבער פלעגן רעגולער אָפּגעהאַלטן ווערן; פון קאַזאַרמעס פאַר דער קעניגלעכער לייב־גוואַרדיע, כרתי ופלתי; פון אַ גרויס: געצעלט, הינטער און אונטער די פאָרהאַנגען פון וועלכן עס האָט זיך געפונען דער ארון־הברית; אַכט באַזונדערע שטיבער, וואו עס האָבן געוווינט דוידס אַכט ווייבער מיט זייערע קינדער און דינסטן: און אַ גאָר גרויס הויז ווו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן זיינע צען קעפּסווייבער.

בת־שבע האָט נאָך אַלץ געטרויערט אויפן טויט פון איר עופהלע. זי האָט געהאַט מער ווי אַ ביסל פאַרדרוס, און האָט זיך אויך שטאַרק געוווּנדערט וואָס דויד, גלייך ווי מ'האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן, איז אויפגעשטאַנען פון דיל, זיך אָרומגעוואַשן, זיך אויסגעשמירט מיט בוימל, אָנגעטאָן זיינע מלכות קליידער, אַוועק אין געצעלט, ווו דער ארון האָט זיך געפונען, האָט זיך געבוקט און געדאַנקט השם, אָנגענומען זיין רעכטפאַרטיקן משפט; און איז אַריין אין הויז און געבעטן מען זאָל אים גרייטן צום טיש, ער האָט זיך געזעצט עסן מיט אַ שאַרפן אַפּעטיט פון אַן אויסגעהונגערטן נאָך די פאָר טעג פאַסטן, — ווי קיין זאך וואָלט ניט געהאַט געשען.

ווי האָט ער געקענט אַזוי האַנדלען? האָט זי זיך געפרעגט און איבערגעפרעגט. זי האָט עס ניט געקענט באַגרייפן און האָט מיט דער הנהגה זיינער בשום אופן ניט געקענט שלום־מאַכן.

ניט זי אַליין האָט זיך געחידושט און ניט געקענט באַנעמען זיין מאָדנעם אויפפיר, אַלע אין הויף זיינען געווען אויסער זיך. זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי דויד, וואָס האָט דעם עופהלעס קראַנקייט

גענומען זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצן, האָט ביי זיך געקענט פועלן עס צו טאָן, אַרויסווייזן אַזאַ קאַלטבלוטיקייט און, פילייכט, אויך גלייכגילטיקייט צו זיין קינדס טויט. כל־זמן עס איז קראַנק געווען האָט דויד געהאַלטן אין איין מתפלל־זיין, געפאַסט טאָג נאָך טאָג, אונטערגעלעגט זיך דאָס האַרץ בלויז שפעט אין אָוונט מיט אַ שטיקל ברויט און פאַרטרונקען מיט וואַסער. ער האָט באַפוילן ברענגען די בעסטע רופאים. ער האָט זיי באַשאָנקען מיט די רייכסטע מתנות. זיך געבעטן ביי זיי צו טאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך אום צו ראַטעווען דאָס קינד. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון קינדס יויגל, ווי ער וואָלט אַ מאַמע געווען ניט קיין טאַטע. ער איז צו זיך אין פּאַלאַטע ניט געגאַנגען שלאָפן. ער פלעגט זיך לייגן אויפן הוילן דיל אויף יענער זייט טיר פון צימער, ווו דאָס קינד האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט. און ווען מ׳האָט זיך ביי אים געבעטן ער זאָל כאָטש לאָזן זיך אונטערבעטן מיט אַ טעפּיך אָדער מיט אַ פּאָר פּעלכלעך, האָט ער ניט געוואָלט הערן. „אַזוי איז בעסער״, האָט ער געזאָגט, „זאָל יהוה זען מיין צער, מיין פּיין, אפשר וועט ער זיך דערבאַרעמען און וועט ניט שטראָפן דאָס אומשולדיק עופהלע פאַר מיינע זינד״. זיי האָבן זיך ניט געקענט באַהערשן און אָפן אַרויסגעוויזן זייער שטוינען איבער זיין הנהגה. אַלע האָבן געוווּסט אַז דויד איז אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. אָבער דאָס איז שוין געווען איבערנאַטירלעך. עס האָט געגרענעצט מיט גלייכגילטיקייט. ווי אים וואָלט דער גאַנצער ענין גאָר ניט אָנגעגאַנגען. ווי איינער זאָגט: אַ קינד איז אויך אַ טייערע מציאה ווען כוח איז פאַראַן אין די לענדען...

די גאָר נאָענטע מקורבים האָבן זיך אָנגענומען מיט דרייסט און האָבן אים געפרעגט: סטייטש, היתכן? ווען דאָס קינד האָט נאָך געזשיפעט האָסטו געפאַסט און געקלאָגט, געבעטן רחמים ביים רבונו של עולם, און אַז עס האָט צוגעמאַכט די אויגעלעך אויף שטענדיק, האָסטו זיך געזעצט עסן ווי קיינמאָל גאָרנישט? מיר פאַרשטיין דיך ניט, אונדזער האַר קעניג.

ער איז זיי ניט געבליבן שולדיק קיין ענטפער און זיינע רייד זיינען געווען זייער שכלדיק. אָט־וואָס זיין תשובה איז געווען: אַזוי לאַנג ווי אין קינד האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון לעבן, האָב איך נאָך געהאַט אַ האָפענונג, אַז השם ירחם, דער אויבערשטער וועט זיך דערבאַרעמען, און איך האָב געפאַסט און געבעטן השם, אָנגעטרונקען מיין תפילה מיט זודיקע טרערן, אָבער אַז עס איז געשטאָרבן, איז וואָס זאָל איך פאַסטן; איך קען, דען, אים לעבדיק מאַכן, אים ברענגען צוריק?! איך גיי צו אים, מיט יעדן

טאָג קום איך אַלץ נעענטער צו אים, ער צו מיר וועט שוין קיינמאָל ניט קומען.

זייער חכמהדיק, אָבער דאָס איז דאָך אַ קאָפּ־ענטפער, האָט בת־שבע געטראַכט און איבערגעטראַכט, און אַ מענטש האָט דאָך אַ האַרץ אויך, אויב ניט אַ קאָפּ אויך. דאָס האַרץ, דאָס געפיל, קומט דאָך צוערשט. דער ערשטער זון פון אַ געליבטער פרוי שטאַרבט און אין אַזעלכע יסורים, נאָך גאַנצע זיבן טעג און נעכט ברענען ווי אין אַ העליש פייער — און ער האָט עס גענומען אַזוי לייכט. צייגט עס דען ניט אַז ער האָט מיך ניט ליב? אים פאַרדריסט וואָס ער האָט זיך מיט מיר פאַרבונדן. און ער ווייזט זיך טאַקע ניט זינט דאָס אומגליק האָט פּאַסירט.

בת־שבע ווייִנט זיך פאַנאַנדער אויפן קול. אויף איר געוויין קומט האַסטיק אַריין אין צימער עטרה, בת־שבעס אַם. אַן אַלטע פרוי, גרויע האָר, אָבער די סימנים פון איר אַמאָליקער שיינקייט נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעמעקט פון אירע געזיכט־שטריכן.

— מיין בת־שבעלע! וואָס ווייִנסטו ווייטער?! געוואַג זיך אָנגעווייִנט. וויפל איז דער שיעור! עס איז אַ זינד אַזוי פיל צו קלאָגן און טרויערן, עס זיינען דאָך שוין אַריבער דריי חדשים. — זי גייט צו און ווישט בת־שבען אָפּ די אויגן. — דו וועסט זיך דאָך די אויגן אויסווייִנען, דיינע ליכטיקע אויגן פאַרטונקלען, גאָט באַהיט! דיינע אויגן, זיי פינקלען דאָך ווי די שטערן אין הימל! אַ פרוי איז באַשאַפן געוואָרן פאַר איין זאַך, פאַר שיינקייט. אַ מיאוסע פרוי איז ניט קיין פרוי, זי איז בלויז אַ באַשעפעניש צו מאַכן קינדער. און די גאַנצע שיינקייט פון אַ פרוי ליגט אין אירע אויגן. און דו שאַנעוועסט גאָרניט דיינע אויגן! ווייסטו, דען, ניט אַז לאהס אויגן זיינען געווען שלאַפע פון וויינען און קלאָגן. זי האָט אַלץ מורא געהאַט אַז מען וועט זי חתונה־מאַכן פאַר עשון, די עלטסטע שוועסטער פאַר דעם עלטסטן ברודער. און יעקב האָט ליב געהאַט רחלן, ניט לאהן...

— טייערע עטרה! אויף וואָס דאַרף איך מיינע אויגן, אַז מיין וועלט איז מיר שטאָק־פינצטער! מיין קינד האָב איך פאַרלוירן. אים באַגראָבן צוזאַמען מיט דער ליבע פון מיין מאַן, קעניג דויד. זינט דעם בראָך האָט ער מיין שוועל ניט אַריבערגעטראָטן. דו ווייסט דאָך, אַז ער ווייזט זיך ניט, אַז ער מיידט אויס אפילו פאַרבייצוגיין מיינע פענצטער. קומט אַליין ניט און שיקט, אַפילו, ניט פרעגן וואָס איך מאַך. ער איז אינגאַנצן פאַרפרעמדט געוואָרן. — זי זיפצט טיף און אַ שטראָם פון טרערן גיט זיך

ווידער אַ גאַס פון אירע אויגן. די טרערן קייקלען זיך איבער אירע אַביסל־פאַרבלייכטע באַקן.

— פאַרפרעמדט געוואָרן, זאַגסטו?! עס קען ניט זיין! אַזאַ הייסע ליבע ווי זיינע ווערט ניט אַזוי גיך אָפּגעקילט, און אויסגעלאָשן אוודאי ניט. ער איז פאַרטאָן אין מלוכה־אַנגעלעגנהייטן, מיט מלחמות, וואָס הערן קיינמאָל ניט אויף. איידער איין קריג ענדיקט זיך, פאַנגט זיך אָן אַ צווייטער.

— עטרה טייערע! וואָס ווילסטו מיך טרייסטן מיט פוסטע רייד: מלחמה! אַן אויסרייד — מלחמה! און אונדזער באַהעפטונג איז דען ניט פאָרגעקומען בשעת עס האָט געפלאַקערט דער קריג קעגן די פאַרשאָלטענע בני־עמון? ווען מ'האָט פונקט באַלאַגערט זייער רעזידענץ־שטאָט רבה. מלחמה און ליבע גייען פון שטענדיק אָן צוזאַמען. מלחמות ברענגען טויט און ליבע שאַפט לעבן. בעת מלחמות ווערן געבוירן מער קינדער איידער אין די פרידלעכע צייטן... די בלוטן זידן, קאָכן און די גלוסטונגען שטייגן העכער און העכער. דער קריג פאַרשניידט אַסך לעבנס, יונגע און אַלטע, דאַרף ליבע קומען און פאַרזייען די לעבנס־פעלדער איבעראַנייס, גוט צו מאַכן די פאַרלוסטן. ס'איז ניט די מלחמה, מיין טייערע עטרה, ניט זי האָט באַזייטיקט מיין מאַן פון מיר. ס'איז עפּעס אַנדערש.

— דו האָסט געדאַרפט וועגן דעם זיך אַדורכריידן מיט נתן הנביא. ער האָט דעם קעניג דויד אָנגעשראָקן, אים געשטראָפט מיט צו האַרבע רייד. ער האָט דאָך אַ פייערדיקע צונג, דערצו געברויכט ער נאָך משלים, וואָס טרעפן אין סאַמע פינטל. אַלע אין ירושלים און אויך איבערן גאַנצן לאַנד איבערדערציילן דעם משל מיט דעם אָרימאַנס שעפּסעלע... שמועס זיך אַדורך מיט אים. ער האָט אַ גרויסע ווירקונג אויפן קעניג. אונדזער מעכטיקער און ווילנפולער האַר קעניג הערט זיך צו צו זיינע רייד, ווי אַ קינד צו אַ פאָטער. ער איז דאָך אַ הייליקער מאַן און אַ צוקונפט־פאָרויסזאָגער. מ'האַלט פון אים מער ווי פון גדן, דעם זעער. דאָס און נאָך עפּעס. גיי אַריבער קיין גבעון, דאָרט איז דאָך אונדזער גרעסטע במה, ברענג זינדאָפּער... און, דערהויפּט, וויין זיך אויס פאַר השם און עפן אויף דיין צעווייטיקט האַרץ פאַר אים, ווי די הייליקע חנה, שמואלס מוטער, האָט געטאָן, און בעט אַז די ליבע פון דיין מאַן זאָל זיך אומקערן צו דיר. און זאָג צו אַז דעם זון, וואָס דו וועסט האָבן פון אים, וועסטו אָוועקשענקען צו אלהים, ווי חנה האָט זיך פאַרשוואָרן און איז געהאָלפן געוואָרן. —

און ווען דו רעדסט מיט נתן הנביא פאַרזיכער אים, אַז ער וועט זיין דער דערציער און גייסטיקער פאָטער פון דיין קומענדיקן זון דאָס וועט אים גלייך אריבערגעווינען אויף דיין זייט. און ער וועט שוין זען, אַז דוד זאָל קומען צוריק צו דיר אַזוי גיך ווי דיינע אבלות־טעג וועלן זיך ענדיקן און דו וועסט אויסטאָן דיינע שוואַרצע קליידער.

אגב האָב איך דיר געבראַכט דודאים פון פעלד. איך וועל זיי פאַרקאָכן און האַלטן גרייט אין הויז דעם ליבע־געטראַנק. ווען דוד וועט קומען צו דיר אויף נאַכטמאָל, גיב עס אים צו טרינקען און זיין גלוסטונג צו דיר וועט זיך קיינמאָל ניט אָפּטאָן.

— אַ גרויסן דאַנק דיר ,עטרה. ניט אומזיסט רופט מען דיך עטרה, דו ביסט באמת מיין קרוין פון קאָפּ און אויך די געהירן אין מיין קאָפּ. דיין ראַט איז אויסגעצייכנט. איך וועל טאָן ווי דו עצהסט מיר. זאָג מיר בלויז, וואו געפינט זיך איצטער נתן? איז ער אין ירושלים?

— זיכער אין ירושליב. איך האָב אים היינט אינדערפרי געזען פונ־דערווייטנס.

— איך וועל טאַקע באַלד אַריבערגיין צו אים, און זען וואָס ער קען טאָן פאַר מיר.

## 2

דאָס שטיבעלע וואו נתן האָט געוואוינט האָט זיך געפונען אין אַ פאָרשטאָט פון ירושלים, אויפן סאַמע ראַנד פון כרך אין מזרח זייט. עס איז געשטאַנען אויף אַ שפיץ פון אַ משופּעדיקן בערגל. דאָס הייזעלע געליעפּעט פון ליים און צוגעדעקט מיט צווייגן פון פאַלמען איז געווען איינגעטיילט אין דריי צימערן.

אין צימער, אין וועלכן נתן איז געזעסן, איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש צענויפגעשלאָגן פון אומגעהובליעוועטע ברעטער. אויף אים זיינען געווען אַנגעלייגט פאַרשיידענע מגילות, אייניקע פון פאַרמעט און אייניקע פון פאַפּירוס, און גאַר אַנדערע פון ליימענע טאַבעלן אין וועלכע די בוכשטאַבן זיינען געווען אַריינגעקריצט און אַנגעפילט מיט שוואַרצן טינט. אויף אַ טאַבורעט דערביי איז געשטאַנען אַ ליימענער טעפּל מיט אַ פאַרמיש פון סאַזשע און לעבן אים אַ בערשטל, אַפּנים גרייט צום שרייבן. אויפן וואַנט איז געהאַנגען אַ פידעלע.

פונדערווייטנס האָט מען דעם קליינעם בנין קוים געקענט אַרויס־זען.

אַזוי פּאַרטונקט איז עס געווען אין פּרוכט־ביימער און קוסטעס פון יאַגדעס.

נתן איז געזעסן אויף אַ קישעלע פון פעלכלעך, פאַרטיפט אין לייענען אויפן קול, מיט אַן אָריענטאַלישן טראָפּ־ניגון, אַן אַלטע מגילה. פון צייט צו צייט האָט ער גענומען אַ פענדזל איינגעטונקט אין דעם פאַרמיש און איבערגעצויגן דאָ און דאָרט אַן אָפּגעבליאַקעוועטן אות.

בת־שבע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין לייענען, אַז ער האָט ניט געהערט איר לייכטן אָנקלאַפּ. זי וואָלט געהאַט געמיינט אַז קיינער איז ניטאָ און וואָלט זיך גלייך צוריקגעצויגן, ווען צו איר וואָלטן ניט דערגאַנגען די אויסגעזונגענע ווערטער פון דער מגילה. זי האָט דערקענט נתנס מעלאָדיש־זאַנפטע שטים. זי האָט איצטער אַ קלאַפּ געטאָן אַביסל שטאַרקער. צום דריטן מאָל ערשט האָט ער דערהערט דאָס קלאַפּן. ער איז אויפגעשטאַנען און צוגעקומען צו דער טיר, זי געעפנט און זי אַריינגעבעטן מיט די ווערטער:

— קום אַריין און זיי געבענטשט פון אלהים פון ישראל!

בת־שבע איז געווען אַזוי דיק פאַרשלייערט, אַז ער האָט זי צוערשט ניט דערקענט.

— זאָג מיר, טאָכטער, וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער? — אין נתנס קול איז געווען איבערראַשונג און באַוווּנדערונג: וואָס קען פאַרלאַנגען פון אים די אומבאַקאַנטע און אומדערוואַרטע באַזוכערין?

ווי נאָר זי האָט איבערגעטראָטן די ניט הויכע שוועל האָט בת־שבע אַראָפּגענומען דעם וואָל פון געזיכט. ער האָט זי גלייך דערקענט און כמעט מיט שרעק אויסגערופן:

— פרוי בת־שבע, וואָס האָט פּאַסירט? איז פרידן צו דיר און צו דוידס הויז?

— פרידן — איז געקומען איר שטילער ענטפער.

— אַזוי אומגעריכט, מיר ניט געלאָזן וויסן אַז דו קומסט. איינע אַליין, אָן אַ באַגלייט?! צו וואָס האָסטו זיך געדאַרפט מטריח־זיין אַרויפצושטייגן אויף אַזאַ משופּעדיקן בערגל? דו האָסט דאָך געקענט שיקן מיך רופן!

— איך האָב ניט געוואָלט אַז מען זאָל וויסן פון אונדזער באַגעגעניש.

נתן האָט אַוועקגעשטעלט פאַר איר אַ טאַבורעט, אים צוגעדעקט מיט אַ ציגן־פעלכל און זי געבעטן זיך זעצן: — ביסט דאָך מיד פון גיין.

אַז זי האָט זיך צוגעזעצט און זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט האָט ער זיך געווענדט צו איר:

— רייד און זאָלן דיינע ווערטער מיר קלאָר מאַכן וואָס דו באַצוועקסט

— איך האָב געוואָלט זיך דורכריידן מיט דיר וועגן אַן ענין אין וועלכן, איך ווייס, דו ביסט פאַראינטערעסירט אפשר ניט אין אַ קלענערער מאָס ווי איך...

— רייד, פרוי בת־שבע, איך הער זייער אויפמערקזאַם.

בת־שבע האָט זיך ארומגעקוקט אַזוי ווי זי וואָלט זיך וועלן פאַרזיכערן, אַז קיינער הערט ניט אונטער. זי האָט אָנגעהויבן אין שטילע טענער, וואָס זיינען שפעטער צו, וואָס מער זי האָט גערעדט און זיך צעוואַרעמט, געוואָרן שטאַרקער און העכער.

— הייליקער מאַן, נתן! דיין משל וועגן דאָס „שעפסעלע פון אָרימאַן" איז פאַרשפרייט איבערן גאַנצן לאַנד פון דן ביז באר־שבע, צו מיין שאַנד און צו דוידס אומכבוד. אָבער ניט אום מיין נאָמען גייט עס מיר. זאָל מען פון מיר אָפּלאַכן, זאָל מען מיך און קעניג דוידן באַריידן אומזיסט. איך ווייס אַז דו, דער מאַן פון אלהים, האָסט ניט גערעדט אויס בייזן ווילן, און ניט פון זיך אַליין, וואָס דיר איז איינגעפאַלן צו זאָגן. דו האָסט, וואַרשיינלעך, געהאַט אַ זעונג וועגן דעם. אָבער זעונגען לאָזן זיך אויסטייטשן פאַרשידן. און לויט מיין באַשיידן פאַרשטיין, ביסטו ניט געווען גערעכט אין דיינע משלדיקע רייד צו מיין האַר, קעניג דויד. אויב איך מעג אַזוי זאָגן, איך בין דאָך ניט מער ווי אַן איינפאַכע פרוי, דו ביסט געווען אינגאַנצן אומגערעכט אין דיין קללה. איך קען ניט באַגרייפן ווי דו האָסט גאָר געקאָנט ביי זיך פועלן אַרויסצוברענגען פון דיין הייליק מויל אַזאַ שרעקלעכן פלוך אויפן הויזגעזינט פון השם געזאַלבטן קעניג.

עס איז מיר זייער שווער עס צו טאָן, אָבער איך מוז איבערזאָגן דיינע אייגענע רייד, כדי דו זאָלסטו אײנזען ווי האַרב זיי זיינען געווען און צוריקרופן און אָפּשאַפן זיי ווי זיי וואָלטן קיינמאָל פון דיר ניט אַרויסגע־רעדט געוואָרן.

הער וואָס דו האָסט געזאָגט צום קעניג דויד:

„און אַצינד, אַ שווערד וועט זיך ניט אָפּטאָן פון דיין הויז אויף אייביק. דערפאַר וואָס דו האָסט מיך פאַראַכט און האָסט גענומען דאָס ווייב פון אוריה, דעם חתי, פאַר א פרוי פאַר דיר, אַזוי האָט געזאָגט יהוה, איך שטעל אויף אַן אומגליק אויף דיר פון דיין הויז אויס, און איך וועל נעמען דיינע ווייבער און זיי אָפּגעבן צו דיינע פריינט פאַר דיינע אויגן; און ער וועט ליגן מיט דיינע ווייבער פאַר די אויגן פון דערדאָזיקער זון.

וואָרום דו האָסט געטאָן אין פאַרבאָרגעניש און איך וועל טאָן דידאָזיקע זאַך קעגן גאַנץ ישראל און אַקעגן דער זון״.

— איך בין אַלע מאָל גרייט צו בעטן פאַרגעבונג, אויב איך האָב באַגאַנגען אַן עוולה קעגן עמעצן דורך אַ פאַרזען. איך בין גרייט צו פאַריכטן מיינעם אַ טעות. אָבער דאָס מאָל האָט גערעדט דורך מיר די שטים פון יהוה און דער קול פון פאָלקס געוויסן. איך בין געווען אויפגעבראַכט אויפן קעניג. ער איז טאַקע אונדזער גרויסער מעכטיקער הערשער, אָבער איבער אים שטייט אַ גרעסערער הערשער, דער אַלמעכטיקער און זיין באַפעל איז געבאָט אויך פאַרן קעניג. ער איז דער קעניג איבער אַלע קעניגן. און דער מלך דויד, ניט ווייניקער פון דעם לעצטן און אָרעמסטן מאַן פון קלענסטן שבט און נידעריקסטער משפחה, איז מחויב צו געהאָרכן און ניט פאַרברעכן קעגן געזעץ פון יושר און גערעכט. און ווי נאָר איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער האָט איבערגעטראָטן דעם פאַרזאָג פון דער הייליקער תורה, בין איך אַוועק צו אים און אים געשטראָפט מיט האַרבע רייד און אים געשאָלטן מיט די שרעקלעכסטע קללות. מיר, נביאים, זיינען שליחים פון אלהים און מיר שאַנעווען ניט קיינעם, מעג ער אַפילו זיין אַ געזאַלבטער און געקרוינטער. מיר שרעקן זיך ניט פאַר מענטשלעכער מאַכט. ווען איך וואָלט באַדאַרפט באַצאָלן מיטן לעבן פאַר מיינע שאַרפע מוסר־רייד און קללה, וואָלט איך זיך ניט צוריקגעהאַלטן. אַ נביא טאָר ניט צוריקהאַלטן זיין שטראָפן און וואָרענען קעגן זינד. ווען ער פאַרשווייגט און פאַרקוקט זינד, טוט זיך אָפּ פון אים דער הייליקער גייסט, און אָן דעם הייליקן גייסט איז דער נביא ניט בלויז אויס נביא, נאָר בפועל־ממש אויס מענטש. ער אַליין קריגט די ערגסטע און שטרענגסטע שטראָף פון דער האַנט פון השם־צבאות.

דער נביא טראָגט אַ גרויסע און שווערע אחריות. ער איז ווי אַ וועכטער פון דעם הויז פון ישראל. אַז ער הערט אַ וואָרט פון יהוהס מויל מוז ער די קינדער פון ישראל וואָרענען. אַז אלוהים זאָגט צו דעם רשע: שטאַרבן מוזטו שטאַרבן; און דער נביא וואָרנט אים ניט און רעדט ניט צו דעם רשע, ער זאָל זיך אָפּקערן פון זיין שלעכטן וועג, כדי ער זאָל לעבן, וועט ער, דער זינדיקער, שטאַרבן פאַר זיין זינד און זיין בלוט וועט יהוה מאָנען פון נביאס האַנט. אָבער אויב דער נביא האָט געוואָרנט דעם רשע און ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון זיין שלעכטסקייט און פון זיין פאַרדאָרבענעם וועג, וועט ער שטאַרבן פאַר זיין זינד, און דער נביא

האָט געראַטעוועט זיין אייגענע זעל; און אַז דער רעכטפאַרטיקער קערט זיך אָפּ פון זיין גערעכטיקייט און ער טוט אומרעכט, וועט יהוה לייגן אַ שטרויכלונג פאַר אים: ער וועט שטאַרבן. ווייל דער נביא האָט אים ניט געוואָרנט, וועט ער שטאַרבן פאַר זיין פאַרברעכן, און זיינע גערעכטיקייטן, וואָס ער האָט געטאָן, וועלן ניט דערמאָנט ווערן; און זיין בלוט וועט יהוה מאָנען פון נביאס האַנט. אָבער אויב דער נביא האָט אים, דעם רעכט־פאַרטיקן, געוואָרנט, אַז ער זאָל ניט זינדיקן, און ער האָט ניט געזינדיקט, וועט ער בלייבן לעבן, ווייל ער האָט זיך געלאָזט וואָרענען, און דער נביא האָט געראַטעוועט זיין אייגענע זעל.

דער נביא איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן זינדיקן. און דאָ איז אַזאַ פאַל: איך האָב געוואָרנט דעם קעניג דויד... און ער האָט מיין וואָרענונג אויפגענומען. ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז מיט מיינע לעפצן רעדט דער אַלמעכטיקער האַר פון דער וועלט. און ער האָט חרטה געהאַט אויף זיין טואונג, און געשוואָרן פאַר אלוהים, אַז ער וועט מער ניט זינדיקן. דער קעניג דויד גייט אין יהוהס רעכטפאַרטיקע וועגן. ער איז ריין חוץ פון אָט־דער זינד פון הייסן הרגענען אוריהן, דיין מאַן, דעם חתי, און נעמען דיך אומגעזעצלעך פאַר זיין ווייב. — ער באַמערקט ווי בת־שבע ווערט רויט אין געזיכט פון פאַרדרוס און צאָרן, און ער ווערט גלייך אַנטשוויגן. אים טוט באַנג וואָס ער האָט זיך צערעדט מיט אַזאַ ברען.

בת־שבע הייבט אָן ריידן מיט אַ שוואַכער און געבראָכענער שטים, אָבער צו דער אייגענער צייט מיט אַ געוויסער טראַציקייט און איינגעשפאַרטקייט.

— דויד האָט ניט געזינדיקט, כאָטש ער אַליין האָט זיך יאָ באַטראַכט פאַר אַ זינדיקן. ער ווייסט ניט אַז ער איז געווען און איז אומשולדיק אין דער גאַנצער פאַרפלאָנטערטער געשעעניש.

נתן ווערט אומגעדולדיק און ער שרייט אויס אויפן קול:

— ער איז באַגאַנגען אַ האַרבע זינד!

בת־שבע ווערט טראַציקער און ענטפערט מיט אַנטשלאָסנקייט:

— ניין! ער האָט ניט געזינדיקט!

נתן קוקט זי אָן אין פאַרלעגנהייט, פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע, זיין זיכערקייט נעמט שוואַכער ווערן, ווי זי וואָלט מיט איר טראַציקייט עס צעטרייסלט, און ער ווענדט זיך צו איר מיט אַ שטילער ווייכער שטים.

— זאָג טאָכטער, וואָס דו מיינסט, קלער מיר אויף.

נתן וואָלט שטאַרק וועלן רייַנוואַשן דעם באַליבטן קעניג, ווען

שמואל הנביא, זיין גרויסער לערער, האָט געזאַלבט; און ער טראַכט פּילייכט זיינען פאַראַן אומשטענדן וועלכע זענען אים ניט באַקאַנט וואָס וואָלטן אפשר געקענט דערליכטערן די זינד, אויב ניט אינגאַנצן זי אַראָפּנעמען ווי מ׳וואַשט אויס אַ פלעק. ער גיט צו:

— הלואי זאָלסטו זיין גערעכט. איך וואָלט זיכער זיין איבערצופרידן... אַ שווערער שטיין וואָלט אַראָפּגעפאַלן מיר פון הארצן. אַ משא וואָלט אַראָפּ פון מיינע אַקסלען. ווי שטאַרק וואָלט איך וועלן אַריינשרייבן אין ספר־הימים פון דווידס הויז אָט די פּאָר ווערטער: ווער עס זאָגט אַז דוד האָט געזינדיקט, גרייזט... און דאָס זאָל זיין דער ריינער אמת...

בת־שבע ווערט ביי זיך האָפּעדיקער. זי זעט אַז נתן נעמט זיך וואַקלען, אַז זי האָט געבראָכן דעם אייז.

— איך וועל אָנהויבן פון סאַמע אָנהויב. נאָך אַלס קינד פלעג איך קומען אין קעניגלעכן הויף. מיין זיידע, אחיתופל, דער ראַטגעבער פון קעניג דויד, פלעגט מיך מיטנעמען מיט זיך, ווען ער איז געגאַנגען צו אַ זיצונג פון ענגען אינערלעכן ראַט. דער קעניג האָט מיך געזען און איך בין אים זייער געפעלן געוואָרן. איך בין געווען אַ שיין מיידעלע; אויס־געפּוצט פלעג איך גיין ווי אַ יונגע פירשטין, אין אַ זיידן געשטרייפט קליידל, מיינע שוואַרצע האָר פאַרקעמט און פאַרפלאָכטן אין צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, וואָס האָבן דערגרייכט ביז מיינע פּיאַטעס. דער קעניג האָט מיך פיל מאָל מכבד־געווען מיט ניס און געברענטע פאַרצוקערטע זאַנגען. איינמאָל האַלטנדיק מיך אויף זיין שויס האָט ער מיר געגעבן אַ צערטלעך פאָטערלעכן קוש. דאָס איז געווען נאָך אין חברון. איך האָב דעם קוש קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך האָב געטרוימט אַז ווען איך וועל אויסוואַקסן וועל איך ווערן קעניג דווידס פרוי־קעניגין. איך וועל האָבן פון אים אַ זון, וואָס וועט זיצן אויף זיין טראָן נאָך דעם, ווי ער, זאַט מיט יאָרן, וועט איינגעזאַמלט ווערן צו זיינע עלטערן. איך האָב, אָבער, מיין פאַרהוילענעם ווונטש קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט פאַר מיין מויל. איינמאָל, עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען מיין זיידע האָט געקוקט אין די שטערן און מזלות פון דער הייך פון טורעם, וואָס איז אַרויפגעבויט אויף זיין הויז אויף אַ הויכן באַרג הינטערן שטאָט ירושלים איז ער אַ באַגייסטערטער און אַן אויפגערודערטער אַרונטערגעקומען, רויט אין געזיכט, די אויגן אָנגעצונדן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט איבערגעלייענט עפּעס אַ געשריפטס אין דער הימל־מגילה, וואָס האָט אים איבערראַשט.

איך רוף זיך אָפּ צו אים: זיידע, וואָס האָסטו געזען, איך ווייס אַז

דו האָסט אַ נאָמען פון אַ גרויסן שטערנזעער. ער האָט אַ ווייל געשוויגן. אָבער ער האָט זיך לאַנג ניט געקענט איינהאַלטן. זיין פרייד און אויפרעגונג האָבן זיך ווי איבערגעגאָסן איבער זיינע פאַרזיגלטע ליפּן. קיינער איז אין הויז ניט געווען מיט וועמען צו טיילן זיין זעאונג, און אַליין טראָגן זי אין שטילער שווייגעניש האָט ער, אַפּנים, ניט געקענט; און ער גיט אַ זאָג צו מיר: איך האָב געזען אַז איינער פון אונדזער הויזגעזינט וועט טראָגן די קרוין פון ישראלס קעניגרייך. פלוצלונג ווי קעגן מיין אייגענעם ווילן האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט: איך וועל ווערן דויד המלכס ווייב און האָבן אַ זון, וואָס וועט ארבן זיין טראָן, קרוין און צעפּטער. ער האָט אַ ציל געטאָן אין מיר אַ פייל פול מיט שנאה און גיפט. אַ ברום צעטראָגט זיך אין דער לופט: עס הערט זיך אַ שטים פון אַ לייב: „אזוי גאָר! אָט וואָס פאַראַ אַמביצעס דו האָסט". איך האָב מער דערשפּירט ווי באַגריפן מיטן פאַרשטאַנד אַז מיין זיידע האָט אויסגעטייטשט די מזלות־שריפט, אַז ער וועט ווערן קעניג נאָך פאַרן לעבן פון דוידן פון וועמען ער וועט פטור ווערן... פון יענעם טאָג אָן האָט ער מיך פיינט געקראָגן און האָט מיך באַהאַנדלט ווי אַ קאָנקורענטין, וואָס וויל ביי אים צונעמען ניט בלויז די אַסטראָלאָגישע אויסרעכענונג, נאָר טאַקע די קרוין און דעם מלכות־טראָן. אום צו זיין זיכער אַז די זעאונג וועט ניט פאַרווירקלעכט ווערן ווי איך האָב זי באַשיידן, האָט ער מיך חתונה געמאַכט צו אוריהן, דעם חתי. דאָ האָט ער געטראָפן מיט איין שטיין צווי פייגעלעך: אַרויסשלאָגן פון קאָפּ מיר מיין חלום־וואונטש און אויך קריגן אַ געלעגנהייט זיך אָפּט צו טרעפן מיט אוריהן, אָן אויפצורייסן די אויגן, אָן אויפוועקן פאַרדאַכטן, אָן עלטערשווער קומט אָפּט צו זיין עלטער־איידים און צו זיין אייניקל.

אוריה האָט מיך פיינט געהאַט ניט ווייניקער ווי איך אים. דער שידוך איז אויף אים אויך געווען אַן אַרויפגעצוווּנגענער. ער האָט ניט געקענט אָפּזאָגן אחיתופלען, אַזאַ וויכטיקער פּערזאָן, שטאַטסמאַן. ער האָט זיך צו מיר קיינמאָל ניט צוגערירט ווי אַ מאַן צו אַ ווייב. איך גלויב אַז ער דאַרף גאָר ניט קיין ווייב. ער איז דורכאויס אַ זעלנער מיט אַלע פעלערן וואָס אָט־דער באַרוף טראָגט מיט זיך. ער באַלעוועט זיך מיט חתישע יינגלעך, וואָס ער האַלט אין הויז און נעמט זיי מיט אויך אויפן פראָנט. און ווען דויד האָט אים געשיקט אַהיים — ווען ער איז געקומען פון פראָנט מיט אַ באַריכט פון יואבן צום קעניג וועגן דעם גאַנג פון קריג — ווי דויד האָט זיך אויסגעדריקט „אָרומוואַשן די פיס"... האָט ער אים ניט געפאָלגט און געמאַכט דעם אָנשטעל פון שטאַרקן פאַטריאָטיזם... פאַמיליע

פֿליכטן און פֿאַרגניגנס קריכן אים ניט אין קאָפּ, אַזוי פֿאַרנומען איז ער מיט די שלאַכטן וואָס גייען אָן... דער קעניג האָט פּרובירט אים אָנטרינקען מיט וויין, אויך דאָס האָט ניט געהאָלפֿן... אחיתופל האָט אים געהאָט אַריינגעצויגן אין אַ פֿאַרשווערונג, אַזויפֿיל האָב איך אויפֿגעכאַפּט פֿון די שמועסן, וואָס זיי האָבן געפֿירט מיט פֿאַרדעכטיקטע פֿאַרשוינען וואָס פֿלעגן קומען אָפּט צו אונדז אין הויז אַריין. אַחיתופל האָט אוריהן געטרויט, ער האָט אים געהאָט צוגעזאָגט דעם אַמט פֿון קריגס־מאַרשאַל אָנשטאָט יואבן, אין פֿאַל די פֿאַרשווערונג וועט זיך זיי איינגעבן. אחיתופל האָט אָן קווענקלעניש געגלויבט אין זיינע אַסטראָלאָגישע אויסלייגעכצן. דו, נתן הנביא, ביסט דער איינציקער מענטש צו וועמענס אויערן איך פֿאַרטרוי אָט־די געהיימעניש. אחיתופל איז מיין זיידע, און מיין פֿאָטער איז אויך פֿאַרמישט אין דעם, און איך, פֿאַרשטייט זיך, טאָר זיי ניט אַרויסגעבן. איך בין זיכער אַז דו וועסט דעם סוד קיינעם ניט אַנטפּלעקן, ווייטער פֿון דיר וועט ער ניט גיין. דעם קעניג וועט דער אויבערשטער היטן און פֿאַרהיטן פֿון בייז. און אחיתופל וועט כאַפּן זיין פּסק אָן מיר, איך טאָר אין דעם ניט האָבן קיין האַנט.

פֿון ערשטן מאָל וואָס איך האָב געזען דוידן אין חברון האָב איך געפֿילט אַז אונדזער באַגעגעניש איז אַ זאַך פֿון שיקזאַל. נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן בין איך באַשטימט געוואָרן צו זיין די מוטער פֿון זיין זון, דעם קרוין־פּרינץ.

איצטער, האָף איך, באַגרייפֿסטו שוין, הייליקער מאַן, אַז דויד האָט אויף זיך ניט קיין זינד־פֿלעק. איך בין געווען אַ יונגפֿרוי, ווען דויד איז געקומען צו מיר. אוריה האָט זיין שטראָף פֿאַרדינט ווי אַ פֿאַרשווערער קעגן דער זיכערקייט פֿון דוידס הויז.

אַז אלוהים פֿון ישראל וועט זיין מיט מיר און דו וועסט העלפֿן צוריקקערן צו מיר קעניג דוידס ליבשאַפֿט און איך וועל געבוירן אים אַ זון, וועל איך אים אָנוקשענקען צו יהוהן.

זי מאַכט אַ קורצע פּויזע, קוקט נתנען אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט אים וועלן אַדורכדרינגען מיט איר בליק און דערוויסן זיך וואָס פֿאַר אַן איינדרוק אירע ווערטער האָבן געמאַכט אויף אים. און גלייך גיט זי צו:

— איך וויל אַז דו, נתן, הייליקער מאַן, זאָלסט זיין זיין דערציער. דווקא דו און ניט קיין אַנדערער, דעמאָלט וועל איך קענען זיין זיכער, אַז ער וועט גיין אין די וועגן פֿון רעכטפֿאַרטיקייט און וועט געפֿינען לייטזעליקייט אין די אויגן פֿון השם און מענטשן. איך ווינטש אַז ער זאָל

האָבן זיין פאָטער דודס בראַווקייט און העלדישקייט, זיין עלטערזיידנס קלוגשאַפט, ניט ליסטיקייט, און דיין, נתן, יראת־שמים ווייל דו וועסט זיין זיין גייסטיקער פאָטער. — איצטער ווייסטו שוין נאָך וואָס איך בין געקומען.

## 3

נתן קוקט דורכדרינגלעך אָן בת־שבען, ווי ער וואָלט וועלן אויספאָרשן איר געזיכט און אויך איר פיגור און זיך דערקונדיקן אויף וועלכן שטאַפּל אין פרויען־שיינקייט שטייט זי.

— מיין טאָכטער, איך האָב געוווסט, אַז דו ביסט אַ גרויסע שיינהייט. איך האָב, אָבער, ביז אַקאָרשט איצט ניט געוווסט, אַז דו ביסט די קלי־גסטע און אלהים־פאָרכטיקסטע פרוי אין לאַנד פון יהודה און ישראל. איך בין דיר דאַנקבאַר פאַר די אַנטפּלעקטע סודות. דיין לוין וועט זיין פול פון אלהים פון ישראל. אָבער וואָס דו האָסט בדעה מיר איינגאַנצן איבערצוגעבן דאָס דערציען פון דיין צוקונפטיקן זון, דעם טראָן־איבערנעמער, בין איך זיכער, אַז עס איז ניט ראַטזאַם צו טאָן אַזוי. איך בין אַ נביא. דיין זון וועט דאַרפן זיין אַ קעניג, אַ מושל, ניט קיין בן־הנביאים. אַ דורכאויס נביאישע דערציונג קען אים אַמאָל מאַכן פאַר אומפּעיק צו זיין אַ געהעריקער הערשער איבער אַ לאַנד און איבער אַ פאָלק. פירערשאַפט פון אַ מדינה פאָדערט אַזעלכע מעשים, וואָס אַ נביא קען ניט אַלע מאָל גוטהייסן. אין אַזעלכע פאַלן מאַכט זיך דער נביא ניט־זעענדיק. איך גלויב קוים אַז נבואה און מלכות זאָלן קענען הויזן אין איין פערזאָן און זיך ניט כסדר צוזאַמענשטויסן. איך קען לערנען דיין זון ווי צו באַשיידן לאַדונגען לויטן געזעץ און לויט גערעכטיקייט, אָבער א קעניג דאַרף דאָך באַהאַוונט זיין אויך אין אַנדערע זאַכן, ווי דהיינו מלחמה־פירעריי, פאַרוואַלטונג, צינדזוך־אויפמאַנען און נאָך ענלעכע טואונגען, וואָס פון קוק פון מאָראַל זיינען זיי ניט אינגאַנצן זויבער און צולאָזלעך, אָבער אַז זיי קען אַ מלוכה ניט האָבן קיין דויערהאַפטיקן באַשטאַנד. דעריבער וואָלט איך זאָגן אַז ער זאָל האָבן אויך אַ צווייטן, אַ וועלטלעכן דערציער. וואָס דענקסטו, בת־שבע, דו ביסט אַ קלוגע און פאַרשטאַנדיקע פרוי, איז דיין פאָרשלאָג פּראַקטיש, אָנגעמבאַר און צוועקמעסיק?

בת־שבע האָט אויפגענומען מער מיט איר חוש ווי מיט איר שכל, אַז נתן הנביא וויל זי אויספרובירן און זען ווו ער האַלט מיט איר. נאָך אַ

ווילע טראַכטן האָט זי אים געענטפערט, ניט אַרויסווייזנדיק אַז זי איז אים אין עפּעס חושד.

— הייליקער מאַן, נתן! איך זע מיט מיינע גייסטיקע אויגן די צוקונפט פון ישראל־מלכות. ישראל וועט וואָס ווייטער זיך אַלץ מער לאָזן גיין אויפן דרך פון נבואה און זיך צוביסלעכווייז אָפּנייגן פון דעם דאָרנדיקן מלוכה־וועג. מיר, יידן, וועלן גרויס ווערן ניט אַדאַנק אונדזערע דעראָבערונגען פון פרעמדע לענדער מיטן שאַרף פון שווערד, דורך בלוט־פאַרגיסן, נאָר דווקא מיט באַקערן פרעמדע פעלקער מיטן כוח פון הייליקן חכמה־וואָרט, מיט דער לערע פון גערעכטיקייט, וואָס איז אַ קוואַל פון ריינער יושר־קלוגשאַפט, פון געוויסנשאַפט. דאָס וואָרט איז שאַרפער פון שווערד. די שווערד פאַרשניידט און טויט, השם'ס־וואָרט מאַכט לעבעדיק. קלוגשאַפט און אלהים־פאַרכטיקייט זיינען ווירקזאַמער, אין לאַנגן געלויף איידער פּאָליטישע מאַכט און מיליטערישער צוואַנג.

אפילו דויד, וואָס איז באַרימט מיט זיינע זיגן, מיט זיין העלדישקייט אויפן שלאַכטפעלד, וואָס וועגן אים זינגט דאָס פאָלק אַז ער האָט געשלאָגן צענדליקער־טויזנטער פלישתים, אַפילו דויד, אָט־דער קריגסמאַן, איז גרעסער ווי אַ הייליקער זינגער און באַגייסטערטער האַרף־שפּילער איידער ווי א קריגער און זיגער.

איך קען קעניג דויד בעסער ווי ווער עס איז אַן אַנדערער, וואָס האָט אים באַאָבאַכט בלויז פונדערווייטנס. דער ברייטער עולם קען בלויז די הילע, די אויסערלעכקייט פון דוידן, ניט זיין אינערלעכן וועזן, זיין נשמה. ער האָט דען געוואָלט ווערן אַ קעניג. ער איז דאָך אַנטלאָפן פון מלכות. דאָס קעניגרייך און די מלחמות זיינען אויף אים אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן. שמואל האָט געזען אַז דאָס לאַנד ישראל איז באַלאַגערט פון אַלע זייטן מיט שונאים, וואָס באַדרענגען די קינדער פון ישראל, לאָזן זיי ניט אויפהויבן דעם קאָפּ, אָטעמען פריי. דאָ באַפאַלט זיי איין שכן, דאָ, אַ צווייטער און מע ראַבירט דאָס לאַנד און אונטעריאָכט די איינוווינער. האָט ער זיי, די אומגליקלעכע, געגעבן אַ קעניג. זיין ערשטער אויסקלייב איז ניט געווען קיין געראָטענער. שאול איז געווען אַ שוואַכלינג, אַ מענטש אָן אַ שטאַרקן כאַראַקטער און אָן אַ רוקנביין, און דערצו נאָך גייסטיק ניט קיין געשטעלטער. ער האָט אַלעמען פאַרדעכטיקט אין פאַרשווערונגען קעגן אים פּערזענלעך. אַזאַ פּערזאָן איז ניט געווען פעיק צו באַשיצן די גרענעצן פון לאַנד־ישראל.

שמואל האָט געזאַלבט דוידן קעגן דוידס אויסגעשפּראָכענעם ווילן.

שאול האָט דוידן, זיין אייגענעם איידעם, פאַרפאָלגט און האָט אים אַזויאַרום ווי געטריבן דערצו אַז ער זאָל ווערן קעניג. די צרהדיקע מערכה פון די צוועלף שבטים, וואָס זיינען געווען צעקריגט צווישן זיך, האָט אַרויפגעלייגט אויף דוידן די גרויסע און שווערע לאַסט, די אויפגאַבע צוריקצושלאָגן און אָפּטרייבן די אַריינדרינגלערס, און זיי דערביי אַנלערנען אַזוי, אַז זיי זאָלן פאַרזאָגן אַ צענטן צו באַפאַלן דאָס לאַנד און ראַבירן, אָנטאָן כל מיני נגישות דער יידישער באַפעלקערונג. אָבער אין די דאָזיקע פאַטריאָטישע אונטערנעמונגען ליגן ניט דאָס האַרץ און זעל פון גרויסן קעניג דויד. אלע זיינע אויסערגעוויינטלעך־העלדישע טאַטן, ווי דאָס בייקומען פון גלית, דעם פלישתי, און איינגעמען דאָס לאַנד פון די בני־עמון, פאַרטרייבן דעם יבוסי, צעשמעטערן א"ם און אַלע זיינע פאַרבינדעטע און נאָך און נאָך העראָישע אַקציעס, זיינען אויסגעפירט געוואָרן פון דוידן ניט ווייל ער האָט געוואָלט עס טאָן, געפילט אַ בייגינג צו דעם, אַ חשק צו אָט־דער בלוטיקער אַרבעט, נאָר ווייל מ׳האָט עס געמוזט טאָן פאַר דער רעטונג פון פאָלק ישראל, און ווייל קעניג דויד האָט ניט געזען אַרום זיך קיינעם, וואָס וואָלט עס געקענט טאָן אַזוי געשיקט ווי ער. אין זיינע אייגענע אויגן איז ער אַ קרבן. ער איז זיך מקריב אויפן מזבח פון ישראלס וווילזיין.

וואָס דויד טוט מיט זיין גאַנצן האַרצן, מיט אַלע כוחות פון זיין איידעלער נשמה — איז שפילן אויף דער האַרף און אויפזינגען זיינע הייליקע הימנען. ער איז דער אָנגענעמסטער זינגער פון ישראל פאַר אַלע צייטן. סיי אין דער פאַרגאַנגענהייט און סיי אין דער צוקונפט. ווי נאָר ער געפינט אַ מינוט אַ פרייע פון מלחמות און הויף־אינטריגעס, פון אָנפאַלן פון פיינט, אינערלעכע און אויסערלעכע, נעמט זיך דויד צו זיין פידעלע און צו דער זאַמלונג פון זיינע לויב־געזאַנגען, זיין באמת גרויס אייביק ווערק.

בתן, הייליקער מאַן, ווען דו הערסט אים זינגען, איינדערפרי אָדער שפעט ביי דער נאַכט, און אויסגיסן זיין זעל אין זיינע געבעטן, ערשט דעמאָלט וואָלסטו זיך באַקענט מיטן אמתן דויד. ער וואַשט זיך אין דידאָזיקע תפילות ווי איינער וואַשט זיך און טובלט זיך אין אַ פליסיקן וואַסער. דער שטראָם פון זיין זעלנאויסגוס טראָגט אַוועק מיט זיך דעם גאַנצן שטויב, וואָס קלייבט זיך אָן אויף זיין גייסט דורך דעם לאַנגן טאָג, ווען ער האָט צו טאָן מיט האַרטע האַרצלאָזע מענטשן און מיט וואָכעדיקע פאַרגעגלעכע און אומאָנגענעמע טואונגען. אין יענע דערהויבענע

# אבא גאָרדין

מאָמענטן טוט זיך דויד אויס פון זיינע פאַרבלוטיקטע קליידער, וואַרפט אַוועק, אַזוי צו זאָגן, זיינע בלוט־אָנגעזאַפּטע הענט, ער הייבט זיך אויף איבער אַלע ערדישע מלוכהשע דאגות און אינטערעסן, און ער טראָגט זיך אַוועק ווי אויף פליגלען פון אַן אָדלער צו יענע הייכן, וואו דער באַרעמהאַרציקער און גנעדיקער אלהים און אַלדאָס אייביק־זויבערע רוט. ער ווערט ווי איינס מיטן גאַנצן באַשטאַנד און באַשאַף — איינס מיט אים, וועמענס באַמען מ׳טאָר ניט אַרויסריידן און צו וועמען אַליין דוידס זעל גייט אויס, נאָך וועמען ער בענקט יעדע רגע פון זיין לעבן, נאָך וועמען ער דורשט, ווי אַ הירש נאָך די אויסגוסן פון וואַסער [1]. ער פרייט זיך און יובלט ווען ער זעט זיין צוריקקערן זיך צום אמתן מהות, דערזעט זיך אין דער שיין פון זיין לויטער־ריינער נשמה. ער איז דעמאָלט געגליכן צו איינעם, וואָס קומט אַהיים, צו דער אייגענער משפחה, צו אייגן ווייב און קינד נאָך יאָרן פון וואָגלעניש אין דער פרעמד.

קעניג דויד איז עד־היום פאַרבליבן דער אומבאַרירטער ייִנגל־פּאַסטעך, ייִנגל האַרפשפּילער און זינגער, וואָס קוקט גאַנצע טעג און נעכט אין דעם אויג פון באַשטאַנד און זעט דאָרט וויזיעס, וואָס בלויז טיף שווייגן אָן ווערטער, נאָר די זילבערנע טענער פון דער האַרף קענען אַרויסברענגען און דאָס בלויז מיט אַ ווייטער, קוים באַנעמבאַרער אָנצוהערעניש. אין יענע שעה׳ן איז ער דער דיכטונג־געזאַלבטער פאַרפאַסער פון זיין ספרל וואָס ער רופט באַשיידן „די תהילות פון דוידן, זון פון ישי״, אָדער „דאָס בוך פון די הללויהס״. אין דעמדאָזיקן ווערק וויינט און פריילעכט זיך די נשמה פון הייליקן מאַן, דויד.

איך האָף אַז דוידס זון, וואָס איך וועל אים געבוירן און וואָס וועט זיצן אויף זיין טראָן וועט שוין געפינען דאָס לאַנד ישראל באַרויקט פון אינעווייניק און פאַרזיכערט פון דרויסן; און ער, זיין זון, וועט זיין דאָס וואָס דויד האָט געוואָלט און געדאַרפט זיין לויט זיינע באַגאַבטקייטן און ער איז ניט געווען, מחמת די קלאָגעדיקע לאַגע פון לאַנד האָט אים ניט געלאָזט עס זיין. אין זיין זון וועט זיך ערשט אַנטפּלעקן דער עכטער דויד. און פאַר דער צוגרייטונג און דערציונג פון אַזאַ קעניג, וואָס וועט באַהערשן פעלקער מיט זיין אלהים פאַרכטיקייט, ערלעכקייט און געוויסנ־האַפטיקע פאַרשטענדעניש, און וועט אויסגלייכן סיכסוכים ניט בלויז צווישן יחידים נאָר אויך צווישן פעלקער, אַז זיי זאָלן מער ניט הויבן איינס קעגן אַנדערן קיין שווערד, ביסטו, נתן, דער פּאַסיקסטער לערער און דערציער.

1. תהלים, מ״ב, ב׳.

# שלמה המלך

אין אונדזער יידישער געשיכטע קומען אַלע מאָל פּאָרלעך פון פערזענלעכקייטן געשיקט פון האַר פון ישראל, און זיי, זאַלבעצווייט, ריכטיקער איינער נאָכן אַנדערן, באַשטימען די מערכה פון פאָלק: נאָך משהן, דעם אלהים־מאַן, דעם תורה־געבער, קומט יהושע, דער דעראָבערער פון לאַנד־כנען, דער פורכטזאַמער קריגער, דער איינגעמער פון יריחו און באַצווינגער פון עי. ער האָט עס געדאַרפט דורכפירן אין לעבן די זעאונגען פון דעם טרוימער, באַזאָרגן דעם קערפּער פון פאָלק מיט אַ שטיקל באָדן אונטער די פיס דאָ אויף דער וואָכעדיקער, ממשותדיקער ערד, נאָכדעם ווי די זעל פון פאָלק איז שוין באַזאָרגט געוואָרן מיט די הויכע אומענדלעכע הימלען... איין מענטש קען ניט באַווייזן אויסצופירן ביידע אונטערנעמונגען. בלויז דער אַלמעכטיקער קען פאַראייניקן אין זיך אָט־די צווייאיקייט, טרוים און וואָר און מאַכן פון זיי אַ פולשטענדיקע איינִיקייט. אָן דאָס קלאַמערן זיך אָן דאָס ביסל קערפּערלעכע, וואָלט דאָס זעלישע וואָס איז אין פאָלק צעשוומען געוואָרן, אויסגערונען געוואָרן ווי ווייַן אָן אַ לאָגל, וואָלט זיך אויסגעוועפּט ווי גערוך וואָס האָט קיין האפט ניט און אַ ווינטל טראָגט עס אַוועק.

אַמאָל קומט משה פאַר יהושען, און אַמאָל, פונקט פאַרקערט, יהושע פאַר משהן. אין דעם איצטיקן פאַל איז עס דויד־יהושע וואָס קומט דער ערשטער, און נאָך אים וועט קומען דער אויסלייזער, משה דער געזעצגעבער, דער ברענגער פון דעם געזעץ פון חכמה און יושר.

נתן איז געווען אַנטציקט פון איר שאַרפן דורכדרינג און פאַרויסזיכט פון דער יידישער געשיכטע.

— זיי געבענטשט, יה־פאַרכטיקע בת־שבע! דער אַלמעכטיקער וועט דערפילן דיין גליִענדיקן ווונטש. פאַר אַזאַ קעניג פון פרידן און גנעדיקייט, פון ליבשאַפט און פריינטשאַפט, וואָס וועט געוועלטיקן איבערן יהוה־פאָלק און איבער אַנדערע פעלקער מיט חכמה, בין איך זיכער, איז גאָר ניט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן אַ מער פאַסיקע מוטער.

מיר שליסן היינט־צו־טאָג אַ בונד. איך וועל טאָן אַלץ וואָס איך קען, אַז דיין הייליקער ווונטש זאָל פאַרווירקלעכט ווערן; און פון דעם געמעל פון דעם צוקונפטיקן קעניג, ווי דו האָסט אים געגעבן, זאָל ניט פעלן קיין איין שטריך. איך וועל זיך איבערגעבן מיט מיין גאַנצן וועזן צו דער הייליקער ארבעט פון האָדעווען גייסטיק דיין קומענדיקן זון, אַזוי אַז ער זאָל זיך אַרויסווייזן צו זיין ווערט צו האָבן אַזאַ יה־געבענטשטע מוטער, ווי דו, בת־שבע, ביסט.

איך גיב דיר מיין זעגנונג: דוידס האַרץ וועט זיך אומקערן צו דיר, און אין אַ יאָר אַרום וועסטו האָבן אַ קינד, אַ בן־זכר; גיי אין פרידן, און לאָמיר בעטן דעם אלהים פון ישראל און האָפן דאָס מיין גרימצאָרנדיקע נבואה, וואָס איך האָב פאָרויסגעזען און פאָרויסגעזאָגט אין נאָמען פון יהוה אויף דוידס הויז, וועט ניט מקויים־ווערן. יהוה ציט קיינמאָל ניט צוריק זיינעם אַ צוזאָג צו טאָן גוטס, אַפילו ווען די פאַרשפּרעכונג איז געגעבן געוואָרן אויף אַ תנאי, און דער באַדינג ווערט פון צווייטן צד ניט געהאַלטן. אָבער ווען ער זאָגט צו טאָן שלעכטס, צו ברענגען אַן אומגליק, האָט ער גאַנץ אָפט חרטה, און האַלט ניט וואָרט וואָרעם זיין געדולדיקייט, באַרמהאַרציקייט און זינד־פאַרגעבלעכקייט ווייסט ניט פון קיין מאָס. ניט נאָר ער איז מבטל זיין צאָרנדיק וואָרט, נאָר ער פאַרוואַנדלט אים אין זיין קעגנזאַץ. ער פאַרבייט אומגליק אויף גליק, אַ צרה אויף אַ ישועה[1]. די טויערן פון חרטה און תשובה, געבעט, צדקה און מעשים טובים שטייען אַלע מאָל ברייט אָפן.

בת־שבע פאַרנויגט זיך דריי מאָל, ציט אַרויף איר דיקן שלייער וואָס פאַרדעקט איר גאַנץ געזיכט און פאַרלאָזט דאָס הויז טרעטנדיק הינטערווײילעכטס.

נתן וויל זי גיין באַגלייטן, אָבער מיט אַ מאַך פון איר האַנט דערמאָנט זי אים, אַז זי וויל ניט מ׳זאָל זיי זען צוזאַמען.

## 4

נתן האָט בת־שבען לאַנג נאָכגעקוקט, באַגלייט זי מיט די בליקן, געזען זי אַראָפּנידערן פון בערגל און פאַרשווינדן פון זיין קוק־קרייז. ער איז געבליבן זיצן פאַרזונקען טיף אין זיינע געדאַנקען.

דאָס האַרץ קלאַפּט אים שטאַרקער און שנעלער ווי געוויינטלעך: טאָמער האָט ער זיך צופיל צוגעאײַלט מיט זיין קלוג־צוגעטראַכטן משל און דערנאָך מיט זיין וויסטער קללה, און דער אויבערשטער וועט זיך באַדענקען אויף דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט געטראַכט צו טאָן; און ער, גאָטס נביא, וועט בלייבן אַ מיאוסער ליגנער. ער גיט אַ טיפן זיפץ און כאַפּט זיך, אַז זיינע געדאַנקען זיינען בלויז וועגן זיין אייגענעם אָנזען אין די אויגן פון די קינדער פון ישראל. ער דערשרעקט זיך פאַר די אייגננוציקע מחשבות. עס איז אַ זינד צו טראַכטן וועגן זיין נאָמען און

1. ברכות, ז׳. ילקוט שמעוני ירמיה רמז ש״א.

גדלות. און אום בייצוקומען די טראַכטענישן רעדט ער אַרויס מיט אַנטשלאָסנ־קייט אויפן קול: הלואי זאָל מען מיך באַשולדיקן אין זאָגן פאַלשע נביאות און מיך משפטן פאַר דעם... אַבי דויד און בת־שבע זאָלן ניט באַשטראָפט ווערן פון גאָטס שווערער האַנט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין געזעס, ווען עס האָט שוין געגומען טונקלען און אַ בין־השמשותדיקע שאָטנקייט האָט אָנגעפילט דעם צימער, כאָטש אין דרויסן איז די זון געשטאַנען נאָך היפש הויך. די געוויקסן און די ביימער וואָס אַרום דעם שטיבל האָבן צוגעלאָזן אַ זייער קאַרגלעך טאָג־שיין דורך די קליינינקע פענצטערלעך און דורך דער האַלב־אָפן־געבליבענער טיר נאָך בת־שבעס אַוועקגיין. ער נעמט אַראָפּ פון וואַנט זיין פידעלע און פאַנגט אָן צו שפּילן. הערט גלייך אויף. הויבט אָן אַרומשפּאַנען מיטן פידל אין האַנט איבערן צימער. דער חדר ווערט אים צו ענג. ער גייט אַרויס אין גאָרטן וואָס פאַרן הויז. ער פאַרזשמורעט די אויגן, מאַכט זיי כמעט צו און לאָזט זיך שפּרייזן איבער דער איינציקער אַלעע פון זיין באַשיידענעם גאָרטן, וואָס ער האָט אַליין געפלאַנצט מיט יאָרן צוריק און ער אַליין איז זיין גערטנער און אויפזעער.

יאָ, ער וועט גיין ריידן צום קעניג דויד. ער וועט אים זאָגן, אַז זיין זינד איז אים פאַרגעבן געוואָרן, און ער, דויד, דאַרף פאַרוואַרפן דעם געדאַנק וועגן שיידן זיך מיט בת־שבען, די איינציקע פרוי זיינע וואָס פאַרשטייט אים און ליבט אים ניט פאַר זיין הערשאַפט, ניט פאַר זיין רייכטום, אויך ניט פאַר זיין קערפּערלעכער שיינקייט, נאָר פאַר זיין גרויסן גייסט, פאַר זיינע לויב־געזאַנגען. אָבער איידער ער טוט עס דאַרף ער זיין זיכער איבער יעדן ברעקל פון צווייפל, אַז דאָס מאָל גרייזט ער ניט, ער נאַרט זיך ניט אָפּ אין בת־שבען. זי איז זייער אַ קלוגע, מיט קלוגע מוז מען זיין זייער פאַרזיכטיק. איבערהויפּט נאָך וואָס זי איז אחיתופלס אַן אייניקל... אמת, איר פאָטער אליעם איז אַ מענטש פון גאָר אַן איינפאַכן שניט, גאָר ניט קיין איבערגעשפּיצטער. אָבער אַזוי גייט עס דאָך אין ס־רוב פאַלן: גרויסע טאַטעס האָבן זייער זעלטן גרויסע קינדער, אָבער זייערע פעיקייטן רופן זיך אָפּ אין זייערע אייניקלעך. עס היפּט געוויינטלעך איבער איין דור, אַזוי ווי דאָס פעלד פון פאַרשטאַנד וואָלט זיך וועלן אָפּרוען און זיך אָננעמען מיט נייע כוחות. די איינפאַכע ערד גיט ניט יעדן יאָר אַ גערעטעניש, נאָר אַ יאָר איבער אַ יאָר. בת־שבע איז שטאַרק געראָטן אין איר צור־קלוגן זיידן.

ער נעמט זי איצט פאַרדעכטיקן אַז איר פאָרשלאַג וועגן דער דערציונג

פון איר צוקינפטיקן זון האָט זי ניט געמאַכט אין דער גאַנצקייט פון איר האַרצן, נאָר מיט אַ הינטער־געדאַנק וועלנדיק מיט דעם אים אונטערקויפן, אַריבערקריגן אויף איר זייט. דאָס געדויערט בלויז איין רגע. אָט־דעם פאַרדאַכט שליידערט ער גלייך אָפּ מיט כעס. מ׳דערקענט אמתע רייד, מ׳קען לייכט אונטערשיידן ווערטער, וואָס קומען אַרויס פון דער טיפעניש פון מענטשנס האַרצן, פון ווערטער, וואָס ליגן אויף דער אויבערפלאַך פון ליסטיקייט.

בת־שבע איז אַ ריינע נשמה. זי וועט זיך אַזוי נידעריק ניט אַראָפּ־לאָזן. ער שטעלט זיך אונטער אַ צעצווייגטן בוים און אַ לענגערע צייט שפּילט ער אויפן פידל אָן אַן אויפהער און מיט באַגייסטערונג. דאָס שפּילן צעפליגלט זיין געמיט. ער נעמט פילן ווי עס הויבט אים, ממש, פון אָרט. מיט גרויס אָנשטרענג האַלט ער די פיס צוגעדריקט צום באָדן. אָבער זיין גאַנצער מהות האָט זיך ווי צעטאַנצט אין אים. דאָס בלוט ריזלט אין זיינע אָדערן, קלאַפּט אין די שלייפן. עס קלינגט אים אין די אויערן.

די זון נעמט זיך זעצן. דער הימל רויטלט זיך. די שאָטנס ציען זיך אויס אין דער לענג און דער ברייט און דאַך ווערן זיי איינצייטיק דיקער, שווערער, מער אָנגעכמורעט. עס ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער. זיין זעל ווערט אומרויקער, צעברויזטער. ער פיבערט. עס ווערט אים הייס און גלייך קאַלט און צוריק הייס, אָבער ניט קערפּערלעך, נאָר נשמהדיק. ער פאַרשטייט, אַז דאָס וואַרט גרייט אים צו אַן אַנטפּלעקונג.

אין גאָרטן האָט ער געהאַט פאַרפלאַנצט אָפּשפּראָצונגען פון דעם טייטלבוים, אונטער וועלכן דבורה די נביאה איז געזעסן און געמשפּט. זיי האָבן זיך לייכט אָנגענומען און זיך רייך צעוואָקסן. ער האָט אויך געהאַט שפּראָצן פון די אייכנבוימער, אונטער וועלכע יהוה האָט זיך באַוויזן צו אברהמען און די דריי מלאכים, וואָס זיינען געקומען צו אים אויף אַ באַזוך. האָבן זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ, זיך געמאַכט עסנדיק פון דער סעודה, וואָס אברהם האָט פאַר זיי צוגעגרייט אין געצעלט. ער האָט אויך געהאַט צווייגלעך פון בוים, אונטער וועלכן מ׳האָט געבראַכט צו קבורה דבורהן, די אַם פון רבקהן, אונדזער מוטער. אָט די עטלעכע בוימער זיינען געשטאַנען צוזאַמען. זייערע צווייגן איבערגעפלאָכטן אַזוי אַז עס האָט זיך געשאַפן פון זיי אַ מין נאַטירלעכע אַלטאַנקע. דאָ האָט זיך איצט נתן אַוועקגעזעצט אויפן טוי־באַשפּרינקלטן גראָז. אַ מידקייט איז אים באַפאַלן. די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט. ער איז געווען אין אַ צושטאַנד פון האַלב וואַך און האַלב אין שלאָף. אַ ווינטל איז פאַרבייגעצויגן. די בלעטער האָבן זיך

געגומען סודען. די שפיצן פון די בוימער האָבן זיך לייכט אָבער ריטמיש געוויגט. מיט זיין אינערלעכן אויער האָט נתן אויפגעכאַפּט אַן אָפּהילך פון דינע זאַנפטע קלאַנגען וואָס קומען אָט פונדערווייטנס און אָט נידערן זיי גאָר אַראָפּ פון די שפּיצן פון די בוימער.

ער איז געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט. אַלע זיינע חושים און געפילן זיינען ווי אָפּגעשטאָרבן, בלויז זיין געהער איז געווען אומגעוויינטלעך וואַך און שאַרף. אים שיינט אַז ער נעמט אויף דאָס שפּראַצן פון די גראָזן, דאָס זייגן פון די וואָרצלען, דאָס ריזלען פון דעם זאַפט אונטער דער קאָרע־הויט פון די בוימער, אַרויף און אַראָפּ. פּלוצלונג דערהערט ער אַ שטים וואָס באַפעלט אים: — „גיי זאָג צום קעניג דויד. דיין זינד פון שיידן זיך מיט בת־שבען איז שווערער פון דיין פריערדיקער זינד פון באַהעפטן זיך מיט איר. דו האָסט אומגעבראַכט איר מאַן און זי געמאַכט פאַר אַן אלמנה; איר קינד איז געשטאָרבן פאַר דיין זינד; און אַצונדערט ווילסטו זי פאַרלאָזן, זי מאַכן פאַר אַ ניט־געגטער גרושה, אַ פאַרוואָר־פענער, אַ פאַרשטויסענער אויף איר גאַנצן לעבן. דאָס מיינט דאָך פאַרצאַפּן איר דאָס בלוט. דאָס טאָרסטו ניט טאָן! קום צו איר אין הייליקייט און ריינקייט און מיט אַ געבראָכן געמיט, און צו דער דערוואָרטער צייט וועט זי געבוירן דיר אַ זון, וואָס וועט זיצן אויף דיין טראָן; און עס וועט זיך ניט אָפּנויגן מיין גנאָד פון דיין הויז, און עס וועט זיך ניט אָפּטאָן קיין צעפּטער פון יהודהס האַנט און קיין הערשער־שטאָק פון צווישן זיינע פיס!״

עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כוחות און ברענגט אַרויס אָט־די פאָר ווערטער: זע, איך בעט דיך, איך אונטערשטעל זיך צו ריידן צו מיין האַר, הגם איך בין שטויב און אַש: חזר איבער נאָך אַמאָל דיין זאָג.

נתן הערט זיך איין מיט אַ פאַרשפּיצטן געהער. אַ בת־קול דערטראָגט זיך ווי אַ קוים הערעוודיק עכאָ צווישן די בערג. יאָ, די אויבנגעזאָגטע ווערטער ווערן ווידערהאָלט וואָרט ביי וואָרט. נתן ווערט ביי זיך שטייפער, זיכערער. ער זאָגט:

— זע, איך בעט דיך, זאָל מיין האַר ניט נעמען עס פאַר אומגוט. איך וועל ריידן נאָר דאָס מאָל. פאַרגיב די דרייסטקייט פון דיין קנעכט. איך וויל הערן דיין באַפעל צום דריטן מאָל און זיין זיכער, אַז איך נאַר מיך ניט אָפּ, אַז איך שפּיל זיך ניט מיט מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט.

אַ קול שטייגט אַרויף ווי פון דער טיפעניש און חזרט איבער דעם זאָג

צום דריטן מאָל. און נאָך אַ קורצער פּויזע גיט ער צו: אָט איז די מגילה, אויף איר קענסטו איבערלייענען מיין זאָג וואָרט פאַר וואָרט. לייג זיך צו צו איר מיט דיינע לעפּצן און נעם דעם אָנזאָג אַריין אין דיינע איינגעווייד דורך דעם מויל.

אַ טיפע שטילקייט וויקלט איין דעם גאָרטן. נתן טוט ווי ער איז באַפוילן געוואָרן, ער קושט די ווערטער פון דער מגילה, ער פילט זיי אויפן גומען. זיי זיינען זיס ווי האָניק.

פלוצלונג שפאַלט זיך די לופט פאַר זיינע אויגן און ער דערזעט אַ טראָן אָפּגעגאָסן פון גאָלד און אויסגעפלאָסטערט מיט דימענטשטיינער. דער טראָן האָט טרעפּ. אויפן ערשטן טרעפּ שטייט אַ לייב אָפּגעגאָסן פון גאָלד און אַנטקעגן אים — אַן אָקס; אויפן צווייטן טרעפּ — אַ וואָלף און קעגן אים אַ שעפּס; אויפן דריטן — אַ טיגער און קעגן אים אַ ציגעלע; אויף דעם פערטן — אַ בער און קעגן אים אַ הירש; אויף דעם פינפטן — אַן אָדלער און קעגן אים אַ שוואָן; אויף דעם זעקסטן אַ שטיינבאָק און קעגן אים אַ העלפאַנט. אויפן טראָן זיצט אַ יונגער קעניג. אויפן קאָפּ אַ קרוין אויסגעפלאָסטערט מיט צוועלף דימענטן. אַ טויב אויסגעגאָסן פון גינגאָלד עפנט אויף אַן אָרון, נעמט אַרויס אַ מגילה, ספר דברים, און לייגט עס אַוועק אין קעניגס שויס. דער קעניג הויבט אָן צו לייענען אויפן קול. דער זאַל איז פול מיט מענער און פרויען פון פאַרשיידענע פעלקער. זיי זיינען אָנגעטאָן אין זייער אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער טראַכט. זיי הערן זיך צו צו זיין לייענען. און ווען ער ענדיקט אַ פרשה, פאַלן זיי אַלע כורעים פאַרן קעניג און רופן אויס אין איין קול: לאַנג זאָל לעבן דער קעניג וואָס הערשט מיט חכמה און גוטסקייט.

די זעאונג אַזוי פלוצלונג ווי זי קומט, אַזוי פלוצלונג, ווי אַ צונד פון אַ בליץ, פאַרשווינדט זי.

נתן האָט געהאַט בדעה צו גיין זען דוידן ערשט מאָרגן פרי, אָבער די זעאונג האָט אים אַזוי אויפגערודערט, אַז ער באַשליסט צו גיין גלייך, ניט אָפּלייגן זיין באַזוך.

אין הימל ווייזן זיך די ערשטע שטערן. נתן לאָזט זיך גיין אין דער ריכטונג פון קייזערלעכן הויף. ער שפּרייזט שנעל און האַלט אין איין איינחזרן די ווערטער, וואָס קלינגען נאָך אין זיינע אויערן און פרישן אויף זיין גומען. ער איילט זיך ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיי צו פאַרלירן אָדער זיי זאָלן ניט פאַרלירן זייער געשמאַק און זיסקייט. ער באַגריסט קיינעם ניט אויפן וועג. ער מאַכט זיך ניט זעענדיק די באַגעגנטע באַקאַנטע. און

ווען מע באַגריסט אים, ענטפערט ער ניט. ער האַלט זיין מויל פאַרשלאָסן, אַ וואָרט זאָל ניט ארויספאַלן פון זיין צונג, און זיך אַוועקקייקלען אין חלל.

## 5

בת־שבע איז ניט געגאַנגען מיטן גלייכן וועג צוריק צו איר הויז. זי איז געווען אַן אויפגעהייטערטע. איר פנים האָט געשיינט, די אויגן האָבן געלויכטן. זי האָט זיך געפילט אַזוי לייכט־לופטיק, ווי זי וואָלט געווען דורכאויס גייסט. איר קערפּער האָט עפּעס ווי פאַרלוירן זיין קאָמפּאַקטקייט, ער איז געוואָרן, האָט זיך איר געדוכט, ווי דורכזיכטיק. אַ שיין האָט אים אַדורכגענומען און אָנגעפילט. זי האָט קיינעם ניט געוואָלט אָנטרעפן אויפן וועג. דעריבער האָט זי זיך געלאָזט גיין מיט זייטיקע שטעגעלעך, איבער גערטנער, דורך לאָנקעס. זי האָט אַרומגעקרייזט די שטאָט. געוואָלט דווקא אָנקומען פון דער צווייטער זייט, מיט אַ כיוון אָנלייגן וועג, און דערגרייכן דעם קייזערלעכן הויף ערשט מיטן צופאַלן פון פאַרנאַכטיקער דעמערונג, אָדער אַפילו, רעכט, נאָך אַביסל שפּעטער, מיט תחילת נאַכט אַזוי אַז קיינער פון די הויפסלייט און הויפספרויען און באַדינערשאַפט, זאָל ניט באַמערקן איר צוריקקומען.

די ווייבער פון הויף און קעפּסווייבער האָבן געהאַט אַ סך פרייע צייט און דעריבער געווען ליידנשאַפטלעך נייגעריק צו וויסן וואָס ביי יענעם אין טעפּל קאָכט זיך. זיי זיינען געווען פּוסטע פּלאַפּלערקעס און רכילות־טרייבערקעס. זי האָט זיך פון זיי אַלעמען געהאַלטן פונדערווייטנס. איבערהויפּט נאָך אַז זי האָט געוווסט גאַנץ גוט אַז זיי האָבן זי אַלע פיינט. צווישן זיך האָבן זיי ניט געלעבט בשלום. זיי האָבן באַרעדט און אָפּגעלאָכט איינע פון דער צווייטער, יעדע איינע האָט אויס קנאה און אייפערזוכט ניט פאַרגונען דער צווייטער איר שטיקל לעבן, אָבער קעגן איר האָבן זיי עפּעס ווי געמאַכט אַ יד־אחת, ניט צוזאַמענגערעדטערהייט. זי איז געווען די יינגסטע און שענסטע און דאָס האָבן זיי איר ניט געקענט פאַרגעבן. זיי האָבן געקוקט אויף איר ווי אויף אַן אַריינדרינגלערין, וואָס האָט ביי זיי צוגענומען דוידן און מאָנאָפּאָליזירט זיין ליבע און געלוסט. דעם משל פון נתן הנביא וועגן „דעם שעפּסעלע פון אָרעמאַן" האָבן זיי צעלייגט אויף טעלערלעך; און יעדע פון זיי האָט עס אויסגעטייטשט

אין איר אייגענעם גייסט און גוסט. אַנדערע האָבן נאָך צוגעלייגט: דאָס זי האָט געהאַט אַ סך מענער, געליבטע צווישן די מיליטערלייט. אוריה איז דאָך תמיד געווען אויפן פראָנט, זעלטנווען אינדערהיים, און זי האָט זיך געלאָזט ווילגיין... בשעת זיי זיינען געווען גאָט די נשמה שולדיק, געטרייע, אָפּגעהיטענע ווייבער... וואָס האָבן געהאַט איין שטיקל מאַן און דעם האָט מען געדאַרפט צווישן זיך טיילן. און איצט האָט זי אים אינגאַנצן צוגענומען פאַר זיך אַליין, און פאַר זיי איז גאָרניט געבליבן. זינט דוד איז מיט איר, קען ער קיינע פון זיי ניט. זייער צאָרן האָט געברענט אויף איר ווי אַ העליש פייער.

זי האָט עס געוווסט און האָט זיי אויסגעמיטן אויף וויפל נאָר מעגלעך. אָבער זיי פלעגן זיך איבערגוואַלט אַריינרייסן אין איר לעבן. באַזוכן זי, הגם זי האָט זיי קיינמאָל ניט אָפּגעצאָלט מיט אַ וויזיט. נאָך דעם פאַרלוסט פון איר קינד און דודס אָפּשיידן זיך פון איר, האָבן זיי זיך געשמירט מיט נחת, אַנגעקוואָלן פון אירע ליידן, זיך געפרייט איבער איר בראָך און נידערפאַל. זיי האָבן אין דעם געזען גאָטס האַנט; ער האָט זיך אָנגענומען זייער קריוודע. הינטער די אויגן האָבן זיי זי גערופן „דער געפאַלענער שטערן". זיי האָבן זיך געשושקעט, זיך איבערגעגעבן אמתע און אויסגעטראַכטע איינצלהייטן, און געשמאַק געכיכיקעט דערביי. אַלע ווי איינע האָבן זיי זי נאָכגעשפּירט. זיי האָבן אויסגעחורשט ביי אירע דינסטן, געוואָלט וויסן וואָס זי טוט, ווי זי באַנעמט זיך, ווי פאַרזוילט זי איר צייט, וואָס זי זאָגט. דעריבער האָט זי אָפּגעזאָגט און אַוועקגעשיקט אירע עטלעכע באַדינערינס. זי איז געבליבן אַליין מיט עטרה, וואָס איז איר געווען געטריי און איבערגעגעבן בעסער ווי אַ לייבלעכע מוטער. עטרה איז געווען די איינציקע וואָס האָט איר פון צייט צו צייט מיטגעטיילט אַלץ וואָס קומט פאָר אין „עזרת־נשים" פון קעניגלעכן הויף.

הינטער די אויגן האָבן זיי געהעשעט אויף איר ווי שלאַנגען, אָבער אין די אויגן האָבן זיי זיך געמאַכט פאַר אירע גוטע פריינדינס. מער פון די איבעריקע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר געשליפן צינגל און פאַלשע זיסע ריידעלעך די איינציקע טאָכטער פון תלמי, דעם קעניג פון גשור, וועמען דויד האָט גענומען, ווי אַ „יפת־תואר" אין קריג. מעכה פלעגט חנפענען בת־שבען, לויבן איר שיינקייט, איר יונגשאַפט. זי פלעגט איר תמיד, ביי יעדער באַגעגעניש, לערנען ווי זיך צו באַגיין מיט דודן אַזוי, אַז זי זאָל אים קענען האַלטן צוגעבונדן צו זיך און ניט לאָזן אים פאַרשפּילן זיך מיט אַנדערע פרויען אָדער מיידלעך. אָבער אין די רייד אירע פלעגט

זי קיינמאָל ניט פאַרפעלן אַריינצוואַרפן שטעכווערטלעך שפּיציקע ווי בייזערנע נאָדלען... און אַז זי איז איר געקומען כלומרשט מנחם־אָבל־זיין, טרייסטן נאָכן טויט פון איר קינד האָט זי ניט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען און זיך באַרימען מיט איר זייער געראָטענעם זון, אבשלום, וועמען זי אַליין האָט דערצויגן. זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן אבשלום ווייל ער דינט ווי אַ צייכן און אַ באַנד פון פרידן צווישן דעם קעניגרייך פון ישראל און דעם קעניגרייך פון גשור. אַזוי אַרום געשאָטן זאַלץ אויף דער פרישער ווונד. נאָך איר, אין פאַלשקייט און באַריידעוודיקייט, קימט חגית. זי פלעגט ניט אויפהערן צו דערציילן וועגן די מעלות, שיינקייט און קלוגשאַפט פון אדוניהו, איר זון. יעדעס וואָרט אירס איז געווען ווי אַ פאַרגיפטיקטע פייל, וואָס לעכערט די נירן און דאָס האַרץ...

מיט פיל מער ווירדע און ביטול צו בת־שבען האָלט זיך אביגיל פון כרמל. זי דופעט אויף איר עשירות, אויף דעם גאָר גרויסן נדן וואָס זי האָט געגעבן דוידן. זי האָט אים געבראַכט די רייכע ירושה, וואָס איז איר געבליבן נאָכן פלוצלונגן טויט פון איר מאַן, נבל. איבערהויפּט נעמט זי זיך איבער וואָס זי האָט, לויט אירע רייד, וועלכע זי הזרט איבער גאַנץ אָפט אין אירע געשפּרעכן, דוידן געמאַכט פאַרן גרויסן און מעכטיקן קעניג פון יהודה און ישראל. „ווער איז ער געווען, ווען איך האָב פאַר אים חתונה געהאַט? אַן אַנפירער פון אַ קליין געזעמל פון אויפשטענדלערס, ווידערשפּעניקע אונטערטאַנען וואָס זייגען אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן פון שאולן. איך האָב אים געהאָלפן מיט טאַט און ראַט, געטיילט מיט אים די געפאַרן, די שווערינקייטן פון וואַנדערלעבן; ווו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט; אויסגעהאַלטן מיט פּראָוויאַנט און קליידונג זיין גאַנצן שטיקל חייל אויף מיין אייגענעם חשבון. ניט דויד, ניט זיינע חברה־לייט האָבן עפּעס פאַרמאָגט. אַזוי אַרום האָב איך אים דערהויבן פּאַוואָלינקע ביז צו זיין היינטיקן שטאַנד... און נאָכדעם ווי איך האָב אים דערהויבן, אַוועקגעשטעלט אויפן הויכן פּיעדעסטאַל, האָבן זיך געפונען פיל בעלנ׳טעס אויף אים. זיי זיינען געקומען אויף אַלעם פאַרטיקן, ניט געפּאָקט און ניט געמאָזלט — און גלייך געוואָרן ווייבער־ליבלינגס פון גרויסן מלך... וואו זיינען זיי געווען, ווען דויד איז געווען אַ פּליכטלינג, ווען דוידס בלוט איז געווען הפקר, און ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט געקענט נעמען זיין לעבן אָן קיין שטראָף... ווייל ער איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ מורד־במלכות, וואָס פאַרדינט טויטשטראָף”.

אביגילס אַנגעצויגן האַלטן־זיך און אירע מאַניערן און באַוועגונגען

האָט נאָכגעמאַכט אחינעם פון יזרעאל. זי פלעגט נאָכריידן אביגילס רייד און געטראָגן אַ האַרץ פול מיט שנאה אויף אַלע די פרויען, וואָס זיינען געווען יינגער פון איר און געהייראַט פאַר דוידן ווען ער איז שוין געווען קעניג איבער יהודה אין חברון. אביטל, ווייטער, האָט אין אַלץ נאָכגעמאַכט חגיתן. זי האָט זיך געפלייסט צו באַווייזן, אַז איר זון שפטיה איז קליגער און שענער און אַ גרעסערער ווילקענער פון אַדוניהון. און מחמת דעם זיינען די צוויי געווען ווי אויף מעסערס. וועגן עגלהן איז ניטאָ פיל צו זאָגן, זי איז געווען אַ „קעלבל״, ווי איר נאָמען האָט וועגן דעם עדות געזאָגט.

אָט־די געדאַנקען און בילדער זיינען בליץ־שנעל דורכגעלאָפן ביי איר אין קאָפּ עפּעס ווי אַן איר וויסן. ווי נאָר זי איז געוואויר געוואָרן פון זיי, האָט זי זיי אַרויסגעשמיסן. עס האָט איר אָפּגעעקלט פון אָט־די באַגעגענישן און שמועסערייען און דערינערונגען.

זי האָט אימפּעטיק געטרייסלט מיטן קאָפּ אַזוי אַז אירע לאָקן האָבן זיך צעטענצלט. זי האָט אָפּנים מיט אָט־דער שטאַרקער באַוועגונג געוואָלט אירע באַגעגענישן אַרויסטרייסלען ניט נאָר פון איר געהירן נאָר אויך פון איר אומגעבונג און איר לעבן.

דער הימל איז שוין געווען אָנגעפּיקעוועט מיט פינטלדיקע שטערן ווען בת־שבע האָט זיך אַריינגעשלייכט אין שטוב. איר האָט שטאַרק הנאה געטאָן וואָס קיינער, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, האָט ניט באַמערקט איר דורכגיין דורכן הויף.

עטרה האָט זיך אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ זי צו באַגעגענען און באַגריסן. זי האָט גלייך אָנגעצונדן אַן אייל־לעמפּל.

— בת־שבע, מיין טייערע טאָכטער, ווי נאָר דו ביסט אַריין איז ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקלען, דו שיינסט ווי די לבנה וואָלט מיט דיר געקומען. איך האָב גאָר דעם לעמפּל ניט באַדאַרפט אָנצינדן.

די לבנה, אין דעם מאָמענט, איז ווירקלעך אַרויס פון אונטער אַ שווערן וואָלקן און האָט אַריינגעשטראָמט דורך די פענצטערלעך אין שטוב אַריין מיט אַ מאַטאָוועך שיין.

עטרה האָט זי אַדורכגענומען מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. זי וואָלט וועלן וויסן אַלע איינצלהייטן פון איר געשפּרעך מיטן געטלעכן מאַן. אַז בת־שבע קומט מיט אַ גוטער בשורה דאָס האָט זי געזען פון איר שמייכל, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער איר געזיכט און האָט זיך געשפּיגלט אין אירע טיפע צעשטראַלטע אויגן. זי איז אָבער ניט געווען גענוג דרייסט זי צו

פרעגן. זי האָט געדולדיק געוואַרט אַז בת־שבע זאָל איר אַליין אַלץ דערציילן.

בת־שבע האָט זיך צוגעזעצט אויף אַן אָנלען־טאַבורעט, ווי זי וואָלט זיך וועלן אָפּרוען נאָך איר לאַנגן גיין. זי האָט בלויז אַדורכגעזייט דורך אירע פאַרמאַכטע ליפּן:

— מאָרגן, גאַנץ פרי, פאַרן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג, איידער דער הויף וואַכט אויף וועל איך אַרויס. איך וויל אויפגיין קיין גבעון. וואָלסטו וועלן מיטגיין? עס איז אַ שטרעקע פון זעקס מייל, גבעון ליגט צו דרום־מערב פון דאַנעט, וועט עס ניט זיין צו שווער פאַר דיר, עטרה?

— זיכער וויל איך, אויב מיין האַרנטע וועט מיך מיטנעמען. מיינע פיס דינען מיר נאָך זייער געטריי. אַ געטרייען דינער זיינען זיינע דינער געטריי...

— רוף מיך ניט „מיין האַרנטע״, מיין טייערע עטרה.

בת־שבע האָט פאַרשטאַנען, אַז עטרה איז אָנגעצויגן דערפאַר וואָס זי שווייגט וועגן איר באַזוך ביים נביא, און זי האַלט זיך ווי אַ דינסט, באַליידיקט. זי איז אָבער געווען צו מיד זיך אַריינצולאָזן אין אַ לאַנגן באַריכט. זי האָט עטרהן בלויז צוגעוואָרפן די פּאָר באַרויקנדיקע און איבערבעטנדיקע ווערטער:

— מירן דאָך גיין צופוס, וועלן מיר האָבן צייט צו שמועסן... אויסער דעם, איז פעלד איז תמיד זיכערער, „ווענט האָבן אויערן״...

זיי האָבן אויפשנעל אָפּגעגעסן זייער מאָגערן נאַכטמאָל וואָס עטרה האָט געהאַט צוגעגרייט פון געמיזע. האָט געמאַכט דעם געלעגער פאַר בת־שבען און איז אַרויס אין פאָדערשטן צימער און זיך געלייגט שלאָפן מיט דעם פעסטן באַשלוס אויפצושטיין איידער עס וועט נעמען שאַריען אויף טאָג און צוגרייטן אַלץ פאַרן וועג.

## 6

גאַנץ פרי האָבן זיך בת־שבע און עטרה, איינע נאָך דער אַנדערער, אַרויסגעשלייכט, ווי זיך ארויסגעגנבעט, פון הויף, קיינער האָט זיי ניט נאָכגעשפּירט. בת־שבע איז געווען פאַרשלייערט און דערצו איינגעוויקלט אין אַברייטן לייוונטענעם שאַל, וואָס האָט צוגעדעקט אירע קליידער קעגן שטויב פון וועג.

דער שליאַך האָט געקלעטערט אַרויף. גבעון איז אויסגעלייגט אויף אַ טעראַסע פון אַ הויכן באַרג. עס האָט זיך געפונען אין דעם אַרב פון שבט בנימין. ער האָט עס דעראָבערט פון דעם חווי. דאָרט האָבן זיך געפונען די גבעונים. זייערע אורעלטערן האָבן אָפּגענאַרט יהושען און אים געזאָגט, אַז זיי קומען פון ווייטע מקומות. זיי האָבן אָבער געהערט פון זיינע גרויסע העלדנטאָטן און זיינען ווילּיק זיך אונטערצוּוואַרפן אונטער זיין הערשאַפט און פאַרשניידן מיט די ישראלים אַ בונד פון פריינטשאַפט. יהושע און די קינדער פון ישראל האָבן געשלאָסן מיט זיי אַן אָפּמאַך, זיי האָבן געשוווירן געטריישאַפט. דערנאָך איז אַרויסגעקומען דער אמת. יהושע האָט געצאָרנט אויף זיי, אָבער האָט ניט געקענט ברעכן די שבועה, האָט ער זיי ניט אויסגעהרגעט, נאָר בלויז פאַרשקלאַפט. געמאַכט פון זיי האָלצהעקער און וואַסער־שעפּערס פאַר דער געמיינדע און יהוהס הויז.

דאָ אין גבעון האָט זיך געפונען די העכסטע במה, וואָס איז געווען שטאַרק אָנגענומען ביים פאָלק, און אַהער פלעגט מען קומען פון אַלע עקן פון לאַנד און ברענגען אָפּער. דאָ איז געווען דער הייליקער „פאַרזאַמל־געצעלט", וווהין מחנות פון פּילגרימען פלעגן עולה־רגל זיין.

די גבעונים האָט שאול, אין אַן אויסברוך פון אייפער, באַפוילן אויס־צוהרגענען, און מ׳האָט זיי אומגעבראַכט. אַצינד האָבן אין שטאָט געוווינט ישראלים פון בנימין־שטאַם און אַביסל גבעונים וואָס בשעת דער הריגה האָבן באַוויזן זיך אויסצובאַהאַלטן אין ישראלישע הייזער אָדער אין די פעלדער, אין גריבער.

דער וועג איז געווען זאַמדיק. ווען אַ רייזנדער פלעגט פאַרביירייטן אויף אַן אייזל אָדער אַ קעמל, פלעגן זיך אויפהויבן דיקע וואָלקנס פון שטויב. אָבער דאָ און דאָרט איז דער באָדן געווען באַפּינטלט מיט טייטלביימער וועלדלעך. בת־שבע און עטרה, נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין געהאָט אָפּגע־גאַנגען אַ דריטל פון שטח וואָס איז געלעגן צווישן ירושלים און גבעון, האָבן זיך צוגעזעצט אין די שאָטנס פון איינעם פון אַזעלכע וועלדלעך. זיי האָבן אַרויסגענומען די צוגעגרייטע שפּייז, וואָס איז באַשטאַנען פון געטריקנטע פייגן, איבערגעבראָטענע זאַנגען, ברויט, גאָמלקעס קעז, זיך גוט אונטערגעלענט דאָס האַרץ, האָבן זיי פאַרטרונקען מיט אַן אומגעיוירטן טייטלען־זאַפט געמישט מיט וואַסער, וואָס זיי האָבן מיטגענומען אין אַ לאָגל. זיך אָפּגערוט, האָט בת־שבע איבערגעגעבן מיט אַלע איינצלהייטן איר געשפּרעך מיט נתן־הנביא.

עטרה איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון איר פּלאַץ אויס פרייד. זי האָט זיך געריבן די פלאַכן פון די הענט פון גרויס נחת און געשפּאַנטקייט.

—— דו ביסט אַ גליקלעכע פרוי, אַ געבענטשטע פרוי. דויד וועט זיכער קומען צוריק צו דיר און אלהים וועט בענטשן דיין טראַכט. און פון דיינע ליידן וועסטו האָבן צו דערציילן אין פריידן. איך ווינטש זיך צו דערלעבן ביז יענער צייט, און זען מיט מיינע אויגן דיין זון זיצן אויפן טראָן פון קעניג דויד.

— איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דיין געטריישאַפט צו מיר. ווען אַלע האָבן זיך אָפּגעקערט פון מיר און אפילו מיינע באַדינערס האָבן מיך פאַרראַטן, זיך פאַרקויפט צו מיינע פיינט, ביסטו געווען די איינציקע וואָס האָט מיך געהיט און געטרייסט. דיין ראָט, עטרה, איז געווען ווי פון יה׳ס מויל אין יה׳ס אויערן... מיין טייערע, דו וועסט דערלעבן ביז צו יענער צייט און לעבן אין יענער צייט.

ביי די ווערטער איז עטרה איר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז, און פון פרייד האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט אויפן קול, דערנאָך געכליפּעט אַ ווײַלע, און קוים זיך באַהערשט און באַרויקט. אויך אין בת־שבעס אויגן זיינען געשטאַנען טרערן. זיי זיינען אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט ווייטער גיין.

עטרה האָט פאַרשנעלערט איר גאַנג, און גענומען אונטעראיילן בת־שבען.

— מיר דאַרפן זיך צואיילן, מאַכן אַמווייניקסטן צוויי דריטל וועג ביז האַלבן טאָג. די היץ איז גרויס און ווערט מיט יעדער שעה אַלץ שטאַרקער און ברענענדיקער. נאָך מיטאָג־צייט וועלן מיר ניט קענען גיין ווייטער. מיר וועלן מוזן איבערוואַרטן אין אַ וועלדל ביז די זון וועט זיך נעמען נויגן צו מערב־זייט.

בת־שבע איז געגאַנגען פאַמעלעך. זי האָט געשאַנעוועט עטרהן, וויסנדיק אַז זי האָט קראַנקע, געשוואָלענע פיס, און האָט אויך גוט געהאָט אין זינען עטרה׳ס עלטער.

מער ווי איין יונגער פאַרביירייטער האָט אָנגעבאָטן בת־שבען זיין פלאַץ אויפן רוקן פון אייזל. זי האָט זיך פון אָנבאָט אָפּגעזאָגט מיט דאַנק, געבנדיק אים צו פאַרשטיין אַז זי גייט קיין גבעון ווי אַן אלהים־בעטערין און זי דאַרף מאַכן דעם גאַנצן וועג צופוס.

ביי מיטאָג־צייט האָבן זיי זיך געזעצט אָפּרוען און זיך דערפרישן מיט שפּייז און טרונק. זיי זיינען געווען ווי פאַרטריקנטע פון דורשט. די היץ

איז געווען שטיקנדיק. דאָס אַראָפּשלינגען די שטיקלעך קעז אַפילו נאָכן אויסשווענקען די מיילער און גאָרגלען איז אָנגעקומען מיט שוועריקייט אַזוי ווי נאָך אַ מעת־לעתדיקן תענית.

אָפּגעגעסן אויפגיך, האָט עטרה זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז און גלייך איינגעשלאָפן. בת־שבע האָט זיך צוגעשפּאַרט צום שטאָם פון אַ טייטלבוים און זיך טיף פאַרטראַכט; זי איז געווען פול מיט האָפענונג: השם פאַרלאָזט ניט זיינע געטרייע דינערינס, זי גייט קיין גבעון מתפלל־זיין, ווי חנה איז געגאַנגען בעטן יהוה אין שילה. חנה איז געענטפערט געוואָרן און זי, בת־שבע, וועט אויך געענטפערט ווערן.

זי טראַכט ווייטער:

און וואָס איז מכוח קרבנות? וועט זי דען קומען צו דער במה מיט ליידיקן? שיקט זיך עס? דער אַלטער כהן איז צדוק. ער וועט זי זיכער ניט דערקענען. און אפשר וועט ער זי אפילו ניט זען. מיטן שלאַכטן פון די אָפּער און זיי מקריב זיין אויפן מזבח גיבן זיך אָפּ זיינע זין, אחיעזר און עזריקם. די קלאַנגען וואָס זי האָט געהערט וועגן זיי זיינען ניט פיל בעסער פון די ריידערייען, וואָס פלעגן זיך אַרומטראָגן וועגן עליס זין, חפני און פנחס, וואָס זיינען געווען איינגאַנצן פאַלש. חפני און פנחס זיינען ניט געווען זינדיק[1]. זייער טאָט איז באַשטאַנען בלויז אין דעם וואָס זיי האָבן צוגעלאָזט פרויען אַלס כהנטעס, האָט מען אויסגעטראַכט, אַז זיי טוען עס, ווייל זיי שלאָפן מיט זיי. באמת, האָט מען באַדאַרפט האָבן כהנטעס. זיי זיינען בעסער צוגעפּאַסט צו דער דאָזיקער אַרבעט; זיי טויגן זיך בעסער אויס. די כהנים טוען זיך דעריבער אָן ווי פרויען, און מיינען אַז מיט דעם לבוש אליין איז מען יוצא. זיי פאַרשטעלן זיך פאַר פרויען־צימער, און דענקען אַז דאָס איז געניוג.

אחיעזר און עזריקם זיינען מסתמא אויך ווילדע אלהים־פאַרכטיקע מענטשן. אלא וואָס די קלאַנגען, די באַריידעריי? אַזוי זיינען שוין מענטשן. זיי האָבן ליב צו רעדן לשון־הרע. עס איז אַ מענטשלעכע שוואַכקייט צו שלאָגן יענעם מיט דער צונג, איבערהויפּט נאָך ווען דער יענער פאַרנעמט אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע, אַ הויכן מעמד, אָדער פאַרקליידט אַן אַמט, אַ וועלטלעכן, צי אין אַ טעמפּל. ווּעמען האָט מען דען ניט באַרכילות'ט, באַרעדט אויף דעם שענדלעכסטן און ליגנערישסטן אופן. אפילו משהן, דעם גע־

---

1. שבת, נ"ה.

זעצגעבער, האָבן די בייזע צינגער ניט אויסגעמיטן. די אייגענע שוועסטער האָט אים באַשמוצט...

בת־שבע געפינט אין די דאָזיקע מחשבות אַ דערלייכטערונג: אַלעמען האָט מען באַרעדט, איז זי דאָך ניט קיין אויסנאָם... זי האָקט זיך איבער, און גיט אַ טראַכט: דער הויפּט־כהן וועט זי וואַרשיינלעך באַהאַנדלען מיט דער אייגענער גרינגשעצונג ווי עלי האָט באַהאַנדלט חנהן... אַ כהן איז ניט קיין נביא, ער זעט ניט אַ מענטשן דורך און דורך, און צייט איז פאַר אים זיכער אַ פאַרהאַנגענער פענצטער... און אַ נביא איז דען פיל בעסער? וואָס האָט נתן געוואוסט איידער זי האָט אים אויסגעזאָגט איר סוד?! און אויב זיי וויסן ניט און זעען ניט דאָס פאַרהוילענע איז אין וואָס באַשטייט זייער באַגאַבטקייט? פרעגט זי זיך, און לאָזט עס איבער אָן אַ ענטפער.

זי האַלט פון נביאה׳טעס. אַ קיניג איז אָן אַנדער זאַך. ער דאַרף זיין אַ קריגער, און קריגפירעניש איז אַ באַשעפטיקונג פאַר אַ מאַנספּאַרשוין.

זי קערט זיך אום אַצינד צום פאַרדעמדיקן געדאַנק, צום פאַרגלייך מיט חנהן: אויב דער הויפּט־כהן וועט זי שלעכט אויפנעמען, וועט עס זיין אַ באַווייז, אַז איר געבעט וועט פאַרנומען ווערן פון אלהים פון ישראל... צדוק וועט מיך זיכער ניט דערקענען, און גאָר קיין וואונדער ניט, איך בין דאָ דאָס ערשטע מאָל. אָבער חנה פלעגט דאָך קומען קיין שילה, יאָר איין, יאָר אויס, מיט איר מאַן, אלקנה, און דאָך האָט ער זי ניט דערקענט. עס קומען אַזויפיל מענער און פרויען, דער כהן האָט ניט קיין צייט זיך צופיל צוקוקן צו זיי... און עלי איז שוין מסתמא געווען בלינדלעך... ער איז שוין געווען אַ טיפער זקן.

דאָס קרבנות־ברענגען און איבערגעבן די שעפעלעך דעם כהן, דאָס וועט זי איבערלאָזן עטרהן, זאָל זי זיך מיט דעם פאַרנעמען... זי איז אין דעם זייער איינגעגלויבט... דאָס אָפּפער־ברענגען אָן־און־פאַר־זיך איז דען אַזאַ וויכטיקע זאַך? דער עיקר איז דאָך גאָר דאָס מתפלל־זיין, דאָס אויפ־אָפּערן די שלעכטע געדאַנקען, דאָס אויסיעטן פון הארצן די שלעכטע געפילן, דאָס זיך מתוודה־זיין אויף די זינד און טאָן אַ נדר מער ניט צו זינדיקן. ווי האָט דער גרויסער זעער שמואל געלערנט? „באַגערט יהוה בראַנדאָפּפערס און שלאַכטאָפּפערס, אָדער דאָס צוהערן זיך צום קול פון יהוה? דען, צוהערן זיך איז בעסער פון שלאַכטאָפּפערס, צו געהאָרכן — פון פעטס פון ווידערס. וואָרעם זינד פון צוויבער איז ווידערשפּעניקייט, און געצנדינסט און תרפים איז איינגעשפּאַרטקייט” (שמואל א׳, י״ח — כ״ב, כ״ג). דאָס איז טאָקע אַזוי...

אָבער ווי באַלד „עמך“ ברענגט קרבנות, דאַרף מען זיך ניט אָפּטיילן פון ברייטן עולם, ווען ער איז אפילו אַ שטיקל גולם. גרויסע מענטשן מאַכן אַ טעות, ווען זיי שמועסן זיך איין אַז זיי זיינען באַרופן צו לערנען דאָס פאָלק ווי זיך אויפצופירן. אַ פאָלק גרייזט ניט אין זיינע הנהגות אויך ד׳עמאָלט, ווען אונדז דוכט זיך אַז עס איז דורכאויס אויסן וועג. אַ פאָלק מעג זיך זיין טאַקע בלינד, אָבער פּאַמעלעך און פאָרזיכטיק טאַפּט ער אַן זיין דרך און טרעט אים אויס. עס ווייסט וואָס עס טוט. זיין געזונטער חוש נאַרט אים ניט. קרבנות־ברענגען איז אַ גרויסע זאַך, האָט אַ טיפן זינען. אַ מענטש טאָר ניט אָפּקומען מיט הוילן ריידן, מיט בלויזן צוזאָגן; ער דאַרף זיך לאָזן קאָסטן. ערשט דעמאָלט ווען ער לייגט אַריין זיין האַנט אין קעשענע זעט מען, אַז ער מיינט עס ערנסט. אַלץ האַלט זיך אויף אַן אָפּפער. מע דאַרף זיין גרייט און וויליק אויפצואָפּפערן זיך פאַר די זאַכן, וואָס זיינען אונדז באמת טייער. אָבער ווי באַלד יאָ ברענגען קרבנות, האָט מען באַדאַרפט האָבן איין הייליקן פּלאַץ, וואו אַלע, פון די ברייטסטע שיכטן פון פאָלק, קומען זיך צענויף, זיינען מקריב זייערע קרבנות, און ווייסן אַז דאָס איז דער אויסדערוויילטער און באַוויליקטער פּלאַץ פון יהוה, דאָ געפינט זיך דאָס שעכט־הויז, דער מזבח און אויך דאָס געבעט־הויז. אַזוי ווי די לאַגע איז איצט, טויג עס נישט. מ׳שלאַכט אויף די פאַרשיידענע במות, דאָס פאָלק איז צעברעקלט, צעטיילט אויף שבטים און משפחות, און עס איז ניט פאַראַן קיין אייניקייט. מיך וואונדערט וואָס קעניג דויד האָט זיך ניט פאַרטראַכט וועגן דעם. אין דער הויפּט־שטאָט וואו דער קעניג געפינט זיך און אַלע מלוכה אַנשטאַלטן ווערן אויפגעהאַלטן, דאָרט דאַרף זיין דער גרויסער טעמפּל. ער דאַרף געבויט ווערן לויט דעם גרויסמוט און אונטער דער השגחה פון קעניג מיט די געלט־מיטלען און געשאַנקען צענויפגעקליבן פון גאַנצן פאָלק. אַזאַ טעמפּל וואָלט צענויפגעהאַלטן דאָס פאָלק, אַרומגענומען אים ווי מיט אַ רייף פון הייליקייט און מאַכן פון אים איין קערפּער מיט איין זעל און איין אַלגעמיינעם ווילן. אזא בית־המקדש, הייליק הויז, וואָלט דינען ווי דאָס פאַרלאָזלעכסטע פאַרזיכערונגס־מיטל קעגן מרידות, אויפשטאַנדן פון איינצעלנע הויזגעזינטן אָדער שטאַמען. אַז דער אלהים פון ישראל וועט ענטפערן מיין געבעט, און דוידס האַרץ וועט זיך אומקערן צו מיר, וועל איך מיט אים איבעררעדן וועגן דעם. און אויב ער וועט עס ניט טאָן, וועט מיין זון, וואָס איך וועל אים געבוירן, עס טאָן. ער וועט אויסבויען אַ הויז פאַר יהוה, „אַ הייליקטום־הויז“ אין ירושלים...

# ז

עטרה כאַפּט זיך אויף, רייבט זיך די אויגן, קוקט זיך אַרום, און שרייט אויס מיט פרייד:

בת־שבע מײַנע! איך האָב געזען אַ חלום, אַ וווּנדערבאַרן חלום!

בת־שבע אויפגעוועקט פון אירע געדאַנקען וועגן דער נויטווענדיקייט צו צענטראַליזירן דעם יהוה־דינסט און אים אויסנוצן פאַר דעם צוועק פון צוזאַמענגעמען דאָס פאָלק ישראל און מאַכן פון די צוועלף שבטים איין אויסגעבונדן און אויסגעקניפּט פאָלק, צייגט אַרויס נייגעריקייט:

— וואָס האָסטו געזען, מיין טרוימערין? אַ חלום איז ניט קיין פּוסטע זאַך. ער איז אַן אָנזאָג אַמאָל א פאַראויסזאָג פון געשעענישן וואָס ליגן דערוויל אין טראַכט פון צייט.

— איך האָב דיך געזען ליגן אין בעט, גיין צו קינד. דו האָסט געהאַט א גאַר גרינגן קימפּעט. אַ יינגעלע איז געבוירן געוואָרן. איך האָב פאַרנומען זיין ערשטן פּישטש און עס האָט מיך אויפגעוועקט, אַזוי ראַיעל, ממשותדיק איז עס געווען, קלאָר ווי אויף דער וואָר. זיין ערשטע לעבנס־געשריי קלינגט נאָך איצט אין מיינע אויערן. וואָס פאַר א מחיהדיק קינד... וואָס פאַר אַ קעפּעלע — בלויז צו טראָגן אַ קרוין. און אַלע האָבן דיר אָפּגעגעבן מזל־טוב! די שטערנזעערינס האָבן אויסגעחשבונט דעם מזל אונטער וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן און זיי האָבן אָנגעזאָגט דודן אַז ער וועט זיין זיין טראָן־אַרבער... און ער וועט געוועלטיקן איבער פיל שכנישע און ניט־שכנישע פעלקער. דויד האָט זיך אַזוי געפרייט אַז ער האָט אַזש גע־טאַנצט פאַר שמחה. דער קעניג דויד איז אָנגעטאָן געווען אין אַן אפוד פון ליינען און ער האָט געקראַהאַדעוועט און געהאָפּקעט ווי דעמאָלט ווען מ׳האָט צוריקגעבראַכט דעם ארון־השם. ער האָט געטאַנצט און געזונגען און געשפּילט אויף זיין גאָלדענער האַרף. געגאַנגען ווי מיט הקפות אַרום דיין בעט... ווי אַ סגולה צו פאַרזיכערן דאָס לאַנג לעבן פון ניי־געבוירענעם.

בת־שבע האָט זיך פאַרטראַכט און עטרהן גאָר ניט געענטפערט.

דער חלום האָט איר הנאה געטאָן אָבער אויך פאַרשאַפט עגמת־נפש.

— מנוח׳ס ווייב, צללפונית, האָט אַ מלאך אָדער עס איז געווען פּנחס הכהן, דער אייניקל פון אהרונען, אָנגעזאָגט, אַז זי וועט פאַרשוואַנגערן און געבוירן אַ קינד, און מיר זאָגט עס אַן מיין אַם, באַוועגט פון אַ חלום וואָס זי האָט געזען. מסתמא איז צללפונית געווען אַ צדקת... און איך בין פאַרט אַ זינדיקע נשמה. אמת, איך בין אומשולדיק אין השם׳ס אויגן, וואָס

זעען וואָס עס טוט זיך אין האַרצן פון מענטשן; אָבער דאָס איז ניט גענוג. מ'דאַרף אויך זיין ריין און אומשולדיק אין די אויגן פון אַלע גוטע פרומע לייט, וואָס זעען בלויז די אויסערע זייט פון זאַכן און טואונגען, און אין זייערע אויגן בין איך און דויד זינדיקע נפשות... דויד האָט מיך גענומען און איך האָב זיך אים אָפּגעגעבן, ווען מיין מאַן האָט נאָך געלעבט, און איך בין געווען ביי אַלעמען פאַררעכנט פאַר אַן אשת־איש... און מחמת דעם אויסוויז פון זינד איז מיין עופהלע געשטאָרבן... כדי מענטשן זאָלן אויף אים ניט טייטן מיט די פינגער און זאָגן: אָט איז דער בן זנונים, קינד פון הורעריי, געבוירן אין דער טומאה פון זנות...

בת־שבע רייסט פּלוצלונג איבער אירע געדאַנקען און ווענדט זיך צו עטרהן:

— עס ווערט שוין קילער, קום, מיין חלום־זעערין, האַלבע נביאה'טע, ברענגערין פון גוטע בשורות; מיר קענען שוין זיך לאָזן אין וועג. מיר האָבן נאָך צוויי מייל ביזן אָנפאַנג פון שטאָט...

עטרה האָט אויפפלינק אַ נעם געטאָן די פעקלעך שפּייז, וואָס זיינען איצט נאָך צוויי מאָל אָפּעסן פיל לייכטער געוואָרן, און האָט זיך געלאָזן גיין מיט אַ שטייפן טראָט פאָרויס.

— דו ווייסט, בת־שבע, פון אָט־דעם אַרויפגיין זיינען מיר די פיס געזונט געוואָרן... דאָס זיינען אַלץ סימנים אַז אונדזער שליחות וועט גע־בענטשט זיין מיט הצלחה.

זיי זיינען אָנגעקומען אין גבעון, ווען די זון האָט זיך שוין גענומען באַהאַלטן הינטער די בערג. דער הימל איז דורכגעשטרייפט געוואָרן מיט לאַנגע רויטע פּאַסן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי טייכן אָנגעגאָסענע מיט בלוט. די פייערן אויף דער במה האָבן געפלאַקערט, קנוילן רויך האָבן זיך געצויגן, ווי זיילן, צו די הימלען. דער גערוך פון ברענעכץ, פון געזאָטן בלוט און געשרפהט פלייש און פעטס האָט זיי געגעבן אַ שלאָג אין די נאָזלעכער. בת־שבע האָט אַ ניס געטאָן.

— צום געזונט, צום מזל! צו לאַנגע גוטע יאָר! — עטרה האָט איר צוגעווונטשן און זיך גלייך דערמאָנט אַז זיי דאַרפן איינהאַנדלען שעפּ־סעלעך פאַר דעם אָפּער נאָך היינט אָוונט, אויב זיי ווילן זיין מאָרגן פרי פון די ערשטע צו לאָזן שלאַכטן דעם קרבן.

— אָט האָסטו געלט. גיי צו די הענדלער פון במה־הויף. זיי האַלטן זייערע טשערעדעס דאָ נאָענט אין די שטאַלן און אויף דעם געמויזעכטס הינטער די שטאַלן. עטרה טייערע! שפּאָר ניט קיין געלט, קלייב אויס

זיבן גוט אָפּגעפּאַשעטע שעפּסן און זיבן ווידערס. מיר וועלן דאָ פאַרווײלן גאַנצע דריי טעג. גיב אָפּ די שעפּסן און די ווידערס צום כּהן און זאָג אים ער זאָל שלאַכטן אַ שעפּס און אַ ווידער אינדערפרי, מיטן אויפגיין פון דער זון, און אַ שעפּס און אַ ווידער פאַרנאַכט, מיטן פאַרגיין פון דער זון. אַזוי דריי טעג נאָכאַנאַנד; און איין שעפּס גיב אים אַ מתנה; און איין ווידער זאָל ער שלאַכטן און צעטיילן דאָס פליש צווישן די אָרעמע פּרויען די גבעוניכעס, וואָס שטייען פאַרזאַמלט אין אויסערלעכן הויף פון דער במה און קוקן מיט זשעדנע אויגן אויף די רייכע אלהים־בעטערס, וואָס קומען אַהער, און דערוואַרטן פון זיי אַ נדבה, אַ שטיק פליש, אַן עוף. — איך וועל זיך פאַר די כּהנים אין דער במה ניט ווייזן. איך וויל גיין מאָרגן איבערדערפרי און מתפלל־זיין אין יהוהס־געצעלט וואָס געפינט זיך לעבן דער במה. איך וועל פאַסטן, בעטן השם דריי מאָל אַ טאָג, גאָר פרי, מיטאָגצייט און פאַרנאַכט. זיך אָפּפאַסטן מיטן זונפאַרגאַנג, אַזוי דריי טעג. אויפן פערטן טאָג וועלן מיר דינגען צוויי אייזלען און וועל זיך צוריקקערן קיין ירושלים. עטרה, גיב דעם כּהן אַן אויסגעטראַכטן נאָמען. איך וויל ניט אַז מע זאָל דאָ וויסן ווער מיר זיינען.

עטרה ווערט אומרויק, קוקט אָן בת־שבען אין פאַרלעגנהייט.

— דענקסטו ניט, בת־שבע, אַז אויב דער כּהן וועט אָנגעבן אַ ניט־ריכטיקן נאָמען וועט דער קרבן פאַר אונדז ניט פאַררעכנט ווערן, ער וועט אַוועקגיין צו אַנדערע מענטשן... און זיי וועלן פון אים האָבן דעם נוצן.

בת־שבע שמייכלט סקעפּטיש.

— השם יתברך וועט דאָך וויסן דעם אמת, ווער עס ברענגט דעם קרבן.

עטרה איז ניט צופרידן.

— ווייסט וואָס, גיב דיין נאָמען. און דו וועסט דעם קרבן טיילן מיט מיר אין דיין געדאַנק. דו וועסט דאָך זיין דערביי, ווען דער כּהן וועט שעכטן דאָס שעפּסעלע און עס מקריב זיין.

— אַזוי, בת־שבע, איז שוין עפּעס אַנדערש. איך וועל דעם קרבן דיר אָפּגעבן אינגאַנצן. שטילערהייט וועל איך די גאַנצע צייט שעפּטשען דיין נאָמען.

— גוט, אָבער פאַרטיק זיך אָפּ אויפגיך. איך וועל דאָ בלייבן און וואַרטן אויף דיר. ווי נאָר דו קערסט זיך אום וועלן מיר גיין קריגן אַן אכסניא ווו איבערצושטיין די דריי טעג און נעכט. אין אכסניא וועל איך זיין רחל, דאָס ווייב פון פנואל פון בית לחם יהודה, און דו וועסט הייסן

רוחמה. אַזוי וועל איך דיך רופן, אַז דו וועסט קומען צוריק וועלן מיר ביידע גוט איינהזורן אונדזערע אויסגעטראַכטע נעמען אַז מיר זאָלן זיך ניט פאַרווירן און ווערן פאַרדעכטיקט אין די אויגן פון דער ווירטין, און זי זאָל אונדז ניט נאָכקוקן און נאָכפאָרשן.

# 8

מיטן ערשטן בליאַסק אויף טאָג איז שוין בת־שבע געשטאַנען געבויגן אין אוהל־מועד און האָט מתפלל געווען שטילערהייט, בלויז באַוועגט די ליפּן, קיין ווערטער האָבן זיך ניט געלאָזט הערן. די אייגענע תּפילה מיט גאָר קליינע ענדערונגען האָט זי איבערגעזאָגט מיטאָגצייט. אַ גאַנצן טאָג איז זי געווען באַטריבט, ווייל צדוק האָט זיך אויף איר ניט אומגעקוקט, און זי האָט עס אָנגענומען פאַר אַן אומגינציקן צייכן.

עטרה, להיפּוך, איז געווען זייער אויפגעלייגט.

דער כהן איז געווען אַ שטאַלטנער מאַן, דאָס געזונט האָט פון אים אַזש אַרויסגעשפּריצט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין הויזן פון לייַנען און אַ קלייד פון זעלבן שטאָף. דער שעפּס און דעם ווידער האָט ער גענומען און געשאָכטן אין צפון זייט פון במה. דאָס בלוט האָט ער גע־שפּרענגט אויף די פיר „הערנער" פון מזבח. דערנאָך האָט ער צעשניטן דעם שעפּס און דעם ווידער אויף שטיקער. זיי אויסגעלייגט אויף די קלעצער האָלץ, דעם קאָפּ באַזונדער, דאָס פעל באַזונדער, די איינגעווייד און די פיסלעך האָט ער גוט דורכגעשווענקט אין וואַסער און ער האָט זיי אָוועק־געלייגט דערביי. צווישן די קלעצלעך האָלץ זיינען געווען אַריינגעשטעקט בינטלעך געווירצן, און שמעקעדיקע גראָזן. דער פייער האָט זיך צעפלאַמט און געהעשעט, אַ זייל פון דאַמף און רויך האָט זיך געגעבן אַ הויב אַרויף צום הימל. דער בראַנדאָפּפער האָט אַרויסגעגעבן אַן אָנגענעמען ריח צו די נאָזלעכער פון די, וואָס זיינען געשטאַנען ניט ווייט פון ברענפּלאַץ, דעם געשמאַקן גערוך און דאָס שטייגן פון רויך און דאַמף, גלייך, אומגעבויגן, אומגעבראָכן פון ווינט האָט עטרה אָנגענומען אויף זיכער פאַר זייער אַ גוטן סימן, אַ באַוויז אַז דער אָפּפער איז אָנגעלייגט ביי השם יתברך און דאָס געבעט און ווונטש פון אָפּפערברענגער וועלן פול באַוויליקט ווערן.

עטרה האָט זיך געמיט אָנצושטעקן מיט איר פרייד בת־שבען. דאָס האָט זיך איר אָבער ניט איינגעגעבן. בת־שבע איז ארומגעגאַנגען פאַרכמורעט.

עטרה האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעפּרעגט, וואָס איז דער מער, פאַרוואָס איז זי אַזוי פאַראומערט געוואָרן. ס׳טייטש, אויפן וועג און גלייך ביי זייער אָנקומען איז זי דאָך געווען פול מיט האָפענונג.

בת־שבע האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק, און איר גאָרניט געענטפערט.

אַזוי זייגען אַריבער צוויי טעג און מער ווי א העלפט פון דריטן. בת־שבע איז געווען פאַרקימערט, פאַרצערט. די אויגן רויט פון וויינען. עטרה האָט ניט געוווסט וואָס איז דאָ געשען. זי איז צוגעשטאַנען צו בת־שבען, וועמען זי האָט גערופן, ווי אָפּגערעדט, רחל, זיך געבעטן ביי איר זי זאָל איר אויסזאָגן וואָס דריקט אַזוי אויף איר געמיט, וואָס האָט אויף איר אָנגעיאָגט אַזאַ מרה־שחורה. בת־שבע האָט זיך אַרויסגעמאַכט מיט פאַרשיידענע אויסריידעניש : דאָס פאַסטן פאַלט איר שווער ; זי קען ניט איינשלאָפן אין אַ פרעמדן פלאַץ, ווו זי האָט ניט אירע באַקוועמלעכקייטן. אָבער עטרה האָט געשפּירט אַז דאָס איז ניט די אורזאַך פון איר אומעט.

דער דריטער טאָג. פאַרנאַכט. בת־שבע שטייט אין טעמפּל פון יהוה. זי איז מתפלל, ווי איר שטיגער איז געווען פאַר די צוויי פאַרויסגייענדיקע טעג. זי איז געווען אין אַ זייער געדריקטער שטימונג. זי האָט זיך צעוויינט אָבער ניט אויפן קול. צום ניינטן מאָל חזרט זי איבער דעם נדר. און פליסטערנדיק זאָגט זי : „יהוה צבאות ! אויב זען וועסטו זען די פּיין פון דיין דינסט און וועסט דאַכטן אָן מיר, און ניט פאַרגעסן אָן דיין דינסט, און וועסט שענקען דיין דינסט א קינד, אַ זכר, פון קעניג דויד, וועל איך אים אָפּגעבן צו יהוה אויף זיין גאַנצן לעבן, און א שערמעסער וועט ניט אויפקומען אויף זיין קאָפּ“.

אין דעם מאָמענט איז דער אַלטער צדוק אַריין אין טעמפּל. ער האָט זי באַמערקט, ער באַאָבאַכט איר מויל. וואָרעם בת־שבע האָט גערעדט אין איר האַרצן. בלויז אירע ליפּן האָבן זיך לייכט באַוועגט, אָבער איר שטים האָט זיך ניט געהערט ; און צדוק, דער כהן, האָט זי גערעכנט פאַר אַ באַטרונקענע. האָט צדוק צו איר אַ זאָג געטאָן : ביז וואַנען וועסטו זיין באַטרונקען ? טו אָפּ דיין וויין פון זיך !

בת־שבע האָט אויף די ווערטער געוואַרט. און זי האָט אים געענטפערט, נאָכזאָגנדיק חנה׳ס רייד : ניין, מיין האַר, אַ פרוי מיט אַ שווער געמיט בין איך, קיין וויין און שטאַרקן געטראַנק האָב איך ניט געטרונקען, נייערט איך האָב אויסגעגאָסן מיין זעל פאַר יהוה. זאָלסט ניט האַלטן דיין דינסט פאַר אַ נידערטרעכטיקער פרוי, וואָרעם פון מיין גרויסן קלאָג און מיין ערגערניש האָב איך גערעדט ביז איצט.

האָט זיך צדוק אָפּגערופן און געזאָגט:

— גיי אין פרידן, און דער אלהים פון ישראל זאָל שענקען דיין געבעט וואָס דו האָסט געבעטן פון אים.

אויף דעם האָט בת־שבע אים געענטפערט מיט חנה'ס ווערטער:

— זאָל דיין דינסט געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן.

אַצינד איז בת־שבע ווי באַנייט געוואָרן, זי האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פרייד ביזן ראַנד פון איר זעל, און שיעור זיך ניט איבערגעגאָסן. איך געבעט ווי חנהס, וועט אָנגענומען ווערן. איצט איז זי זיכער ביי זיך.

זי איז גלייך געלאָפן צוריק אין דער אכסניא צו עטרהן. זי האָט זי אָבער דאָרט ניט געפונען, איז זי געלאָפן צוריק צום הויף פון דער במה, וווּ עטרה האָט אויף איר טאַקע געוואַרט. פון גרויס שמחה און איבעראַשונג איז איר אַרויס פון זינען אַז דאָרט האָבן זיי אָפּגערעדט זיך צו באַגעגענען.

עטרה האָט גלייך באַמערקט, נאָך איידער בת־שבע האָט זיך דער־נענטערט, אַז אַ גרויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין בת־שבען. זי איז צוריק האָפנונגספול און לעבנסלוסטיק געוואָרן.

עטרה קען זיך ניט באַהערשן און וואַרטן אַז בת־שבע זאָל איר זאָגן וואָס האָט פּאַסירט. זי שרייט אויפן קול:

— אַ גוטע בשורה געקראָגן? פון וואַנעט?

— פון הימל... מיין געבעט איז אָנגענומען געוואָרן. איך בין די גליקלעכסטע צווישן אַלע פרויען אין ישראל. דוד וועט קומען צוריק צו מיר... איך וועל ווערן אַ מוטער...

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט און דו האָסט מיר ניט געוואָלט גלויבן. איך האָב דאָך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי די שעפסן זיינען פאַרצערט געוואָרן מיט אַזאַ אַפּעטיט פון פייער, ווי עס וואָלט געווען אַ קוויקונג פאַר די נאָזלעכער. דאָס פעטס האָט זיך געפּרעגלט און געשפּריצט אין אַלע זייטן. מ'האָט געזען אַז אַפילו דאָס האָלץ קוועלט אָן פון פאַר־גניגן. אַלץ האָט געיובלט, געפרייט זיך. דער כהן, דער מזבח, דער רויך־זייל און דער דאַמף האָבן זיך ווי געהויבן צו די הימלען. איך האָב אַליין געזען ווי דער כהן איז געוואַקסן, זיך געצויגן, זיך געהויבן העכער און העכער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט און דער כהן וועט אַרויף מיטן פייער און גערוך צו די הימלען... נאָר פּלוצלונג איז ער פאַרשוואונדן...

עטרה האָט זיך אָפּ אין מיטן דעם שטראָם פון אירע רייד.

— וואָס שטיי איך און רייד! דו ביסט דאָך אַ פאַרחלשטע! קום.

פֿאַסט זיך אָפּ. איך וועל קריגן אַן אייזל און דו וועסט צוריטן צו דער אכסניא. דו ביסט דאָך אַזוי אָפּגעשוואַכט פֿון די תעניתים און פֿון וויינען.

— אָפּגעשוואַכט, פֿאַרחלשט?! וואָס רעדסטו! איך פֿיל ווי אַ האַרץ פֿון אַ לייב איז אַריינגעטאָן געוואָרן אין מיר.

— קום, פֿאַסט זיך אָפּ!

## 9

אייגנטלעך האָט בת־שבע געהאַט בדעה אויפֿצוריקוועגס צו שאַנעווען זיך און עטרהן און ניט גיין צופֿוס, נאָר דינגען צוויי אייזלען און קומען צו רייטן, און ערשט נאָענט צו ירושלים אראָפּקריכן און צושפּרייזן דאָס שטיקל וועג צו דער שטאָדט און דורך דער שטאָדט. אָבער זי האָט געמוזט בייטן איר פּלאַן.

גאַנץ פֿרי זיינען בת־שבע און עטרה אַוועק צום אייזלען און קעמלען־מאַרק, אויסגעקליבן צוויי אייזלען, מושווה געוואָרן מיטן אייגנטימער און מיט צוויי יונגען, די אונטערטרייבערס, העלפֿט פֿון דער סומע צו באַצאָלן אויפֿן פּלאַץ און די צווייטע העלפֿט ביים אָנקומען צו זייער דעסטינאַציע־פּונקט. אָבער ווען בת־שבע האָט אַריינגעשטעקט איר האַנט אין טאַש, האָט זי זיך געכאַפּט אַז די טאַש איז אַ ליידיקע. זי האָט זיך פֿאַרדויטלט, געבליבן שטיין אין פֿאַרלעגנהייט. עטרה האָט זיך גענומען נישטערן אין אלע אירע געלט־באַהעלטענישן פֿלעצער און זי האָט קוים מיט צרות צונויפֿגעסקראָבעט עטלעכע מטבעות, וואָס האָבן ניט באַטראָפֿן אפילו אַ צענטל פֿון דעם באַדונגענעם מקח. די אייזל־טרייבערס האָבן זיי אַרומגערינגלט און גענומען חוזק־מאַכן פֿון די צוויי דריי־גראָשענע שררה־טעס...

— איר זייט ניט קראַנק צו גיין צופֿוס. אויך מיר האַרנטעס! אלע האָבן פֿון זיי געשפּאָט, און זיי באַגלייט מיט אַ פֿייפֿערײ און זלזולים־אויסגעשרייען. זיי האָבן זיך אויפֿשנעל אָפּגעטראָגן.

עטרה איז לכתחילה געווען פֿאַרוואונדערט, זי האָט געוווסט אַז בת־שבע האָט געהאַט מיט זיך אַ היפּשע סומע, נאָך אלע הוצאות פֿון דער אכסניא און די קרבנות.

— האָט מען דיך באַגנבעט?

בת־שבע האָט זי אָנגעקוקט, געשוויגן, זיך פֿאַרטראַכט ווי זי וואָלט זיך וועלן עפּעס דערמאָנען.

ווען בת־שבע איז געקומען מיט עטרהן נעכטן פאַרנאַכט אין גאַסט־הויז איז זי געווען אַזוי צעלויכטן און אויפגעלייטערט אַז זי האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. דער צימער איז איר געווען צו ענג. זי האָט ווי איבערגעוואָלט געכאַפּט אַ פּאָר ביסנס פון צוגעגרייטן נאַכטמאָל, און איז אַרויסגעלאָפן. עטרה האָט זי געוואָלט באַגלייטן. זי האָט זי ניט געלאָזן.

— איך וויל זיין מיט זיך אַליין, איך וועל באַלד צוריק אַריין.

זי איז אַוועקגעלאָפן צום כהן צדוק און זי האָט אים געטראָפן אַרויס־גייענדיק פון אהל־מועד. זי האָט אויסגעליידיקט איר טאַש צו דער לעצטער פּרוטה. און אים אַריינגערוקט אין האַנט — אַ העלפט פאַרן טעמפּל, און אַ העלפט צו צעטיילן צווישן די אָרעמע פרויען... געזאָגט און גלייך גענומען שפּרייזן צוריק.

— ווער ביסטו? וואָס איז דיין נאָמען? לאָמיר איבערציילן דאָס געלט צוזאַמען און וויסן וואָס מיר האָבן דאָ... וואַרט צו! וואָס לויפסטו?

— עס איז אַ מתן־בסתר... קיינער דאַרף פון דעם ניט וויסן...

און זי איז פאַרשוווּנדן.

געקומען אין גאַסטהויז, אַריין אין צימער, געפונען איר געלעגער געמאַכט, האָט זי בלויז אַרויסגערעדט:

— אַ גוטע נאַכט, עטרה טייערע! איך בין אַזוי שלעפעריק אַז די אויגן קלעפּן זיך מיר.

זי האָט געוואָלט אויסמיידן די פּרעגעניש וועגן איר אַוועקגיין און שנעלן צוריקקער: פון אַ מתן־בסתר דאַרף קיינער גאָרניט וויסן, אַניט איז עס ניט באַוויליקט, און איך אויך ניט. האָט זי געטראַכט.

און כּדי־הווה: זי האָט אַליין כמעט ווי פאַרגעסן וועגן דעם...

דערנענטערנדיק זיך צו זייער הויז אין קעניגליכן הויף האָט עטרה מיט איר שאַרפן אויג באַמערקט אַז עמעצער שטייט קעגן טיר פון הויז, ווי ער וואָלט זי אָפּוואַרטן.

— איך זע דעם שאָטן פון אַ מענטשן. ער שטייט פאַרן אַריינגאַנג.

— איך האָף אַז דאָס מאָל איז עס ניט קיין אויסקוקער... די נאַכט־שפּירעריי איז מיר נמאס געוואָרן... צום אָנפאַנג האָב איך עס גענומען ווי אַ שפּאַס, וואָס קענען די וייבער אויסגעפינען?! — גיי דו און גיב אים אַ פרעג וואָס ער וויל.

עטרה איילט פאָראויס. בת־שבע בלייבט שטיין פונדערווייטנס. דאָס האַרץ קלאַפּט איר. עס זאָגט איר אָן גוטס.

עס האָט געַנומען ניט מער ווי אַ פּאָר רגעס. עטרה איז דאָ צוריק.

— עס איז חושים, געקומען זאָגן אַז די קעניגין זאָל דערוואַרטן קעניג דוידס באַזוך, מאָרגן מיט זונאונטערגאַנג... נאָך אַ קורצער פּויזע, פליסטערט עטרה מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פול מיט פרייד:

— דו זעסט, טייערינקע! אלהים האָט אַ וואַכזאַמען אויער פאַר די וואָס רופן צו אים מיט אמתן געבעט.

בת־שבע הויבט אויף אירע אָרעמס צום הימל און שעפּטשעט ווי אַ דאַנק־תּפילה. ווענדט זיך צו עטרהן:

— דער אלהים פון ישראל האָט געזען מיין פּיין און מיין אומשולד, און האָט זיך דערבאַרעמט איבער מיר.

ווי נאָר זיי האָבן איבערגעטראָטן די שוועל, האָט עטרה געהאָלפן בת־שבען זיך אויסטאָן און זיך אָפּוואַשן פון שטויב. גלייך נאָכדעם האָט זי זיך אַ נעם געטאָן מיט יוגנט ברען צוגרייטן אַ נאַכטמאָל. זי טראַכט: ווו נעם איך עס כוחות? אַ גוטע בשורה מאַכט פעט די אויסגעטריקנטע ביינער. מאַכט פון אַלט — יונג. אין געאַייל, ניט אויסריידנדיק צווישן זיך קיין איינציק וואָרט, האָבן זיי אָפּגעגעסן. יעדע איז געווען פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען. עטרה האָט געמאַכט בת־שבעס געלעגער, אויסגעשפּרייט אויף אים אַ זיידענע אויסגעהאַפטענע דעק, און אים גוט אָנגעפּאַרפיומירט מיט שמעקנדיקע גראָזן און פאַרשיידענע אַראָמאַטישע געווירצן. פּאַרטיק געוואָרן איז זי אוועק אויפרוימען בת־שבעס אויפנעם־צימער.

זי האָט עס געטאָן מיט פלייס און פרייד, וואָס האָט זי ווי פאַרשיכורט, אַריינגעוואָרפן אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז: זי האָט געזען באַשיינפּערלעך אַז תּפילה מיט אַ צוגאָב פון קרבנות טוט אויף גרויסע זאַכן, שאַפט בפועל־ממש וואונדער. דער האַרן פון איר האַרנטע וועט דערהויבן ווערן און מיט איר האַרנטע וועט עולה־זיין לגדולה אויך עטרה, דערלעבן נחת אויף דער עלטער, ווערן צוריק די אויפזעערין איבער בת־שבעס הויז, ווירטשאַפט און באַדינערינס, און ניט זיין אַ פּראָסטע דינסט... צו וואָס פאַר אַ שפּלדיקער מדרגה זי איז עס אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פאַר דער לעצטער צייט! ערשט איצט נעמט זי באַגרייפן ווי שווער די אַרבעט איז איר געפאַלן. זי איז דען געוווינט געווען צו דעם? איז עס פאַר אירע האַלב־אויסגעשעפּטע כוחות? די שווערע כמאַרע וואָס האָט זיך פאַרצויגן אויף זייער הימל מיט דעם פאַרשלאָפן און טויט פון בת־שבעס עופהלע, און וואָס האָט ניט אָפּגעלאָזט, נאָר כסדר געהאָנגלט מיט צרות און פורעניותן אויף זייערע קעפּ און געהאַלטן זיי געבויגן צו דער ערד, וועט זיך באַלד אויפ־

הויבן און פאַרשווינדן. פון היינט אָן און ווייטער וועט שיינען די זון... זי האָט דאָך מורא געהאַט די גאַנצע צייט איר האַרנטע זאָל, שונאי־ישראל, זיך עפּעס ניט אָנטאָן פון פאַרצווייפלונג... און זי איז פון איר ניט אָפּגעטראָטן, ניט געקענט זי איבערלאָזן אַליין... איצט איילט צו זיי די רעטונג, אַלץ איז אין דער האַנט פון באַרמהערציקן אלהים פון ישראל... ער האָט זיך צוגעהערט צו אירע תפילות אפשר ניט ווייניקער ווי צו די תפילות און געבעטן פון בת־שבען. אַ צעבראָכן און פאַרקלעמט האַרץ טוט יהוה ניט פאַרהאַסן. סימנים פון דער קומענדיקער רעטונג האָט זי נאָך באַמערקט אויף די שעפּסעלעך. זיי זיינען געגאַנגען איינס נאָך איינס צום מזבח, צו דער שחיטה, מיט שטאָלץ און פרייד, עפּעס ווי מיט דעם פולן וויסן אז זיי דערפילן אַ הייליקע שליחות, אַז זיי שטייגן אַרויף צום אַלמעכטיקן. זיי האָבן געמעקעט און געבלעקערצט מיט שמחה און דאַנקבאַרקייט פאַר זייער געהויבענער מערכה צו ווערן פאַרצערט, ניט חלילה פון אַ ווילדן וואָלף אָדער פון אַן אַנדער פאַרצוק־חיה, נייערט פון הייליקן פייער אויפן הייליקן מזבח, און ווערן דערלאַנגט פון אלהימס משרת, דעם יה־פאָרכטיקן כהן, אויף דעם אויבערשטן שולחן, דער אַלמעכטיקער אליין זאָל זיך קוויקן מיט דעם געשמאַקן גערוך פון זייער פלייש און פעטס. זיי האָבן אָפּגעשאַצט זייער זכות און זכיה... און אַזאַ וויליקייט־אָפּער וואָס ווערט געגעבן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט ליבשאַפט ניט בלויז פון קרבן־ברענגער נאָר אויך פון קרבן גופא, ווערט שטענדיק אויפגענומען מיט גנאָד און דאַנק. פאַר אַזאַ אָפּער באַלוינט השם יתברך מיט זיין פולער האַנט וואָס איז שטענדיק אָפן אָנצוזעטיקן זיינע געטרייע דינער און צו דערפילן אַלע זייערע ווונטשן אין אַ פולער מאָס. ער זשאַלעוועט ניט. ער איז אַ גרויסער פּזרן... געלויבט איז זיין נאָמען... אמן ואמן.

# 10

אַ גאַנצע נאַכט איז בת־שבע געלעגן אויף איר געלעגער און איר האַרץ און קאָפּ האָבן אין איר געוואַכט. אירע ליפּן האָבן געפּליסטערט תפילות און הימנען. זי האָט אין דער שטיל ארויסגעזונגען און אויסגעשפּילט מזמורים פון תהלים, וועלכע זי האָט זיך אויסגעלערנט אויפאויסווייניק פון די מגילות, וואָס דויד האָט איר געשאָנקען יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען צו איר אַן אויפגעשירה׳טער. זי האָט אויך איבער־

געזאָגט דריי מאָל נאָכאַנאַנד די תפילה פון חנהן. זי האָט, אָבער, אין געדאַנק צוגעגעבן צו די ווערטער אירע אייגענע אויסטייטשונגען און אויסברייטערונגען.

חנהס תפילה איז געזאָגט געוואָרן פון איר, שוין נאָכן געבוירן פון איר זון שמואל, ביים ברענגען אים אין טעמפל און אים איבערלאָזן דאָרט ביי דעם כהן עלי׳ן פאַר אַ דינער פון יהוה. אָבער בת־שבע איז געווען אַזוי זיכער אַז איר פאַרלאַנג וועט דערפילט ווערן אַז זי האָט זיך שוין איצט באַטראַכט ניט בלויז ווי פאַרגאַנגען אין שוואַנגערשאַפט, נאָר טאַקע ווי זי וואָלט שוין געהאַט געבוירן דעם יה־געבענטשטן און צו יהוה אַוועק־געשאַנקענעם זון, דעם צוקינפטיקן יורש פון דוידס טראָן...

„מיין האַרץ איז לוסטיק דורך יהוה,
מיין האָרן איז דערהויבן דורך יהוה,
מיין מויל איז ברייט אַקעגן מיינע פיינט״.

אַרויספליסטערנדיק דאָס וואָרט ׳פיינט׳ האָט זי פאַר אירע גייסטיקע אויגן געלאָזט פאַרביישלייכן סצענעס פון הויף און די געשטאַלטן און ריידערייען פון די הויף־פרויען, און דאָס שפיכת־דמים וואָס זיי האָבן איר פאַרשאַפט. און וואָס מער זי האָט זיך געקאָרטשעט פון אירע ווייטאָקן, אַלץ מער האָבן זיי זיך געפּרעגלט פון נחת צוקוקנדיק איר צער און צרות. זי האָט דאָס וואָרט „פיינט״ ווידערהאָלט עטלעכע מאָל מיט אַ שטאַרק דורכגעפילטער, כאָטש ניט אַרויסגעבראַכטער באַטאָנונג.

„וואָרעם איך פריי זיך מיט דיין הילף,
ניטאָ אַ הייליקער ווי יהוה.
וואָרעם חוץ דיר איז ניטאָ;
און ניטאָ אַ פעלדז ווי אונדזער אלהים,
ניט מערן זאָלט איר הויכהאָפערדיקע רייד,
ניט אַרויס זאָל פאַרשייטס פון אייער מויל״.

אַרויסשעפּטשנדיק די דאָזיקע ווערטער האָט זי טיף געזיפצט און געבעטן יהוה פאַר אירע פיינט. זי האָט זיי אין האַרצן מוחל געווען די נגישות, וואָס זיי האָבן איר אָנגעטאָן. זי האָט זיי איצט פאַרענטפערט, דן געווען לכף־זכות. עס איז אייפערזוכט וואָס האָט פאַרשטיינערט זייערע הערצער. זי האָט געבעטן אַז אַ נס זאָל געשען, און אַנשטאָט אַ שטיין זאָל אלהים אַריינטאָן אין זייער ברוסט אַ מענטשלעך, מיטפילנדיק האַרץ.

„וואָרעם אַן אל פון וויסן איז יהוה,
און פון אים ווערן מעשים געוויגן״.

געוויגן אין אַ ריכטיקער וואַגשאָל. ער אַליין ווייסט אַלע איינצלהייטן פון די מענטשלעכע טאַטן, ער ווייסט אויך די סיבות און מאָטיוון, און ווייל ער ווייסט אַלץ, דערפאַר איז ער אַ פאַרגעבער. ער ווייסט ווי קליינלעך איז אַ מאַנספאַרשוין און ווי נאָך קליינלעכער איז אַ פרוי, ווען אַ יינגערע פון איר נעמט ביי איר צו די ליבע און געשאַנקען פון איר מאַן.

„דער בויגן פון גיבורים ווערט צעבראָכן"...

דער בויגן וואָס שיסט מיט פיילן פון גיפט, סם־המות־פיילן פון דער בייזער צונג וואָס טרעפן און צעווייטאָקן דאָס האַרץ פון אומגליקלעכן, פאַרוואָרלאָזטן; אָט־דער בויגן ווערט צעבראָכן פון יהוה, וואָס ווייסט די ריינע וואָרהייט.

„און געשטרויכלטע גורטן אַן קראַפט"...

זיי באַקומען קראַפט פון אים, וואָס ווישט אָפּ יעדע טרער פון אומשולדיקן, וואָס ליידט אומזיסט פון שאַלקהאַפטיקע מענטשן... קריגן קראַפט פון אים, וואָס פאַרלאָזט ניט זיינע געטרייע דינער, וואָס האָפן צו אים מיט זיכערקייט, מיט שטאַנדהאַפטיקן בטחון, וואָס לענען זיך אָן אויף אים ווי אויף אַ פעסטן געשטעל און ווייסן און פילן, אַז ער וועט זיי אונטערהאַלטן און ניט לאָזן פאַלן.

„זאַטע פאַרדינגען זיך פאַר ברויט
און הונגעריקע רוען זיך אָפּ"...

עס איז פאַראַן אַ הונגער נאָך גליק, נאָך ליבע, נאָך חשיבות און כבוד, אַ הונגער־באַגער דורכצופירן אַ וויכטיקע שליחות אין לעבן, אַ הונגער־געפיל אַז מען איז ניט קיין איבעריקער און אַן אַרויסגעוואָרפענער אין אָט־דער וועלט, אַז מע באַלאַנגט דאָ.

„בעת די עקרה געבוירט זיבן", —

איין קינד אַ געראָטענס קען פאַררעכנט ווערן פאַר מער ווי זיבן, ווען זיי זיינען ניט אַזוי איינגעגעבן... וועלכע פרוי איז עס געווען, וואָס האָט געטראָגן אין בויך זעקס הונדערט טויזנט ישראלים? דאָס איז יוכבד, משהס מוטער... בת־שבע פאַרמעסט זיך צו טראָגן איין קינד וואָס וועט איבערוועגן טויזנטער, צען טויזנטער.

„ווערט די רייכע אין קינדער פאַרוועלקט"...

אַ קינד צו אַ קינד איז ניט גלייך... דויד האָט אַ היפּשע צאָל זין, אָבער קיין איינער איז ניט ראוי צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ, קיינער פון זיי איז ניט ווערט אים צו אַרבן... אָבער דויד איז נאָך ניט אַלט, ניט פאַרוועלקט.

ער וועט נאָך דערפילן זיין פערזענלעכע און קהלשע אויפגאַבע מיט כבוד.

דוידס גרעסטע אויפגאַבע אין זיין לעבן איז זיך צו באַזאָרגן מיט אַ יורש, וואָס זאָל זיין געגוג פאַרדינסטפול צו טראָגן זיין נאָמען און זיצן אויף זיין טראָן און אויך קענען נאָכזינגען, איבערזינגען אויף זיין שטייגער זיינע גרויסע הימנעס.

„יהוה טייט און מאַכט לעבעדיק״...

מאַכט לעבעדיק ניט בלויז קערפערלעך נאָר אויך גייסטיק, זעליש. וויפל זיינען עס פאַראַן וואָס בעתן לעבן זיינען זיי שוין טויט, אָפּגעלעבטע, אָפּגעשטאָרבענע, הגם נאָך ניט באַערדיקטע. שלעכטע מענטשן, פאַרדאָרבענע יונגען, זיינען אַזוי גוט ווי טויט און, פילייכט, נאָך פיל טויטער פון טויטע. ווייל די טויטע קענען דאָך ניט טאָן, ניט קיין גוטס און ניט קיין שלעכטס, און די רשעים טוען כסדר שלעכטס, ברענגען צרות אויף די מענטשנ־קינדער. און דאַגעגן זיינען פאַראַן די, וואָס זייערע קערפערס זיינען לאַנג טויט, און זייערע נשמות לעבן אָן זייערע גופים. זייערע געדאַנקען און מעשים טובים זיינען פול מיט לעבן, מיט חיות־קליאַק. צדיקים לעבן נאָך זייער קערפערלעכן טויט. און אַמאָל אויך נאָך זייער גייסטיקן טויט. זיי שטייען אויף פון זייערע קברים פון פאַרגעסעניש. מע גראָבט זיי אויס, מע געפינט זיי אויס און מ׳מאַכט זיי לעבעדיק איבעראַנייס: מ׳זינגט זייערע דערהויבענע געזאַנגען, מע גיט איבער זייערע קלוגע און אמתדיקע געדאַנקען. מיין דויד וועט קיינמאָל ניט שטאַרבן. זיין געזאַנגבוך וועט לעבן אַזוי לאַנג ווי אַ מענטשלעך הארץ וועט לעכצן נאָך אַ באַהעפט מיט יהוה, כל זמן דעם מענטשנס זעל וועט זיך אויסגיסן אין בענקשאַפט נאָך אים... און דוידס און בת־שבעס זון וועט ירשענען אָט־די אומשטערבלעכקייט, ניט בלויז די קרוין און טראָן. מיין זון וועט לעבן אייביק, כל זמן קלוגשאַפט און גערעכטיקייט וועלן לעבן. און צוליב מיין מאַן און זון וועט אויך מיין נאָמען גרינען אייביק. איך, פשוטע פרוי, בת־שבע, וועל ניט אומקומען צוזאַמען מיט דעם אויפלייז פון מיין לייב, איך וועל ניט פאַרפאַלן ווערן, וועל ניט באַגראָבן ווערן אונטער די חורבות פון דעם שטיקל געביידע, וואָס הייסט מיין קערפער. ווו און ווען דוידס נאָמען וועט דערמאָנט ווערן, ווו און ווען מיין זונס נאָמען וועט זיך געפינען אין די געדעכענישן פון די וויטסטע דורות... דאָרט וועט אויך מיין נאָמען געפינען זיין פלאַץ...

„ער מאַכט נידערן אין גרוב

און ער ברענגט אַרויף״...

אין קבר נידערט אַראָפּ דער פאַרדאָרבלעכער גוף. ער קומט פון דער

ערד און גייט צוריק צו זיין עלעמענט, ווי אַ קינד לויפט צו זיין מאַמען. דער קערפּער האָט ליב דעם טויט, ער גאַרט זיך צו באַהעפטן מיט אַלע טויטע קעגנשטאַנדן. דאָס לעבן טראָגט ער ווי אַ לאַסט, און ער איז זיך מחיה ווען ער קאָן אַראָפּוואַרפן פון זיך אָט־די אַרויפגעצוווּנגענע משא. אָבער דער גייסט גייט ניט מיט מיט אים אין קבר אריין. דער גייסט וויל לעבן און בלייבט לעבן. ער קומט פון יהוה און ער גייט צוריק צו יהוה, צו זיין מקור. און אין דער ווייטער צוקונפט וועט אויך דער קערפּער זיך באַפרייען פון זיין טויט־ליידנשאַפט. און ער וועט ארויפקומען פון דער טיפער גרוב און זיך אָנקליידן מיט אַ נייעם אומפאַרדאַרבלעכן לייב...

„יהוה מאַכט אָרעם און מאַכט רייך
ער דערנידערט און דערהויבט".

ער באַשענקט אַ מענטשן מיט גייסטיקע רייכטימער וואָס וועגן אַריבער אין זייער ווערט — מאַטעריעלע עשירות. יהוהס נשמה־געשאַנקען זיינען טייערער פון דימענטן און גינגאָלד.

יהוה דערנידערט דאָס הויז פון שאולן, ווייל זיי זיינען ניט געגאַנגען אין זיינע רעכטפאַרטיקע וועגן, און ער דערהויבט דאָס הויז פון דוידן, דערווייל נאָך ניט דאָס הויז, נאָר דוידן אַליין... דאָס הויז וועט ערשט געבויט ווערן מיט השם'ס הילף, ווען איך וועל צולייגן אַ האַנט צום געבוי. אַוועקלייגן אַ סאָלידן פונדאַמענט, אויפשטעלן די פיר ווענט... שאַפן אַ דויד־דינאַסטיע... אַ טראָן פון אַ קעניג ווי הויך ער זאָל זיך ניט דערהויבן, אויב ער האָט ניט דעם ריכטיקן יורש, האָט ער ניט קיין דויערהאַפטיקע ממשות... דויד איז דערווייל בלויז אַ גרויסער אחד, אַן איינציקער, אָבער אַ מענטש, אפילו דער גרעסטער, לעבט ניט אייביק. און ער מוז צוגרייטן זיין שטעלפאַרטרעטער, זיין המשך. דערווייל איז פאַראַן איין גרויסער אויסגעהאַמערטער גאָלדענער רינג, איין רינג איז נאָך ניט קיין קייט. מען דאַרף צוגעבן נאָך אַ רינג און נאָך אַ רינג, און אַזוי וועט זיך אויסשמידן די גאָלדענע קייט, וואָס וועט האָבן אַן אָנהויב, אָבער ניט קיין ענד. די קייט וועט זיך ציען אין דער אייביקייט אַריין. די שווערסטע און אחריותדיקסטע אויפגאַבע איז אָפּצוגיסן דעם צווייטן רינג אַזוי אַז ער זאָל ניט בלויז ניט פאַרשעמען דעם ערשטן, נאָר פאַרקערט, אים באַשיינען און באַצירן און אויך פאַרקרעפטיקן, אין צווייען איז שטאַרקער. און דערנאָך וועט שוין אַ דריטער צוקומען ווי פון זיך אַליין.

„ער ריכט אויף פון שטויב דעם אָרעמאַן,
פון מיסט הויבט ער אויף דעם אביון"...

אַקעגן דעם האַר פון דער וועלט, דעם אדוני פון די הימלשע חיילות, דעם קעניג פון אַלע קעניגן, ווער איז ניט קיין אָרעמאַן, ווער איז ניט קיין אביון אין פאַרשטאַנד, אין געפיל, אין וויסן און באַזיצן!

„זיי צו זעצן מיט פירשטן"...

מיט זיינע מלאכים און כרובים, און שרפים, און גייסטער. דורך דער פאַרמיטלונג פון שכל באַהעפט זיך דער מענטש מיט דעם אויבערשטן, און ער דערהויבט זיך צו דעם אַז ער זאָל זיין ראוי אַריינצוטרעטן אין זיין דינסט, אַ דינער פון דעם אויבערקעניג געפינט זיך אַליין אין דעם ראַנג פון אַ שר, פון אַ פירשט, ווייל פירשטן און קעניגן פון יושרדיקער הנהגה זיינען זיינע משרתים.

„און אַ טראָן פון כבוד מאַכט ער זיי אַרבן"...

ניטאָ קיין גרעסערער כבוד ווי צו זיין געציילט צווישן יהוהס געטרייע דינער, וואָס טוען אַלץ וואָס ער באַפעלט זיי, היטן אָפּ זיינע געבאָטן, טוען זיין ווילן, דעם ווילן פון זייער באַשאַפער.

„וואָרום צו יהוה זיינען די גרונטפעסטן פון דער ערד
און ער האָט אויף זיי די וועלט געשטעלט"...

דער צדיק איז דער גרונטפעסט פון דער וועלט, דער רעכטפאַרטיקער מאַן איז דער יסוד אויף וועלכן דער גאַנצער קיום האַלט זיך. ווען ניט די גערעכטיקייט־מענטשן וואָלט די געזעלשאַפט ניט געקענט עקזיסטירן, זי וואָלט פונאַנדערגעפאַלן ווי אַ פאַס אָן רייפן. און דאָס אייגענע גייט פאַר דעם גאַנצן אוניווערס. אַ מינימום פון עטיק מוז אַדורכנעמען און צונויפהאַלטן יעדע דערשיינונג און יעדן קעגנשטאַנד. די סאָלידאַריזירנדיקע כוחות און עלעמענטן מוזן אין אים אַריבערוועגן די אַנטאַגאָניזירנדיקע, די קריגערישע, אַניט וועט עס צעשאָטן ווערן, אויפגעריסן ווערן. די וועלט איז אַ סיסטעם פון מאָראַל, פון פרידן און סימפּאַטיע.

„די פיס פון זיינע פרומע היט ער" —

זיי זאָלן ניט געשטרויכלט ווערן און פאַלן, און ווען זיי פאַלן, השם ירחם, הויבט ער זיי אויף. זיבן מאָל פאַלט אַ צדיק און יהוה הויבט אים אויף, אויב ער אַליין האָט ניט גענוג כוח זיך אויפצוהויבן, אויפצושטיין, און בלייבן שטיין אויף די אייגענע פיס.

„און רשעים ווערן אין חושך פאַרשניטן"...

און ווען דער חושך ווערט פאַרשניטן, דעמאָלט וועלן די רשעים אויפגעריכט ווערן, ווייל זיי וועלן דערזען דאָס ליכט פון רעכטפאַרטיקייט, און זיי וועלן גיין אין די וועגן פון ליכטיקייט. ווען דאָס ליכט פון חכמה און

יהוה־פאַרשטענדעניש וועט אָנפילן די ערד, וועט די רשעות פון די רשעים אומגעבראַכט. פאַרטיליקט ווערן. רשעות און בייז איז פינצטערניש פון דער נשמה. שלעכטע מעשים ווערן אָפּגעטאָן אין חשכות, און זיי אַליין מערן פינצטערניש אויף דער וועלט און אין די זעלן פון די מענטשנקינדער. אין דער פינצטערער נאַכט רויבט דער רויבפויגל, פאַרצוקט די חיה רעה. ווי דויד זינגט:

„מאַכסט פינצטערניש און עס ווערט נאַכט,
אין איר ווידמען זיך אַלע חיות פון פעלד.
די יונגלייבן ברילן נאָך רויב...
גייט אויף די זון, ווערן זיי איינגעזאַמלט
און זיי הויערן אין זייערע היילן.
גייט אַרויס דער מענטש צו זיין ווערק
און צו זיין אַרבעט ביז אָוונט" [1].

ווי נאָר עס ווערט ליכטיק אין דער זעל פון מענטשן, ווען ער ווערט אַ בר־דעת, גייט דער מענטש אַרויס צו דער הייליקער אַרבעט, צו דינען יהוה מיט זיינע מעשים, געדאַנקען און געפילן, ביז עס פאַרגייט דער טאָג פון זיין לעבן און עס קומט דער אָוונט פון טויט, און ער ווערט באַפרייט פון אַלע זיינע פליכטן; ווייל די מתים זיינען פריי פון דינסט.

„יהוה משפט די עקן פון דער ערד,
און גיט מאַכט צו זיין מלך
און דערהויבט דעם האָרן פון זיין געזאַלבטן"...

די מאַכט וואָס השם גיט דעם קעניג איז חכמה. „מיט הכמה געוועלטיקן די אמתע מלכים". און יעדער מענטש האָט אַ גאַנצע מלכות פאַר זיך, זיין קערפּער און זעל. טויזנטער מאָל צענטויזנטער באַדינערס האָט ער אין זיין קעניגרייך פון גוף און נשמה. השם דערהויבט דעם האָרן פון זיין געזאַלבטן מענטשנקינד און פילט אים אָן מיט ריינעם בוימל פון פאַר־שטענדעניש און קענטעניש, און פון אָט־דעם איבערגעפילטן האָרן וועט ער זאַלבן זיין אויסדערוויילטן...

ביי די לעצטע ווערטער ווערט בת־שבע אַנטשלאָפן. אָבער די נאַכט איז שוין געווען פאַראיבער, און דער הימל אין מזרח האָט זיך קוים קענטעוודיק גענומען רויטלען.

---

1. תהלים ק"ד, י"ט—כ"ג.

## 11

ווען בת־שבע האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג. איר צימער איז געווען פול מיט זונשיין, וואָס האָט אַריינגעשטראָמט דורך דעם אָפענעם פענצטער, וועלכער האָט אַרויסגעקוקט אויף מזרח־זייט.

עטרה איז שוין לאַנג געווען אויפגעשטאַנען. זי האָט שוין געהאַט אַלץ גרייט פאַר בת־שבען צו נעמען אַ „באָד", האָט אַריינגערופן דעם אַלטן גבעוני, תרחנא, און געהייסן אָנטראָגן פולע צעבערס מיט וואַסער. דאָס וואַסער האָט זי פּאַרפיומירט, און עס האָט פאַרשמעקט דאָס גאַנצע הויז. זי האָט אויך געהאַלטן גרייט פאַרשיידענע איילן און שיין־אויס־געניייטע העמדער פון גאָר דינעם ליינען. האָט אויך אַרויסגענומען פון קופערט די קליידער, און האָט זיי אויסגעפּרעסט, וואָס זי האָט גערעכנט אַז בת־שבע וועט זיי דאַרפן טראָגן ביי דער פייערלעכער געלעגנהייט פון איר אויפנעמען דעם באַליבטן מאַן און קעניג.

זי האָט געהאָלפן בת־שבען זיך אַרומוואַשן, האָט זי געוויקלט אין ליילעכער און גוט אויסגעמאַסאַזשירט. דערנאָך האָט זי איר אויסגעשמירט דעם גאַנצן קערפּער מיט איילן פון מירע, מיט באַלזאַם און כל המינים שמעקדיקע זאַלבן. אירע האָר האָט זי צעבאַרשט און געוואָלט באַשמירן מיט געווירצטע פּאָמאַדן.

— עטרה טייערע, איך וועל איצט ניט מאַכן מיין פולן אויסשטאַט, בלויז זיך פאַרקעמען די האָר און פאַרפלעכטן די צעפּ מיט בענדער פון הימלבלוי און זונפאַרגאַנג־רויט. אָט־די פאַרבן גייען מיר אַמבעסטן צו מיין געזיכט. דערוויל וועל איך אַרויפציען אויף זיך מיין זיידענע העמד, מיט די אויס־געהאַפטענע רויטע ראָזן. אָנטאָן מיין באַטיסטן אונטערקליידל, וואָס איז דורכגעוועבט מיט גאָלדענע פעדעם, און זיך איינוויקלען אין דעם שאַל פון דמשק, וואָס דויד האָט מיר געבראַכט ווי אַ מתנה, ווען ער איז געקומען פון זיין קאַמפּאַניע אין ארם. דעם פולן טואַלעט וועלן מיר מאַכן ערשט נאָך מיטאָג. דויד וועט קומען ניט פריער ווי מיטן צופאַלן פון דער נאַכט.

עטרה האָט דערלאַנגט פרישטיק אויף אַ זילבערנעם טאַץ. בת־שבע האָט פאַרזוכט דעם מילגרוימען זאַפט, אויסגעטרונקען אַ האַלבן קריגל מילך און פאַרביסן מיט געצוקערטע פעניצלעך פון אתרוגים.

צו מיטאָג האָט זי געגעסן ניס־פּיסטאַשקעס, פאַרטרונקען מיט מאַנדלען־מילך געמישט מיט פייגן־זאַפט, פאַרביסן מיט אַ הענגל וויינטרויבן און

אַ האַלבן עפּל, פּרוכטן, וואָס גיבן אַרויס אַן אָנגענעמען אַראָמאַט אַזוי אַז איר גאַנץ וועזן זאָל ווערן עפּעס ווי אַדורכגענומען מיט שמעקנדיקע ריחות.

פּאַרנאַכט האָט איר עטרה געהאָלפן זיך אָנטאָן און אויספּוצן.

זי האָט איר אָנגעטאָן אַ העמד פון טיול מיט שפּיצן, אַן אונטערקלייד פון ליינען, אַ קלייד פון זייד געפאַרבט אינגאַנצן פּורפּור־רויט אַדורכגעפלאָכטן מיט זילבערנע פעדעם און אויסגענייט מיט אותיות פון איבערגעהאַקטע מגן־דוידס. עטרה האָט איר אָנגעטאָן די שיכלעך פון רויטן תחש־פעל און זיי פאַרבונדן מיט גאָלד־דורכגעוועבטע שנירעלעך. אויף די ענקלען האָט זי איר אָנגעטאָן רינגען פון אויסגעהאַמערטן גאָלד, מיט טריטקייטלעך און קליינטשינקע גלעקעלעך. אויף די הוילע אָרעמס בענדער, אויף די געלענקן גאָלדענע בראַסלעטן, אויף די פינגער פינגערלעך מיט טייערע שטיינער, אויפן האַלדז אַ קאַליע, אין די אויערן באָמבערלעך אויריינגלעך איינגעפלאָסטערט מיט סאַפּפירן, אויפן קאָפּ אַ לייכטע גאָלדענע דיאַדעמע מיט דער שטאָט חברון איינגעפאַסט, פון פיינער פיליגראַן־ארבעט.

פאַרטיק געוואָרן מיטן טואַלעט, האָט עטרה זי אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן, זיך געשפּיגלט אין בת־שבען און אָנגעקוואָלן פון נחת.

— פאַרגעס ניט אים צו געבן טרינקן פון דעם דודאים־געטראַנק...

בת־שבע, מיט אַ מילדן שמייכל, האָט איר געענטפערט:

— טייערע עטרה! ווי קען איך עס פאַרגעסן, דו האָסט דאָך זיך אַזוי לאַנג געֿעסקט מיטן צוגרייטן עס, זידן, קאָכן, אָפּזייען, אָפּקילן, דערנאָך דיסטילירן, ארויסשטעלן אויפן דאַך אַזוי עס זאָל אַריינזאַפּן אין זיך די שטראַלן פון דער פולער מיטנחודשדיקער לבנה... און די צענדליקער שפּרוכן וואָס דו האָסט איבער דעם געפליסטערט, און די אויסטערלישע טענץ און פאַנטאָמימעס וואָס דו האָסט ארום דער וואָזע אויסגעשפּילט... איך וועל זיכער ניט פאַרגעסן אַריינצוטאָן אַ פּאָר טראָפּנס אין זיין בעכער ווייַן.

עטרה האָט בת־שבען אַ קוש געטאָן אויףביידע באַקן און מיט אַ ברכה אויף אירע ליפּן איז זי אַרויס און איבערגעלאָזן בת־שבען אַליין.

דויד איז אַריין, האָט זיך פאַרנויגט און געבליבן שטיין ביי דער טיר. ער איז געווען אָנגעטאָן ווי אַן עכטער פאַסטוך: די פיס איינגעוויקלט אין ווייסע טיכער און פארשנורעוועט מיט שטריקלעך; אַ לויזע לייוונטענע בלוזע איבערגעכאַפּט מיט אַ לעדערנעם גורט; ער האָט געטראָגן ברייטע

לייוונטענע הויזן; איבער די אַקסלען אריבערגעוואָרפן אַ רימען פון אַ טאַש מיט שטיינדלעך, אַ וואָרפער און אין האַנט אַ שטעקן מיט אויסשיילעכצן.

בת־שבע איז אויפגעשטאַנען פון איר זיצפלאַץ און האָט זיך געבוקט פאר אים דריי מאָל.

— קום אַריין, געבענטשטער און השם־געזאַלבטער, אין דעם געצעלט פון דיין דינסט.

זי האָט ארויסגערעדט די פּאָר ווערטער און געבליבן ליגן אויף איר געזיכט.

ער האָט זי אויפגעהויבן, פאַרדריקט אין זיינע אָרעמס, זי צוגעפירט צום דיוואַן. זי האָט זיך געזעצט און ער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר.

באַקוקנדיק זיין איינפאַכן אָנצוג, האָט זיך בת־שבע אַביסל פאַר־שעמט וואָס זי האָט זיך אַזוי אויסגעפוצט און אויסגעצירט, זיך באַהאַנגען מיט אַזוי פיל שמוק און דימענטשטיינער. זיך רויטלנדיק האָט זי זיך אָפּגערופן

— איך בין געקומען קעגן דיר, באַוואָפנט און באַפּאַנצערט, ווי איך וואָלט געווען אַן אמתע גלית׳טע.

— אַ פרוי, אַ שיינע, ווי דו, האָט אַלע מאָל איר וואָפן אויף זיך [1].

— האָט דויד געענטפערט מיט אַ שמייכל און זי געגלעט מיט וואַרעמע בליקן.

זי האָט אים אויסגעשטעלט אירע ליפּן און זיי האָבן זיך צעקושט.

— וואָלט דער קעניג זיין וויליק צו טיילן דעם פּראָסטן אָוונט־ברויט מיט זיין דינסט? — פרעגט בת־שבע און קוקט אים טיף אַריין אין די אויגן.

— אַ גרויסן דאַנק. איך וועל ניט עסן איידער איך וועל ריידן מיינע רייד. איך בין געקומען זיך דורכשמועסן. זאָל אונדז דער אלהים פון ישראל העלפן, מיר זאָלן האָבן דורכאויס פריידן און ניט וויסן פון קיין ליידן.

— אמן! — האָט בת־שבע פרום אריינגעשטעלט.

דויד זעצט פאָר:

— זאָל אלהים אונדז אויסהיטן פון מיספאַרשטענדענישן, וואָס פאָדערן אַ דערקלערונג אין ווערטער. געליבטע דאַרפן זיך פאַרשטיין אויפן ווונק.

1. יבמות, קט״ו.

שווייגן איז גאָלד, ריידן איז ליים; אָבער אַמאָל מוז מען אָנקומען צו אַ ליימענעם געפעס.

בת־שבע רופט זיך אָפּ:

— חכמה, ווי ווייך, קען מען אין גאָלדענע פעסער ניט האַלטן. עס וועט זויער ווערן ווי עסיק...

— געטראָפן, מיין חכמה!

— פאַרגיב מיר! איך האָב דיר איבערגעהאַקט. רייד, מיין געליבטער און מיין האַר. איך בין פול מיט אויערן צו הערן דיין יעדעס וואָרט.

— איך גיי עס גלייך טאָן; אָבער איך וועל בעטן דיך צו זיין געדולדיק, ווייל איך וועל אָנהויבן גאָר פון ווייט.

— ווי ווייט דאָס זאָל ניט זיין איז עס מסתמא אַלץ נאָענט צו מיר.

— עס איז וועגן דיר און מיר, און אונדזביידן צוזאַמען.

איך באַטאָן דעם צ ו ז א מ ע ן.

## 12

— איך האָב פיל מאָל נאָכגעטראַכט וועגן דעם, וואָס עס לערנט אונדז די פאַרציילונג אין אונדזער היליקער גרוי־פאַרצייטיקער מגילה. די ערשטע צווײ ברידער, קין און הבל. הבל האָט געבראַכט אַן אָפּער פון די ערשטגעבוירענע און אָפּגעקליבענע שאָף זיינע, און קין — פון דער פרוכט פון באָדן. אַ קריג איז אויסגעבראָכן צווישן זיי. דער עלטערער ברודער האָט דערהרגעט דעם יינגערן. דער ערשטער מאָרד איז פאַראור־זאַכט געוואָרן פון דער אומאייניגעאָרדנטקייט אין ענין פון קרבנות ברענגען. אַזאַ וויכטיקע זאַך טאָר מען ניט איבערלאָזן צום קאַפּריז פון יעדן איינעם, ער זאָל טאָן ווי ער וויל און ווען ער וויל. ביי אונדז אין לאַנד הערשט די זעלביקע אומאָרדענונג. אַזוי פיל מזבחות און אַזוי פיל פלעצער און פאַרשיידענע אופנים פון ברענגען קרבנות. קיין גוטס קען פון דעם ניט אַרויסקומען. אין אייניקע טעמפּלען זיינען די כהנים אָפּשטאַמיקע פון דעם הויז פון אהרן, וועמען משה לויט דעם באַפעל פון השם, האָט באַשטימט פאַר אַ כהן און איבערגעגעבן די כהונה צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער ביזן סוף פון זייערע דורות. דאָס איז גוט אַזוי. אָבער אין אַנדערע — טוען די כהונה־דינסט איינפאַכע ישראלים וואָס זיינען די ערשט־גע־בוירענע אין זייערע הויז־געזינטן, דאָס דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן. און צו

וואָס אַזוי פיל טעמפּלען. איין יהוה פאַרלאַנגט איין גרויסן טעמפּל פאַרן גאַנצן פאָלק. און אַזאַ טעמפּל האָב איך געהאַט בדעה אָנצוהויבן צו בויען.

אָבער אַזאַ אחריותדיקע אונטערנעמונג וואָלט איך זיך ניט איינשטעלן דורכצופירן אָן דעם צושטים פון אַ נביא, וואָס ווייסט יהוהס ווילן. האָב איך זיך באַראָטן מיט נתן הנביא. ער האָט גוט־געהייסן מיין פּלאַן. ער האָט מיך אַפילו דערמוטיקט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „אַלץ וואָס אין דיין האַרצן טו, וואָרעם יהוה איז מיט דיר“. אָבער גלייך אויף אַן אָרט האָט ער זיך איבערלייגט און געזאָגט, אַז ער קען אויף זיך ניט שטעלן; די פראַגע איז אַ צו ערנסטע און וויכטיקע. און ער מוז וואַרטן ביז ער וועט באַקומען דאָס וואָרט פון יהוה, און ערשט דעמאָלט וועט ער מיר קענען געבן אַ באַשטימטן באַשלוס. און עס האָט פּאַסירט. פּונקט אין יענער נאַכט, נאָכדעם ווי איך האָב גערעדט מיט אים, איז געווען דאָס וואָרט פון יהוה צו נתנען, אַז ניט איך וועל בויען דאָס הויז פאַר השם, נייערט מיין זון. נתן האָט מיר נאָך אין דער אייגענער נאַכט, ניט קוקנדיק אויף דער שפּעטער שעה, מיטגעטיילט וואָס דאָס וואָרט האָט אים געזאָגט. איך האָב אָנגענומען זיינע רייד ווי אַן אויסערונג פון יהוהס ווילן — וואָס איז פאַר מיר אַ באַפעל, איבער וועלכן איך טאָר ניט איבערטרעטן. איך האָב גע־טראַכט: השם׳ס פאַרשטענדעניש איז טיפער פון ים, מיר קענען זיך גאָרניט דערגרונטעוועט צו איר. און איך האָב גענומען איינזען, נאָכדעם ווי דער נביא מיט יהוה׳ס וואָרט האָט מיר געעפנט די אויגן, אַז איך בין טאַקע ניט די פּאַסיקע פּערזאָן פאַר אָט־דער הייליקער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. איך וועל עס ניט קענען דורכפירן ביי מיין בעסטן ווילן און באַגייסטערונג. איך בין פאַרנומען מיט מלחמות־פירן, מיט מיליטערישע עקספּעדיציעס, קאַמפּאַניעס, וואָס קאָסטן זייער פיל אין לעבנס, בלוט און פאַרמעגנס. די הוצאות פון די מלחמות זיינען גרויס, און דאָס פאָלק בויגט זיך אַרונטער אונטער דער שווערער לאַסט פון שטייערן און אָפּצאָלונגען. די קריגערס מוז מען שפּייזן, זיי זיינען פון שטאַנדפּונקט פון דער ווירט־שאַפט אַזוי גוט ווי אומזיסטע פרעסערס־פּאַראַזיטן. זיי געברויכן און פאַרשווענדן דאָס האָב און גוטס פון פאָלק, און צוריק גיבן זיי אים גאָרניט, ווען געקוקט און גערעדט פון דער עקאָנאָמישער זייט אַליין. דערצו דאַרף מען צוגעבן נאָך עפּעס. דאָס אויפריכטן פון איין טעמפּל פאַר כל ישראל וועט אַרויסרופן אַ גרויסע קעגנערשאַפט מצד פון די שבטים וואָס אין זייערע נחלאות געפינען זיך די „במות“. איך בין פאַרטאָן כסדר מיט אויסברייטערן די גרענעצן פון לאַנד און איך שטויס זיך נאָכאַנאַנד אָן

אויף שכנישע פעלקער, אַזוי אַז קיין אויסערלעכע שונאים פעלן מיר ניט אויס, איך קען קוים זיך פאַרגינען איינצושאַפן זיך מעכטיקע אינערלעכע שונאים. אַזוי אַז נאָכן איבערקלערן האָט מיר הנאה געטאָן וואָס דער נביא האָט מיר ניט געלאָזן אונטערנעמען אַזאַ גרויסע און שווערע אַרבעט וואָס, אויסער די מאָומדיקע־גרויסע הוצאות, איז עס נאָך פאַרבונדן מיט אינערלעכע קאָנפליקטן, וואָס קענען אַמאָל אפילו פירן צו אַ ברודער־קריג צווישן די שבטים. דאָס איז בנוגע דעם ערשטן טייל פון השם׳ס וואָרט, אַז ניט איך וועל בויען זיין הויז. דער צווייטער טייל איז מיר אוודאי געוווען צום האַרצן; אין אים איז געלעגן אַ צוזאָג, אַז מיין טראָן וועט זיין דויערהאַפטיק. אַז עס וועט געשאַפן ווערן אַ דויד־דינאַסטיע. אַ קעניגלעכע יחוס־קייט. אָבער די זאַך גופא איז מיר געוווען שווער אויפ־צונעמען, עס האָט אויסגעזען ווי א רעטעניש אָן אַ באַשייד. מיין זון וועט בויען השם׳ס הויז. וועלכער זון? נתן הנביא׳ס רייד קלינגען מיר אויך איצט אין די אויערן:

„און עס וועט זיין, אַז דיינע טעג וועלן דערפילט ווערן צו גיין צו דיינע עלטערן, וועל איך אויפשטעלן דיין זאָמען נאָך דיר, וואָס וועט זיין פון דיינע קינדער, און איך וועל באַפעסטיקן זיין מלוכה. ער וועט מיר בויען אַ הויז און איך וועל באַפעסטיקן זיין טראָן אויף אייביק. איך וועל אים זיין פאַר א פאָטער, און ער וועט מיר זיין פאַר אַ זון; און איך וועל ניט אָפּטאָן מיין חסד פון אים, ווי איך האָב אָפּגעטאָן פון חעם, וואָס איז געוווען פאַר דיר. און איך וועל אים אויפשטעלן אין מיין הויז און אין מיין קעניגרייך ביז אויף אייביק און דיין טראָן וועט זיין פעסט אויף אייביק [1].

נאָכן אויסהערן די דאָזיקע הימלשע רייד בין איך אַריין אין אוהל און געדאַנקט יהוה. איך האָב אָבער אויך גלייך געפרעגט: ווער איז עס אין מיין הויז וואָס איז פעיק און ווערט צו בויען יהוה׳ס הויז? איך האָב פאַר מיינע גייסטיקע אויגן דורכגעפירט אַלע מיינע זין און איך האָב ניט געפונען קיין איינעם, אויף וועמען איך זאָל קאָנען זאָגן מיט אַ רויקן האַרצן און זיכערן געפיל אַז דאָס איז ער.

אמנון איז אַן אויסגעלאָסענער. עס איז שווער צו דערציען אַ יה־פּאַרכטיקן זון אין מיין קייזערלעכן הויף, וואָס ווערט באַזוכט פון אַזוי פיל קינדער־פירשטן פון די געצנדינערישע און פאַרדאָרבענע פעלקער און שטאַמען, וועלכע רינגלען אַרום דאָס לאַנד פון ישראל. אמנון לערנט

1. שמואל ב׳, ז׳, י״ב—ט״ז.

זיך פון זיי, גייט אין זייערע הפקרדיקע דרכים. כלאב איז גלאַט ניט קיין גערעטענער. ער איז געבוירן געוואָרן אין מיינע וואָגל־יאָרן און קיינער האָט מיט זיין געהעריקער דערציונג זיך ניט אָפּגעגעבן. ער איז אויס־געוואַקסן ווי אַ ווילדע פלאַנץ אָן דער אויפזיכט און פלעגע פון אַ גערטנער. אבשלום איז אַן אינטריגאַנט און אַ פרעמדער. ער איז גאָרניט קיין אייגן קינד. הגם ער איז זייער אַ קלוגער. ער איז שוין צו קלוג, און ווער ווייסט צי ער וועט האָבן גענוג געדולד צו וואַרטן ביז מיינע טעג וועלן פאַרפולט ווערן און איך וועל אין פרידן צומאַכן די אויגן. אדוניהו איז, אפשר, שוין דער בעסטער פון זיי, אָבער ער פירט זיך אויף ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ניט ווי עס פּאַסט פאַר אַ זון, אַ קרוין־פּרינץ, פון דוידן, דערצו איז נאָך זיין מוסטער פון אויפפיר — אבשלום. ער טוט אים איך אַלץ נאָך. שפטיה און יתרעם זיינען פוסטע יונגען. אַלץ וואָס ליגט זיי אין קאָפּ איז אַרומרייטן אויף פערד, אַרומלויפן מיט מוידן, גיין אויף יאַגד, פּראַוועך הוליאַנקעס. זיי האָבן ניט דעם מינדסטן באַגריף וועגן פירן אַ מלוכה, פאַרוואַלטן אַ לאַנד, האַלטן צוזאַמען אַ פאָלק ווי ישראל וואָס באַשטייט פון צוועלף שבטים, וואָס וואָלטן אַזוי גערן, ביי דער מינדסטער סיבה, זיך וועלן אָפּטיילן איינער פון אַנדערן. אָט־די בנים מיינע פאַרמאָגן ניט קיין שום טאַקט. דאָס האָב איך גערעדט פון די וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין חברון און די וואָס זיינען שוין געבוירן געוואָרן אין ירושלים זיינען ניט בעסער.

אַנדערע וועלן מיך באַשולדיקן און זאָגן אַז איך האָב פאַרברעכעריש פאַרנאַכלעסיקט די דערציונג פון מיינע קינדער. עס איז פיל לייכטער צו פאַראורטיילן ווי צו זיין גערעכט. ווי אַזוי האָב איך זיך געקענט אָפּגעבן מיט דעם אויפברענגען פון מיינע זין? זיי האָבן אין מיר געזען אַ קריגער, זיי האָבן געהערט דאָס פאָלק זינגען וועגן מיר ווי פון אַ דרייסטן העלד, אַ מאַן מיט אַ האַרץ פון אַ לייב. זיי האָבן אָבער קיינעם ניט געהערט זאָגן אַז איך בין יה־פאַרכטיק. מיינע הענט האָבן זיך זעלטן געשיידט מיט דער שווערד. און מיט דער שווערד האָבן זיי ניט בלויז געפּאַכעט, נאָר טאַקע געשניטן קעפּ פון די שונאים פון ישראל ווי איינער שניידט קרויט. ווען איך וואָלט נעמען ריידן צו מיינע זין פון גוטסקייט, איידלקייט, באַרעמ־האַרציקייט וואָלט איך אויסזען אין זייערע אויגן ווי אַ צבוע׳אָק, ווי אַן אומפאַרשעמטער היפּאָקריט. מיין זעל האָבן זיי דאָך ניט געקענט זען. זיי האָבן בלויז געקוקט אויף מיינע הענט. מיינע געזאַנגען זינגט דאָך קיינער ניט. איך האָב געוואָלט אויסבויען יהוה׳ס הויז און איינזינגען מיט די

לווים מיינע מזמורים, די ווערטער מיט די ניגונים וואָס איך האָב צו זיי פֿאַרפֿאַסט. און זיי זאָלן זיי זינגען אין טעמפּל בשעת דער עבודה, ביים שלאַכטן דעם אָפּער ערב פּסח און ביי ענלעכע פֿייערליכע אָנגעלעגנהייטן. איך האָב געטראַכט אַז אפשר אויף אַזאַ וועג וועלן זיך מיינע לויבגעזאַנגען פֿאַרשפּרייטן צווישן פֿאָלק און זיי וועלן דערקענען דעם אמתן דויד. קען איך עס ניט באַווייזן. און צווישן מיינע זין זע איך ניט קיינעם וואָס זאָל קענען איבערנעמען נאָך מיר דעם טראָן און זיין אַ הערשער וואָס דינט צו יהוה מיטן גאַנצן האַרצן און איז ראוי צו בויען השם׳ס הויז. אַז זיי גייען ניט איצט, ביי מיין לעבן, אין יהוה׳ס רעכטפֿאַרטיקע וועגן, בייערט אין די פֿאַרדאָרבענע וועגן פֿון די פֿעלקער וואָס איך פֿאַרטיליק אין מיינע אומענדלעכע שלאַכטן, וועלן זיי דאָך נאָך מיין טויט אַוודאי ניט גיין אין זיינע וועגן און אָפּהיטן זיינע געבאָטן. אָבער יהוה׳ס וואָרט איז דאָך וואָרהאַפֿטיק, עס מוז דאָך מקוים ווערן. איז מיר אַרויף אויפֿן געדאַנק אַז פֿיליכט איז עס אַ פֿאַרשטעלטער אָנזאָג צו מיר צו נעמען נאָך אַ ווייב און פֿון איר האָבן אַ זון, און ער וועט עס זיין מיין יורש און דער בויער פֿון יהוה׳ס הויז.

ווי איך האָב אַזוי געטראַכט האָב איך זיך דערמאָנט אַז אַ מיידעלע מיטן וויל-קלינגענדיקן נאָמען בת-שבע, אחיתופֿלס אַן אייניקל, פֿלעגט באַזוכן מיט איר זיידן מיין הויף אין חברון, און ביי אָט-דער צייט מוז זי דאָך שוין זיכער זיין אַ יונגפֿרוי. אפשר איז עס די באַשערטע, וואָס וועט ניט נאָר מיר געבוירן אַ זון, נאָר אויך זיין פֿעיק צו דערציען אים ווי געהעריק אַזוי, אַז ער זאָל זיצן אויף מיין טראָן נאָך מיין אַוועקגיין אין דער אייביקייט אַריין. טראַכטנדיק אַזוי — און פֿאַרקלערטערהייט שפּרייזנדיק אַהין און צוריק אויפֿן דאַך פֿון מיין הויז, פֿאַלט מיין בליק אויף אַ פֿילפֿאַרביק פֿויגעלע, אַזאַ פּראַכט פֿון קאָלירן וואָס מ׳זעט זעלטן אין אונדזערע געגנטן. דאָס פֿויגעלע לאָזט זיך פֿליען איבער אַ דער-בייאיקן דעכל פֿון אַ געביידע.

אַזאַ שיינס האָב איך גאָר קיינמאָל ניט געזען. געשטרייפֿטע פֿליגעלעך, אַ רויט העלדזל, אַ שניי ווייס עקל, א ברוין בייכל און א גאָלד-געל רוקן. אַרום העלדזל אין א צירקל זיינען צעבלאָזענע אויפֿגעשטעלטע פֿעדערן פֿון די קאָלירן פֿון אַ רעגנבויגן. די שטראַלן פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע פֿעדערן און זיי אַדורכגענומען. די ניואַנסן האָבן מיטן לייכטן בלאָז פֿון זעפֿיר אַזוי ווי זיך איבערגעגאָסן, זיך געביטן מיט יעדן בויג און נויג וואָס דאָס פֿויגעלע האָט געמאַכט. דאָס פֿויגעלע

האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דעכל, און גענומען אַרומשפּרינגען אויף זיינע דינע צוויי פיסעלעך, וואָס האָבן געהאַט שפּאָרן פון אַ האָן, אויב אַזאַ קליין און דורכזיכטיק הענדל וואָלט מעגלעך זיין זיך פאַרצושטעלן. עס האָט פאַרנומען אַן אויג. איך בין דאָך אַ געוועזענער פאַסטעך־יונג און געשיקט אין וואַרפן שטיינדלעך און ניט פאַרפעלן דעם ציל. גנעם איך אַ שטיינדל און גיב אַ וואַרף. איך האָב געצילעוועט אין פליגעלע, געוואָלט עס לייכט פאַרוואונדן אַזוי, אַז עס זאָל ניט קענען אַוועקפליען; און איך וואָלט שיקן איינעם פון מיינע דינער עס כאַפּן פאַר מיין אַוואַריום...
אָבער צו מיין באַוואונדערונג האָט מיר מיין האַנט דאָס מאָל ניט געדינט ווי געהעריק, ווי עמעצער וואָלט זי בכיוון אַ טרייסל געטאָן. דאָס פויגעלע איז אַנטרונען און דאָס שטיינדל האָט גאָר געטראָפן אין אַ פאַרהאַנג. פון קלאַפּ איז דער פאַרהאַנג אַראָפּגעפאַלן. און וואָס באַוויזט זיך פאַר מיינע אויגן? אַ שיינע יונגפרוי וואַשט זיך; און נאַקעט איז זי ווי די מוטער האָט זי געהאַט. דיין געשטאַלט האָט אַ בליאַסק געטאָן פאַר מיינע אויגן ווי איך האָב דיין אויסזען געדענקט פון דיינע באַזוכן אין חברון, נאָך ווי אַ יונג מיידעלע. איך בין געוועזן דערשטוינט. און גלייך געשיקט איינעם פון מיינע גאָר טרייע באַדינער אויסצוגעפינען ווער איז די פרוי. און ווי דערשיטערט בין איך געווען, ווען ער האָט זיך אומגעקערט און מיר מיטגעטיילט אַז די שיינע פרוי איז בת־שבע, די טאָכטער פון אליעם, דער זון פון אחיתופל פון גילון. מער האָב איך ניט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט, עס האָט מיך אַ הויב געטאָן אינדערלופטן: אַזוי גאָר; איך האָב גלייך באַפוילן, מזאָל דיך ברענגען צו מיר. איך בין געווען זיכער אַז עס איז באַשערט פון השם, אַז עס איז אַ זאַך פון שיקזאַל: פונקט דעמאָלט, ווען איך האָב געטראַכט פון דיר ווי דער מעגלעכער מוטער פון מיין טראָן־יורש, האָב איך דיך געפונען אַזוי אומגעריכט, אויף אַזאַ וואונדערלעכן וועג. ערשט שפּעטערצו אַז דו האָסט מיר געלאָזט וויסן אַז דו האָסט פאַרשווענגערט, האָב איך זיך דערמאָנט אַז מ'האָט דאָך מיר געזאָגט גלייך פונאָנפאַנג אַז דו ביסט אַ פרוי פון אַ מאַן...
דאָס איבעריקע ווייסטו דאָך...
אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן האָב איך תופס געווען אַז איך האָב זיך געלאָזט פאַרפירן פון מיין צעהיצטער פאַנטאַזיע... און איך האָב פיל נאָכגעקלערט וועגן דעם פויגעלע, וואָס האָט געהאַט קליינטשינקע שפּאָרן פון אַ פּיטשינקן הענדל... און איך האָב זיך זייער געשראָקן: איך האָב מורא געהאַט אַז אפשר טאַנצט דער שטן צווישן אונדז... און אַז אין

אונדזער קינד וועט גאָר דער שטן האָבן אַ טייל... ווייל נאָך דעם פויגעלע האָב איך גלייך אין יענעם אָוונט אַרויסגעשיקט פויגל־כאַפּערס מיט נעצן, מיט פיילן. מ׳האָט פון אים קיין שפּור ניט געקענט געפינען... אַזוי אַז די זאַך, ווען איך האָב איבערגעקלערט, האָט מיר אויסגעזען אויפפאַלנדיק און אַפּשרעקנדיק... איך האָב געטראַכט אַז עס איז געווען דעם שטנס אַ שפּיצל...

אָבער נאָך מיין לעצטן געשפּרעך מיט נתן־הנביא, בין איך געקומען צוריק צו מיין גאָר ערשטן געדאַנק: אַז אונדזער פאַרבינדונג איז א יה־זאַך...

# 13

בת־שבע איז אויפגעמונטערט.

— אַלץ איז פון בורא עולם. אַ מענטש שלאָגט זיך ניט אָפּ זיין מינדסטן פינגער אונטן, סיידן מ׳האָט עס שוין אויסגערופן אויבן... בת־שבע מאַכט די אַנמערקונג אין אַ שוואַכער שטים. ווי זי וואָלט אַליין ניט זיין זיכער אין דער פולער אומבאַדינגלעכער ריכטיקייט פון דעם זאָג.

— אויב דו מיינסט אַז יעדע שטראָף קומט פון השם יתברך, ביסטו גערעכט. אָבער בשום אופן ניט יעדע האַנדלונג פון מענטשן. דער מענטש שטייט כסדר ביי אַ שיידוועג, און עס ווענדט זיך אָן אים, אין וועלכער ריכטונג זיך צו נעמען, אויף רעכטס אָדער אויף לינקס... דאָך אַמאָל שטופּט מען אים צו גיין אַהין, וווהין ער וויל גאָר ניט גיין...

דויד פאַרטראַכט זיך. ער דערמאָנט זיך אָן זיינע באַאָבאַכטונגען פון קעניג שאולס אויפפיר ווען ער איז געווען זיין האַרפשפּילער. ער האָט דעמאָלט געזען באַשיינפּערלעך, אַז אַ מענטש טוט אויך זאַכן וואָס ער וויל גאָר ניט טאָן, נאָר אַ בייזער רוח צווינגט אים עס צו טאָן. און יענער רוח קומט ניט פון אלהים וואָס איז דער קוואַל פון גוטסקייט, נאָר פון טייוול... און ווי אַזוי שפּינען זיך די באַציונגען פון גוטן אלהים מיט זיינע מלאכים און שלעכטן טייוול, דעם אשמדאי, מיט זיינע שדים און רוחות, איז אים קיינמאָל ניט קלאָר געווען. יהוה׳ס אָנפאַרטרויטער איז דער הייליקער נביא, און דעם טייוולס אָנפאַרטרויטע זיינען די מכשפות... און שאול איז געווען אַ זייעריקער; זיי, די „ביט־גוטע" האָבן אים אַריינגעכאַפּט אין זייערע לאַפּעס און ער האָט פון זיי זיך ניט געקענט אַרויסרייסן...

עס ציט זיך אַ לענגערע פויזע און אַ שטילשוויגן אויך מצד בת־שבען װעלכע, אים האָט זיך געדוכט, לייענט זיינע געדאַנקען, אָבער זיי זיינען איר ניט אינגאַנצן קלאָר, ווי איינער וואָס קריכט קוים דורך אַ מטושטשדיקן בדוחק־לעזבאַרן כתב פון אַ גאָר־אַלטער מגילה. דויד גיט אַ טרייסל מיטן קאָפּ ער וואָלט גריילעך וועלן אָפּשטעלן זיינע ווייט־פאַרלאָפּענע געדאַנקען און זיך אומקערן צום אָנפאַנג פום געשפּרעך. און עפּעס שטערט אים. אונטער אַלע זיינע מחשבות לויערט אַ מין אומדערקלערלעכער אינסטינקטיווער פּחד, וואָס האָט ניט קיין גרונט. אין דעם איז ער זיכער, אָבער דאָך לאָזט אים דער פּחד ניט אָפּ: טאָמער איז זיין פאַרבינדונג מיט בת־שבען אַ מעשה־שטן און דאָס קינד, וואָס זי וועט אים געבוירן, וועט דער שטן וועלן אַריינקריגן אין זיין רשות... דאָס מאָל טוט ער אַ שטאַרקן טרייסל מיטן קאָפּ, און גיט אימפּולסיוו אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אָט־די אַלע חששות פאַרטריבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל. ער וועט דאָך מיט נתנס ראַט אָננעמען אַלע פאָרזיכטיקייט־מיטלען קעגן דעם... איז וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו שרעקן ?!

— הער, בת־שבע, נתן האָט מיר געזאָגט אַז איך דאַרף האָבן אין זינען אַז אונדזער באַהעפטן זיך דאָס מאָל דאַרף פאָרקומען ניט אין שטורם און ברויז פון ווילדער אומבאַצוווּנגענער לײַדנשאַפט, נאָר אין הייליקייט, ווי אויספּילנדיק אַ הימלישן באַפעל. ווייל דאָס קינד דאַרף אויפגענומען ווערן אין לויטערער ריינקייט. אונדזער הזדווגות דאַרף בעיקר זיין אַ באַהעפטונג פון אונדזערע נשמות ניט בלויז פון די גופים. דער נביא האָט עס צוויי מאָל איבערגעזאָגט, כדי צוצוגעבן זיינע ווערטער מער שטאַרקייט. ווי איך האָב אים גוט פאַרשטאַנען האָט ער געוואָלט מיר לאָזן הערן אַז די צוקונפטיקע מערכה און כאַראַקטער פון אַזאַ מענטשנקינד הענגט ניט אָפּ אַזויפיל פון די מזלות, פון דעם אויסשטעל פון די שטערן אין הימל, ווי עס לערנען די כאַלדייער חכמים, די שטערנזעער, וויפיל פון איינשטעל פון די געפילן און געדאַנקען אין די נירן און געהירן פון די עלטערן בשעת זייער הזדווגות... ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז די דערציונג פון אַזאַ אויסנאַם־קינד, ווי מיר וואָלטן וועלן האָבן, הויבט זיך אָן גאַנץ פרי, נאָך פאַר זיין געבוירן ווערן, און ניט בלויז נאָענט צו זיין מוטערס פאַרשוואַנגערט ווערן מיט אים, אָדער אין אָנפאַנג פון זיין געפורעמט ווערן, נאָר טאַקע נאָך איידער זיין פאַרזייט ווערן אויפן פעלד פון מוטערס־לייב, איידער דער זאָמען קומט אין טראַכט אַריין. דאָס מיינט אַז די זעלנשפּייז פון דעם פאָטער, פון פאַרזייער, אין פאַרלויף פון בערך אַ מאָנאַט

פאַרן זייען; און פון דער מוטער, דעם צעאַקערטן פעלד וואָס איז גרייט אויפצונעמען דעם זאָמען, די זעלישע נערונג וואָס זי באַקומען, דהיינו די שטימונגען און געפילן זייערע, איבן אויס אַן השפּעה צום גוטן אָדער צום בייזן אויפן צוקונפטיקן קינד זייערן. איך צווייפל ניט אַז ער האָט פולע רעכט. דאָס קינד דאַרף געהייליקט ווערן אין ד י געדאַנקען פון זיין פאָטער און מוטער, צו השם און השם־דינסט. צו באַגרינדן זיינע רייד האָט ער געבראַכט אויסצוגן פון דער מגילה וועגן „שמשון הגיבור״. דער מלאך האָט אָנגעזאָגט צללפונית, דער צוקונפטיקער מוטער פון שמשונען, אַז זי זאָל ניט פאַרזוכן קיין אומריינע שפּייז, ניט עסן קיין ווייַנטרויבן און ניט טרינקן קיינע שטאַרקע געטראַנקען. און שמשון איז דאָך בלויז געווען אַ פיזישער העלד, אַ גיבור, אַ בעל־כוח, וואָס האָט מיט זיין פיזישער גבורה געדאַרפט העלפן דאָס פאָלק ישראל אין זיין געפעכט קעגן די פלישתים. אונדזער זון דאַרף דאָך זיין אַ גייסטיקער העלד און קיניגן איבערן פאָלק ישראל מיט חכמה און גערעכטיקייט, און מיט זיין קלוג־שאַפט געוועלטיקן אויך איבער אנדערע שבטים און פעלקער — איז ווי נאָך דאַרפן מיר זיך היטן...

— מיין האַר קעניג, דו האָסט אַנטוויקלט זייער אַ שיינעם און ליכטיקן געדאַנק, — בת־שבע גיט זיך אַ הויב אויף פון איר געזעס און וויל קניען פאַר דוידן.

ער כאַפּט זי אָן ביי דער האַנט און מאַכט זי צוריק אָוועקזעצן זיך אויף איר פּלאַץ.

— רוף מיך ניט האַר, און רוף מיך ניט קעניג. פאַר דיר בין איך דיין געליבטער און מאַן. מיר זיינען צוויי גלייכע שותפים אין איין הימ־לישער פאַרהוילענער אונטערנעמונג, און דאָס איז שאַפן אַ ניי אומגע־וויינטלעך לעבן. און אַ לעבן איז קיינמאָל ניט קיין געוויינטלעכע זאַך. אַ לעבעדיקער קערפּער מוז האָבן אַ נשמה. און די נשמה בלאָזט אַריין אלהים אַליין. נשמה איז דאָך דער טייטש הויך, אַריינהויך. אָבער יהוה וויל אַז דער מענטש זאָל אים קומען אַנטקעגן מיט צוויי־דריטל פון וועג, אַזוי אַז מיר זיינען דריי שותפים [1], מיר צוויי, אָפּענע, דער דריטער — אַ פאַרבאַרגענער, אַ פאַרשוויגענער.

בת־שבע איז גאָר אַנטציקט פון זיינע רייד.

— וואונדערבאַרע רעיונות ברענגסטו אַרויס. דו רעדסט ווי אַ הייליקער מאַן, ווי אַ נביא פון וועמענס מויל יהוה׳ס וואָרט קומט.

---

1. קידושין, ל.

## שלמה המלך

דויד האָט איר איבער. אים איז דערווידער איר לויב.

— איך גיי פאַרלאָזן דעם הויף און אַלע מלוכה־ענינים. איך וועל אַוועק פאַר אַ פולן חודש, וועל זיך מתבודד־זיין אין אַ הייל אויפן באַרג גריזים, דער באַרג אויף וועלכן די ברכות זיינען געגעבן געוואָרן. ער ליגט אינגאַנצן בלויז אַ דרייסיק (מייל) פרסאות פון ירושלים צו צפון זייט. ער איז ניט צו הויך, אינגאַנצן בערך אַ דריי טויזנט פוס. קיינער וועט ניט וויסן, וווּ איך באַהאַלט זיך אויס. דאָרטן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און ווי שטייענדיק איבער איר, וועל איך אויסזינגען און אויס־שפּילן מיינע לויב־געזאַנגען. יואב הערט ניט אויף צו שיקן שליחים צו מיר און מיך אויפפאָדערן צו קומען אויפן פראָנט צו אַלעם פאַרטיקן און איינעמען, מיט גרויס אָנזען, רבה, די הויפּשטאָט פון די בני־עמון. איך וויל פון דעם איצט, אין אָט־דער אומגעוויינטלעכער לאַגע אין וועלכער מיר געפינען זיך, ניט הערן און ניט וויסן. רבה מעג וואַרטן, עס האָט צייט. אַצינד וויל איך אפילו ניט טראַכטן פון קריג און זיג. פּונקט דרייסיק טעג פון היינט, אַז איך וועל זיך פילן אַן אויסגעלייטערטער, אַן אויסגעברענטער אין טיגל פון הייליקער התלהבות פון יעדן מין פסולת, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אויף מיין זעל, אַ דורכגענומענער מיט הימלישן געזאַנג, אַ דורכגעלופטערטער אין דער ריינער און געבענטשטער אַט־מאָספער פון ברכה־באַרג, וועל איך וויסן אַז איך בין ראוי צו ווערן דער פאָטער פון אונדזער פאַרטראַכט קינד — און איך וועל קומען צו דיר.

— מיין האַר קעניג, — זי כאַפּט זיך אַז ער וויל עס ניטליידן און זאָגט — מיין געליבטער און השם־געבענטשטער מאַן דויד. איך פיל זיך אַזוי גליקלעך אַז מיר פעלן אויס ווערטער אויסצודריקן מיינע געפילן פון גליק און דאַנקבאַרקייט צום אלהים פון ישראל וואָס האָט פאַרנומען מיין געבעט און צוגעזען מיין עלנטקייט. נתן האָט מיר אַ נאָמען געגעבן „דעם אָרעמאַנס שעפּסעלע", אין דעם ליגט מער אַנזאָג ווי שטראָף־זאָג. איך וויל זיך מיען צו ווערן יעדן אָרעמאַנס שעפּסעלע. איך וועל זיך אָפּגעבן מיט וווילטעטיקייט, מיט צדקה, מיט אַכטונג געבן אויף די אָרעמע משפּחות אַז זיי זאָלן טאָקע האָבן ביי זיך אין הויז אַ „שעפּסעלע"... ניט ליידן קיין הונגער־נויט, האָבן וואָל מיט וואָס צוצודעקן זייער נאַקעטקייט. מיין גאַנצן גליקלעכן לעבן וואָס איז מיר באַשערט, פריער. פון השם'ס האַנט, און דערנאָך, פון דיר, וועל איך ווידמען אָט־דער ארבעט: זען באַפרידיקן די נויטווענדיקע באַדערפעניש פון די נויטבאַדערפטיקע אין ישראל, אָט־אַזוי, האָף איך, וועל איך זיין אימשטאַנד אָפּצודאַנקען השם

יתברך... אָרעמקייט איז אַ געפערלעכער שונא פון מיין מענטש. דו, דויד, האָסט אַוועקגעגעבן דיין לעבן צו באַקעמפן די אויסערלעכע שונאים פון ישראלס לאַנד און איך וועל אַוועקשענקען מיין לעבן דעם קאַמף קעגן דעם אינערלעכן שונא — דלות.

דויד, באַגייסטערט שפּרינגט אויף פון זיין פּלאַץ, שטעלט אַ פּאָר לאַנגע טריט איבערן צימער. ער איז פאַרזונקען אין געדאַנקען. ער קומט צוריק צו זיין פּלאַץ, און שטייענדיק רעדט ער צו בת־שבען מיט אַ ציטער־דיקער שטים, אָבער מיט אַ קלאָר־שאַרפן חיתוך־הדיבור:

— גרויסע אונטערנעמונגען שטויסן זיך תמיד אָן אין גרויסע שווע־ריקייטן. אַזוי גייט עס אַלע מאָל אין דער וועלט. גרויסע מענטשן ווערן אַלע מאָל געשטעלט פאַר גרויסע נסיונות. זיי מוזן אויסהאַלטן גרויסע און שווערע פּרוון, כדי צו באַוויזן זייער אמתע גרויסקייט. און אויף אַ גרויסער נשמה לויערן שטענדיק געפאַרן, סכנות, מיכשולים. די כוחות פון טומאה, די לעגיאָנען פון די בייזע רוחות ווילן ניט לאָזן איר געבוירן ווערן, און ווען זי ווערט געבוירן, ווילן זיי אַריינקריגן זי אין זייער קלעם. אָבער ווען איך האָב געהערט אַז דו ביסט גרייט זיך איבערצוגעבן דער הייליקער אַרבעט פון מעשים טובים, בין איך אָנגעפּילט געוואָרן מיט אַ געפיל פון זיכערקייט אין אונדזער הצלחה און מזל־ברכה. מיט אונדזערע ביידנס כוחות וועלן מיר מיט השם יתברך'ס הילף, זיכער דערגרייכן אונדזער ציל: צו שאַפן די ערשטע און לעצטע ד. ה. די אייביקע קייזערלעכע די־נאַסטיע אין ישראל... די משיחישע...

בת־שבע הערט זיך צו צו זיינע רייד מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און איר ווערט איצט אינגאַנצן קלאָר, פאַר וואָס דויד שרעקט זיך אַזוי. און זי נעמט באַגרייפן אַז ער, דער שטאַרקער, אומדערשראָקענער דויד דערוואַרט הילף פון איר זייט — ווייל די אונטערנעמונג איז אַזוי מאוימדיק גרויס און וויכטיק... און דער שטן וועט זיך שטעלן אַנטקעגן... — זי וועט עס אים געבן אין אַ פולער מאָס.

## 14

— ליבער דויד, דו קענסט זיך גאָרניט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ געברענטע ליידן איך האָב דורכגעלעבט אין די לעצטע דריי חדשים. ווען איך בין געבליבן אַליין, פאַרלאָזן פון דיר. מיין וועלט איז מיר

חושך געוואָרן. מיין זעל האָט זיך אויסגעלאָשן. אַ תהום פון פינצטערניש האָט מיך פאַרשלונגען... אָבער צו וואָס דערמאָנען די פאַרגאַנגענע ליידן? איך טו עס בלויז מיט דער כוונה, שטאַרקער צו מאַכן די צוקונפטיקע און איצטיקע פריידן.

זי בייט דעם טאָן. זי רעדט אין אַ האַלבן פליסטער:

— דויד, מלך ישראל, דו ביסט מיין באַרג און איך בין דיין טאָל... איך וועל זיך באַזעצן, פאַר די קומענדיקע דרייסיק טעג, אין טאָל לעבן באַרג גריזים. איך וועל דאָרט אויפשטעלן אַ געצעלט. איך וועל מתפלל זיין און רייניקן מיין האַרץ, זויבערן און כשרן מיינע געפילן, אָפּוואַשן זיי פון גרויסהאַלטעריי, כבוד־זוכעניש, ניט־פאַרגינערישקייט, האַס, כעס, אויפגערייצטקייט, אויפגעבראַכטקייט. איך וועל אָט־די ווילדע גראָזן אויסרייסן מיט די וואָרצלען פון מיין פעלד פון געמיט. איך וועל גאַנצע טעג און ביז נאָך האַלבער נאַכט לייענען די הייליקע מגילות און זינגען די לויבגעזאַנגען, וואָס דו האָסט פאַרפאַסט מיט רוח־הקודש...

מיין ליבער דויד, דיין נאָמען קומט פון דוד, דודים, ליבער און ליבשאַפט. דויד מיינט אַ פאַרליבטער. מיט דיינע געזאַנגען מאַכסטו אונדז פאַרליבן זיך אין יהוה... איך בין ניט קיין נביאה און ניט קיין טאָכטער פון אַ נביאה, אָבער איך פיל און זע און מוז עס דיר זאָגן: דיין זאַמלונג פון לויבגעזאַנגען וועט געזונגען ווערן אייביק, עס וועט ווייט איבערלעבן אַלע דיינע העלדישע טאַטן, וואָס דו האָסט באַוויזן אויף די שלאַכטפעלדער און דיינע מיליטערישע עקספּעדיציעס, וואָס דו האָסט אונטערנומען און דורכגעפירט מיט אויסערגעוויינטלעכן דערפאָלג, אויסגעבערייטערט און פאַרזיכערט די גרענעצן פון לאַנד־ישראל.

דו האָסט געוואָלט נעמען בויען אַ הויז פאַר יהוה, דעם גרעסטן און דעם הייליקסטן בית־המקדש האָסטו אויפגעריכט אין דיינע געזאַנגען. אָט־דער טעמפּל איז געבויט ניט פון צעדערבוימער, וואָס קומען פון לבנון, און ניט פון שטיינער, נאָר פון אַ געבראָכן געמיט און אַ פאַרקלעמט האַרץ. און ווער עס וועט פילן אַ דורשטיקייט נאָך השם וועט קומען טרינקען פון קוואַל פון דיין ספר תהלים... ווער עס וועט שפּירן די לאַסט פון זינד, וועט פאַרצערט ווערן פון פאַרדרוס, פון ברענענדיקער חרטה, וועט זיך ווענדן צו דיין תהלים. ווער עס וועט זוכן אַ טרייסט, ווער עס וועט וועלן אויסגיסן זיין זעל פאַר יהוה, דעם הערשער און געוועלטיקער איבער די ריינע הערצער פון אַלע מענטשנקינדער, וועט זיך קערן צו דיינע הימלישע הימנען, ווי איך טו עס אַזוי אָפט.

דויד, זינג אויס מער אַזעלכע מזמורים, אין זיי וועסטו לעבן און זינגען אייביק. ערדישע קעניגרייכן וועלן פאַרגיין, הימל און ערד וועלן ווערן צעפרעסן ווי אַ מלבוש פון מאָל, יהוה׳ס וואָרט, אָבער, וועט בלייבן אייביק. און דער מעכטיקסטער און שענסטער אויסדרוק פון פאַרליבטקייט אין יה, פון בענקען און לעכצן נאָך יהוה געפינט זיך אין דיינע געזאַנגען. די וויניקע וואָס דו האָסט מיר געגעבן, האָב איך אויס־געלערנט אויפּאויסוויניק אַזוי, אַז איך זאָל זיי קענען שעפּטשען ווען איך בין אין וועג, אין דער פינצטער... ווו איך זאָל זיך ניט געפינען.

אויב עס איז אמת וואָס אַנדערע לערנען אונדז, אַז אין הימל זאָגן די מלאכים שירה פאַרן מלך מלכי המלכים, דעם קעניג איבער די קעניגן פון קעניגן, בין איך זיכער אַז זיי זינגען פאַר אים דיינע תהלות און תשבחות, ווייל קיין בעסערע קענען ניט געמאָלט זיין ניט אויף דער ערד און ניט אין הימל.

דויד איז שטאַרק גערירט פון אירע באַגייסטערטע רייד.

— מיט אַזאַ ברען און אַנטציקונג צו ריידן וועגן געזאַנג קען בלויז דער, וועמענס נשמה זינגט מיט. און אַ נשמה מיטגעזאַנג איז דאָס העכסטע געזאַנג. דאָס איז די שירה וואָס זינגט אָן ווערטער און אויך אָן הערעוודיקע קלאַנגען. אַזאַ שירה שטייגט אַריבער אַלע מיינע געזאַנגען צו יהוה — ווייל דאָס איז דער געזאַנג פון פולשטענדיקן שווייגן... ווען אַלע קולות און קלאַנגען פון דער וועלט ווערן פאַרשטילט אין אײן צוהערן זיך און אריינהערן זיך אין דער אייביקער וועלטן־דומיה... ווען איך האַלט אין מיטן זינגען, אויסשפּילן און אויסטאַנצן מיין פאַרצערט־ווערן ווי אַ בראַנד־אָפּפער אויף דעם אינערלעכן פייער פון קלעמעניש און לעכצעניש נאָך יהוה, פיל איך אַז איך מוז שטיל ווערן, שטומען, ווייל בלויז שטומקייט קען ארויסברענגען מיין לײדנשאַפט זיך צו באַהעפטן אין אים... צו פאַר־לאָזן מיינע חושים, מיין פאַרשטאַנד, מיין אייגענעם מהות און ווערן איין גייסט־לייב מיט אים.

דוידס אויגן האָבן זיך אַנגעצונדן ווי צוויי פאַקלען.

ער האָט אַרויפגעדריקט אויף אירע ליפּן אַ פייערדיקן קוש. ער האָט זי פאַרדריקט אין זיינע מעכטיקע אָרעמס אויף איין רגע און גלייך אימפּעטיק אַרויסגעלאָפן פון צימער. אויף יענער זייט פון דער האַלב־פאַרבויגענער פאַר־טיערע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ קער געטאָן זיך מיטן געזיכט צו בת־שבע, זיך געלאָזט גיין אויפהינטערווילעכטס צו דער טיר פון הויז. מיט האָסט אַ נעם געטאָן דעם פאַסטעך־שטעקן, וואָס ער האָט געלאָזט שטיין,

ביי זיין אַריינקומען, אַנגעלענט קעגןביישטידל, און איר צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

— אין דרייסיק טעג אַרום וועל איך דיך געפינען אין טאָל.

בונ־שבע ענטפערט מיט עקזאַלטאַציע:

— איך וועל יעדן טאָג אויסקוקן מיינע אויגן, הויבן זיי צום באַרג גריזים און פרעגן: „פונוואַנעט קומט מיין הילף?"

בת־שבע אַ באַגייסטערטע, ווי זי וואָלט אַריינפאַלן אין אַ טראַנס, זינגט:

„פון די טיפענישן רוף איך דיך, יהוה.
זאָלן דיינע אויערן, אדוני, זיין וואַכזאַם
צום קול פון מיינע געבעטן...
אז דו יה זאָלסט אַכט געבן אויף זינד,
איז ווער, אדוני, וועט קענען ביישטיין?
וואָרעם ביי דיר איז פאַרגעבונג,
דערום ווערסטו געפאַרכט" —

און נאָך מער ווי געפאַרכט, ווערסטו געליבט פון דיינע געטרייע דינער, דיינע באַשעפענישן, — גיט בת־שבע צו פון זיך.

דורך דער קורצער צייט פון איר רעציטאַציע בלייבט דויד שטיין לעבן טיר, ווי אַ צוגעשמידטער מיט גאָלדענע קייטן, ער קען זיך פון אָרט ניט רירן.

בת־שבע זינגט ווייטער:

„איך האָב געהאָפט אויף יהוה,
געהאָפט האָט מיין זעל,
אויף זיין וואָרט האָב איך געהאָפט.
מיין זעל קוקט אויס אויף אדוני,
מער ווי וועכטער אויף פרימאָרגן,
וועכטער וואָס היטן דעם פרימאָרגן.

פאַרלאָז זיך, ישראל, אויף יהוה!
וואָרעם ביי יהוה איז גנאָד,
און ביי אים איז גרויס אויסלייזונג;
און ער וועט אויסלייזן ישראל
פון אַלע זיינע זינד" —
און פון אַלע זיינע אומגליקן און פורעניות.

מיטן פאַרהילך פון לעצטן קלאַנג, טרעט דויד אריבער די שוועל,
ער גייט אוועק מיט געאײלטע טריט.

## 15

ווי נאָר בת־שבע איז געוויר־געוואָרן אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט זי זיך נאָך מער איבערגעגעבן איר הייליקער אויפגאַבע אויס־צופורעמען ווי געהעריק סיי קערפּערלעך און סיי גייסטיק דעם צוקונפטיקן קעניג־נביא־חכם פון ישראל, וואָס זיין יוחסין־קייט פון קעניגן וועט זיך קיינמאָל ניט איבעררייסן. זי האָט געשטעלט דעם פולן טראָפּ אויף דעם טאָפּעלן וואָרט נביא־חכם. ווען זי וואָלט דאַרפן אויסקלייבן צווישן קעניג און נביא־חכם וואָלט זי זיך קיין איין רגע ניט געוואַקלט אין איר אויסוואַל. די ארומיקע פעלקער, די געצענדינערישע שכנים־שבטים און פעלקערטימער האָבן דאָך אויך קעניגן, זיי פאַרמאָגן, אָבער, ניט קיין נביאים. נבואה איז דער אַרב פון פאָלק ישראל. און זי, די פשוטע פרוי, בת־שבע, וועט זוכה זיין צו געבן דעם פאָלק ישראל אַ פאַראייניקונג פוןביידע געשטאַלטן אין איין פּערזאָן: אַ נביא וואָס וועט קיניגן דורך זיין חכמה.

זי איז געווען זיכער, אַז זי טראָגט אין לייב אַ זכר, אַ זון, ניט קיין טאָכטער. זעלטן ווען אַ צווייפל האָט זיך אַריינגעשליכט אין איר געדאַנק מכוח דעם. אָבער דעמאָלט ווען ער האָט זיך פאָרט אַריינגעגנבעט אויף איין פאַרביילויפנדיקער רגע, האָט ער געוואָרפן אַ דיקן שאָטן אויף אירע ליכטיקע פּערספּעקטיוון, פאַרכמורעט איר געזיכט און פאַרטונקלט אירע אויגן. זי האָט אים אָבער, גלייך אַרויסגעשמיסן פון איר קאָפּ. דאָך האָט זי אָנגענומען אַלע מיטלען וואָס זיינען איר געווען באַקאַנט אַז דער עובר וואָס געפינט זיך אין איר בויך זאָל זיך אויסגעשטאַלטיקן אין אַ יינגל. זי האָט זאָרגפעלטיק אַכטונג געגעבן אויף איר דיעטע. זי האָט געגעסן אַזוי ווייניק ווי נאָר מעגלעך. זי האָט פאַרוואָרפן פלייש און פיש, זיך געשפּייזט בלויז מיט גרינס, פרוכט, ניס, מילך, קעז און פאַרשיידענע זאַפטן פון רייפע און זיסע פירות, וואָס זי אַליין פלעגט אויספּרעסן, און פרישערהייט, איידער זיי נעמען יוירן, אויסטרינקען. פאַר דער גאַנצער צייט פון איר טראָגן האָט זי אויסגעמיטן ניט בלויז אָנצורירן די באַשעפענישן וואָס ווערן פאַררעכנט פאַר אומריין און זיינען ניט כשר פאַרן געברויך, נאָר

אַפילו שטיין נאָענט לעבן זיי אָדער קוקן אויף זיי. זי האָט געהאַלטן אירע אויגן ריין. זיי זיינען די פענצטער פון דער נשמה, פלעגט זי זאָגן, און מ'טאָר זיי ניט לאָזן פאַרשטויבט ווערן אָדער פאַרשמוצט ווערן. זי האָט אויסגעמיטן יעדע מגע ומשא מיט געצנדינער, מיט מענטשן וואָס פאַר־גנעמען זיך מיט פאַרגיסן בלוט פון אומשולדיקע באַשעפענישן, ווי קצבים, פישערס, יעגערס, אַרמייערס. זי האָט ניט געוואָלט דערלאָזן אַז זייער מראה זאָל זיך אָפּשפּיגלען אין אירע שוואַרצאַפּלען, און אַזוי אַרום באַ־איינפלוסן דאָס קינד וואָס גיסט זיך אָפּ אין איר לייב־פורעם. זי האָט זיך אויסגעהיט פון אַרויסברענגען אַ בייז וואָרט וועגן אַ מענטשן אָדער אפילו אַ קעגנשטאַנד. זי האָט איר שטים ניט אויפגעהויבן העכער פון דעם טאָן, וואָס ווערט געברויכט געוויינטלעך אין אַן אויפגעלייגטן געמיטלעכן גע־שפּרעך. זי האָט זיך אויסגעהיט פון צו הערן אַ שלעכט וואָרט, אַ צאָרנדיק אויסגעשריי, אַ זידל וואָרט. זי האָט באַוואָרנט איר געהער פון דעם שטויב פון לשון־הרע, ווייל דאָס אויער איז אַן אָפן טירל, פלעגט זי זאָגן, צו דער זעל, און פון איר זעל קען עס קומען צו דער זעל פון איר דערוואַרט קינד.

דריי מאָל אַ טאָג האָט זי מתפלל געווען מיט גרויס כוונה. די איבעריקע צייט איז זי געווען פאַרנומען מיט ווילטעטיקער אַרבעט. אין די פרייע שעהן האָט זי געלייענט אויפן קול, בכדי איר קינד זאָל עס קענען הערן, אַזוי האָט זי געטראַכט, די הייליקע מגילות איבערהויפּט די שטעלן וואָס האָבן דערציילט וועגן יעקבס ווייבער און דאָס געבוירן־ווערן פון זייערע קינדער. זי האָט אויך ליב געהאַט זיך צו פאַרלייענען אין מגילת רות דער־עיקר'שט צוליב דער גענעאָלאָגיע, וואָס געפינט זיך דאָרט צום סוף, אָנגעהויבן פון פרץ'ן, יהודה'ס זון, און קומענדיק צו דוידן. זי האָט עס אין געדאַנק פאַרגעזעצט ווייטער.

אין וואָס איז באַשטאַנען איר ווילטעטיקע אַרבעט? זי האָט אָנגע־פאַנגען אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב. זי האָט זיך איינגעשאַפט פלאַקס פון די קעניגלעכע פעלדער און וואָל פון די טשערעדעס. זי האָט עס גוט אויס־געוואַשן, צעבאַרשט, געשפּונען, געוועבט און געשטריקט פון דעם טריקאָס, שאַלן, פאַטשיילעס און דעקעס, אויך ווינדעלעך און וויקל־שנורן פאַר עופהלעך, און עס פונאַנדערגעטיילט צווישן די אלמנות און יתומים פון דער אָרעמער ירושלימער באַפעלקערונג. זי האָט געאַרבעט זייער פלייסיק, אָבער גאַנץ פרי האָט זי זיך דערקונדיקט אַז ווי פלינק און פלייסיק זי זאָל ניט אַרבעטן, וועט זי מיט אירע אייגענע צען פינגער פיל ניט קענען

אויפטאָן. אמת, זי האָט אָפּגעשפּאָרט היפּשע צייט פון אירע תּפילות, וועלכע זי האָט דערפירט צו בלויז אַ פּאָר געציילטע זאַצן: אַן אויסדרוק פון דאַנק צום אַלמעכטיקן פאַר אַלדאָס גוטס, וואָס ער האָט געטאָן פאַר איר און פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל, און פון ווונטשן וואָס זי ווינטשט דעם עופהלע, וואָס זי טראָגט אין זיך, ווינטשט דווידן דעם געזאַלבטן און זיך אַליין אויך, ווי דער מוטער און אַם פון צוקונפטיקן קינד. לייענען האָט זי כמעט ווי אויפגעגעבן, בלויז אַ פּאָר מינוט פאַרן אַנטשלאָפן ווערן פלעגט זי לייענען די מגילה „ויצא". זי האָט זיך מער ניט פאַרגונען, כּדי איר זאָל בלייבן וואָס מער צייט פאַר איר אַרבעט. זי האָט געטראַכט אַז די אמתע תּפילה איז איר אַרבעט. זי איז מתפּלל דעמאָלט מיטן גאַנצן קערפּער. און איר האָט זיך געדוכט אַז דער עובר ביי איר אין בויך קוועלט אַן פון אירע מעשׂים טובים, פון פאַרטיילן קליידער און אַנדערע זאַכן מער אײדער ווי פון לייענען אים אויפן קול די וווּנדערלעכע פאַר־ציילונגען פון די הייליקע מגילות.

זי האָט געאַרבעט פון פרי ביז שפּעט. זי פלעגט מאַכן אַ ניט־לאַנגן איבעררייס, וועלכן זי האָט פאַרברויכט פאַר ארויסכאַפּן זיך און דורכגיין זיך אַ ביסל אין די פעלדער, אין די גערטנער בכדי אָנצוזעטיקן אירע אויגן מיט די גרינע, ברוינע, רויטע און ראָזע קאָלירן פון די בלומען, פלאַנצן, געוויקסן אין די סעדער־פלאַנטאַציעס און וועלדלעך, און אָנפילן אירע לונגען מיט פרישער לופט, און אירע אויערן מיט דעם געצוויטשער פון די פייגעלעך. זי האָט געאַרבעט זייער לאַנגע שעהן און דאָך האָט זי קיין סך ניט געקענט אָנאַרבעטן.

וואָס מער און נענטער זי האָט זיך באַקענט מיט דער אָרעמקייט וואָס האָט געהערשט צווישן די נידעריקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, אַלץ בעסער האָט זי איינגעזען די אומאויפטוערישקייט פון איר אָנשטרענג. עס איז, האָט זי תּופס געווען, ווי איינער וואָלט וועלן אויסשעפּן דעם ים מיט אַן עמער...

און זי האָט גענומען צוציען די הויף־פרייליכס, אויך די טעכטער פון די רייכע משפּחות פון ירושלים, צו איר אַרבעט. זי האָט איינגעפירט אַ שפּינעריי און וועבעריי־וואַרשטאַט. פון די אויסגעאַרבעטע אַרטיקלען איז אַ טייל אָוועקגעגעבן געוואָרן אומזיסט צו די נויטבאַדערפטיקע און אַ טייל איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר א הויכן פּרייז צווישן די גבירישע פאַמיליעס, וואָס האָבן ווילִיק איבערגעצאָלט ווויסנדיק אַז דאָס געלייזטע געלט גייט פאַר אַ צדקה־צוועק און אַז בת־שבע וועט וויסן פון דעם און

זי וועט באַדאַנקען דערפֿאַר. זי האָט אויך געעפֿנט אין אָרעמע קוואַרטאַלן פֿון ירושלים וואָלוועלע קיכן. אין דער אַרבעט האָבן איר אַרויסגעהאָלפֿן אייניקע פֿרויען פֿון די מיוחסדיקע משפּחות.

זי האָט זיך, אָבער, גאַנץ גיך איבערצייגט אַז דאָס הייפּעלע שטרוי וועט ניט זאַט מאַכן דעם פֿאַרהונגערטן אָקס, און זי האָט גענומען דינגען צו דער אַרבעט אין אירע וואַרשטאַטן די אונטערוואַקסנדיקע טעכטער פֿון די אָרעמע שיכטן און פֿון די מיטעלע, וואָס האָבן ניט געוואָלט נעמען קיין נדבות און מתנות, אָבער אַרבעטן פֿאַר שכירות זיינען זיי געגאַנגען. דאָס געהאָלט און אין צוגאָב אויך אַ טייל פֿון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, וואָס זיי פֿלעגן קריגן, האָבן זיי אָפּגעגעבן זייערע מוטערס און אַזוי אַרום לייכטער געמאַכט פֿאַר די עלטערן צו טראָגן דעם יאָך פֿון היונה פֿאַר דעם הויזגעזינט.

ווען די צאָל אַרבעטאָרינס אין אירע שפּינערייען און וועבעריי־וואַר־שטאַטן האָט זיך פֿאַרגרעסערט, האָט בת־שבע פֿון זיי געמוזט אַרויסטיילן אויפֿזעערינס. זי אַליין האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיטן איינשאַף פֿון די רויע שטאָפֿן און מיט דעם אויפֿפּאַסן אויף דעם פֿאַרטייל און פֿאַרקויף פֿון די אויסגעאַרבעטע סחורות.

כדי זי זאָל ניט דאַרפֿן קויפֿן פּראָוויאַנט פֿאַר אירע וואָלוועלע רעסטאָ־ראַנען האָט זי אויסגעקוקט פֿרייע שטיקער לאַנד, וואָס זיינען געלעגן און געפּוסטעוועט אין די געגנטן, וואָס אַרום ירושלים און האָבן באַלאַנגט צו רייכע לייט. זי האָט זיי אָפּגעקויפֿט פֿאַר אַ מינימאַלן אָפּצאָל, און זיי געלאָזט באַאַרבעטן פֿון די אַלמנות און יתומים. זי האָט אַפֿילו פֿאַרפֿלאַנצט וויינגערטנער. געעפֿנט קעלטערס אין וועלכע עס זיינען געוועזן באַשעפֿטיקט די נידעריקסטע פֿון די נידעריקע אויף די שטאַפּלען פֿון ווירטשאַפֿטלעכן לייטער. דעם קאַמף קעגן „איבערלעכן שונא“, דלות, האָט זי אָנגעפֿירט ווי אַ געשיקטער פֿעלדמאַרשאַל, אַ גרויסער בקיא אין תכסיסי מלחמה: סטראַטעגיע, סילאָגיסטיק און טאַקטיק. איר נאָמען האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

פֿון אַלע ישובים האָבן זיך געצויגן צו איר אַלמנות, יתומים און יתומות. מ׳האָט זי גערופֿן „די מוטער פֿון יתומות און די לייבלעכע שוועסטער פֿון אַלמנות“. און איר פֿאָפּולאַריטעט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. לעגענדעס און פֿאָלקס־לידלעך האָבן זיך געשאַפֿן וועגן דער „אשת חיל, וואָס ווער קען אַזוינס געפֿינען“. ברכות פֿון טויזנטער און צען טויזנטער

מיילער האָבן זיך געשאָטן, ווי ווייסע בליטן, אויף איר שיין געטאָקטן און באַלאָקטן קאָפּ:

„פיל טעכטער האָבן באַוויזן בריהשאַפט,
אָבער דו שטייגסט אַלעמען אַריבער".

די איבעריקע פרויען פון קייזערלעכן הויף, וואָס האָבן פונאַנפּאַנגס אָפּגעהוזקט פון איר און איר פירונג, איר „אַרומשלעפּן זיך", ווי זיי האָט זיך אויסגעוויזן אין זייער גרינגשעצונג, מיט אַלע שלעפּערקעס, האָבן גענומען איצט אַרויפקוקן צו איר. זיי זיינען געקומען צו איר פרעגן עצות און בעטן אינסטרוקציעס ווי אָנצוגיין מיט דער אַרבעט. זיי ווילן איר, האָבן זיי פאַרזיכערט, אַרויסהעלפן. זיי האָט זיך שטאַרק געוואָלט באַקומען כאָטש אַ טייל פון איר רום. זיי האָבן זיך אַלע מיט איר איבערגעבעטן. בת־שבע האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין הויף. ווי מיט אַ בעזים האָט זי אַרויסגעקערט די פוילענצעריי, וואָס האָט דאָרט געהערשט צווישן די ווייבער. זיי זיינען כמעט אַלע געוואָרן טעטיק אין די וואַרשטאַטן און אַנשטאַלטן, וואָס זי האָט געגרינדעט און זייער פאַרנומען־זיין האָט זיי ווי איבערגעבוירן. זיי האָבן פאַרוואָרפן זייער רכילות־טרייבן, פּליאָטקעס טראָגן, היילן זיך פון איינגערעדטע חולאתן, פּוצן זיך אַן טעם און אָן געשמאַק, זאַכן וואָס זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פון לידיק־גייעריי.

אַזוי זיינען אַוועק ניין חדשים. אין אָט־דער נייער אַטמאָספער פון קאָכנדיקער פילאַנטראָפּישער אַרבעט איז בת־שבע געלעגן געוואָרן. זי האָט געהאַט אַ לייכטן טראָגן און נאָך אַ לייכטערן קימפּעט. זי האָט כמעט ווי ניט געפילט קיין געבוירוויייען ווען זי איז געזעסן אויפן ברוכשטול, אין אַזאַ עקזאַלטירטן צושטאַנד האָט זי מיט אַלע פרויען אַרום איר, זיך געפונען.

נאָכן האָבן דאָס קינד אין אָוונט פון זעלביקן טאָג איז זי אַראָפּ פון בעט. אַזוי אַז קיין איבעררייס אין אירע צדקה־באַשעפטיקונגען איז כמעט ווי ניט פאָרגעקומען. קיין איין שפּינערדל אָדער שפּינדל האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט, קיין איין וועבשטול האָט ניט אונטערבראָכן זיין אַרבעט. אַלץ איז געגאַנגען זיין פולן גאַנג.

די שפּינערינס און וועבערינס אין דעם הויפּט־וואַרשטאַט אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט, דאָס זייער לערערין־קעניגן האָט געבוירן אַ קינד האָבן זיי אויסגעשפּונען און אויסגעוועבט שטילערהייט, אַזוי אַז בת־שבע זאָל זיך פון דעם ניט דערוויסן, ווינדעלעך און וויקעלעך און איר עס צוגעשיקט אַ מתנה. ביי איר איז דער סורפּריז־געשאַנק געווען זייער אָנגעלייגט. זי האָט קיין אַנדערע וויקעלעך, ווי די וואָס זיי האָבן איסגעאַרבעט פאַר די עופהלעך

פון די אָרעמסטע מוטערס, גאָר ניט געוואָלט געברויכן פאַר איר קינד. זי האָט געהאַלטן אַז זיי זיינען מזלדיק און וועלן פאַרהיטן דאָס קינד פון אַלע קינדערשע שלאָפקייטן, בעסער ווי אלע אַנדערע קמיעות און טאַליסמאַנען.

מיט דעם צושטים פון דוידן, דעם גליקלעכן פאָטער, האָט זי דאָס קינד אַ נאָמען געגעבן שלמה, וואָס מיינט אַז ער וועט זיין דער האַר פון פרידן און שלום.

„ער וועט זיין אַ מאַן פון רו, און יהוה וועט באַרועז אים פון אַלע זיינע פיינט פון אַרום, און שלום און שטילקייט וועט יהוה געבן ישראל אין זיינע טעג [1]"...

נתן הנביא האָט צוגעשיקט זיינע האַרציקע ווונטשן און אָנגעזאָגט אַז מע זאָל דעם קינד צוגעבן נאָך אַ נאָמען און אים רופן ידידיה, וואָס מיינט דער באַליבטער פון יה, פון יהוה.

1. דברי הימים א׳, כ״ב, ט׳.

אבא גארדין

# די דערציונג

## 1

ווי נאָר נתן הנביא האָט צוגעזאָגט און גענומען אויף זיך, די דערציונג פון דעם צוקינפטיקן זון פון קעניג דויד און בת־שבע, האָט ער, אַלעמערשט באַשלאָסן צו האָבן אַן אייגן קינד אומגעפּער פון דעם אייגענעם עלטער אַזוי אַז אין אַלץ, וואָס ער וועט טאָן בנוגע דעם אָנפאַרטרויטן האָדעוואַנעק זאָל ער זיך ריכטן ניט בלויז לויט די באַפעלן און געבאָטן פון קאַלטן שכל, נאָר אויך אין איינקלאַנג מיט דעם אינערלעכן געפיל פון די וואַרעמע שפּירונגען פון אַ פאָטערס האַרץ.

דערציען ווי ער האָט באַגריפן, קענען בלויז אַ פאָטער און אַ מוטער, און דעריבער דאַרף דער דערציער זיין אין דער בחינה פון אַ לייבלעכן פאָטער. און ווי אַ פאָטער דערבאַרעמט זיך איבער די אייגענע קינדער אַזוי אויך דער דערציער. ער דאַרף ליב האָבן אהבת־נפש דאָס קינד וואָס ער לערנט און איז מדריך אין די וועגן פון יראת־שמים און רעכט־פאַרטיקייט. אָט־די ליבע דאַרף העלפן דאָס פאַרזעלביקן זיך פון לערער און תלמיד און מאַכן פון זיי איין גוף און איין נשמה, און באַוויזן דעם גרויסן וווּנדער וואָס באַשטייט אין איבערגיסן וויסן און קענטעניש פון איין גייסטיקן געפעס אין אַ צווייטן, פון דעם רבי'ס בית־הקיבול אין דעם תלמידס בית־הקיבול.

דער נביא נתן האָט זיך געהאַט אָפּגעשיידט פון זיין ווייב הודיה. ער האָט געלעבט אין פולער פרישות גלייך נאָך דעם געבוירן ווערן פון ערשטלינג, זיין בכור־זון עזריהו. ער האָט געלערנט אַ קל וחומר אַזוי: מה דאָך די בני ישראל ווען זיי האָבן געגענט צום באַרג סיני אויפצונעמען יהוה'ס וואָרט, זיינען באַפוילן געוואָרן פון השם זיך צו האַלטן פונדער־וויטנס פון זייערע ווייבער גאַנצע דריי טעג, כדי זיי זאָלן זיין ריין, וואָך און מונטער, אַ פשיטא שוין ער, וואָס דערוואַרט אלהים'ס וואָרט צו יעדער צייט. ער ווייסט דאָך ניט קיינמאָל איינפאָראויס ווען דאָס וואָרט וועט קומען צו אים, דאַרף ער דאָך אַוודאי און אַוודאי זיך האַלטן פונדער־וויטנס פון זיין אשה.

אַזוי האָט דאָך דער גרויסער נביא משה געטאָן, לויט ווי עס שטייט

געשריבן אין די הייליקע מגילות. און ווען אלדד און מידד האָבן גענומען נביאות זאָגן, האָט, דעריבער, צפורה אויסגעשריען מיט סימפּאַטישן וויטאָק: אַ בראָך צו זייערע ווייבער! זייערע מענער וועלן זיך אָפּזונדערן פון זיי, ווי משה האָט זיך אָפּגעזונדערט פון מיר [1].

דער גייסטיקער כוח אין מענטשן ווערט געשפּייזט פון די אָפּשפּאָרונגען פון געשלעכטלעכער ענערגיע. און דער מענטש וואָס איז ניט קאַרג אין זיינע לײדנשאַפטן און שפּאָרט ניט, האָט טאָקע ניט עס גילט אַ פּאָלקס־ווערטל: ווער ס'גנבעט ניט, האָט ניט. אַ סך אמת ליגט אין דעם, און דער פּשט דערפון איז: די זעל וואָס גנבעט ניטביים קערפּער, רויבט ניט די כוחות פון די קערפּערלעכע תאוות, די האָט ניט, בלייבט אָרעם, זי האָט ניט פון וואַנעט צו נעמען קרעפטן, דערהויבנקייט און דערהייכונג. די נשמה דאַרף צוגנבענען פון גוף דעם אַלפּאַרצערנדיקן ברען פון גלוסטונג פון לייב ווייל אָט־דער פלאַם־פייער קומט פון דער לעכצעניש פון דער זעל נאָך דער באַהעפטונג מיט דעם גאָרטום און אַלצטום פון דאַזיין. דער מענטש דאַרף ברענען ווי אַ ליכט פאַר השם און זיך ציען צו די הימלען. מע קען ניט דינען צוויי הערן, די ערד וואָס איז ווייב און דעם האַר פון די גייסטער, די גבורה פון גייסטיקייט... יעדער אַקט פון באַהעפטונג איז, אין אַ געוויסער היטזיכט, עבודה זרה, געצנדינסט. דער מאַן דינט און פאַלט אויפן געזיכט פאַר זיין ווייב. ביאה מיינט בוקן זיך און קניען פאַר דאָס ווייבלעכע, מוטערלעכע, פאַרן מהות פון קערפּערלעכן המשך. אַ נביא דאַרף נעמען אַלע קינדער פון ישראל פאַר זיינע אייגענע קינדער, גייסטיקע קינדער.

אָבער אַצינד האָט נתן באַשלאָסן צו ברעכן זיין נדר פון פּרישות, ווייל ער דאַרף האָבן נאָך אַ זון. ער האָט זיך באַהעפט מיט זיין ווייב און זי האָט אים געבוירן אַ זון, ווי ער האָט דערוואַרט. ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן זבוד, ווייל ער וועט זיין אַ צוגעקניפּטער און באַשערטער פאַר שלמהן. זיי וועט ער דערציִען צוזאַמען, און ער וועט לערנען זיין האַרץ צו שפּירן די זעלביקע געפילן צו איינעם ווי צום צווייטן.

נתן האָט אויך געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק זיך צוריקצוציען פון קייזערלעכן הויף, און אין די אַלע יאָרן, ווען ער וועט זיין פאַרנומען מיט שלמה'ס דערציונג, זיך ניט מישן אין קיינע מלוכהשע אָנגעלעגנהייטן. ער האָט פאַרן קעניג דויד פאַרגעשטעלט גד'ן און ער האָט געזאָגט: פון היינט אָן און ווייטער וועט אלהימס וואָרט און לייטונג דיר געגעבן ווערן דורך דעם מויל פון גד, דעם זעער.

---

1. מדרש תנחומא, ויקרא צו, י״ג.

לכתחילה איז דער נביא, נתן, געווען זייער געשמייכלט פון בת־שבע'ס פאָרשלאָג צו זיין דער דערציער פון איר צוקינפטיקן זון. ער האָט זיך געפילט דערהויבן פון דעם צוטרוי וואָס זי האָט צו אים און פון איר גלויבן אין זיינע פעיקייטן פון אַ מחנך. ער האָט זיך געשעצט אַפילו גליקלעך וואָס אים ווערט געשאָנקען די גאָלדענע געלעגנהייט צו העלפן צוגרייטן אַ פּאַסיקן קעניג פאַרן פאָלק ישראל.

אויף דער אותו־רגע איז אים גאָר ניט איינגעפאַלן זיך אַ פרעג צו טאָן, צי ער האָט אַ רעכט צו נעמען אויף זיך אזא אחריותפולע אַרבעט. אַזוי ווי ער האָט ביז־אַהער קיין מאָל זיך ניט אינטערעסירט מיט דער פּראָגע פון האָדעווען און דערציען קינדער, האָט ער ניט באַגריפן וואָס פאַר אַ שווערע און פאַרוויקלטע אויפגאַבע דאָס איז, אַז דאָס קענען און וויסן ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אַ קינד — איז אַ לערע און אַ קונסט. אַ קלייניקייט אַריינגלידערן אַ נייעם דור אין דעם אָרגאַנישן פאַרפלעכט פון די פאַרויכגייענדיקע און נאָכקומנדיקע דורות פון אַ פאָלק, אַזוי אַז קיין איבערייס זאָל ניט פאָרקומען און דאָס פאָלק זאָל באמת פאַרשטעלן מיט זיך עפּעס שלימותדיקס, המשכדיקס, אָן פלוצלומדיקע שאַרף־ווינקלדיקע איבערגאַנגען. און די אָפּעראַציע דאַרף דאָך געמאַכט ווערן, אַזוי פיינלאַז ווי נאָר מעגלעך, אויף יעדן מיטגליד פון אויפוואַקסנדיקן דור. ער האָט געוווּסט אַז אין ס'רוב רייכע הייזער, ישראלישע און ניט־ישראלישע, גיבן זיך אָפּ מיט דער דערציונג פון די קינדער די אַלטע שקלאַפן וואָס טויגן זיך שוין ניט צו עפּעס אַנדערש, האָבן ניט קיין כוח אויסצופילן אַנדערע אַרבעטן אין דער הויזגעזינט־ווירטשאַפט. איז אויב זיי, די שקלאַפן, קענען עס טאָן, וועט ער דאָך עס אַוודאי קענען. און אים איז־גאָר אויפן געדאַנק ניט אַרויף צו פרעגן זיך צי איז ער באַהאַוונט אין די ענינים פון חינוך.

## 2

נאָך דעם ווי די אָנגענעמע איבעראַשונג איז אַריבער און זיין באַגייס־טערונג איז אַביסל אָפּגעקילט געוואָרן האָט ער זיך געשטעלט די שאלה: נתן, דו ווערסט אַ דערציער? זאָג מיר, איך בעט דיך: וואָס איז אַזוינס דערציונג? און נאָך מער, ווי אַזוי דערציט מען עס אַ צוקינפטיקן קעניג אַזוי, אַז ער זאָל באמת זיין ראוי צו פאַרנעמען אַ טראָן און הערשן איבער אַ גאַנץ פאָלק און דערצו נאָך אָן אויסדערוויילט האַרטנעקיק פאָלק ווי ישראל איז?!

אַז ער האָט זיך שוין יאָ געשטעלט די דאָזיקע פראַגעס האָט ער ערשט זיך געכאַפּט אַז ער האָט אויף זיי ניט קיין ענטפערס. אַז ער ווייסט בפועל ממש גאָרנישט וועגן דעם ענין. און ער האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט וואָס ביז אַהער האָט ער גאָר קיין טראַכט ניט געטאָן וועגן דעם, הגם ער איז דאָך געווען אַ פאָטער, געהאַט שוין אַ דערוואַקסענעם זון, עזריהו.

און ער באַגרייפט איצט פאַרוואָס משהס קינדער זיינען גאָר ניט געווען גערעכט גייסטיק אין זייער פאָטער, דעם הימלישן מאַן; פאַרוואָס שמואלס קינדער זיינען ניט געווען פּאַסיק צו ווערן דעם זעערס גייסטיקע יורשים. זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט פלאַנצן און פלעגן דעם פאָלקס וויינגאָרטן, און דעם אייגענעם קינדער־וויינגאָרטן האָבן זיי פאַרנאַכלעסיקט.

אַז מ'טראַכט ניט וועגן אַ זאַך, זעט מען זי ניט, ווי זי וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. ער האָט ניט תופס געווען אַז יעדער פאָטער טראָגט אחריות פאַר איינעם אָדער עטלעכע מיטגלידער פון אויפקומענדיקן דור, אַז צו זיין אַ פאָטער, ווי באַדאַרף צו זיין, איז אַ באַרוף. ס'איז גאָר ניט אַזוי איינפאַך, האָבן אַ קינד איז איין זאַך און אים מדריך זיין איז אַ צווייטע זאַך. ניט יעדער וואָס איז פעיק צו קינדלען איז אויך פעיק צו זיין אַ מדריך, אַ מחנך. און ער באַגרייפט איצט אַז דאָס וואָס ער איז געוואָרן צום צווייטן מאָל אַ טאַטע, מיינט נאָך ניט אַז ער איז דורך דעם אַליין געוואָרן אַ געשיקטער דערציער.

איצט פאַרשטייט ער ווי געאיילט ער האָט געהאַנדלט ווען ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו דערציען בת־שבעס זון, איצט האָט ער שוין אַ נאָמען, אַ טאַפּעלן דערצו, שלמה ידידיה. ער איז אַ פּנים, האָט ער געטראַכט מיט פאַרוווּרף, אַ געטרייער זון פון פאָלק וואָס טוט אַלץ אין איילעניש, שרייט „נעשה״ פאַרן „נשמע״, נעמט זיך אונטער צו טאָן די זאַך איידער ער האָט געהערט וואָס דאָס איז [1].

ער האָט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דערציען אַ קעניג, וואָס וועט דאַרפן זיין דריי פערזאָנען אין איינעם, אי קעניג, אי שופט און אי חכם־נביא. און אַז אים וועט זיך ניט איינגעבן צו דערגרייכן אָט־דעם ציל, דאָס קינד וועט זיך ניט לאָזן פירן וווהין ער וויל אים ברענגען, וואָס וועט דעמאָלט זיין? וועט בת־שבע און דויד און דאָס גאַנצע פאָלק אים ניט באַשולדיקן אַז ער האָט געפעלשט זיין שליחות, און אים פאַרשעלטן ווי איינעם וואָס טוט אָפּגעלאָזט די אַרבעט פון השם [2]? וועט

1. שבת, פ״ח.
2. ירמיהו, מ״ח, י׳.

השם אים ניט באַשטראָפן וואָס ער האָט גענומען זיינס, השם'ס, אַ שטיק גאָלד און האָט געמאַכט פון אים אַן אומווירדיק געפעס? וואָלט ער זיך אונטערנומען מיט אַזאַ לייכט האַרץ צו מאַכן אַ רינג, אַ בראַסלעט, אַן אוירינגל, אַפגיסן א קרוין, ניט האָבנדיק זיך געלערנט פאַר אַ פאַכמאַן אַ גאָלדשמיד?!! וואָלט ער זיך גענומען מאַכן דעם חושן ואפוד, ניט זייענדיק קיין יוּוועליר? און דאָ, ניט טראַכטנדיק און ניט קלערנדיק, האָט אויף זיך גענומען אויסצושלייפן דעם גרעסטן און קאָסטבאַרסטן דימענט וואָס הייסט אַ קינד און אים איינפלאַסטערן אין דעם הייליקסטן חושן־און־אפוד, אין די אורים ותומים פון דער אייביקער קייט פון מלכים און אויסליזער. געוואָלד געשריען, וואָס האָט ער אַזוינס געטאָן! גיין זאָגן בת־שבען אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם? וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן אין אירע אויגן? און וואָס וועט דער קעניג דויד טראַכטן? פון הויף איז ער אַוועק, אריינגעפירט אויף זיין פלאַץ גד'ן, דעם זעער, און איצטער זאָל ער בלייבן אַן „איבעריקער" מענטש, אַן אַרויסגעשפּיגענער! ניין! צוגעזאָגט איז פאַרפאַלן, זיך איינמאָל אונטערגענומען מוז ער עס דורכפירן! אי וואָס ער האָט זיך אַרומגעזען אַז ער איז ניט צוגעגרייט — מאַכט ניט אויס. עס איז ניט צו שפּעט. ער וועט פאַרשן די פאַרצייטיקע מגילות ביז ער וועט געפינען וואָס די חכמים און נביאים, זינט די צייטן פון שם ועבר, האָבן וועגן ענין חנוך געהאַט צו זאָגן.

אָבער גרויס איז געווען זיין אַנטוישונג, ווען ער האָט אין די הייליקע שריפטן געפונען זייער ווייניק אָנווייזונגען וועגן דערציונג, אויסער די ווערטער: „און עס וועט זיין אַז דיין זון וועט דיך מאָרגן פרעגן... זאָלסטו אים זאָגן"... [1]) אָדער אַביסל מער צודרינגלעך, „ושננתם לבניך" [2]), „זאָלסט זיי איינשאַרפן דיינע זין". ווי אַזוי שאַרפט מען עס א מוח, אַ האַרץ? אויף וועלכן שטיין? ניטאָ קיין אָנווייז. נתן האָט דורכגענישטערט אַלע מגילות וועלכע, אמת, ער האָט געקענט אויפּאויסווייניק, אָבער ער האָט זיי קיינמאָל ניט געלייענט מיטן צוועק צו געפינען אָנדייטונגען ווי זיך צו באַגיין מיט אַ קינד, ווי אַזוי אים צו לערנען. איצטער האָט ער געזוכט אויפקלערונג און פּראַקטישן ראַט אויפן געביט פון הדרכה, עפּעס אַ ווונק. און ער האָט צו זיין פאַרדרוס גאָרניט געפונען. אברהם מל'ט יצחקן, זיין זון. אָבער עס ווערט ניט דערציילט ווי אַזוי אברהם האָט באַשניטן די פאַרהויט פון יצחקס האַרץ, ווי ער האָט מל געווען זיין פאַרשטאַנד, די געפילן, די חושים. וועגן

1. שמות, י"ג, י"ד.
2. דברים, ו', ז'.

יעקבן ווערט בלויז געזאָגט אַז ער איז געווען אַ געצעלטן-זיצער, ער איז געזעסן אין די בית-מדרש-געצעלטן פון שם ועבר. אָבער ווי אַזוי, אויף וועלכן אופן, האָט מען דאָרט געלערנט? וועגן דעם ווערט דאָרט גאָרניט געזאָגט.

זייער מעגלעך, טראַכט נתן, אַז עס זיינען אויך וועגן דעם געווען מגילות, אָבער דער עולם האָט ניט איינגעזען זייער חשיבות, און ער האָט זיי ניט אויפגעהיט.

דער נביא, נתן, איז פאַרזאָרגט, אָבער ווייט ניט פאַרצווייפלט. ער וועט אַליין אַלץ דאַרפן אויסגעפינען און אָנשרייבן אַ מגילה וועגן דעם. ער האָט געענוג צייט זיך צוצוגרייטן צו זיין באַרוף פון אַ דערציער. דאָס קינד שלמה וועט ניט איבערגעגעבן ווערן אין זיין רשות איידער עס וועט אַנטוווינט ווערן. דאָס הייסט עס וועט נעמען אַמוויניקסטן דריי יאָר אָדער גאַנצע פינף. און נתן האָט אָנגעפאַנגען זיך צו דערציען פאַר זיין צוקונפ־טיקער שליחות פון א דערציער. ער האָט געטראַכט און געזאָגט צו זיך: ווער עס וויל יענעם דערציען, דאַרף פאַרדעם זיך אַליין דערציען. ער האָט זיך אָפגעשטעלט אויף אַ זייער באַדייטפולן פסוק אין א מגילה, וואָס לויט דער מסורה איז זי געשריבן געוואָרן פון משהן אָדער פון אַ נביא, וועלכער האָט געלעבט נאָך פאַר משהן, אין די צייטן פון אברהמען אָדער יעקבן, און האָט געהאָט פאַר אַ ווייב דינהן, די טאָכטער פון יעקבן. וואָס זאָגט דער פסוק? „ער לערנט אונדז פון די בהמות פון דער ערד און מאַכט אונדז קליגער פון פויגל אין הימל" [1]) דאָס מיינט דאָך אַז ער גיט אונדז אָן אָנוויז אַז מיר דאַרפן זיך צוקוקן צו די בהמות און צו די פייגל און פון זיי זיך אָפלערנען, נעמען פאַר אַ מוסטער זייער שטייגער און אויפפיר. אָט-די אָרעמע קרובים אונדזערע זיינען אין פיל הינזיכטן גרעסערע חכמים פון אונדז. מיר דאַרפן גיין צו זיי אין „חדר" און זיך לערנען פון זייערע הנהגות.

ווי אַ משלים-שאַפער האָט נתן געהאַט גאָר אַ באַזונדער וואַרעמע באַציונג צו די שטובּיקע און ניט שטובּיקע חיות. ער האָט געטראַכט אַז ריינקייט פון פאַמיליען-לעבן דאַרף מען זיך לערנען פון דער טויב, געטרייקייט — פון אַ הונט, ציכטיקייט פון דער קאַץ, העפלעכקייט פון אַ האָן, וואָס באַפאַלט ניט די הון, נאָר נעמט זי איין מיט שיינע רייד... וואָס זאָגט ער איר? איך האָב דיר געקויפט אַ מאַנטל, וואָס דערגרייכט ביז צו דיינע קנעכלעך [2]).

1. איוב, ל"ה, י"א.
2. עירובין, ק'.

נתן האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו נעמען יענעם אויבנגעבראַכטן פּסוק פאַר אַ ריכטשנור און גײן לערנען חכמה פון די פײגל.

# 3

ווי דערציִען די פײגעלעך זײערע יונגע קינדערלעך? ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט באַאָבאַכטן זײ. נאָכשפּירן זײ. ער איז געווען באַשאַנקען מיט אַ שאַרף אויג און וואַכזאַם אויער, און ער האָט אַליין פאַרמאָגט די בײַגעריקײט פון אַ קינד, וואָס אַלץ זעט אים אויס צו זײַן וווּנדערבאַר, אויסטערליש, און וועגן אַלץ פרעגט ער פראַגעס בײַ די עלטערע וואָס אַרום אים. און נתן האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף אַ קינד וואָס גײט איצט אַוועק אין „שולע" זיך לערנען פון דער סביבה.

ער האָט זיך געלאָזט וואַנדערן איבער די מדבריות און געבראַדזשעט אין די זומפּן, אויסגעזוכט ווו אַ באַהאַלטענעם נעסט ווו אַ פאַרהוילענע נאָרע פון אַ חיה. ער האָט פונאַלעמאָל ליב געהאַט חיות און עופות, וואָס פון זײ האָט ער גענומען דעם שטאָף פאַר זײַנע פאַבלען. ער האָט באַהאַנדלט בהמות, חיות און פײגל ווי מענטשן, פון וועמען מענטשן דאַרפן זיך אַ מוסר־השכל אָראָפּנעמען. און אַצינד איז צוגעקומען אַ נײַער אינטערעס. ער וויל זיך לערנען בײַ זײ ווי צו ווערן אַ דערציִער. בײַ זײ, וועמען יהוה אַליין האָט געלערנט אָט־די חכמה און קונסט. ער האָט ניט געשאַנעוועט ניט קײן צײַט און ניט קײן מי אַבי צו קענען זען זײַנע ליבלינגס אין זײער אײגענער „נאַטירלעכער", ווי ער האָט עס גערופן, יהוה'שער אומגעבונג, אונטער דער דירעקטער השגחה פון דעם האר פון דער וועלט, אָן דאָס אַרײַנמישן זיך פון מענטשן, זען זײ בײַ דער הײליקער אַרבעט פון האָדעווען דעם אויפוואַקסנדיקן דור. און וואָס ער האָט געזען, אויב עס האָט אים אויסגעוויזן צו זײַן מערקווערטיק, האָט ער פאַרנאָטירט מיט דער כוונה צו ציִען די שלוסן פון די באַאָבאַכטע פאַקטן שפּעטער, ווען ער וועט האָבן אָנגעזאַמלט אַ היפּשע צאָל פון זײ.

נתן האָט זיך צוגעקוקט צו די תהלוכות פון די פײגל מיט גרויס אינטערעס און געלערנט האָט ער פון די דאָזיקע באַאָבאַכטונגען דאָס פאָלגנדיקע: „פײגל לערנען זײערע קינדער דורך צײגן בײַשפּילן למעשה. זײ ווײַזן ווי אַ זאַך דאַרף געטאָן ווערן. און די ליבשאַפט פון די עלטערן צו די יונגינקע ווײַזט זיך אַרויס אין אײַנהזרן מיט זײ די פײגלשע לעבנס־

לערע, זייער תורת חיים, ביי יעדער געלעגנהייט, וואָס עס מאַכט זיך, און אויך ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן וואָס זיי מאַכן בכיוון אום צו האָבן די פּראַקטישע מעגלעכקייט זיי צו לערנען, און אַ בכיוון געשאַפענע געלעגנהייט איז שפּיל. און ווי נאָר די תלמידים לערנען זיך אויס די תורה, וואָס איז אַ סעריע מלאכות און געשיקטקייטן, אַזוי לאָזט מען זיי אינגאַנצן פריי. דער קנעלן־פּעריאָד קומט צום שלוס און זיי זיינען פאַררעכנט פאַר דערוואַקסענע.

ווי גרויס זיינען דיינע טואונגען, יהוה!
דו האָסט אַלץ געמאַכט מיט קלוגשאַפט...

וויפל חכמה דו האָסט עס אַריינגעלייגט אין דיינע באַשעפענישן אפילו אין די קלענסטע.

איבער דעם פּעדאַגאָגישן מוסר־השכל, וואָס נתן האָט פון זיינע נאָכ־שפּירונגען אַרויסגענומען, האָט ער פיל מאָל איבערגעטראַכט און עס אויס־געדריקט אין זיינע נאָטיץ־מגילות בערך אַזוי: „לערנען מיינט ניט הייסן איינחזרן כללים, נאָר ציינן אַ ביישפּיל ווי אַזוי די כללים דאַרפן אָנגעווענדט ווערן הלכה למעשה. און די גאַנצע קנעלונג דאַרף אויסזען ווי עס וואָלט געווען בלויז פאַרוויילונג, ווי מען וואָלט מיט דעם קיין זאַך ניט אויסן געווען ווי בלויז זיך שפּילן, וואָס איז אַ ציל פאַר זיך און באַצוועקט קיין זאַך ניט חוץ דעם פאַרגניגן וואָס עס פאַרשאַפט אוממיטלבאַר".

ביי נתנען האָט זיך שוין גענומען אויספּיקן אַן אַלגעמיינער געדאַנק וועגן דערציונג. זי דאַרף זיך ניט פאַרלאָזן צופיל אויפן וואָרט, אָנזאָג און געבאָט, נאָר זיך האַלטן בעיקר אויף טואונג, אויף ביישפּיל־מעשים פון ריכטיקער האַנדלונג, און דער ביישפּיל דאַרף טראָגן אין זיך דאָס שפּיל, דעם פאַרוויילונג־עלעמענט. אָבער דער רעיון איז דערווייל נאָך ניט געווען אים אינגאַנצן קלאָר.

נתן האָט זיך, וויטער, נאָך מיט מער פלייס, פאַרנומען מיט נאָכקוקן די טועכצן פון פייגעלעך, פון פאַרשיידענע מינים. ער איז געווען איצט זיכער אַז פון זיי וועט ער ווירקלעך פיל לערנען בנוגע דערציונג און קנעלונג.

## 4

נתן האָט זייער פלייסיק שטודירט פילע מינים און גאַטונגען פון פייגל, און אַלץ מיט דער כוונה זיך צו דערגרונטעווען צום סאַמע יסוד פון דער־

ציונג. ער האָט אויסגעפונען און פאָרצייכנט: „כמעט אַלע פאַלגן נאָך, מיט קליינע וואַריאַציעס, דעם זעלביקן מוסטער. זיי דערציִען דורך מעשים און ביישפּיל־געבן וואָס זיי האַלטן שטיף צוגעקניפּט צו זייערע לעבנס באַדערפעניש און באַדינגונגען. אין קורץ, זיי פאַרנעמען זיך מיט צוגרייטן זייער יונגוואַרג צו אַן אומאָפּהענגיקן לעבן. דאָס הייסט, זיי זאָלן זיך קענען נערן פון דעם צוגעגרייטן „אויבערשטן טיש״, און ניט דאַרפן אָנקומען צו די טובות און חסדים אפילו פון זייערע אייגענע עלטערן״.

„זייער זעלטן טרעפט, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן זיך באַגנוגענען מיט בלויז קאָרמען זייערע קינדערלעך. אויסער עסן־געבן לערנען זיי אויך די קונסט פון פליען, איבן זיי אין יאָגד און פאַנג, דערמוטיקן זיי צו מאַכן אַן אָנשטרענג, און דערגרייכן אַ הויכע מדרגה פון פלינקייט און געשיקטקייט אין פליִע, איינשאַפן זיך שפּייז, אויך ווי אַמבעסטן און אַמזיכערסטן זיך קענען באַוואָרענען און זיך אויסהיטן פון די געפאַרן, וואָס לויערן אויף זיי, און ווען אַריינגעפאַלן, ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען, אומבאַשעדיקט.

פון פאָרשן און באַטראַכטן דאָס לעבן פון די פייגל האָט נתן געלערנט און באַמערקט אין זיין מגילה וועגן חינוך: „חינוך איז גאָר אַ וויכטיקער ענין, אַ סך וויכטיקער ווי איך האָב עס זיך פאָרגעשטעלט. אפילו פייגעלעך סיי אין זייער פליִען און סיי אין זייער זינגען קענען זיך אָן חינוך ניט באַגיין. דער עלטערער דור, אין זיינע פאָרשטייערס פון טאַטע מאַמע, קנעלן מיטן יונגן דור זייערע געזאַנגען און מעלאָדיעס. איך בין געוועזן געריִרט צו זען ווי די עלטערע זינג־פייגעלעך לערנען זינגען די יונגינקע, אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ מין בית־המדרש, אַ „שולע״. אַן עלטערער זינגט־פאָר מיט זיין גאַנצן כוח און קענטעניש, און די יינגערע מיט זייערע שוואַכינקע העלדזעלעך און קול׳כעלעך פּלייסן זיך אַרויסצוברענגען די אייגענע קלאַנגען״.

נתן האָט פאַרשריבן: „חינוך איז א געבאָט פון אלהים, אַ געבאָט וואָס איז אַריינגעשריבן אין סאַמע האַרץ פון יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש״.

נתן האָט זיך פאַרקלערט: „פון דער דערציִונג פון פייגעלעך און חיות ביז צו דער דערציִונג פון אַ מענטשן, איבערהויפּט אַ שלימותדיקן מענטשן וואָס טראָגט אויף זיך דעם צלם־אלהים, איז א היפשער מהלך, אָבער אַ שטייפע פאַרבינדונג צווישן אָט־די צוויי מינים פון חינוך איז פאָרט פאַראַן, און מ׳מוז עס גוט האָבן אין זינען. ווייל דאָ, ווי אין אַ סך אנדערע זאַכן, שטייט יעקבס לייטער, וואָס זיין נידעריקער שטאַפּל ליגט אויף דר׳ערד אָדער איז איינגעגראָבן אין די טיפענישן פון דער ערד, אין גראָבן

פּשוטן לייב, און דער העכסטער שטאַפּל דערגרייכט אין הימל אַריין; רירט אָן די נשמה, דעם גייסט, דעם טייל פון אלוה, דעם אַלערהעכסט„...״

## 5

אַצונדערט, האָט נתן אַ טראַכט געטאָן, אויב מ׳קען לערנען פון פייגל, בהמות און חיות, נאַכשפּירן און פאַרשן ווי אַזוי זיי האָדעווען און דערציען זייערע יונגע, קען מען דאָך זיכער מער ווי עפּעס זיך אָפּלערנען פון המון־עם, פון „עמך״, פון די ניט־געלערנטע, ניט געשולטע, און זען ווי אַזוי לייזן זיי אָט־דעם פּראָבלעם פון בילדונג און דערציונג. זיי זיינען דאָך זיכער מער אַנטוויקלט פון די פייגל און בעלי־חיים.

אויף אַ קורצער צייט איז ער אַוועק און זיך באַזעצט צווישן די פּאַרגרעבסטע יעגער און פישער וואָס וווינען אין פאַרוואָרפענע קליינע ישובים, ווייט פון שליאַכן און שטעט, פאַרשטעקט ערגעץ צווישן בערג, אין האַלבע וויסטעניִשן אָדער צווישן זומפּן.

און וואָס האָט ער דאָרט געזען?

דער טאַטע, ווי נאָר דער זונדל קען שוין גיין, נעמט ער אים מיט אויף געיעג און פיש־פאַנג. אַזוי ניט לערנענדיק אים, ווייזט ער אים ווי מ׳דאַרף ארומגיין ארום די נעצן, ווי צו כאַפּן אין פאַסטקעס די חיהלעך פון וואַלד, ווי אַזוי מ׳פאַרנאַרט זיי. אויך וואָס צו טאָן מיט זיי נאָכן כאַפּן. דער זון ווערט ביסלעכווייז, מיטן גאַנג פון זיינע יאָרן, אַ גאַנצער „למדן״. ער לערנט זיך אויס די תורה וואָס איז פאַר אים נויטיק צו קענען.

אָבער נאָך פריער איידער דאָס קינד קען ריידן און שטעלן אַ טראָט, נעמען טאַטע־מאַמע און פאַרהאַרטעוועז עס קעגן די אכזריותן פון וועטער און זיינע ווילדע קאַפּריזן. אַלץ ווענדט זיך אָן דער געגנט. די וואָס וווינען אויף די ברעגעס פון טייכן אָדער אָזעריעס לערנען אויס די קינדער זייערע צו שווימען, נאָך איידער זיי קענען גיין.

נתן האָט געזען ווי אַ מאַמע נעמט איר זויגקינד אויף די שולטערס גייט אַריין מיט אים אין וואַסער, טונקט זיך אונטער. דאָס קינד הויבט אָן צו וואַרפן זיך און צאַפּלען, מאַכן מיט די הענטלעך און פיסלעך אין וואַסער און די מוטער שטייט געשפּאַנט, גיט אַכטונג אויפן עופהלע, ווי נאָר זי באַמערקט אַז עס שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות, גיט זי עס צוריק אַ כאַפּ אַרויף אויפן אַקסל.

די עלטערן גרייטן צו זייערע יונגע קינדער צו די באַזונדערע באַדינ־גונגען, אונטער וועלכע זיי וועט אויסקומען צו לעבן, ווען זיי וועלן אויס־וואַקסן און וועלן דאַרפן קריגן זייער נערונג און קליידונג פון דער האַרטלעכער האַנט פון דער נאַטור.

די גאַנצע דערציונג באַשטייט אין דעם וואָס זיי לערנען אויס זייערע קינדער געוויסע מלאכות, פאַכן, געשיקטקייטן אַן וועלכע זיי וואָלטן זיך ניט געקענט באַגיין אין לעבן, ווען זיי וועלן זיין דערוואַקסענע און וועלן דאַרפן זיך באַטייליקן אין דערווירטשאַפט און אין דער געזעלשאַפט ווי גלייך־באַרעכטיקטע מיטגלידער. מיט די יינגלעך גיבן זיך אָפּ די טאַטעס, מיט די מיידלעך — די מאַמעס. זיי טוען איין זאַך און דאָס איז עס: זיי פירן אַריין זייערע קינדער פּאַוואָלינקע אין סאַמע קאָך און זיד פון ווירטשאַפט־לעכן לעבן. צום אָנפאַנג זיינען זיי ווי פּאַסיווע צוקוקערס, דערנאָך אַרויס־העלפערס, און ביים סוף פולע מיטבאַטייליקטע שותפים.

די יינגלעך לערנט מען ווי זיך צו באַגיין מיט פייל און בויגן, מיטן אַקער־אייזן, מיטן שופל און אַנדערע געצייג; מ׳לערנט זיי ווי צו פּאַשען שאָף, דערנאָך אויך רינדער. ווען דער יינגל ווערט אַ יאָר דרייצן אַלט, איז ער שוין אַ פולער, אָנערקענטער נוצלעכער אַרבעטער: ער אַקערט, זייט, שניידט, גייט כאַפּן פיש, שיסן פייגעלעך, קלייבן אייער אין די נעסטן, שטעלן פּאַסטקעס פאַר חיות.

אַ מיידל העלפט דער מאַמען קאָכן, נייען, באַקן, פלעכטן נעצן, שפּינען, וועבן, מאַכן געצעלטן, פלעכטן שטרוי, מאַכן ציגאַוואָקעס, נייען לאַגלען פאַר מילך, וואַסער און ווייַן. מע לערנט זיי טראָגן וואַסער אין קריג אויף די אַקסלען אָדער אויפן קאָפּ, אָנטרינקען די טשערעדעס, קלייבן מושלען, מאַכן פאַרשיידענע שטוביקע כלים און געפעסן; ווי אויך יעטן, פלאַנצן, שינדן קאָרע פון די ביימער.

אין אייניקע דערפער האָט נתן געזען ווי אַ גאַנצע מחנה יינגלעך איבן זיך מיט פייל און בויגן אָדער מיט אַ וואַרפהאָלץ און גלאַטע שטיינדלעך, מע שיקט קינדער אויך אין פאַרשיידענע שליחותן.

אַצינדערט האָט שוין נתן גוט באַגריפן אַז דערציונג, געגומען אין ריכטיקן מיין פון וואָרט, באַדייט דאָס צוגרייטן דעם אונטערוואַקסנדיקן דור צו די באַשעפטיקונגען מיט וועלכע ער וועט זיך דאַרפן פאַרנעמען. האָבנדיק עס באַגריפן און גוט דורכגעטראַכט, האָט נתן זיך דערפילט ווויל באַרעכטיקט און צוגעגרייט צו דער אחריותפולער אויפגאַבע פון דערציען דעם צוקינפטיקן קעניג־שופט־נביא־חכם פון ישראל.

אַ שווערע לאַסט איז אים אַראָפּגעפאַלן פון די אַקסלען. ער האָט זיך דערפילט גליקלעך פון דעם באַוווסטזיין, אַז ער וועט זיין אימשטאַנד צו טאָן השם׳ס אַרבעט ווי געהעריק. ער האָט געפונען דעם גאָלדענעם שליסל צום הייליקן טעמפּל וואָס הייסט אַ קינדס האַרץ. ער ווייסט ווי אַזוי מ׳דאַרף גייסטיק אינטעלעקטועל האָדעווען אַ קינד. מ׳דאַרף דאָס קינד ניט האַלטן אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער אומגעבונג, ניט פאַרוויקלען אים אין פאַרמעטן, אין פאַרצייטיקע מגילות, ניט אַרומרינגלען אים מיט טאַבעלן פון וואַקס אָנגעפּיקעוועטע מיט צייכנס און בוכשטאַבן, נאָר, פאַרקערט, האַלטן אים אין סאַמע לעבן, לאָזן אים לייענען די גאָר גרויסע און גאָר קלוגע מגילה וואָס הייסט וועלט. אָט־די מגילה איז די הייליקסטע ווייל איר פאַרפאַסער איז יהוה אַליין. און לייענען אין איר דאַרף מען דעם הימל און די ערד, די יבשה און דעם ים, די פעלדער און די וועלדער מיט זייערע באַשעפענישן און זייערע געוויקסן, וואָס אַלע זייענען זיי געפלאַנצט און געפלעגט פון אויבערשטנס האַנט. און אויב מ׳קען דעם תלמיד ניט געבן גאַנצע שטיקער פון עכטן לעבן, דאַרף מען נעמען קלענערע שטיקלעך און זיי צושניידן, צוגרייטן אַזוי אַז זיי זאָלן זיך פאַסן פאַרן קינדס השגות, אויפנעמקרעפט, און אויף אָט־די צוגעשטעלטע ביישפילן אים לערנען אַזוי קונציקגעשיקט, אַז ער זאָל גאָר ניט פאַרדעכטיקן, אַז מע לערנט אים, אַז מע קנעלט מיט אים עפּעס אַ תורה, אַ לערע וואָס איז אָפּגעריסן פון ממשות׳דיקן לעבן.

אַ גוטער דערציער, האָט נתן ריכטיק אויפגעפּאַסט, איז דער וואָס ד ע ר צ י ט, אָבער דער דערצויגענער זעט אין אים ניט קיין דערציער, נאָר אַן עלטערן חבר, ניט מער. דאָס קינד דאַרף ניט שפּירן אַז מ׳דערציט אים, מ׳לערנט אים. עס דאַרף זיך פילן ווי איינער וואָס ל ע ב ט און לעבט אַדורך פאַרשיידענע דערפאַרונגען, און פון זיינע אייגענע פּערזענלעכע דערפאַרונגען ציט ער געוויסע סך־הכל׳ען, פאַרעסט זיי אָפּ אין באַשטימטע געזעצן, דריקט זיי אויס אין דער פאָרם פון קלאָרע לעבנס־כללים.

מ׳דאַרף ניט אָנשטאָפּן דעם קאָפּ פון תלמיד מיט פאַרגליווערטע תורות, אויסגעקריצטע געבאָטן. מ׳דאַרף אים געבן אַ געלעגנהייט, ד. ה. צושטעלן אים פאַר דעם צוועק דעם גאַנצן נויטיקן רויען מאַטעריאַל, אַליין צו אַנטדעקן אָט יענע נוצלעכע לעבנס־כללים, אַליין זיך דערטראַכטן צו יענע וויכטיקע און הייליקע לערעס. אַלץ וואָס דער דערציער און לערער דאַרף טאָן איז סאָרטירן, אַראַנזשירן די פאַקטן אין דער נויטיקער אָרדענונג, צוגרייטן די אומגעבונג, לאָזן פּאַסירן די פּאַסיקע געשעענישן, איבערלעבונגען, און דער תלמיד, אויב ער איז ניט אונטער דער נאָרמע פון דורכשניטלעכער אַנטוויקלונג,

וועט שוין אַליין אַרויסדרינגען פון זיי אַלץ וואָס עס פאָדערט זיך. פון אַזאַ דערציִונג, פון אַזאַ אופן לערנען וועט אויסוואַקסן אַ שעפערישער מענטש מיט אַ פרייען אויפטועריש פאַרשטאַנד.

## 6

עס איז פאַראַן איין גרויסער לערער און דאָס איז יהוה, און זיין בית־מדרש איז די וועלט. און אָט־דער בית־מדרש איז אַליין דער ספר וואָס מ׳דאַרף לערנען. דער תלמיד דאַרף זיך שטעלן ביים באַרג סיני און פון די טיפענישן פון זיין זעל דאַרף ער דערהערן דעם ערשטן דיבור פון די צען: אנוכי...

קודם כל דאַרף מען אים איינגעוווינען, און דאָס וועט ער, דער תלמיד טאָן, זייער און זייער גערן, אַכטונג צו געבן אויף זיך, פראַסט און פשוט, אויפפאַסן אויף זיך. זיך באַקענען מיטן אייגענעם גוף און אויך, צו אַ געוויסער מאָס, מיט דער אייגענער נשמה. דער פסוק אין דער פאַרצייטיקער מגילה זאָגט אונדז: „פון מיין לייב זע איך דעם אלוה״ [1]. מע דאַרף אָנהויבן אין דער ריכטיקער דערציִונג פון אייגענעם לייב, פון אייגענעם פלייש און בלוט, ניט זיין קיין פרעמדער צו זיך אַליין. מע דאַרף ווערן באַהאַוונט אין די אַנגעלעגנהייטן פון אייגענעם מענטשלעכן קערפּער... פון לערנען דעם אייגענעם צלם און דמות קומט מען צום פאַרשטיין דעם אלהים. דאָס מיינט ניט בלויז לערנען, נאָר טאַקע באַהערשן זיך, האָבן איבער זיך, איבער אַלע באַוועגונגען און ווּלעכצן, פאַרלאַנגען און באַגערן, אַ דעה, ווערן אַ שטיקל בעל־הבית אין דעם אייגענעם הויז, אין דער אייגענער ווירטשאַפט פון פלייש, בלוט, מוסקולן און ביינער.

נתן האָט געטראַכט: מיין אויפגאַבע איז צו דערציִען אַ קעניג. איז דען ניט יעדער מענטש, ווי אַזעלכער, אַ קעניג וואָס געוועלטיקט, ריכטיקער דאַרף געוועלטיקן, איבער זיך, איבער טויזנטער און צענטויזנטער טייל־לעכעלעך, הערעלעך, געוועבן און צעלן, פון זיין אייגענעם קערפּער און איבער אַ אַ שיעור, אָן אַ צאָל און אָן אַ מאָס, געשפּירן, פאַרלאַנגען, געדאַנקען, ווּלעניָשן, גלוסטעניָשן פון זיין זעל. דער וואָס קען געוועלטיקן, ווייס ווי צו געוועלטיקן, ווי צו פירן זיין פערזענלעך קעניגרייך פון אַזויפיל

1. איוב, י״ט, כ״ו.

גלידער, פון אַזויפיל אונטערטאַנען און תושבים, דער וועט קענען פירן אַ מלוכה. און וועגן זיך איז פאַראַן אַזוי פיל צו וויסן און אַזוי פיל צו קענען־טאָן מיט זיך...

מ׳דאַרף שאַרפן און איבן דאָס אויג. אַט די „טוטפות" [1]) וואָס מ׳דאַרף אָנטאָן און האַלטן צווישן די אויגן, ווי עס ווערט אָנגעזאָגט אין משה׳ס מגילה, זיינען זייער גוט. זיי לערנען די אויגן מיטצואַרבעטן איינס מיט דאָס אַנדערע, צילעווען אין איין פינטל, שאַפן א שטאַרקן פאָקוס. מ׳דאַרף אויך שאַרפן און איבן דעם אויער צו קענען דערהערן דעם לייכסטן שאָרך, און אויך קענען אונטערשיידן די טענער, די האַלבע און פערטל טענער. נאָך מער איבונגען דאַרף מען געב, די הענט און פיס. און צוזאַמען מיט די איבונגען פאַרן גוף דאַרפן קומען די חיזוקים פאַר דער זעל. און דאָס בעסטע פאַר דעם איז דאָס אַנטוויקלען די לונגען און לערנען זיי ווי צו אָטעמען ריכטיק. ווייל דאָ, אין אָטעמע , ליגט די פאַרקניפּונג צווישן קערפּער און זעל: נשמה איז אַן אָטעמונג, אַ קערפּערלעכע פונקציע וואָס גייט אַריבער אין דאָס זעלישע, ווייל אַט־דעם אָטעם האָט יהוה־אלהים אַריינגעבלאָזן אין ערשטן מענטשן. און אדם האָט געוווּסט די גרויסע חכמה און גרויסע קונסט פון ריכטיקן יהוה׳שן אָטעמען, אַן אָטעמען וואָס גיט אייביק לעבן. און נאָך זיין עסן פון בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס, און זיין דערצערנען דעם אלהים האָט ער פאַרגעסן די קענטעניש, און אַט־דאָס פאַרגעסן איז געווען אַ טייל פון דער קללה וואָס השם האָט אים געשאָלטן. אינגאַנצן רעסטאַווירן די קענטענישן קענען מיר ניט, אָבער אַ טייל פון דעם קען דערגרייכט ווערן. און ריכטיק אָטעמען איז די הכשרה צו נבואה און אויפלייכטונג, און דאָס איז רוח־הקודש. אַט־די באַגייסטערונג קומט מיטן טיפן און געהעריקן אָטעמען. מ׳דאַרף אויך זען צו קרעפטיקן דעם ווילן, באַזייטיקן פון אים די פסולת, וואָס הייסט קאַפּריז אָדער ווילקיר, אָדער מוטווילִיקייט. די קרעפטיקונג קאָן דערגרייכט ווערן דורך איבונגען אין אויסדויער, אין געדולדיקייט, און אויך אין בכיוונדיקן אָפּזאָגן זיך פון זאַכן, וואָס עס גלוסט זיך צו האָבן, אָדער טאָן. שווייגן איז אַ וויכטיק געביט אויף וועלכן צו טרענירן דעם רצון: ניט אָפּענטפערן אויף אַ באַליידיקונג, ניט רעאַגירן אויף אַן אַגרעסיווער אַקציע מצד אַן אָנגרייפער איז אַ וויכטיקע געלעגנהייט. מ׳דאַרף אויך באַשניידן דעם פאַרשטאַנד, אַרום דעם מענטשן איז פאַראַן פיל אַרבעט. מ׳דאַרף דערציען אַלע חושים, און מער פון אַנדערע

1. שמות, י״ג, ט״ז.

דעם געשמאַק און געשמעק, די חושים פון טעם און ריח. מ׳דאַרף קענען דערשמעקן און דערפילן מיטן גומען און מיט די נאָזלעכער אַ זינד פון אַ זינדיקן. דאָס אייגענע גייט אויפן אויג און אויער און באַריר. זיי האָבן צוגאָבן: דאָס איז דאָס גייסטיקע אויג און גייסטיקע אויער, און זעלישער באַריר. אין דעם זיינען פאַראַן מדרגות. און דורך איבונגען, אָנגעפירט ריכטיק, קאָן פיל אויפגעטאָן ווערן.

פון זיך דאַרף דער מענטש זיך ווענדן צו זיין אַרום און אַלץ וואָס געפינט זיך אין דעם אַרום. וואָס ווערט אָנגעזאָגט אין משה׳ס גאָר־פאַר־צייטיקער מגילה... „פילט אָן די ערד און באַצווינגט זי. און געוועלטיקט איבער די פיש פון ים, און איבער די פייגל אין הימל, און איבער אַלץ וואָס לעבט און קריכט אויף דער ערד״ [1]. מ׳דאַרף קענען פארשטוביקן אַלע חיות אָן אויסנאַם, אַפילו אַ לייב און אַ טיגער קענען געצוימט ווערן. דאָס אייגענע — פיש און פייגל. אַפילו די ווינטן און די וואָלקנס דאַרפן באַ־צוווּנגען ווערן פון מענטשן, און דאָ קומט דאָס קענען מאַכן אַ רעגן, ווי אויך שאַפן אַ לויטערן וועטער. און אויף דער העכערער און מער פערזענ־לעכער הויך, קענען רעגולירן די שטימונגען, פריילעכע און אומעטיקע, אויסגעלייטערטע און מרה־שחורהדיקע. אויך קענען משפטן, זיין אַ דיין און א שופט אין אינערלעכן בית־דין, וויסן ווי צו פאַנאַנדערפלאָנטערן די אינע־ווייניקסטע סיכסוכים. שלום מאַכן צווישן די צדדים אין דער אייגענער זעל. און ערשט דעמאָלט קען מען ווערן אַ געשיקטער ריכטער און זיין אימשטאַנד צו משפטן אַנדערע און אַנטשיידן זייערע לאָדונגען. אַ מענטש דאַרף זיך לערנען שערן אויף דער אייגענער באָרד און פאות... זיך לערנען פאַנאַנדער־פלאָנטערן דעם אייגענעם קאָלטן...

דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז אַ גרויסער פאַרמעט, אויף אים ווערן אַרויפגעשריבן פיל געשעענישן און פאַרלויפענישן. דער גאַנצער מענטש איז אַ מגילה. און מ׳דאַרף קענען אים לייענען און אויך קאָנען אים אָנ־שרייבן אָן גרייזן.

אַ קינד נעמט לערנען דעם רבונו־של־עולם׳ס תורה נאָך ביי דער מוטער אין בויך, ער לערנט זיך אויס די חכמה פון נערן זיך, פון וואַקסן... און ווי נאָר ער גייט אַרויס פון דער מאַמעס רשות היחיד, פון בויך, און גייט אַריין אין דער וועלט, אין גרויסן רשות הרבים, וויקלען זיך פאַר אים פאַנאַנדער אויף איין מאָל אַזוי פיל יריעות, אַזוי פיל מגילות. און ער נעמט זיך לערנען

1. בראשית א׳, כ״ח.

די גרויסע קונסט פון לייענען. יעדע זאַך האָט איר באַזונדערן אלף־בית, אירע אותיות און צייכנס: דער טייך פאַרמאָגט זיין פליִעסק־וואַסערדיקן אלף־בית; דאָס בערגל — זיין שטייאיק־זאַמדיקן אלף־בית. און לייענען לערנט זיך דאָס קינד מיט אַלע חושים אויפאַמאָל. אַלץ וואָס דער דערציִער דאַרף טאָן, איז זען צו האַלטן וואַך אַט־די חושים, ניט לאָזן זיי אַנטדרימלט ווערן, פאַרשטאָפּט און פאַרטעמפּט ווערן.

דער ענין דערציִונג איז איצטער נתנען קלאָר ווי דער טאָג. די גאַנצע זאַך ליגט ממש, ביי אים אויף דער פלאַך פון האַנט. נתן איז צופרידן וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו דערציִען בת־שבעס און דוידס זון, דעם צוקינפטיקן קעניג פון ישראל וואָס וועט זיין דער האַר פון פרידן און פון חכמה.

דאָס וואָרט „ושננתם", וואָס האָט אים פאַרדעם אויסגעזען צו אַנטהאַלטן א טרוקענעם געבאָט, האָט זיך פּלוצלונג צעשטראַלט פאַר זיינע אויגן. עס האָט זיך, ממש, אָנגעצונדן. פונקן האָבן זיך גענומען צעפליִען פון אים אויף אַלע זייטן... אַ וווּנדערבאַר וואָרט...

נתן דערזעט מיט זיינע אויגן: אַ שאַרפשטיין פון פייער לאָזט זיך אַראָפּ פון הימל...

שאַרפן די חושים, דעם מוח, אָבער בשום אופן ניט אָנלאָדענען, ניט מאַכן פון אים אַ לאַסט־בהמה וואָס שלעפּט אויף איר רוקן אָן א שיעור מגילות... מיט פאַרטיקע, געגעבענע געזעצן...

שאַרפן... דאָס איז דאָס גרעסטע וואָרט פון דערציִונג.

# 7

שלמה איז געווען אַ רויק שטיל עופעלע. ער האָט תמיד געשמייכלט, כמעט קיינמאָל ניט געוויינט, ניט געשריִען, סיידן ער האָט געוואָלט עפּעס בעטן און ער האָט געברויכט געווין אַנשטאָט ריידן, וואָס ער האָט נאָך ניט געקענט.

בת־שבע האָט אים אַליין געזויגן. זי האָט געוואָלט ער זאָל זיך נערן מיט איר מילך און אַזוי אַרום אַריינזאַפּן אין זיך אַ טייל פון איר, מיט דער מילך אויך אירע ווינטשן און געדאַנקען און אויך אירע געבעטן. בשעתן זויגן פלעגט זי שעפּטשען תפילות און ברכות.

ווי נאָר ער איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן פלעגט זי אים טראָגן אַ טאָג

איבער אַ טאָג אין ציווילן געריכט און אין בית־מדרש. זאָל ער הערן ווי די שופטים פסקענען, און אין זיין געהער אַריינעמען, הגם ער פאַרשטייט זיי דערוויל ניט, די קלוגע פסקי־דין וואָס די ריכטער טראָגן ארויס. אין בית־מדרש, וווּ די בני־הנביאים, אונטער דער השגחה פון גד דעם חוזה, האָבן זיך געלערנט שפּילן אויף האַרפעס און טאַצן, ווי אויך לייענען און איבער־שרייבן הייליקע מגילות, פלעגט זי אים איבערלאָזן אויף לענגערע שעהן אונטער דער אויפזיכט פון עטרהס אַן אייניקל מיטן נאָמען זכריה. איר כוונה איז דערביי געווען צוצוגעוויינען זיינע אויערן צום ניגון פון לייענען די הייליקע שריפטן. דער קלאַנג פון הייליקע ווערטער, אפילו ווען מ׳פאַר־שטייט ניט זייער באַדייט, איבט אויס אַ ווילטועדיקע ווירקונג אויף דער נשמה, איז געווען די איבערצייגונג פון בת־שבען.

שלמה האט אָנגעהויבן פרי צו גייך, און גלייך מיטן גיין איז געקומען זיין קענען ריידן גאַנצע זאַצן. געציילטע ווערטער פלעגט ער ארויסברענגען, ווען ער איז נאָך קיין פינף חדשים ניט אַלט געווען. ער האָט אַפּנים, הנאה געהאַט פון סאַמע פּראַצעס פון אַרטיקולאַציע, פון איבן די רייד־אָרגאַנען אין אויסערן קלאַנגען וואָס האָבן עפּעס ווי געקיצלט זיין וואַכזאַמען געהער, און האָבן זיך געפילט געשמאַק אויפן גומען.

בת־שבע האָט אים געגעבן שפּילצייג. זיי זיינען באַשטאַנען פון שטיינדעלעך פון פאַרשיידענע קאָלירן און געאָמעטרישע פיגורן, ווי אויך פון קלעצעלעך. אַן אָנשטרענגנג פלעגט ער זיי סאָרטירן, אָרויפלייגן איינס אויפן אַנדערן, צופּאַסן קאָליר צו קאָליר און פיגור צו פיגור: קיינמאָל ניט פאַרמישט אַ דרייעק מיט אַ קוואַדראַט, אָדער געל מיט גרין, אפילו ניט רויט מיט ראָז אָדער שוואַרץ מיט ברוין. אַזאַ שאַרפע ראיה האָט ער פאַרמאָגט. פון די קלעצלעך און שטיינדלעך פלעגט ער אויפשטעלן גאַנצע „בנינים״, און דערנאָך זיי נעמען און צעוואַרפן. ער האָט אַרויסגעצייגט אַ נייגונג אי צום בויען, אי צום צעשטערן.

ער האָט אינאַלגעמיין פאַרמאָגט אומגעוויינטלעכע פעיקייטן. דער קאָפּ איז ביי אים געווען אַן „אָפענער״, און זיינע חושים שאַרף און אויפנעמבאַר. ער האָט גרינג און פלינק באַנומען און אויפגעכאַפּט זאַכן.

זיין פאָטער, דויד המלך, ווען ער האָט נאָר געהאָט אַ פרייע מינוט און זיך געפונען אין ירושלים, פלעגט ניט פאַרפעלן קומען זיך שפּילן מיט זיין „בן־יקיר״. ער פלעגט אים הוידען אויף די קני, אַרומטראָגן אויפן רוקן, ווי אַ שעפּסעלע, פאַרשטעלן זיך פאַר אַן איזל און קריכן אויף אַלע פיר, און לאָזן שלמהן רייטן אויף אים.

צו דריי יאָר האָט מען שלמהן אַנטוווינט.

בת־שבע מיט דוידן האָבן אים אָפּגעוויגן און זיין וואָג אין גאָלד איז באַשטימט געוואָרן אָפּצושיקן קיין גבעון, צו די כהנים פון דער במה, וווּ בת־שבע האָט אויסגעבעטן דאָס קינד. פאַר דעם געלט זאָל מען קויפן שעפּסן און לעמער און זיי מקריב זיין ווי בראַנד־אָפּפערס.

בת־שבע האָט אויסגערעכנט וויפל עס באַטרעפן די טעג פון שלמהס לעבן זינט זיין ערשטן געבוירן טאָג. זייער צאָל איז געווען איין טויזנט און פינף־און־נײַנציק. זי האָט באַשלאָסן צו געבן אַ מאָלצייט פאַר אָט־דער צאָל אָרעמעלייט, וואָס וועלן זיך צונויפֿקלײַבן פון גאַנצן לאַנד. און געדויערן זאָל עס אַ פולע וואָך.

אויף אַ פעלד, ווייט הינטערן שטאָט, האָט מען אויסגעשטעלט נידעריקע טישן צונויפגעקלאַפּטע פון אומגעהובלעוועטע ברעטער און אויף זיי האָט מען סערווירט עסן פאַר די אלמנות, יתומים און גלאַט אָרעמע לייט. די אויפּזעערין איבער אַלע סאַרווערס, סאַרווערינס, קוכער און קעכינס איז געווען עטרה. זי איז אַרומגעגאַנגען צווישן די געסט און דער באַדינערשאַפט און געשטראַלט, ווי די סעודה וואָלט געגעבן געוואָרן לכבוד דאָס אַנטווינען פון איר אייגן קינד. זי האָט צוגעזען אַז קיינער זאָל ניט פאַרטיילט ווערן, קיינער זאָל ניט אַוועק קיין הונגעריקער, און אויך קיינער זאָל זיך ניט איבערעסן אויפן חשבון פון אַן אַנדערן „גאַסט". זי האָט אכטונג געגעבן אַז אַלע זאָלן קריגן גלייך און קיינער זאָל ניט באַעוולט ווערן אָדער, פאַרקערט, צו גינציק באַהאַנדלט ווערן, און אַרויסרופן קנאה־שנאה.

די מינימאַלע פּאָרציע איז געווען אַ כוס רויטער וויין, אַ שטיק געבראָטן פלייש, אָדער געבאַקענע פיש, און חלה; דערצו אויך קרייטעכער. פעסער וויין, און פישן, פליישן און חלות האָט מען צוגעגרייט לרוב. זאָל בעסער איבערבלייבן איידער עס זאָל אויספעלן.

דרייסיק טעג איינפאַרויס האָט מען געלאָזט וויסן איבערן גאַנצן לאַנד דורך ספּעציעלע אויסרופער אַז אַזאַ „סעודת־שלמה" וועט געגעבן ווערן. סאַרווערינס האָט מען גענומען פון די וואַרשטאַטן, וואָס בת־שבע האָט געגרינדעט און אָנגעפירט, סאַרווערס — פון דעם גאַרניזאָן; די איבעריקע האָט מען אָנגעשטעלט פאַר אַ קליינעם געהאַלט. עס זיינען אויך געווען אַ צאָל פרייוויליקע פריילינס פון די רייכע און געהויבענע הייזער פון ירושלים, וואָס האָבן אָנגעבאָטן זייער אַרבעט אויף אַ פּאָר שעה, ווער אויף אַ טאָג אָדער צוויי.

די בעטלער און בעטלערקעס וואָס זיינען געקומען אין אָפּגעריסענע קליידער האָבן געקראָגן אדער אַן אַנטועכץ אדער אַ שטיק געוואַנט פון וואָס זיך אויפצונייען אַ מלבוש.

בת־שבע איז דורכגעגאַנגען דורך די רייען אויסגעשטעלטע און באַזעצטע טישן, האָט צוגעווונטשן די עסער אַ גוטן אַפּעטיט. נאָכגעטראָגן שלמהן האָט איר אַ באַדינערין, אַ יונגע שיינע גבעונית. אַלע האָבן זי געבענטשט מיט לאַנגע יאָר און גליק, און זי זאָל האָבן פיל נחת פון איר זון. אנדערע האָבן אין אַ כאָר אויסגערופן: מזל טוב! מזל טוב! ווידער אנדערע האָבן פאַרצויגן אַ זמרל: „דויד, מלך ישראל, חי וקיים!"

צווישן די אָרעמעלייט אין דער ערשטער ריי איז געזעסן אַ מאַן פון אויפפאַלנדיקן אויסזען. ער איז געווען אַנגעטאָן אין אַ צעריסענעם כאַלאַט. זיינע בליקן ווי שאַרפע שפיזן, די האָר אויפן קאָפּ שוואַרץ ווי פעך און האַרט ווי פון דראָט געמאַכט, אַ נאָז אַן אַרויפגעשרויפטע, זי האָט דער־מאָנט אין דעם שנאָבל פון אַ רויב־פויגל, אַ בערדל אַ שפּיציקס.

ווען בת־שבע איז פאַרבייגעגאַנגען דעם טיש, וווּ ער איז געזעסן, אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע עסערס און אַנגעכמורעט, ווי ברוגז אויפן גאַנצן עולם, האָט זי זיך ניט־ווילנדיק אָפּגעשטעלט. זי האָט אויפגעציטערט, דערפילט זיך אומהיימלעך. די גבעונית מיטן קינד האָט אויך פאַרפאַמעלעכט איר טראָט, אויף איין אויגנבליק זיך אָפּגעשטעלט. דער מאַן האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בייזן בליק אויפן קינד, און זיינע אויגן אין דעם מאָמענט זיינען רויט געוואָרן ווי אַנגעגאָסן מיט בלוט. דאָס קינד האָט זיך איבערגעשראָקן, אויפגעשוידערט און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס שלמה האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט אָן אַ סיבה, פון הוילער שרעק. בת־שבע האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים, גענומען אים גלעטן איבערן קעפּל און אים געפרעגט מיט אומרויקייט ניט בלויז אין איר קול נאָר אין איר גאַנצן וועזן:

— טוט דיר עפּעס ווי?

— ניין! מאמע! אָט דער מאַן... — ער באַווייזט מיטן הענטל אויף דעם מאָדנעם פאַרשוין.

בת־שבע נעמט אויף שנעל זיך אוועקרוקן און גיט אַ צייכן דער גבעונית, ראומה, זי זאָל וואָס גיכער אוועק פון פּלאַץ וווּ דער מאַן געפינט זיך. ער האָט אַנגעוואָרפן אַ פחד ניט בלויז אויפן קינד נאָר אויך אויף איר. אַזוי מאָוימדיק האָט ער אויסגעזען.

דער מאַן האָט געוואָרטשעט. די ווערטער האָבן זיך קוים אַרויסגעכאַפּט

צעמאַלענע פון צווישן די ציין, וואָס האָבן מיט חיהשן הונגער זיך אַריינ־געביסן אין זיין פּאַרציע געבראָטנס:

— דיין אנטלויפן וועט דיר ניט העלפן! ער איז מיינער. ער וועט קומען צו מיר, צי דו ווילסט צי דו ווילסט ניט! ער וועט זיין אַ בעטלער... ווי מיר אלע...

— וואָס רעדט ער? וואָס וואָרטשעט ער? — האָבן די טיש־שכנים זיך געפרעגט איינער ביים אַנדערן. פון דעם טיש האָבן זיך די פראַגעס אַריבערגעוואָרפן אויף די דערבייאיקע טישן, וווּ מ׳האָט זיין וואָרטשען גאר ניט געהערט.

— ער מוז זיין אַ געצנדינער אַ שונא פון פאָלק ישראל און פון קעניג דויד.

— ער האָט זיך געוואָרפן מיט געביילטע פויסטן אויפן קינד! — גיט מען איבער אין די הינטערשטע רייען.

ער האָט געוואָרפן די חלה בת־שבען אין פּנים אריין און געשריען אַז עס איז ניט גוט אויסגעבאַקן — גיבן איבער אַנדערע.

— ער האָט דעם כּוס ווין אויסגעגאָסן אויף איר זיידן קלייד, און ער האָט געמאַכט קולות דערביי אַז דער ווין איז קיין ווין ניט נאָר עסיק...

— וואָס פאַר אַ חצוף!

— וואַרפט אים ארויס! טרייבט אים אוועק! ער האָט דאָ ניט קיין פּלאַץ!

עס ווערט אַ געשריי, אַ געפילדער. ניט אָן שוועריקייטן שטילט זיי בת־שבע איין.

זי טוט זיך אָן אַ כּוח, כאָטש זי ציטערט אין אַלע איברים, און אין באַגלייט פון עטרהן גייט זי צו צום מאַן, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין מורמלען: ער וועט קומען! ער וועט קומען! ער איז מיינער! ער וועט זיין אַ בעטלער... ווי מיר אַלע, ער וועט גיין איבער די הייזער...

— געערטער מאַן — האָט זיך בת־שבע געווענדעט צו אים — ער פאַרלאַנגט עפּעס? מ׳האָט אים דאָ מיט עפּעס ניט האָווירט? זאָגט וואָס פעלט אים. האָט מען אים געגעבן זיין חלק?

— געגעבן! אָבער עס איז ניט גענוג! ביי מיר קלעקט עס ניט אויף איין צאָן! דאָס איז ניט קיין חלק פאַר הונגעריקע מענטשן וואָס האָבן זיך געשלעפּט אהער פון עק לאַנד.

בת־שבע רופט זיך אָן צו עטרהן:

— טייערע! גיי זאָג דעם סאַרווער מע זאָל דערלאַנגען דעם מאַן אַ

צוויטע פּאַרציע. ער איז, נעבעך, אַ פאַרהונגערטער. איין פּאַרציע קאָן אים ניט אָנזעטיקן.

עטרה פאָלגט, זי גייט אָפּ אויסצופילן דעם געבאָט. אָבער אין הארצן טראַכט זי, אז בת־שבע טוט ניט גוט: אַז מע וועט איינעם געבן מער, וועט מען אַלעמען מוזן געבן מער. און פאַר אלעמען צו טאָפּל־פּאַרציעס וועט ניט קלעקן, מע האָט אַזויפיל ניט צוגעגרייט.

ווי נאָר דער סאַרווער האָט צוגעטראָגן די צווייטע פּאַרציע צו דעם מאַן, מיט דעם שרעקלעכן אויסזען, האָבן זיך דערהערט אויסרופן פון אַלע טישן:

— מיר אויך! מיר אויך! פאַרוואָס קומט עס אים?! וואָס איז ער עפּעס אַ יחסן! מיר זיינען אלע גלייכע קבצנים. אונדזערע אַלע קישקעס זיינען פון דער אייגענער לענג און ברייט!

דער עולם האָט זיך גענומען הויבן פון די פלעצער. עס איז געוואָרן אַ סומאַטאַכע. אַ געדראַנג, אַ שטופּעריי.

— וואָס איז געשען?

— ער האָט זיך געוואָרפן שלאָגן בת־שבען!

— ער האָט געוואָלט ארויסרייסן פון אירע הענט דאָס קינד און אָפּציען מיט אים!

— אַלעמען וויין און פליייש! זעצט זיך צוריק צו די טישן!

אַ שרעקלעכע מהומה, אַ דור הפלגה. איינער הערט ניט פון צווייטן. אייניקע באַפאַלן די סאַרווערס, רייסן ארויס פון זייערע הענט די פּאַרציעס. אנדערע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די פּעסער וויין. מע לויפט אַהין, מע שטופּט זיך אַהער. אין פעלד זיינען געווען גריבער — אויסגעגראָבן געוואָרן מיט יאָרן צוריק אין דער צייט, ווען מדין האָט געהערשט איבער ישראל — כדי צו באַהאַלטן דאָרט פּרוכט, תבואה און אפילו גרינס, ווייל די מדינים פלעגן אַלץ צעראַבירן. די גריבער זיינען געווען צוגעדעקט מיט ברעטער. אויף די ברעטער איז געווען אָנגעשאָטן ערד, וואָס איז באַוואַקסן געוואָרן מיט גראָז און ירקות, אַזוי אַז עס איז ניט געווען לייכט צו אונטערשיידן זי פון געוויינטלעכן באָדן. ווען די מענגע האָט זיך גענומען שטויסן און טאַפּטשען אויף איין פלאַץ, האָבן זיך די ברעטער איינגעבראָכן, און פיל פון עולם זיינען אריינגעפאַלן אין די ניט טיפע גריבער. אויפן דעק האָבן זיי זיך גענומען ראַנגלען איינער מיטן אַנדערן, קריכן איינער איבער דעם אַנדערן, און ביסלעכווייז האָבן זיי זיך ווי־ניט־איז אַרויסגעקאַראַבקעט. פון דער וויטנס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי מענטשן קומען

... CHICAGO PUBLIC LIBRARY

Yid F
G-65

# שלמה המלך

אַרויף פון די געדערים פון דער ערד. גאַנצע מחנות בעטלער שפּאַרן אַרויף, ווי אַנגעקוואָלענע וואַסערן, פון די טיפענישן. אין דעם ליאַרם און געשריי האָבן זיך געהערט קולות: „גיט אונדז אונדזערע חלקים ווייַן, פלייש און חלה!"

אַ טייל פון די בעטלער האָבן זיך דערשראָקן, זיי האָט זיך געדאַכט אַז שדים און רוחות קריכן אַרויס פון זייערע אונטערערדישע באַהעלטענישן און פאַרפּלייצן דעם פּלאַץ.

די בהלה ווערט גרויס. אַלע שרייען, טומלען, פּילדערן.

אויך די באַדינער שרייען אין פּאַניק: עס איז מער ניטאָ וואָס צו געבן! אַלץ שוין פאַרטיילט! קומט מאָרגן. — און זיי בעמען פאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס.

— זעט נאָר ווי עס שווימלט און גריבלט מיט די „גיט-גוטע"... ניטאָ מער וואָס צו טיילן!

— ס'איז דאָ! שרייט דער מאַן, וואָס צוליב אים האָט זיך אָנגעפאַנגען די גאַנצע פאַרווירעניש. ער איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן מיט אַ קאָפּ העכער. — „צו די פעסער! צו די קעסלען!"

דער צעהיצטער און צערודערטער ערב-רב האָט זיך אַ לאָז געטאָן, אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם מאַן, צו די פעסלעך ווייַן און די קעסלען, אין וועלכע עס האָבן זיך געקאָכט די שאר ירקות. אייניקע פעסלעך זייַנען געווען ליידיקע אין אַנדערע איז נאָך געווען צוביסלעך ווייַן. די מחנה בעטלער האָבן געדרישט און געברויזט ווי אַ צעקאָכטער ים. זיי האָבן געבראָכן די פעסלעך, איבערגעקערט די קעסלען. דער ווייַן איז צערונען. זיי האָבן זיך געוואָרפן איינע אויף די אַנדערע. עס איז געוואָרן אַ געשלעג מיט די הענט, מיט די פיס, מיט די סענקעוואַטע שטעקנס און מיט קוליעס. געווען אַ היפּשע צאָל קאַליקעס צווישן די בעטלער.

בת-שבע אַן איבערגעשראָקענע האָט געכאַפּט דאָס קינד און איז מיט אים פאַרשוווּנדן.

מ'האָט אַרויסגערופן אַן אָפּטיילונג פון קעניג דודס לייב-גוואַרדיע כרתי ופלתי, צו צעטרייבן און איינצאַמעווען דעם צעיושעטן עולם. מ'האָט מורא געקראָגן די אומרוען זאָלן זיך ניט צעשפּרייטן און אַרומכאַפּן אַ טייל פון דער רעזידענץ-שטאָט. אַ היפּשע צאָל פון די בעטלער און בעטלערקעס יתומימלעך, ווי אויך פון דער באַדינערשאַפט זייַנען צעניזוקט און צעטראָטן געוואָרן אונטער די פיס אין דעם געדרענג און געלאַף.

בת-שבע מיטן קינד אויף אירע אָרעמס האָט זיך קוים אַ לעבעדיקע

אַריינגעכאַפּט אין הויז, נאָך איר איז געקומען צו לויפן עטרה און עטלעכע פון די באַדינעריגס.

— פאַרשטערט דעם יום־טוב! — אין בת־שבעס אויגן ווייזן זיך טרערן.

— מאַמע! ווער איז געווען אָט־יענער מאָדנער מאַן?

— נישט קיין אונדזעריקער! נישט קיין ישראלי, מיין קינד!

— מאמע! פון וואַנעט איז ער געקומען?

— מיין קינד! איך ווייס ניט. געווען אזא גרויסער עולם, ווער האָט זיי אַלעמען געקאָנט וויסן און קענען?! ניט קיין ישראלי.

— טייערע בת־שבע! „ניט קיין ישראלי" זאָגסטו, און איך וועל דיר זאָגן; ער איז ניט קיין מענטש! — עטרה גיט אַ ווונק מיט די אויגן צו די באַדינערינס, ווי איינער זאָגט, מיר פאַרשטייען זיך אויף אַזוינע „העלדן"...

בת־שבע, פאַרוווּנדערט, ציט מיט די אַקסלען:

— וואָס מיינסטו, ניט קיין מענטש?

— וואָס מיין איך? וואָס דו הערסט, מיין טייערע בת־שבע! האָסטו דען ניט געזען, ווי פּלוצלונג האָבן זיך גענומען שיטן בעטלער פון אַלע זייטן, פון אונטן און פון אויבן... געקראָכן פון דער ערד אַרויס און געפאַלן פון די וואָלקנס אַראָפּ... זיי זיינען יענעמס חיילות. — עטרה רעדט און דעררעדט ניט, ווי זי וואָלט וועלן אַז מ׳זאָל זיך כאַפּן וואָס זי מיינט.

— וואָס רעדסטו? — פרעגט בת־שבע פאַרחידושט.

עטרהן איז פאַרדריסלעך וואָס בת־שבען דאַרף מען אַ פינגער אַריינלייגן אין מויל, וואָס זי שטויסט זיך אַליין ניט אָן וואָס דאַרטן איז פאָרגעקומען.

— וואָס רייד איך? איך ווייס ניט וואָס איך רייד? טאַקע יאָ! די אַלטע עטרה האָט נאָך גוטע אויגן און איך האָב אַליין געזען אַז יענער מאַן האָט העגערשע פיס מיט שפּאָרן אונטער די שמאַטעס מיט וועלכע ער האָט זיי געהאַלטן פאַרוויקלט. ער קען מיך ניט אָפּנאַרן. ער איז אַ „ניט־גוטער"... וואָס רייד איך? ער איז דער קעניג פון די שדים און רוחות. ער איז דער אשמדי אַליין. ער האָט עס אָנגעמאַכט דעם גאַנצן טומל און גערודער. ער איז געקומען מיט זיינע באַדינער און היטער, און זיי האָבן מיט אַ כיוון פאַרשטערט דעם יום־טוב. מע האָט דאָך צעטראַמפּלט צענדליקער אָרעמע יתומים.

עטרה האָט מורא מ׳זאָל זי ניט באַשולדיקן אין שלעכטער אויפּזעער־שאַפט, און זי וואַרפט די שולד אויף כוחות, וואָס געפינען זיך אויסער דעם

רשות פון שטערבלעכע מענטשן. ווער קען ביישטיין קעגן די שדים און רוחות אַז זיי כאַפּן זיך אַריין אין אַ מענטשן־געזעמל ? !

— וואָס רעדסטו ? פאַרוואָס האָב איך ניט באַמערקט זיינע הענערשע פיס ?

— הער, בת־שבע, וואָס איך וועל דיר זאָגן. ביים טיש האָט ער געהאַלטן די פיס אונטער זיך, כדי מ׳זאָל גאָרניט קענען זען. אָבער מיך קען מען ניט פאַרפירן אַזוי לייכט. איך האָב געהאַלטן אויף אים אַן אויג גלייך פון זיין אָנקום. ער איז געווען קרוע־בלוא, האָב איך אים געוואָלט געבן אַ מלבוש, האָט ער עס ניט געוואָלט נעמען. ער האָט געטענהט דער בגד איז צו קורץ פאַר אים. האָב איך אים געוואָלט געבן אַ פּאָר סאַנדאַלן געפלאָכטענע פון ווייכער קאָרע, געגרוימע סאַנדאַלן מיט רימענע שנירלעך, האָט ער זיי באין־אופן ניט געוואָלט אָנמעסטן. דעם בגד האָט ער אָנגעמאָסטן, די סאַנדאַלן בשום אופן ניט. איך בין צוגעשטאַנען צו אים ער זאָל אָפּוויקלען די שמאַטעס. און ער — ניין און ניין ! כאָטש טו אים עפּעס ! איז וואָס קען עס באַטייטן ? ! עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג... ער איז מיט אַ קאָפּ, מיט צוויי קעפּ, געווען העכער פון גאַנצן עולם. און אויפן שטערן האָט מען געקענט זען וואָרצלען אַזוינע, ווי פון הערנער. ער האָט זיי מסתמא אָפּגעש־ ניטן איידער ער איז געקומען צום מאַלצייט, כדי מע זאָל אים ניט דערקענען...

בת־שבע קוקט אָן עטרהן מיט פאַרוונדערטע אויגן און שווייגט. ניט ווילנדיק גיט זי סקעפּטיש אַ שמייכל, וועלכן זי אונטערדריקט.

— יאָ, עטרה איז פולשטענדיק גערעכט — האָט צוגעשטימט איינע פון די באַדינערינס, — די חברה־לייט קומען אַלע מאָל ווי אַ גרויסער עולם פאַרזאַמלט זיך, אום די ענגשאַפט צו מאַכן נאָך ענגער. זיי האַבן האַלט זיך צו רייבן צווישן עולם, און ווען עס לאָזט זיך, אָפּטאָן עפּעס אַ געמיינע זאַך. דאָס איז זייער גאַנצער פאַרגעניגן...

— יאָ, יאָ ! עטרה איז גערעכט ! — האָבן אַלע אונטערגעהאַלטן.

בת־שבע האָט זיך פאַרטראַכט : דוכט זיך נאַרישקייטן, פאָלקס־אַבער־ גלויבערייען, אָבער אין דעם ליגט עפּעס מער ווי בלויז נאַרישקייט : אומגליקן, בייז, רשעות, שלעכטס דאַרפן דאָך האָבן אַ קוואַל פונוואַנעט זיי נעמען זיך...

דערווייל האָט זי באַמערקט ווי פאַרן פענצטער זיינען פאַרבייגעגאַנגען דער שעף און זיין געהילף. זיי זיינען געווען צעביילטע און צעבלוטיקטע. בת־שבע האָט געוואָלט הערן וואָס זיי האָבן צו דערציילן, וואָס איז דאָרט

פאַרגעקומען נאכדעם ווי זי האָט זיך פון געדרענג ארויסגעריסן מיטן קינד. זי האָט זיי געבעטן זיך אָפּשטעלן און האָט זיי אויסגעפרעגט.

— מ׳האָט געמוזט שיסן אין זיי מיט פיילן, אנדערש האָט מען זיי ניט געקענט צעטרייבן.

מ׳האָט אויך געלאָזט אין גאנג שטיינער, דובינעס און געפלאָכטענע קאַנטשוקעס ביז מ׳האָט זיי צעיאָגט. אַזאַ ווילדע רציחה האָט אין זיי געברענט. מיט רייד האָט מען זיי ניט געקענט איינשטילן...

— און יענער מאָדנער פאַרשוין? — פרעגט בת־שבע.

זיי האָבן פאַרשטאַנען וועמען זי מיינט.

אים האָט מען אַרומגעזוכט, ער האָט דאָך אָנגעמאַכט די גאַנצע סומאַטאָכע, ער האָט געהייצט דעם המון און זיי געפירט אין אָנפאַל אויף די קעסלען און פעסער. מ׳האָט אים אין ערגעץ ניט געקענט געפינען. ער איז ווי איינגעשלונגען געוואָרן אין דר׳ערד. ער און אַ גאַנצע כאַפּטע שלעגערס און זויפערס זיינען ווי אויסגערונען, ניט געוואָרן אונטער די הענט. ווען מע כאַפּט זיי, וואָלט מען זיי גוט אַריינגעצימבלט, געגעבן די געשמאַקע מלקות... זיי זיינען, אָבער, נעלם געוואָרן, קיין שפור איז פון זיי ניט געבליבן... ווי פלוצלינג געקומען, אַנטלאָפן פון אלע עקן און קאַנטן, אַזוי פלוצלינג זיינען זיי ניט געוואָרן. זיי זיינען דאָך ווי דער ווינט. זיי האָבן ניט קיין קערפּערס. אַז זיי ווילן פאַרשטעלן זיי זיך פאַר מענטשן, און אַז זיי ווילן, ווערן זיי דורכזיכטיק ווי די לופט. גיי כאַפּ אַ רוח און שמייס אים אָפּ...

איבערן גאַנצן שטאָט האָבן זיך צעטראָגן קלאַנגען אַז אויפן מאַלצייט האָבן אייניקע פון דעם איבערבלייב פון שאול׳ס הויז, די שונאים פון קעניג דויד פאַרבעטן דעם אשמדאי, דעם קעניג פון די שדים, ער זאָל מיט זיינע חיילות קומען און פאַרשטערן די שמחה, פאַרוואַנדלען די פרייד אין אַ טרויער.

אַלע זענען געווען איינשטימיק אַז דעם האַרמידער און הריגה האָבן אָנגעמאַכט די „ניט גוטע״. די האַמפּערייען צווישן „עמך״ זיינען אָנגעגאַנגען בלויז וועגן דעם. אַנדערע האָבן געזאָגט אַז עס איז געווען די אַרבעט פון אשמדאי. און אַנדערע האָבן געהאַלטן אַז דער עזאזל האָט עס געטאָן, ווייל ער איז דאָך דער קיניג איבער די שדים פון מדבר און אים איז עס מער צו דער האַנט...

דויד איז געקומען אין אָוונט באַרויקן בת־שבען. און ער האָט זיך

געמיט צו פאַרקלענערן די זאַך. ער האָט זי געוואָלט איינשמועסן אַז מ׳איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. די כלומרשט צעטראָטענע קינדער זײַנען געווען גאָר געחלשטע ווי גאָר מ׳האָט זיי אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן וואַסער אַזוי זײַנען זיי געקומען צו זיך. קיין ערנסטע פאַרוווּנדעטע זײַנען ניטאָ, ניט צווישן די דערוואַקסענע, און ניט צווישן די קליינוואַרג און יונגוואַרג. ניט מער ווי ביי דעם אַ גאַז אַ צעבלוטיקטע. ביי דעם אַן אויג אַן אונטערגעשלאָגענע, ביי דעם אַ באַק אַ צעדראַפּעטע... דאָס אַלץ און מער גאָרניט.

ער האָט זיך געמיט זי צו באַרויקן, אָבער אַליין איז ער גאָר ניט געווען רויק. די אַלטע שרעקעניש האָבן זיך אין אים דערוועקט, ווי אַלטע ווונדן וואָס עפענען זיך אויפֿאַמאָל און נעמען טריפֿן מיט אייטער...

ער האָט אָבער זיי גלייך גענומען פאַרבאַנדאַזשירן מיט די נבֿואהשע רייד פֿון נתן דעם נביא, און זײַנע גוטע פאַרשפּרעכונגען. דעם נביאס ווערטער מוזן מקוים ווערן. דער הייליקער מאַן ווייסט השם יתברך׳ס ווילן...

# 8

עס איז מיטאָגצייט. די זון שטייט אין מיטן הימל און פאַרפלייצט די ערד מיט ליכט. אָבער אין נתנס שטיבל איז געווען טונקל און קיל.

בת־שבע איז געקומען צו נתנען מיט שלמהן. זי האָט געוואָלט אַז דאָס קינד זאָל זיך באַקאַנען מיט זײַן צוקונפֿטיקן לערער־דערציער, זיך צוגעוויינען צו אים ביסלעכווייז, אַזוי אַז זי זאָל קענען אים איבערלאָזן מיט נתנען, און שלמה זאָל זיך ניט פֿילן ווי מיט אַ פֿרעמדן מענטשן אין אַ פֿרעמדן פּלאַץ און זיך שרעקן.

זי איז אַריין אַן אויפֿגעלויכטענע, פֿירנדיק שלמהן ביי דער האַנט.

— שלום צו דיר, הייליקער מאַן! — רופֿט אויס בת־שבע אַ צעשטראַלטע, כאָטש זי איז געווען אַביסל מיד פֿון אַרויפֿקריכן אויפֿן שפּיץ בערגל, אויף וועלכן דאָס באַשיידן שטיבל איז געשטאַנען.

— שלום! — רופֿט זיך אָפּ נתן, רוקט אָפּ די מגילה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לייענען און פֿאַריכטן די אָפּגעשפּרונגענע אותיות, אָנאַזייט, גיט אַ וויש־אָפּ דעם פּענדזל אָן זײַנע שוואַרצע האָר, וואָס האָבן שוין באַוויזן אַ דורכשפּרינקל פֿון גרוי ביי די שלייפֿן, און לייגט אים אַוועק אויפֿן ראַנד פֿון טיש.

— ברוכים הבאים! זייער געהויבענע געסט! — נתן הויבט זיך אויף

און ווייזט אָן מיט דער האַנט אויף צוויי טאַבורעטן וואָס מיינט זיי זאָלן זיך זעצן.

— מיר האָבן דיר געשטערט? — פרעגט בת־שבע און קווענקלט זיך צי זאָל זי זיך זעצן.

זיכער ניט, איך האָב דאָך אייך דערוואַרט. חושים האָט מיר באַציילטנס געלאָזט וויסן אַז איר וועט קומען. און וואַרטנדיק אויף אייך האָב איך זיך פאַרנומען מיט לייענען אַ מגילה, וואָס האָט אפשר אַ שטיקל שייכות צו אייער באַזוך און צו דעם וואָס עס שטייט מיר פאַר צו טאָן... — ער האָקט זיך אָפּ, באַטראַכט שלמהן מיט אויפמערקזאַמקייט, דערנאָך גיט ער אים אַ מעסט אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס. ער בלייבט זייער צופרידן פון זיין אייליקער אונטערזוכונג. זיין צוקונפטיקער תלמיד געפינט גרויסן בייפאַל אין זיינע אויגן. דאָס גייט ניט פאַרביי אומבאמערקט פון בת־שבען, וואָס קוועלט אָן פון נחת.

— שלמה, מיין קינד, — בת־שבע ווענדט זיך מיט אַ פרייד אין דער שטים צו איר זון, — דאָס איז נתן, דער נביא. דו האָסט אים געזען אַ פּאָר מאָל אין קעניגלעכן הויף. ער וועט זיין דיין רבי. ער וועט דיר פאַרענטפערן די אַלע פראַגעס, וואָס דו פרעגסט מיך, דיין מוטער, און אַלע אונדזערע באַדינער און באַדינערינס. איך קען דיר אַלץ ניט ענטפערן, איך בין בלויז אַ פרוי, אָבער נתן איז אַ הימל־מענטש. ער וועט דיר געבן ענטפערס, און ריכטיקע ענטפערס. און דו האָסט דאָך אַזוי פיל צו פרעגן...

זי ווענדט זיך צו נתנען:

— ער פאַרקלאַפּט מיר דעם קאָפּ מיט זיינע פרעגענישן. ער איז זייער נייגעריק צו וויסן אַלץ. ער שטעלט מיך אָפט אין אַ פאַרלעגנהייט. ער פרעגט וועגן זאַכן, וואָס מיר איז גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן זיי.

— שלמה איז פול מיט פרייד. איצט וועט ער האָבן אַ מאַן וואָס ווייסט אַלץ און וועט אים קענען אַלץ געבן צו פאַרשטיין. ער וויל אָבער אַז די מוטערס רייד זאָלן באַשטעטיקט ווערן טאַקע פון זיין רבין אַליין.

— נתן הנביא, איר ווייסט טאַקע אַלץ, איך מיין אַלץ־מיט־אַנאַנדער, אַלע זאַכן? — גליק שיינט פון זיינע אויגן אַרויס, מיט וועלכע ער באַוווּנדערט דעם אַלצוויסנדיקן מאַן.

— מיין טייער קינד, — רופט זיך אָפּ נתן, און גלעט אים בשעת מעשה איבערן קעפּל, — ניט אַלץ, מיין קינד. אַלץ ווייסט אײן יהוה אַליין. ער איז דער אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון אַלדאָס וויסן און פאַרשטיין.

איך ווייס בלויז אַ ביסל, אָבער דאָס ביסל נעמט אויך פיל צייט און מי זיך איינצושאַפן. מיט דער הילף פון השם יתברך וועסטו וויסן אַ סך, אַ סך מער פון מיר. אָבער דו וועסט דאַרפן לערנען פלייסיק און פיל יאָרן באַכאַנאַנד.

שלמה פרעגט מיט א שטילער שטים, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך און וואָלט אַליין געוואָלט זיך דערטראַכטן צו אַן ענטפער.

— און פונוואַנעט ווייסט השם יתברך אַלץ? ווער האָט אים געלערנט?

נתן שמייכלט גוטמוטיק און ענטפערט.

— מיין טייער קינד, ער דאַרף ניט לערנען; ער איז דער אייביקער פאַר־זיך־לערנער. וואָס מיינט "לערנען"? דערוויסן זיך זאַכן, דערקונדיקן זיך וועגן אַלץ, וואָס איז אין אונדז און אַרום אונדז. השם יתברך האָט אַלץ באַשאַפן, דעם גאַנצן באַשטאַנד, דעריבער קען ער אַלץ און ווייס אַלץ, וואָס און ווי אַזוי עס קומט פאָר, און פון וואָס אַלץ נעמט זיך. דאָס אייגענע בנוגע מענטשן. דער אויבערשטער האָט זיי באַשאַפן און ער ווייסט אַלע זייערע געדאַנקען און געפילן.

— איך וואָלט אויך וועלן וויסן וואָס מענטשן טראַכטן, דעריבער פרעג איך זיי אַזויפיל פראַגעס, איך וויל הערן וואָס זיי האָבן צו זאָגן.

— אַז דו וועסט לערנען א סך, וועסטו וויסן אַ סך. אָבער צום וויסן און קאָנען איז ניטאָ קיין מאָס און קיין שיעור.

נתן ווענדט זיך צו בת־שבען:

דו רעכנסט, אַז ער איז שוין גענוג רייף איבערגעגעבן צו ווערן אין מיין רשות?

— אויב ער וועט זיין וויליק צו בלייבן מיט דיר אָן צו האָבן מיך ביי דער זייט, וועט עס ציילן אַז ער איז שוין אַרויסגעוואַקסן פון מיין פלעגע און השגחה, דעמאָלט לאָז איך אים איבער ביי דיר, — די לעצטע ווערטער רעדט זי אַרויס מיט אָנשטרענג, ווי זי וואָלט וועלן גובר־זיין זיך.

נתן פאַרציייכנט עס און רופט זיך אָפּ מיט מיטגעפיל.

— אויף אַ מוטער מוז פאַלן זייער שווער דאָס שיידן זיך מיט אַ קינד, וואָס זי האָט אַליין געהאָדעוועט מיט איר ברוסט; זיין ווערן צו אַ געוויסער מאָס אומאָפּהענגיק אין נערונג איז פאַר איר אַ פרייד געמישט מיט פאַרדרוס. ניט אַזוי, הויך־געשעצטע פרוי, בת־שבע?

— יאָ, עס איז אַזוי! אַ מוטער ווען זי זאָל נאָכגעבן איר בלינדן־מוטער־אינסטינקט, אַזוי צו זאָגן מוטערשאַפט־יצר־הרע, וואָלט געהאַלטן איר קינד ביי איר ברוסט דאָס גאַנצע לעבן זיינס און וואָלט שטאַרק חשק

געהאַט אַז עס זאָל גאָר קיינמאָל ניט אַרויסוואַקסן פון זיין צושטאַנד פון אַ זויג־קינד.

— אָבער זי פרייט זיך דאָך צו זען אַז איר נערונג האָט געהאַט די דערוואַרטע פעולה און דאָס עופהלע וואַקסט, — שטעלט נתן אַריין די באַמערקונג, — אַזוי אַז פרייד גייט צוגעמישט אַביסל מיט צער...

— יאָ, דאָס האַרץ פון אַ מוטער איז פול מיט קעגנזאַצן, און מעגלעך אַז אַזוי איז דאָס האַרץ פון יעדער פרוי, יאָ מוטער צי ניט מוטער.

בת־שבע פאַררויטלט זיך. זי איז זיך מודה אין אַן אייגענער שוואַכקייט און צו דער אייגענער צייט וויל זי פאַרטיידיקן די פרויענשאַפט.

— אַ מוטער קוועלט אַ פון נחת, צוקוקנדיק זיך ווי איר קינד, איר באַוואַנעק, וואַקסט און דערביי ציטערט זי איבער אים, פילט זיך אַן מיט פיין פון שרעקנדיקן געדאַנק אַז עס וואַקסט ניט אויס, נאָר וואַקסט, בפועל־ממש, אַוועק פון איר, רייסט זיך אָפּ. ער ווערט אַ „גאַנצער מענטש" און וועט ניט דאַרפן מער אָנקומען צו אירע טובות, צו איר פלעגע. זי האָט מורא אים צו פאַרלירן. — זי מאַכט אַ קורצע פויזע. גיט אַ געלעגנהייט נתנען עפּעס צו זאָגן. אָבער אַזוי ווי ער שווייגט, זעצט זי פאָר:

— איך בין אפילו גענויגט צו טראַכטן אַז דאָס אייגענע אין אַ געוויסער הינזיכט קומט פאָר בשעת קימפּעט. דער גרעסטער טייל אַנגסטן קומט פון דעם באַוווסטזיין אַז אַ שטיק פון אייגענעם קערפּער שייד זיך אָפּ און די מוטער קען ניט שלום־מאַכן מיט דעם פאַרלוסט. עס איז כמעט אַזוי ווי מ'זאָל נעמען אָפּשניידן אַ פוס צי אַ האַנט. דער קערפּער וויל זיך ניט שיידן מיט זיינס אַ גליד. און עפּעס ענלעכעס, גייסטיקע ווייען, לעבט אַ מוטער דורך בשעת אַנטווינען איר עופהלע.

נתן רופט זיך אָפּ האַלב ניט זיכער:

דערנאָך קומט דאָס גייסטיקע, דאָס שכל־אַנטווינען. ווען מ'זעט ווי דאָס קינד קריגט אַן אייגענעם פאַרשטאַנד און דאַרף מער ניט אָנקומען צו די אָנווייזונגען פון זיין מוטער. דאָס אייגענע גייט אויף אַ לערער, דערציער, ווען ער נעמט פילן אַז דער תלמיד נעמט אַרויסוואַקסן פון אונטער זיין השפעה און אינטעלעקטועלער וועג־ווייזעריי.

— יאָ, עס איז אַזוי, מוטערשאַפט און פאָטערשאַפט, די גייסטיקע פאָרמען זייערע אַריינגערעכנט, זיינען טראַגיש ביז גאָר. אָבער עס האָט אויך, נאַטירלעך, אַ פאַרגילטונג. דער צער קומט צוזאַמען מיטן שכר, אָדער די רפואה ווייזט זיך פאַר דער מחלה. מוטערשאַפט פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן און דער פאַרגעניגן גיט דער מוטער כוח איבערצוטראָגן

די גייסטיקע ליידן, ווען זי זעט אַז זי פֿאַרלירט דאָס קינד און דאָס קינד באַגייט זיך אָן איר... דעריבער פּאַסירט ניט זעלטן אַז בעלי־חיים ווערן ליבערשט דערשטיקן, אָדער אומברענגען אויף אַן אַנדער אופֿן, זייערע אייגענע קינדער איידער זיך צו שיידן מיט זיי מחמת זייער אויסוואַקסן און ווערן אָפּגעפֿרעמדט, זעלבסטשטענדיק.

בתנס אויגן טוען זיך אַ צינד אָן, עפּעס איז אים פֿאַרשטענדלעך געוואָרן, און ער וויל גלייך זיך טיילן מיט דעם מיט בת־שבען.

— אין דעם מאָמענט איז מיר קלאָר געוואָרן וואָס די מגילה „בראשית" לאָזט אונדז הערן מיט איר פֿאַרציילן אַז יהוה, דער פֿאָטער־מוטער פֿון דער וועלט, האָט חרטה געקראָגן אויפֿן באַשאַף. דאָס איז אַ באַשרייבונג פֿון די שווערע איבערלעבונגען פֿון מוטער־פֿאָטער, פֿון האָדעווען קינדער... ווען יהוה האָט דערזען אַז די וועלט, די מענטשן, ווערן אָפּגעפֿרעמדט פֿון אים, ד. ה. גייען אַוועק, כביכול, פֿון מוטער'ס שויס, „זינדיקן", ווערן אומאָפּ־הענגיק, וויל ער אומברענגען דעם גאַנצן באַשטאַנד. אָבער דערנאָך טוט אים באַנג פֿאַר זיין געאיילטן באַשלוס און ער שליסט אַ בונד, בעט זיך איבער מיט דעם באַשאַף. דאָס איז אַ מייסטערהאַפֿטע שילדערונג פֿון „צער גידול בנים"... דער צער און עגמת־נפֿש קומט פֿון זייער וואַקסן און אויס־וואַקסן, פֿון „גידול", דווקא פֿון דער הצלחה פֿון דער האָדעוואַניע.

בת־שבע'ס פּנים ווערט אויפֿגעלויכטן.

— אין אונדזערע הייליקע גאָר פֿאַרצייטיקע מגילות ליגן אַ סך גע־היימנישן וועגן מענטשן און זיין פֿאַרוויקלטער זעל... דאָס אייגענע קומט, מסתמא, פֿאַר אין האַרצן פֿון אַ קינסטלער אָדער אַ גרויסן פֿאַרפֿאַסער. ער „געבוירט" זיין ווערק, זיין גייסטיק קינד, לעבט זיך איין און לייבט זיך אַריין אין אים, דערנאָך וואַקסט עס אויס, גייט אַרויס אין דער וועלט. קומט צו פֿרעמדע מענטשן... און דער קינסטלער מוז זיך שיידן מיט זיין שאַפֿונג, מיט זיין פֿלייש־און־בלוט פֿון גייסט...

בתנען געפֿעלט איר באַמערקונג. ער זעט ווי טיף זי נעמט אויף זאַכן, און ער טראַכט, אויב שלמה איז גערעכטן אין איר, וועט ער קיין שוועריקייטן ניט האָבן אין לערנען אים.

— אין גרויסער אָרעמקייט פֿאַרקויפֿן דאָך טאַטע־מאַמע זייערע קינדער פֿאַר שקלאַפֿן. די קינסטלער־שאַפֿער טוען דאָס אייגענע... דער פּועל־יוצא פֿון דעם אַלעם איז: אַ מענטש, אַ שעפֿער טאָר ניט שאַפֿן אַ וועזן, וואָס קען זיך אָפּטיילן פֿון אים און קריגן אַ ממשותיקן קיום אויסער אים... אָבער בלויז אזא שאַפֿונג זאָגט עדות וועגן עכטער שעפֿערישקייט, און אין דעם

ליגט די טראַגיק פון גרויסע שעפערישע מענטשן: זיי געבוירן ניט בלויז די וואָס באַגראָבן זיי נאָכן טויט און דערנענטערן זייער טויט, נאָר אויך די, וואָס פאַרלייקענען זיי, טרייסלען זיך אָפּ פון זיי נאָך בשעת זייער לעבן... קיין גרעסערער צער און ווייטאָק איז גאָר ניטאָ...

בשעת דעם טיפן און באַלערזאַמען שמועס, וואָס האָט זיך פאַרפלאָכטן צווישן בת־שבע און נתנען און אין וועלכן זיי האָבן זיך אַזוי אַריינגעצויגן אַז זיי האָבן כמעט ווי פאַרגעסן וועגן תכלית פון באַזוך און וועגן דער אָנוועזנהייט פון שלמהן, איז ער זיך אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, דורכגעטאַפּט און דורכגענישטערט די פילע מגילות און וואַקס־טאַוולען און ציגל וואָס זיינען געלעגן ווי אָנגעוואָרפן, אָן סדר אויפן טיש און אויף די צינאָווקעס וואָס זיינען צעשפּרייט אויפן ערדענעם דיל. ער האָט זיי באַקוקט און זיך געחידושט איבער דעם באַטייט פון די צייכנס וואָס זיינען געווען אַריינגעפּרעסט אין זיי. אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט צוצוהערן זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו זייער פאַרצויגענעם געשפּרעך. און ער האָט געטנוג באַנומען כדי צו מאַכן, ניט לאַנג טראַכטנדיק, די באַמערקונג:

— מאַמע ליבע און דו, אָנקל נתן, אירביידע רעדט אַלץ וועגן דער מוטער און דעם פאָטער. איר פאַרגעסט וועגן קינד, וואָס פילט עס, ווען עס מוז איבערגעוואַלט אַרויס פון בויך... אַרויסגעטריבן ווערן פון זיין גן־עדן ווו ער האָט זיך געפילט אַזוי גליקלעך און זיכער, פאַרזאָרגט מיט אַלץ... און שפּעטער קומט צו אַ צווייטער, אַרויסטרייב, דאָס אָפּגעטריבן ווערן פון מוטערס ברוסט... ווען מ׳לאָזט אים, וואָלט ער גערן געזויגן דאָס גאַנצע לעבן אָדער, פריער, געבליבן אין מוטערס בויך...

בת־שבע און נתן ווערן עפּעס ווי איבערראַשט פון שלמהס דערבייזיין. זיי קוקן זיך איבער. אין זייערע בליקן שטייט באַוווּנדערונג איבער דער פּריצייטיקער רייפקייט פון קינדס שכל און פאַרשטאַנד... בת־שבע ציטערט אויף פון שרעק: קיין בייז אויג זאָל אים ניט שאַטן... אזא שאַרפער קאָפּ...

נתן טראַכט: עס איז אַ טייערע כלי און מ׳דאַרף זי שאַנעוועו, עס זאָל זיך ניט צעברעכן... מיטן לערנען אים איז ניטאָ זיך וואָס צו איילן... ער לערנט פון אַלץ וואָס ער הערט און זעט...

בת־שבע ווענדט זיך צו שלמהן:

— מיין טייער קינד, איצט וויל איך ריידן מיט דיר וועגן גאָר אַן ערנסטן ענין. די זאַך איז די: פאַרדעם האָבן מיר אַלץ געשמועסט וועגן איינפאַכער נערונג, שפּייז פאַרן גוף, אָבער די זעל וואָס באַלעבט דעם

קערפּער, הונגערט אויך נאָך שפּייז. און די דאָזיקע נשמה־שפּייז קען די מוטער, ביי איר גאַנצן ווילן, ניט געבן איר קינד. זי פאַרמאָגט ניט אַזאַ ברוסט, וואָס זאָל טריפן מיט מילך פון חכמה און געלערנזאַמקייט. דאָס קינד מוז מען איבערגעבן צו אַן אַם... צו אַ רבין וואָס וועט אים געבן זויגן גייסטיק, האָדעווען און פלעגן דאָס הארץ און שכל פון קינד. פאַר דעם צוועק טאַקע האָב איך דיך געבראַכט צום נביא, אַנקל נתן. דו ווילסט דאָך זיין אַ חכם, אַ ווילקענער, ניט אַזוי?

— אַוודאי וויל איך, — ענטפערט שלמה גלייך, — וואָס דען ארומגיין איבער דער וועלט אַ בלינדער, טויבער און שטומער?

— וואָלסטו וועלן בלייבן מיט נתן הנביא? וועסטו אים פאָלגן? וועסטו אים ליב האָבן?

— ליבע מוטער, פאַרוואָס פרעגסטו ניט דעם נביא נתן צי ער וועט מיך ליב־האָבן און זיך אָפּגעבן מיט מיר, מיך לערנען, מיר איבערגעבן זיין קלוגשאַפט, זיינע קענטעענישן? קלוגשאַפט איז דאָך אַ טייערער שאַץ, פיליכט וויל ער זיך מיט אים ניט שיידן, וויל ער עס האַלטן פאַר זיך, פאַר זיין אייגענעם געברויך.

— מיין טייער קינד, ערשטנס האָב איך עס שוין געפרעגט ביי אים, נאָך איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן. צווייטנס, האָסטו שוין געהערט דאָס ווערטל. — זי האָט זיך איבער און ווענדט זיך צו נתנען, — וואָס ער האָט איינמאָל געהערט בלייבט עס ביי אים אויף שטענדיק, ער פאַרגעסט ניט, עס איז אַזוי גוט ווי ארייגעלייגט אין אַ פאַרשלאָסענעם קאַסטן;

— קערט זיך צוריק צו שלמהן, — דאָס פאָלק זאָגט: מער וויפל דאָס קעלבל וויל זויגן, וויל די קו איר געבן זויגן. דאָס גייט אויף יעדן גרויסן לערער... דער אַנקל נתן וועט זיין דיין גייסטיקער פאָטער, וואָס שטייט העכער פון אַ לייבלעכן פאָטער... וועסטו אים ליב האָבן און בלייבן מיט אים פאַר דער גאַנצער צייט פון דיין לערנען זיך?

— ליבע מאַמע, דו ביסט דאָך אַזאַ גרויסע חכמה, און דו פרעגסט מיך אַזאַ אומפּאַסיקע פראַגע: האָסטו מיך געפרעגט צי איך וואָלט וועלן האָבן מיין לייבלעכן פאָטער? אויב ער וועט זיין מיין פאָטער, וועל איך זיין זיין קינד, און אַ קינד, דו ווייסט דאָך עס און אַלע ווייסן עס, קלייבט ניט אויס זיין פאָטער, און ניט זיין מוטער, ווייל עס דאַרף דאָך ערשט געבוירן ווערן, און ווייסן ווי אַזוי און וואָס צו קלייבן.

נתן איז אַנטציקט און איבערוועלטיקט פון שלמהס ענטפער, און ער רופט זיך אָפּ איידער בת־שבע געפינט ווערטער.

— מײַן טײַערער צוקינפטיקער תלמיד, דו ביסט אַזוי קלוג און פאַרשטענדיק, אַז מיר דוכט, דער אויבערשטער אַלײן איז דײַן גײַסטיקער פֿאָטער, דײַן רבי... די חכמה קוועלט אויף אין דיר, פֿון דײַנע „בירן"...

— ווען איך ווײס אַ הונדערט חלק פֿון דעם וואָס איך וויל און דאַרף ויסן, וואָלט איך וויסן פֿיל מער ווי איך ווײס הײַנט צו־טאָג. אָבער פֿאַר דאָס ביסל וויסן און פֿאַרשטײן, וואָס איך פֿאַרמאָג בין איך דאַנקבאַר, צוערשט השם יתברך, און דערנאָך, מײַן קלוגער און געלערנטער מוטער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט מיר.

נתן הויבט אויף פֿרום די הענט צום הימל און לאָזט זײ גלײַך אַראָפּ אויפֿן קעפּל פֿון קינד: זײ געבענטשט פֿון אלהים פֿון ישראל און געבענטשט איז די מוטער וואָס האָט דיך געבוירן און געבענטשט זײַנען די בריסט וואָס האָבן געזויגן דיך, אַזאַ ווונדער קינד, אַ קינד מיט אַן אָפֿענעם מוח...

בת־שבע גיט גלײַך צו:

— און געבענטשט זאָל זײַן דײַן גײַסטיקע מוטער און די בריסט וואָס גײַען דיך זויגן... מײַן זון, וואָלסטו וועלן בלײַבן אין הויז פֿון דײַן גײַסטיקן פֿאָטער?

— מאַמע ליבע, איך בין דאָך נאָך גײַסטיק ניט געבוירן געוואָרן, איז וועמען פֿרעגסטו? דו ווײסט בעסער וואָס פֿאַר מיר איז גוט, און וואָס דו וועסט מיר הײסן טאָן, וועל איך טאָן. דו, מײַן מאַמע, און קיניג דויד מײַן פֿאָטער, וועלן דאָך מיך קומען באַזוכן גאַנץ אָפֿט... אַניט וועל איך קומען אַהײם אויף אַ באַזוך.

נתן הויבט ווידער אויף די הענט צום הימל און פֿליסטערט פֿרום:

ווען אַלע מענטשן־קינדער פֿאַרלאָזן זיך אַזוי אויף זײער פֿאָטער באַשאַפֿער! ער ווענדט זיך צו בת־שבען, — דו קענסט אים איבערלאָזן, אויב דו ווילסט. איך וועל זיך באַזעצן מיט אים אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג כרמל. דאָרט וועל איך עפֿענען אַ בית־מדרשל פֿאַר אים און נאָך בײַן קינדער, אײנער פֿון זײ וועט זײַן מײַן זון, די איבעריקע אַכט האָב איך שוין אָפּגעקליבן. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער דער געגנט און אויס־געזוכט קינדער פֿון הימל־פֿאַרכטיקע עלטערן, וואָס זײַנען אָרעם. איך האַלט אַז מען דאַרף זיך אָפּגעבן מיט קינדער פֿון אָרעמע הײַזער, ווײַל פֿון זײ וועט אַרויסקומען חכמה און תורה...

— איך האָב ניט מיטגעבראַכט מיט זיך קײנע בגדים פֿאַר שלמהן, און אויך ניט באַזאָרגט דאָס איבעריקע, — זי פֿאַררויטלט זיך, לאָזט אַראָפּ

די אויגן, — דו הייליקר מאַן, ווערסט דאָך פאַרשטיין און פאַרגעבן מיין שוואַכקייט. איך קען אים גלייך ניט איבערלאָזן. עס וועט מיר נעמען אביסל צייט ביז איך וועל זיך צוגעוווינען צום געדאַנק פון זיין אָן אים. עס וועט מיר נעמען אַ וואָך. אויפן אַכטן טאָג וועל איך אים דיר איבערגעבן אין גאַנצן, און איך וועל קומען אים באַזוכן איינמאָל א וואָך, דערנאָך איינמאָל א חודש, איינמאָל אין דריי חדשים, און אַזוי ווייטער... איך דאַרף מיך אנטווינען, אָפּגעוווינען זיך פון אים... היינט וועל איך אים איבערלאָזן אויף צוויי שעה, מאָרגן אויף פיר, איבערמאָרגן אויף זעקס, און אזוי ווייטער...

— בת־שבע, דו דאַרפסט זיך ניט אַנטשולדיקן פאַר דיין שוואַכקייט, אַ מוטערס שוואַכקייט איז איר שטאַרקייט, און א דאַנק אָט־דער שוואַכקייט זיינען מיר אלע דאָ פאַראַן אויף דער וועלט... ווען ניט די איבערגעבנקייט פון אַ מוטער צו איר עופהלע, וואָלט קיין לעבן ניט געווען, ניט צווישן מענטשן און ניט צווישן אנדערע בעלי־חיים...

## 9

אויפמאָרגן איז בת־שבע געקומען אַליין. זי האָט אַנגעזאָגט עטרהן צו ברענגען שלמהן מיט צוויי שעה שפּעטער. זי האָט געוואָלט וויסן וואָס נתן האָט בדעה צו טאָן, ווי וועט ער צוטרעטן צו דער דערציִונג פון איר אויסערגעוויינטלעך־געראָטענעם זון, שלמה.

— הייליקער מאַן, דו ווערסט ניט נעמען פאַר אומגוט אז איך וועל דיך פרעגן, וואָס איז דיין פּראָגראַם בנוגע דער דערציִונג פון שלמהן. ווען איך האָב דיר געמאַכט דעם פאָרשלאָג, האָב איך גאָרניט געפרעגט, ווייל איך האָב געהאָט און האָב אויך איצט פולן צוטרוי צו דיר און צו דיין קענטעניש, דו ווערסט ניט אונטערנעמען אַ זאַך סיידן דו ווייסט ווי אַזוי דאָס דאַרף געטאָן ווערן אויפן בעסטן אופן. איך פרעג עס דיך, ווייל איך בין נייגעריק צו לערנען פון דיר. איך האָב נאָכגעטראַכט וועגן דעם ענין דערציִונג, אָבער צו קיין ווייטיקע געדאַנקען זיך ניט דערטראַכט. דו, אָבער, האָסט עס זיכער יאָ באַוויזן צו טאָן. וויל איך קריגן פון דיר ראשי־פּרקים, וואָס וועלן מיר פיל אויפקלערן.

— געהויבענע פרוי, בת־שבע, איך בין זייער צופרידן וואָס דו פרעגסט מיך וועגן דעם. איך האָב אין געדאַנק אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן. אָבער עס

איז אלע מאָל גוט זיך דורכצושמועסן מיט אַ צווייטן, ווייל ערשט דעמאָלט ווערן די אייגענע געדאַנקען קלאָרער.

— מיין פּלאַן, בת־שבע, איז א גאָר פּשוטער. איך בוי אַלץ אויפן גרויסן און הייליקן וואָרט „אנוכי". דאָס ערשטע וואָרט פון די צען געבאָטן איז דער שליסל צו דער גאַנצער יידישער פאַרשטענדעניש.

דערציונג דאַרף זיך אויך אָנפאַנגען פון דעם „איך", פון דעם פּערזענלעכן איך פון תלמיד, פון כּאוואַנעק. איך בין ניט איינפאַרשטאַנען מיט אונדזערע נזירים וואָס פּייניקן דעם גוף, טויטן אָפּ די חושים, איך האַלט מיט איוב׳ס איבערצייגונג וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט אין די פּאָר באַשייידענע ווערטער: „מבשרי אחזה אלוה" [1], פון לייב זעט מען דעם אלהים. מע טאָר דעם לייב ניט קריוודען, פאַרנאַכלעסיקן. מע טאָר דעם קערפּער ניט פאַרשעמען און, זיכער, ניט פאַרפּייניקן. אויב מיר זאָלן אים דאַרפן אַפילו אָפּצערן, דאַרפן מיר עס טאָן כּדי אים צו דערהויבן, שטאַרקן דורך איבונגען און אָנשטרענגונגען. דער קערפּער, ווי אַלץ אין אונדז און ארום אונדז, גאַרט נאָך אַ תיקון.

לכן דאַרפן מיר זען צו דערהייכן און הייליקן דעם קערפּער. וואָס מיינט דערהייכן? אים מאַכן בעסער, רירעוודיקער, באַוועגלעכער, געשיקטער, קרעפטיקער און דויערהאַפטיקער, איינשאַפן פאר אים וואָס מער אריכות־ימים.

פאַרצייטיקע מענטשן האָבן געלעבט זייער לאַנג, ווי אונדזערע מגילות דערציילן אונדז, ווי דהיינו משותלח וואָס האָט אריינגעלעבט קרוב צו טויזנט יאָר. זיי האָבן געוווּסט די גרויסע קענטשאַפט פון לעבן. זיי איז געווען אָנפאַרטרויט דער סוד־החיים, וואָס איז פון אונדז פאַרהוילן. אָבער עפּעס אַ שטיקל אָנונג פון דעם האָבן מיר. די לעבנס־חכמה באַשטייט אין אָנהאַלטן אַ געוויסן גלייכגעוויכט צווישן אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וואָס הייסט דער גוף פון מענטשן, אָט־די האַרמאָניע, אָט־דער שלום־בית איז דער קוואַל פון חיות. וואָס מער איינקלאַנג צווישן אַלע כּוחות, געדאַנקען, געשפּירן, ווּלעבנישן און גלוסטעניש פון מענטשן, אַלץ לענגער לעבט ער, אַלץ גרעסער איז זיין וויטאַליטעט. ווען דער מענטש וואָלט זיך באַפרייען פון האַס, שלעכטס, קנאה, שנאה, אין אַ פולער מאָס, וואָלט ער געלעבט אייביק. די פיינטשאַפט און מחלוקתן הערשן פון אינווייניק. איין גליד פאַרגינט ניט דעם צווייטן דאָס ביסל חיות. דער

1. איוב, י״ט, כ״ו.

טויט איז אַ פּועל־יוצא פון דער קללה וואָס געפינט זיך אין וויסן פון שלעכטס. וויסן פון שלעכטס מיינט זיך פאַרסמען מיט רשעות, מיט בייזקייט צו זיך, אין זיך. אַ מענטש האָט גאָר ניט געטאָרט וויסן פון דעם, ווייל אָט־דאָס פאַרשאָלטענע וויסן טראָגט אין זיך די זאָמען פון פאַרניכטונג, פון אויפלייז, פון פונאַנדערפאַל.

ווער עס וויל לעבן לאַנג, זאָל היטן זיין צונג און זיין געדאַנק און זיינע געפילן פון צו ריידן, טראַכטן און שפּירן שלעכטס. ווען איינער וואָלט דאָס אויסהיטן זיך פון בייז דערפירט צו שלימות, וואָלט די טויט־קללה זיך אָפּגעטאָן פון אים און ער וואָלט געלעבט אייביק.

דאָס איז איינאַלגעמיין גערעדט. אין פּרט פון דערציונג וואָלט איך זאָגן: מיר דאַרפן אָנפאַנגען פון סאַמע אָנפאַנג, ד. ה. פון תלמיד און זיין קערפּער אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין גייסט. אין קורצע ווערטער, מיר דאַרפן אים איינאיבן אין אַלץ וואָס ער קען טאָן מיט זיין אייגן געצייג. ד. ה. זיינע גלידער, דערנאָך פאַמעלעך אים איינאַרבעטן אין די אלע באַשעפ־טיקונגען וואָס פאַרלאַנגען אויסערלעך געצייג און אויסערלעכן שטאָף אויף וואָס צו אַרבעטן.

בת־שבע נעמט אויף זיינע רייד מיט גרויס צופרידנקייט. זי וויל אָבער זיך מער דערקונדיקן וועגן נתנס שיטה אין דערציונג.

— דערלויב מיר צו פרעגן אַ פראַגע: זאָג מיר, נתן הנביא, ווי אַזוי דענקסטו עס אָנצווענדן. איך באַגרייף וואָס דו זאָגסט, איך וועל דיך אָבער בעטן צו באַגלייטן דיין געדאַנק מיט אַ פּאָר לעבעדיקע ביישפּילן.

נתן פאַרטראַכט זיך אויף אַ קורצער ווילע און ענטפערט מיט זי־כערקייט:

— דאָס איז גאָר לייכט צו טאָן. וואָס אַ קינד קען טאָן ניט געברוי־כנדיק קיין אויסערלעך געצייג איז שטיין, גיין, זיצן, לויפן, שפּרינגען, טאַנצן, ווי אויך אָטעמען, ריידן, שמעקן גערוכן, לאַכן, וויינען און ענלעכע קערפּערלעכע טואונגען. דערנאָך קומען טואונגען פאַר וועלכע עס פאָדערן זיך מאַטעריעלע שטאָפן ווי דהיינו, עסן, טרינקען, קייען, שלינגען, זיך וואַשן. און צו דעם קומען די האַנדלונגען וואָס פאַרלאַנגען געצייג פאַר זייער דורכזעצונג. דאָ קומען אריין אלע מלאכות, אומנותן, געשיקטקייטן, קונסטן.

— דערלויב מיר צו פרעגן אַ פראַגע: דו רעדסט אַלץ וועגן טאָן, וואָס איז מכוח דענקען, וויסן די געזעצן לויט וועלכע די טואונגען דאַרפן אויסגעפירט ווערן ווי געהעריק?

— איך וועל דעם תלמיד צייגן ווי א זאך דאַרף אַמגעשיקסט געטאָן ווערן, און דאָס וועט, ממילא, אים מאכן דענקען, נאָכטראַכטן און איבערטראַכטן. א מענטש איז דאָך ניט קיין שטיק גראָבער חומר. ער וועט ניט־ווילנדיק זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון אין אַלע זיינע האַנדלונגען און אויפטואונגען, און די דערקלערונגען, אָדער די געזעצן ווי דו רופסט עס, וועלן קומען ווי אַ פּועל־יוצא פון זיינע נאָכקלערונגען און אויפקלע־רונגען.

— לאָמיר עס אָננעמען, אבער וואָס איז מכות איבערנעמען און אויסטראַכטן, און אויספאַנטאַזירן זאַכן וואָס האָבן ניט קיין אָנווענדונג גלייך אויף אַן אָרט?

— דאָס איז אַ פּונקט וואָס איז זייער וויכטיק. די מענטשלעכע פאַנטאַזיע, דעם מענטשנס פאָרשטעלונגס־קראַפט פאָדערט איבונגען און טרעגירונגען, כדי זי זאָל זיך צעוואַקסן, אָבער ניט וואַקסן ווילד, אַראָפּ־קריכן פון געזונטן נוצלעכן דרך־הישר... וועגן דעם וועלן מיר דאַרפן זיך דורכשמועסן באַזונדער.

שלמה מיט עטרהן קומען אריין. באַגריסן נתנען מיט גרויס פריינט־שאַפט און אַפּשיי.

בת־שבע ווענדט זיך צו שלמהן:

— דו וועסט דאָ בלייבן מיט דיין רבין, נתנען. איך דאַרף איצט אוועקגיין. איך וועל קומען אין אַ שעה צוויי אַרום דיך אָפּנעמען.

— צוויי שעה לערנען איז ניט גענוג, וויפיל קען מען זיך אויסלערנען אין צוויי שעה, — ענטפערט שלמה.

— אַז איך וועל קומען און איר וועט נאָך האַלטן אין לערנען, וועל איך צוּוואַרטן אין גאָרטן. איך וועל אייך ניט שטערן.

בת־שבע און עטרה געזעגענען זיך און פאַרלאָזן דאָס הויז.

נתן און שלמה בלייבן אַליין.

— דו ביסט גערעכט, שלמה, אין צוויי שעה וויפל קען מען לערנען, וועלן מיר טאַקע היינט ניט לערנען. מיר וועלן בלויז מאַכן אַ התחלה. מיר וועלן מאַכן אונדזער באַקאַנטשאַפט ווי אַן אָנפאַנג פאַר אונדזער פריינדשאַפט. קום מיט מיר אַרויס אין גאָרטן און איך וועל דיר־ווייזן די נעסטן אויף די ביימער.

— גוט.

ביידע גייען אַרויס האַלטנדיק זיך פאַר די הענט.

## 10

שלמה איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון נתנען. זיין דערציונג האָט געדאַרפט נעמען, בערך, דרייצן יאָר, דהיינו פון פינף ביז אַכצן. נתן האָט געהאַט בדעה אַרומצורייזן מיט אים צוויי יאָר אין די שכנישע לענדער, דריי יאָר אין ווייטע לענדער, און אכט יאָר פאַרברענגען אין ישראל גופא, צו אכט חדשים פאַרווײַלן אין דער געגנט פון איטלעכן שבט, לויט ווי דאָס לאַנד איז געווען אײַנגעטיילט.

צערשט האָט נתן און זיין אָפּגעקליבענער מנין תלמידים זיך באַזעצט אויפן הר־הכרמל.

נתן איז געווען אַ דאַרער, אַ הויכער, אַ מוסקולהאַפטער, לויט זיין קערפּער־געבוי האָט מען אים געקענט אָנגעמען פאַר אַן אַטלעט, אַ ראַנגלער, ווען ניט זיינע אויגן וואָס זיינען געווען צוויי גליענדיקע קוילן און זיינע שוואַרצע קאָסמעס האָר, וואָס זיינען אים אַראָפּגעפאַלן אין שוואַרצפּעכיקע כוואַליעס אויף די אַקסלען. ער איז געווען אײַנגעהילט אין אַ געשטרייפטן דינעם געוואַנט, וואָס האָט געהאַט בענדלעך „ציצית", אויף אַלע פיר עקן זיך צו פאַרשלייפן. אויף די לענדן האָט ער געטראָגן אַ גאַרטל פון ווייסן ליינען. אויף די פיס — סאַנדאַלן, וואָס ער האָט אַליין זיך אויסגעפלאָכטן פון דינע בויגעוודיקע ריטלעך.

אויפן באַרג האָט ער אויפגעשטעלט צען קליינע שטיבעלעך ווי צעלן און איין גרויסע שטוב. דאָס איז געווען דער „בית המדרש", און דאָ איז איינעם פון די זייטיקע צימערן האָט נתן אליין געוווינט. דעם „בית־מדרש" האָט מען געברויכט צום לערנען בלויז אין שלעכטע וועטערן, ווען עס איז געווען שיין אין דרויסן, האָט מען געלערנט אונטערן פרייען הימל. דאָס וואָרט „לערנען" דאַרף דאָ גענומען ווערן מיט גרויסע באַגרענצונגען. עס איז געווען מער שפּיל און פאַרווײַלונג ווי לערנען אין טרוקענעם באַדייט פון וואָרט.

פאַר פיזישע דערציונג איז נתנס מאָטאָ געווען: „גבור כארי ורץ כצבי". שטאַרק ווי אַ לייב און פלינק ווי אַ הירש... מיט איין וואָרט, ארבעטן אויפן קערפּער.

די ערשטע לעקציע איז באַשטאַנען אין אַ „בלאָז־זאַק", געניטער אין „אָטעמען". דער מאָטאָ איז אין דעם פאַל געווען „ויפּח באפּיו נשמת חיים, ויהי האדם לנפש חיה" (בראשית, ב, ז). און ער האָט אַריינגעבלאָזן אין

זיינע נאָזלעכער אַן אָטעם פון לעבן, און אדם איז געוואָרן אַ לעבעדיק וועזן.

אַכט פון די תלמידים זיינען געווען אין עלטער צווישן זיבן און אַכט. שלמה און נתנס אייגענער זון זבוד זיינען געווען אין גלייכן עלטער פון פינף יאָר. נתן האָט זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעגעבן מיט שלמהן און זבודן, די איבעריקע זיינען געווען ווי „צוגעשפּאַנטע". דער וואָגן פון דערציונג האָט זיך געדאַרפט באַוועגן לויט די כוחות פון די צוויי, וואָס זיינען געווען די „איינגעשפּאַנטע".

נתן האָט זיך גענומען אויפשטעלן פון ציגל און שטיינער אַ פייער־פּלאַץ ווי פאַר א קליינער קוזשניע. אין דער אַרבעט האָבן זיך באַטייליקט די צען תלמידים, יעדער לויט זיינע כוחות און חשק. אייניקע האָבן געטראָגן די ציגל, צוגעקייקלט די שטיינער. געמישט דעם קאַלך, געקנאָטן דעם ליים. איבערן פייערפּלאַץ האָט נתן איינגעריכט אַ בלאָז־זאַק. אין פייער־פּלאַץ האָט מען אַריינגעלייגט גליענדיקע קוילן. נתן האָט גענומען ארבעטן מיטן בלאָז־זאַק און געוועקט די קוילן. דאָס פייער האָט זיך צעטשוכעט און צולעצט זיך צעפלאַקערט. דער פייערפּלאַץ איז געווען אַ קליינער און דער בלאָז־זאַק, פאַרשטייט זיך, פיל קלענער, אַזוי אַז עס איז געווען לייכט צו אַרבעטן מיט אים.

מ'האָט געלאָזן דעם פייער כמעט אויסגיין, און דערנאָך זיך אַ נעם געטאָן אים „מינטערן", פאַנאַנדערבלאָזן. נתן האָט עס גערופן „דאָס בלאָז־זאַק שפּיל". די קינדער האָבן זיך מיט דעם באַשעפטיקט איינציקווייז אָדער אין פאַרלעך. זיי זיינען געוואָרן אַזוי פאַרקאָכט אין אָט־דער פאַרוויילונג אַז יעדער תלמיד האָט זיך געוווּנטשן צו האָבן פאַר זיך אַן אייגענעם פייער־פּלאַץ און בלאָז־זאַק. דער פייער און די קוילן האָבן אויסגעקוקט אין זייערע אויגן ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע וועזנס. אַז זיי האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעשפּילט מיטן פייער און בלאָז־זאַק צו זאַט, האָט נתן דערקלערט זיינע תלמידים אַז אייגנטלעך האָט יעדער איינער פון זיי אַ בלאָז־זאַק. זיי האָבן ניט געגלויבט זייערע אויערן. היתכן? ווו? און נתן האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין אַז זייערע לונגען זיינען בלאָז־זעק, און בשעת זיי אָטעמען אַריין די לופט און אָטעמען זי אַרויס אַרבעטן זיי מיט זייערע בלאָז־זעק.

זיי האָבן זיך ניט געקענט אָפּחידושן פון דעם ווונדער וואָס זיי האָבן בלאָז־זעק און אַרבעטן מיט זיי כסדר, און זיי האָבן גאָרניט געוווּסט וועגן דעם.

נתן האָט זיי מסביר געווען אַז זיי עסן און טרינקען די „לופט", זוייטער אַ חידוש. זיי האָבן גאָר ניט געוווסט אַז אַזאַ זאַך ווי לופט עקזיס־טירט. זיי נעמען זי אַריין, שלינגען זי אַראָפּ, דערנאָך וואַרפן זיי זי אַרויס אָדער שפייען זי אויס נאָכן אַראָפּשלינגען. פּלאי פּלאים! וווּנדער איבער וווּנדער ווערן אָפּגעטאָן אין זיי און פון זיי, און זיי האָבן עס גאָרניט געוווסט! די קינדער האָבן גענומען קוקן אויף זיך אַליין ווי אויף „ווונ־דערבאַרע" באַשעפעניש. די לונגען אַרבעטן ווי די בלאָז־זעק. זיי האָבן געוואָלט זען ווי די לונגען אַרבעטן באמת. נתן האָט פאַר זיי געקראָגן ריאות פון קי און אָקסן. די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין אָנבלאָזן זיי און דערנאָך לאָזן די לופט פון דער ריאה אַרויסגיין, און זי פלעגט איינגיין, איינשרומפּן. מ'האָט זיי פון דעם שפּיל ניט געקענט אָפּרייסן.

דאָ האָט נתן זיי קלאָר געמאַכט אַז אָן אָטעם, וואָס מיינט אַריינ־נעמען, אָנשעפּן לופט און דערנאָך עס אַרויסגיסן, אַרויסאָטעמען, קען אַ מענטש ניט לעבן. ביי אָנבלאָזן די ריאות זיינען די קינדער געבליבן כמעט אָן אָטעם, און, דאָס האָט זיי שטאַרק פאַרוויילט.

נתן האָט זיי ווייטער „געלערנט" אַז אָטעמען פרישע לופט מיינט עסן גוטע שפּייז. געשמאַקע שפּייז און אָטעמען פאַרשטיקטע לופט — מיינט עסן פאַשטאַנענע געקעכטס, טוכלע.

יעדעס קינד האָט געוואָלט אויסגעפינען ווי לאַנג ער קען איינהאַלטן זיין אָטעם. נתן האָט זיי אויפגעקלערט אַז פון ריכטיקן אָטעמען הענגט אָפּ דאָס לעבן, דער פייער פון די טליענדיקע קוילן, אַזוי צו זאָגן, שטייגט און פאַלט. אַלץ ווענדט זיך אָן בלאָז־זאַק. און מ'דאַרף וויסן ווי אַזוי דעם בלאָז־זאַק צו געברויכן ווי געהעריק. נתן האָט זיי אויך אָנגעדייט ווו זייער בלאָז־זאַק געפינט זיך און ווי אַזוי די לופט ווערט אַריינגענומען דורך די נאָזלעכלעך. ער האָט זיי אויך געצייגט אַז ווען זיי טוען שווערע אַרבעט, לויפן, אָדער שלעפּן אַ משא — אָטעמען זיי שנעלער, אַרבעט דער בלאָז־זאַק פלינקער, פלינקער.

די קינדער האָבן ערשט גענומען פאַרשטיין אַז זייער קערפּער אַנט־האַלט אין זיך סודות, געהיימעניש פון וועלכע זיי האָבן גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט.

שיינע עטלעכע וואָכן האָבן זיך געצויגן, ריכטיקער זיינען שנעל אומ־באַמערקטערהייט פאַרבייגעלאָפן, און די תלמידים האָבן „פלייסיק געלערנט" די תורה פון ריכטיקן אָטעמען, פון קענען איינהאַלטן דעם אָטעם פאַר

אַ לענגערע צייט. דאָ זיינען אָנגעגאַנגען געוועטענישן וועד עס וועט קענען לענגער „פאַסטן״, ד. ה. ניט אַריינגעמען קיין פרישע לופט.

נתן האָט געהאַלטן, אַז די הויפּט פונקציע פון מענטשנס קערפּער איז די נשמה, דאָס ריכטיקע אָטעמען. אַן אַ גוטן, גוט־געשולטן אָטעם קען ניט זיין קיין קלאָרער געדאַנק, קיין געזונטע שפּירונג. אַלע פונקציעס פון מענטשן סיי פיזישע סיי גייסטיקע ווענדן זיך אַן אָטעם, ווייל דאָ ליגט די גרענעץ־ליניע וואָס פאַראייניקט די צוויי תחומים, דאָס קערפּערלעכע און דאָס זעלישע, נשמהדיקע...

נאָכן לערנען אָטעמען האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה פון שמעקן, קענען אונטערשיידן אַראָמאַטן און גערוכן, אין זייער פולער גאַמע פון ניואַנסן, פון פאַרשיידענע שטאָפן און עסנצן, פלאַנצן, בלומען, בעלי־חיים. נתן האָט זיי אויך געלערנט אידענטיפיצירן מענטשן, פעסטשטעלן זייער כאַראַקטער, קלאַסיפיצירן זיי, איינטיילן אין גוטע, שלעכטע, ערנסטע, לייכטזיניקע, לויט דעם גערוך וואָס זייערע קערפּערס גיבן אַרויס דורך די פאָרן; אויך באַשטימען זייער זעלבצושטאַנד לויט אָט־דעם סימן, צי זיי זיינען אויפגעלייגט, צי פאַרביטערט, פאַרזאָרגט, באַטריבט צי אויפגערעגט און צופרידן, צי גאָר אין צאָרן. יעדער זעלבצושטאַנד און שטימונג האָט זיין אַראָמאַט.

נתן האָט מיט זיי אויך געקנעלט די שווערע תורה פון שטיין, גיין, זיצן ווי ס'באַדאַרף צו זיין. ווי אַזוי צו האַלטן דעם גוף, ווי אַזוי צו טראָגן אים, שטעלן די פיס, ווי אַזוי צו באַלאַנסירן דעם קערפּער. צום גיין האָט אויך געהערט לויפן, שפּרינגען, לויפן איז ניט מער ווי גיין שנעל און שפּרינגען איז ניט מער ווי אַ ר י ב ע ר ג י י ן. די אַלע עובדות זיינען געשיקטקייטן, קונסטן וואָס מענטשן געוויינטלעך פאַרנאַכלעסיקן. נתן האָט זיי דערקלערט מיט גאָר טיפע כוונות און פשטים דעם פסוק... ויתהלך חנוך את האלהים (בראשית ה׳, כ״א), חנוך איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געשאַפן די קונסט פון גיין, געוואָרן אַ באַוווסטזיניקער הויך געשולטער גייער, און ער איז אַוועק אַזוי ווייט אַז ער איז נעלם געוואָרן. ווען מ'שטעלט די טריט ווי געהעריק, ווערט מען קיינמאָל ניט מיד פון גיין און מ'קען דעקן גאָר גרויסע שטחים אָן אָנשטרענג.

ווען ער האָט זיי געלערנט לויפן האָט ער זיי אַנטדעקט די סודות וואָס שטעקן אין פסוק „נפתלי אילה שלוחה״ (דאָרט מ״ט, כ״א) נפתלי איז אַ געשיקטע הינד, אַ שנעל־גייער. די גרויסע קונסט פון גיין און „רייזן״ צופוס איז פאַרגעסן געוואָרן מיטן אויפקום פון פאַרשטוביקונג

פון די חיות, איזלען, פערד, קעמלען און דאָס רייטן אויף זיי. נתן האָט זיי אויך געלערנט קלעטערן מיט די הענט און פיס אויףביימער, אויף לייטערס, אויף ווענט, אויף בערג. פאַר יעדער איינער פון די קלעטערייען האָט ער געהאַט צוגעפּאַסטע פסוקים.

אָבער גאָר גרויס געוויכט האָט נתן געלייגט אויף טאַנצן צום טאַקט און ריטם פון שפּילן אויף אַ האַרף.

ער האָט געהאַלטן אַז אין טאַנצן ליגט אַ מיסטעריעזע קראַפט. עס הויבט דעם עקסטאַז, שטייגערט התלהבות. רייסט כמעט אָפּ דעם מענטשן פון זיין צוגעבונדנקייט צו דער ערד און באַהעפט אים כמעט מיט די פאַרבייציעגדיקע ווינטן, מיט דער לופטיקייט. אַ הימל־פאָרכטיקער מענטש לויט נתנס באַגריף, דאַרף כסדר ברענען, ווי אַ נר תמיד, פאַר השם יתברך. ער האָט אַליין פיל געטאַנצט און האָט פאַרלאַנגט פון זיינע תלמידים זיי זאָלן אים נאָכהאַלטן, צווערשט אַ האַלבע שעה, דערנאָך אַ שעה. ער איז געווען בכוח צו טאַנצן אָן אויפהער און אָן איבעררייס גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה. אין טאַנצן האָט נתן געזען די אמתע עבודה. אין טאַנצן איז געווען דאָס וועזנטלעכסטע פון יום־טוב, וואָס האָט געהייסן „חג", וואָס מיינט וואַלצירן, דרייען זיך אין אַ קויק, צייכענען אַ קרייז. טאַנצן צינדט אָן און צעפלאַמט דעם מענטשן, באַפליגלט אים און טראָגט אים אַרויף צו די הימלען. דאָס טאַנצן איז דאָס שירה־זאָגן פון גוף, אין דעם ליגט אַנטפּלעקט דער גרויסער סוד פון איינקלאַנג און פון באַוועגונג, צווייי דערשיינונגען וואָס זיינען אַזוי ווי איבערנאַטירלעך. קיין שכל־דיקע דערקלערונג קען זיי ניט רעכט מאַכן.

נתן איז געווען איבערצייגט אַז אין דערציִונג דאַרף דאָס טאַנצן פאַרנעמען דעם וויכטיקסטן פּלאַץ. און טאַנצן דאַרף מען מיט אַלע כוחות, מיט אַלע גלידער. טאַנצנדיק מיט התלהבות פאַרן רבונו של עולם איז דער מענטש מקריב, ווי אַ הייליקן קרבן, זיין כוח, זיינע באַוועגונגען, תנועות און העוויות אויפן מזבח פון באַגייסטערונג. אין טאַנץ הייליקט זיך דער מענטש, ער ווערט דורכאויס באַוועגלעך, רירעוודיק, דינאַמיש. און ווו דינאַמישקייט דאָרט איז אלהות. אין טאַנץ טוט זיך דער מענטש אויס פון סטאַגנאַציע, פון וואַכעדיקייט, ער ווערט כולו יום־טוב, אינגאַנצן פייערלעך, ברענט מיט הימלישן פייער.

צום טאַנצן איז צוגעקומען זינגען און אויך פייפן. מיטן פייפן האָבן זיי באַדאַרפט קענען צוהופן פייגעלעך, אַרויסרופן פון זיי ענטפערס אויף זייערע צורופענישן, ווי אויך פאַרכישופן שלאַנגען. נתן האָט זיי געלערנט

באַהערשן און מאָדעלירן זייער שטימע הן אין דיקציע און הן אין דעקלאַ־מאַציע, אַביסל שפּעטער האָבן זיי געקראָגן פּראַקטישע לעקציעס אין שפּילן אויף פּייפלעך, צימבלען, בלאָזן שופר און טרומייטאָרן, פּויקן, זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ מין אָרקעסטער.

ער האָט זיי אויך געלערנט פלאַנצן בוימער, קולטיווירן גערטנער און אַלע מלאכות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט ערדארבעט, מיט עופות האָדעווען, טויבן־כאָווען, שאָף־פּאַשן א. א. וו.

נתן האָט זיי באַקענט מיט פיל מינים פון קרייטעכער און גראָזן, און זייערע אייגנשאַפטן, זיי פלעגן אַרויס זאַמלען גראָזן און פאַרשיידענע געוויקסן, אויך שוואָמען, נתן האָט זיי געלערנט עס טריקענען, צערייבן. נתן האָט פון דעם געמאַכט פאַרפיומען, זאַלבן און רפואות, די איינוווינער פון די געגנטן, ווו נתן מיט זיינע תלמידים האָבן זיך אויפגעהאַלטן, פלעגן קומען צו זיי בעטן תרופות קעגן קאָפּ־ווייטאָק, בויך־ווייטאָק, ציין־ווייטאָק און אַנדערע מיחושים, זיי האָבן קיינעם ניט אָפּגעזאָגט, וואָס זיי האָבן געהאַט, פלעגן זיי געבן בחנם.

שלמה איז איינמאָל אַליין אַוועק אין וואַלד מיט זיין האַרף, עס איז געווען אַ מילד־לינדער פאַרנאַכט, די שאָטנס פון די ביימער האָבן זיך גענומען אויסציען אין דער ברייט און אין דער לענג, אַ פרישקייט האָט דורכגענומען די לופט, דער טוי האָט אָפּגעמינטערט די פאַרחלשטע פון טאָג־היץ גרעזעלעך און די פאַרדרימלטע בלעטלעך פון די קוסטעס.

שלמה האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ צעצוויגטן הונדערט־יאָריקן צעדער־בוים און האָט גענומען שפּילן אַן אייגענע אימפּראָוויזאַציע. ער איז געוואָרן אַזוי מיטגעריסן מיט דער מעלאָדיע אַז ער האָט פאַרגעסן זיין צוזאָג נתנען ניט צו פאַרשפּעטיקן צו אָוונטברויט. ער איז געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז ער האָט ניט געזען וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ער האָט ניט באַמערקט ווי עס נעמען זיך פאַרזאַמלען אַלע מינים פייגל. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף די צווייגן פונם בוים אונטער וועלכן ער איז געזעסן אויף אַ הויכן בערגעלע און זיך בפועל ממש פאַרגאַנגען אין שפּיל. די פייגל האָבן אים אַלע אַקאָמפּאַנירט אויף זייער אייגנאַרטיקן אופן. עס האָבן זיך אויפגעקליבן אַרום אים די קליינעווילדע חיהלעך פון וואַלד, קראָליקעס, האָזן און וויעוויערקעס, ווי אויך שלענגעלעך און כל־ערליי יאַשטשערקעס, אויך ביבערס האָבן זיך באַוויזן. אויך לאַמען און ציגעלעך און בעקעלעך זיינען פון ערגעץ־ווו אָנגעקומען. דאָס שפּילן האָט זיי צוגעצויגן ווי אַ מאַגנעט און ווי באַצויבערטע זיינען זיי געשטאַנען אין אַן

ענגן קרייז אַרום דעם אינספּירירטן עקזאַלטירטן יינגל־שפּילער. אין אַ ברייטן צירקל האָבן זיך אויסגעשטעלט די גרעסערע חיות, ווי פוקסן און פּיקסעלעך, וועלף און וואַלפּיכעס, בערן און בעריכעס און היפּש פּונוויטנס האָבן זיך געהאַלטן אַ פּאָר לעמפּערטן, אַ לייב און אַ לייביכע מיט זייער יונגוואַרג. זיי זיינען אַלע געשטאַנען פאַרגאַפט, זיך צוגעהערט צו שלמהס שפּילן. דער לייב איז געוואָרן אַזוי צעגומען און איבערגעוועלטיקט פון די קלאַנגען, וואָס שלמה האָט אַרויסגעכישופט פון דער האַרף אַז ער האָט פון צערודערונג און גערירטקייט זיך גענומען שטשיפּן די גרעזלעך און מאָך וואָס האָבן זיך געפונען אונטער זיינע לאַפּעס. ער האָט געקייט דאָס גראָז און געפּאַפּכעט מיטן ווידל און געטרייסלט מיטן קאָפּ און כסדר געשפּיצט די אויערן.

נתן איז אַוועק זוכן שלמהן וואָס האָט פאַרפעלט זיך צו ווייזן צום אָונטבערויט און אָונט־שמע־לייענען. ער האָט געוווּסט אַז שלמה איז אין וואַלד. דערגרייכנדיק דעם זוים פון וועלדל, האָט ער דערהערט דעם אָפּהילך פון זיין שפּילן. די עכאָס האָבן זיך ווי געלאָזט ווילגיין. געהאַט גרויס הנאה אין צעטראָגן און צעקלינגען די טענער. די פייגל האָבן באַגלייט דאָס שפּילן, די שפּסן, די וועלף, דער לעמפּערט און דער לייב מיט זייערע קולות זיינען ווי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער האַרמאָניע. יעדער האָט צוגעגעבן זיין שטים, זיין געהייל און געבריל, און עס האָט זיך געשאַפן אַ וווּנדערבאַרע סימפאָניע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די פאַרנאַכטיקע זעפירן, די שושקנדיקע בלעטער, דאָס הילכיקע קרעכצן פון די זיך וויגנדיקעביימער. אַלע קולות האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין קאָסמישער האַרמאָניע.

נתן, ווען ער איז צוגעקומען נענטער און האָט דערזען וואָס דאָ קומט פאָר, אַ קינד מיט אַ האַרף באַהערשט אַלע באַשעפענישן פון וואַלד, די ווינטן, ביימער און קוסטעס אריינגערעכנט. ער האָט ערשט באַגריפן וואָס פאַראַ באַהאַלטענע כוחות און קענטענישן געפינען זיך אין שלמהן. ער האָט זיי ניט געוואָלט אַרויסווייזן כדי זיך ניט אַרויסשטעלן מיט זיין אויסגעצייכנטקייט און ניט פאַרשעמען אָדער פאַרשאַטנען די איבעריקע חברים תלמידים. די לעצטע, האָט ערשט איצט נתן אויפגעפּאַסט, האָבן אים געשטערט, אים צוריקגעהאַלטן אין זיין אַנטוויקלונג. שלמה האָט געקענט גיין פאָרויס מיט אַ סך שנעלערן טראַט.

נתן האָט איצט גוט פאַרשטאַנען אַז עס האָט ניט געהאַט קיין זינען צו לערנען שלמהן מיט די איבעריקע קינדער און צוליב זיי זיך שלעפּן

אין די למודים און טעטיקייטן פֿאַמעלעך לויט זייערע תפיסה־כּוחות. וואָס שלמה קען דורכגיין אין איין טאָג, דאַרף עס ביי די איבעריקע נעמען חדשים. שלמה כאַפּט אַלץ אויף ווי עפּעס פון דער הוילער לופט. אפשר קומט צו אים א מלאך אין שלאָף, אין חלום, און לערנט מיט אים אלע קויסעגישן.

אויף מאָרגן האָט נתן אָפּגעשיקט אַלע תלמידים אהיים. אפילו זיין אייגענעם זון האָט ער געהייסן גיין צוריק צו דער מאַמען. נתן האָט געטראַכט מ׳קען ניט איינשפּאַנען אין איין וואָגן אַן אָדלער און אַ קרעבס. די תורה פֿאַרבאָט אפילו צו אַקערן, מיט אַן אָקס און אייזל צוזאַמען (דברים כ״ב, י׳), אַ פּשוט פעלד, אַ פשיטא שוין דאָס פעלד פון דער תורה...

נתן האָט מיט פֿאַרדרוס געזאָגט צו זיך: איך האָב אַזויפיל נאָכגעטראַכט און געגריבלט זיך אין דעם ענין דערציונג און אזא אויבנאויפיקע זאַך האָב איך פֿאַרקוקט. ער האָט זיך ביטער פֿאַרגעוואָרפן. ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם: ווי עס ווייזט אויס קען דער מענטש זיך גאָר ניט באַפרייען פון טעותן און פֿאַרזען.

## 11

נתן האָט גאַנץ גיך זיך איבערציי‍גט אַז איידער ער נעמט עפּעס דערקלערן שלמהן ווייסט שוין שלמה וואָס ער גייט זאָגן און נאָך מער, אפילו וואָס ער טראַכט וועגן דעם. שלמה האָט געהאַט אַ בליץ־שנעלע תפיסה, ער האָט אַלץ אויפגעכאַפּט אויפן ווונק. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט האָבן געלייענט נתנס געדאַנקען נאָך איידער נתן באַווייזט זיי אַרויסצוברענגען.

דער רבי און דער תלמיד האָבן זיך פֿאַרזעלביקט. שלמה האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין לערער און מדריך, און נתן האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין תלמיד. אזוי אַז זיי זיינען געוואָרן איין זעל אין צוויי באַזונדערע קערפּערס, און דאָס ווייסן און קענען פון איינעם האָט זיך איבערגעגעבן ווי פון זיך אַליין צום צווייטן; ווי דהיינו אַ פליסיקייט וואָס גיסט זיך איבער פון איין געפעס אין אַ צווייטן, מיט דעם אונטערשייד וואָס די פולע כלי ווערט דאָ ניט געמינערט אויף א האָר פון איבערגאָס, נאָר פֿאַרקערט איר קומט נאָך צו. זי ווערט אָנגעקוואָלן פון נחת פון טיילן זיך מיט איר אינהאַלט.

נתן האָט אָפט געטראַכט אַז ער לערנט מער פון שלמהן ווי שלמה פון אים. ער פלעגט זאָגן צו זיך: פיל האָב איך געלערנט פון מיינע רביים, גאָר אַ סך פון מיינע חברים־נביאים, אָבער מער ווי פון אַלעמען האָב איך געלערנט פון מיין אויסטערלישן תלמיד, שלמה.

נתן האָט איינמאָל געוואָלט געבן צו פאַרשטיין שלמהן דעם ענין נבואה. די איבערנאַטירלעכע דערשיינונג פון פאָראויסשפירן, פאָראויסזען און פאָראויסזאָגן געשעענישן וואָס ליגן לעת־עתה ווי עוברים אין מוטערטראַכט פון צייט און געשיכטע. נתן האָט אויפגעזוכט די פּאַסיקע ווערטער און בילדער אַרויסצוברענגען זיין געדאַנק און הויפּטזעכלעך באַשרייבן און דערקלערן זיינע אייגענע זעלישע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען ווי אַ נביא.

נתן האָט אַריינגעפּרעסט זיין אויפפאַס פון נבואה אין איין זאַץ: „נבואה איז אַן איבערגעקערטער זכרון". דערנאָך האָט ער אויסגעברייטערט זיין זאָג און אים אויסגעטייטשט. דער זכרון געדענקט. ד. ה. האַלט אויף אין געדעכעניש פאַסירונגען, וואָס האָבן זיך שוין פאַרלאָפן, געשעענישן וואָס געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט, בעת אין פּראָפעצייונג האָבן מיר צו טאָן מיט דער צוקונפט, ווייל זי, די פאָראויסזעערישקייט, איז באמת אַ פאָראויסשפּירעניש פון דעם, וואָס קלייבט זיך ערשט פאָרצוקומען, און געפינט זיך שוין אין דער קעגנוואַרט אָבער בלויז אין דער פאָרם פון, אַזוי צו זאָגן, אַ זאָמען וואָס איז שוין פאַרזייט, אין באָדן פון צייט און האַלט ערשט ערב אַרויסשפּראָצן, און בלויז אַ מענטש וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ שאַרפן צייט־חוש קען עס שוין זען, הערן, שפירן, אַנטאַפּן. מחמת געשעענישן ווערן צוגעגרייט, זיי קומען ניט פּלוצלונג. זיי וויקלען זיך אַרויס איינע פון דער אַנדערער, זיי זיינען געקייטלט איינע מיט די אַנדערע. די צוקונפט וואַקסט אַרויס פון מוטערלייב פון דער קעגנוואַרט, זי איז אויך אַ ק ע ג נ וו אַ ר ט. אַ וואַרטעניש וואָס איז אַ ביסל ווייטער אָפּגערוקט, שטייט אַנאַזייט, אָבער זי איז פאַראַן, זי וו אַ ר ט און דערוואַרט איר שעת־הכושר זיך צו אַנטפּלעקן, זיך צו באַוויזן פאַר אַלעמען.

די ווייטסטע צוקונפט איז שוין פאַראַן נאָר זי שטייט פון דער ווייטנס, און זי דאַרף שפּעטער־צו צוקומען.

זי איז פאַרזייט שוין פון דעם ערשטן טאָג פון באַשאַף. זי ליגט אין שויס פון צייט. מ'דאַרף זי בלויז קענען דערזען מיטן גייסטיקן אויג, מיטן

צייט־אויג. מ׳דאַרף קענען לייענען די הייליקע פאַרבאָרגענע שריפט וואָס אין איר איז פאַרנאָטירט אַלץ אויף די זייטלעך פון דעם בוך פון היסטאָריע, פון די דורות וואָס וועלן אָנקומען. מ׳דאַרף האָבן אַ שאַרפן געהער און פאַר־נעמען אירע, דער צוקונפטס, לייכטע טריט וואָס זי שטעלט אויפן זאַמד פון ד ו י ע ר ו נ ג. דערצו פאָדערט זיך אַן אויסגעאיידלט, ראַפינירט געשפיר, וועלכן עס קען באַזיצן בלויז אַ מאַן וואָס איז אינגאַנצן אויסגעטאָן פון דאָס וואָכעדיקע, טאָגטעגלעכע, פאַרביילויפנדיקע.

אַזאַ מאַן לעבט און פירט זיך אויף מיט אַן אויסקוק אויף דער ווייטער צוקונפט. ער דערוואַרט ניט קיינע רעזולטאַטן גלייך אין דער אותו־רגע. ער האָט צוטרוי צו דער צוקונפט. ער גלויבט אין די אַלמעג־לעכקייטן, וואָס געפינען זיך אין איר. די צוקונפט איז דער פרוכטבאַרסטער טייל פון צייט. די צוקונפט איז אלהות, דאָס איז דער „אהיה אשר אהיה״. זי זיצט אויפן שויס פון יהוה און ער פאַרווילט זיך מיט איר ווי מיט זיין אייגן קינד, זיין אייגן אייניקל.

אַ מאַן וואָס אַלע זיינע האַנדלונגען און כוונות, אַבזיכטן און פאַר־מעסטונגען זיינען געריכט כלפּי דער צוקונפט, ווערט אַ צוקונפט־מענטש, אַ ליבלינג, אַ פריינט און חבר פון דער צוקונפט און זי אַנפאַרטרויט אים אירע סודות, אַלץ וואָס זי גייט טאָן, אויפטאָן, ברענגען. די נביאים, די אמתע נביאים זיינען צוקונפט־אַנפאַרטרויטע. און הגם נבואה איז אַ הימ־לישער געשאַנק, אַ באַגאַבטקייט, קומט עס אָבער ניט ווי פון זיך אַליין, עס פאַרלאַנגט צוגרייטונג, הכשרה, אַ שטרענגע דיסציפּלין.

אום צו קענען די צוקונפט דאַרף מען זיין גוט באַהאַוונט אין דער פאַרגאַנגענהייט. און אָנפאַנגען דאַרף מען תמיד פון זיך אַליין, סיי בנוגע דער פאַרגאַנגענהייט און סיי בנוגע דער צוקונפט. מ׳דאַרף פאַראויס באַ־שטימען דעם גאַנג פון די אייגענע טעג, די האַנדלונגען, דעם אייגענעם אויפפיר. ער זאָל ניט זיין כאַאָטיש, קאַפּריציעז, כאַפּ־לאַפּ, נאָר אויסגע־רעכנט, ניט פאַלן קיין קרבן פון גלוסטעניש, פון לײדנשאַפטן.

אין דער פאַרגאַנגענהייט דאַרף זיך דער צוקונפט־מענטש קענען אַראָפּ־לאָזן צום סאַמע דעק פון אייגענעם קיום. ער דאַרף וויסן פון־וואַנעט ער קומט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין מוטערס לייב און, נאָך פריער, אין פאָטערס זאָמען און, נאָך פיל פריער, אין זיין זיידנס זאָמען ביזן סוף פון אַלע דורות פאָטערס. די פאַרגאַנגענהייט לעבט אין אונדז, און דער אדם השלם, דער פול־אַנטוויקלטער מענטש, דאַרף שטאַרקן זיין זיכרון און אים ברענגען צו אַזאַ מדרגה פון אויפטוערישקייט אַז ער זאָל בכוח

זיין אַרויפצושעפּן פון שכחה־תהום אַלע זיינע פאַרגעבויר־איבערלעבונגען, ביז ער זאָל זיך דערגרונטעוועץ צו די גאָר ערשטע טעג פון מענטשנס באַוויזן זיך אויף דער ערד.

ווי אַזוי שטאַרקט מען דעם זכרון? — דורך איבעררײדן מיט זיך, זיך פאַרשטענדיקן, זען איינוויקן אויף זיך אַליין מיט גוטן, מיטן כוח פון ריינעם האַרציקן וואָרט. עס איז פאַראַן אַ פאַרזיכיק וואָרט און אים דאַרף מען אָנווענדן אויף זיך גופא. מיט פשוטע ווערטער בעטן ביי זיך אַליין, און די בקשה וועט דערפילט ווערן ווען זי ווערט אַרויסגעבראַכט מיט ערנסט און גוטן ווילן.

שלמה וויל אַז נתן זאָל אַרומריידן ברייטער און טיפער דעם ענין, הגם ער פאַסט אים אויף. ער וויל אָבער הערן מכוח דעם, וואָס מער, און ער פרעגט עפּעס ווי פאַרחידושט:

— בעטן ביי זיך, שיקט זיך עס?

— יאָ, שלמה, מ'דאַרף בעטן ביי זיך, ד. ה. מתפלל־זיין צו ז י ך, ווייל דער ז י ך וואָס בעט איז ניט דער אייגענער זיך וואָס צו אים איז די ביטע געווענדט. דער מענטש דאַרף נאָכטאָן דעם רבונו של עולם, ווייל ער איז דאָך באַשאַפן אין זיין, אין אלהים'ס פורעם, ווען דער מענטש וויל זיך דערהויבן, דערגרייכן אַ הויכע מדרגה פון שלימות, דאַרף ער זיך לאָזן גיין אין די וועגן פון יהוה און זיך באַהעפטן אין אים. און וואָס טוט דער רבונו של עולם, צו ווענען איז ער מתפלל? צו זיך אַליין.

— וואָס זאָגט ער ווען ער איז מתפלל? ער זאָגט: „זאָל דער ווילן זיין פון פאַר מיר אַז מיינע געפילן פון דערבאַרעמונג זאָלן בייקומען מיין צאָרן, און מיין רחמנות זאָל באַצווינגען אַלע מיינע אַנדערע זײטן. און איך זאָל זיך פירן מיט מיינע קינדער לויט דעם איינשטעל פון גנאָד, און איך זאָל זיי משפטן ניט לויט דעם שטרענגן געזעץ [1].

פונקט אַזוי דאַרף דער מענטש טאָן בנוגע אַלץ וואָס ער וויל פועלן ביי זיך. ער דאַרף אַלץ אויספירן ביי זיך מיט גוטן, בעטן ביי זיך פאַר דער טואונג־דערגרייכונג, און באַדאַנקען זיך נאָך דער טואונג־דערגרייכונג.

דאָס געזאָגטע איז אָנווענדבאַר אויף אַלע אונדזערע הושים און פעאַי־קייטן, דאָס דערזע, געהער, געשמאַק, אפילו אָנטאַפּ. דער מענטש דאַרף קענען אָנטאַפּן קעגנשטאַנדן וואָס געפינען זיך אויף דעם וויטסטן שטח פון אים, און זען דאַרף ער קענען פאַר טויזנטער מיילן, פון איין עק

1. ברכות ז'.

וועלט ביזן אַנדערן. דאָס איז אַ באַשטרעב פאַר דער ווייטער צוקונפט. אָבער אויך אין דער קעגנוואַרט דאַרף דער קוק זיך שפּרייטן, און ווו דאָס לייב־אויג קען ניט צוקומען דאַרף דאָס גייסט־אויג דערלאַנגען. אָט־די צוויי דאַרפן אַרבעטן אין פולן שלום און איינקלאַנג. דאָס אייגענע וואָס איז שייך דאָס דורכדרינגען דורך די קעגנשטאַנדן, אַריינבליקן אין זייער אינעווייניקייט.

— ווי אַזוי דערגרייכט מען עס אַלץ? — פרעגט שלמה, הגם ער ווייסט וואָס דער ענטפער וועט זיין.

— דורך דעם שפּרוך, דורך דעם אייגענעם מאמר דורך וועלכן אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן. פון גאַרניט איז אַלץ געקומען דורך דעם „זאָג". און אָט די מימרא קען עס ווייטער און ווידער־אַמאָל טאָן. אָבער אָט־די דיבורה מוז אַרויסקומען פון אַ ריינעם מויל און אין אַ ריינעם לשון. דאָס רייזן איז געגליכן צו אַ גאָרטן, אויף וועלכן מ'דאַרף גוט אַכטונג געבן, קיין שלעכטע געוויקסן זאָלן זיך דאָרט ניט פאַרפלאָדזשען... קיין פּוסטע ריידעריי, קיין סתם פּלאַפּלעריי, וועגן שמוץ־ריידעריי אָדער שלעכט־ריי־דעריי, איז אָפּגערעדט. דאָס מויל דאַרף אַ מענטש האַלטן פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. מיר פאַרמאָגן בלויז איין מויל און מ'דאַרף עס האַלטן זויבער, ציכטיק, קיין שטויבעלע פון לשון־הרע אָדער ניבול פה ניט לאָזן אַריינפאַלן. דעמאָלט וועט אונדזער וואָרט האָבן די גויטיקע קראַפט און אַרויסרופן די פאַרלאַנגטע פעולה. עס וועט באַוויזן זיין פאַרצייטיקע אַלשעפערישע גבורה.

נתן האָט אויך באַהאַנדלט מיט אים די פראַגע וועגן דער וויכטיקייט צו אַנטוויקלען אונדזער פאַנטאַזיע און זי ברענגען צו אַ הויכער שטופע פון שעפערישער אויסטראַכטעניש. די פאַרשטעלונג־קראַפט, האָט נתן געהאַלטן, דאַרף מען איבן און אויסאַרבעטן ניט ווייניקער ווי דעם שכל, די חושים און דעם ווילן.

צוזאַמען מיט פאַנטאַזיע, מיטן כוח הדמיון קומט עקסטאַז; התלהבות איז דער אינערלעכער הימלישער פייער וואָס פלאַקערט זיך פאַנאַנדער, ווען דער מענטש אָטעמט אַרייך פולע לונגען פון גייסטיקייט. התלהבות דאַרף געבראַכט ווערן צום זידפונקט, ווען דער קערפער ווערט כמעט ווי צעשמאָלצן, לייזט זיך אויף, קומט צום פולשטענדיקן ביטול־היש. ערשט דעמאָלט נעמט אונדזער זעל באַלעבאַטעווען אין אונדזער ווירטשאַפט. אלהות, ריינע גייסטיקייט פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון קערפערלעכקייט, רוחניות פאַרדרענגט די גשמיות, זי ווערט די גאַנצע דעה־זאָגערין אין תחום פון

מענטשלעכן האנדלען. דער מענטש ווערט כביכול אויס שטערבלעך וועזן. ער שיידט זיך אָפּ פון דער ממשותדיקער ערד. ער שפּאַצירט אויף די וואָלקנס. ער איז „אין זיבעטן הימל״.

דער כוח־הדמיון דאַרף אַריבערשטייגן די ווירקלעכקייט, דורכברעכן די טויבע וואַנט פון ממשותדיקייט. ער דאַרף זיין אימשטאַנד ארויסצורופן אין פאַרשטעלונג זאַכן און געשעענישן, וואָס זיינען גאָר ניט בנמצא אין דער געגעבענער וועלט, אין דער געגעבענער רעאַלער אַרומגעבונג. ער טאָר זיך ניט באַגנוגענען מיטן בלויזן קאָמבינירן עלעמענטן, נעמען פראַגמענטן פון דער ווירקלעכקייט און זיי איבערשטעלן, געברויכן אַלטע פאַרפונדעוועטע שטאָפן און זיי איבערניצעווען, איבערגיסן אין נייע פאָרמעס. ער דאַרף האָבן גענוג קראַפט און אויפטוערישקייט צו געברויכן נייע עלעמענטן. ער דאַרף זיין דער גרויסער בעל־דעה אין דעם קעניגרייך פון אויסדוכט און אָפּדוכט.

## 12

צייט שטייט ניט. שלמה איז שוין זיבעצן יאָר. לכתחילה האָט נתן גערעכנט אַז שלמהס דערציונג וועט זיך ציען ביזן אַכטצנטן יאָר, אָבער זעענדיק דעם פאָרשריט, וואָס שלמה האָט געמאַכט אין זיינע לימודים איז ער געקומען צום באַשלוס אַז מיט זיין זיבצנטן יאָר דאַרף זיך עס ענדיקן.

מיין טייערער שלמה, דו ביסט שוין, ברוך השם, זיבעצן יאָר אַלט, ביסט פול מיט חכמה און פאַרשטענדעניש ניט לויט דיינע יאָרן נאָך, נאָר ווי א דערוואַקסענער ווילקענער. פון היינט אָן וועל איך דיך מער ניט באַהאַנדלען ווי אַ תלמיד, נאָר ווי אַ גלייכן, אַ חבר. און איך וויל אַז דו זאָלסט זיך צו מיר אַזוי האַלטן, ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן.

שלמה רופט זיך אָפּ:

— מיין טייערער רבי און מדריך איבערשאַצט מיין וויסן.

נתן האַקט אים איבער די רייד.

— איך וויל זיך מיט דיר דורכשמועסן וועגן אַן ענין וואָס איז דיר שטאַרק נוגע: דו ביזט אַ זון פון דויד המלך. קיינער לעבט ניט אייביק. און דיין פאָטער, הגם אַ גרויסער קעניג און אַ גרויסער הייליקער זינגער, איז אָבער דאָך אַ בשר־ודם, אַ שטערבלעכער, וואָס זיינע יאָרן זיינען

צוגעציילטע, אַזויפיל און ניט מער. און דו וועסט אין גאַר דער ווייטער צוקונפט, זיצן אויף דעם טראָן פון דיין גרויסן טאַטן.

דויד המלך איז געוועזן פאַרנומען, כמעט די גאַנצע צייט פון זיין קיניגן, מיט אויסברייטערן די ענגע גרענעצן פון דעם הייליקן לאַנד, וואָס איז אונדז פיל מאָל פאַרשפּראָכן געוואָרן נאָך אין די צייטן פון אברהמען, אונדזער שטאַם־פאָטער.

מיר האָבן ביידע אַ היפּש ביסל אַרומגערייזט איבערן לאַנד, זיך אָפּגעשטעלט פאַר גאַנצע חדשים אין די צוועלף געגנטן פון די צוועלף שבטים. מיר האָבן אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט אין די נחלאות פון די קינדער פון גד און ראובן, וואָס ליגן צווישן די צוויי טייכן ארנון און יבוק. יבוק איז דער טייך אויפן ברעג פון וועלכן אונדזער פאָטער יעקב האָט זיך געראַנגלט מיט אַ מלאך און איז אים בייגעקומען. יבוק איז די גרענעץ־ליניע פון די קינדער פון עמון. אָט־דאָס שטיק לאַנד האָבן מיר צוגענומען ביים קעניג סיחון פון אמורי נאָך אין די צייטן פון אונדזער געזעצגעבער און באַפרייער, משה. גד'ס נחלה ליגט פון מזרח זייט פון ירדן. זי האָלט בערך פינף־און־צוואַנציק מייל אין דער ברייט; זי ציט זיך פון דעם דרום־ברעג פון ים כנרת כמעט ביז צו דעם צפון־ברעג פון ים המלח.

מיר האָבן אַ היפּשע צייט פאַרווײַלט אין דעם באַזיץ פון די בני־ראובן וואָס געפינט זיך אין מישור, אַ צפון־טייל פון מואב, און ליגט מזרח־זייט פון ירדן. זיין גרענעץ־ליניע אין דרום איז דער טייך ארנון, און אין צפון — גלעד.

— דאָס באַרגיקע לאַנד פון גלעד איז פעט און פרוכטבאַר. זי ליגט צווישן ירדן אויפן מערב־זייט און דעם מערב־פלאַכלאַנד צו מזרח־זייט און דעם פלאַכלאַנד פון מואב צו דרום, און דער געגנט פון בשן צו צפון.

די מערסטע צייט אונדזערע האָבן מיר געווײַלט אין די נחלאות פון שבט יהודה וואָס געפינט זיך אין דעם מערב הויכלאַנד וואָס ציט זיך קיין דרום פון ירושלים. מיר האָבן אויך ניט פאַרפעלט צו באַזוכן די נחלה פון די בני־שמעון וואָס געפינט זיך אין דרום־זייט פון יהודהס באַזיץ. מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן פאַר א ניט לאַנגער צייט אין דער געגנט וואָס ליגט צווישן יהודה און עמק, וואָס איז פאַרנומען ס'רוב פון דעם „הויז פון יוסף": אין צפון־מזרח פון יהודה געפינען זיך די בני־בנימין; אפרים האָלט דאָס צענטער־שטיקלאַנד, און מנשה — די צפון געגנט. מיר האָבן אויך ניט דורכגעלאָזן דעם קליינעם שבט דן, וואָס זיין נחלה פאַרנעמט

אַ שטיק לאַנד צו צפון־מערב פון יהודה. מיר האָבן אויך באַזוכט דעם טייל פון שבט דן׳ס באַזיץ וואָס געפינט זיך אין עק צפון לעבן דעם אויסגוס פון ירדן.

מיר האָבן זיך אויך פאַרהאַלטן פאַר אַ ווײַלע אין עמק יזרעאל, אין מזרח־זײַט, וווּ די נחלאות פון יששכר געפינען זיך, און אין מערב־זײַט וווּ דער באַזיץ פון זבולון געפינט זיך. מיר האָבן אפילו אויפגענומען די גאַסטפרײַנדשאַפט פון די שבטים, נפתלי און אשר, וואָס געפינען זיך אין אַ טייל פון צפון און אין גאַנצן דרום־טייל פון גליל: נפתלי — צו מזרח, און אשר — צו מערב.

צוליב וואָס דערמאָן איך עס? אַט צוליב וואָס: דו האָסט געזען מיט דײַנע אויגן אַז דאָס לאַנד, וואָס איז נאָך אַלע דעראָבערונגען גאָר ניט גרויס, איז אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט שונאים, וואָס האָבן אונדז כסדר באַפאַלן, אונטעריאָכט, געדריקט און געשטיקט, ביז דײַן גרויסער פאָטער, קעניג דוד, האָט אויף זיך גענומען די הייליקע אויפגאַבע צו פאַרזיכערן די גרענעצן און אָנלערנען די שכנים־פײַנט די פלשתים, אשור, די כנענים, ארם, בני עמון. אָבער אויך נאָך אַלע דערפאָלגן פון דײַן פאָטער, דעם גרויסן קריגער, געפינען מיר זיך ווי אין אַ קלעם. דוד המלך האָט מצליח געווען אין אַלע זײַנע מיליטערישע אונטערנעמונגען, אָבער דאָס איז נאָך ווײַט ניט גענוג. אמת, דו, זײַן זון, וועסט איבערנעמען אַ פיל־וויִניק געזיכערטע מדינה, אָבער וועלכע מוז זיך האַלטן אין איין אויס־שפּרייטן מיט דעם נאַטירלעכן צוּוואוקס פון דער ישראל באַפעלקערונג. מיטן שווערד קענען מיר מער גאָרניט אויפטאָן. וואָס דײַן פאָטער האָט דערגרייכט מיט דער בראַווקייט, דאַרפסטו דערגרייכן, און אַריבערשטײַגן, מיט דײַן קלוגשאַפט. מיר דאַרפן פאַרשפּרייטן אונדזער תורה צווישן די געצנדינערישע פעלקער. מיר דאַרפן זען אויסצואיידלען זייערע שלעכטע זיטן, אָנטווינען זיי פון זייערע אויסגעלאַסענע רעליגיעזע אויפפירעכצן.

וואָס איז זייער געצנדינסט? דאָס איז פאַר זיי זייער קינדערישע גײַסטיקע שפּיז. באמת דינען זיי דעם אמתן יהוה, דעם אויבערשטן־אינערלעכן, נאָר זיי טוען עס דורך דער פאַרמיטלונג פון געצן. אָן אַט־דער פאַרקערפּערונג אין עפּעס מאַטעריעלעס, סטאַטוע, בילד, געקריצטע, געשניצטע, אויסגעהאַקטע געשטאַלט, קענען זיי זיך ניט פאָרשטעלן די אידייע פון אַן אלהים וואָס איז אינגאַנצן אינערלעך, געפינט זיך אין האַרצן, שכל און ווילן פון דער מענטשהייט.

מיט דעם צוועק דיך צוצוגרייטן צו דײַן צוקונפטיקער שליחות וואָס

וועט באַשטיין אין באַקערן, באַזיגן עטיש־גייסטיק, אַנשטאָט צו דערלאָבערן, באַזיגן מיליטעריש און פּאָליטיש, אונדזערע שכנישע פעלקער, האָב איך אונטערגענומען דיין דערציונג. און איך בין זיכער אַז מיין אונטערנעמונג איז געקרוינט מיט דערפאָלג.

פאַר דעם אייגענעם תכלית וואָלט איך וועלן דו זאָלסט זיך גוט באַקענען מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון פאָלק ישראל.

— מיין רבי און מדריך, נתן הנביא. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן וואָס מיין רבי האָט געטאָן פאַר מיר, אין עפענען מיינע אויגן, אויערן, אַלע חושים און פאַרשטאַנד צו זען און באַגרייפן די וועלט און באַנעמען דעם טיפן רעיון פון יהוה וואָס איז לויטער אינערלעכקייט, אויפפאַסן דעם תהום־טיפן באַטייט פון שם־המפורש יהוה ווי אַן „איך זי ער זי" מיט אַלע זיינע זעלישע, געזעלשאַפטלעכע כוונות און אָנווענדונגען. בנוגע דער פאַר־גאַנגענהייט פון אונדזער פאָלק בין איך ניט אינגאַנצן אומוויסנדיק. איך האָב אַליין דורכגעלייענט מיט קאָפּ אייניקע הייליקע מגילות, אין וועלכע עס ווערט פאַרציילט וועגן די אבות, וועגן דעם אַרויסגאַנג פון מצרים און אויך וועגן דער אַנגעפאַנגלעכער דעראָבערונג פון לאַנד כנען אין די צייטן פון יהושע, און דער באַפרייאונג־אַרבעט פון די „שופטים".

— שלמה, איך ווייס אַז דו האָסט אַליין פיל געלייענט און געלערנט. דאָך וואָלט איך פאַרלייגן, אַז מיר זאָלןביידע דורכשטודירן די הייליקע ספרים. עס איז פאַר דיינטוועגן און אויך מיינטוועגן; צוזאַמען לערנט זיך געשמאַקער, צוויי זיינען בעסער ווי איינער. אויסער דעם, דו ווייסט דאָך אַז אונדזערע חיבורים זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אַזוי אַז מע דאַרף מער לייענען צווישן די שורות און אויף זייערע גליונות ווי אין די שורות און אין „פנים".

— איך בין זייער צופרידן מיט דעם פאַרשלאַג פון דעם רבין. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט בעטן מיין רבין עס צו טאָן. פון וואַנעט וועלן מיר אָנפאַנגען ?

— קודם כל פון דעם פאָטער פון דער גאַרער מענטשהייט, פון דעם ערשטן מענטשן, פון אדם הראשונען וואָס האָט אונדז איבערגעלאָזן אַ ספר אָדער אַ קונטרס. ער אַנטהאַלט א וואָרנונג, די וואָרנונג איז — אַז מיר, זיינע מענטשן־קינדער, זאָלן זיך היטן פון דער שאַטנדיקער און שטן־דיקער זייט פון דער וויסעניש. אין חכמה ליגט אי א וועג און אי אַ גרויסע שטרויכלונג. פאַר אַט־דעם מכשול דאַרפן מיר זיך היטן און זיך ניט צופיל אַריינטאָן אין דער דאָזיקער פאַרפירערישער קלוגשאַפט־זוכעניש.

— מיין טייערער רבי, ווי הייסט דער ספר ?

— ער הייסט „דער שטן פלאַנצט דעם בוים פון וויסן", און על־פּי מסורה האָט אים מחבר־געווען אדם הראשון נאָך דעם ווי ער איז אַרויס־געטריבן געוואָרן פון גן־עדן, מחמת דעם וואָס ער האָט געגעסן פון דער פרוכט פון בוים פון וויסן.

— איז לאָמיר זיך גלייך נעמען צום לייענען.

נתן נעמט אַרויס אַ פּאַרצייטיקע מגילה, וויקלט זי אויף און פאַנגט אָן לייענען אויפן קול מיט אַן אָריענטאַלישן ניגון, ד. ה. מיטן טראָפּ.

„דער שטן פלאַנצט דעם בוים פון וויסן".

נתן האָט געענדיקט לייענען. ער קוקט אַריינדרינגלעך שלמהן אין די אויגן און מיטן קוק, ניט מיט ווערטער, פרעגט ער אים ווי ער האָט אויפגעפאַסט אָט־דעם אייגנאַרטיקן קונטרס.

שלמה : די רייד פון שטן זיינען מיר ניט אינגאַנצן קלאָר. איך באַגרייף ניט זיין באַציונג צום אלהים. ער רעדט צו עזות׳דיק, ער לעסטערט אַזוי דעם השם, אַז עס איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי האָט גאָר אדם הראשון זיך דערלויבט עס אָנצושרייבן, אַרויסצוברענגען אַזאַ חירוף־וגידוף פון אונטער זיין גריפל.

נתן : דאָס האָט ער געטאָן מיט דער ריינער און הייליקער כוונה אַרויסצוברענגען די שלעכטע זייט פון שטן, אַזוי אַז דער לייענער זאָל ווערן אויפגעבראַכט און אויפגעציטערט פון די רייד און ער זאָל זיך פאַר־טיפן אין דעם ענין און קומען צו אַ פונקט־פאַרקערטער פאַרשטענדעניש פון אלהימס דרכים און אַבזיכטן.

שלמה : דער באַטייט פון דער שריפט איז מיר ניט קלאָר, אָבער זי וועקט זיכער אויף אַ סך מחשבות וועגן אלהים און זיין באַציונג צום מענטשן, ווי אויך וועגן דער פראַגע פון שלעכטס און גוטס אין דער וועלט און אין דעם מענטשן. און מיר האָבן באַדאַרפט צוריק איבערלייענען מיט קאָפּ דעם גאַנצן סיפור־המעשה וועגן עץ־הדעת ווי ער ווערט איבערגעגעבן אין חומש בראשית.

נתן : מער ווי דאָס, מיר וועלן דורכגיין די גאַנצע פרשה וועגן וועלט־און מענטש־באַשאַף. אָבער צוערשט וועלן מיר אַרומריידן אָט־די פראַגע פון וויסעניש וואָס די שריפט שטעלט אַרויס אין אַן אומגינציקן ליכט. זי דערציילט אַז דער בוים פון וויסן האָט פאַרפלאַנצט אין גן־עדן ניט

---

1. דע „יידישע שריפטן" באַנד 3, 33, 202—224.

דער אלהים, נאָר דער שטן. עס איז זײַנס אַ שטיקל אַרבעט, כּדי אָפּצוטאָן צו־להכעיס דעם באַשעפער, און דעם מענטשן אומגליקלעך צו מאַכן.

שלמה: מיך האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט די פראַגע. איך בין אַנגעשטעלטע אויערן צו הערן וואָס דו, מײַן גרויסער רבי, האָסט צו זאָגן וועגן אַזאַ וויכטיקן ענין. די פראַגע וואָס שטעלט זיך ווי פון זיך אַליין איז: פאַרוואָס זאָל דער וויסן־דאָרשט באַטראַכט ווערן פאַר עפּעס וואָס איז דערווידער דעם ווילן פון השם־אלהים? פאַרוואָס פאַרבאָט ער צו עסן דעם „עפּל“, וועלכער קען עפענען די אויגן פון די אומשולדיקע, אומוויסנדיקע מענטשנקינדער? דער חומש זאָגט דאָך ניט אַז דער גאַנצער „בוים פון וויסעניש“ איז אַ מעשה־שטן און דעריבער איז ער אסור בהנאה. דער גאַנצער ענין, פאַרוואָס דער שטן איז אַזוי אויפגעבראַכט אויפן אלהים אויפן גאַנצן באַשאַף און אויף דעם קרײַנדל פון באַשאַף, אויפן מענטש, איז ניט קלאָר. אדם און חוה פאַלגן ניט דעם פאַרבאָט־אָנזאָג, ווײַל זיי פאַרשטייען ניט פאַרוואָס מע טאָר עס ניט עסן. זינדיקן זיי, אַ פאַר־ברעכן קעגן פאַרבאָט. אלהים איז שטאַרק אויפגעבראַכט. ער איז מלא רוגזה, און ער שעלט, פאַרשעלט דאָס ערשטע מענטשן־פּאָר און באַשטראָפט זיי, און אַלע דורות נאָך זיי, אַזוי גרויזאַם פאַר זייער חטא, וואָס איז ניט מער ווי אַ גאַרן נאָך וויסן. זיי ווילן ניט בלײַבן אומוויסנדיק. איז דערווערבן זיך וויסן פאַררעכנט פאַר אַ טויט־זינד? אויב יאָ, פאַרוואָס לערנען מיר, און זוכן וואָס מער וויסעניש און פאַרשטענדעניש?

נתן: (איז געווען שטאַרק צופרידן וואָס זײַן תלמיד קלײַבט זיך פאַנאַנ־דער אין דער פּלאָנטערניש און ער שטעלט אים אַזעלכע האַרבע פראַגעס. די אויגן האָבן זיך בײַ אים צלויכטן, די שטים קלינגט מיט פרייד).

— דער ענטפער אויף דער פראַגע ליגט אין עצם סיפּור־המעשה אין חומש, נאָר עס פאָדערט זיך אַביסל פאַרטיפונג אין די פאַרבאָרגענע מיינען און די פולע וויכטיקע אָנצוהערענישן, וואָס דער פאַרצייל אַנטהאַלט. ווי אַלע חומש שילדערונגען איז ער קאַרג אויפן וואָרט. ער באַנוצט זיך מיט אַ וואָרט־אָנווונק דאָרט, וווּ עס פאָדערט זיך אַ ברייטע באַשרײַבונג־אָפּהאַנדלונג.

אָט־דער גן־עדן ספּור־המעשה האַלט אין זיך אַ ים פול מיט חכמה. ער פאַרמאָגט אַ לערע, אַ באַליכטונג וועגן דער וועלט און וועגן דעם מענטשן, און דער׳עיקר׳שט פאַרנעמט ער זיך מיט דער יסוד־פראַגע פון דער מענטש־לעכער זעל, מיטן מענטשנס באַוווסטזיין.

מיר וועלן זיך אָנשטרענגען פאַנאַנדערצודריבלען אָט־דעם פאַרצײַטיקסטן

ישראלישן געדאַנקן־קנויל, וואָס טראָגט אין זיך דעם עצם מהות פון ישר־אלישן באַנעם.

שלמה: איך האָב געוווּסט אַז די שריפט וועט דינען בלויז ווי אַן אַריינפיר צו דעם וואָס מיין רבי וועט מיר זאָגן און איך שלינג ממש די ווערטער וואָס קומען אַרויס פון מיין רבינס מויל. יעדעס וואָרט אַ פּערל.

נתן: מיר טוט גרויס הנאה וואָס דו, שלמה, מיין טייערער תלמיד, נעמסט עס אַזוי אויף און שאַצסט עס אַזוי הויך, ווען אפילו דו איבער־שאַצסט עס (אַ פויזע). אלהים איז זיך מתעסק מיט שאַפן צוויאיקייטן פון אומבאַשטימטע כלומרשטע איינהייטן. ער וויל אַריבער פון דעם אומ־באַשטימטן צו דעם באַשטימטן. ער ברענגט אַרויס הימל און ערד, ליכטיקייט און פינצטערניש, וואַסער און יבשה, זכר און נקבה. די דאָזיקע צוויאי־קייטן זענען אויס צו זיין שוואַנגער מיט צוויסטיקייטן, פיינטשאַפט, וועלכע דער אייגענער אלהים פאַראיינט און פאַרשלומט נאָך דער מעשה פון אָפּ־שיידונג. און די מוסטער־גירסא פאַר אלהימס טואונג איז דער פסוק־זאָג: „און עס איז געווען אָוונט און עס איז געווען פרימאָרגן — איין טאָג". ליכט איז אָפּגעשיידט פון חושך, און דאָך ווערט פון ביידן, פון ליכט און פינצטערניש איין זאַך, איין מהות, אַן אחד, אַ טאָג, אַ מעת־לעת. אַזוי אויך די שפּעטערדיקע אָפּטיילונג, „און זיי ווערן איין לייב". דאָס מענלעכע און דאָס ווייבלעכע זיינען געשטימט פיינטלעך איינס צו דאָס אַנדערע. און דאָך ווערט פון אָט־די צוויי מהותן איין זאַך, איין לייב. און אַזוי ווערט דאָס לעבן פאַרגעזעצט.

די טואונגען פון אלהים באַשרייבט אויפן געניויסטן שטייגער דאָס באַלערנדיק וואָרט „ויבדל", און ער האָט אָפּגעזונדערט. אלהים שאַפט אָפּ־געזונדערטקייטן, אָפּשיידונגען, מחיצות. ער האַלט אין איין פונאַנדערנעמען, אָבער דערנאָך קומט דאָס צוזאַמענבינדן. נאָך דער צעגלידערונג קומט דאָס צוזאַמעננעמען אין איין קערפּער.

אָט־דער „ויבדל" איז אַ זייער וויכטיקער „כוח־הפועל". אַדאַנק אים ווערן געשאַפן פאַרהעלטענישן, ווייל אלהים, לויט זיין מהות נאָך איז אַן אַל, אַ באַציונג אַ „צו", אַ פאָרם פון שייכותן.

און, צום סוף, נאָך אַלע „ויבדל"ס, קומט דער פאָלגנדיקער זאַץ: „און עס איז געווען אָוונט און עס איז געווען פרימאָרגן — איין טאָג, איין צייט. די איינהייט שטייט העכער און איז פיל וויכטיקער פון אַלע אָפּגעזונדער־קייטן. און אין דעם א י י ן טאָג ליגן איינגעוויקלט אַלע טעג ביזן סוף פון די טעג, ווייל אַלע טעג האַלטן אין זיך בלויז איין טאָג און דווקא און טאַקע

דעם ערשטן טאָג. „ויבדל אלהים" דאַרף מען פאַרטייטשן אַזוי; „דער אלהים האָט אָפּגעזונדערט, האָט אָפּגעשאָפט די אָפּטיילונג, דעם סאַמע „ויבדל", ער האָט באַזייטיקט די מחלוקת, כדי זיי זאָלן ווערן אַלע גאַנץ, איין גאַנצקייט.

דער „ויבדל" איז בלויז א פּאַראויסגייער פון אחד, ער גרייט צו די פולע פאַראייניקטקייט.

דאָס איז דער אלהים, דער שאַפער פון די צווייאיקייטן פון די פאַר־העלטעניש. אָבער יהוה שטעלט פאָר מיט זיך די פולע שלימותדיקע איי־ניקייט, די איינאיינציקע אַלגעמיינערונג. די געהיימעניש פון שם־הויה באַטייט די פאַראייניקונג פון אלע צדדים.

צווישן אלהים און יהוה עקזעסטירט כמעט ווי א מין צעטיילונג פון דער ארבעט. אלהים פאַרנעמט זיך אין די „זעקס ערשטע טואונג־טעג" מיט דער צעגלידערונג, מיט דער פאַראויסגייענדקער צענעמונג, בשעת יהוה איז דורכאויס צענויפשטעלונג, צענויפהאַלטונג און פאַרזעלביקונג.

אָבער, אין תוך גענומען, טוען ביידע איין זאַך. אלהים און יהוה דערגאַנצן קעגנזייטיק איינער דעם אַנדערן און שאַפן איין אלגעמיינעם פאַרהעלטעניש בונד, אן אויבערשטן אַלצאַריינגנעמענדיקן קנופּ, א מין אחד.

„און איר וועט זיין ווי אלהים, די ווייסער פון גוטס און שלעכטס". אלהים איז דאָ גענומען אין לשון רבים. דאָס איז דער אומגליק. דאָ ליגט אַ צווייאיקייט. דער אמתער השם, דער מהות פון רבונו של עולם, איז דער אחד, זיין נאָמען איז דער אנוכי, דער איך, דער „אני והו", א י כ ע ר וואָס איז ז י כ ע ר. ער איז די איינציקע אייניקייט און זיכערקייט. דער אני־והו איז א גאנצקייט.

שלמה: (קען זיך ניט איינהאַלטן פון התפעלות און האַקט אים איבער) ווונדערבאר! פלאי־פלאים! ערשט איצט נעם איך פאַרשטיין דעם טיפן מיין פון אדמ׳ס פאַרפאַסונג.

נתן: (איז ממשיך, ווי ער וואָלט ניט געהערט שלמהס אויסרוף):

— יהוה, אני־והו, איז א לערע מכוח שלימות און אחדות, וועלכע ווערן פארווירקלעכט פונאינווייניק, ווי אן אינערלעכע פולע פולקייט און ווי אַזעלכע ווערט אָט־די שלימות דער קוואַל, אַרויסגוס און אַריינגוס פון אַלדאָס גוטס, און ווייסט ניט פון קיין שלעכטס. אַלץ וואָס השם טוט איז צום גוטן פון דער וועלט און פון דעם מענטשן. קיינמאָל פאַרזעלביקט ניט יהוה זיין שם און מהות מיט שלעכטס. דעריבער דאַרף אַ מענטש ווען ער לייענט די תורה, אָנהויבן מיט אַ גוטער זאַך און אויסלאָזן מיט אַ

גוטער זאַך. דער השם איז די עצם גוטסקייט. ער איז דער מקור פון לעבן און גוטסקייט און פאַרגעניגן... באמת קען קיין שלעכטס ניט אַראָפּנידערן פון אויבן. „און אלהים האָט געזען אַז עס איז גוט". „און אלהים האָט געזען אַז אַלץ, וואָס ער האָט געמאַכט, איז זייער גוט".

דער גאַנצער באַשאַף שטייט אונטערן צייכן פון פולער גוטסקייט. אַלץ איז גוט, ווי עס באַדאַרף צו זיין. גוטסקייט איז ניט קיין צופעליקער יסוד אין דער וועלט, אין דאַזיין. די נשמה פון דער וועלט איז דער „כי טוב". גוטסקייט איז די וויכטיקסטע ממשותקייט אין גאַנצן באַשאַף. אין די טיפע־נישן פון דער ווירקלעכקייט איז ניט פאַראַן קיין שלעכטס, קיין רשעות. ווייל שלעכס איז אַ פועל־יוצא פון דער צעשפּאַלטונג, אַ צעשפּאַלטונג וואָס קומט פאָר אין מענטשלעכן באַוווסטזיין, אַ צעשפּאַלטונג וועלכע איז אייגנטלעך דאָס באַוווסטזיין פון מענטשן. דער עצם מהות פון מענטש־לעכער דערקענטעניש.

דער סיפור המעשה דערציילט אונדז מכוח דער צעשפּאַלטונג אין דער נשמה פון מענטשן. אַ צעשפּאַלטונג וואָס איז דער פונדאַמענטאַלער שטריך אין איבערגאַנג פון זעלבסט־גלויבן צום זעלבסט־באַוווסטזיין, אַ צעשפּאַל־טונג, וואָס הויבט זיך אָן מיט דערקענטעניש, מיט געוויר־ווערעניש. מיט וויסן, מיטן „עץ־הדעת". „מחמת דער בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס איז אַ צעטיילונג". עס קען ניט געמאָלט־זיין קיין וויסן אָן אַ צווייאיקייט, אָן אַ צעטיילונג אויף אַ „ווייסער" און אַ „באַוווסטע זאַך". עס איז עפּעס וואָס איז ענלעך צו דער געשלעכטלעכער צעטיילונג און באַהעפטונג. אָט די נשמה צעשפּאַלטונג רופט אַרויס אַ צעשפּאַלטונג איבער דער גאַנצער באַרירונג־ליניע פון וועלט און מענטש.

שלמה: די דערקלערונג איז אַזוי טיף און דאָך אַזוי קלאָר, און דערצו אַזוי דערהויבנדיק און פאַרכאַפּנדיק, אַז איך האָב ניט קיין ווערטער צו באַדאַנקען מיין רבין און צו באַוווּנדערן זיין טיפע חכמה. איך וואָלט בלויז וועלן פרעגן ווי אַזוי פּאַסט זיך אַהער אַריין די שטראָף, דער טויט.

נתן: די שטראָף איז גאָר קיין שטראָף ניט. עס איז אַ „מדה כנגד מדה". די טואונג פון מענטשן, באַלוינט אים און באַשטראָפט אים. עס איז אַ טואונג און אַ קעגנטואונג, ניט מער. מיר רופן עס שטראָף, אין־דער־אמתן איז עס ניט קיין שטראָף אין פשוטן טייטש פון וואָרט, נאָר אַן אומפאַר־מיידלעכער אַרויסקום פון די טועכצן פון מענטשן, וואָס פאָלגט זיי נאָך.

שלמה: דערקלער עס מיר, ליבער רבי, אַ ביסל ברייטער.

נתן: זיי האָבן געגעסן פון עץ־הדעת, פון בוים פון וויסן, גוטס און

שלעכטס, און אַזוי אַרום האָבן זיי באַשאַפן דאָס שלעכטס. און זיי האָבן געליטן פון דעם שלעכטס, פון דער טואונג פון זייערע אייגענע הענט. זיי האָבן טועם געווען פון דער פרוכט, וואָס וואַקסט אויפן בוים פון צעטיילונג, פון צעצוויִיאונג, פון גוטס און שלעכטס. און די שטראָף איז ניט קיין זאַך פון נקמה, פון וועלן זיך אָפרעכענען מיט די, וואָס פאַרמעסטן זיך קעגן דעם אויבערשטן „דעספּאָט״, און ווילן ברעכן זיין אויסשליסלעכע חזקה אויף וויסן, איינגעמען זיין שטאַרקסטע פעסטונג. ניין, ניט דאָס לערנט אונדז דער סיפור־המעשה אין חומש בראשית. די שטראָף איז אַ פּועל־יוצא פון זייער אויפפיר. ווי נאָר די פּאָרלעך קומען אַריין, טרעט אַריין דאָס פּאָרל פון לעבן און טויט, וואָס איז דאָס אייגענע פּאָרל פון גוטס און שלעכטס. גוטס איז לעבן, שלעכטס איז טויט. „זע! איך האָב געגעבן היינט צו דיר דאָס לעבן און דאָס גוטס, און דעם טויט און דאָס שלעכטס״. דער טויט קומט אַריין דורך דער אָפענער אויפגעבראָכענער טיר פון דער דערשיינונג פון די זיווגים. דער טויט קומט ניט איינער אַליין. ער ברענגט, ווי זיין שטייגער איז, אַ גאַנצע כאָפּטע מיט זיך: ווייטאָקן, געבורטס־ווייען, שוואַנגערשאַפט־שווערענישן, מאַטערניש, אַרבעט, פיינט־שאַפט צווישן מענטש און חיה, דעם געשלעכטער־קאַמף. „צו דיין מאַן איז דיין גלוסטעניש און ער וועט הערשן איבער דיר״. די פרוי ווערט געשילדערט ווי די הויפּט־שולדיקע אין דעם אומגליק־פאַל. מחמת זי מיט איר מאַן שטעלן פאָר מיט זיך אַ פּאָר, אַ צווייאיקייט. און אַט־די צעשפּאַלטונג, די צווייאיקייט פון די געשלעכטער ברענגען אַלע איבעריקע שלעכטע צווייענישן וואָס זיינען ווייענישן, געפּערלעכע דובליקאַטן: אמת און שקר, יאָ און ניין, רעכטס און לינקס, ליכט און שאָטן, טאָג און נאַכט, פאַרגעניגן און צער, פרייד און אומעט, געלעכטער און געוויין, אַרבעט און רו, ליבשאַפט און האַס, און, דער עיקר־שט, לעבן און טויט, אַלע קומען זיי אין ריי מיט דער געשלעכט־טאָפּלקייט.

אַט־די אַלע צווייאיקייטן פירן צו צוויסטיקייטן, צאַנקערייען, רייסע־רייען, צוזאַמענשטויסן, קעגנזאַצן פון וועלערס, באַגערונגען און האַנדלונגען.

שלמה: ערשט איצט הייב איך אָן צו פאַרשטיין ווהין דער שטן צילעוועט, ווהין ער שטרעבט מיט זיין פאַלשער וויסעניש. ער צעשפּאַלט דעם מענטשן.

נתן: אָבער כדי מיר זאָלן בעסער פאַרשטיין די שייכותן פון שטן צום אלהים, וועלן מיר דאַרפן לייענען, ווידער מיט קאָפּ, דעם ספר פון חנוכן, וואָס וויס אַלע געהיימענישן און ער האָט באַקומען רשות פון השם

זיי צו אַנטפּלעקן צו אונדז, מענטשנקינדער. און דאָס וועלן מיר טאַקע טאָן מאָרגן גאַנץ פרי, „אויפן ניכטערן שכל", אַזוי צו זאָגן.

## 13

נתן הנביא: איצט וועלן מיר זיך באַקענען מיט מגילות וואָס גיבן זיך אָפּ מיט די וווּנדערלעכע איבערלעבונגען פון דעם ערשטן פון אונדזערע דריי אבות, ד. ה. מיט דער געבורט פון אברהם אבינו, וואָס איז געווען דער ערשטער צו דערקענען דעם באַשעפער פון הימל און ערד. און פאַר דערדאָזיקער דערקענונג האָט ער געמוזט אויסשטיין רדיפות מצד דעם קעניג נמרוד, דעם מלך פון די כשדים אין שטאָט אור.

מיר וועלן לייענען די מגילות וועגן אונדזער שטאַם־פאָטער, מיט וועמען יהוה האָט געשלאָסן א בונד און וועמען ער האָט אויסגעפּרובירט צען מאָל.

שלמה: זייער גוט, טייערער רבי, ווער וועט פאָרלייענען?

נתן הנביא: מיר וועלן זיך בייטן, ווען איך וועל מיד ווערן, וועסטו מיך פאַרבייטן; און ווען דו וועסט מיד ווערן וועל איך דיך פאַרבייטן. און אַזוי ווי דו ביסט באַהאַוונט אין די מגילות, וועט דאָס שטודירן זיי ביי אונדז לאַנג ניט נעמען. זיי אַנטהאַלטן אַ סך היסטאָרישע באַשרייבונגען און פיל גרויסע געדאַנקען, וואָס פאַרבאַהאַלטן זיך הינטער סימבאָלישע מעשיות־לעגענדעס. דאָס זיינען אַזוי צו זאָגן, די סודות און אָנוווּנקונגען, די סתרי־תורה, די פאַרהוילענישן, וואָס זיינען זיכטבאַר בלויז פאַר אַ גייסטיק־געשולטן אויג.

שלמה: איך בין זייער נייגעריק צו וויסן אַלע איינצלהייטן וועגן אברהמס לעבן און אויפטואונגען. ער איז דאָך דער ערשטער „ישראל". וואָס האָט נאָך אפילו דעמדאָזיקן נאָמען אויף זיך ניט געטראָגן, נאָר געהייסן „עברי", ווייל ער איז געווען אויף איין זייט, אויף השם יתברכס זייט, בעת די איבעריקע מענטשן זיינען געווען אויף דער אנדער זייט, אויפן זייט פון געץ... וואָס קען זיין גרעסער און וויכטיקער ווי צו זיין דער ערשטער אַנטדעקער פון אַ נייעם באַגעם, אַ נייעם אויפפאַס פון השם, מענטש און וועלט.

נתן הנביא וויקלט פאַנאַנדער די מגילה און הויבט אָן לייענען אויפן קול מיט אַ ניגון:

## אבא גארדין

### מגילה א׳

נתן האָט פאַרענדיקט לייענען די ערשטע מגילה, און ניט וועלנדיק איבעררייסן, כדי דער איינדרוק זאָל ניט אָפּגעשוואַכט ווערן, האָט ער דערלאַנגט שלמהן די צווייטע מגילה און אים געבעטן, מיט אַ ווונק, ער זאָל גלייך אָנפאַנגען לייענען.

שלמה האָט גענומען די מגילה פון נתנס הענט, זי פאַנאַנדערגעוויקלט און אָנגעפאַנגען צו לייענען מיטן זעלביקן ניגון וואָס נתן האָט געלייענט.

### מגילה ב׳

שלמה האָט פאַרענדיקט לייענען די צווייטע מגילה. זיינע אויגן האָבן געברענט ווי צוויי פאַקלען. ער האָט אויסגעשריען:

— וווּנדער איבער וווּנדער! דער צוזאַמענשטויס פון די צוויי העלדן, נמרוד און אברהם, איז דער אייביקער קאַמף פון קערפּער און זעל, שטאָף און גייסט, נייער געדאַנק און אַלטער איינשטעל. דאָך, רבי, וואָלט איך אים וועלן פרעגן אויף וועלכן שטייגער איז דער נס פאָרגעקומען און צי וואָלט אַזאַ נס געקאָנט פאָרקומען אויך אין אונדזער צייט?

נתן: איך וואָלט ניט וועלן מיר זאָלן אויפלאַנג מפסיק זיין צווישן דאָס לייענען איין מגילה און דער אַנדערער. און מיר האָבן נאָך אַ דריטע מגילה פאַרצולייענען. דאָך וועל איך דיר צוליב טאָן און זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע אויף דעם דערקלער פון דעם ענין נס. דער פייער האָט ניט געהאַט קיין שליטה איבער אברהם׳ען, ווי אַזוי דערקלערט זיך עס?

שלמה: דאָס האָב איך טאַקע געפרעגט און געוואָלט הערן מיין רבינס דערקלערן.

נתן: איך וועל זיין אַזוי קורץ און צמצומדיק, ווי נאָר מעגלעך.

שלמה: איך בין בלויז אויערן. איך וועל ניט פאַרפעלן קיין איין איינציק וואָרט.

נתן: מיין זון, זיי וויסן אַז די וועלט מיט אַלע אירע קעגנשטאַנדן און פאַרקומעונישן איז באַשאַפן געוואָרן מיט אַ זאָג, מיט אַ שפרוך און מער ווי אַ זאָג און שפרוך איז דאָ ניט פאַראַן. דאָס מיינט אַז אַלץ וואָס מיר נעמען אויף מיט אונדזערע חושים און אַלץ וואָס מיר באַגעמען מיט אונדזער פאַרשטאַנד איז, באמת, איין פאַרקערפּערטער שפרוך, אַ „מאמר״. אַ הסכם פון אונדזז אַלעמען, פון אַלע ברואים, בהמות, חיות, און אינזעקטן אַריינגערעכנט. פייער ברענט ווייל מיר גלויבן און אָנערקענען אַז ער ברענט און פאַרצערט, און וואַסער לעשט ווייל מיר גלויבן אין זיין לעשעניש־קראַפט; ווען מיר גלויבן פאַרקערט, וואָלט רעכט געווען פאַרקערט, אַז

וואַסער זאָל ברענען און פייער זאָל לעשן. און דאָס זעלביקע בנוגע אַלע אַנדערע זאַכן און פאַרלויפעניש.

דער יחיד־מענטש קען זיך ניט שטעלן קעגן דעת־הקהל, ער קען זיך ניט איינרייסן מיט דעם אַלגעמיינעם הסכם, מיט דער אָנגענומענער קאָנווענציע. אַלע דערשיינונגען און פּראָצעסן זיינען ניט מער ווי אָנגענומענקייטן, באַדינגונגען, אַזוי צו זאָגן אָפּמאַכענישן. דער איינצלנער קען ניט אַרויסטרעטן קעגן דער וועלט, סיידן ער באַזיצט אין זיך אַזויפיל רעכטפּערטיקן שטאַרקן ווילן, אַז ער זאָל זיין אימשטאַנד זיך אַריינצולייגן אין דער קעגנגעזעצטער וואָגשאָל און אַריבערוועגן אַלץ און אַלעמען. און ווען ער טוט עס, דעמאָלט פּאַסירט מיט אים אַ נס. דאָס מיינט אַז ער שאַפט אָפּ דעם הסכם, די אַלגעמיינע צוגעבעניש, די אָנערקענטע באַדינגונג.

אַזאַ ווילן מוז מען זייער לאַנג פלעגן און איבן. אָט־דער ווילן מוז זיין, על פּי זיין עצם מהות, אַ רעכטפּערטיקער. אַ רשע קען אַזאַ ווילן ניט באַזיצן, וואָרעם ער איז דאָך אַ בינטל גלוסטעניש, וועלכע ער קען ניט בייקומען, טאָ ווי אַזוי וועט ער קענען באַצווינגען די וועלעניש פון דער גאָרער וועלט, פון אַלע אַנדערע באַשעפעניש. ווען ער קען ניט גובר־זיין, באַהערשן און איינצוימען די גלוסטעניש און ליידנשאַפטן פון זיין אייגענעם קליינעם קערפּער, וועט ער דאָך אַלע ליידנשאַפטן און גלוסטעניש פון אַלע קערפּערס אַוודאי ניט קאָנען איינגעמען און לענקן וווּהין ער וויל. ווען ער קען ניט אַראָפּשלינגען איין טראָפּן וואַסער, ווער דען קענען אויסטרינקען אַ גאַנצן עמער וואַסער?! אז ער קען ניט אויפהויבן איין שטיינדל, וועט ער דען קענען אויפהויבן אַ גאַנצן באַרג אויסגעגאָסן פון פעלדזנשטיין?!

שלמה: איך באַגרייף מיין רבינס אויפפאַס בנוגע דער וועלט־אָרדענונג וועלכן ער האָט אַזוי קורץ און בילדלעך אַרויסגעבראַכט און מיר עס מסביר געווען. וואָס מיר איז קשה איז דאָס, פאַרוואָס האָבן פּאַסירט אָפּט נסים אַמאָל, ווי עס ווערט דערציילט אין פאַרשיידענע פאַרצייטיקע מגילות אָדער מינדלעכע איבערגעבענישן, און זיי פּאַסירן אַזוי זעלטן אין אונדזער צייט, פאַר אונדזערע אויגן, איז עס דערפאַר וואָס מיר, אונדזער דור, פאַרמאָגט ווייניקער צדיקים, ב ע ל י ־ י כ ו ל ת, ווי אַמאָליקע דורות האָבן זיי געהאַט, אָדער דאָ ווירקט עפּעס אַן אַנדער סיבה. און אפשר זיינען אַלע יענע פאַרציילונגען פון וווּנדער בלויז אויסטראַכטענישן וואָס זיינען באמת ניט קיין מעשים שהיו, נאָר מעשים שיהיו, ניט זאַכן וואָס האָבן פּאַסירט,

נאָר וואָס מיר וואָלטן וועלן אַז זיי זאָלן האָבן פּאַסירט און זיי זיינען ווונטש־אויסערונגען, וואָס קומען אנזאגן אַז אין דער ווייטער צוקונפט וועלן אָט־די באַגערעמישן ווערן שטיקער פון טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט. וואָס וועט מיין רבי זאָגן וועגן דעם ?

נתן: די זאַך איז די, וואָס ווייטער מיר רוקן זיך אויפצוריק אַלץ לייכטער איז געווען צו ציגן וווּנדער, דאָס הייסט ענדערן דעם אָנגענומענעם איינשטעל. מחמת דעמאָלט, גאָר אַמאָל פאַרצייטנס, איז ער נאָך ניט געווען אַזוי פאַרהאַרטעוועט, אַזוי פאַרפונדעוועט אין אַלגעמיינעם הסכם, אין אַל־באַשעפענישן צושטים, ווי ער איז היינט־צוטאָג. זאַכן זיינען דעמאָלט געווען בויגעוודיקער, נאַכגעביקער. וואָס נענטער מיר קומען צו די אָנפאַנגען, אַלץ ווייניקער באַשטימט זיינען קעגנשטאַנדן און געשעענישן.

שלמה: וואָלט מיין רבי זיין אזוי גוט און מיר דערקלערן וואָס מיינט „באַשטימט".

נתן: דאָס מיינט פשוט, אין ווערטערלעכן טייטש פון טערמין באַ־הסכמ׳ט, איינגעשטימט, אָפּגעמאַכט ביי אַלעמען אַז אַזוי מוז עס זיין און קען גאָר אַנדערש ניט זיין.

שלמה: מיינט מיין רבי צו זאָגן אַז די באַשעפענישן גיבן אָפּ זייערע שטימען, און זיי באַשטימען אַלע זאַכן, וואָס קומען פאָר אין דער וועלט, אין דער אַרומיקער סביבה. ציילט דען עמעצער די שטימען, די מיינונגען פון אלע ברואים און געפינט אויס צו וואָס און אויף וואָס זיי זיינען מסכים און צו וואָס זיי זיינען קעגנעריש געשטימט ? !

נתן: מע דאַרף זיי ניט ציילן און מע קען זיי ניט ציילן, מחמת זייער צאָל שטייגט אריבער יעדן חשבון. זיי זיינען אומענדלעך. אָבער סיי אין זייערע מעשים, סיי אין זייערע שפּירונגען און סיי אין זייערע געדאַנקען, ווען עס רעדט זיך וועגן מענטשן, גיבן זיי צו, זאָגן זיי אַרויס אַז זיי נעמען אָן דעמדאָזיקן באַשטימטן איינשטעל, דעם סדר־העולם.

אלץ, מיין זון, שלמה, איז אַ פראַגע פון ווילן און בלויז פון ווילן און עקשנות, איינגעשפּאַרטקייט און אָנשטרענג. אין אַ גרויסן צדיק איז אָנגעזאַמלט אַ סך ווילנסקראַפט. דער אמתער צדיק איז אַ גרויסער בעל־רצון און ממילא, אַ גרויסער בעל־יכולת. זיין ווילן פאַלט צוזאַמען מיט דעם העכסטן פיינסטן ווילן, פאַר וועמען אַלע נידעריקערע ווילנס, שוואַכערע וועלענישן ווערן בטל. און ער באַזיצט דעם כוח איבערצושאַפן דעם באַשטאַנד וואָס איז בלויז אַ באַגאַנג, אַ שטראָם, אַ פליסעניש. די גאַנצע

עקזיסטענץ איז אַן אינזיסטענץ, עס איז אַ פראַגע פון צושטײַן, באַשטײַן אויף עפּעס און בשום אופן ניט נאָכגעבן.

און דאָס האָט אברהם געטאָן ווען ער האָט זיך געשטעלט קעגן דער גאַנצער געצנדינערישער וועלט מיט אַלע אירע געצן און געצנדינער.

שלמה: דער לעצטער געדאַנק פון מײַן רבין איז מיר ניט אינגאַנצן קלאָר: וואָס מיינט דער העכערער ווילן און וואָס באַטײַט דער נידעריקער ווילן.

נתן: דער העכערער ווילן טראָגט מיט זיך און אַנטהאַלט אין זיך מער הסכמדיקייט, מער האַרמאָניע, אײַנשטימיקייט און שלום צווישן אַלע באַשעפענישן און זאַכן וואָס אין דער וועלט. אָבער אונדזער הפסקה האָט זיך שוין צו לאַנג פאַרצויגן. מיר וועלן זיך אומקערן צו אָט־דער פראַגע נאָך עטלעכע מאָל שפּעטער. אַצינד לאָמיר אָנגיין מיטן לייענען די דריטע מגילה.

נתן נעמט די דריטע מגילה און פאַנגט אָן לייענען אויפן קול:

מגילה ג׳

נתן ענדיקט דאָס לייענען.

שלמהן פאַרדריסט וואָס דאָס לייענען האָט זיך געענדיקט.

שלמה: איך וואָלט וועלן אַז דאָס לייענען זאָל זיך ציִען און ציִען גאָר אָן אַ סוף.

נתן: שלמה, אויך די שענסטע געשיכטע האָט אַן אָנפאַנג און, ממילא, קומט זי צו אַ סוף.

## 14

שלמה: די געשיכטע האָט אַ גוטן סוף; און אזוי האָבן זיך געדאַרפט ענדיקן אַלע געשיכטעס. דער גערעכטער דאַרף אַרויסקומען דער זיגער.

ביי שלמהן באַווײַזט זיך אַ שמייכל אויף די ליפּן און מיט גרויסער עניוות און ליבשאַפט, וואָס שטראַלט אַרויס פון זײַנע אויגן, רופט ער זיך אָפּ: — ליבער רבי, איך ווייס כמעט וואָס דער לערער גייט מיר זאָגן, וואָרעם ער האָט שוין מיט מיר עטלעכע מאָל באַרירט די פראַגע. איך וויל אָבער זיך בעסער פאַנאַנדערקלייבן אין דער פאַרוויקלטער און פאַרפלאָנטערטער דערשיינונג.

ווען מ׳ברענגט אַרויס אַ געדאַנק מיט קלאָרע און פּינקטלעכע ווערטער,

ווערן צוויי כנגדיקע פועל־יוצאס דערגרייכט אויף־אמאל: אי דער געדאנק ווערט פארשארפט, אי ער ווערט צעשעדיקט. ביידע זאכן פאסירן, ווארעם דער נאטירלעכער און גינציקסטער צושטאנד פון א רעיון איז זיין אומ־קלארקייט, זיין נעפלהאפטיקייט, מטושטשדיקייט. ווען ער ווערט אינגאנצן קלאר און עקזאקט, ווערט ער ערשט פאלש טיילוויז, דאס הייסט, אומ־ווירקלעך, אומהאפטיק, ער פארלירט זיין זאפטיקע חיות. דאס לעבן, ווי דער גאנצער באשטאנד, איז תהו־ובהודיק, און אזוי מוז אויך זיין דער פארשטאנד, וואס איז א טייל פון גאנצן באשטאנד. און פונקט אזוי כאאטיש, ניט צו גוט איינגעסדרט, מוזן זיין אויך די געדאנקען ביי דעם מענטשן, דעם בר־דעת. ווי זאגט אונדז דער פסוק אין ׳בראשית׳? „און די ערד איז געווען תהו־ובהו און פינצטערניש איבער דעם געזיכט פון אפגרונט, און דער גייסט פון אלהים שוועבט איבער דעם פנים פון די וואסערן". ווייטער פון דעמדאזיקן צושטאנד קען קיין באשאף ניט גיין. און ווען דער אלהים האט געזאגט: זאל זיין ליכט!", איז טאקע געווארן ליכטיק, אבער די פינצטערניש איז ניט באזייטיקט געווארן, זי האט בלויז אצינד געקראגן דעם נאמען — נאכט.

נתן הערט זיך אויפמערקזאם צו צו שלמהס קלוגע רייד, און ער קוועלט פון נחת, ווי א גערטנער ווען ער קוויקט זיך און פריידט זיך מיט די פירות פון די ביימער, וואס ער האט אליין פארפלאנצט און געפלעגט. אבער צו דער אייגענער צייט פילט ער עפעס ווי א שטיקל פארדרוס איינגעוויקלט אין קנאה: פאר דער צייט פון אט־די היפשע עטלעכע יאר, וואס ער האט זיך אפגעגעבן מיט שלמהס דערציונג, איז דער תלמיד אזוי גרויס אויסגעוואקסן, פון א קינד — אן אמתער תלמיד חכם, און ער, דער רבי, איז געבליבן שטיין כמעט ביי דעם פונקט וו ער איז פארדעם געשטאנען. ער איז ניט געוואקסן, און אפשר נאך צוריקגעגאנגען. אים פעלן די פילע יארן וואס ער וואלט פארבראכט אין התבודדות. און ווען א מענטש איז ניט איינגעשלאסן אין איינזאמקייט, פרוש און מופרש פון דער וועלט, פון קאנטאקט מיט די מיטמענטשן, וועט דאס השם־ווארט צו אים ניט קומען. עס קומט בלויז צו יחידים ווען זיי געפינען זיך אין שטרענגער אפגעזונדערטקייט, ווען דער מענטש בלייבט מיט זיך אליין אן קיינעם.

שלמה נעמט ניט אראפ זיינע בליקן פון נתנס געזיכט. ער שפירט וואס עס קומט איצט פאר אין נתנס געמיט. ער גיט א לייכטן זיפץ, ער פילט זיך שולדיק א גרויסן חוב צו זיין רבין, א חוב וואס ער וועט קיינמאל

ניט קענען באַצאָלן. נתן האָט אַ גרויסן טייל פון זיך מקריב געווען אויפן מזבח פון זיין, שלמהס, אַנטוויקלונג. און ווי יעדער עכטער קרבן איז עס אַ בראַנדאָפּער, פאַרצערט און אַוועק מיטן פייער און אויך מיטן רויך.

נתן און שלמה שווייגן, קוקן זיך אָן, און פילן זיך אַביסל אומהיימלעך פון דעם באַוווסטזיין, אַז זיי פאַרשטייען זיך, אַז זיי טיילן זייערע געדאַנקען און געפילן; און דאָס מאַכט זיי אומרויִק. ביידע באַגרייפן אַז אַזאַ צושטאַנד פון זעלן־שותפות וועט פיל לענגער ניט קענען אָנגעהאַלטן ווערן, זיי וועלן אײַנקורצן זיך דאַרפן שיידן, זיך אָפּטיילן איינער פון אַנדערן. דער תלמיד וועט באַלד ניט נאָר אָניאָגן, אין אַ געוויסער בחינה, דעם רבין, נאָר אים אויך אַריבעריאָגן. נתן דערמאָנט זיך אין דעם שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט בת־שבען וועגן אַנטווינען אַ קינד און די ווידעראַנאַנדיקע געפילן פון דער מוטער, וואָס קלייבט נחת פון קינדס וואַקסן און האָט שברת־לב פון זייער צעשיידן זיך, אין אַ געוויסן זינען. יאָ, עס האַלט קרוב צום סיום פון דער גאַנצער פרשה פון שלמהס־חינוך. און דער שלוס דאַרף דורכגעפירט ווערן מיט גייסטיקער פייערלעכקייט. ווען דער נייער דור קומט אויף, מוז דער אַלטער דור אָפּטרעטן אים זיין פּלאַץ, אַוועקגיין פון דער וועלט... און ווען אַ תלמיד וואַקסט אויס, דאַרף דער רבי זיך צוריקציען און גייסטיק אָפּטרעטן...

נתן ווענדט זיך צו שלמהן:

— מיין טייערער שלמה, אָט־די געשפּרעכן אונדזערע זיינען, ווי איך פיל, די לעצטע, אָדער קרוב צו די לעצטע, און דעריבער האָב איך באשלאָסן, זיך און דיך, ניט צו שאַנעווען. איך וועל זיך אויסשעפּן ביזן סאַמע דעק און דערנאָך אַוועק אין מיין רו אַריין, און בלייבן מיט מיין איינזאַמקייט, וואָס איז מיין בעסטער און געטרייסטער פריינט.

שלמה לאָזט די באַמערקונג פאַרבייגיין. ער שווייגט מייַנפּול אַ קורצע ווײַלע, פאַרטיפט אין די אייגענע געדאַנקען. דערנאָך רופט ער זיך אָפּ:

— מיין ליבער רבי, הייסט עס מיר האַלטן ביי דער פראַגע פון געצנדינסט...

נתן ענטפערט גלייך אָפּ:

— יאָ, שלמה, דאָס איז אַ גאָר וויכטיקער ענין. דער קאַמף קעגן געצנדינסט פילט אויס דעם אינהאַלט פון גאָר אַ סך פון אונדזערע הייליקע מגילות. קעגנערשאַפט צו געצנדינסט איז דער גרעסטער אויפטו פון די עברים ביז אויף היינטיקן טאָג.

# 15

נתן הויבט אָן זיין געשפּרעך מיט שטילע אָבער קלאָרע טענער:

— מיין טייערער שלמה, אַזויפיל הויפּט־געדאַנקען און ביי־געדאַנקען זיינען פאַרזייט אויף די פעלדער פון די מגילות, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס געלייענט אַז עס איז מיר שווער זיך צו באַשליסן מיט וואָס און פון וואַנענט אָנצופאַנגען.

שלמה, דו האָסט פריער אינקורצן אָנגעמערקט וועגן קלאָר מאַכן אַ רעיון, וואָס ווען מ׳מאַכט אים קלאָר, ווערט ער ערשט אומקלאָר אין זיין גאַנצער מכלומרשטער קלאָרקייט. ער פאַרלירט זיין אומשולדיקע עכטקייט. אָט־די הערה דיינע האָט פיל צו טאָן מיט דער אָנגעלעגנהייט פון געץ און געצנדינסט. געצנדינסט האָט אונטער זיך אַ טיפן יסוד אין דער מענטש־לעכער זעל. ווען אברהם, אונדזער פאָטער, האָט דער ערשטער אויפ־געהויבן אַ האַק און גענומען מיט איר ברעכן די געצן, האָט ער, באמת, אויפגעהויבן זיין האַנט אויף דעם גאַנצן איינשטעל פון דער וועלט און אויף אַלץ, וואָס די וועלט אַנטהאַלט אין זיך. דער קריג קעגן געץ האָט אַן אָנהויב, ער ווייסט, אָבער, קיין סוף ניט האָבן, וואָרעם עס איז אַן אויפגאַבע, וואָס פאָדערט אַן אייביקייט פאַר איר גרינטלעכער דורכפירונג. אַרום אונדז, ווו מיר זאָלן זיך ניט אַ קער טאָן, שטייען אויפגעריכט געצן, דאָס מיינט אויסערלעכע קעגנשטאַנדן. דער קאַמף קעגן געץ איז אין תוך גענומען, אַ קאַמף קעגן אַלדאָס אויסערלעכע און פאַר דאָס אינערלעכע וואָס אינעם מענטש, מיט אנדערע ווערטער, עס איז אַ געראַנגל פאַרן ז י ך און קעגן דער ז א ך, פאַרן געדאַנק קעגן דעם וואָרט־אויסדרוק, קעגן יעדער פאָרם פון עקספּרעסיע.

דער פולער זיג פון אברהמען וואָלט באַדייט דער זיג פון דער זעל און גייסט פון מענטשן איבער דער וועלט פון קערפּערס און שטאָפן. די גאַנצע וועלט ווי מיר זעען זי מיט אונדזערע פליישענע אויגן איז, באמת, איין שטיק עבודה זרה, איין גרויסער געץ, ווי עס ווערט דייטלעך און שאַרף אַרויסגעבראַכט אין חנוכס מגילה, אין דעם געשפּרעך פון תהו־ובהו.

אברהמס ניצחון, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן איבער דעם פייער, איז אַ פאַרויסזאָג וועגן בייקומען און באַהערשן די כוחות פון דער נאַטור. דער פייער איז בלויז אַ סימבאָל, אַן אָנצוהערעניש, ער דינט אין דעמדאָזיקן פאַל ווי אַ משל. דער פייער פאַרברענט ניט אברהמען, מחמת דער פייער גופא איז אויך ניט מער ווי אַ געץ. וואָס עס ברענט אין אים איז, טיפער

באַגריפֿן דעם געדאַנק, די פֿאַרשטעלונג פֿון ברענעכץ. ער פֿאַרברענט ניט אברהמען, ווייל אברהם, אין זיין בחינה פֿון א שטיק פֿלייש און א שטיק לייב, א הויפֿן ביינער און אַ פּאָר קוואָרט בלוט, איז אַ געץ, וועלכן אברהם, דער גייסטיקער אברהם, האָט שוין פֿונפֿריער צעבראָכן און פֿאַרברענט.

און דאָס פֿאָלק, וואָס האָט אָנגענומען אברהמס גלויבן און לערע, וועט לעבן אייביק, ווייל זיי וועלן קיינמאָל ניט האָבן דורכגעפֿירט זייער שליחות בשלימות. זיי וועלן אייביק דאַרפֿן אָנגיין מיט זייער ארבעט פֿון פֿאַרלייקענען געצנדינסט. אַזוי ווי געצנדינסט פֿאַרמאָגט פֿאַרשיידענע שטופֿן און מדרגות, אַזוי אויך דער קאַמף קעגן אים. די שליחות פֿון די אברהם־קינדער וועט קיינמאָל ניט קריגן קיין פֿולע פֿאַרקערפּערונג. זי אַליין וועט ניט פֿאַרקערט ווערן אין אַ געץ, וואָס איז אַליין טויט און שפּרייט אַרום זיך טויט.

שלמה איז באַגייסטערט פֿון נתנס טיפֿן רעיון.

— מיין רבי מיינט צו זאָגן אַז מיר, די קינדער־נאָכפֿאָלגער פֿון אברהמען, וועלן לעבן אייביק, כל זמן אין אונדז לעבט און ארבעט דער גייסט פֿון ערשטן געצנברעכער, פֿון אברהמען. עס איז אַ גרויסער געדאַנק, און ער טאָר אויך אינפֿולן ניט ארויסגעבראַכט ווערן, אניט וועט ער ווערן א שטיק געץ און שטאַרבן. ער וועט ווערן אַ שטיק עבודה זרה. דעם רבינס אויפֿפֿאַס און אויסטייטש פֿון די איבערגעלייענטע דריי מגילות איז ווונ־דערשיין און טיף־אמתדיק.

נתן איז אנטציקט פֿון שלמהס פֿלינקער תפיסה.

— אוודאי אַזוי, שלמה, אַ געדאַנק דאַרף תמיד בלייבן צאַפּלדיק און לעבעדיק, און זיך קיינמאָל ניט שיידן מיט זיך אַליין. ער דאַרף בלייבן אין זיין אינערלעכער אומבאַרירבאַרקייט, זיך ניט איבערגעבן אינגאַנצן אָן אָפּהאַלט, צום וואָרט־געץ. ער דאַרף אַזוי זיין, און אין דער צוקונפֿט וועט ער אַזוי זיין. אָבער לעת־עתה קען ער עס ניט באַווייזן. אונדזערע געדאַנקען קענען ניט זיין אַזוי אויסגעהיט און אָפּגעהיט. זיי מוזן אונטער־זינדיקן. מיט יעדן וואָרט וואָס מירריידן ארויס, מיט יעדער טאָט וואָס מיר טוען, וואָס איז דאָך, קודם למעשה, געווען פֿאַרטראַכט פֿון אונדז און זיך געפֿונען אין די באַהעלטענישן פֿון אונדזער האַרץ, געהירן אָדער „נירן", אַזוי צו זאָגן, — שאַפֿן מיר געצן, איך מיין פֿאַרקערפּערונגען. מיר נעמען עדאַנקען און ארבעטן זיי איבער אין שטיקעה חומר, אין שטאָפֿן.

דער אמת איז, אָבער, אַז דעם עצם געדאַנק אין זיין אינערלעכער

פולשטענדיקייט קענען מיר באין־אופן ניט אַרויסברענגען. ער בלייבט אומדערגרייכט. ער איז אַ טייל פון דער ריינער זיכקייט, אָן דעם צו־מיש פון געצלעכקייט, אָן דעם אידאַל פון וואָרט.

שלמה ברענט אַזש מיט התלהבות פון נתנס ווערטער. ער גיט זיך אַ ריס פון אָרט און פאַלט צו קושן נתנען.

— יעדעס וואָרט פון מיין רבין איז אויסצוקושן. אָט־דער געדאַנק, וואָס מיין רבי האָט אַצונד אַנטוויקלט, איז באמת אינספּירירט פון יהוהן, פון אלהים, פון אברהמען.

נתן גיט צוריק שלמהן אַ קוש. ער בלייבט אָבער רויק, היט אָפּ זיין גלייכגעוויכט. ער דערלויבט ניט זיינע געפילן אים צו פאַרשווענקען.

— מיך רופט דאָס פאָלק — נביא. פון צייט צו צייט האָב איך טאַקע די הייליקע זכיה צו פאַרנעמען דאָס וואָרט פון יהוהן. איך האָב, אָבער, עד־היום, צו מיין באַדויערן, ניט זוכה געווען צו הערן דאָס אומדערהער־לעכע, איך מיין פאַרנעמען מיטן גייסטיקן אויער דעם געדאַנק פון השם. ניט בלויז זיין וואָרט.

על כן, מיין ליבער שלמה, עס זיינען פאַראַן מדרגות אין געצנדינסט. די פּראָסטע, גראָבע מגושמדיקע געצנדינער מאַכן זיך געמעלעכצן, אָפּ־בילדער, שניצעכצן און געקריצעכצן, וואָס ריידן צום אויג מיט זייערע פאָרמען, קאָלירן, און צו דער האַנט, צו אונדזער גאַנצן גוף, מיט זייער האַרטקייט, שטאַנדהאַפטיקייט, אַנטאַפּבאַרקייט. די אידעלע, פיינע געצנ־דינערס געברויכן דאָס וואָרט, וואָס רעדט צו זייער געהער. אַנשטאָט אָן איינפאַכן שטאָפישן געץ, פאַרמאָגן זיי אַן אויסגעאיידלטן געץ — אַ דיבור, אַ מימרא. דער ראַפינירטער, געלייטערטער זון פון אברהמען, פון דעם געטרייען דינער פון יהוהן, וואָס איז אַן אינערלעכקייט, — באַהעפט זיך אין השם אָן וואָרט און אָן אַנרופעניש, מיטן פולן שוויגן, מיטן ריינעם געדאַנק. ער איז אין זיך פון דעם זיך־פאַר־זיך.

שלמה האָקט איבער נתנען מיט אַ פראַגע:

— פונוואַנעט קומען צו אונדז די געדאַנקען, פונוואַנעט נעמען זיי זיך?

שלמה וואָרט ניט אויף נתנס ענטפער, און ער איז ממשיך, מיט דער כוונה צו מאַכן זיין פראַגע קלאָרער:

— אַלץ איז פונאינעווייניק אין זיכקייט, אין פאַרזיכקייט, און דאָך האָב איך אַלע מאָל דאָס געפיל, אז מייע געדאַנקען קווען ניט אָן אין מיר, נאָר קומען אַריין ווי עפּעס פונדרויסן. איך האָב דאָס מאָדנע געשפּיר,

ווי איך וואָלט זיי פון־ערגעץ אַרויסשעפּן, אַרויסציען פון אַ ברונעם אָדער גאָך געגנויער, ווי זיי וואָלטן אויף מיר געפאַלן ווי אַ רעגן, און איך טרינק זיי, עלעהיי אַ בוים טרינקט די טראָפּנס פון רעגן אָדער טוי. און אפילו ווען איך וויל זיי גאָרניט האָבן, איך דערוואַרט זיי גאָרניט, קומען זיי אומגעבעטענערהייט; אַמאָל איינציקווייז, אַמאָל אַ גאַנצע כאַפּטע זייערע, רייסן זיך אַריין מיט כוח. דעם פאַרגלייך פון געדאַנק מיט רעגן האָב איך אַנטליען פון ליד „האזינו". דאָרט שטייט:

„זאָל טריפן ווי רעגן מיין לערנונג,

זאָל ריזלען ווי טוי מיין וואָרט" (דברים, ל"ב, ב').

אַלץ איז אין אונדז, און דאָך געפינען זיך אַפילו אונדזערע געדאַנקען ערגעץ אויסער אונדז, און זיי קומען צו אונדז ווי פון דער פרעמד אויף אַ באַזוך. זיי קלאַפּן אָן אין טיר פון האַרצן, און אויב מ'עפנט זיי ניט אַזוי גיך, ווי זיי וואָלטן וועלן מ'זאָל עפענען, רייסן זיי זיך אַריין ווי איבער־געוואַלד. זיי האָבן ניט קיין געדולד צו שטיין הינטער דער טיר און וואַרטן. זיי קומען ניט אַלע מאָל אָנגעקליידט אין לבוש פון וואָרט. אַמאָל זיינען זיי אינגאַנצן הוילע. מיר גופא זיינען דער אַלץ אין אַלץ, און מיר אַליין זיינען אויסשליסלעך אונדזער דרויסנדיקייט. איז דאָ ניט פאַראַן אַ מאָדנע ווידערשפּרוך?

נתן ענטפערט אים, וועגנדיק און מעסטנדיק יעדעס וואָרט: — יאָ, זיכער, אַ ווידערשפּרוך. אָבער, שלמה, האָב איך דיך דען ניט געלערנט, אַז דער ווידערשפּרוך איז דער זאַלץ אין דעם מאכל, וואָס מיר רופן טראַכ־טעניש. און פונקט ווי זאַלץ, דאַרף מען אים געברויכן זייער שפּאָרזאַם, אַניט מאַכט ער קאַליע דעם געריכט און מ'קען אים אין מויל ניט נעמען. דו האָסט זייער גוט אויפגענומען אָט־דעם ווידעראַנאַנד, וואָס געפינט זיך אין אונדז, אין אונדזער אויפפאַס. דו, שלמה, פאַרמאָגסט אַ קוואַל פון חכמה פון וועלכן דו שעפּסט אמתע קלוגשאַפט מיט אַן עמער. אין דיר לעבט די זעל פון אברהמען, אונדזער פאָטער, זי געפינט זיך דאָרטן אין שכנות מיט דער נשמה פון משה רבינו. דעריבער האָב איך טאַקע געזען, אַז דו זאָלסט זיך גרינטלעך באַקענען מיט די מגילות, וואָס באַשרייבן אברהמס אויפטואונגען און דערפאַרונגען.

— רעכנט ניט, מיין רבי, אַז אברהם לעבט אין יעדן זון פון ישראל, וואָס לייקנט אָפּ געצנדינסט? ווי נאָר מ'נעמט אָן יענעמס לערע, אַזוי גיך אָטעמט מען באמת אריין אַ טייל פון זיין גייסטיקן מהות.

— דו ביסט גערעכט, שלמה, אבער אין דיר געפינט ער זיך אינגאַנצן.

— אויב דאָס איז דער פאַל, דאַרף איך זיין זייער אָפּגעהיט, איך זאָל מיט מיין אויפפיר, חס וחלילה, ניט פאַרשעמען, אָדער פאַרשוועכן זיין הייליקן נאָמען...

נתן: — שלמה, לאָמיר זיך אומקערן צו דער פראַגע מכוח דעם מקור פון אונדזערע רעיונות.

מיר ווען פיל געווינען, ווען מיר וועלן נעמען משיג־זיין, אַז מחשבה איז ניט קיין פּראָדוקט, וואָס מיר פּראָדוצירן, וואָס מיר שאַפן מיט אונדזער אָנשטרענג, נייערט אַז עס איז פאַראַן אַ „מענטאַלע סובסטאַנץ", וואָס מיר באַאָבאַכטן, כאַפּן אויף, באַמערקן מיט אונדזער מענטאַלן אויג, וואָס מיר רופן געהירן, מוח, שכל, אינטעלעקט, פאַרשטאַנד.

ביי אַזאַ באַנעמונג ווערט אונדזער אינטעלעקט ענלעך צו אונדזערע חושים. ער איז אַ פונדאַמענטאַלער חוש ווי דהיינו דער אָנטאַפּ־חוש. אָבער ער איז מער דעליקאַט און אפשר טאַקע עלטער פון אַלע אונדזערע אַנדערע חושים, מחמת ער איז נענטער צו דער גאַנצקייט. ער איז ניט דיפערענצירט.

מיר דאַרפן קומען צו דער פאַרשטענדניש אַז אונדזער דענק־אָנשטרענג באַשטייט ניט אין שאַפן געדאַנק, נייערט בלויז אין אָבסערווירן אַ געדאַנק, און „אַרויפנעמען אים אויף אונדזערע כלים", דורך אונדזער אָנשטעלן אויף אים אונדזער אויפמערקזאַמקייט. מיר פאַנגען אים אַרויס פון ים פון מחשבות, וואָס ווי כוואַליעס אָדער רונצלען טראָגן זיך פאַרביי. ביי יעדן מענטשן גייען דורך זיין געהירן טויזנטער־אויף־טויזנטער געדאַנקען.

די טעכניק אָדער קונסט פון דענקער, פון בעל מחשבות, באַשטייט אין דעם, וואָס ער נעמט אויף די „געדאַנקען־בשורה", וואָס קומט צו אים פון אַן אַנדער רעגיאָן, פון דעם מקור פון שכלדיקייט, וואָס איז מחשבה אין איר עצם מהות, אַ טייל פון זיכטום, פון יהוה.

באַוווסטזיין איז אַן אַטריבוט פון באַשטאַנד גענומען אין גאַר ברייטן פשט פון וואָרט, עס איז אַ פּראָדוקט פון איכטום־זעלבסטום. דער דענקער טוט ניט מער ווי באַאַרבעטן, ברענגען אין אָרדענונג, סיסטעמאַטיזירן, קולטיווירן אָט־דעם געגעבענעם מאַטעריאַל. מיר שאַפן ניט אונדזערע געדאַנקען, ווי מיר שאַפן ניט די איבעריקע קעגנשטאַנדן פון דער אויסער־לעכער וועלט. מע קען ריידן וועגן באַשאַף פון געדאַנק נאָר אין איין פשט. דאָס מיינט אַז מיר, ווי אַ טייל פון זיכטום וואָס שאַפט אַלץ, שאַפט, ממילא, אויך אונדזערע רעיונות און, ממילא, דעם געדאַנק פון שעפערישקייט.

דער דענקער איז אין דער בחינה פון אַ יוועליר, אַ דימענטן־שלייפער.

אַ גרויסער דענקער איז געגליכן צו אַן אסטראָנאָם אדער אסטראָלאָג. ער אַבסערווירט די הימלען פון מחשבה. דער זיכטום דורך דעם אויסטערלישן פּראָצעס פון באזכן דעם באזיך שאפט זיינע געזעצן, איינשטעלונגען. מיר אנטדעקן די דאָזיקע געזעצן וואָס די זיכהייט־זיכערקייט שאפט און מאניפעסטירט פאר אונדזערע אויגן, פאַר אונדזערע חושים און אונדזער פארשטאַנד.

אונדזער ארבעט אויף דעם געביט פון געדענקעריי איז גלייך צו אונדזער טעטיקייט אין אנדערע תחומים פון אַנשטרענג: מיר שאפן ניט קיין פיזישע קעגנשטאנדן. מיר באארבעטן דעם רויען מאטעריאל, וואָס מיר קריגן אַ פארטיקן אָדער מיר גראבן אים ארויס. דאָס אייגענע איז אמת בנוגע דענק־רוי־שטאָף.

מיר געברויכן דאָס וואָס די „נאטור" גיט אונדז אין אַ רויען צושטאַנד. מיר „ראבירן" דעם אוניווערס. מיר זיינען קאָנסומענטן. מיר, אין אונדזער בחינה פון קליין־איכן, זיינען נעמערס, ניט קיין געבערס. מיר טרינקען וואסער, מיר אוטיליזירן קרעפטן און שעפן זיי אויס, אויב זיי געפינען זיך אין אַ באגרענעצטער קוואנטיטעט און זיי לאָזן זיך אויסגעברויכט־ווערן. פון דער שטופע פון דורכאויסיקע קאָנסומענטן ווערן מיר נתעלה צו דער מדרגה פון פּראָדוצענטן. דאָס מיינט, מיר ברויכן אבער מיסברויכן ניט, מיר נעמען, אבער מיר גיבן אויך צוריק, אין אַ געוויסער מאָס. מיר באגרענעצן אונדזער אויסברענגעריי.

מיר נעמען רויען שטאָף, רויע כוחות און מיר באארבעטן זיי, קאָמבינירן זיי. דאָ קומען אריין אונדזערע מלאכות, האנטווערקעריי, משלח־ידן, אומנותן.

ווען מיר קומען צום „קעגנשטאנד" פון באוווסטזיין, פון דענקען, פון מחשבה׳נען, רעיונ׳עווען, האָבן מיר זיך איינגערעדט אַז די גאַנצע אַרבעט ווערט געטאָן פון אונדז. אַז מיר זיינען די אָריגינאַטאָרס פון דעמדאָזיקן אַקט. דאָס איז אַ גורלדיקער טעות. מיר זיינען קאלעקטירער־סיסטע־מאטיזירער, סיסטעמען־פּראָדוצירער. קלאסיפיצירער — און דאָס אויך אין אַ באגרענעצטער מאָס. דער רוי־מאטעריאל ווערט אונדז געגעבן, מיר געפינען אים אין באשטאנד־באגאנג ווי אַ גאנצטום. די עלעמענטן, די מחשבות, נעמען מיר אויף. מיר געפינען זיי צוגעגרייטע פאר אונדז.

וואָס איז באוווסטזיין ווען עס געפינט זיך אין אַן עמבריאָנעלן

צושטאַנד? עס איז אַ פאָרם פון אַ שייכות, אַ פאַרהעלטעניש. וואָס געפינט זיך אין באַשטאַנד. ד.ה. אין דעם באַזאַך פון דעם באַזיך, געגנויער, אין זעלבסטום. אין אנוכי יהוה. מיר גענערירן ניט קיינע געדאַנקען, מיר שעפּן זיי אויך ניט אַרויף פון אָפּגרונט פון כאַאָס פון תהו־ובהו אַרויס. אונדזער אינטעלעקט איז דער חוש פון קאָנצעפּציע. קאָנצעפּציע איז אַ פּערצעפּציע פון דער וועלט־נשמה. פון די וועלט אידייען, וואָס זיינען „איינגעלייבט" אין בוזעם פון דעם אוניווערס, פון אַלצטום, אַלץ־מיטאַנאַנדערטום. דאָס וואָס די חושים זיינען פאַר מאַטעריעלע דערשיינונגען. דאָס איז דער שכל פאַר מענטאַלע דערשיינונגען־פּראָצעסן. מיר, ווען ניט אויפגעפּאַסט ווי טיילן פון זיכטום, זיינען אין דער וועלט, פון דער וועלט, אַ טייל פון דער וועלט. דער באשטאנד „טראַכט" וועגן זיך, שאַפט, שפּינט אויס זיינע באַציונגען, און אין דעם באַשטאַנד, געגנומען ווי אַ גאַנצקייט, שטייט דאָס וויגעלע פון געדאַנק. די וועלט דענקט, מחשבה׳ט וועגן זיך, און מיר הערן אונטער אירע געדאַנקען. דער וואָס באַזיצט אַ בעסרן מענטאַלן אויג, אַ שאַרפן חוש הראיה, אַ מער סענסיטיוון מוח, אַ מער פאַרשפּיצטן, טיפער אַריינדרינגענדיקן אינטעלעקט, אָט־דער אַנטדעקט מער ווי עס קען באַווייזן אַ ווייניקער־באַגאַבטער, אַרעמער אויסגעשטאַטעטער אינטעלעקט.

דער חכם, דער דענקער, ווערט אינספּירירט פון דעם זיכטום דורך דער פאַרמיטלונג פון באַשטאַנד, וואָס איז אַ באַזאַך פון אַ באַזיך. אַ דענקער, אַ פילאָזאָף איז אַ שכלדיקער, אַן אינטעלעקטועלער נביא, אַ פּאָעט איז אַן עמאָציאָנאַלער נביא. סיי פילאָזאָפיע, עכטע חכמה, סיי פּאָעזיע, עכטע שירה, זיינען פאָרמען פון נבואה.

די אָביעקטן פון דעם אוניווערס „דענקען". די וועלט ווי אַ גאַנצע „דענקט". די געדאַנקען בלאָנקען זיך אַרום אין חלל פון דער ניט־דאָאיקער. ד. ה. ניט רוימיקער וועלט, און מיר נעמען זיי אויף. אָבער ניט אַלע מאָל נעמען מיר זיי. גאַנץ אָפט, נעמען זיי אונדז. זיי קלייבן אונדז אויס. זיי שטייען צו צו אונדז און לאָזן אונדז ניט אָפּ. זיי לייגן זיך אויף אונדז מיט כוח, ווי אַ לאַסט, פון וועלכער מיר קענען זיך ניט באַפרייען. אַ שליחות ווערט אונדז אָנפאַרטרויט. דער נביא מאַכט פון דעם קיין סוד ניט. ער זאָגט אַז ער איז געשיקט, ער איז אַ שליח. דער חכם, דער פילאָזאָף שווייגט וועגן דעם. אָבער אויך ער האָט אַ געפיל, ווי עפּעס באַצווינגט אים, קומט אַריין און באַזעצט זיך אין זיין „מוח". פאַרנעמט דאָרט דעם אויבנאַן.

יעדע נייע אידייע קומט אומדערוואַרט, ווי אַ בליץ, וואָס שניידט

אדורך די פינצטערקייט פון דער נאַכט און צעררייסט דעם חושך אויף פיץ־פיצלעך.

אונדזער ארבעט פון זעלבסט־פערפעקציע איז הכשרה־ארבעט. מיר גרייטן זיך צו צו אונדזער שליחות־אויפגאבע. מיר מאַכן זיך ראוי און מוכשר אויפצונעמען את־די שעפטשונגען, די קול־דממה־דקהס פון דעם זיכטום, פון באשטאנד. ווארעם ער שרייט ניט אין די גאסן און פאררופט צו זיך קיינעם ניט. בחדרי חדרים, אין שטילע פארהוילענע ווינקעלעך זיצט זיך די שכינה, און דאָרטן דאַרף מען זי זוכן און דאָרטן קען מען זי געפינען. זי פארטרויט זיך ניט יעדן. און עס איז גאָר ניט לייכט צו פארשטיין איר לשון, צו דערהערן איר שטים. זי רעדט אין נידעריקע טענער. מע דאַרף צו איר קומען בקדושה וטהרה, מיט גרויס עניוות ווי אן אמת־זוכער. מ'דאַרף זיין איבערגעגעבן ביז צו מסירת־נפש צום אמת, בכדי ער זאָל זיך ווייזן, ער זאָל זיך אנטפלעקן. בקיצור, איינער דאַרף זיך גוט צוגרייטן בכדי ער זאָל זוכה־זיין צו אַ באזוך פון אַ נייעם רעיון. עס איז אַ זכות אויסגעקליבן צו ווערן פאר אַ בית־הקיבול פון אַ גרויסער נייער אידייע.

מ'דאַרף האָבן אן אויער אום צו קענען הערן די בשורה טובה פון באשטאַנד, און מ'דאַרף האָבן אַ כשרע צונג און אַ ריין מויל, בכדי צו קענען פארקונדיקן די דאָזיקע בשורה צו דער מענטשהייט.

דער זיכטום־זאכטום, דער באשטאנד, גיסט אויף אונדז גאנצע עמערס פון רעיונות, אבער ס'רוב מענטשן זיינען הארטהויטיק און זיי פילן עס ניט.

די אידייען זיינען אין באַשטאַנד, ניט אין אונדזערע געהירן, ־סיידן מיר נעמען אים ווי אן אינטעגראלן טייל פון גאנצן באשטאנד. אידייען זיינען אויף־אזויפל אין אונדזער מוח, אויף וויפל קעגנשטאנדן זיינען אין אונדזער אויג. מיר, ווי דער גאנצער באשטאנד, געפינען זיך אין זיכער, אין יהוה.

דערקענטעניש, באוווסטזיין איז אַ פאָרם פון זיין. דער באשטאנד דערקענט זיך. ער פלעכט זיינע פארהעלטענישן און ווארפט ליכט אויף זיי. דערקענטעניש איז אן עמאנאציע פון באשטאַנד וואָס איז אן עמאנאציע, סאָלידיפיקאַציע פון־זיך־פאַר־זיך־זעלבסט מיט אַלע זיינע אומענדלעכע אַלמעגלעכקייטן.

שלמה: וווּנדערלכע געדאנקען. אבער איך מוז זיי ערשט איבערקאַכן. פיל־פיל נאָכדענקן איידער איך וועל זיי קענען אויפנעמען אין זייער גאנצער טיפקייט און ברייטער אַנווענדלעכקייט.

וואונדערלעכע געדאנקן. מיין רבי איז אַ נביא, אַ דרייפאַכיקער. אי אַ זעער־פּראָפּעט, אי אַן אינטעלעקטועלער פּראָפּעט, ד. ה. אַ חכם און אי אַן עמאָציאָנעלער פּראָפּעט, ד. ה. אַ פּאָעט. און וואָס פאַר אַ זכות מיר איז באַשערט געוואָרן צו זיין זיין תלמיד!

נתן: דאָס האָסטו צו פאַרדאַנקען דיין מאַמען, דיין קלוגער און פרומער און ווייטזעעוודיקער בת־שבע, די אמתע אשת־חיל, וואָס צו איר איז ניטאָ פאַראַן קיין צווייטע אין ישראל־לאַנד.

נתן רעדט מיט אינערלעכן ברען, הגם מיט אַ רויקער שטים: — שלמה, מיין תלמיד־חבר! אזוי ווי דו קלייבסט זיך גיין אין אברהמס וועגן, וועלן מיר ברייטער באַשמועסן די פרשה אברהם און זיך בעסער צוקוקן צו די הויפּט־שטריכן פון זיין גייסטיקן קלסתר־פנים.

ענטפערט שלמה:

— איך מיין אַז אַלע קינדער פון ישראל גייען אין אברהמס אויסגעטראָטענעם וועג, און ווען זיי גייען אראָפּ פון דעמדאָזיקן וועג, הערן זיי אויף צו זיין קינדער פון ישראל. און די אברהם־מגילות האָב איך גוט אויפגעפּאַסט. זיי זיינען געשריבן אין אַזאַ ביישפּיללאָזער פשטות.

נתן ענטפערט קאַלטבלוטיק און מיט אַ האַרעלע תרעומות, וואָס שלמה מיינט אַז ער, נתן, האָט גאָרניט וואָס אויפצוקלערן אין דער געשטאַלט און האַנדלונגען פון יידישן שטאַם־פאָטער.

נתן: עס זיינען פאַראַן אייניקע איינצלהייטן אין אברהמס לעבן, וואָס ווערן עפּעס ווי ניט באַמערקט פון די מערסטע לייענערס פון די דאָזיקע מגילות. פון די פאַרשיידענע באַשרייבונגען פון זיין לעבן וועל איך זיין אימשטאַנד אָפּצומאָלן פאַר דיר, שלמה, זיין פולן פּאָרטרעט, און אים ווייזן אין ריכטיקן ליכט.

— מיין רבי איז זיכער דער פּאַסיקער מאָלער פאַר אַ בילד פון אַזאַ מאַן פון אלהים.

— אָן קיינע הקדמות וועל איך אָנהויבן טאַקע פון ענין געצנדינסט. אברהם האָט געמאַכט אַ גרויסע אַנטדעקונג און דאָס איז די אָפּוואַרפונג פון געצנדינסט: ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג אַז די געצן זיינען אַ שטער פאַר די מענטשנקינדער. זיי שטעלן זיך אריין ווי אַ צעשיידוואַנט צווישן מענטשן און יהוה־אלהים. מענטש דאַרף גיין דירעקט, אין זיין גייסט, צו דעם אומזיכטבאַרן זיכטום, און דינען צו אים און ניט צו קיינע פאַרקערפּערטע פאַרמיטלער. דער איכטום טאָר זיך ניט פאַרלייבן, טאָר ניט אָננעמען קיין געשטאַלט פון קיין שום באַשעפעניש.

אברהם איז געווען זייער באגייסטערט פון זיין אויסגעפונענעם גרויסן אמת, און ער איז געווען אזוי איינגעגלויבט אין דער ריכטיקייט פון זיין באנעם, אַז אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז אַלץ וואָס ער דאַרף טאָן, בבדי אַלע מענטשן זאָלן אננעמען זיין גלויבן, איז בלויז זיי באַקענען מיט אָט־דעם גלויבן, זיי עפענען די אויגן. און זיי וועלן איינזען, אַז זיי האָבן ביז איצט געגרייזט, און וועלן זיך גלייך אַ קער טאָן צום לעבעדיקן אלהים, צום איכטום פון באַשטאַנד, וואָס איז דער קוואַל פון גערעכטיקייט, קלוג־שאַפט, שיינקייט און גוטסקייט.

זייענדיק זיכער, אַז זיין וואָרט וועט ראַטעווען די מענטשנקינדער, איז ער אוועק קיין חרן פאַרשפּרייטן דעם ריכטיקן גלויבן, וואָס אפילו צווישן די אומוויסנדיקע כאַלדייער האָט ער אויך געפונען אַביסל אַנהענגער. אברהם האָט זיך אין זיינע דערוואַרטונגען ניט אָפּגענאַרט. אַסאַך האָבן זיך צו אים צוגעהערט און געוואָרן זיינע נאָכפאָלגער. פון חרן איז ער אוועק קיין לאַנד כנען. און דאָס דערציילן אונדז די ערשטע פסוקים אין דער סדרה „לך לך": „גיי אַרויס פון דיין לאַנד, פון דיין געבוירן־פּלאַץ און פון דיין פאָטערס הויז... לאָז זיך גיין צו דעם לאַנד, וואָס איך וועל דיר אָנווייזן און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק און איך וועל דיך בענטשן, און איך וועל גרויס מאַכן דיין נאָמען... און זיי אַבענטשונג... און עס וועלן זיך בענטשן מיט דיר אַלע משפחות פון דער ערד [1]". דאָס מיינט אַלע פאַמיליעס און שטאַמען וועלן זיך איבערצייגן אין דער אמת־דיקייט און ריכטיקייט פון אברהמס לערע און גלויבן. זיין נאָמען וועט ווערן גרויס. ד. ה. ער וועט ווערן באַקאַנט און באַרימט פאַר זיין גרויסן געדאַנקלעכן אויפטו. ער וועט קריגן אַ ריזיקע נאָכפאָלגערשאַפט.

האָט אברהם זיך אַוועקגעלאָזן וואַנדערן פון לאַנד־צו־לאַנד צו פאַרשפּרייטן זיין לערע. מכוח בויען אַן אייגענע פאַמיליע פון פלייש און בלוט, האָבן לייבלעכע קינדער, האָט אברהם ניט געטראַכט. ער וועט אויפ־ריכטן אַ גייסטיקע משפחה. ער וועט זיך איינשאַפן קינדער פון גייסט, ניט פון דיך. ער וועט אויפקלערן און באַקערן. און ווערן דער גייסטיקער פאָטער פון די באַקערטע.

אָט־דאָס זאָגט אונדז דער פסוק אין „בראשית": און אברהם האָט גענומען זיין ווייב שרה... און זייער גאַנץ פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן, און די נפשות, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשאַפט אין חרן, און

1. בראשית, י״ב.

זיי זיינען אוועק צו גיין קיין לאַנד כנען. אט־די „נפשות", זיינען עס די זעלן, וואָס אברהם און שרה האָבן ארויסגעראטעוועט פון אָפּגרונט פון פינצטערן אבערגלויבן, און זיי ארונטערגעבראכט אונטער די פליגלען פון דער שכינה, זיי געמאכט פאר רעכט־גלויביקע. און מיט זיי, מיט זיינע אָנהענגער האָט זיך אברהם געלאָזט גיין ווייטער אזש קיין לאַנד כנען. „און אברהם איז דורכגעגאנגען דורכן לאַנד ביז דעם אָרט פון שכם", און ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער פארקונדיקט דעם נאמען פון יהוה און געלערנט מענטשן גלויבן אין פאטער וואָס אין הימל. „און ער האָט זיך איבערגעטראָגן פון דאָרטן צום בארג אין מזרח פון בית־אל, און ער האָט אויפגעשטעלט זיין געצעלט אין בית־אל פון מערב־זייט... און ער האָט דאָרט געבויט אַ מזבח צו יהוה. און האָט גערופן צום נאָמען יהוה [1]". ער האָט געוווּנען מענטשן פאר זיין גלויבן, און זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון געצנדינסט און געוואָרן נאָכפאָלגערס פון אברמס דער־קענטעניש. „און אברם האָט געצויגן, ציענדיק אַלץ ווייטער צו דרום־צו". אברם באַקערט די מענער און שרה טוט דאָס אייגענע צווישן די פרויען, אט־די גרים און גר׳טעס זיינען זייערע קינדער. שרה וויל ניט זיין קיין לייבלעכע מוטער, נייערט אַ גייסטיקע. זי געברויכט קעגנשוואנגערשאפט־מיטלען, טרינקט אזעלכע געטראנקען פארקאָכטע פון פארשיידענע פלאַנצן וואָרצלען. זי איז צופיל פאַרטאָן אין איינשאפן זיך גייסטיקע קינדער און האָט ניט קיין געדולד און ניט קיין צייט פאר איינפאכער מוטערשאפט. „און אברם האָט דאָרט גערופן צו דעם נאמען יהוה [2]". ווו אברם און שרה זיינען געקומען, האָבן זיי גלייך אויפגעשטעלט אַן אַלטער און געלערנט די איינוווינער פון פלאַץ זייער לערע.

„און איך וועל מאַכן דיין זאָמען אזוי ווי דער שטויב פון דער ערד, אז אויב עמעצער וועט קענען ציילן דעם שטויב פון דער ערד, וועט אויך דיין זאָמען געציילט ווערן [3]". אזא ריזיקע נאָכפאָלגערשאפט וועט אברם קר־גן. מ׳וועט זיינע גייסט־קינדער ניט קענען אפילו איבערציילן. דער זאמען מיינט דאָ דער זאָמען פון געדאנק, פון גייסט, פון גלויבן.

„און אברהם האָט איבערגעטראָגן זיין געצעלט און ער איז געקומען און האָט זיך באַזעצט ביי די אייכנביימער פון ממרא, וואָס אין חברון, און ער האָט דאָרט געבויט אַ מזבח צו יהוה [1]". ער האָט געגרינדעט אַ

---

1. בראשית, י״ב, ח׳.
2. דארט, י״ג, י״ד.
3. דארט, י״ג, ט״ז.
1. בראשית, י״ג, י״ח.

מין געבעט־הויז, אַ טעמפּל, ווו מ׳האָט געדינט צו יהוהן, און ניט צו די געצן. ער האָט גערופן און פאררופן די איינוואוינער פון פלאַץ און זיי באַקערט צו גלויבן אין יהוה, אין איין „איכערהייט״. וויבאלד עס עקזי־סטירט איין איך, וואָס נעמט ארום די גאנצע וועלט, איז פאראַן איין מענטשהייט און מענטשן דאַרפן ניט זיין צעטיילט אין פיינטלעכע שבטים און אומות, וואָס זיינען צעריסן און צעקריגט צווישן זיך. אברהם האָט פאַרברידערט און פאראייניקט אלע באוווינער פון דער ערד. אלע זיינען קינדער פון איין פאַמיליע, פון איין הימלישן פאָטער. אברהם שאַפט פון זיינע באַקערטע איין בונד, איין גייסטיקע אלהים־פּאַרכטיקע משפחה. אין די גרענעצן פון דערדאָזיקער גייסטיקער משפחה הערשט פרידן און הארמאניע.

געצן, געשניצעכצן, געקריצעכצן, אָפּבילדער, סטאַטויעס זיינען פאראַן פאַרשיידענע, קליינע, גרויסע, פון אַ ברייטערן אָדער שמעלערן פארנעם. אויך ווערן זיי געמאכט פון פארשיידענע מאטעריאַלן. זיי קענען געמאַכט ווערן פון פראָסטן האָלץ אָדער פון שטיין אָדער מעטאַלן, געמיינע אדער קאָסטבארע. און ווי פארשיידן עס זיינען די געצן, אזוי זיינען די מענטשן, זייערע דינער: ארעם, רייך, הערשער און קנעכט. דער וואָס דינט צו אַן אָפּגאָט, וואָס איז געמאכט פון פראסטן האָלץ אדער פון שטיין, אָדער ליים, אדער פון גראָבן מעטאל, ווי אייזן, קופּער, בלעך, קען ניט דערוואַרטן פון אים די טובות און געשאנקן, די מאָס לייטזעליקייט, וואָס עס פילט זיך באַרעכטיקט צו קריגן דער, וואָס דינט צו אַן אָפּגאָט, וואָס איז געמאכט פון גאלד און זילבער און איז נאָך דערצו אויסגעפלאָס־טערט מיט טייערע שטיינער.

אָבער אַז דער געץ ווערט פאַרוואָרפן און מ׳דינט צו יהוה, וואָס איז קערפּערלאָז און אומזיכטבאר, און איז דורכאויס גייסט, ווערט אין עצם דינסט אריינגעבויט דער פרינציפּ פון גלייכהייט. דער גייסט איז דער אייגענער פאַר אַלע זיינע דינער אָן אונטערשייד. סיידן דער אונטער־שייד ליגט אין צידקות, אין אייפער פון דינסט. אַלע די וואָס גלויבן אין אים און דינען צו אים זיינען גלייכע יחסנים. זיי האָבן אַ גלייכן טייל און גלייכן ארב אין אים. דער געלט־רייכער מאַן קען אזא אלהים ניט מאַכן ווערטפולער, טייערער, און דער ארעמאַן, — ווערלווערלער, פון פשוטן מאַטעריאל. אַזוי אז דער אָפּשאַף פון געצנדינעריי און געצנמאכעריי האָט געפירט צו דער פאַרדאמונג פון די איינטיילונגען אויף הייך און נידעריק אין דער געזעלשאפט. די יהוה־געמיינדע איז אַ געזעמל פון גייסטער, פון

זעלן, ניט פון קערפּערס. אין אברהמס געמיינדע זיינען ניט געווען ניט קיין שקלאַפן און ניט קיין הארן. זי איז געבויט אויפן יסוד פון גלייכהייט. און דאָס זאָגט אונדז דער פּסוק אין „בראשית": „און ער (אברהם) האָט ארויסגעפירט זיינע האַדראָוואַניקעס, געבוירענע אין זיין הויז [1]"... זיי ווערן ניט אָנגערופן קנעכט. אין אַ צווייטן פלאַץ רעדט זיך וועגן די „יונגען [2]". אבער ניט קיין שקלאַפן. אפילו אליעזר ווערט ניט באַצייכנט פון אברהמען, ווי זיין קנעכט. אברהם רופט אים דער ווירשטאַפּטלער, דער אויפפּאסער אויפן הויז. בלויז ווען אלעזר אליין רעדט וועגן זיך, רופט ער זיך אָן „עבד אברהם", אַ קנעכט פון אברהמען [3]).

אברהם ווערט עלטער, זיין איינגעגלויבטקייט אין שנעלן פאַרשפּרייט און אין אָננעם פון זיין לערע ווערט ביי אים אביסל אָפּגעשוואַכט. ער באַקערט טאַקע פילע, אבער שפּעטער־צו גליטשן זיי זיך ארויס. פאַלן צוריק צום געצנדינסט, אדער האַלטן זיך ביי ביידע עבודות, דינען אי צו יהוהן אין אי צו די געצן. און אברהם נעמט בענקען נאָך אַן אייגן לייבלעך קינד אבער שרה איז נאָך אַלץ פאַרשלונגען פון איר ארבעט, זי פאַרשפּרייט מיט גרויסן אייפער אברהמס לערע און גלויבן אין דעם איינציקן אומזיכטבאַרן יהוה. אבער אים ווילט זיך פאָרט האָבן אַ קינד, גיט אים שרה, טיילוויז, נאָך זי שענקט אים איר מצרישע דינסט, הגר, פאַר אַ ווייב. הגר פאַרגייט אין טראָגן. זי נעמט זיך איבער, פאַרדרייסט זיך קעגן שרהן. פאָלגט זי ניט מער און דינט אָפּן צו אירע געצן. שרה איז אויף איר אויפגעבראַכט. זי באַקלאָגט זיך פאַר אברהמען. זי רעדט שטאַרק אויף הגרן. הגר באַליידיקט זיך און אנטלויפט פון הויז. אבער נאָך אַקורצער צייט קומט זי צוריק. זי ווערט געלעגן. זי האָט אַ זון. מע גיט אים אַ נאָמען ישמעאל. אברהם פאַרשטאַרקט די יסודות פון זיין יהוה־געמיינדע דורך אַ בלוט־בונד: ער איז מל אלע זכרים פון זיין הויזגעזינט, און אין „פאַרגאַסענעם" בלוט ווערט פאַרשניטן זייער אומאויפלייזבארער בונד.

שרה האָט ניט געוואָלט זיין קיין מוטער. אבער אצונד, אז הגר נעמט זיך אזוי איבער, פאַרדריסט איר וואָס זי איז ניט געווארן קיין מוטער, ווען זי איז נאָך יונג געווען. זי וויל איצט האבן אַ קינד. און דער אויבערשטער עפנט איר מוטערכט, און זי האָט אַ קינד אברהמען, און מ'רופט אים יצחק. הגר דינט צו אירע געצן און לערנט ישמעאלן צו

1. בראשית, י"ד, י"ד.
2. דארט, י"ד, כ"ד.
3. דארט, כ"ד, ל"ד.

טאָן דעם אייגענע. און ביידע ריידן אָפּ די ניי־באַקערטע און באַוועגן זיי אומצוקערן זיך צום געצנדינסט, שרה איז אויסער זיך. זי האָט מורא אַז הגר און ישמעאל זאָלן ניט מאַכן צונישט די גאַנצע פּיליאַריקע אַרבעט זייערע. קאָלע מאַכן איז גרינגער, ווי צו פאַרריכטן. וואָס פאַר אַ פּנים קען האָבן זייער לערנען מענטשן און זיי ווייזן דעם ריכטיקן גלויבנסוועג, ווען ביי אַברהמען אין הויז דינט מען צו געצן.

אַברהמס געצעלט איז געשטאַנען אויף אַ שיידפּונקט פון פיר וועגן, וואָס זיינען געלאָפן אין פיר ריכטונגען. און דער געצעלט איז געווען אָפן פון אַלע פיר זייטן. ווער עס איז פאַרבייגעגאַנגען, פלעגט אַברהם אים פאַרבעטן צו זיך, געבן עסן — און לערנען אים ווי צו בענטשן און דאַנקען יהוה־אלהים פאַרן שפּייז און אָפּרו.

הגר מיט איר זון ווערן געצוווּנגען צו פאַרלאָזן אַברהמס הויז. שרה שטאַרבט, אַברהם שטאַרבט. יצחק קריגט רבקהן פאַר אַ ווייב. אָבער יצחק, אַברהמס זון, זעצט ניט פאָר די גרויסע אַרבעט, וואָס זיין פאָטער און מוטער האָבן אָנגעהויבן. ער צווייפלט אין דער פּעולה׳דיקייט פון זוכן גרים איידער מע איז גוט פאַרפעסטיקט פונאינעווייניק, איידער מ׳פאַרמאָגט רעכט־גלויביקע פון אייגענעם אָפּשטאַם. ער איז אָבער ניט גענוג אונטערנעמעריש און איינגעגלויבט אין זיינע אייגענע כּוחות, זיך צו לאָזן גיין אויף אַ נייעם וועג און אָפּנויגן פון פאָטערס דרך. קינדער־האָדעווען נעמט אַ סך צייט און נאָך דער מי און צייט־פאַרשווענד, קענען טאַטע־מאַמע ניט זיין זיכער, אַז זייערע קינדער וועלן גיין אין די פוסטריט פון זייערע עלטערן. אַזוי אַז יצחק קווענקלט: האַלט ניט שטאַרק פון באַקערן פרעמדע און ווייסט ניט צי ער וועט זיין בכוח אויפצוהאָדעווען אייגענע קינדער, וואָס וועלן אין פולער געטריישאַפט דינען צו יהוהן, צום אלהים פון אַברהמען. יצחק באַקעמפט ניט געצנדינסט. ווי זיין פאָטער אַברהם האָט עס געטאָן, מיט אַזאַ חשק, ביז אין טיפן עלטער אַריין. ער באַגענוגנט זיך מיט אָפּשפּאָטן, אָפּלאַכן פון די געצנדינער און געצנדינסט. דערפון זיין נאָמען: יצחק, דער לאַכער, דער אָפּלאַכער.

יצחק איז ניט אַברהם. ער וועט זיך בריהן צו באַזייטיקן די געצן, אָבער ניט מיט אַ האַק פון אייזן אין האַנט. ער וועט נוצן די האַק פון סאַטירע, פון חוזק. ער וועט לאַכן און די צוהערער וועלן לאַכן מיט אים, מיטחוזקן. און אַזוי־אַרום וועט ער זיי אָפּגעווינען פון זייער עבודה־זרהשער שפּייז. ער האָט אַ נייע רפואה קעגן אָט־דער געזעלשאַפטלעכער און זעלישער חולאת און דאָס איז איראָניע און סאַטירע — ליצנות, לאַכן איז

אי רעגן און אי זונשיין. ער וועט ניט פאַרזייען זיין לעבנספעלד מיט שווערע נסיונות, מיט אַנגרייפן דעם רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן איינשטעל, און זיך אויסזעצן צו די געפאַרן פון זיין פאָטער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט דורך נסים. ער וועט אויף אַזאַ ריזיקאַלן וועג ניט גיין. ער פאַרמאָגט ניט זיין טאַטנס אייפער און עקשנות, אייזערנעם ווילן, גבורה פון אַ פּיאָנער. ער וועט פאַרזייען די נייע זריעה לאַכנדיק, מיט שמחה, און עס יועט געדייען און אויפוואַקסן און אַז עס וועט קומען צו שניט, וועט אַלץ געטאָן־ווערן מיט געזאַנג, וואָס רייסט זיך אַרויס פון מויל און ברוסט מיט פרייד, מיט געלעכטער.

אויף אָט־דעם וועג, דעם אומזיכערן, איז ער וואַקלנדיק געגאַנגען דאָס גאַנצע לעבן.

זיין זון יעקב אַ צוריקשפּרונג צום גריסן זיידן. יעקב איז אונטער־נעמעריש, איניציאַטאָריש. ער זידט און קאָכט מיט ענערגיע, איז פול מיט ווילנסקראַפט ביז צום איבערגיסן זיך. ער לייגט אויס פאַר זיך אַ נייעם ־וועג. ער שאַפט די משפחה. ער איז אַ „געצעלטן־זיצער", דאָס מיינט ער בויט אַ הויז. אָן אַ צעצווייגטער משפחה, קען, חלילה, דער שטאַם אומקומען. ער וועט אויסהאָדעווען קינדער, וואָס וועלן גיין אין זייערע וועגן. ווי שווער דאָס זאָל אים ניט אָנקומען, מוז עס געטאָן ווערן, וואָרעם דאָס איז דער איינציקער ריכטיקער וועג. דורך משפחה צו דער מענטשהייט.

ווען יעקב וואַנדערט, איז מקיים דעם „לך־לך", גייט ער ניט זוכן קיין פרעמדע, נייערט אייגענע. ער אַרבעט שווער, ער פּראַצעוועט ווי אַ פאַרדונגענער ביי יענעם. מע נאַרט אים אָפּ. ער זוכט ניט קיין לייכטע נצחונות. ער גלויבט אין זיין גרויסער צוקונפט. ער שאַפט די ערשטע צעל פון ישראלס־אָרגאַניזם: נחת פון אייגענע קינדער, וואָס וועלן דינען צו יהוה, — דאָס איז דער גרעסטער נחת. יעקב איז ניט קיין אָפּשפּעטער פון געצנדינסט, ער איז ניט קיין באַקעמפער פון פרעמדע געטער־אָפּגעטער. זיין וועג איז אַ באַיאָענדיקער. ער וועט שאַפן אַן אייגענע סביבה פון רעכט־גלויבקע. ער וועט אויפשטעלן אַ דור, פון איין דור וועלן קומען דורות. זיין משפחה דאַרף ניט אַרומוואַנדערן און באַקערן פרעמדע. אַלץ וואָס עס פאָדערט זיך פון איר איז זיך אויפפירן ווי געהעריק, ווייזן אַ גוטן ביישפּיל. און זאָלן אַנדערע שטאַמען און פעלקער־שאַפטן, אויב זיי ווילן, זיך אָפּלערנען פון איר און איר נאָכטאָן.

ער הייסט יעקב. ער וועט שפּרייזן טראָט ביי טראָט, טאָן די זאַך פּאַמעלעך, דורכפירן די אונטערנעמונג בהדרגהדיק. ער וועט אויסראַכען

די געצן פון זיין אייגענעם הויז. זיי זאָלן זיך ניט געפינען אין זיינע ד׳ אמות. „און יעקב האָט געזאָגט צו זיין הויזגעזינט און צו אלע וואָס מיט אים: „טוט אָפּ די פרעמדע געטער וואָס צווישן אייך און רייניקט זיך און בייט אייערע קליידער... האָבן זיי אָפּגעגעבן צו יעקבן אלע פרעמדע געטער, וואָס אין זייער האַנט [1]״.

זיין גרויסער זיידע, אברהם, האָט זיך בטפּרייט פון אַ אלטער משפחה־טראַדיציע. ער האָט פאַרלאָזן זיין פאָטערס הויז און זיין פאָטערס אויפפיר. יעקב גייט אליין ווערן די נייע טראַדיציע, שאַפן אַ היים און איינפונדעווען אַן אייגענעם היימישן שטייגער־לעבן. גענוג צו זיין אינדערפרעמד. גענוג צו וואַנדערן און אַרבעטן אויף יענעם. עס ציט אים אַהיים. יעקב קערט זיך אום. ער בלייבט ניט אין חרן, ביי זיין פעטער, לבנען.

דער זיידע איז געשטאַנען צופיל ארויסגערוקט צום „דרויסן״ ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט בלוט־פרעמדע, ווייל ער האָט קיין בלוט־אייגענע ניט געהאַט. יעקב שאַפט אַן אייגענעם קרייז. און אויב דאָס קען ניט געטאָן ווערן אזוי שנעל, ווי באַקערן פרעמדע מענטשן, אונטערקויפן זיי מיט גאַסטפריינטלעכקייט, דורך געבן פאַרבייגייערס עסן, טרינקען און נאַכטלעגער, אבי זיי זאָלן אננעמען דעם גלויבן פון בעל־הבית, פון מכניס־אורח, — האָט עס דערפאַר אַ גאַר גרויסע מעלה און דאָס איז שטאַנ־דהאַפטיקייט, איינגעוואָרצלטקייט. יעקב גייט פאַרויס לאַנגזאַם. ער הינקט אפילו אונטער גאַנץ מערקעווודיק. ער וועט. אבער אָנקומען, דערגרייכן זיין גרויסן ציל. ער פאַרמאָגט ליבע און געדולד צו זיינע אייגענע. ליבע־זוימען טאָר מען ניט צופיל צעוואָרפן. זיי וועלן זיך ניט אָננעמען, ניט אויפגיין. אין אַ צוברייטער צעשפּרייטקייט ווערט די זריעה איבגאַנצן פאַרלוירן. „כאַפּסטו צופיל כאַפּסטו גאַרניט״.

יעקב וועט זיינע צוויי דינסטן און זייערע קינדער ניט ארויסטרייבן. מיט אלגעמיינע כוחות וועט ער אויפריכטן אַ הויזגעזינט.

דאָס איז יעקבס וועג, אַ וועג וואָס פירט צו זיך זיך אהיים...

אבער אויך יעקבס וועג איז פאַרזייט מיט דערנער, איז פול מיט שטרויכלונגען. ער לעבט איבער איין אנטוישונג נאָך דער אנדערער. אפילו רחל, זיין באליבט ווייב, קען זיך ניט אָוועקרייסן פון די תרפים־געצן. ניט אלע קינדער גייען אין יעקבס וועגן. שמעון און לוי הרגענען אויס די איינוואוינער פון דער גרויסער שטאָט, שכם. יהודה זינדיקט מיט

---

1. בראשית, ל״ה, ב׳—ד׳.

זיין שנור, תמר. די גרעסטע אנטוישונג איז ראובן, יעקבס בכור. ער פארשוועכט זיין פאַטערס געלעגער. די ברידער הויזן ניט צווישן זיך. די קריגערייען אין דעם הויזגעזינט גייען אזוי ווייט ביז זיי ברענגען, צום סוף, צום פארקויפן אן אייגענעם ברודער, יוספן, פאר אַ שקלאַף אין לאַנד מצרים.

יוסף איז יעקבס באַליבסטער זון. אים האָט געבוירן זיין באַליבטע ווייב, רחל. אט־די ניט גלייכע איינטיילונג פון ליבע־געפילן מצד פון יעקבן צווישן זיינע ווייבער און, ממילא, אויך צווישן די זין, ברענגט נאָענט צו אַ צוגעמענברוך פון דער „רעכט־גלויביקער" משפחה.

דער זון, אויף וועמען יעקב האָט געלייגט די גרעסטע האָפענונגען, איז אַ פאַרזעצער ניט פון יעקבס דרך, נאָר דווקא פון אברהמס גאַנג. יוסף זעט מיט די אייגענע אויגן און שפירט. אויף דעם אייגענעם לייב, אז דער משפחה־פארזיי איז ניט עלה־יפה געווען. עס גיט ניט די דערוואַרטע רעזולטאַטן. און ער קערט זיך צוריק צו דעם מעטאָד, ביי וועלכן אברהם האָט זיך געהאַלטן און האָט דאָך פיל אויפגעטאָן, יעדנפאַלס מער ווי זיין פאַטער האָט באַוויזן, אזוי שיינט אים. מע קען ניט שאַפן אַן אינדזל פון ליבע, ברידערלעכקייט, גערעכטיקייט אין מיטן פון אַ ים, וואָס קאָכט און כוואַליעט מיט אומרעכט, מיט שנאה און צאַנקעריי. יוסף גייט באַקערן פרעמדע, קריגן גרים. ער פילט, אַז מ׳קען זיך ניט אָפּצוימען פון דער וועלט, וואָס איז באַוווינט פון אזוי פיל רשעים, פאַרדאַרבענע מענטשן, און שאַפן זיך אַן ענגען קרייז פון גאָלע צדיקים און צדיקות. די רשעות פון דער וועלט רייסט זיך אריין אין הויז און מאַכט פון אים אַ תל. דער בעסטער באַוויז אַז יעקבס אויפטו איז ניט געראָטן איז יוספס לעבנסגעשיכטע: ער איז פאַר־קויפט געוואָרן פאַר אַ שקלאַף, דורך זיינע אייגענע ברידער. אַ גרעסערן דורכפאַל פון דער משפחה־אידיליע קען מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן. אויף אַ בייט ווו עס האָבן זיך אַזוי צעלייגט און צעוואָקסן ווילדע גראָזן, וועלן קיין נאַרהאַפטיקע קרייטעכער ניט געדייען. מע מוז אויסרייסן די שלעכטע געוויקסן און מאַכן פלאַץ פאַר די גוטע ירקות.

יוסף ראַטעוועט דאָס לאַנד מצרים פון הונגער. ער טוט וואָס אברהם האָט געטאָן פילע יאָרן פאַר אים. ער שפייזט די פאַרהונגערטע באַפעלקע־רונג אדאַנק זיין קענטעניש. וואָס ער האָט געלערנט פון זיין פאַטער און פון זיין עלטער־זיידן און דאָס איז באַשיידן חלומות. ער זעט פאָרויס און זאָגט פאָרויס זאַכן וואָס וועלן ערשט געשען פיל שפּעטער. די איינוואוינער פון לאַנד מצרים ווי אויך פון די ארומיקע לענדער, וואָס קומען איינקויפן

שפייז אין מצרים, שפייזט ער אויך מיט גייסטיקער חיונה. ער איז זיי מגייר. ער טוט דאָס אייגענע וואָס אברהם, נאָר אויף אַ סך אַ גרעסערן פאַרנעם. ער געברויכט זיין גאַסטפרײַנדלעכקייט ווי אַן ארויסהעלף צום באַקערן די הונגעריקע. ער גיט ביידע שפּייזן אויף אַמאָל, ווי אברהם פלעגט טאָן. דעם פּיזישן אומגליק פון אַ לאַנד פאַרוואַנדלט ער אין אַ גייסטיקן גליק און אַ גאָלדענער געלעגנהייט.

ער איז לכתחילה מצליח אין זיין גרויסער אונטערנעמונג, און עס זעט אויס אַז ער וועט קריגן אַ נייע היים פאַר די שבטים, די קינדער פון ישראל. אָבער אַ זינד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן פון זיין עלטער בּאָבען, פאָדערט פאַרגיטיקונג, מאָנט דין, פאַרקלאָגט, קען זיך ניט באַרויקן: שרה האָט געפּייניקט הגרן, די מיצרישע דינסט, און די מצרים נעמען אַצונד פּייניקן די קינדער פון ישראל. זינד און שטראָף פאָלגן איינע נאָך דער אַנדערער. דער סוף איז — די בני־ישראל מוזן פאַרלאָזן דאָס אַדאָפּטירטע לאַנד.

און אַזוי ווי יוסף איז אַ צוריקקער צו אברהמען אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב, אַזוי איז משה אַ צוריקקער צו יעקבס שיטה אויף אַ ברייטן פאַרנעם.

משה פירט די קינדער פון ישראל אהיים. זיי גייען אויפריכטן אַן אייגן הויז אויף דעם היימישן באָדן. אָבער די טראַדיציע פון אברהמען און יוספן איז נאָך פריש אין זייער געדעכעניש. משה זוכט אויף דעם ארון פון יוספן און זיי נעמען אים מיט אין זייער דעראָבערט לאַנד. מיר דעם ווערט אָנגעדייט, אַז ווי נאָר דאָס קעניגרייך וועט ווערן אויפגעריכט און פאַרזיכערט קעגן די פעלקער, שכנים שונאים, וועלן זיי זיך ווידער פאַרנעמען מיט דעם פאַרשפּרייטן זייער לערע, זיי וועלן זיך מיען צוקריגן גרים. זיי וועלן זיך פּלייסן באַקערן די שכנישע פעלקערשאַפטן.

אַצונד ווענד איך זיך דירעקט צו דיר, שלמה:

דיין פאָטער, קעניג דוד האָט פאַרפעסטיקט די יידישע מדינה, און דו, זיין זון, דאַרפסט מאַכן דעם ווייטערדיקן שריט, באַקערן אַלע מענטשן־קינדער, איינבּנעמען זיי מיט דיין חכמה און געלערזאַמקייט, פאַראייניקן און פאַרברידערן זיי, פאַרענדיקן דאָס וואָס אברהם אבינו האָט אָנגעפאַנגען.

עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ צוזאַמענשמעלץ פון די צוויי טראַדיציעס. אברהם־יוספס און יעקב־משהס. דאָס דאַרף ווערן דיין אויפגאַבע. דיין פליכט אין אויפצוריכטן אַ טעמפּל, וואָס וועט זיין אַ געבעט־הויז און אַ בית־המקדש מיט אַ מזבח, סיי פאַר אייגענע און סיי פאַר פרעמדע.

דאָס זיינען מיינע שלום־וועדטער צו דיר, מיין טייערער תלמיד־חבר. נתן צעקושט זיך מיט שלמהן.

— מיט דידאזיקע קושן פאַרזיגל איך מיין אָנזאָג און מיין צוונטש צו דיר, שלמה, דער זון פון קעניג דויד.

שלמה געפינט זיך אונטערן איינדרוק, וואָס אויף אים האָט געמאַכט דער קורצער איבערבליק און אויסטייטש פון דער יידישער געשיכטע, מיט אירע צוויי טענדענצן. ער איז טיף פאַרזונקען אין זיינע מחשבות. אַ ניי ליכט איז אים אויפגעגאַנגען. ער איז געווען באַקאַנט מיט די אַלע עפּיזאָדן וואָס ווערן פאַרצייכנט אין די מגילות. נתן האָט פון זיך גאַרניט צוגעגעבן, וואָס דאָרטן שטייט ניט בפירוש. ער האָט זיי בלויז באַלויכטן, — און זיי האָבן באַקומען אַ נייעם אויסזען.

שלמה טראַכט ווי גליקלעך ער איז וואָס ער האָט אַזאַ דערציער. ער האָט געפילט אַן אומאויסדריקבאַרע דאַנקבאַרקייט צו זיין מוטער, פאַר קריגן פאַר אים אַזאַ רבין און מדריך, פאַר ווען די פאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט פון יידישן פאָלק איז אַ פאַנאַנדערגעוויקלטע מגילה.

נתן איז געווען שטאַרק, שיער ניט מעשה אבר, צוגעבונדן צו זיין תלמיד, שלמה. דאָך האָט ער באַשלאָסן צו ענדיקן אַצינד זיין פונקציע אַלס לערער און וועגווייזער. ער האָט באַגריפן אַז געניי ווי ווייניק דערציונג איז אַן אומגליק פאַר אַ קינד, פונקט אַזוי איז צופיל דערציונג. זי אין שעדלעך. זי אַנטוויקלט ביים תלמיד אַ שעדלעכע געוווינהייט וועגן אַלץ צו פרעגן דעם רבין און זיך תמיד פאַרלאָזן אויף אים. דאָס נעמט צו די אומאָפּהענגיקייט, צעמזיקט דעם כאַראַקטער, הרגעט אַוועק פּערזענלעכע איניציאַטיוו. איבערהויפּט וואָלט צופיל דערציונג געשאַדט שלמהן, וואָס דאַרף זיך איבן אין אויסהערן זיין איבערלעכע שטים און אויספאָלגן די דירעקטיוון, וואָס קוועלן אַרויף פון דער טיפענייש פון זיין באַוווסטזיין. בקיצור, נתן האָט געהאַלטן אַז עס איז נאָענט דער טאָג, ווען שלמה וועט דאַרפן נעמען אויף זיך פולע אחריות הן פאַר זיינע טראַכטענישן און הן פאַר זיינע האַנדלונגען.

בוך צוויי

# שלמה ווערט קיניג — און אויס קיניג

טייל א׳ — שלמה און משה

טייל ב׳ — שלמה און נעמה

# 1

## נתן און זײַנע טראַכטענישן

די אַלע יאָרן האָבן זײ אַרומגעוואַנדערט איבערן לאַנד פֿון ישׂראל און די שכנישע לענדער. מערסטנס זײַנען זײ געגאַנגען צופֿוס, צײַטנווײַז געריטן אויף ווײַסע אײזעליכעס. נתן האָט געוואָלט אַז זײַן תּלמיד זאָל זיך גוט גאָר פֿון נאָענט, באַקענען מיט דעם לעבן פֿון פּשוטע ערדאַרבעטער, ייִדן און ניט־ייִדן, אין די אַרומיקע לענדערײַען, און זיך באַקענען אוממיטלבאַר, וווינענדיק אין זײערע אָרעמע כאַטקעס אָדער אפֿילו געצעלטן, — פֿאַרשטײט זיך פֿאַרשטעלטערהײט, ניט אויסזאָגנדיק ווער זײ זײַנען, — דאָ אַ פּאָר טעג, דאָ אַ פּאָר וואָכן, אין אַנדערע מקומות פֿאַרברענגען אַפֿילו אַ פּאָר חדשים. אַלץ לויט די אומשטענדן, לויט דער אומגעגנט, געפֿינענדיק אינטערעס אין איר קלימאַט, פֿױנע און פֿלאָרע, אין די אײַנגעבוירענע אײַנוווינער, וואָס האָבן געצײַגט עפּעס נײַעס מיט זײערע שטײגערס, מנהגים, אָנטועכצן און קענטענישן און גלויבערײַען.

זײער שטודיום אין אַזעלכע פֿאַלן איז באַשטאַנען ס׳רוב אין לײענען דעם בוך פֿון דער נאַטור, פֿון דער אַרומגעבונג. זײ האָבן פֿאַרשטײט זיך, ניט פֿאַרנאַכלעסיקט אויך דאָס שטודירן פֿון פּאַרצײַטיקע מגילות.

שלמה איז אַצינדער שוין אַכטצן יאָר אַלט.

נתן ייִט עס אָפּגעבן דעם פּקדון, וואָס בת־שבע האָט אים אָנפֿאַרטרויט. ער האָט געקראָגן אַ קינד און ער איז גרײט אומקערן צו דער מוטער אַ דערוואַקסענעם זון, וואָס איז גוט אַנטוויקלט קערפּערלעך, און נאָך בעסער און געראָטענער אויסגעוואַקסן גײַסטיק.

שלמה איז פֿול מיט קענטעניש און וויסעניש און טאַקע מיט אמתער חכמה ווי אַ מילגרוים מיט די קערנדלעך.

בײדע האָבן זיך געבאָדן און געטובלט און געביטן די קלײדער, זיך גוט אָפּגערוט, זײ זאָלן אַרײַנקומען אין ירושלים מונטערע און זויבערע, אָן קײנע סימנים פֿון שטויב און מידקײט פֿון וועג. זײ האָבן געגעכטיקט

ביי אַ יידישן ערדאַרבעטער מיטן נאָמען פלטיאל, וואָס האָט געשמט איז דער גאַנצער געגנט מיט זיין גרויסער צדקות. ער האָט אָפּגעהיט אַלע דינים פון מעשר, פון לקט, שכחה און פאה, ווי אויך פון ערלה. ער האָט ניט געוווּסט ווער זיי זיינען, דאָך האָט ער ביי זיי בשום אופן ניט געוואָלט נעמען באַצאָלט פאַרן עסן און נאַכטלעגער. ער האָט געהאַלטן זייער שטיין ביי אים אַ טאָג און אַ נאַכט פאַר אַ באַזונדער זכות. זיי האָבן אים געגעבן די געלעגנהייט מקיים־צו־זיין די מצווה פון הכנסת אורחים. און פאַר אַ מצווה קומט אים ניט קיין באַלוינונג. די מצווה גופא איז זיין בעסטער שכר. ניט אַלע טאָג איז מען זוכה אויפצונעמען אורחים, וואָס זיינען אַזוי אַנגעלייגט ווי זיי וואָלטן געווען מלאכים...

א גאַנצע נאַכט האָט נתן הנביא ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג. ער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקן, מיט אונטערזוכן צי ער האָט דערפילט בשלימות זיין אויפגאַבע ווי אַ דערציער פון דעם קומענדיקן קעניג פון די בני־ישראל.

אָבער אויף אָט־דעם ענין האָט ער זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן. ער האָט זיך גיך איבערצייגט אַז ער האָט דערגרייכט אומגעווינטלעכע רע־זולטאַטן, און ער האָט אַ רעכט צו זיין מער ווי צופרידן.

זייערע געלעגערס האָבן זיי זיך אויסגעבעט אין דער האַלבער פינצ־טערניש פון הײ־שייער. זייער טענה פאַר ניט וועלן איבערנעכטיקן אין שטוב איז געווען אַז די לופט אינעווייניק איז צו־פאַרשטיקט. עס איז שווער צו כאַפּן דעם אָטעם אין אַ וואַרעמער זומער נאַכט.

בערך דרייצן יאָר האָבן נתן און שלמה געפונען זיך כסדר צוזאַמען, געטיילט זיך ווי מיט דער איינפאַכער שפייז אַזוי מיטן גייסטיקן ביסן, מיט די געדאַנקן און מיט די געפילן, כמעט. זיי האָבן אַזוי אָפט גערעדט און געאורטיילט איינער מיטן אַנדערן אַז מיט דער צייט האָבן זיי, קען מען זאָגן, גענומען טראַכטן עפּעס ווי בשותפות. אָט־די צוזאַמענפאַרבראַכטע דרייצן יאָר לויפן אדורך נתנען דורך דעם זכרון און זיי מעלדן זיך מיט גאָר פילע פרטים.

נתן פאַרטראַכט זיך איבער דער פראַגע, וואָס ער האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געפרעגט: ווער האָט מער, אין אונטערשטן סך־הכל, געלערנט, דערוואָרבן זיך קענטעניש, געוואָסן חכמה פון דעם אַנדערן, שלמה פון אים צי, גאָר פאַרקערט, ער פון שלמהן? אים דוכט זיך אַצונד אַז ער, נתן, איז גאָר געווען דער תלמיד פון זיין אייגענעם תלמיד. ער האָט זייער פיל

געלערנט אַליין בעת ער האָט געלערנט שלמהן. פון אַ גוטן תלמיד לערנט דער לערער מער ווי פון זיך אייגענעם רבין. קנעלנדיק מיט יענעם, אויפ־קלערנדיק טונקעלע ענינים, ווערן די ענינים קלאָר זיך אַליין.

די צרה מיט דערוואַקסענע מענטשן איז וואָס זיי נעמען אויף זאַכן וועלכע זיי זעען אַרום זיך, ווי קעגנשטאַנדן און פּאַסירונגען וואָס געהערן צו דער טריוויאַלער טאָגטעגלעכקייט. מענטשן זיינען גענייגט צו טראַכטן, אַז וואָס מע פאַרנעמט עטלעכע מאָל, איז אַ דבר רגיל און עס פאָדערט ניט קיין אויסטייטש און קיין דערקלערונג מחמת דעם אַליין וואָס עס וואַרפט זיך אַזוי אָפט אין די אויגן. אַ קינד איז אַנדערש. אַלץ רופט אים מיט זיין נייקייט און חידושדיקייט, מיט זיין געהיימנישפולקייט. דערפאַר איז זייער גוצלעך זיך צו געפינען אין דער סביבה פון קינדער. זיי אַרט אַלץ, זיי וווּנדערט אַלץ. אַ קינד ווייזט גאַנץ אָפט אָן דעם לערער, אָדער דעם דערוואַקסענעם, אויף דער פלאַי־פלאַימדיקייט וואָס פאַרבאַהאַלט זיך אונטער דעם צודעק פון דאָס געוויינטלעכע. אַ קלוג קינד שטעקט אָן זיין לערער מיט זיין נייגעריקייט, מיט זיין באַשאַנקענקייט צו דערבליקן דעם אַרום ווי אַ דערטעניש וואָס פאַרלאַנגט אַ באַשייד. ניט נעמען קיין זאַך ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט, ווען באמת, אין תוך אַריינגעקוקט, איז זי אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך.

ביים פראָסטן מענטשן איז אַלץ, ווי עס איז, גוט, קלוג און גערעכט. ביי דעם חכם, וואָס איז אין דער הינזיכט אַ היפּש ביסל קינדיש, איז אַלץ וואָס עקזיסטירט אומפאַרשטענדלעך. ווייל דער פאַרשטאַנד האָט צו טאָן מיט אַנטעלעקטועלעכצן, מיט שכלדיקייטן, ניט מיט די גראָבע מאַטעריעלע זאַכענישן. צו איינפאַכער מאַטעריעלער עקזיסטענץ האָט ער ניט קיין צוגאַנג. ער ווייסט ניט ווי עס אויפצונעמען. דאָס קינד ווייסט ניט פון דעם אָפּגרונט, וואָס געניצט צווישן דעם פיזישן דאַזיין און פאַרשטענדעניש. ער וואָלט דווקא וועלן אַז אַט־די צוויי זאָלן זיך צענויפפאָרן, און ער טרייבט זיין לערער צו זוכן און געפינען אַ באַשלונג פאַר זאַכן אינגאַנצן אומשכלדיקע, אַזוי אַז ער צווינגט דעם לערער אַנצוטאַפּן די סאַמע גרעניץ־ליניע פון דאָס דערלאַזבאַרע קליגלען זיך און זיך גרונטעווען אין דעם אַרום און ניט אָפּפּטרן עס מיט דעם שוין צופיל אַלגעמיינעם זאָג: עס איז אונטער דעם פאַרשטאַנד אָדער עס איז איבער דער מענטשלעכער השגה. אַ קינד קען אַזאַ ענטפער ניט אָננעמען. אַזויאַרום נויט ער זיין לערער איינצוגיין אויף קאָמפּראָמיסן. און דווקא אין די דאָזיקע שכל־פּשרות ליגט אַ שטיק אמת פון דער ווירקלעכקייט, וואָס איז, אפשר, אינגאַנצן איין שטיק

פשרה וואָס איז געמאַכט געוואָרן צווישן דעם אלוועלטלעכן איך אין זיין דורכאויסיקן שכל און דעם ניט־איך, דער וועלט, וואָס איז גאָר אָן שכל.

נתן וואָלט וועלן בלייבן אצונדערט תלמיד ביי זיין געוועזענעם תלמיד. אבער ער וויל אים, שלמהן, ניט באַלעסטיקן מיט זיין אנוועזנהייט. עס פילט זיך אַ געוויסע אומאָנגענעמלעכקייט ווען פאַרשיידענע עלטערס קומען זיך צענויף. עס עקזיסטירט כמעט ווי אַ שטיקל פיינטשאַפט צווישן זיי. יוגנט פילט זיך ניט גוט אין דער כסדרדיקער דערבייזיינקייט פון עלטער. מעגלעך אז דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס די אלטווארג דערמאנען זיי אָן דעם אז אויך זיי וועלן מוזן אלט ווערן, און זיי צעשטערן זייער וווּנדערבאַרע אילוזיע פון אייביקער יונגשאַפט. ווייטער, די יונגוואַרג האָט האָלט צו בלייבן אַליין און ניט געשטערט ווערן פון די אַלטע לייט אין זייערע יוגנטלעכע האנדלונגען.

נתן וועט זיך ניט ארויפצווינגען אויף שלמהן און אויפמאנען דעם חוב וואָס שלמה איז אים שולדיק פאר זיין דערציאונג. פאַר זיין ארומפירן זיך מיט אים אין אַ משך פון דרייצן יאָר.

ער ווארפט פון־צייט־צו־צייט זיינע אנטציקטע בליקן אויף שלמהן, ווענעס געזיכטשטריכן ער זעט כמעט קלאָר ביי דעם שיין פון דער לבנה, וואָס קוקט אַריין אין שייער דורך אַן אָפענעם טירל אין דאַך. אים דוכט זיך אז ער מיט זיין שכל־דלאטע האָט צוגעטראגן מער ווי איין אידעל שטריך צום אויסקריץ פון אט־דעם שיינעם קלסתר־פנים.

געדאנקען וואָס גייען אדורך אונדזער מוח לאָזן איבער גאנץ קענטעווּ־דיקע שפּורן אויפן געזיכט, אין די אויגן. די קלוגשאַפט פון אַ מענטשן שטייט פארצייכנט אויף זיין אנבליק. מע דאַרף בלויז קענען לייענען דאָס געשריפטס, זיין באהאוונט אין חכמת הפרצוף. דער פנים איז באמת אַ מוסר. ער דערציילט ניט בלויז וועגן די האנדלונגען פון מענטשן, דעם בעל צורה, נאר אויך וועגן אלע זיינע טראכטענישן און שפּירעענישן. יעדער מענטש איז אַן אָפענע מגילה. די מעשה איז אָבער די, מיר פאַרמאָגן זייער ווייניק געניטע לייענער. ווען מענטשן וואלטן זיך אויסגעלערנט צו דעשיפ־רירן די דאזיקע מגילות, וואלטן אלע מענטשן געדארפט ארומגיין מיט מאסקעס און פרויען מיט גאר געדיכטע שלייערס אויף זייערע פנימער. מענטשן דעקן צו דעם גוף, וואָס רעדט סיווּי ניט קיין סך. זיי האַלטן אפגעדעקט די צורה וואָס רעדט שוין גאר היפש און טאקע הייך. זי שרייט און רופט אויס און איז מודיע וועגן אלץ וואָס געפינט זיך אינעווייניק אין

מענטשן, דער פנים און, דערהויפט, די צווי קוקערס גיבן די אינהאלט־פארצייכעניש פון דעם ספר וואָס הייסט מענטש.

ווי שיין שלמה איז אויסגעוואקסן, נתן קען זיך ניט אנקוקן זאט. ער איז הייך, שלאנק, ניט צו דין, דאָס האָט אַלץ אויפגעטאָן די אפגעהיטע דיעטע, די פרייע לופט, דאָס געפינען זיך כסדר אויפן שויס פון מוטער־ערד, אין די ארעמס אדער שאטנס פוןביימער, נאענט צו די געוויקסן און באַשעפענישן, די פריינט און גאָר נאָענטע קרובים פון די מענטשנ־קינדער.

שלמה פארמאגט שווארצע טיפע אויגן. זיי דרינגען אין אַלץ אריין, זיי זוכן די טיף, זיי שוועבן ניט איבער דער אויבערפלאַך פון זאכן. זיינע שווארצע לאקן הענגען אים אראפּ אויף די אקסלען. זיין געזיכט זונצעקושט, כמעט פארבראנזט און אַ רירעוודיקע ליבשאפט און ווארימקייט שטראלט ארויס פון זיין הויט. קומען מיט די זונשטראַלן אין אָפטן באַריר איז אַ ברכה פארן מענטשן. ווייל די זון לערנט מיט מענטשן די תורה פון צדקה־געבן, פון אַוועקגעבן אַלץ וואָס איינער פאַרמאָגט, דערפאַר הייסט זי „שמש־צדקה״: זי זאלוועט ניט אירע אויסשטראלונגען, איר שיין. זי גיט זיי אוועק אלעמען, ווער עס וויל נאר בעמען. זי טוט אָן די ערד און אַלץ וואָס געפינט זיך אויף איר ליכט־העמדער, ווי דער אויבערשטער האָט עס געטאָן צו אדמען און חוהן, פאר ווענען ער האָט אויפגענייט העמדער פון ליכט „כתנות אור״ און האָט זיי אנגעקליידט (בראשית ג׳, כא).

שלמה איז געראָטן אין זיין מוטער, — באַשליסט נתן, — ער האָט אין די שטריכן פון פנים ווי אויך אין זיין כאראקטער עפּעס ווייבלעכס, ווי אלע גרויסע שעפערישע מענטשן. ער באזיצט אַ געוויסע מאָס פון צערטלעכקייט, איידלקייט, פיינקייט וואָס איז געפּאָרט מער מיט אַרויספאָדערנדיקער טראַציקייט איידער מיט הארטער שטאַרקייט. אזא טיפּ מענש האָט ליב התבודדות. ווארעם די צווייי עלעמענטן וואָס געפינען זיך אין אים באהעפטן זיך און זיי ווילן בלייבן אליין, אומגעשטערט פון זייטיקע. זיי זיינען זיך מתייחד, מזדווג — און שאפן. הגם ער איז געראטן אין דער מאמען איז ער, אָבער, ניט ווייט אוועק אויך פון זיין פאָטער, דער קיניג דוד.

אמת, דוד פארמאגט, אין אַ גרויסער דאזע, מענלעכע קריגערישע גבורה און שטייפע פאַרפאַנצטערקייט. אָבער דאָס איז בלויז די שאָרסטקע קאָרע פון זיין גוף־בוים. אינערלעך איז אויך דוד ווייבלעך־ליריש, פילבאר און אַפילו סענטימענטאַל. ער איז אַן אינספּירירטער זינגער און האַרפנ־שפילער. ווען דוד וואָלט ניט געוואָרן קיין קריגער וואָלט ער זיכער געווען

איינער פון די אָנגעזעענסטע בני־הנביאים, ער וואָלט צוגעשטאַנען צו זייער פרייער הייליקער ברודערשאַפט און ארומגעוואַנדערט איבער ישראל־לאַנד מיט זיין האַרף, געשפּילט און פּראָפעצייט. אָבער אַ מענטש ווערט דען דאָס וואָס ער וויל ווערן. ער ווערט וואָס די גויטוועגדיקייט הייסט אים פון זיך מאַכן, ער דערפילט דעם רצון פון זיין פאָלק. ער איז אַ געטרייער זון פון זיין שטאַם, און וואָס דער לעצטער באַפעלט אים, טוט ער. אַ שליחות ווערט אַרויפגעלייגט אויף זיינע שולטערן, און ער טראָגט זי, ווי אַן אָקס דעם יאָך. מע טרייבט אים אַקערן, אַקערט ער; טרייבט מען אים דרעשן, דרעשט ער. דאָס פאָלק, די קינדער פון ישראל, האָבן באַדאַרפט האָבן אַ בראַוון קריגער, אַן איש־מלחמה, און שמואל הנביאס צווייטער אפּקלייב האָט זיך אויף אים אָפּגעשטעלט. שמואל, דער העלזעער, האָט אין יונגען דודן ווען ער איז נאָך געווען אַ פאַסטעכל, און קיינער אין ישראל האָט וועגן אים גאָרניט געוווסט, — דערזען דעם צוקינפטיקן גרויסן העלד. שמואל איז געווען אַ העלזעער, ער האָט פאַרמאָגט אַ בליק וואָס האָט דורכגעדרונגען דורות און זיך ניט טועה געווען.

און ער? וואָס איז מכוח אים גופא? — פרעגט זיך נתן און פאַרשט זיין האַרץ. ער פּלייסט זיך אויפצובעמען מיט זיין גייסטיקן אויער דעם פּליסטער פון זיין אינערלעכער שטים. איז ער זיך ניט טועה אין זיין איצטיקן אָפּקלייב? דוד האָט אַ היפּשע צאָל זין און פאַרוואָס מאַכן פאַר אַ קיניג דעם און ניט יענעם? און פאַרוואָס זאָל דאָס אָפּקלייבן זיך באַגרעניצן דווקא מיט דודס הויז? פאַראַן אַ היפּשע צאָל העלדן, ערלעכע מענער אין יהודה און ישראל, נישט צו פאַרזינדיקן. האָט ער אין דעמדאָזיקן פאַל באמת געקראָגן דעם צושטים פון דעם הייליקן דיבור? ער מוז אין דעם פּונקט זיין זיכער, אַנטשלאָסן אָן קיין צווייפלען. די גאַנצע פּאָליטישע און לאַו־דווקא פּאָליטישע צוקונפט פון פאָלק ישראל הענגט אָפּ פון אַט־דעם שריט, פון דעמדאָזיקן אויסוואַל, וואָס ער גייט מאַכן. אויב ער מאַכט אַ טעות, שטעלט ער אין געפאַר דעם וואוילזיין פון כלל־ישראל פאַר דורות און דורות. דאָס יידישע פאָלק איז פּאָליטיש צו שוואַך זיך צו קענען פאַרגינען מאַכן אַ קאַרדינאַלן פעלער.

שמואל הנביא האָט אויסגעקליבן דודן ווי אַ יחיד. ער, נתן, קלייבט אצונדער אויס דודס הויז, זיין קינד און קינדסקינדער, פאַר אַלע צייטן וואָס וועלן קומען. שמואל האָט דודן געזען. ער האָט אים געהאַט פאַר זיינע אויגן, פּליישענע און גייסטיקע.

נתן וואַרפט אַ בליק אויף שלמהן וואָס האָט זיך געמאַכט ווי ער שלאָפט.

אבער ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט אַז שלמה ליגט אַ וואַכער, אַן אויפגערו־דערטער, פול מיט קלערענישן און דערוואַרטענישן, שפּירונגען און פאַר־שפּירונגען.

ער גייט שאַפן אַ דינאַסטיע, אויספלעכטן אַ גאָלדענע קייט פון מלכים דורך די דורות. ער גרונטיקט דעם קרוין און טראָן־איבערגעב אין אַ גלייכער ליניע פון פאָטער צום זון. מער וועט דאָס פאָלק זיך ניט אויסקלייבן קיין קיניג. דער נביא וועט מער ניט גיין זוכן, געפינען און זאַלבן דעם צוקינפטיקן מלך פון ישראל. דער נביא וועט מער קיין דעה ניט האָבן אין דער דאָזיקער מלוכה־אַנגלעגנהייט, דהיינו אין איבערנעמען די פּאָליטישע מאַכט אין יהודה און ישראל. די אויבערשטע מאַכט וועט ווערן, נאָך דעם אַקט זיינעם, אַ פאַמיליע אינטערעס, אַ גוט וואָס געהערט אויסשליסלעך צו דער דוד משפּחה.

שמואל האָט זיך דאָך אין ערשטן אויסקלייב טועה געווען. ער האָט געזאַלבט שאולן און זיין פירערשאַפט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ דורכפאַל. איז שמואל אַנערקענענדיק און צוגעבנדיק זיין טעות, אַוועק זוכן און האָט גלייך געפונען אַן אַנדער זון פון דעם אייגענעם פאָלק, כאָטש פון אַן אַנדער שבט, וואָס איז געווען מער ראוי דורכצופירן די שליחות פון קיניגטום.

אבער מיט זיין באַשטימען שלמהן פאַר אַ קיניג טוט ער דאָך מער ווי בלויז אויסקלייבן אַ פּאַסיקן אָדער, חס וחלילה, אַן אומפּאַסיקן קיניג, ווי דער פאַל וועט זיך אַרויסצייגן בנוגע דעם געגעבענעם יחיד. עס איז איצט אַ פראַגע פון אַ פּרינציפּ. ער פירט איין דעם מאָדוס פון ערבשאַפט אין דעם יידישן קיניגרייך. דער העכסטער מלוכה־אַמט ווערט אַ קנין פון אַ באַ־שטימטן הויז. מען קריגט דעם אַמט איבערגעגעבן פון פאָטער צום זון.

עס איז אַ ריזיקאַלישער אויפבראַך. דאָס מיינט אַז די ראָלע פון נביא ווערט אַלץ מער פאַרדרענגט, פאַרענגט. דער מלך פאַרנעמט דעם אויבנאַן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ישראל. ווער ווייסט וואָס פון דעם קען מיט דער צייט אַרויסקומען! די צוקינפטיקע אָפּשטאַמלינגס פון דוד הויזגעזינד ווער ווייסט וואָס זי וועלן זיין, צי וועלן זיי גיין אין די וועגן פון יהוה ווי זייער שטאַמפאָטער האָט עס געטאָן מיט אַזאַ ביישפּיללאָזער איבערגעבנקייט און גרעניצלאָזן אייפער. און אַז זיי וועלן אַראָפּ פון דרך־הישר און זיך אַרויסווייזן צו זיין אָפּטריניקע אָדער שוואַכלינגס; די משפּחה כוחות ווי אַ גאָלד־אָדער אָדער ווי אַן איינפאַכער ברונעם, ווערן דאָך אויסגעשעפּט מיט

דעם לאנגן פאַרלויף פון צייט, איז וואָס וועט דעמאָלט פּאַסירן?! דעם טעות וועט זיין שפּעט צו פאַריכטן.

שמואל האָט זיך געוועהרט קעגן דעם קיניגטום-איינשטעל. ער האָט, אָבער, לסוף נאָכגעגעבן די, וואָס האָבן געוואָלט האבן אַ קעניג, אַ פירער אין קריג... איצט ווערט געמאַכט אַ צווייטער שריט. די יידישע מאָנאַרכיע פון אן אויסדערוויילבארער ווערט גאר אן ערבלעכע, דאָס איז דער צווייטער נאכגעב די מלוכה'ניקעס, אַ נאכגעב וואָס קיינער ווייסט ניט וואוהין, אין וועלכער בלאָטע פון שלאַבערקייט, ווילנלאָזיקייט עס קען אַריינשלעפּן. דאָס מיינט דאָך פאַרמשכונען די צוקונפט פון פאָלק. דאָס מיינט דאָך נעמען דאָס פאָלק און אים אוועקלייגן צו די פיס פון זיינע געוועלטיקער געבונדע־נערהייט און זיי דערמוטיקן צו טרעטן אויף אים מיט זייערע באַטעס.

אַז מע האָט אַ טאַטן א קיניג, ווערט מען שוין עפּעס ווי פון זיך אַליין ראוי צו מלכותעווען!

און דא קומט צו אן אומשטאנד וואָס מאכט די לאגע נאָך הארבער.

קיניג שלמה איז דאָך גאָר אַן אויסנאָם פון דעם כלל פון אַנדערע קיניגן. ער וועט זיין, אנשטאָט אַ קיניג אַ קריג-פירער, אַ קיניג אַ חכם. ער וועט באהערשן זיינע בירגער אדער אונטערטאנען ניט מיט כוח און אַנשרעק, נייערט מיט זיין חכמה, איבער העלדישקייט, פּראָסטע גבורה גיט זיך ניט איבער אלע מאָל בירושה פון פאטער צום זון, איז דאָך קלוגשאפט אוודאי ניט. איז ווער קען זאגן אין וועמען שלמהס זון וועט זיין געראטן?! אפשר וועט ער גאָר זיין אן אפּגעריסענער נאר, אַ מענטש אן פארשטאנד. אזעלכע זאכן פאסירן דאָך. הלוואי זאלן זיי ניט פאסירן.

נתנס געזיכט ווערט איבערגעצויגן ווי מיט אַ בלייענעם וואלקן. אַ געוויטער־כמאַרע באַלאַגערט זיין הייכן שטערן. ער פילט כמעט בחוש, כאטש אויף אַ זייער אומקלארן שטייגער, אז אַ קאטאסטראפע רוקט זיך אויף דער ישראל מדינה, אַז עפּעס א מין אומגעהויער שטייט הינטער דעם רוקן פון שלמהן. עס איז אָבער אָפּגערוקט אויף אַ שטיקל שטח, הייסט עס אז דאָס אומגליק וועט קומען אין דער צייט, ווען שלמהס זון וועט קיניגן.

ער האָט געמאַכט, ער שפּירט עס איצט, אַ גורלדיקן טראַט. ער האָט ניט גוט פארשטאַנען וואָס זיין אויבערשטע־אינערלעכע שטים האָט אים מיטגעטיילט.

אמת, ער האָט דערצויגן שלמהן און ווי אַ דערציער האָט ער אויסגעפילט זיין אויפגאבע אויפן בעסטן אופן. אבער דאָ גייט דאָך אום עפּעס מער. אָט־די און ענלעכע ספקות האָבן אים לעצטנס שטאַרק באַאומרויקט.

ער וויל דעריבער זיך איינגאַנצן צוריקציען. בלייבן מיט זיך אַליין און זיך פּאַרטיפן אין זיך. בלויז אין שטרענגער התבודדות אַנטפּלעקט זיך צו אים דער אינערלעכער נבואה־קול. ער מוז זיין אָפּגעזונדערט פון מענטשן, ניט האָבן קיין מגע ומשא מיט קיין מוטער־בן־אדם. ערשט דעמאָלט אויפן דריטן אָדער פערטן טאָג דערהערט ער, אויב זיין זעל איז גוט אָנגעשטעלט, די אינערלעכע שטילע שטים, דעם „קול דממה דקה". פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שלמהן און תמיד געווען זאַלבענאַנד, האָט ער קיין בשורות ניט באַקומען. אַצונד בענקט ער נאָך אַן אַנטפּלעקונג. ער נעמט מורא האָבן צי איז ער גאָר ניט טויב געוואָרן צו אָט־דעם אומהערבאַרן, מיטן אייגנפּאַכן אויער, קול...

נתן איז פאַרצערט, אָבער ניט פאַרצווייפלט. ער ווייסט אַז ער האָט דיכטיק געהאַנדלט .ער האָט דאָך אייגנטלעך געקראָגן „דאָס וואָרט", וואָס האָט אים קלאָר און דייטלעך געזאָגט אַז ניט דוד, נייערט דודס זון וועט אויפריכטן דעם טעמפּל, און אַז אויף דודס טראָן וועט זיצן זיין זון שלמה. אָבער ביז איצט האָט ער אַלץ געטראַכט וועגן יענעם אָ־זאָג הויפּטזעכלעך אין זיין פאַרניינענדיקן באַטייט. דאָס מיינט אַז דודס פאַרבלוטיקטע הענט וועלן ניט בויען דעם בית־המקדש און דאָס צו טאָן דאַרף בלייבן פאַר דודס זון. אָבער אַז אין אָט־דער בשורה ליגט שוין אַ דירעקטער אָנווונק אויף דעם אויפריכטן פון אַ דינאַסטיע, די זייט פון דער בשורה האָט ער עפּעס ווי ניט באַמערקט.

דוד האָט שוין דווקא יאָ אַזוי אויפגענומען דעם אָנזאָג. און האָט אים בפירוש אַזוי אויסגעטייטשט. און מהאַי טעמאָ האָט ער זיך אַזוי געפרייט ווען ער האָט אים באַקומען פון מויל פון נתנען. און ער האָט זיין אויסטייטש פאַרברויכט אין זיין געזאַנג געבעט. וואָס ער האָט צוגעשיקט צו נתנען.

די רייד פון דודן, דעם זון פון ישי, די רייד פון מענטשן וואָס איז הייך אויפגעשטעלט געוואָרן, דער געזאַלבטער פון אלהים־יעקב און דער אָנגענעמסטער זינגער פון די ישראל געזאַנגען.

דער גייסט פון יהוה האָט גערעדט צו מיר און זיין וואָרט איז געקומען אויף מיין צונג. האָט געזאָגט צו מיר דער אלהים פון ישראל, האָט גערעדט צו מיר ישראלס פעלדזנשטיין:

„דער הערשער פון מענטשן, דער רעכטפאַרטיקער געוועלטיקער מיט פאָרכט פאַר אלהים איז ווי דאָס ליכט פון פרימאָרגן, ווען די זון גייט אויף, אַ פרימאָרגן אָן וואָלקנס, פון אָפּשיין נאָכן רעגן וואָס מאַכט שפּראָצן גראָז פון דער ערד. ניט אַזוי איז מיין הויז מיט אל, וואָרעם אַן אייביקן בונד האָט

ער עס געמאַכט, אַלץ צוגעגרייט און אָפּגעהיט אויפדערהאָר. ווייל דאָס איז מיין רעטונג און מיין באַגער, און קיין אַנדערן וועט ער ניט מאַכן שפּראָצן...

„און די נידערטרעכטיקע ווי זיך אַרומוויגנדיקע שטעכיקע דערנער זיינען זיי אַלע, מיט דער הוילער האַנט קען מען זיי ניט נעמען, סיידן מיט אייזן און שפּיץ־האָלץ און מ׳פאַרברענט זיי מיט פייער ווי קראַפּעווע...[1]".

אבער אויך דידאָזיקע ווערטער פון דודן, וואָס זיינען ווי אויסגעהעפּט געוואָרן עלעהיי בלימלעך אויפן געוועב פון נתנס בשורה, זיינען פאַרביי־געגאַנגען נתנס אויערן אָן אַ שטאַרקן רושם. ער איז געבליבן אומזיכער. ער האָט נאָך אַלץ מורא אַז ער האָט זיך צופיל געאיילט מיט זיינע רייד.

אַן ערבלעכס קיניגרייך איז אַ געפאַר פאַרן יידישן פאָלק... אבער ער האָט זיך געטרייסט און געצויגן מוט פון דעם: ווען זיין אבזיכט וואָלט געגאַנגען קעגן דעם ווילן פון שר־האומה, וואָלט זיין דערציאונגס־אַרבעט ניט געקרוינט געוואָרן מיט אַזאַ גלאַנצנדיקער הצלחה און ברכה.... ווי דאָס איז, צייגט עס פאַרט אַז ער גייט אויפן איינציקן באַשטימטן וועג.

אָבער דאָך איז זיין האַרץ געווען פול מיט פּחדים... און קיין גליקן פון דער ערבלעכער מלוכה האָט ער ניט דערוואַרט, הגם ער האָט זי אָנגענומען ווי אַן אַקט פון דער יידישער השגחה און מערכה פון וועלכער מע קען ניט אַנטרינען...

---

[1]) שמואל ב׳, כ״ג, א—ז.

# 2

## שלמה און זיינע מחשבות

שוין עטלעכע יאָר ווי ער האָט ניט געזען ניט זיין פאטער און ניט זיין מוטער. ער וויל זיי ביידן גיין זען און ווי נאָר ער דערגרייכט די שטאָט ירושלים. ער איז צו זיי ביידן צוגעבונדן. דאָך ווי פארשיידן זיינען זיינע געפילן צו זיין מוטער און צו זיין פאָטער. זיין מוטער איז אינגאַנצן ז י י נ ע. ער איז ביי איר אַ בן־יחיד. דער פאטער זיינער האָט אבער אַ היפשע כאפטע זין. וואָס זיינען זיינע האַלבע ברידער. זיי געפינען זיך כמעט אַלע אין קיניגלעכן הויף, אָבער שלמה קען זיי כמעט ניט. סרוב פון זיי, אַזוי האָט אים געזאָגט נתן, זיין רבי, זיינען רייטערס און זיי פארמירן אַ באַזונדער אפטיילונג פון דער ישראל אַרמיי. אַנדערע פאַרנעמען פארשיידענע העכערע אַמטן אין די חיילות מיט וועלכע עס פירן אָן די זין פון צרויה, זיין טאַנטע. נתן האָט געערדט פון זיי מיט גרינגשעצונג און אפילו מיט אַביסל אָפּשפּאָט. פון צווי פון זיי האָט דער פאטער דוד געהאט אַ גרויס עגמת נפש, ווי דער פאַל איז געווען מיט אבשלומען, און אַ חרפות און בזיונות, וועלכע עס האָט אים פאַרשאַפט זיין בכור אַמנון. וואָס האָט זייער ניט שיין באהאַנדלט תמרן. פון דעם אַלעם האָט ער זיך דערוווסט פון די ריידערייען פון מענטשן וואָס ער האָט באגעגנט אויף זיינע וואנדערונגען איבערן לאַנד. ער האָט זיך אנגע־הערט מעשיות, וואָס מע דערציילט פון קיניגלעכן הויף. נתן האָט פון די הויף־געהיימענישן זיך אינגאַנצן ניט וויסנדיק געמאכט. און ווען שלמה האָט אים געפרעגט וועגן די מעשיות און קלאנגען וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן לאַנד, האָט נתן זיי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט ווי זיי וואָלטן געווען פוסטע אויסטראַכטענישן און באַריידערייען, וואָס עס לוינט ניט איבערצוחזרן. ער האָט זיי ניט אָפּגעלייקנט מיטן פולן מויל. נאָר געשטעלט אונטער אַ פרעגצייכן זייער אמתדיקייט. יעדנפאַלס זיינען זיי אים געווען ניט ניחא, און ער האָט מורא געהאַט זיי זאָלן ניט ווירקן דעמאָראַליזירנדיק אויף זיין תלמיד, שלמה, וועמען ער האָט געהאַלטן, אין זיין דערציאונג, ווייט פון הויף און זיינע אינטריגעס, העצעס און יאגענישן נאָך כבוד און הולטאַיערייי, קריג־אמביציעס און פוסטער פוצערייי.

יאָ, האָט שלמה געטראַכט, די מוטער איז אינגאַנצן זיינע. ניט אַזוי זיין פאטער, וועמען ער מוז טיילן מיט אַ סך שותפים, אַ זאַך וואָס ער האָט גאָרניט גערן. אויסער דעם איז דער פאָטער, דער קיניג דוד, שטענדיק פארנומען, פארטאָן, פארעוסקט, פארהאַוועט. ער האָט ניט קיין פרייע מינוט. איידער איין מלחמה ענדיקט זיך, פאַנגט זיך שוין אָן אַ צווייטע. דוד איז כמעט תמיד אויפן שלאַכטפעלד. אדער נאָענט צום שלאַכטפעלד, אויב ניט אין די סאַמע געדיכטע פון געשלעג.

שלמה איז אפילו ניט זיכער, אַז ער וועט דערוויסן זיין פאטער אין ירושלים. און ווען יאָ איז ער אַזאַ טרוד אַז ער קען זיין זון שלמהן שענקען בלויז געציילטע מינוטן. פירן אַ יידישע מלוכה איז ניט קיין לייכט פעקל. דוד איז דריי פערזאָנען אין איין מענטשן, ער איז אַ מלחמה־פירער, אַ פעלדמאַרשאַל, אַ קיניג־אַדמיניסטראַטאָר און דערצו נאָך אויך אַ ריכטער. און לאַדענישן זיינען דאָ לרוב, גאָר אָן אַ שיעור. זיי נעמען זיך גאָר קיינמאָל ניט אויס. די באַפעלקערונג איז גאָר אַ היפשע און זי האַלט, אָן עין הרע, אין איין וואַקסן. די מענטשן זיינען צערודערטע, אויפגעשרויפטע. צוליב די מלחמות און לאַנד־דעראָבערונגען הערשט אין לאַנד אַן אומ־באַשטימטקייט, אַ צעשוווּמענקייט בנוגע אייגנטום־רעכט פון די נחלאות וואָס ווערן אַנגעאייגנט אין די איינגענומענע קענטן און נאָענט צו זייערע גרענעצן. יידן האָבן איבאַלגעמיין האַלט זיך צו דין־תורהנען, זיי האָבן הנאה פון משפטים־פירעריי. ביי זיי איז עס כמעט ווי אַ פאַרווילונג, אַזאַ געוועט־שפּילעריי. זיי האָבן כסדר טענות און מענות איינע צו די אַנדערע. זיי קענען צווישן זיך ניט דורכקומען. זיי דאַרפן אָנקומען צו אַ דריטן צד ער זאָל אויסגלייכן זייערע סכסוכים. זיי באַלאַגערן די ריכטער. אַז דער שלום־ריכטער ווייסט ניט ווי צו פאַנאַנדערנעמען דעם פּלאָנטער פון זייערע פּרע־טענזיעס און קעגן־פּרעטענזיעס, דאַרף עס דער קעניג טאָן. ער איז דער העכסטער שופט אין לאַנד און זיין פסק־דין איז ענדגילטיק, און קיינע אַפעלאַציעס קעגן אים ווערן ניט אַנגענומען.

נתן האָט שלמהן געגעבן צו פאַרשטיין אַז זיין עיקר אַרבעט וועט באַשטיין אין אַרויסטראָגן געריכט־ווערדיקטן. ער האָט אים אויך באַקאַנט געמאַכט מיט די קלוגע אַנטשיידונגען פון דבורהן, דער ריכטערין און נביאטע. ער האָט בפירוש געלייגט פיל געוויכט אויף שלמה׳ס צוגרייטן זיך צו אָט־דעם צוקונפטיקן באַרוף זיינעם.

דער נאָמען דבורה האָט באַזעסן פאַר אים אַ מין צויבער־קראַפט. געהייסן האָט זי דבורה, בין, ווייל זי איז תמיד געווען באַשעפטיקט. זי האָט זיך

אויסגעצייכנט מיט איר טעטיקייט אויף אַ סך געביטן. זי איז געווען אַ נביאה, אַ זינגערין־דיכטערין, אַ ריכטערין און אַ קריג־פירערין. אַ מערקווערטיקע פרוי. איר בארימט ליד האָט שלמה געקענט אויפאויסוויניק. ער האָט עס זייער אָפט איבערגעחזרט. דערהויפּט זיינען אים געפעלן ביז אנטציקונג די פסוקים:

צום איך־יהוה וועל איך זינגען,
איך וועל לידלען צום אלהים פון ישראל.
יהוה ווען דו ביסט ארויס פון שעיר.
ארויסגעטראטן פון אדומס פעלד,
האָט די ערד געדרוישט,
און די הימלען האָבן געטריפט,
און די וואָלקנס האָבן געטריפט וואַסער.
די בערג זיינען צערונען פארן אנגזיכט פון יהוה.
אט־דער סיני איז צעשמאלצן געווארן פון פארן אנגעזיכט פון יהוה,
דעם אלהים פון ישראל [1].

שלמה האָט געצויגן פארגלייכענישן צווישן זיין מוטער, בת־שבע, און דבורהן. ער האָט געטראכט, אַז ווען זיין מוטער וואָלט געלעבט מיט אַ דור אדער צוויי דורות פארדעם, איידער אַ מלוכה־סדר האָט זיך איינגעשטעלט אין ישראל־לאנד, וואָלט זי מסתמא געווען א ריכטערין ווי דבורה. אָבער פארוואס איז זי ניט קיין זינגערין? אפשר איז זי עס, נאָר זי טוט עס אינגעהיים מחמת איר באַשיידנקייט. אָבער „דאָס געבעט פון דעם אָרימאַן" מוז זיכער זיין אירס אַ פארפאסונג. ער דערקענט אין יעדער שורה איר גייסט און גוסט, איר ליבשאַפט צו אַלע אָרימע און באַעוולהטע.

אַ תפילה פאר דעם ארימאן ווען ער פארגייט זיך, און ער גיסט אויס פאר יהוה זיין פליסטער.

יהוה, הער צו מיין געבעט
און מיין געשריי זאָל קומען צו דיר.
זאלסט ניט פארבארגן דיין פנים פון מיר.
אין טאָג פון נויט בויג דיין אויער צו מיר.
אין טאָג וואָס איך רוף, ענטפער מיר גיך.
ווארעם אזוי ווי רויך פארגייען מיינע טעג,
און מיינע ביינער זיינען ווי אַן אויוון צעברענט.

---

[1] שופטים, ה׳, ג—ו.

אבא גארדין

צעקלאפט ווי גראז און פארטריקנט איז מיין האַרץ,
ווארעם איך פארגעס צו עסן מיין ברויט.
פון וועגן די קולות פון מיין קרעכצן
איז מיין געביין צוגעקלעפּט צו מיין הויט.
איך בין געגליכן צו אַ פעליקאַן פון מדבר,
איך בין געווארן ווי אַן אייל פון די חורבות.
איך בין וואַך נאכאנאנד, און בין געווארן
ווי אַן עלנדער פויגל אויף אַ דאַך.
אַ גאנצן טאָג לעסטערן מיך מיינע פיינט.
די וואָס ווילדעווען קעגן מיר, שילטן זיך מיט מיר.
ווארעם אש האָב איך ווי ברויט געגעסן.
און מיינע געטראנקען האָב איך מיט געוויין געמישט,
פון וועגן דיין כעס און דיין צארן;
ווארום האָסטו מיך אויפגעהויבן און אוועקגעשליידערט.
מיינע טעג זיינען ווי אַ שאָטן וואָס נייגט זיך,
און אזוי ווי גראז טריקן איך איין [1]".

דאָס האָט קיינער ניט געקענט אנשרייבן נאָר זיין מוטער. זי האָט אזא וואכזאם געוויסן פאַר גערעכטיקייט.

מיטן אויפבריכט פון דער מלוכה און דאָס כסדר פירן מלחמות, פאַר וועלכע מע דאַרף האָבן פאַרהאַרטעוועטע, אַכזריותדתיקע מענער, איז די פרוי וואָס ווייטער אַלץ מער אפגעשטופט געוואָרן אַנאַזייט, ארויסגעשטויסן געוואָרן פון עפנטלעכן לעבן. זי ווערט אַלץ מער פארשטוביקט, לעבט זיך איינגאנצן אויס אין ענגן קרייז פון דער פאמיליע, פון איר מאַן און קינדער.

ער נעמט זיך פאַרטראַכטן וועגן דער מאדנער לאגע פון דער פרוי ווי אַ ווייב. אייגנטלעך קיין גאנצן מאַן האָט זי ניט און קען גאָר ניט האָבן. דער מאַן האָט זי איינגאנצן. זי געהערט צו אים אליין אויסשליסלעך. קיינער אויסער איר מאַן האָט אין איר קיין חלק ניט. אבער איר מאַן האָלט זי מיט שותפטעס, מיט אַנדערע פרויען. ער געהערט צו איטלעכער פון זיי טיילווייז, צייטנווייז, דאָ צו איינער דאָ צו אַן אנדערער. און עס קען אַנדערש ניט זיין. וויבאלד דער זכר איז דער באפרוכפערער און ער קען מאַכן שוואַנגער אַ צאָל נקבות... וואָלט דאָך זיין פשוטע אויסברענגעריי פון מאַנס זאמען, צוקונפטלעבנס, ווען ער, דער זכר, זאָל זיך אפּגעבן מיט איין פרוי.

---

[1]) תהלים, ק״ב.

וואָס מער ווי איין קינד אָדער אַ צווילינג קען זי ניט געבוירן אין משך פון ניין חדשים. אויך דאָס זויגן פון עופעלע האַלט זי פאַרנומען.

ער ווייסט אַז אַזוי מוז עס זיין אויב מע וויל ניט אַז דער טייערסטער לעבנסשטאָף זאָל גיין אין ניוועץ, און דאָס וואָלט זיין אַ שווערע זינד קעגן אלהים־חיים. דאָך פאַרדריסט אים וואָס ער האָט ניט פאַר זיך קיין גאַנצן טאַטן און ער מוז אים טיילן מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע פון קינדער, עלטערע און יונגע, אַנדערע פון זיי זיינען שוין אַליין טאַטעס פון קינדער...

אָבער, האָט ער ווייטער געשפונען דעם פאָדעם פון זיינע טראַכטעניש, ער, שלמה, פאַרנעמט גאָר אַן אַנדער פּאָזיציע. ער איז אַרויסגעטיילט פון די איבעריקע זין. ער איז דער אמתער זון, ניט בלויז אַן אַרויסקומער פון דוידס דיך, ער איז דער פליטישער בן־יחיד. ער איז דער יורש, דער קרוין־פּרינץ, אַזוי האָט אים די מוטער געזאָגט. אויך נתן האָט עס אים געלאָזט הערן אַן צווייאיקע טייטונגען. ער וועט איבערנעמען די מלכות און די רעגאַליעס פון מלכות, דעם צעפּטער, די קרוין און דעם טראָן. הייסט עס אַז דויד ווי אַ ק ע נ י ג ־ פ אָ ט ע ר איז באמת אינגאַנצן זיינער. אָבער ווי אַ פאָטער האָט ער איז אים בלויז אַ קליינעם חלק. ער באַגרייפט אַז אפילו אין דער אָרימסטער פאַמיליע וואָס באַשטייט בסך־הכל פון איין מאַן און איין ווייב אויב עס זיינען פאַראַן עטלעכע קינדער קען קיין איינער פון זיי ניט האָבן אַ פולן פאָטער און אַ פולע מוטער פאַר זיך אַליין. איט־לעכער פון זיי מוז זיך טיילן מיט זיינע עלטערן מיט זיינע שוועסטער און ברידער. ער איז צו זיין גליק, אָדער אומגליק, ער ווייסט אַליין ניט ווי צו באַצייכענען זיין מצב, אַן איינציקער ביי זיין מוטער. זיין מוטער האָט געהאָט אַ קינד פאַר אים, אַן ערשטלינג, און עס איז געשטאָרבן זייענדיק נאָך גאָר אַן עופהלע.

דאָס ניט האָבן קיין פולן ברודער קימערט אים לחלוטין ניט, אָבער אַ שוועסטער וואָלט ער יאָ וועלן האָבן. אַ שוועסטער האָט פאַר אַ ברודער אַ באַזונדער רייץ און חן. אָבער האָבן ביידע זאַכן אי אַ גאַנצע מוטער און אי אַ שוועסטער איז דאָך אַן אוממעגלעכקייט. איז ער בדיעבד צופרידן מיט זיין לאַגע, די מוטער זיינע איז פאַר אים הן מוטער און הן שוועסטער.

ער מאַכט אַ באַאָבאַכטונג פון גאָר אַ געוויינטלעכער זאַך. אומעטום באַגעגנען מיר טאָפלקייטן, זוגות, וואָס זיינען מיטאַרבעטנדיק אָדער קעגנ־אַרבעטנדיק. אונדזערע השגות טיילן אַלץ אין צוויי פאַליוסן: מעגלעך און אוממעגלעך, שיין און מיאוס, רעכט און אומרעכט, הייך און נידעריק.

קלוג און נאַריש, יאָ און ניין, רעכט און לינק, טאָג און נאַכט, ליכטיקייט און פינצטערניש, שנעל און פּאַמעלעך, באַוועגונג און שטילשטאַנד.

אפילו אייניקע גלידער קומען פּאָרנווייז: צוויי הענט, צוויי פיס, צוויי אויגן, צוויי אויערן. זיינען זיי ווירקלעך זוגות אָדער זיווגים? איינער אַ נקבה און דער אנדערער אַ זכר? קיין מאַנצביל איז ניט קיין הונדערט פּראָצענטיקער זכר, ער פאַרמאָגט אין זיך אויך ווייבלעכע עלעמענטן. עס האַנדלט זיך בלויז וועגן אריבערצי, ביי די מאַנצבילן וועגן אַריבער די מענלעכע עלעמענטן, ביי פרויענצימער — די ווייבלעכע. אויב אַזוי איז אפשר מעגלעך אַז אונדזערע איברים, וואָס קומען אין פּאָרלעך פאַרטרעטן איטלעכער פון זיי אַן אנדער עלעמענט. דעריבער גלוסט אַ האַנט צו אַ האַנט און זיי דריקן זיך פריינטלעך, זיי רייבן זיך „איינער" אַן דער אַנדערער און האָבן הנאה פון דעם. דאָס איז זייער פאָרם פון באַהעפטונג. דאָס אייגענע קען מען זאָגן וועגן די פיס. זיי האָבן האָלט זיך איבערצופלעכטן, זיך צו קרייצן. און די פינגער צוזאַמען האָבן זיי פינף זיווגים און דערפאַר קלאַמערן זיי זיך איינע אין די אַנדערע. זיי זיינען זיך מזדווג מיט גרויס ליידנשאַפט. אָבער וואָס איז מכוח די צוויי אויגן אין קאָפּ וואָס קענען זיך קיינמאָל ניט צוזאַמענקומען און בענקען כסדר איינס נאָך דאָס אַנדערע. פון דעם קומט אפשר בלינדקייט ביי אייניקע מענטשן. די אויגן קענען ניט אַריבערטראָגן די יסורים פון בענקעניש. דאָס אייגענע קומט פאָר מיט די אויערן. דער פועל־יוצא פון דעם איז טויבקייט.

דער מענטשלעכער קערפּער האָט געדאַרפט זיין געבויט אַזוי אַז אַן אויג מיט אַן אויג און אַן אויער מיט אַן אויער זאָלן זיך קענען צוזאַמענ־קומען פון צייט צו צייט.

בתן האָט מיט אים קיינמאָל וועגן דעם ניט גערעדט, הגם ער האָט פאַרפאַסט פאַר אים תפילות אי צו דעם אויער און אי צום אויג, אי צום פנים און אי צום מויל, און אפילו צו זיין בלוט־שטראָם. שלמה האָט זיי פרום געזאָגט יעדן פאַרטאָג גלייך נאָכן וואַשן זיך.

איצטער ליגנדיק שעפּטשעט ער די תפילות. איבערהויפּט קוויקט ער זיך מיט דעם געבעט צום זאָגן פאַרן לערנען און נאָכן לערנען, און ביי יעדער געלעגנהייט.

אבא השם!
באַשירם מיך, לייז אויס און העלף!
פון שלעכטע מעשים, פון מחשבות זרות היט, באַשיץ
די וואַנדערנדיקע שבטים צוועלף:

די שטונדן פון טאָגטעגלעך האָוועניש, געפּילדער־שפּריץ,
און זייערע חברות, עלנט־פּריינט, אין וואָגלעניש פון גלות,
די שוואַרצע כמורנע שעהן פון דער נאַכט,
אין פּוסטע צייט־פאַרטרייבונג,
אין טויבער שלאָפעניש, אין בלינדער גלוסטעניש, אין לייב־בהלות
אָן־תכליתדיק פאַרטאַכלעוועט, פאַרשמאַכט, —
דערוועק, דערהויב זיי, צי אַרויס פון שאַנד און שמאַך,
פון זיכער זינד, ווי אויך פון חשד־פאַרדאַכט.
נעם זיי אַריין צו זיך אין וואַכזאַם טוגנט־כּרך.
דו ביסט מיין פאַסטעך, שומר חנם, ראַטעווע און העלף
מיין איינציק שעפּסעלע, וואָס ווערט פאַרצוקט פון תאוות־וועלף.

# ב

## שלמה, בת־שבע און די תפילות־אויטאָסוגעסטיעס

דורך דעם מערב טויער זיינען נתן און שלמה אַריין אין דער שטאָט ירושלים.

שלמה איז עקזאַלטירט. ער גייט ווי ער וואָלט געשוועבט און פליגלען וואָלטן אים געטראָגן. ער באַאָבאַכט די שטיינערנע מויערן פון די מאַגנאַטן, די קליינינקע הייזקעלעך צונויפגעליעפּעטע פון ליים מיט זייערע דעכער פון שטרוי. די שטאָט איז געווען איינגעטיילט אין נאַכבארשאַפטן, אין גאַסן און געסעלעך. דאָרט וווּ די רייכע וווינען, וווינען ביט די אָרימעלייט אָדער די בעלי־מלאכות. ער גייט אדורך איין מאַרקפּלאַץ נאָך דעם צווייטן. עס רודערט זיך, מע קויפט און מע פאַרקויפט תבואות, פלאַקס, וואָל, פערד, קי און שעפּסן איינצלנע און גאַנצע טשערעדעס.

ירושלים איז פול מיט מענטשן, איינוווינער און אָנגעקומענע באַזוכער פון דער פּראָווינץ. אַנדערע קומען אויס נייגעריקייט, אַ קוק טאָן אויף די פעסטונגען פון ציון און אויף די מויערן פון די רייכע, זיך באַקענען מיט דעם לעבן פון דער רעזידענץ־שטאָט, פון דער עיר־המלוכה, אַנדערע כדי עפּעס צו איינהאַנדלען אָדער פאַרקויפן, אָדער טאָן ביידע זאַכן, ווידער אַנדערע קומען מיט אַ לאָדעניש אָדער מיט אַ בקשה צום שטרענגן אָבער רעכטפערטיקן קעניג דויד.

שלמה גייט אַדורך די באַזונדערע געסעלעך פון די האַנטווערקער, וואָס זיצן אָדער שטייען ביי זייערע וואַרשטאַטן וואָס געפינען זיך פאַר זייערע שטיבעלעך מיט צוגעבויטע צודעכעלעך. די מלאכות און די בעלי־מלאכות זיינען איינגעטיילט לויט די פאַכן. עס איז פאַראַן אַ שוסטער־געסל, אַ שניידער געסל, א טישלער פלעצל, אַ פאַרבער־געסל, און אויך ליקלעך פאַר די וואָל־וואַשער, קעמער און וועבער און שפינער. עס טראָגט זיך איבער דער גאַנצער שכונה דאָס קלאַפּן פון האַמערס, דאָס זשוזשען פון זעגן. אין אַ באַזונדער פלעצל אָפּגעזונדערט שטייען קוזניעס. שלמה האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך מיט אויפמערקזאַמקייט און פאַרגעניגן צוגעקוקט צו דער אַרבעט פון די געזונטע מוסקלהאַפטע שמידן־יונגן. דער אַנגעגליטער אייזן כאַפּט אַריין פון זייערע האַמערס גאַר געשמאַקע קלעפּ און ער שרייט מיט קולי־קולות, ער מאַכט אַזאַ „ויצעקו" אַזש עס פאַרטויבט די אויערן. און דאָ צישעט ער און העשעט אַז מע גיט אים פּלוצלונג אַ טובל אָפּ אין קאַלטן וואַסער. די קאָוועלס זיינען פאַרוואָרפן מיט מלוכהשע באַ־שטעלונגען. מע פירט כסדר מלחמות און מע פילט אַ שטענדיקן מאַנגל אין געווער. און צו אָט־דעם געקלאַנג און געבריאזג קומט נאָך צו דאָס סאָפּען און כאַרכלען פון די בלאָז־זעק. דאָ אַרבעט מען טאָג און נאַכט אָן אויפהער. מע האַמערט אויס שווערדן, שפּיזן און אויך פאַנצערס פאַר די חיילות פון קעניג דויד.

זיי האָבן באַגריסט באַזונדער פריינטלעך יוחנן נפחא, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען איבערן גאַנצן לאַנד ווי דער בעסטער שווערדן־מאַכער.

שלמה און נתן צעשיידן זיך, יעדער פון זיי פאַרנעמט זיך אין אַן אַנדער ריכטונג.

שלמה: מיין רבי וועט מיר דערלויבן אים קומען זען.

נתן: ביי יעדער צייט וועל איך דיך האָבן זייער גערן.

נתן איז אַוועק צו זיך. שלמה האָט זיך געלאָזן גיין מיט דער הויפּט־גאַס וואָס פירט באַרג־אַרויף צום קיניגלעכן הויז.

שלמה איז אַריין אין דעם פליגל פון הויז ווו זיין מוטער בת־שבע האָט געוווינט. ער איז געקומען אומגעריכט. ער האָט געפונען זיין מוטער מיט צוויי יונגע פרויען. זיי זיינען געווען פאַרטיפט אין לייענען אַ מגילה.

בת־שבע האָט אים דערזען, זי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, זיך פאַררויטלט און צוגעלאָפן צו שלמהן וואָס איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. זי האָט אים פאַרקלעמט אין אירע אָרעמס, געדריקט צום בוזעם, געקושט און געהאַלדזט. די צוויי יונגע פרויען האָבן זיך אויפשנעל אָפּגעזעגנט

און אַרויסגעגאַנגען. זי האָבן ניט געוואָלט שטערן מיט זייער אַנוועזנהייט די באַגעגענעש פון מוטער און זון.

בת־שבע האָט ניט געקענט אַוועקנעמען די אויגן פון שלמהן, איר געראָטענעם זון. זי האָט אים ממש געגאַשט מיט אירע אַנטציקטע בליקן.

— וואָס האָט דיין דערציער געטאָן צו דיר וואָס דו ביסט אַרויסגע־קומען אַזוי פערפעקט, פּראָפּאָרציאָנעל סימעטריש אין דעם גאַנצן געבוי פון דיין קערפּער, דיין יעדער גליד בעט זיך מע זאָל אים צעקושן? — פרעגט בת־שבע קושנדיק אים.

— ער האָט געהאַט כמעט פאַר יעדן גליד ספּעציעלע איבונגען און אויך באַזונדערע תפילות צומוטיקונגען, וואָס האָבן זיי געבעטן וואַקסן און זיי צוגעוווּנטשן זיי זאָלן פונקציאָנירן ווי געהעריק, טאָן זייער אַרבעט בשלימות.

— זייער טשיקאַווע. זיינען די תפילות גוט בלויז פאַר מאַנצפּערשוינען, קענען, אפשר, אויך פרויענצימער זיך באַנוצן מיט זיי? — בת־שבע צע־שמייכלט זיך, — וואָלטן די תפילות געקענט באַהילפיק זיין אין פאַרשענערן אונדזערע ווייבערשע פנימער?

— ליבע מאַמע, דו ביסט אַזוי שיין, אַז דו דאַרפסט ניט זוכן קיינע מיטלען צו מאַכן דיך נאָך שענער ווי דו ביסט. אָבער אַ תפילה־ווּנטש איז אַלע מאָל גוט. נתן האָט מיר געזאָגט אַז מע דאַרף זיבן מאָל אַ טאָג מתפלל זיין, אָבער יעדנפאַלס ניט ווייניקער פון דריי מאָל: פאַרטאָג גלייך נאָכן אויפוואַכן, בין־השמשות און ביידערנאַכט פאַרן איינשלאָפן אויפן געלעגער. אָבער די תפילות קענען זיין גאַנץ קורצע, אויב מע וויל עס מאַכן אויפשנעל.

— זאָג מיר איבער אייניקע פון דיינע תפילות, דו קענסט דאָך זיי מסתמא אויפאויסווייניק, וויבאַלד דו האָסט זיי איבערגעזאָגט עטלעכע מאָל אַ טאָג.

— איך וועל עס טאָן מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן. און מיין לויב דער־וואַרט איך אין דער פאָרם פון אַ דערלויבעניש אַריינצוקוקן אין דער מגילה וואָס דו, מיין ליבע מוטער, מיט די אַנדערע צוויי פרויען האָבן געלייענט מיט אַנטציקונג ווי איך האָב געקאָנט זען פון אייערע געזיכטער.

בת־שבע שווייגט, הפנים קווענקלט זיך צי זי זאָל דערלויבן אים מעיין־זיין אין דער מגילה. שלמה דערקלערט זיך זיין מוטערס אומבאַשלאָסנקייט מיט איר באַשיידנקייט. די מגילה מוז, וואַרשיינלעך, זיין אירע אַן אייגענע פאַרפאַסונג. זי האַלט, אַזוי האָט זי אים געזאָגט בשעת איינעם פון זיינע קורצע באַזוכן אינדערהיים, אַז שאַפן איז אַ זאַך, וואָס דאַרף „געטאָן" ווערן בחדרי־חדרים און געהאַלטן ווערן בסודי־סודות. און דערנאָך דאַרף די

עפונג פאַרשפּרייט ווערן צווישן דעם עולם, אָבער אַז דעם באַגלייט פון מחברס נאָמען. דאָס דאַרף בלייבן זיין סעקרעט, אַ גייסטיקער „מתן בסתר" צו די אָרעמע מענטשנקינדער.

— גוט, איינשטימיק, — זאָגט בת־שבע אַנטשלאָסן. כ׳נעם אָן דיין באַדינג.

שלמה שטעלט זיך אויף, מאַכט צו די אויגן און זאָגט אָפּ מיט אַ לייכטן צוזינג די תפילה. —

צו מיין פנים

בת־שבע איז ממש אַנטציקט. זי רופט זיך אָפּ:

— וואונדערבאַר! אַ טייער געבעט! פאַר מיר, מיין זון, וועסטו עס אי־בערשרייבן און איך וועל זיך עס איינחזרן. אַז מע איז יונג ווי דו, דאַרף מען עס ניט אַזוי דרינגלעך, סיידן מע נעמט זיך באַצייטנס גרייטן צו באַגעגענען דעם עלטער, וואָס וועט ערשט נאָך פילע יאָרן אָנקומען, און זעמאָלט וועט מען אָט־דעם געוווער נויטיק דאַרפן האָבן. דעם מענטשנס טעמפּל, וואָס הייסט אין איינפאַכן לשון גוף, פאָדערט אַ היפּש ביסל רעמאָנט, ווען מע נעמט זיך רוקן צו די עלטערע יאָרן. און אַזעלכע תפילות טוען אויף אַ סך. זיי זיינען אַ וויכטיקער טייל פון רעמאָנט... די ערגסטע אָנשי־קענישן אויפן פנים, פון וועלכע עס איז שווער זיך אויסצוהיטן און כמעט אוממעגלעך אויסצומיידן, זיינען די קנייטשן און קאַרבן, וואָס צעאַקערן אונדזער געזיכט און פאַרזייען דאָרט די דערנער און שטעכעלקעס פון אַלט־קייט, השם זאָל אונדז פון זיי אויסהיטן. שלמה, מיין זון, אַז זקנה נעמט אונטערקומען, הויבן די אויגן אָן אַביסל אונטערצופאַלשעווען אין זייער שליחות, און די אויערן פאַרקוקן זיך אויף זיי און בעמען זיך אונטערפוילן צו טאָן זייער אַרבעט. האָט דיר נתן געגעבן תפילות אויך פאַר זיי, פאַר אָט־די בעלי־מלאָכות, וואָס אַ וואָרט פון דערמוטיקונג וואָלט ביי זיי געווען אָנגעלייגט?

— זיכער האָט ער אין זיי ניט פאַרגעסן. ווילסטו, מיין ליבע מוטער איך זאָל זיי פירזאָגן פאַר דיר?

— טו עס, מיין טייערער זון.

— אָבער דידאָזיקע תפילות שטייגן הויך, זיי שטעלן גאָר גרויסע פאָ־דערונגען, הגם זיי פאַרגעסן ניט אויך די איינפאַכע ביי דער ערד־ליגנדיקע פונקציעס זייערע.

— לייען עס מיר פאָר און שפּעטער צו וועסטו זיי מיר געבן אין געשריפט. מיינע חושים־האַנטווערקער נויטיקן זיך שוין אין אַ וואָרט פון

דערמוטיקונג... מע דאַרף זיי צוגעבן חשק זיי זאָלן אָנגיין מיט זייער וויכטיקער אַרבעט.

שלמה זאָגט פֿרום פֿאַרדביקהט די תּפֿילה „צו מיין אויער". זיין שטים איז קלאַנגפֿול און זיין חיתּוך־הדיבור קלאָר און שאַרף.

בת־שבע: נתן דער נביא, פֿאַרלאַנגט שוין גאָר אַ סך פֿון אונדזער נעבעכדיקן חוש־השמיעה. כּדי אונדזער געהער זאָל זיך אויפֿהויבן צו אַזאַ מדרגה וואָלט זיך געפֿאָדערט ווי אַ פֿאַרבאַדינג אַז דער מענטשלעכער קערפּער זאָל זיך אינגאַנצן איבערבויען אויף נייע יסודות. מע קען דאָך ניט צולאָזן אַז איין פֿעיִקייט זאָל אַוועק אַזוי וויט פֿאָרויס און די איבעריקע פֿעיִקייטן, אירע חבֿרטעס, זאָלן בלייבן אַזוי הינטערשטעליק. עס מוז אָנגעהאַלטן ווערן אַ געוויסע האַרמאָניע צווישן אַלע מענטשלעכע כּשרונות. ס טאָר ניט קומען צו קנאה־שנאה צווישן די חושים. זיי אַלע מוזן זיך האַלטן אויף אַ געוויסער שטופֿע.

אָבער אַז מע פֿאָדערט פֿון אויער אַ סך, וועט ער מיט עפּעס נאָכקומען. אינגאַנצן זיך ניט ווײַסנדיק מאַכן פֿון מענטשנס, זיין באַלעבאָס, געבעט וועט ער ניט קענען. ער וועט פּשוט ניט מעיז־זיין. אָבער כּדי ער זאָל קענען נאָכקומען אָט־די אַלע פֿאָדרונגען וואָלט אים, דעם אויער, דאַרפֿן נעמען אָן אַ שיעור צייט.

שלמה: מיין רבי, איז דאָך אַ נביא, זעט ער די גאָר וויטע צוקונפֿט. און ווען מיר וועלן בעטן דעם אויער מיט גוטן, מיט תּחנונים, טאָג איין טאָג אויס אַז ער זאָל זיך אַריבערשטייגן כּמה וכמה מאָל, וועט ער עס טאָן, ווי אַ געפֿעליקייט. ער קען אונדז ניט אָפּזאָגן, כאָטש ער קען גלייך־אויפֿנאָרט ניט צוזאָגן. אין די גאָר וויטע ווייטקייטן פֿון צייט איז אַלץ מעגלעך.

בת־שבע: לייען מיר פֿאָר די תּפֿילה צום אויג און מיר וועלן זען ווי וויט און ווי הויך נתן גייט אין איר אַוועק, ווי שטאַרק זיין פֿאַרשטעיונגסקראַפֿט איז. הגם אין לעבן איז ער, אָט־דער צוקונפֿט־זעער, אַ מענטש מיט אַ געזונטן חוש פֿאַר דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט. — זי מאַכט אַ קורצע פּויזע.

צו זאָגן דיר דעם אמת, איך באַוווּנדער דיין זכּרון, וואָס דו געדענקסט אַזעלכע לאַנגע תּפֿילות אויפֿאויסווייניק.

שלמה: אַלע געדענקן אויפֿאויסווייניק די תּפֿילות וואָס זיי חזרן איבער עטלעכע מאָל אין משך פֿון מעת־לעת. לכתּחילה האָב איך געזאָגט די תּפֿילות פֿון אַ קליין „סידורל", וואָס נתן האָט פֿאַר מיר צוגעגרייט, דערנאָך האָב איך

געגומען מתפלל זיין איסוויניק, מיין זכרון איז אַ גאַנץ געוויינטלעכער.

שלמה איז מתפלל די תפילה „צו מיין אויג". ער זאָגט עס מיט טיפער כוונה, אריינדרינגנדיק אין דעם מיין פון יעדן זאַך.

בת־שבע: די תפילה איז ווי יעקבס לייטער. זי הויבט אָן גאָר נידעריק, שטייגט אָבער, ביים ענד, אַרויף צום זיבעטן הימל. זי פאַנגט אָן גאָר ז אַ כ ל ע ך, מיט אינסטרוקציעס צום אויג און גייט איבער צום ז י ך, וואָס איז מיר ניט אינגאַנצן פאַרשטענדלעך.

שלמה: ליבע מוטער, אויב דו ווילסט אַ געבעט וואָס רעדט דורכאויס „צו דער זאַך", גיט פראַקטישע אָנווייזונגען און פאַרלאַנגט דאָס דערגרייכבארע און דורכפירבאַרע אפילו היינט צוטאָג, וועל איך דיר פירזאָגן די תפילה „צו מיין מויל".

בת־שבע: טו עס, מיין זון, אויב איך האָב דיך נאָך ניט אויסגעמאַטערט.

שלמה זאָגט מיט דביקות און התלהבות די תפילה. ער וויל אז יעדעס וואָרט זאָל זיך אים אריינקריצן ממש אין זיין עצם מהות, אזוי אז ער זאָל די געשטעלטע פאָרדערונגען נאָכקומען מיט אַלע דיקדוקים.

בת־שבע: דאָס איז גאָר אַ פערל. פשוטע זאַכן וואָס אַלע ווייסן. און דאָך פאַרגעסט מען עס אַזוי אָפט מע דאַרף עס טאַקע איבערזאָגן עטלעכע נאָל א טאָג אַזוי אַז אָט־די זיטן בנוגע אונדזער מויל, זאָלן ווערן טיף אריינגעקארבט אין אונדזער זעל און ווערן אַ טייל פון אונדזערע אינסטינקטן.. אַצונד זע איך באַשייַנפערלעך אַז איך האָב זיך ניט טועה געווען, ווען איך האָב נתנען אויסגעקליבן פאַר אַ רבין און מדריך פאַר דיר, מיין ליבער זון. נתן הנביא איז אַ מענטש מיט אַ גאָר גרויסן כח הדמיון. ער פאַרלאַנגט זייער אַ סך פון מענטשנס כשרונות. און אז דער מעטש וועט פון זיך אסך פאדערן, וועט ער זיך געבן אַ היפש ביסל.

שלמה: און איצט, ליבע מוטער, פאַרלאַנג איך מיין צוגעזאָגטן שכר. איך וועל לייענען מיט גרויס פארגעניגן דיין פארפאסונג.

בת־שבע: די מגילה האָב איך ניט פארפאַסט. לכתחילה האָב איך גאָר ניט געוואָלט אַז דו זאָלסט זיך מיט דער דאָזיקער שריפט באַקענען. עס אַנטהאַלט, אַזוי צו זאָגן, א פרויען־געהיימעניש. אָבער איך וועל דערפילן דיין ווונטש, ווייל ווען איך זאָג דיר אָפּ, וואָלט עס רייצן דיין נייגעריקייט. און דו וועסט זיך פארשטעלן אז איך פארבאהאלט פון דיר אַ גרויסן סוד.

פון די ידיעות וואָס נתן הנביא פלעגט מיר צושיקן פון צייט צו צייט ווייס איך אז דו האָסט זיך, מיט זיין הילף און אונטער זיין השגחה, באקענט מיט אייניקע פאַרצייטיקע מגילות, וואָס זיינען ניט באַקאַנט צווישן דעם ברייטערן

עולם. דעריבער ווערסטו קענען אַן שאָדן, אַראָפּשלינגען און פֿאַרדײַען אויך אַט־די מגילה פֿון ײדישער חכמה. עס וועט דיר העלפֿן אויסרונדיקן דײַן באַנעם. אָבער כאַפּ זיך ניט אַרויס מיט אַ וואָרט וועגן דעם, ניט צו דײַן קערפּערלעכן פֿאָטער און ניט צו דײַן גײַסטיקן. האַלט עס בסוד און אונטער קיינע אומשטענדן זאָלסטו עס ניט אַנטפּלעקן צו קיינעם אין משך פֿון דײַן גאַנצן לעבן.

שלמה: ליבע מוטער, איך גיב דיר מײַן הן־צדק, אַז וועגן דער מגילה וועל איך מיט קיינעם ניט ריידן אַפֿילו זיך ניט דערלויבן אַ וואָרט אָדער אַ ווונק געבן וועגן איר פֿאַראַנען־זײַן.

בת־שבע: מרים האָט באַקומען די תורה אויפֿן באַרג סיני פֿון יהוה (איכזיערזי) און זי האָט עס איבערגעגעבן צו דבורהן, און דבורה האָט עס איבערגעגעבן צו חנה, און חנה האָט עס איבערגעגעבן צו די זקנות, און פֿון איינער פֿון די לעצטע זקנות האָב איך עס געקראָגן. איך בין פֿאַרפּליכט עס איבערצוגעבן צו מײַן טאָכטער, אָבער אַזוי ווי איך האָב ניט קיין טאָכטער, זוך איך צווישן מײַנע פֿרײַנדינס איינע וואָס איז ראוי עס צו באַקומען.

נאָך אַט־דער קורצער הקדמה, קענסטו, מײַן זון, לייענען די מגילה.

דו לייען אויפֿן קול און איך וועל נאָכפֿאָלגן דעם טעקסט מיט די אויגן און אויפֿנעמען דאָס געלייענטע מיט מײַנע וואַכזאַמע אויערן.

# 4

## תורת מרים

## בראשית — אָנפֿאַנגשאַפֿט

*שלמה לייענט:*

א'.

די אָנפֿאַנגשאַפֿט האָט געבוירן צוועכצן (אלהים), די ערד און דעם הימל. און די ערד איז געווען וויסט און לער און אַ פֿינצטערניש איז געלעגן אויף דעם געזיכט פֿון גרונטלאָזיקייט; און די גײַסטיקייט פֿון צוועכצן שוועבט איבער דעם געזיכט פֿון די וואַסערנישן. האָט צוועכצן געזאָגט: „עס זאָל זיך זיכן אַ ליכטיקייט!" און עס האָט זיך געזיכט אַ ליכטיקייט. האָט צוועכצן געזען, אַז די ליכטיקייט איז גוט, האָט צוועכצן פֿאַנאַנדערגעשיידט

צווישן דער ליכטיקייט און צווישן דער פינצטערניש. האָט צועכצן גערופן די ליכטיקייט „טאָג“ און די פינצטערניש האָט זי גערופן „נאַכט“. עס האָט זיך געזיכט אַן אָוונט און עס האָט זיך געזיכט אַ פרימאָרגן — איין טאָג־ציילונג.

האָט צועכצן געזאָגט: עס זאָל זיך זיכן אַן אויסשפרייטעכץ אין מיטן פון די וואַסערנישן און זי זאָל זיין אַ פאַנאַנדערשיידערין צווישן די וואַסערנישן און וואַסערנישן. האָט צועכצן געמאַכט די אויסשפרייטעכץ און האָט פאַנאַנדערגעשיידט צווישן די וואַסערנישן, וואָס אונטער דער אויסשפרייטעכץ, און די וואַסערנישן, וואָס איבער דער אויסשפרייטעכץ; און עס איז געוועזן אַזוי. האָט צועכצן גערופן די אויסשפרייטעכץ — הימל. און עס האָט זיך געזיכט אַן אָוונט, און עס האָט זיך געזיכט אַ פרימאָרגן, — אַ צווייטע טאָג־ציילונג.

האָט צועכצן געזאָגט: „עס זאָלן איינגעזאַמלט ווערן די וואַסערנישן פון אונטער דעם הימל אין איין פּלאַץ, און עס זאָל זיך באַווייזן די טריקעניש. און עס איז געוועזן אַזוי. האָט צועכצן גערופן די טריקעניש ערד, און די צעזיפזאַמלונג פון די וואַסערנישן האָט זי גערופן ימען. האָט צועכצן געזען, אַז עס איז גוט. האָט צועכצן געזאָגט: עס זאָל די ערד אַרויסגראָזן גראָזעכץ, קרייטעכץ, וואָס זאָמענט זריעה, פּרוכט, בוים־פלאַנץ, וואָס מאַכט פּרוכטונג לויט איר גאַטונג, וואָס איר זריעה איז אין איר אויף דער ערד. און עס איז געוועזן אַזוי. האָט די ערד אַרויסגעבראַכט גראָזעכץ, קרייטעכץ, וואָס זאָמענט זריעה לויט נאָך איר גאַטונג, און אַ בוים־פלאַנץ, וואָס מאַכט פּרוכטונג, וואָס איר זריעה איז אין איר לויט־נאָך איר גאַטונג. האָט צועכצן געזען, אַז עס איז גוט. עס האָט זיך געזיכט אַן אָוונט און עס האָט זיך געזיכט אַ פרימאָרגן, — אַ דריטע טאָג־ציילונג.

האָט צועכצן געזאָגט: „עס זאָלן זיך זיכן לייכטענישן אין דער אויסשפרייטעכץ צווישן דעם טאָג און צווישן דער נאַכט, און זיי זאָלן זיין פאַר צייכענישן און פאַר צייטן, פאַר טאָג־טיילונגען און יאָרן־ציילונגען; און זיי וועלן זיין פאַר לייכטענישן אין דער אויסשפרייטעכץ פון דעם הימל צו לייכטן אויף דער ערד“. און עס איז געוועזן אַזוי. האָט צועכצן געמאַכט די צווי גרויסע לייכטענישן: די גרעסערע לייכטעניש פאַר דער געוועלטיקונג פון דעם טאָג, און די קלענערע לייכטעניש פאַר דער געוועלטיקונג פון דער נאַכט און די אויסשטערונגען. האָט צועכצן זיי אַריינגעפּאַסט אין דער אויסשפרייטעכץ פון הימל צו לייכטן אויף דער ערד און צו געוועלטיקן איבער דעם טאָג און איבער דער נאַכט און פאַנאַנדערצושיידן

צווישן דער ליכטיקייט און דער פינצטערניש. האָט צועכצן געזען אַז עס איז גוט אַזוי. עס האָט זיך געזיכט אַן אָוונט און עס האָט זיך געזיכט אַ פרימאָרגן — אַ פערטע טאָג־ציילונג.

האָט צועכצן געזאָגט: „עס זאָלן די וואַסערנישן ווידמען אַ ווידמענונג פון א לעבעדיקער זעל, און געפויגל זאָל פליען אויף דער ערד, אויף דעם געזיכט פון הימל־אויסשפרייטעכץ". האָט צועכצן געבוירן די גרויסע ים־חיות און יעטווידע לעבעדיקע זעל, וואָס קריכט, וואָס די וואַסערנישן האָבן געווידמעט לויט־נאָך זייערע גאַטונגען און יעטווידן געפויגל לויט־נאָך זיין גאַטונג. האָט צועכצן געזען, אַז עס איז גוט אַזוי. האָט צועכצן געבענטשט זיי, אַזוי צו זאָגן: פרוכפערט זיך און מערט זיך און פילט אַן די וואַסערנישן אין די ימען, און געפויגל זאָל זיך מערן אויף דער ערד. עס האָט זיך געזיכט אַן אָוונט און עס האָט זיך געזיכט אַ פרימאָרגן — פינפטע טאָג־ציילונג.

האָט צועכצן געזאָגט: „זאָל די ערד אַרויסברענגען אַ לעבעדיקע זעל לויט־נאָך איר גאַטונג. אַ בהמה, אַ קריכעניש און אַן ערד־חיה לויט־נאָך איר גאַטונג. און עס איז געווען אַזוי. האָט צועכצן געמאַכט די ערד־חיה לויט־נאָך איר גאַטונג, און די גאַנצע ערד־קריכעניש לויט־נאָך איר גאַטונג. האָט צועכצן געזען, אַז עס איז גוט אַזוי. האָט צועכצן געזאָגט: „לאָמיר מאַכן אַ מענטשיכע אין אונדזער געשטאַלט, לויט נאָך אונדזער גלייכעניש און זי זאָל געוועלטיקן איבער די פיש פון ים, און איבער דעם געפויגל פון הימל, און איבער דער בהמה, און איבער דער גאַנצער ערד, און איבער יעדער קריכעניש, וואָס קריכט אויף דער ערד. האָט צועכצן געבוירן די מענטשיכע אין איר געשטאַלט, אין געשטאַלט פון צועכצן האָט זי זי גע־בוירן, אַ נקבה און אַ זכר האָט זי זיי געבוירן. האָט צועכצן זיי געבענטשט, און צועכצן האָט געזאָגט צו זיי: „פרוכפערט אייך, מערט אייך און פילט אַן די ערד און באַצווינגט זי, און געוועלטיקט איבער די פיש אין ים, און איבער דעם געפויגל פון הימל, און איבער יעטווידער חיה, וואָס קריכט אויף דער ערד". האָט צועכצן געזאָגט: „זעט, איך האָב אייך געגעבן יעט־ווידע גראָזעכץ, וואָס זאָמענט זריעה, וואָס אויף דעם געזיכט פון דער גאַנצער ערד, און יעטווידע בוימפלאַנץ, וואָס אין איר איז פאַראַן בוים־פרוכטונג, וואָס זאָמענט זריעה, פאַר אייך זאָל עס זיין צום עסן. און פאַר יעטווידער קריכעדיקער אויף דער ערד, וואָס האָט אין זיך אַ לעבעדיקע זעל, דאָס גאַנצע גרינגראָזעכץ צום עסן". און עס איז געווען אַזוי. האָט צועכצן געזען, אַז אַלץ וואָס זי האָט געמאַכט ערשט עס איז זייער גוט. עס האָט זיך גע־

זיכט אַן אָונט און עס האָט זיך געזיכט אַ פרימאָרגן — די זעקסטע טאָג־ציילונג.

## ב׳

אַזוי זיינען פאַרענדיקט געוואָרן דער הימל און די ערד און זייער אויסשטאַטונג. האָט צועכצן געענדיקט אין די זיבן טעג איר ארבעט, וואָס זי האָט געטאָן. און זי האָט גערוט אויף דעם זיבעטן טאָג פון איר גאַנצער אַרבעט, וואָס זי האָט געטאָן. האָט צועכצן געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט, וואָרעם אין אים האָט זי גערוט פון איר גאַנצער אַרבעט, וואָס צועכצן האָט געבוירן, ווי געמאַכט. דאָס זיינען די געבוירעכישן פון הימל און ערד, ווי זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין דעם טאָג, ווען איכזיערזי צועכצן האָט געמאַכט ערד און הימל.

און קיין פלאַנץ פון פעלד איז נאָך ניט געווען אויף דער ערד און קיין גראָזעכץ פון געמייזעכץ האָט נאָך ניט געשפראָצט, וואָרעם איכזיערזי צועכצן האָט ניט געמאַכט רעגענען אויף דער ערד און קיין מענטשיכע איז ניט געווען צו באַארבעטן די ערד נאָר נעפל פלעגט אויפגיין פון דער ערד און פלעגט אָנטרינקען דעם גאַנצן געזיכט פון דער ערד. האָט איכזיערזי צועכצן געפורעמט די מענטשיכע פון שטויב פון דער ערד, און האָט אַריינ־געבלאָזן אין אירע נעזלעכער אַן אָטעמצוג פון לעבעדיקייט, און די מענ־טשיכע איז געוואָרן אַ לעבעדיקע זעל. איכזיערזי צועכצן האָט געפלאַנצט אַ גאָרטן אין עדן, אין מזרח־זייט, און דאָרטן אַריינגעזעצט די מענטשיכע, וואָס זי האָט געפורעמט. איכזיערזי צועכצן האָט געמאַכט שפּראָצן פון דער ערד אַלערליי בוימפלאַנצונגען, אַ פאַרגעניגן אָנצוקוקן און געשמאַק צום עסן, אויך די בוימפלאַנץ פון לעבן אין מיטן גאָרטן, און די בוימפלאַנץ פון וויסן גוטסקייט און שלעכטסקייט. און אַ וואַסער־אויסגיסונג איז אַרויס־געגאַנגען פון עדן אָנצוטרינקען דעם גאָרטן, און פון דאָרטן האָט ער זיך צעשיידט און איז געוואָרן פיר איינטיילונגען. איכזיערזי צועכצן האָט גענומען די מענטשיכע און האָט זי אַריינגעזעצט אין גאָרטן פון עדן, אים צו באַאַרבעטן און אים צו היטן.

איכזיערזי האָט אָנגעזאָגט די פרוי, אַזוי צו זאָגן: „פון אַלע בוימ־פלאַנצן פון גאָרטן מעגסטו עסן, אָבער פון דער בוימפלאַנצונג פון וויסן גוטסקייט און שלעכטסקייט, פון איר זאָלסטו ניט עסן, וואָרעם אין דעם טאָג, ווען דו וועסט עסן פון איר, שטאַרבן וועסטו שטאַרבן״.

איכזיערזי האָט געזאָגט: „עס איז ניט גוט די מענטשיכע זאָל זיין אַליין, איך וועל איר מאַכן א געהילף קעגן איר". איכזיערזי האָט געפורעמט פון דער ערד אַלערליי חיות פון פעלד און אַלערליי פייגלען פון הימל, און געבראַכט זיי צו דער מענטשיכע צו זען, וואָס זי וועט זיי רופן, און וואָס נאָר די מענטשיכע וועט רופן איטלעך לעבעדיקע זעל, דאָס זאָל זיין איר אָנרופעניש. האָט די מענטשיכע געגעבן אָנרופענישן פאַר אַלע בהמות און פאַר דעם געפויגל פון הימל און פאַר אַלע חיות פון פעלד, אָבער פאַר דער מענטשיכע האָט זי ניט געפונען קיין געהילף קעגן איר. האָט איכזיערזי צועכצן געלאָזט פאַלן אַ פאַרשלעפעניש אויף דער מענטשיכע, און זי איז איינגעשלאָפן. איכזיערזי צועכצן האָט אַרויסגענומען איינע פון אירע ריפּן און האָט פאַרשטאָפּט דעם פלאַץ מיט פלייש. איכזיערזי צועכצן האָט געבויט פון דער ריפּ, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון דער פרוי און געמאַכט פון איר א מענטש און געבראַכט אים צו דער מענטשיכע. האָט די מענטשיכע געזאָגט: דאָס מאָל איז עס אַ ביין פון מיינע ביינער און פלייש פון מיין פלייש. דער דאָזיקער זאָל גערופן ווערן מאַן (איש), ווייל פון אַ פרוי (אשה) איז גענומען געוואָרן דערדאָזיקער. דעריבער פאַרלאָזט אַ מאַן זיין פאָטער און זיין מוטער און באַהעפט זיך אין זיין ווייב און זיי ווערן איין לייב. זיי זיינען ביידע געווען נאַקעט, די פרוי און איר מאַן, און זיי האָבן זיך ניט געשעמט.

### ג׳

און די שלאַנג איז געווען ליסטיקער פון אַלע חיות פון פעלד, וואָס איכזיערזי צועכצן האָט געמאַכט, און זי האָט געזאָגט צו דעם מאַן:

— און אַז צועכצן האָט געזאָגט, אַז איר טאָרט ניט עסן פון קיין בוים פון גאָרטן?

האָט געזאָגט דער מאַן צו דער שלאַנג:

— פון די פרוכט פון גאָרטן מעגן מיר עסן, נייערט פון דער פרוכט פון דעם בוים, וואָס איז אין מיטן גאָרטן האָט צועכצן געזאָגט: „איר זאָלט דערפון ניט עסן, און איר זאָלט זיך צו אים ניט צורירן, אַנישט וועט איר שטאַרבן".

האָט די שלאַנג געזאָגט צו דעם מאַן:

— שטאַרבן וועט איר ניט שטאַרבן, נייערט צועכצן ווייסט, אַז אין

דעם טאָג וואָס איר וועט עסן פון דעם, וועלן זיך עפענען אייערע אויגן און איר וועט זיין אַזוי ווי צועכצן צו וויסן גוטס און שלעכטס.

האָט דער מאַן געזען, אַז דער בוים טויג זיך צום עסן און אַז ער איז אַ געלוסטונג פאַר די אויגן, און דער בוים איז אַ פאַרגעניגן אָנצוקוקן, און ער האָט גענומען פון זיין פרוכט און האָט געגעסן. און ער האָט אויך געגעבן זיין ווייב מיט אים, און זי האָט געגעסן. און זייערעביידנס אויגן האָבן זיך געעפנט, און זיי האָבן געוווסט, אַז זיי זיינען נאַקעט, האָבן זיי גענייט פייגנבלעטער און זיי האָבן זיך געמאַכט גאַרטלען.

זיי האָבן געהערט דעם קול פון איכזיערזי צועכצן, ווי זי גייט אַרום אין גאַרטן אין דער קילקייט פון טאָג. און די פרוי און איר מאַן האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן פאַר איכזיערזי צועכצן צווישן דיביימער פון גאַרטן. האָט איכזיערזי צועכצן גערופן צו דער פרוי און האָט צו איר געזאָגט:

— ווו ביסטו?

האָט זי געענטפערט:

— איך האָב געהערט דיין קול אין גאַרטן, און איך האָב זיך געשעמט, ווייל איך בין נאַקעט, האָב איך מיך באַהאַלטן.

האָט איכזיערזי צועכצן געזאָגט:

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז דו ביסט נאַקעט? האָסט געגעסן פון דעם בוים, וואָס איך האָב דיך באַפעלן ניט צו עסן פון אים?

האָט די פרוי געזאָגט:

— דער מאַן, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, ער האָט מיר געגעבן פון דער פרוכט פון בוים, און איך האָב געגעסן.

האָט איכזיערזי צועכצן געזאָגט צו דעם מאַן:

— וואָס האָסטו געטאָן?

האָט דער מאַן געזאָגט:

— די שלאַנג האָט מיך איינגערעדט און איך האָב געגעסן.

האָט איכזיערזי צועכצן געזאָגט צו דער שלאַנג:

— ווייל דו האָסט עס געטאָן, זאָלסטו זיין פאַרשאָלטן פון צווישן אַלע בהמות, און פון צווישן אַלע חיות פון פעלד; אויף דיין בויך זאָלסטו גיין און שטויב זאָלסטו עסן אַלע דיינע טעג פון דיין לעבן. און אַ פיינטשאַפט וועל איך מאַכן צווישן דיר און דעם מאַן און צווישן דיין זאָמען און צווישן זיין זאָמען. ער וועט דיר פּלעטן דעם קאָפּ און דו וועסט אים בייסן די טריט.

און צו דער פרוי האָט זי געזאָגט:

— מערן וועל איך דיין מאַטערניש און דיין שוואַנגערשאַפט. און ווייל

דו האָסט געפּאַלגט דעם מאַן, וועסטו מיט ווייטאָקן געבוירן קינדער און צו דיין מאַן וועט זיין דיין געלוסטונג און דו וועסט הערשן איבער אים.

צו דעם מאַן האָט זי געזאָגט:

— וויל דו האָסט געפּאָלגט די ביטרע שלאַנג און געגעסן פון דעם בוים, וואָס איך האָב דיך באַפּעלן: זאָלסט פון אים ניט עסן, זאָל די ערד זיין פאַרשאָלטן צוליב דיר. מיט האָרעוואַניע וועסטו זיך שפּייזן פון איר אַלע טעג פון דיין לעבן. און דערנער און שטעכעלקעס וועט זי דיר מאַכן שפּראָצן און דו וועסט עסן די קרייטעכער פון פעלד. מיט דעם שוייס פון דיין געזיכט וועסטו עסן ברויט.

און צו דער פרוי האָט זי ווידער געזאָגט:

— פון דער ערד ביסטו גענומען געוואָרן, וואָרעם שטויב ביסטו און צו שטויב וועסטו זיך אומקערן, דיין מאַן און דיינע קינדער.

און דער פרוי האָט צועכצן אַ נאָמען געגעבן חוה, וויל זי איז די מוטער פון אַלדאָס לעבעדיקע.

האָט איכזיערזי צועכצן געמאַכט פאַר חוהן און איר מאַן העמדער פון פעל און זי האָט זיי אָנגעקליידט.

האָט איכזיערזי געזאָגט:

— זע, די פרוי איז געוואָרן ווי אונדזער גלייכן צו וויסן פון גוטסקייט און שלעכטסקייט, און אַצינד קען זי נאָך זי אויסשטרעקן איר האַנט און נעמען אויך פון בוים פון לעבן, און זי וועט עסן, און לעבן אייביק.

האָט איכזיערזי צועכצן זי ארויסגעשיקט פון דעם עדן־גאָרטן צו באַ־אַרבעטן די ערד; און זי האָט אַרויסגעטריבן די פרוי און האָט אריינגעזעצט פון מזרח־זייט פון דעם עדן־גאָרטן די כרובים און די שאַרף פון שווערד וואָס דרייט זיך, צו היטן דעם וועג צום בוים פון לעבן.

שלמה האָט פאַרענדיקט לייענען די ערשטע דריי פרשות פון ספר בראשית און האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אָנגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן אויף זיין מוטער.

בת־שבע: מיין זון, אין דערדאָזיקער מגילה ווערן די געשעענישן פאַרציילט גאָר אַנדערש. די מגילה נעמט אַראָפּ דעם שענדלעכן בלבול וואָס די מאַנצביל האָבן געמאַכט אויף אונדז, פרויענצימער, אַז מיר האָבן כלומרשט געבראַכט דעם גרויסן אומגליק אויף דער מענטשהייט, נעמלעך, אַז מיר האָבן גורם געווען דעם טויט, דאָס איז אַן אומפאַרגעבלעכע רכי־לות־אויסטראַכטעניש אויף אונדז.

שלמה: מיין ליבע מוטער, איך בין אַזוי איבערוועלטיקט פון דאָס

געלייענטע אין אָט־דער ווייבערשער הייליקער שריפט, אַז איך ווייס ביט, אויפֿן מאָמענט וואָס צו זאָגן. איך מוז עס באַטראַכטן, אַרויפֿנעמען אויף די כלים.

בת־שבע: ווי שיקט זיך עס, אַז די פֿרוי זאָל געבוירן ווערן שפּעטער פֿון מאַן, און זי זאָל גאָר אַרויסקומען פֿון אים, אַרויסגעשניטן ווערן פֿון זיינעם אַ ריפּ. איז דאָס נאָך ווייניק דערנידערונג, האָבן די מאַנצביל צוגעטראַכט אַ הימל־שרייענדיקן ליגן, אַז די פֿרוי איז די הויפּט שולדיקע אין ברענגען דעם טויט. אָט־דעם ליגן האָבן זיי, די רכילותניקעס, די אומ־פֿאַרשעמטע באַרײדער און באַשמוצער פֿון פֿרויענשאַפֿט אַריינגעשריבן אין דער הייליקער שריפֿט. עס איז לייכט איינצוזען אַז די מעשה ווי זי ווערט דערציילט אין תורת משה איז אַ פֿעלשונג געמאַכט מיט אַ ביזיער כוונה צו באַשולדיקן די פֿרוי, וואָס איז דער קוואַל פֿון לעבן, אַז זי איז גאָר די ברענגערין פֿון טויט.

*שלמה*: איך בין אַזוי איבערראַשט אַז איך פֿיל זיך אַזש צעטומלט, און אויף דעם מאָמענט קען איך ניט זאָגן צי נוסח משה איז דער ריכטיקער צי נוסח מרים איז דער ריכטיקער. מיין רבי, נתן האָט מיר געלייענט אַ מגילה פֿון אַדמען אין וועלכער עס ווערט געגעבן די מעשה וועגן פֿלאַנצן דעם בוים פֿון וויסן גוט און שלעכטס, ד.ה. לעבן און טויט. און ער האָט מיר דערקלערט, אויפֿוויפֿל דער מענטשלעכער פֿאַרשטאַנד קען באַנעמען אָט־די געהיימנישן פֿון דאַזיין, די מיסטעריע פֿון טויט, אויף אַ גאָר טיפֿזיניקן אופֿן, וואָס האָט ניט קיין שום שייכות צו דער פֿראַגע וועגן דער אויבערהאַנט פֿון דער פֿרויענשאַפֿט אָדער מאַנצבילשאַפֿט...

בת־שבע (האַקט אים איבער): מיין זון, איך האָב געלאָזט וויסן דעם קיניג דוד, אַז דו ביסט געקומען און ער האָט געשיקט אַ שליח נאָך דיר. גיי מיט אים, מיין זון.

*שלמה* האָט זיך צעקושט מיט בת־שבען און איז אַרויס נאָכפֿאָלגנדיק דעם שליח וואָס איז געווען דודס אַ לייבגוואַרדייער, איינער פֿון די כרתי־ופּלתיניקער. ער איז געווען באַוואָפֿנט מיט אַ שפּיז און האָט געטראָגן אַ רונד היטל מיט אַ מגן־דוד אויסגענייט אויף אים.

# 5

## יונג און אלט באַגעגענען זיך

שלמה איז אַרויף אויפן הר ציון, אַריין אין מצודת דויד, צוגעקומען צום קעניגס פּאַלאַטע וואָס איז אויך געווען דער פּלאַץ פון אויבערגעריכט. דאָס הויז איז געווען געבויט פון ניט־אָרומגעטשעטע קלעצער, און דער פּאַסאַד באַדעקט מיט צעדערבוים־ברעטער. דער בנין איז אַן איינשטאָקיקער אָבער פאַרזען מיט טורעמס אויף אַלע פיר עקן. דאָ זיינען געשטאַנען אויף קליינע פּלאַטפאָרמעס קוקערס.

שלמה איז אַריין אין לאַנגן קאָרידאָר, אין וועלכן ער האָט באַגעגנט זעלנער אין פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע הלבשות. דער יואָך חייל וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אַ דערבייאיקער קאַזאַרמע איז רעקרוטירט געוואָרן פון פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן וואָס דויד האָט באַזיגט אין די מלחמות וואָס ער האָט געפירט קעגן זיי און האָט גענומען פון זיי געפאַנגענע.

שלמה האָט זיך אַ קער געטאָן צורעכטס, צוגעקומען צו אַ טיר וואָס איז באַוואַכט געוואָרן פון צוויי באַוואָפנטע אנשי־חייל. זיי האָבן אים דורכגעלאָזן, ניט פרעגנדיק אים קיינע פראַגעס. זיי האָבן הפנים אים דערקענט. ער איז אַריין. אין גערוימען צימער איז קיינער ניט געווען. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר פונאינעווייניק אַביסל אַ געשראָקן, אַביסל אומגעדולדיק. ער ציילט די מינוטן. ער וויל זען דעם פּאָטער קעניג נאָך יאָרן פון זיין אַוועק. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער וואַנט. ער האָט באַמערקט זיין פּאָטערס האַרף וואָס איז געהאַנגען דאָרט. ער האָט זיך מיט איר דערפרייט, ווי זי וואָלט געווען אַ טייערע באַקאַנטע, אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, און זיך דערמאָנט אין די לעגענדעס וועגן איר אַז זי שפּילט אַליין, ווען אַ ווינטל רירט זיך צו צו אירע סטרונעס.

ער האָט פאַרנומען שווערע טריט. אַן אינעווייניקסטע טיר האָט זיך געגעבן אַ פּראַל אויף. אַ באַוואָפנטער אַדיוטאַנט איז אַריין. נאָך אים, מיט אַ לייכטן טראָט, פּאַמעלעך שפּרייזנדיק האָט זיך באַוויזן אין טיר־ראַם דעם קעניג דוידס לייבנקאָפּ. די האָר היפּש גרוילעך. נאָך אים האָט זיך אַריינגעשטראָמט אַ גאַנצע סוויטע פון באַוואָפנטע לייט.

שלמה בוקט זיך צום קעניג ביז צו דער ערד און פאַלט אויפן געזיכט.

שלמה: שלום! פּאָטער־קעניג זאָל אייביק לעבן!

דער קעניג דויד האָט אים געגעבן אַ צייכן ער זאָל אויפשטיין. מיט

אַ מאַך מיט דער האַנט האָט ער אָנגעוויזן אַז אַלע דערבייענדיקע זאָלן זיך צוריקציען און אים איבערלאָזן אַליין מיט זיין זון.

זיי געהאָרכן אויגנבליקלעך.

דער פאָטער איז צוגעקומען צום זון. זיי האָבן זיך אַרומגעאָרעמט און זיך צעקושט.

שלמה האָט באַמערקט, מיט פאַרדרוס, ווי זיין פאָטער האָט זיך פאַר דער צייט פון זיין לאַנגער אָפּוועזנהייט שטאַרק פאַרעלטערט. בעת דויד האָט מיט גרויס נחת־רוח פארצייכנט ווי שיין, הויך און שלאַנק שלמה איז אויסגעוואַקסן, אַ ברכה צו מאַכן אויף אים. דאָס פאָטער־האַרץ האָט זיך אין אים געפרייט, און איז אָנגעקוואָלן. ער האָט שלמהן געגלעט מיט די בליקן פון זיינע אויגן וואָס האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן אי פון פרייד און אי פון טרויער. ער האָט זיך געפרייט וואָס ער האָט דאָך לסוף זוכה געווען צו האָבן אַ זון, וואָס איז ראוי צו פאַרנעמען זיין פלאַץ. און אין דער הינזיכט פון חכמה, שטייגט אים אָפּילו אריבער. ער איז אָבער געווען מער ווי אַביסל טרויעריק פון דעם אומשטאַנד, וואָס ער דאַרף שוין גאַנץ ערנסט נעמען טראַכטן וועגן אַ ממלא־מקום, אַ טראָן־איבערנעמער. דער ענין טויט האָט אים ווי אַ שמיץ געטאָן אין פנים מיט זיין גאַנצער געהיימנישפולער אומהיימלעכקייט. ניט ווילנדיק איז אים דורכגעלאָפן דורכן קאָפּ דער זאָג „די טעג פון אונדזערע יאָרן... זיינען זיבעציק". און ער איז דאָך שוין איבער זעכציק און ער דערבענטערט זיך צו דער פאַטאַלער גרעניץ־מעטא.

ער האָט שלמהן פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן זיין דערציונג. וועלכע מגילות זיין רבי האָט מיט אים געלערנט. שלמה האָט געגעבן קורצע זאַכלעכע ענטפערס אויף זיינע קורצגעפאַסטע פראַגעס. דויד האָט גוט באַגריפן אַז שלמה ווי אַ קעניג וועט ניט גיין אין זיינע פוסטריט, ער וועט ניט זיין קיין קריגער־קעניג. ער דאַרף עס גאָרניט זיין. דער תכלית פון קריג איז דאָך דער שלום וואָס קומט נאָכן זיג. און ער האָט שוין גענוג מלחמות געפירט און ישראל מעג שוין געניסן פון פרידן. ער ווייסט אַז שלמהן האָט מען גאָרניט צוגעגרייט צו דער ראָלע פון אַן איש־מלחמה. ער האָט אָבער געוואָלט וויסן צי שלמה, זיין זון און קרוין־פרינץ, איז באַהאַוונט אין די געזעצן פון לאַנד ישראל, צי וועט ער זיין אַ גוטער, דאָס מיינט, אַ קלוגער שופט.

— מיין זון, דו דאַרפסט דער עיקרשט זיך גרייטן צום העכסטן בכבודיקן אַמט פון אַן אויבערריכטער. איך האָף אַז נתן הנביא האָט מיט

דיר אויף דעם געביט פֿון געזעצקענטעניש און מנהגים־וויסעניש פֿיל אויפֿגעטאָן.

שלמה האָט אויס באַשיידנקייט געשוויגן.

— מיין ליבער זון, דו ווייסט, און אַלע אין ישראל ווייסן, אַז איך בין געווען אין מיינע גאָר יונגע יאָרן אַ פּאַסטעך. און פּאַסטוכעריי איז געווען די צוגרייטונגסשולע וואָס איך האָב דורכגעמאַכט. אַ טשערעדע איז אַ געזעלשאַפֿט מיט אַלע הויפּט־סימנים. אַ טשערעדע איז ניט קיין צענויפֿגעלאָפֿענער המון־עם. עס איז אַ גוט־איינגעאָרדנטע קערפּערשאַפֿט. עס פֿאַרמאָגט אַ נאַטירלעכע פֿירערשאַפֿט. עס איז אַ געזעלשאַפֿטלעכע איינהייט. זייענדיק אַ פּאַסטעך און איבנדיק זיך אין מיין באַרוף האָב איך פֿיל געלערנט וועגן מלוכה־פֿירעריי. ווייל מענטשן און בהמות זענען, אין תּוך גענומען, כּמעט די אייגענע זאַך, בלויז מענטשן שטייען אין אייניקע הינזיכטן מיט אַ שטאַפּל העכער און אין אנדערע הינזיכטן, מיט אַ שטאַפּל נידעריקער. דעריבער, מיין זון, וואָלט איך דיר ראָטן אַ פּאָר יאָר שענקען אָט־דעם העכסט ניצלעכן באַרוף. ניט בלויז איך, דער קעניג־קריגער, אויך משה, דער פֿירער־געזעצגעבער, דער מאַן פֿון ריינעם גייסט אויך ער איז געווען אַ פּאַסטעך, און אין פּאַסטעכעריי האָט ער געקראָגן די נויטיקע הכשרה צו זיין גרויסער שליחות. אויך דער וואָס האָט געשאַפֿן דאָס ערשטע יידישע הויז, אונדזער פֿאָטער יעקב, איז דאָך געווען אַ פּאַסטעך.

— איך וועל עס טאָן, פֿאָטער קעניג.

— אָבער אַזוי ווי דו ביסט שוין דאָ איז פֿאַרוויל אַ שטיקל צייט אין דעם הויז פֿון דיין מוטער. מיר האָבן אויף דער געריכט־ליסטע אין די קומענדיקע טעג עטלעכע פֿאַרוויקלטע לאַדענישן, איך וואָלט זייער וועלן זען ווי דו, מיין קלוגער זון, וועסט זיי אַנטשיידן. קום מאָרגן נאָך מיטאָגצייט אין אָט־דער פּאַלאַטע, וועסט אויסהערן די טענות פֿון ביידע צדדים און וועסט אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין. איך וועל זיין דערביי און אויך די איבעריקע גרויסע שופֿטים פֿון לאַנד ישראל. מיר וועלן זיך צוהערן צו דיין באַשלוס. אָט־די איבונג וועט דיר זיכער צוניץ־קומען. דו ביסט דאָך באַרופֿן צו זיין דער פֿרידלעכער קעניג, דער שלום־מאַכער סיי אין לאַנד ישראל צווישן די בעלי־דין און סיי צווישן די שכנים פֿעלקער.

שלמה האָט זיך דריי מאָל געבוקט און איז אַרויס פֿון צימער אויפֿהינטערווײַלעכטס.

ער איז געווען פֿאַרקלעמט פֿון זיין פֿאָטערס אויסזען. עס איז ניט דער אַמאָליקער דויד, האָט ער געטראַכט פֿאַרדאגהט. זיין רוקן איז שוין אויס־

געבויגן, זיין האָר גרוי, אויך די אויגן האָבן ניט דעם אַמאָליקן גלאַנץ און שאַרפע טראַציקייט און הערשערישע זיכערקייט. אויך די באַוועגונגען זיינען געוואָרן פּאַמעלעכע, באַזאָכטע און זיינע טריט האָבן פאַרלאָרן זייער שטייפקייט. דאָס איז די טראַגעדיע פון מענטשן, גרויס אָדער קליין. דער לבוש פון דער זעל ווערט אָפּגעטראָגן, דאָס געוועב אויסגעריבן. עס נעמען זיך אַרויסדריבלען דאָ און דאָרט איינצלנע פעדים וואָס אָט-אָט וועלן איבערגעריסן ווערן. דער פאַרשטאַנד ווערט רייפער, מיושבדיקער, און דער קערפּער ווערט שוואַכער איבערצייטיק און באַלד-צעקראָכן, צעפאַלן אויף זיינע באַשטאַנדטיילן. ער וויל זיך אומקערן אַהין פונוואַנעט ער איז געקומען: ער האָט שטאַרק חשק, ווי אַ פאַרבענקט קינד, צוצופאַלן צום בריסטן בוזעם פון מוטער-ערד.

נתן האָט מיט אים געשמועסט פיל מאָל וועגן קערפּער וואָס אויף דער עלטער נעמט ער זיך קריגן מיט זיין אייגענעם בעל-גוף, מיט זיין באַלעבאָס. צום אָנפאַנג ווערט ער ווי אָנגעשטויסן אויף זיין אייגנטימער, דערנאָך ברוגז און שפּעטער-צו אײנגאַנצן פיינטלעך צעקריגט און נעמט אים אָפּטאָן צולהכעיסן. דער קערפּער אייגנטלעך נעמט זיך אַמפּערן און אַרומרייסן זיך מיט זיך אַליין. איין גליד מיטן צווייטן הויזט ניט, קען ניט דורכקומען. עס שאַפט זיך אַ לאַגע, וואָס קען באַצייכנט ווערן ווי איינער קעגן אַנדערן און אַלע קעגן אַלעמען. די מחלוקת און צאַנקעריי ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשאַרפט אַזוי אַז מע קען מער צוזאַמען ניט אַרבעטן, די שותפות ווערט פאַרשטערט, מע צעטיילט זיך, מע צעגייט זיך — און אָט-דעם פינאַל רופט מען טויט.

שלמהן ווערט קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. אים טוט באַנג ביז צום ווייטאָקפילן, הלמאי ער איז אַזוי פריש, יונג-בליענדיק, בעת זיין פאָטער האַלט שוין ביים וועלקן. מוז עס אַזוי זיין? קען עס אַנדערש ניט זיין? מוזן די קינדער ווערן די קברנים פון זייערע אייגענע עלטערן? מוזן די דורות זיך טוישן, פאַרגיין ווי כוואַליעס אויפן ים פון לעבן איינע נאָך דער אַנדערער? ווי אַנדערש איז דאָס בילד פון מענטשנס לעבן אין דער אַנטפּלעקונג פון יעקב אבינו וואָס ער האָט געלייענט מיט אַזאַ אַנטציקונג מיט זיין רבין נתנען. וואָס טויג דעם מענטשנס חכמה אויב מיט זיין גאַנצער חכמה קען ער ניט צוטראַכטן אַ מיטל צו לעבן אייביק, ווי צו באַנייען זיינע אויסגעשעפּטע כוחות פונצייטצוצייט, אַזוי אַז די סעזאָנען זאָלן זיך דרייען אָן אָפּשטעל און נאָכן לעבנס-ווינטער זאָל קומען צוריק דער לעבנס פרילינג. ער וואָלט שטאַרק וועלן אַז יעקבס „אַנטפּלעקונג“ וואָס רעדט

פון אַ ווייטער צוקונפט זאָל ווערן ממשותדיק אין דער אצונדיקער קעגנ־וואַרט. דער לעבנס־טייך מוז ניט פליסן כסדר אין איין ריכטונג און די גאַנצע צייט אַראָפּצו צו זקנה און ניט אַרויפצו, צוריק צו דער יוגנט, צו דער קינדהייט, צום געבוירן ווערן. דער מענטש וועט קענען, איז זאָל ער שוין קענען, וואַקסן אויפצוריק, צום אָנפאַנג־צו, אָדער, לכל הפחות, זיין ביכולת זיך אָנצוהאַלטן, זיך קלאַמערן צו זיין אָנפאַנג מיט אַלע חושים, מיט אַלע איברים, ניט בלויז מיטן טרוקענעם קאָפּ, מיטן זכרון, וואָס מיינט אַזוי ווייניק.

אַט־די געדאַנקען האָבן קורסירט דורך זיין מוח, גייענדיק אויפן וועג צוריק. אויב דער קעגנווערטיקער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט די גרויסע קונסט פון באַוועגן זיך, גיין אַהין און גיין אַהער, באַזוכן פלעצער ווו ער איז געוועזן מיט יאָרן צוריק, פאַרוואָס זאָל ער זיך ניט אויסלערנען צו באַוועגן זיך אין צ ײ ט, גיין צו די י אָ ר ן, וועלכע ער האָט דורכגע־מאַכט, דורכגעלעבט מיט יאָרן צוריק, ב אַ ז ו כ ן די פאַרגאַנגענע פעריאָדן, ווי ער באַזוכט די אַלטע ערטער. פאַרוואָס ניט? באַוועגונג אין ש ט ח איז רעכט און אין ד ו י ע ר, אין צייטפלוס איז ניט רעכט, ניט כשר? פאַרוואָס?!

שלמה האָט דערבליקט דעם עלטער פאַרקערפּערט אין זיין אייגענעם פאָטער — און ער האָט זיך ווי איבערגעשראָקן פון דעם געדאַנק אַז אַט־דער טרויעריקער שיקזאַל־אומגליק וועט אויך אים טרעפן. אַט־דעם געדאַנק האָט ער פון זיך געטריבן, ווי מע טרייבט אָפּ אַ זלידנע פליג.. ער האָט געפילט אַזוי יונג און פול מיט לעבנסזאַפט, אַז ער האָט די פאָרשטעלונג פון זקנה אויף זיך באין־אופן ניט געקענט אָנמעסטן, צו אים וועט עס ניט קומען. אונטערן אַש פון די טרויעריקע געדאַנקען מכוח אַלטקייט און אָפּ־געלעבטקייט האָט אין אים געגליט אַ פונק פון דרייסטער האָפענונג, אַז ביז ער וועט דערגרייכן צום רייפן עלטער וועט ער מיט זיין חכמה געפינען אַ וועג ווי אָפּצושאַפן זקנה און טויט, פאַרווירקלעכן כאָטש איין טייל פון „יעקבס אָנטפּלעקונג". די לערע וועגן אייביקן לעבן איז אים, אַ דאַנק דער „אַנטפּלעקונג", קלאָר, ווי זי וואָלט ליגן אויף דער פלאַך פון זיין האַנט.

ער וועט זיין דער ק ע נ י ג פון פרידן, ניט אומזיסט הייסט ער שלמה, וואָס מיינט שלום. ער וועט אָבער אויך זיין דער מ ע נ ט ש פון פרידן. ער וועט שאַפן האַרמאָניע צווישן די מענטשן און א י ן די מענטשן, שלום און אחדות צווישן די גלידער. ער וועט לערנען זיך און די מענטשן אַרום אים אָנצוהאַלטן דעם ריכטיקן אומצעשטערבאַרן גלייכגעוויכט פון כוחות

און ענערגיעס און דעמדאָזיקן מלכות וואָס הייסט קערפּער און איז אַ קאָר־פּאַראַציע פון גוף און נשמה.

פון די רעיונות וועגן טויט, זיין אורזאַך און דעם מיטל ווי אים אָפּ־צושאַפן האָט ער זיך אומגעקערט צו די געדאַנקן, וואָס זיין רבי, נתן הנביא, האָט אַנטוויקלט נאָכן לייענען אדמס מגילה וועגן פלאַנצן דעם בוים פון וויסן, אַ וויסעניש וואָס טראָגט מיט זיך טויט, ווייל עס איז געבויט אויף דעם כסדרדיקן צעגלידערן, צענעמען יעדע זאך אויף אירע קלענסטע חלקים, אויף אַ ווייטגייענדיקן פאַנאַנדערלייג, פאַנאַנדערטייל, בעת אמתע וויסעניש, לעבעדיקע פאַרשטענדעניש דאַרף זיך באַוועגן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, אַלץ צוזאמענגעמען, אַלץ אַרומנעמען, אָנצייגן אויף די פאַרקניפּנדיקע פאַר־העלטענישן אויף די ווייטפאַרשפּרייטע באַציונגען פון דער איינצלנער זאך צו דעם אַלצמיטאַנאַנדער. אָנשטאָט דעם „ויבדל" דאַרף מען איינפירן דעם מעטאָד פון דעם „אחד", וואָס באַטייט אחדות.

שלמה גייט טראָט ביי טראָט. ער איז פאַרטאָן מיט זיינע קלערענישן. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ צעצווייגטן אוילבערט־בוים. ער האָט זיך אָפּ־געשטעלט אין זיין שאָטן, און רויק פליסן זיינע מחשבות. פּלוצלונג האָט אים אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ. עס איז אים געוואָרן ליכטיק אין די גייסטיקע אויגן.

אומזיסט איז ער געווען אַזוי צעררודערט פון דער מגילה „תורת מרים". זי איז ניט, ווען טיפער אַריינגעקוקט, אַ שאַרפער אָפּנויג פון „תורת משה", ווי ער האָט עס געלערנט מיט זיין רבין. קיין איין וואָרט האָט אים ניט געדאַרפט שאָקירן. יהוה איז זכר און נקבה צוזאַמען, הערמאַפראָ־דיטיש. און יעדער מענטש איז עד היום אַן אַמאַלגאַם פון אָט־דיביידע עלעמענטן. יהוה באַטייט, לויט דעם אויסטייטש פון זיין רבין, די פאַראיי־ניקונג פון „איך" און „ער" מיט דעם צושטעל פון „זי" הן צו „איך" און הן צום „ער". פון „זי" און „איך" און „ער" ווערט „זיכער". יהוה איז דער איינציקער מהות וועגן וועלכן מיר זיינען זיכער. ווען „איך" פאַר־אייניקט זיך מיט „זי" ווערט עס „זיך". יהוה איז דער „אני", „אנכי" און דער „הוא", אָט־דער „אני והו" אַנטהאַלט אין זיך ביידע יסודות אומגע־טיילט. ביידע תורות לערנען איין עיקר־זאַך, בלויז דער נוסח אין „תורת משה" איז צוגעפּאַרבט מאַנהערשעריש, פּאַטריאַרכאַטיש, בעת דער נוסח אין „תורת־מרים" איז צוגעפאַרבט פרויהערשאַפטלעך, מאַטריאַרכאַטיש. אָבער אָט־די לייכטע שינויים רירן ניט אָן, כהוא זה, די חכמה־גרונט־יסודות פון יידישן וועלט־באַנעם און מענטש־אויפפאַס.

אַז שלמה האָט דאָס תופס געווען האָט ער זיך דערפילט גליקלעך. אצינד האָט ער זיך געלאָזט גיין מונטער מיט שנעלע טריט אַהיים, צו דער מוטער. עס איז איינגעפאַלן די מחיצה וואָס האָט זיך גענומען אויפשטעלן צווישן אים און זיין מוטער אין דעם אויסטייטש פון דער יידישקייט־לערע.ביידע לערנען איין תורה, און זיי דערגאַנצן זיך קעגנזייטיק. איינע איז געשריבן אין גוסט פון די מענער, די צווייטע אין גוסט פון די פרויען. מע דאַרף האַלטן הייליק ביידע ווערסיעס אַזוי אַז קיין איין צד זאָל זיך ניט פילן בעוולהט. די אָבות און די אמהות האָבן צוזאַמענגעאַרבעט און אויף אזא שטייגער, אַדאַנק אַט־דער פולשטענדיקער קאָאָפּעראַציע, האָבן זיי דער־גרייכט צו שלימות. איינע אָן די אנדערע וואָלטן עס ניט געקענט באַווייזן.

ער באַמערקט אָבער אַז ער איז גענויגט צו נעמען דעם צד פון די אָבות. ער גיט אַ שמייכל און זאָגט צו זיך: „מאַנצביל בלייבט מאַנצביל, ווי „פרויאיש״ ער זאָל ניט זיין, ווי פרויענפריינטלעך ער זאָל ניט זיין געשטימט.

# 6

## שלמהס אויפשטיין און פרישטיק־עסן

שלמה איז אויפגעשטאַנען גאָר פרי פאַרטאָג. ער האָט זיך אַרומגע־וואַשן און גלייך מתפלל־געווען די קורצע תפילה —

צו מיין בלוט.

מיין בלוט, מיין דם־התמצית, צירקוליר,
די אָקסן פון דעם קערפער־וואָגן שמיר.
צו אָנטרינקען די צעלן
זאָלסט קיינמאָל ניט פאַרפעלן.
עס לויפט מיין בלוט,
טאָג, נאַכט, ניט רוט.
אין פולס עס קלאַפּט,
דעם קורס עס טאַפּט.
פאַרהאַוועט און פאַרטאַך, לויפט איבער די קאַנאַלן
פון מיינע בלויע וויענעס און אַרטעריעס.
פון דער בהמה, קערפער, רייניקט עס די שטאַלן,
די טראַפּנס־רייניקערינס זיינען בריות.

פון אַפּפּאַל־ברוד באַפּרייט,
דער קערפּער ווערט באַנייט.
צוגלייך מיט אים עס יוגנט־יונג דער גייסט,
בלוט איבער קאַנטינענטן רייזט.
אומענדלעכער און אומדערמידלעכער מאַרשרוט,
אויף יעדן טראַט און טריט עס זאָגט: „כי טוב, ס'איז גוט".

אַצונד זאָגט ער דעם „אָנאַ השם", און אויך „צו מיין אויג", „צו מיין אויער" און „צו מיין מויל". ער שליסט די תפילות מיט „אני מאמין".

שלמה וואַשט די הענט און זעצט זיך צום טיש עסן פרישטיק. ער זאָגט מיט כוונה „דעם בונד פון ברויט" און גלייך נאָך דעם אָן הפסק, „די פרשה פון קרבנות":

מתפלל איז דער פּוס מיט יעדן שפּרייז,
און תפילה טוט דער לייכטער צוג פון אָטעם.
ס'איז מויל מתפלל בשעתן נעמען שפּייז,
ווי בעת עס לערנט פּלייסיק יה'ס משפּטים.
אין סאַמע עסן ווערט געשלאָסן בונד
פון יחיד מענטשן מיט די וויטסטע עלעמענטן.
אין שיסל זוכט דער מענטש מ'קלאָמפּערשט בלויז געזונט,
באמת, זיינע לאַנג פאַרלאָרענע מאָמענטן...

שלמה האָט געגעסן איינער אַליין, אין אַ חדר מיוחד. התבודדות בשעתן עסן האָט ער געפּראַוועט ניט דערפאַר וואָס ער האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף זיך שעמען מער מיט דעם, וואָס מע נעמט אַריין אין קערפּער איידער מיט דעם, וואָס מע וואַרפט אַרויס פון קערפּער, ניין, ניט דערפאַר. נאָר מחמת דעם וואָס ער האָט געהאַלטן אַז עסן איז אַן עבודה ווי תפילה. און מתפלל זיין, לויט זיין באַנעם, דאַרף מען ביחידות בחדרי־חדרים און באין־אופן ניט בציבור.

# 7

## די פרשה פון משפּטים

שלמה איז צוגעקומען צו דעם בנין פון אויבערגעריכט פּונקט אין צייט. די בעלי־דין זיינען שוין לאַנג געווען אין געריכט־קאַמער. די שופטים

זיינען געזעסן אויף דער בינע אויסגעזעצט ביי אַ לאַנגן טיש. מיט אייז טרעפּל נידעריקער צו מערב זייט זיינען געזעסן די סעקרעטאַרן, די פּראָ־טאָקאָל און פּסק־דין פאַרשרייבער. מע האָט זיי לייכט געקענט דערקענען לויט זייער באַזונדערער הלבשה. זיי האָבן געטראָגן קורצע מאַנטלען ביז לאַנגע הייזן פון ליינען, די באָרוועסע פיס אַריינגעשטעקט אין סאַנדאַלן. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן וואַקס־טאַבעלן און גריפלען. בלויז אייניקע פון זיי האָבן געהאַט פאַרמעטן און סלאַיטשיקעס מיט פאַרב און פענדזלען. אין קאַמערע־פּאַרזאַל איז געווען אַ היפּשער עולם וואָס איז באַשטאַנען פון תלמידים פון תחכמוני, יונגעלייט וואָס האָבן שטודירט ישראלישן רעכט און געריכט־פּראָצעדור און האָבן זיך געגרייט, נאָך זייער ענדיקן די שולע צו פאַרנעמען ריכטער אַמטן אין לאַנד, און פון סתם מענטשן פון אַ גאַנצער וואָך וואָס, אויס נייגעריקייט, זיינען געקומען הערן די דין־תורות.

דער טראָן וואָס איז געשטאַנען צוגעטוליעט צום מזרח־וואַנט איז געווען ליידיק, צווישן עולם האָט זיך געפילט אַן אָנשטרענג פון דערוואַרטונג, אַ שפּאַנונג. דער קעניג וועט גלייך דערשיינען.

שלמה איז אַריין אין זאַל. מע האָט אים באַמערקט. אַסך אויגן האָבן זיך אָקער געטאָן אין זיין זייט, אים אָפּגעשאַצט מיט באַוווּנדערונג: „וואָס פאַר אַ פאַרשוין! „דאָס איז דער טראָן־יורש" איז דורך אַ פליסטער פון מויל צו מויל.

דערזעענדיק אים, האָבן די ריכטער זיך גענומען צורוקן איינער צום צווייטן און מאַכן פּלאַץ פאַר שלמהן. אַ געריכט־דינער איז צוגעקומען און האָט אים אַרויפגעטאָן אויף די שולטערן אַ ריכטער מאַנטיע, אַן אויסגע־שטריקטן אפוד. שלמה האָט זיך אַנידערגעזעצט צווישן די שופטים. הגם מע האָט אים אָנגעוויזן אויפן אויבנאָן, האָט ער אים ניט פאַרנומען.

אין דעם מאָמענט איז אַריין אַ לויטענאַנט מיט אַ בלויזער שווערד אין האַנט. דער מזכיר פון געריכט האָט אויסגערופן: „לה' משפט, דער קעניג גייט!" די מזרח טיר האָט זיך געגעבן אַ פּראַל אויף און דער קעניג איז אַריין. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אפוד אַן אויסגעוועבטן מיט גאָל־דענע פעדים און אַן אויסגעפּלאַסטערטן מיט טייערע שטיינער.

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און גלייך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני: לאַנג זאָל לעבן דער קעניג דויד.

דויד האָט אויסגעשפּרייט זיינע ביידע הענט און מיט אַ זאַנפטער שטים אַרויסגעפּליסטערט: זייט געבענטשט אין אלהימס נאָמען. זאָלן זיך אַלע זעצן, פאַרנעמען זייערע פּלעצער.

דויד האָט באַטראַכט די פּאָר טרעפּלעך און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין טראָן. די צוויי לייבגוואַרדייער מיט בלויזע שווערדן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פון ביידע זייטן פון מלכות־שטול.

דער מזכיר רופט אויס:

— ווער איז דער טוען? זאָל ער זיך אויפשטעלן און אויסלייגן זיינע טענות פאַר בית־דין. דערנאָך וועט אים ענטפערן דער אָנגעקלאָגטער.

אַ מאַן פון מיטעלע יאָרן, רייך געקליידעט, מיט אַ ברייטער שוואַרצער באָרד פאַרקעמט און פאַרפלאָכטן אין ספּיראַלן, האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך געבוקט צום קעניג, האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך טיף פאַרנויגט פאַר די שופטים, אַ באַזונדערן צוניג האָט ער אָפּגעגעבן שלמהן.

ער איז צוגעקומען נאָענט צו דער בינע פון די ריכטער.

דער אויסרופער פון געריכט:

— זאָל דער אָנקלאָגער ריידן קלאָר און ביט־געאיילט אַזוי אַז די סופרים זאָלן קענען אים נאכפאָלגן און פאַרשרייבן זיינע רייד.

דער מזכיר פון געריכט ווענדט זיך צום אָנקלאָגער:

— וואָס איז דיין נאָמען און דיין פאָטערס נאָמען?

דער טוען ענטפערט:

— מיין נאָמען איז קמואל בן חשביה, זאָל זיין זעל זיין פאַרבונדן אין לעבנס־קנופּ.

— קמואל בן חשביה קום ארויס מיט דיינע טענות. דו שטייסט פאַר בית־דין אין דעם דערבייזיין פון קיניג דוד, מלך ישראל חי וקיים, זאָג דעם ריינעם אמת, רייד צו דער זאַך.

קמואלס אָנגענעמע שטים פאַרהילכט דעם זאַל:

— מיין פאָטער, חשביה, איז געווען אַ רייכער מאַן, ער האָט פאַרמאָגט אַסך גיטער אין אַרב־חלק פון שבט נפתלי. ער האָט אויך געהאַט גרויסע טשערעדעס פון שאָף און רינדער. איך, קמואל, בין געווען א בן־יחיד. מיין מוטער, מעכה, איז געשטאָרבן יונג. איך בין דעמאָלט אַלט געווען ניט מער ווי אַ יאָר פופצן. מיין פאָטער האָט, אויסער זיינע נחלאות, אויך געפירט געשעפטן מיט פרעמדע לענדער. האָט ער מיר איבערגעגעבן אַ טראַנספּאָרט פון טייערע געוואַנטן און אויך טייערע שטיינער און האָט מיך אויסגעריכט פאַר אַ וויטער נסיעה איך זאָל באַזוכן פרעמדע לענדער, זיך באַקענען מיט אונדזערע קונדן און מיט דעם לעבנס־שטייגער פון פאַרשיידענע פעלקער און שטאַמען, און אין פאַל דער אויבערשטער וועט באַגליקן מיין וועג און עס וועט זיך מיר מאַכן אַ פּאַסיקער שידוך זאָל איך דאָרט חתונה האָבן

און קומען מיט מיין ווייב צוריק אַהיים. מיין פֿאָטער האָט מיך, זיין בן־יחיד, געוואָלט צוגרייטן אַז איך זאָל וויסן ווי צו פֿירן זיינע געשעפֿטן, ווען ער וועט אַלט ווערן און וועט זיך מיט זיי מער נישט קענען אָפּגעבן.

איך בין אַוועקגעפֿאָרן מיט אַ שיף אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס. איך בין אָנגעקומען בשלום אין פֿרעמדן לאַנד. איך האָב דאָרט געפֿונען מיין באַשערטן זיווג. אין די יישובים אַרום אונדז האָב איך זיך ניט געקענט צוקלייבן קיין פּאַסיקע כלה לויט אונדזער שטאַנד. ביי דעם קונד אונדזערן, מיט וועמען מיר האָבן געהאַנדלט כמה וכמה יאָרן איז געווען אַ יונגע שיינע טאָכטער, אַ בת־יחידה. זי איז מיר געפֿעלן געוואָרן און אויך איך איר. איך האָב מיט איר חתונה געהאַט אין אַ מזלדיקער שעה. זי האָט אָבער נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן איר געבוירנפּלאַץ און איר פֿאָטער־מוטערס הויז. בין איך געבליבן וווינען מיט איר ביי מיין שווער. זי האָט מיר געבוירן אַ זון, אַ בכור, און אַ צוויי יאָר שפּעטער אַ טאָכטער. **אַזוי זענען אַוועק פֿינפֿאונצוואַנציק יאָר.** די קינדער זיינען אויסגעוואַקסן, האָבן געהייראַט גליקלעך און זיינען אַוועק פֿון זייער היים, זיך אויסגעפֿלאָכטן וואַרימע נעסטן פֿאַר זיך. מיין שווער און שוויגער זיינען געשטאָרבן, אויך מיין פֿרוי איז קראַנק געוואָרן און איז איינגעזאַמלט געוואָרן צו אירע עלטערן. איך בין געבליבן אַליין. איינזאַם אין אַ פֿרעמדן לאַנד.. איך האָב זיך פֿאַרבענקט נאָך מיין אייגן פֿאָלק און מיין הייליקן לאַנד. איך האָב געוואָלט אַריין אין אונדזער הויז, ערשט מען לאָזט מיך ניט. מען פֿאַרשטעלט מיר דעם וועג. וואָס איז? מיין פֿאָטער איז געשטאָרבן. פֿון די דינער, די קנעכט און דינסטן וואָס האָבן געאַרבעט אויף אונדזערע נחלאות, איז קיינער ניטאָ, די עלטערע זיינען אויסגעשטאָרבן, די ייִנגערע זיינען זיך צעלאָפֿן. דער זון פֿון אונדזער הויפּטאויפֿפּאַסער, דער באַפֿרייטער קנעכט יעלם בן עכבור, האָט פֿאַרנומען די נחלאות פֿאַר זיך, און ער האָט די פֿרעכהייט צו זאָגן מיר, אַז ער איז קמואל, דער זון פֿון חשביה, און אַז איך בין אַן אויסטראַכטער און וויל פֿון אים צונעמען זיין ירושה — דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב צו זאָגן. איך פֿאָדער מיין פֿאָטערס נחלאות.

— האָסטו, קמואל בן חשביה, עדות צווישן די מענטשן וואָס וווינען נאָענט צו אייערע נחלאות וואָס וואָלטן וועלן פֿאַרפֿעסטיקן דיינע רייד און געבן צייגעניש, אַז דו ביסט טאַקי קמואל, דער זון פֿון חשביה?

— איך האָב קיינעם ניט. אונדזערע גיטער זיינען פֿאַרוקט אין די טאָלן צווישן אומצוטריטלעכע בערג. ניט לייכט איז צוצוקומען צו אונדזערע נחלאות, ניט צופֿוס און ניט רייטנדיק. אַזוי אַז די שכנים פֿלעגן אונדז זעלטן

ווען באַזוכן. מיר זיינען געווען ווי אַ מדינה פאַר זיך, אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע יישובים. אַן אַלט פאַרפאַלק קליינגוטבאַזיצער וואָס האָבן געהאַט זייער נחלה לעבן אונדזערע גרעניצן זיינען שוין לאַנג אויפן עולם־האמת.
די יונגע — קען איך ניט.

דער מזכיר פון געריכט:

— זאָל קמואל בן חשביה, דער אָנגעקלאָגטער אויסלייגן זיינע טענות.

קמואל בן חשביה, דער טוען, שרייט אויס, ער הייסט ניט קמואל, ער הייסט יעלם, זיין פאָטערס נאָמען איז געווען עכבור.

דער מזכיר פון געריכט:

רויק זאָל זיין. לאָז אים ריידן.

קמואל בן חשביה דער צווייטער בוקט זיך פאַרן קעניג און דערנאָך, פאַרנויגט זיך טיף פאַר די שופטים. ער איגנאָרירט, אָבער, שלמהן, ער הויבט אָן אין אַ שטילער שטים אונטערשטאַמלענדיק, ער פאַרכליאָבעט זיך מיט די ווערטער, ווען די שטאַמלעריי לאָזט אים אויף אַ ווײַלע אָפּ.

— עס איז אַ טשיקאַווע געשיכטע. איך קען ניט דעם מאַן און איך ווייס ניט וואָרום אים איז איינגעפאַלן צו פאָדערן די נחלאות וואָס איך האָב געירשנט פון מיין פאָטער, חשביה, עליו השלום. ער איז צו מיר אַ ווילד־פרעמדער. ער וויל דורך אַ פאַרברעכערישן אָבער זייער געוואַגטן שווינדל אויסנאַרן ביי מיר די גיטער, און ער האָט געמיינט אַז איך וועל זיך לאָזן פאַרדרייען דעם קאָפּ. איך זע דעם מאַן דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. איך ווייס ניט פונוואַנעט ער האָט זיך באַוויזן. ער איז אין מיין הויז אריינגעפאַלן, ווי פון הימל. פאַרשטייט זיך אַז איך האָב אים ארויסגעטריבן מיט שטעקנס און מיט דער הילף פון די היגט, וואָס האָבן אים שיער ניט צעריסן. זיין גליק איז וואָס ער האָט זיך אָפּגעטראָגן. מער האָב איך ניט וואָס צו זאָגן. אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט איז אמת ויציב.

דער מזכיר:

— דער קעניג און די שופטים וועלן אַרויס זיך באַראַטן.

דער קעניג, דוד, הויבט זיך אויף. דער גאַנצער עולם און די שופטים בוקן זיך פאַרן קיניג און בלייבן אין דער פאָסטור ביז דער קיניג פאַרשווינדט הינטער דער מזרח־טיר.

נאָכן קעניג דורך אַ זייטיקער טיר גייען אַרויס די שופטים מיט שלמהן בראש.

אין באַראַטונגס צימער.

קעניג דוד: געערטע שופטים, ווי וואָלט איר משפּטן, ווער איז דער אמתער זון און ווער איז דער באַטריגער?

דער ראש פון די שופטים (קנײט):

— אונדזער האַר, קעניג, עס איז שווער צו באַשיידן. אויב מיר זאָלן זיי געבן אַ שבועה — וועלן ביידע זיכער שווערן, וואָרעם צוריקציען זייַנע רייד וועט דער שווינדלער מורא האָבן ער זאָל ניט כאַפּן קיין מיאוסן סוף פון קיניג פאַר וועלן אים אָפּנאַרן און זייַנע ריכטער, וואָס זיצן אויפן שטול פון משהן. איינער פון זיי איז דאָך זיכער אַ ליגנער. מען קען, אפשר, נעמען אין אַנבאַטראַכט וואָס איינער פון זיי האָט גערעדט דייטלעך און דער צווייטער האָט זיך אָדער זאַהיקעט, ניט געקענט אַרויסריידן די ווערטער, אָדער פאַרקערט, אַנגענומען אַ פולע מויל און האָט זיי אַרויסגעשפּיגן אַלע אויפאַמאָל. לכן איז דער שטאַמלער און ווערטער שלינגער מסתמא דער ליגנער וויל ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיין אייגענעם געוויסן: אָבער אויף אַזעלכע סימנים אַליין קען מען זיך ניט פאַרלאָזן. אַזוי אַז עס איז שווער צו זאָגן עפּעס באַשטימטס.

— שלמה, מיין זון, וואָס זאָגסטו צו דעם?

שלמה (בוקט זיך):

— קיניג, פאָטער, דעם אַנטשייד וועל איך קענען אַרויסגעבן נאָך אַ בלוט־פּראָבע וואָס וועט באַווייזן וועמעס בלוט פון די צווי איז ענלעך צו די געבליטן פון חשביהן. מען דאַרף פוןביידן אָפּצאַפּן אַ קליין מעסטל בלוט.

— אָבער חשביה איז דאָך שוין לאַנג טויט איז ווי אַזוי קענען מיר אונטערזוכן און פאַרגלייכן זייערע בלוטן?

— פאַר דעם צוועק דאַרף מען געברויכן אַ ביין פון זיין אָרעם. דאָס קען מען אויסגראָבן, אויב מען ווייסט נאָר ווו חשביהס קבר געפינט זיך.

אַלע שופטים אין איין קול:

— אַ וואונדערבאַרער איינפאַל.

דער קיניג און די ריכטער קומען אַריין צוריק אין זאַל.

דער מזכיר פון געריכט ווענדט זיך צו קמואלן בן חשביה דעם טוען:

— קמואל בן חשביה, ווייסטו ווו דיין פאָטער חשביה איז באַערדיקט?

— ניין, איך ווייס ניט. ווען מיין פאָטער איז נפטר געוואָרן בין איך דאָ אין לאַנד ניט געוועזן.

— ווייסטו, קמואל בן חשביה, דער אַנגעקלאָגטער, ווו דער קבר פון דיין פאָטער געפינט זיך?

— איך ווייס. איך האָב אים דאָך מקבר געוועזן.

— גיי מיט דעם קעניגס צוויי באַוואָפנטע בית־דין שמשים און גרעבער איר וועט אויפגראָבן דעם קבר פון חשביהן, אַרויסבאַקומען אַן אָרעם־ביין און עס ברענגען אין געריכט.

דער משפט ווערט אָפּגעלייגט אויף צוויי וואָכן צייט. מאָנטיק פּונקט צו דער מיטאָק־שעה זאָל דער טוען און נטען זיין אין זאַל.

דער אָנגעקלאָגטער אין באַגלייט פון צוויי באַוואָפנטע בית־דין שמשים און צוויי גרעבער פאַרלאָזן דעם זאַל.

דער עולם איז פאַרחידושט אויף וואָס דאַרף מען אַ ביין פון דעם טויטן, ווילן די שופטים טרייבן כישוף פון די ידעונים וואָס איז שטרענג פאַרבאָטן אין דער תורה? וועט קיניג דוד עס דולדן?!

דער אויסרופער פון געריכט:

— איצט קומט די דין־תורה פון פרוי יעל מיט דעם מאַן עמיאַל. זיינען זיי ביידע פאַראַן אין זאַל? אויב יאָ, זאָלן זיי זיך אָפּרופן און זיך צייגן פאַרן געריכט.

די פרוי יעל, די טאָכטער פון צדוק, בוקט זיך פאַרן קעניג און פאַרנויגט זיך פאַר די ריכטער און א באַזונדער טיפן פאַרנויג שענקט זי שלמהן. דאָס אייגענע טוט עמיאַל, בן יותם.

דער מזכיר:

— זאָל די פרוי יעל, די טאָכטער פון צדוק, אויסלייגן אירע טענות ווי די אָנקלאָגערין.

יעל, אַ שיינע פרוי, נאָענט צו די מיטעלע יאָרן, אַ טיפע ברונעטין, רייך געקליידט, מיט גאָלדענע בראַסלעטן אויף אירע אָרעמס, אין אויסגעהאַפּטע סאַנדאַלן, די האָר פאַרפלאָכטן אין צוויי לאַנגע דיקע צעפּ.

זי בוקט זיך צום קעניג צום צווייטן מאָל און פאַרנויגט זיך טיף פאַר די שופטים. איר שטים קלינגט האַרציק, ליריש זאַנפט:

— איך וועל דערציילן מיין לעבנס געשיכטע פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר און איבערגעבן דעם האַר, קעניג, און זיינע ריכטער מיין קלאַגע קעגן דעם מאַן, עמיאַל, דעם זון פון יותם, אַ גוטער פריינט פון מיין זעליקן מאַן, שלום, דער זון פון שנאצר.

מיין מאַן איז געשטאָרבן: מיך איבערגעלאָזט אַ יונגע אַלמנה. מיר זיינען געווען פאַרמעגלעכע לייט. געוווינט האָבן מיר אין גבעה. דער הערשער פון דער שטאָט האָט זיך אין מיר פאַרליבט און האָט געוואָלט מיך נעמען פאַר אַ ווייב. אָבער איך האָב אים ניט געוואָלט. אַז ער האָט גענומען צושטיין צו מיר דראָען מיך, אַז ער וועט מיך צווינגען צו הייראַטן מיט אים, האָב איך ביי זיך

אָפּגעמאַכט צו אַנטלויפן פון שטאָט און זיך אַריבערציען אין אַ ווייטער געגנט. איך האָב אָבער פאַרמאָגט אַ היפּשע צאָל גאָלדענע מטבעות, וואָס איך האָב געקראָגן בירושה הן פון מיין רייכן פאָטער, צדוק, דעם זון פון מרדכי און הן פון מיין רייכן מאַן, שלום, דעם זון פון שנאצר. מורא־האָב־דיק צו נעמען דאָס גאָלד מיט מיר אויף דער לאַנגער רייזע, טאָמער פאַנגען מיך די דינער פון דעם הערשער אלם, דער זון פון פגעתא, און בעמען־צו מיין רייכטום, האָב איך באַשלאָסן עס איבערצוגעבן אַ בעל־בטוח ווי א פקדון, פון וועלכן ער זאָל ניט וויסן. האָב איך געקויפט זעקס גרויסע קריג אַריינגעטאָן אין זיי ביז העלפט זהובים און אדרכמונים און בקעס, און פונאויבן באַגאָסן זיי מיט האָניק. די קריג מיט דעם האָניק האָב איך אָוועקגעטראָגן צו עמיאל, דעם זון פון יותם, און אים געבעטן האַלטן עס פאַר מיר, ביז איך וועל זיך צוריקקערן, אזוי ווי דער הערשער אלם, בן פגעתא, איז שוין געווען אַן עלטערער מאַן און זיין אויפפיר איז געווען אַן אויסגעלאַסענער, האָב איך גערעכנט, אַז ער וועט לאַנג ניט ציען, און איך וועל ניט דאַרפן זיין אין זעלבסט־פאַרטריבנקייט לאַנג. און אזוי ווי איך האָב דערוואַרט, אַזוי האָט פאַסירט. די באַדינערשאַפט וואָס איך האָב איבערגעלאָזן אין גבעה האָט מיר געלאָזט וויסן דורך אַ שליח, אַז מיין פאַרפאָלגער איז טויט און איך קען קומען צוריק. איך בין גלייך נאָך מיין אָנקומען אָוועק אָפּנעמען די קריג מיט האָניק. איך האָב זיי געבראַכט אַהיים, איך עפן זיי אויף — דאָס גאָלד איז ניטאָ. די קריג זיינען געווען פול אָנגעגאָסן מיט האָניק. דאָס איז מיין קלאָגע. איך באַשולדיק עמיאלן אין אַרויסנעמען און צוגנבענען מיין גאָלד.

יעל ווערט אַנטשוויגן. זי אָטעמט אָפּ שווער.

דער מזכיר פון געריכט:

— זאָל עמיאל, דער זון פון יותם, דער אָנגעקלאָגטער, ענטפערן אויף דער אָנקלאָגע פון דער פרוי יעל, די טאָכטער פון צדוק, די ווייב פון שלום, דער זון פון שנאָצר.

עמיאל, דער זון פון יותם, בוקט זיך פאַרן קיניג און פאַרנויגט זיך פאַר די שופטים.

ער ענטפערט אין אַ שטילן רואיקן קול:

— איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן. די פרוי יעל, די טאָכטער פון צדוק, האָט ביי מיר איבערגעלאָזט זעקס קריג האָניק און זעקס קריג האָניק האָב איך איר אומגעקערט.

דער קיניג און די ריכטער זיינען אַרויס אויף אַ באַראַטונג, וואָס האָט געדויערט בלויז אַ קורצע ווילע. נאָך זייער צוריקקער האָט שלמה באַפוילן,

מען זאָל ברענגען זעקס נייע קריג און אַהין איבערגיסן דעם האָניק, און די אַלטע קריג זאָל מען צעברעכן פאַר בית־דין אין די אויגן. מע האָט אַזוי געטאָן. שלמה האָט אונטערזוכט די צעבראָכענע קריג און האָט געפונען צו דעם דעק און צו זייערע זייטן צוגעקלעפּטע גאָלדענע מטבעות. אין איטלעכן קרוג האָט זיך אָפּגעזוכט איין אָדער עטלעכע גאָלדשטיק.

שלמה האָט זיך געווענדעט צו עמיאלן, דעם זון פון יותם:

— זיי זיך מודה אַז דו האָסט באַגנבעט די אַלמנה און קער איר אום איר פאַרמעגן און דיין שטראָף וועט זיין אַ מילדע.

עמיאל האָט זיך געבוקט פאַרן קיניג דוד, האָט געבעטן פאַרגעבונג און האָט אויסגערופן מיט אַ צעבראָכענעם קול:

— גאָטס חכמה רוט אין דיין זון, שלמה. פון אים איז קיין זאַך נישט פאַרהוילן. די זאַך איז אַזוי געווען. איך האָב געפראַוועט מיין טאָכטערס פאַרקנסונג. צום מאָלצייט איז געקומען אַ גרעסערער עולם, ווי איך האָב זיך געריכט. האָט מיר אויסגעפעלט האָניק צו דערלאַנגען צום טיש. בין איך אַליין ארונטער אין קעלער און געוואָלט אַרויפנעמען איינעם פון די פקדון־קריג און געברויכן דעם האָניק, וואָס איך וועל נאָך דער שמחה צוריק אָנפילן. אַז איך האָב גענומען דעם קרוג אין האַנט, האָב איך גלייך דערשפּירט לויטן געוויכט אַז עפּעס איז דער מער מיט דעם אינהאַלט פון דעם קרוג: האָב איך אויפגעהויבן דעם צווייטן קרוג, די אייגענע זאַך, אַזוי אַלע זעקס, וויסנדיק אַז די פרוי פון מיין זעליקן גוטן פריינט איז זייער רייך, האָב איך זיך אָנגעשטויסן וואָס די קריג האַלטן אין זיך. דער יצר־הרע פון געלט גייציקייט האָט מיך אָנגערעדט, און איך בין דעם נסיון ניט בייגעשטאַנען, איך האָב געזינדיקט. איך האָב אויסגעליידיקט די קריג, געפונען דאָרט אַן אוצר און זיי צוריק אָנגעפילט פאַרפול מיט האָניק. איך בין גרייט איר אומצוקערן דעם שאָדן מיט אַ פאַרגיטיקונג... און איך בין זיך מודה בפני כל עם ועדה: חטאתי!

אַז דער עולם האָט אויסגעהערט אָט־די הודאה פון אָנגעקלאָגטן עמיאל, דעם זון פון יותם, האָבן אַלע אויסגעשריען: ניטאָ נאָך אַזאַ קלוגער ריכטער ווי שלמה, דער זון פון קיניג דוד, זאָל אייביק לעבן. זיי זיינען געפאַלן אויף זייערע פּנימער פאַרן קיניג, דוד, און זיך טיף געבויגט פאַר שלמהן. אויך די שופטים האָבן באַוואונדערט שלמהס קלוגשאַפט און גראַטולירט דעם קיניג, דוד, וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן אַ זון, אַ גרויסן חכם וואָס זיין גלייכן איז ניט צו געפינען אין גאַנצן לאַנד פון ישראל.

די מעשה וועגן דערדאַזיקער אנטשיידונג האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט, ירושלים, און האָט זיך גענומען שפּרייטן איבערן

לאנד פון ישראל. אזוי אַז מיט צווי וואָכן שפּעטער מאַנטיק, ווען עס האָט געדאַרפט פאָרקומען דער גמר פון משפּט פון די צוויי, וואָס איטלעכער פון זיי פאַרזיכערט אַז ער איז דער זון פון חשביהן, — האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גאָר גרויסער עולם, וואָס זיינען געווען נייגעריק צו הערן דעם פּסק־דין. דער גרעסטער זאַל אין דער פּאַלאַטע איז געווען צו קליין אַלעמען אריינצונעמען. האָט דער קעניג דוד באַפוילן, אַז דער געריכט זאָל פאָרקומען אונטער דעם אָפענעם הימל. גאַנץ ירושלים, מענער, פרויען און קינדער, זיינען געווען אויפן פּלאַץ, פאַרנומען זייערע ערטער שעהן איידער דער געריכט האָט זיך אָנגעפאַנגען. אויך פון די דערפער און שטעטלעך פון דער ארומגעגנט זיינען אָנגעקומען, ווער צופוס, ווער רייטנדיק אויף אַן אייזל און ווער פאַרנדיק אין אַ וואָגן. אַלע זיינען געווען גיריק צו הערן דעם פּסק־דין וואָס ס'וועט אַרויסטראָגן שלמה, קיניג דודס זון, דער קליגסטער און ייִנגסטער שופט, וואָס איז געווען אַמאָל אין ישראל.

שלמה האָט געהייסן מע זאָל פון די צוויי קמואלס, די זין פון חשביהן, פון דעם אָנקלעגער און אָנגעקלאָגטן, אָפּצאַפּן בלוט אין צוויי באַזונדערע געפעס. דעם אָרעם־ביין פון טויטן חשביהן האָט ער אריינגעטאָן אין איין כּלי מיט דעם בלוט, און ער האָט דאָס בלוט ניט איינגעזאַפּט, עס איז צו אים ניט צוגעשטאַנען. דער ביין האָט זיך לחלוטין ניט פאַרפאַרבט. ער האָט אים אָפּגעטונקט אין דער צווייטער כּלי מיטן בלוט און דאָס בלוט האָט זיך אָנגענומען. שלמה האָט אַרויסגענומען דעם רויט פאַרפאַרבטן ביין און אים געצייגט צום עולם צוקוקער און האָט אַרויסגעזאָגט די פּאָר ווערטער:

— וועמעס בלוט איז אין דער דאָזיקער כּלי, דער איז דער זון פון דעם פאַרשטאָרבענעם חשביהן און ער איז דער געזעצלעכער יורש.

דער עולם איז פאַר אַ גאָר קורצער ווײַלע געבליבן געפּלעפט פון איבערראַשונג. אָבער באַלד זיינען זיי געקומען צו זיך און אַלע, ווי איין מענטש, האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קני און געפאַלן אויף די פּנימער און אויסגעשריען: לאַנג זאָל לעבן דער קיניג דוד! דער אלהים פון ישראל האָט אים געגעבן אַ זון, וואָס איז פול מיט חכמה, עס איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ קלוגער שופט ווי שלמה, דער זון פון דוד, מלך ישראל חיי וקיים! אַלע זיינען אויפגעשטאַנען און האָבן זיך געניגט פאַר שלמהן, וואָס האָט זיך שטאַרק געדרויטלט און האָט פּרובירט זיך צו פאַרשטעקן הינטער די שולטערן פון די עלטערע שופטים, אַזוי אַז מע זאָל אים ניט אַרויסזען.

אבא גארדין

# 8

## שלמה קלייבט זיך ווערן א פאסטעך

שלמה איז גרייט אויסצופילן דעם ראַט פון זיין פאַטער, קיניג דוד. ער טראַכט, דער פאַטער איז פולקום גערעכט. די בעסטע צוגרייטונג צו פירערשאַפט איז פאַסטוכעריי. זיין פאַטער איז געווען אַ פאַסטעך און איז געבליבן אַ פאַסטעך. ער האָט בלויז אויסגעביטן שאָף און רינדער אויף מענטשנקינדער.

„ער האָט אויסגעקליבן דודן, ער האָט אים ארויסגענומען פון די שאָף־שטעלכלעך, פון הינטער די זויגערינס־שעפסן האָט „ער" אים געבראַכט צו פיטערן יעקבן, זיין פאָלק, און ישראל זיין אַרב. און ער פיטערט זיי לויט דער ערלעכקייט פון זיין האַרצן; און מיט דער געשיקטקייט פון זיינע הענט פירט ער זיי[1]".

וואוהין, אין וועלכער קעגנט זאָל ער גיין און זיך אַנדינגען פאר אַ פאַסטעך־יונג? דריי גרויסע פאַסטעך־געשטאַלטן האָט ער פאר זיינע אויגן: יעקב, דער גרויסער ליב־האָבער; משה, דער געזעצגעבער און אויסלייזער; דוד זיין פאַטער, פאַסטעך־קיניג־קריגער. יעקב האָט געגעבן די תורה פון ליבע און אויפגעריכט דעם בית־יעקב, דעם יעקב הויזגעזינט, די ישראל־היים, און האָט אַנטפלעקט צו זיינע קינדער די מערכה פון דער מענטשנראַסע אין דער גאָר ווייטער צוקונפט, „אין דעם ענד פון די טעג". משה איז געווען דער ערשטער אויסלייזער וואָס האָט זיך קוים אויסגעלייזט פון פארצווייפלונג, ווען ער האָט פאַרויסגעזען און פאַרויסגעזאָגט דעם דורכפאַל פון זיין פאַליטישער שליחות. ער האָט אויך פאר זיך דעם לעבעדיקן ביישפיל פון זיין פאַטער, דעם קעניג, פון דעם קריגער און זיגער, דעם איש־המעשה וואָס איז אריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין די פראַקטישע אַנגעלעגנהייטן פון דער קעגנוואַרט.

אין וועלכער געשטאַלט זאָל ער זיך פאַרקלײדן? מיט וועלכער פערזענלעכקייט זאָל ער זיך פלייסן צו פארזעלביקן? מיט וועמעס נשמה זאָל ער זיך באַהעפטן? זאָל ער, אפשר, שאַפן א דרייאייניקייט פון אָט־די דריי גרויסע פירער פון ישראל און זיך פאַרטיפן און אַריינלעבן, זיך אַריינלייבן און זיך אריינזעלן אין אָט־דעם גראַנדיעזן דרייפאַכיקן געמעל. לערנען

1. תהלים, ע"ח, ע'.

פון יענעם מיינט אַריינהויבן, אַריינאַטעמען אַ טייל פון יענעמס נשמה און ווערן צו אַ געוויסער מאָס איינס מיט אים. דאָס איז אַ מין גייסטיקע הזדווגות.

שלמה קען זיך ניט באַשליסן. ער ווייסט ניט ווי, ריכטיקער וואו, אָנ־צופאַנגען זיין פּאַסטעך־קאַריערע. צי זאָל ער אַוועק אין בית־לחם און נאָכ־טרעטן די שפּורן פון זיין גרויסן פאָטער, וועלן ער האָט געפּאַשעט דאָס שאָף פון ישי, זיין זיידן, וואָס איז שוין לאַנג אריין אין דער אייביקייט. צי זאָל ער גיין קיין פּדן ארם, קיין חרן, און דאָרטן פיטערן שאָף פון אַ וויטן אָפּשטאַמלינג פון לבנען. אויב ער וועט אַזאַ געפינען; צי ער זאָל אַוועק־וואַנדערן קיין מדין און זען אויסגעפינען די פאַרוואַרטע און פאַרווישטע פוסטריט פון משהן. ביי שלמהן די פּאַסטוכעריי אַרבעט גופא איז אַ טפל צו דעם אָנשטרענג וואָס ער וויל מאַכן, כדי זיך צו פאַרזעלביקן מיטן מהות פון דעם באַרימטן פּאַסטעך. און כדי צו פאַרגרינגערן זיך אַט־דעם אינקאַרנאַציע־פּרווו דאַרף ער האָבן יענעמס פיזישע סביבה און פאַר־פאַלגן יענעמס באַרוף, אַזוי אַז ער זאָל פאַר אַ געוויסער צייט, כמעט ווי מגולגל ווערן אין יענער גרויסער פּערזאָן.

וועגן דעם, ווען מען אויסצוקלייבן פאַרן ערשטן פאַרזוך, דאַרף ער זיך גוט איבערלייגן.

ער איז אַוועק צו זיין רבין, נתנען, און אים געפרעגט אַן עצה. אָבער נתן האָט זיך אַנטזאָגט אים צו געבן אָנווייזונגען. נתן האָט אים געזאָגט פשוט, אַז עס איז שוין צייט אַז ער זאָל זיך צוגעוווינען צו פאַסן שלוסן אויף זיין אייגענער אחריות. ער דאַרף זיך אויסלערנען צו באַגיין זיך אָן אַ זייטיקן מנהיג און מדריך. ער דאַרף אַליין ווערן זיין אייגענער וועגוויי־זער. זאָל ער זיך באַראַטן מיט זיין איבערשט־אינערלעכן, זיך אָנפרעגן ביי זיין האַרצן און פאַרשטאַנד, בקיצור, ווערן גייסטיק אומאָפּהענגיק:

אַט־דעם ראַט, אַז ער זאָל זיך באַראַטן מיט זיך אַליין, האָט נתן יאָ געגעבן שלמהן, און שלמה האָט דידאָזיקע עצה אויסגעפאָלגט.

ווען ער האָט זיך געזעגנט מיטן קיניג דוד, זיין פאָטער, האָט דוד אים געשאָנקען זיין אייגענעם פּאַסטעך־שטעקן און שטיינוואַרפער און אַ טאַש מיט שטיינדלעך וואָס זיינען ביי אים אויפגעהיט געוואָרן די אַלע יאָרן פון זיין קיניגן. ער האָט זיך מיט דעראָזיקער „אויסשטאַטונג" ניט גערן געשיידט. ער האָט עס שלמהן אינגאַנצן ניט אַוועקגעשאָנקען, בלויז גע־געבן אים פאַר צייטווייליקן באַנוץ, און גענומען אַ צוזאָג, אַז ער וועט זיי אים צוריקברענגען אין פולער גאַנצקייט און אין ניט אָן ערגערן

צושטאַנד, ווי דער אין וועלכן זיי געפינען זיך איצט. דוד האָט אַבערגלויביש געציטערט איבער אָט־די געציג זיינע וואָס זיינען ביי אים געווען אַזוי חשוב ווי דער צעפטער און קרוין. זיי זיינען געווען דורכגעזאַפּט מיט זיינע הארציקסטע און גליקלעכסטע יוגנט־איבערלעבונגען. ער האָט טייער געהאַלטן איטלעכן גלאָטן שטיינדל און געדענקט גענוי וואו ער האָט אים געפונען. ער האָט כמעט פאַרהערלעכט דעם שטעקן און אויף יעדן סענק זיינעם זיינען געהאנגען די קאָסטבאַרסטע דערינערונגען. ער האָט ממש ליב געהאט די טאַש. אָט־די רעליוועקס זיינען ביי אים געשטאַנען אויף א גאָר הויכער מדרגה פון דברים־שבקדושה. ער האָט געגלויבט אין זייער מאגישער קראַפט. זיי זיינען געווען זיינע באַשירמער און באַשיצער פון יעדער צרה און אומגליק. ער האָט זיי תמיד געהאַלטן לעבן זיך ווי א סגולה אָפּצוהיטן פון זיך קראַנקייטן, יסורים און שלעכטס, שלעכטע אַבזיכטן און שלעכטע טואונגען פון שונאים. ער האָט זיי אַלע מאָל מיטגענומען מיט זיך אויפן שלאַכטפעלד און איינער פון זיינע נושאי־כלים פלעגט זיי אים נאָכטראָגן.

דוד האָט שלמהן אויך געוואָלט געבן זיין פּאַסטעכישן מלבוש, אָבער עס האָט זיך, נאָכן אָנמעסטן, אַרויסגעצייגט צו זיין צו קורץ און צו ענג. אַלע נאָטן האָבן שיער ניט געפּלאַצט. שלמה איז געווען פיל געוויקסיקער און ברייטער אין די ביינער פון דודן ווען ער איז געווען א יוגנטלעכער.

נאָך אַ היפּשע פּאָר טעג פון טראַכטן און איבערטראַכטן האָט שלמה ביי זיך אָפּגעמאַכט אַוועקצוּוואַנדערן קיין מדין, וואָס געפינט זיך צווישן רויטן ים און די פלאַכלענדער פון מואב. די מדינים האָבן געהאַט א נאָמען פאַר גוטע פּאַסטעכער.

שלמה איז אוועק צופוס. ער האָט ניט ליב געהאַט צו רייטן אויף א מוילאייזל, אַ קעמל אָדער גאָר אַ פערד. ער האָט זיך ניט געהאַט וואָס צו איילן און דאָס גיין האָט אים פּאַרשאַפט פאַרגעניגן. ער האָט הנאה געהאַט, ממש, פון יעדן טראָט, פון יעדן צוריר מיט דער פוספלאַך צום באָדן ווי פון דער ערד וואָלטן, בפועל־ממש, געשפּראָצט געדאַנקען און אמתן. ער איז געגאַנגען פאַמעלעך ווי ער וואָלט טראָגן אויף זיינע אַקסלען שווערע לאַגלען אָנגעגאָסענע צום איבערפליסן מיט די מחשבות, וואָס האָבן אַרויסגעקוועלט ווי פון באָדן דורך זיינע פיס, אין גרויס שפע.

דאָס טראַכטן ביי שלמהן איז געווען אַ מין „כל עצמותי תאמרנה", אַן איבערלעבעניש, ניט בלויז פון א אינטעלעקטועלן כאַראַקטער. ער האָט זיינע רעיונות קערפּערלעך אויפגענומען, ווי לופט און שפייז.

נאָך פיר חדשים וואַנדערן איז שלמה אָנגעקומען אין מדין, זיין דעסטינאַציע־אָרט.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים ברונעם, ביי וועלכן ער איז געווען זיכער, משה איז געזעסן מיט פינף הונדערט זיבעציק יאָר צוריק. דער ברונעם איז געווען אַרומגעלייגט מיט גרויסע שטיינער, וואָס זיינען געווען אָפּגעקאַלכט. זייער ווייסקייט האָט שימערירט. הפנים דער קאַלך איז געווען נאָך פריש. א באַווייז אַז מע גיט אַכטונג אויפן ברונעם. קיין שאָף טרינקט מען פון אים מער ניט אָן. קיין קאַריטעס זיינען ניטאָ. דאָס וואַסער איז צו הייליק אַז מע זאָל עס געברויכן פאַר וואָכעדיקע צוועקן.

מע האַלט דאָס אָנשעפּן וואַסער און טרינקען עס פאַר א סגולה צו קריגן א חתן אָדער א כלה. מיידלעך פון די אַרומיקע דערפער וועמען עס גייט ניט אין קריגן חתנים און האָבן מורא פאַרזעסן צו ווערן ביזן גרויען צאָפּ, קומען צו אָט־דעם הייליקן ברונעם, וואָס הייסט משהס קרעניצע. זיי זעצן זיך אַוועק און וואַרטן. ווען אַ יונגער מאַן קומט און שעפּט אָן וואַסער און דערלאַנגט א מיידל אַ טרונק, מיינט עס אַן אָנבאָט צו הייראַט און אַזוי גוט ווי אַ דערקלערונג פון פאַרקנסונג. אויף אַזאַ שטייגער ווערן גאַנץ אָפט געשלאָסן שידוכים ביי די בעדואַינישע שבטים. די מיידלעך אַזוי פאַרקנסט הייסן משה׳ס כלות און די בחורים — משה׳ס חתנים. דיזאָזיקע זיווגים, האַלט מען, וועלן עולה־יפה־זיין, לעבן גליקלעך און זיין פרוכפּערנדיק.

שלמה האָט זיך דערוואוסט וועגן אָט־דעם איינפיר פיל שפּעטער. אַצונדער איז ער געזעסן גאַנץ אומשולדיק. זיין כוונה איז געווען זיך אַריינדערפאַרן אין משה׳ס איבערלעבונגען ביי דעמדאָזיקן ברונעם.

ער האָט געטראַכט:

דער גרויסער משה, דער באַפרייער פון שקלאַפן און שאַפער פון א פאָלק וואָס ער האָט מיט גרויס אָנשטרענג צעניפגעקנאָטן פון באַזונדערע, צווישן זיך זיך־אַרומקריגנדיקע, שבטים, איז געווען הפנים א מענטש וואָס האָט ניט געקענט פאַרטראָגן קיין עוולות. וואו זיי זאָלן ניט באַגאַנגען ווערן.

ער איז נאָרוואָס אַנטרונען פון זיינע פאַרפאָלגער, קוים מיטן לעבן זיך געראַטעוועט. ער האָט דורכגעפירט אַ פּאָליטישע מאָרד־אַקציע, דערהרגעט א מצרי, וועמען ער האָט געזען שלאָגן א עברי. ער האָט געמוזט, אונטער דער געפאַר פון הינריכטונג, אַנטלויפן פון מצרים. ער איז נאָרוואָס אָנגעקומען אין א נייעם אומבאַקאַנטן פרעמדן לאַנד. ער קען ניט

דעם שטייגער־לעבן פון די איינוווינער. און אַט קומען אָן פּאַסטושקעס מיט זייערע טשערעדעס. זיי קומען פאַר־פרי איידער די אַנדערע פּאַסטע־כער באַוויַיזן זיך, ווייל שפּעטער־צו איז גערדרענג, ווייסן זיי, וועט מען זיי ניט צולאָזן צום וואַסער. עס וועלן זיין בילכערע פון זיי. בילכערע מיינט שטאַרקערע בעלנים. זיי וועלן דאַרפן וואַרטן אויף לעצט, ווען עס וועט שוין קאַרג וואַסער זיין אין ברונעם. ער וועט זיין אָן אויסגעשעפּטער. זיי וועלן זיך דאַרפן באַנוגענען מיט די שיריים, מיט קאַלעמוטנע וואַסער פול מיט זאַמד. דאָס שאָף וועט דאָס ניט וועלן אין מויל נעמען, און די שטאַרק פאַרדורשטיקטע וואָס וועלן עס יאָ טרינקען, וועלן נאָכדעם קריגן אַ גרימעניש אין די געדערים און אַנדערע פון זיי וועלן אוועקפאַלן. דערפאַר קומען זיי אָן פרי, גאָר באַצייטנס, שעפּן אָן וואַסער וואָס איז קלאָר, ריין און קיל. זיי פילן אָן די קאַריטעס און ווילן צוטרייבן דאָס שאָף און זיי לאָזן זיך אָנטרינקען. ערשט גאָר אומגעריכט, פאַר אַט דער פריער שעה, לויפן אָן פּאַסטעכעריונגען, טרייבן אַוועק די פּאַסטושקעס מיט זייערע טשערע־דעס אויך פון די אָנגעפילטע קאַריטעס, טרינקען זיי גאָר אָן זייערע אייגע־נע טשערעדעס.

משה קען עס ניט צוזען גלייכגילטיק, סטייטש, ווי באַוועלהט מען עס אַזוי די פּאַסטושקעס און בלויז דערפאַר וואָס זיי זיינען שוואַכער פון די יונגען. עס צינד זיך אָן אין אים אַ צאָרן, זיין גערעכטיקייט־געפיל איז פאַרלעצט. ער גורט זיך אָן מיט גבודה וואָס קוועלט אין אים אָן, בשעת מעשה פאַרגעסט ער זיין לאַגע פון אַ בורח וואָס זוכט דאָ אָן אַזיל. ער שטעלט זיך אויף, ציט זיך אויס צו זיין פולער ריזיקער שטאַטור און צעבייזערט זיך אויף די גראָבע יונגען־פּאַסטוכער.

— קענט איר ניט צוואַרטן?! די פּאַסטושקעס זיינען דאָך געקומען פאַר אייך. זיי האָבן שוין געהאַט אָנגעפילט די קאַריטעס. פאַרוואָס זאָלט איר זיי באַרויבן פון זייער מי און צייט?! וואו איז יושר?! איבערהויפּט נאָך אַז זיי זיינען מיידלעך און איר זייט געזונטע באַכורעצעס. שעמען מעגט איר זיך אין אייער טיפן האַלדז!

די פּאַסטעכער יונגען לאַכן זיך פאַנאַנדער.

— ווער ביסטו? פונוואַנענט קומסטו? וואָס איז עס דיין עסק?! ווי געפעלט עס אייך, אַ ווילד פרעמדער, וועמען אַ בייזער ווינט האָט אַריינ־געבלאָזן אַהער פון מדבר, זאָגט אונדז ווי מיר דאַרפן זיך אויפפירן אין אונדזער מקום. עס איז זיין זאַך, זיינע מיידלעך! ווער פאַרשטומט, דו, אָפּפגעריסענער שוטה און חצוף מחוצף!

## שלמה המלך

א פֿאַסטעך מיט אַ שוואַרץ בערדל און בליציקע בייזע אויגן שרייט מיט אַן אײַזעריקער שטים:

— ער וויל פֿאַרזוכן אונדזערע קלעפּ. חבֿרה, זאָלעוועט ניט, דערלאַנגט אים, גיט אים וויפֿל ס׳וועט אײַן אים אַרײַן. זאָל ער וויסן ווי צו האַלטן מויל אײַן מדינן.

ער לויפֿט צו צו משהן און וויל אים אָפּמעסטן מיט זײַן סענקעוואַטן שטעקן וואָס ער האַלט שוין אויפֿגעהויבן.

משה לאָזט אים אַראָפּ א פּאָר הילכיקע פּעטש. רײַסט אַרויס דעם שטעקן פֿון זײַנע הענט און צעברעכט אים אויף שטיקלעך.

— חבֿרה, ראַטעוועט! — שרייט דער געפּאַטשטשער, — פֿאַרוואַרפֿט מיט שטיינער דעם חוצפּהניק, דעם שלעגער! זאָל ער פֿאַרזאָגן א צענטן, ווי זיך אָנצוהייבן מיט מדינישע פּאַסטעכער!

א צווייטער פּאַסטעך־יונג לויפֿט צו צו משהן. ער כאַפּט די אייגענע מפּלה, די צוויי ליגן שוין אויפֿן זאַמד און סקאַווטשען.

א דריטער וואַרפֿט זיך אויף משהן מיט אַ שטיין אין דער האַנט. די פּאַסטושקעס, אַז זיי האָבן זיך דערקוקנדיק אַז זייער באַשיצער איז שוין גאָר קיין נעבעך ניט, נעמען זיי זיך אַן מיט קוראַזש און וואַרפֿן זיך אַרײַן אין געראַנגל. דערווייל קלײַבן זיך צענויף לײַטע פֿון די אַרומיקע געצעלטן, אויך פּאַרבייגייערס. אַז זיי זעען, אַז משה איז אי דער גערעכטער אי דער זיגער, וואַרפֿן זיי זיך אַלע אַרײַן אין געשלעג אויף משה׳ס צד.

די רשעים פּאַסטעכער, אַז זיי זעען אַז זיי פֿאַרשפּילן דעם געפּעבט, לויפֿן צו צו די די קאַריטעס, קערן זיי איבער, גיסן אויס דאָס וואַסער און ציען אָפּ, זיי ווערן ניט אין די וואָלקנס שטויב וואָס זייערע צעפּודזשעטע שעפּסן הויבן אויף.

משה שעפּט אָן וואַסער, פֿילט אָן די קאַריטעס און טרינקט אָן דאָס שאָף. די פּאַסטושקעס אײַן אײַלעניש גייען אַוועק מיט זייערע טשערעדעס אין דער ריכטונג פֿון זייער היים.

שלמה האָט געזען פּאַר זיך די סצענע ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט אַלע דעטאַלן. ווי ער וואָלט דערבײַ געווען. אָט אײַלן אַוועק די זיבן פּאַסטושקעס מיט זייערע טשערעדעס. די עלטסטע, צפּורה, איז אײַנאונצוואַנציק יאָר אַלט. זי איז ניט קיין שיינע, נאָר א גאַנץ חנעוודיקע. די ייִנגסטע, א שיינהייט, איז אַלט אַ יאָר פֿערצן. אַלע זיבן טיפֿע ברונעטקעס, פֿאַרברענט פֿון דער מדבר־זון. זיי האַלטן לאַנגע ווישעס אין

די הענט. זיי גייען אָנגעטאָן אין ווייסע ליװונטענע קליידער וואָס זעען אויס ווי לאַנגע העמדער. דאָס בילד איז אַזוי לעבעדיק אַז שלמה הערט דאָס בלעקערצן פון די שעפסן. די טשערעדעס זיינען באַגלייט פון צוויי גרויסע הינט. עס איז היים און זייערע רויטע, ווי פייער, צינגער, שטעקן זיי אַרויס פון די מיילער. זיי אָטעמען שווער און שנעל. די ווידלען האַלטן זיי פאַרבויגן צווישן די פיס.

די פּאַנאָראַמע פאַרשווינדט... שלמה האָט זיך ווי אויפגעוואַכט. ער איז ניט זיכער צי ער האָט ניט געכאַפּט אַ דרעמל, און די גאַנצע זאַך האָט זיך אים געחלומט.

ער נעמט זיין חלום פאַר אַ גוטן סימן, אַן אָנזאָג אַז זיין אַריינלעבן זיך אין משהן וועט זיין אַ דערפאָלג. ער וועט דערגרייכן צו אַ פאַרזעל־ביקונג, דאָס מיינט אַז משה׳ס זעל וועט זיך באַזעצן אין זיין קערפּער.

שלמה פאַרטראַכט זיך. עס שווימען אַרויף פראַגעס און פרעגענישן.

פאַרוואָס האָבן די פּאַסטעכער געוואָלט שלעכטס טאָן די פּאַסטוש־קעס? פאַרוואָס טוען מענטשן, בכלל, שלעכטס? עפּעס טרייבט זיי דערצו. זיי ווילט זיך טאָן רשעות, אָנטאָן נגישות איינער דעם אַנדערן. אפשר האָט עס גאָר ניט צו טאָן מיט אַ נויגונג צו שלעכטס. די זאַך איז פיל פּשוטער, עס פילט זיך אַ דוחק אין די זאַכן, וואָס מענטשן דאַרפן האָבן, קענען זיי זיך ניט צעטיילן מיט דער נאַטורס „ירושה״. ווען אַלץ וואָלט זיין אין שפע, ווען אין ברונעם וואָלט דאָס וואַסער זיך ניט אויסגעשעפּט, עס וואָלט קלעקן פאַר אַלעמען, וואָלטן די פּאַסטעכער זיך ניט געריסן אי־בערגעוואַלד צום וואַסער. אָבער מאַנגל אַליין קען ניט דערקלערן אַלע שלעכטע מענטשלעכע האַנדלונגען. עפּעס יאָגט דעם מענטשן צו טאָן שלעכטס. מענטשן האָבן, עפּעס ווי, הנאה זיך אַרומצוקריגן, זיך אַרומ־צושלאָגן איינער מיטן אַנדערן. צאַנקעריי איז ביי פילע פון זיי אַ צוועק פאַר זיך. עס איז אַ ליידנשאַפט אַזאַ.

שלמה קלערט, ווער ווייסט, אפשר איז אין דער וועלט און אין מענטשן איינגעפלאַנצט אַ רשעות־אינסטינקט, אַ יצר־הרע אַזאַ, וואָס טרייבט אים ער זאָל צעשטערן, אומברענגען דעם מיטמענטשן און טאַקע זיך אַליין אויך. אין שאַפן לעבן איז אַריינגעטאָן אַ תאווה, אַ געשלעכטלעכער הונגער, די אייגענע תאווה איז, פּיליכט, אַריינגעוויקלט אויך אין פאַראורזאַ־כן טויט, אין שאַפן אומקום, אָנטאָן שאָדן, היזק, ברענגען חורבן. דער אַל־טער שטערער, דער שטן־קדמון, האַלט אין איין ראַנגלען זיך מיטן יונגן גייסט, מיט יהוה, מעגלעך אַז עס זיינע געדעכט די וואָס באַהויפּטן אַז

אין דער אַרענע, וואָס הייסט מענטש און וועלט, האַלטן אין איין ראַנגלען זיך צוויי גלייכבאַרעכטיקטע און גלייך־פּעולהדיקע יסודות, ווי דהיינו, ליכט און פינצטערניש.

שלמה בויגט זיך אַרונטער און קוקט זיך אַריין אין דער טיפעניש פון ברונעם. מע זעט קוים דעם וואַסער. ער קען ניט זען דעם אָפּשפּיגל פון זיין פּנים. אין דער טיף פון ברונעם געוועלטיקט הוילע חשכות. ער נעמט אַרויס דעם קאָפּ פון ברונעם. דער אַרום איז פאַרפּלייצט מיט זונשיין ביז צו די סאַמע ראַנדן פון פליין, וואָס איז באַזוימט מיט טייטלביימער. זיי וואַרפן דינע לאַנג־אויסגעצויגענע שאָטנס. די ביימער שטייען אויסגעשטעלטע ווי זיי וואָלטן געווען שומרים וואָס מ׳האַלט דאָ כדי אָפּצוהיטן דעם צוגאַנג צו די היגלען וואָס ציִען זיך פונדערווייטנס פאַרהילטע אין בלוילעכקייטן.

שלמה טראַכט: אין די טיפענישן איז תמיד חושך און אין די הייכקייטן איז שטענדיק בלוילעך. מע ווייסט ניט וואָס דאָרטן טוט זיך.

אַ יונגפרוי מיט פאַרחלומטע אויגן, אַ שלאַנקע ווי אַ פּאַלמע, מיט צוויי שוואַרצע לאַנגע צעפּ פאַרפלאָכטן מיט בונטע סטענגעס, אין וועלכע עס זיינען אַריינגעקניפּלט זילבערנע קעמעלעך, דערנענטערט זיך מיט לייכטע פּאַמעלעכע טריט צום ברונעם. זי גייט ווי זי וואָלט וואַנדלען אין שלאָף. אירע אויגן האַלט זי האַלב־אָפן, שטאַרק פאַרזשמורקעט. זי קען, הפּנים, ניט פאַרטראָגן די שיין וואָס איז אַזוי העל אַזש זי שטעכט די אויגן. זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ גרויסן שטיין לעבן ברונעם ניט ווייט פון שלמהן.

ער קוקט זי אָן פאַרחידושט. זי איז אַזוי טיף פאַרזונקען אין שוועךמעריי אַז ער לאָזט כמעט צו דעם געדאַנק אַז זי איז אַ געשפּענסט, אַ פיגור געשפּונען פון ליכט און שאָטנס.

ער באַאָבאַכט זי זאָרגפעלטיק, בליקט זי דורכדרינגלעך אַדורך. זי איז יונג, ניט צו שיין, נאָר קערנדיק און זאַפטיק. איר בוזעם הויבט זיך און פאַלט. זי אָטעמט שנעל. זי מאַכט אָן אָנשטרענגונג עפּעס אַרויסצוברענגען פון איר קעל וואָס האָט זיך ווי פאַרעקשנט און פאַרהאַלט די קלאַנגען.

זי עפנט פאַנאַנדער ברייט די אויגן. זי קוקט אים אָן אַ ווײַלע מיט גרויס געזע־אַפּעטיט, ווי זי וואָלט מיט אירע בליקן אים איינבייסן און וועלן אַראָפּשלינגען אינגאַנצן, ניט־איבערלאָזנדיק קיין רעשט פון אים פאַר אים אַליין אָדער פאַר וועמען עס איז אַן אַנדערן אָדער אַנדערער.

נאָך עטלעכע אומגעלונגענע פּאַרזוכן גיט זיך איר איין אַרויסצו־ברענגען די פּאָר ווערטער:

— וואָלסטו, בחור, וויליק זיין אָנשעפּן וואַסער און געבן מיר אַ טרונק?

די פראַגע־ווערטער ווערן באַגלייט מיט אַ לייכט־שוועבנדיקן שמייכל אויף אירע ראָזע ליפּן, און צוויי שורות ווייסע ציינדלעך טוען אַ בלאַנק.

שלמה באַנעמט ניט אַז די בקשה האָט אַ וויכטיקן סימבאָלישן באַ־טייט, אַז אין אָט דער געגנט איז עס אַן אָנבאָט פון ליבע און חתונה. ער פילט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט. ער קען ניט דערפילן איר ביטע און עס פּאַסט ניט איר אָפּצוזאָגן. ווי קען ער דערפילן איר פאַרלאַנג אַז ער האָט ניט קיין עמער, ניט קיין שטריק און דער ברונעם איז אויסערגע־וויינטלעך טיף; און ווי עס זעט אויס איז ער אַ פאַרלאָזענער, מע געברויכט מער ניט זיין וואַסער צום טרינקען און אָנטרינקען.

שלמה האָט ניט באַמערקט ווי אָט־די יונגפרוי האָט אים פּאָר אַ היפּ־שער ווײַלע נאָכגעקוקט בעת ער איז דאָ געזעסן אַ פאַרטראַכטער אָדער אַ פאַרזונקענער אין אַ טיפן דרעמל. זי האָט וואַרשיינלעך געמיינט אַז זיין זיצן דאָ האָט אַן אַבזיכט, ער וואַרט אַ יונגפרוי זאָל אָנקומען און ווענדן זיך צו אים מיט דער אָנגענומענער פאָרמול.

שלמה ענטפערט איר, העפלעך פּערנויגנדיק זיך:

— איך וואָלט עס גערן טאָן, געערטע יונגפרוי, אָבער איך האָב ניט קיין שטריק און ניט קיין עמער, און דאָס וואַסער איז ניט צו דערלאַנגען מיט דער האַנט.

— איך קען צוגיין און ברענגען אַן עמער פון אונדזער הויז. מיר ווױ־נען גאָר ניט ווייט פונדאַנען.

שמלה ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן. זי שפּירט אַז ער באַגרייפט ניט וווּהין אירע רייד צילן. עס פאַרדריסט איר. איר פּנים ווערט ווי פאַרצויגן מיט אַ וואָל פון טונקלקייט וואָס קומט פון אַנטוישונג. שלמה אָבזער־ווירט זי, אָבער טייטשט ניט אויס וויגעהעריק דעם קאָליר־בייט אויף איר געזיכט.

אצונדער נעמט זי זיך צוקוקן צו זיין אָנטועכץ. פאַרדעם האָט זי בלויז געזען אים אַליין, זיין געזיכט, זיינע לאַנגע לאָקן, זיינע טיפע אויגן, זיין האַלדז און נאַקן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיינע האַלב נאַ־קעטע פיס אַריינגעשטעקטע אין פאַרשטויבטע סאַנדאַלן. זי פאַרשטייט אַז

ער איז אַ פרעמדער, געקומען פון אנדערע מקומות און זיין זיצן ביים ברו־נעם מיינט ניט אַז ער זוכט א פריינדין, א געליבטע.

— ווי הייסט, דער געערטער יונגער מאַן? — פרעגט זי אים מיט א טאָן פון אן עלטערער אראָפּלאָזנדיק זיך צו א יינגערן. זי איז געווען על־טער פון אים מיט דריי יאָר.

— מיין נאָמען איז שלמה... און ווי הייסט מיין הארנטע, אויב מיר איז דערלויבט צו פרעגן?

— איך הייס עכסה... פונוואנענט קומט דער יונגערמאַן, מיין האַר?

— איך קום פונווייט, פון לאַנד ישראל, פון דער שטאָט ירושלים.

— וועגן לאַנד ישראל האָב איך געהערט מיין פאָטער אָפט ריידן; אָבער דער נאָמען פון שטאָט איז מיר אינגאנצן אומבאקאנט. עס מוז זיין א נייאויפגעקומענע שטאָט... וועט מיין יונגער האַר מיר דערלויבן אים פרעגן וווהין ער גייט? איז מיין יונגער האַר א דורכוואַנדערער?

— ניין, מיין הארנטע, איך מיין דאָ צו פאַרבלייבן א צאָל מאָנאַטן און אפשר לענגער.

— וואָס דענקט מיין יונגער האַר דאָ צו טאָן און ביי וועמען וועט ער דאָ ווינען? האָט מיין יונגער האַר דאָ פריינט, קרובים אָדער באַקענטע?

— איך האָב דאָ קיינעם ניט, איך זוך באשעפטיקונג ווי א פאסטעך־יונג.

— מיין פאָטער איז דער פריסטער פון דער היגער געמיינדע. מיר האָבן היפשע טשערעדעס. מיר האַלטן עטלעכע פאַסטעכער־יונגען. איי־נער פון זיי איז קראַנק געוואָרן מיט עטלעכע וואָכן צוריק, שוין איבער אַ וואָך אַז ער איז געשטאָרבן. אויב מיין יונגער האַר וויל, קאָן ער גיין מיט מיר און איך וועל פרעגן מיין פאָטער וועגן דער וואַקאַנטער פאסטעך שטעלע.

אין עכסהס שטים ציטערן די קלאַנגען. זי וויגט זיך צווישן האָפע־נונג און צווייפל, און אויך צווישן דעם רופן אים ביים נאָמען און טיטולירן אים „האַר".

— מיט פאַרגעניגן וועל איך גיין מיט מיין האַרנטע. ביי אונדז זאָגט מען, אַז ווען מע קומט אין אַ פרעמדער קעגנט און מע זעצט זיך לעבן א ברונעם און אַ יונגפרוי קומט אַרויס און באַגעגנט, איז עס אַ סימן פון הצלחה.

— ווילסט צו גיין מיט מיר? — זי פאַרוואָרפט דעם „האַר" וויבאַלד ער גייט זיך פאַרדינגען ביי איר פאָטער.

— נאָך ווי ווילק, אַלץ הייסט ווילק! מיין האַרנטע איז געשיקט געוואָרן צו מיר ווי אַ מלאָכטע אויסלייזערין.

עכסה וואַרפט אים צו אַ מילדן בליק און אַן אַנלאַקנדיקן שמייכל.

שלמה באַמערקט עס ניט.

— קיין מלאכטע בין איך ניט, בלויז אַ מויד פון פלייש און בלוט, אַן איינאיינציקע. איך האָב ניט קיין ברודער און ניט קיין שוועסטער. מיין מוטער איז מיט אַ יאָר צוריק געשטאָרבן. ביי מיין פאָטער איז זי געווען די דריטע ווייב אין נאָכפאָלג. ער, מיין פאָטער, איז שוין אַ זקן.

## 9

## עכסה

שלמה דינגט זיך אָן פאַר אַ פאַסטעך־יונג. ער בעט ניט קיין לוין, בלויז כאַרטש. מער דאַרף ער ניט און מער איז ער ניט ווערט, לויט זיין אייגענעם אָפּשאַץ. ווייל ער גייט זיך ערשט לערנען פאַר אַ פאַסטעך. ער איז נאָך זייער ווייט פון זיין אַ מומחה.

דער אַלטער פריסטער זכור האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אָנבאָט. עס וועט אים גאָרניט קאָסטן. און אפשר וועט עס זיין אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער. ווען יאָ, וועט ער דעם אידעם, פאַסטעך־יונג, אויסלערנען צו זיין אַ פריסטער. ווען ער וועט שטאַרבן וועט דער יונגער אידעם ירשענען אי די באַלעבאַטישקייט און אי דעם קליינעם טעמפּל מיט די געצן. ער וועט האָבן פון זיי אַ היפשע הכנסה.

שלמה איז צופרידן מיט זיין שטעלע. אַזוי ווי עס זיינען דאָ נאָך עטלעכע פאַסטעכער, וואָס קענען זייער גוט זייער פאַך, וועט ער האָבן גענוג פרייע צייט זיך אַריינצוטאָן אין משה׳ס מגילה און טאָקע זיך אריינוועבן אין משה׳ס גייסט. נתן האָט מיט אים די מגילה ניט געוואָלט לייענען. ער האָט געזאָגט אַז ער, שלמה, קען עס לערנען אליין. זי איז אָנגעשריבן אין אַ לייכטן לשון און זי פאַרלאַנגט ניט קיינע אויסטייטשונגען פאַרטיפונגען. זי איז זייער טיף אָבער אַזוי ווי זי איז קלאָר איז זי דורכזיכטיק און לגמרי פאַרשטענדלעך. ער, שלמה, וועט אליין זיך קענען לייכט דערגרונטעווען צו איר סאַמע דעק. זי רעדט קלאָרע דיבורים אָן רמזים און פאַרהוילענע אָנדייטונגען וואָס ווערן געגעבן אויפן וואונק.

עכסה האָט זיך פאַרליבט אין שלמהן. קאָן מען זאָגן, פון ערשטן קוק. זי איז געווען אַ צעווייטאָקטע פון בענקעניש. דער פאַסטעך־יונג וואָס איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן איז געווען איר געליבטער, און אין הארבסט איז שוין געווען אָפּגעמאַכט, וועלן זיי חתונה האָבן. איר האָט זיך אויסגעדוכט, ריכטיקער, זי האָט זיך אומישנע איינגערעדט אַז שלמה זעט אויס ווי אַ קאָפּיע פון יענעם. זי האָט געזוכט טרייסט און אַ דערלייכטערונג פון איר דריקנדיקער איינזאַמקייט. אין איר אינערלעכער איינגערעדעניש האָט זי געגלויבט באמונה שלמה אַז די געטער האָבן ניט געקענט צוזען איר פּיין און אין זייער בארימהאַרציקייט האָבן זיי שלמהן געשיקט אויש פון מרחקים צו איר זי זאָל זיך טרייסטן און געפינען אַ פאַרגיטיקונג פאַר איר פאַרלוסט. צוריק אָנפילן מיט באַגערן איר אויסגעליידיקט האַרץ. אויס דאַנקבאַרקייט האָט זי ליידנשאַפטלעך געקושט און געהאַלדזט די תרפים און אפשר צען מאָל אַ טאָג מתפלל געווען צו די געטער וואָס אין איר פאָטערס טעמפּל. זי פלעגט אריינלויפן אָפּזאָגן אַ דאַנק־געבעט און אויפגיך ארויסלויפן, גיין זען וואָס שלמה טוט און ווי ער פילט זיך.

וואָס זי האָט נאָר געקענט טאָן פאַר שלמהן כדי אים לייכטער און אָנגענעמער צו מאַכן זיין אַרבעט, האָט זי געטאָן מיט איבערגעבנקייט, מיט ברען. זי פלעגט קאָכן פאַר אים דאָס עסן, און אים עס ברענגען אין פּאַסיקע אריין. זי האָט גאָר גיך אויסגעפונען אַז ער האָט אַ שטאַרקן חשק צום לייענען. זי האָט ניט געוואגט אים פרעגן וועגן וואָס עס שרייבט זיך און פאַרציילט זיך אין יענע שריפטן. זי האָט געוואַרט געדולדיק ביז ער אליין וועט עס איר איבערגעבן, ער וועט דערפילן אַ באַדערפעניש זיך טיילן מיט איר.

שלמה, אָבער, האָט גערעכנט אַז עכסהן וועט ניט זיין אינטערעסאַנט דאָס לעבן פון דעם גרויסן יידישן גייסטיקן פירער, וואָס האָט זיך אַ היפּשע פאַר יאָרן אויפגעהאַלטן אין מדין און האָט אפילו גענומען דעם אָרטיקן פּריסטערס טאָכטער פאַר אַ ווייב.

דער פאַסטעך־יונג שלמה פלעגט אויפשטיין פרי פאַרטאָג, ווי פּאַסטעכער זיינען געווינט צו טאָן. ער פלעגט מיטנעמען מיט זיך די מגילה פון משהס לעבן וואָס משה אליין האָט פאַרפאַסט אויף די עלטערע יאָרן. ווי נאָר דאָס שאָף האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער פּאַסיקע און די שעפּסן און לאַמען האָבן זיך רואיק געפּיטערט, געמיטלעך געשטשיפּעט דעם גראָז, פלעגן די פּאַסטעכער־יונגען זיך איינטיילן מיט דער אַרבעט. זיי פלעגן יעדער טאָג לאָזן אַן אנדערן זיין דער דזשורנער און די אי־

בעריקע פלעגן זיך אויסזעצן שפּילן אין ווערפלעך און אויף פּייפלעך, אמאָל אויך איינאָרדענען טענץ.

די גאַנצע פרייע צייט זיינע פלעגט שלמה אָפּגעבן פאַר לייענען די מגילה פון משהן.

אמאָל פלעגן זיך ארום אים ארומשטעלן אייניקע פּאסטעכער, און זיך איינהערן ווי ער לייענט אויפן קול. אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין געדולד, און פלעגן זיך גלייך צעגיין און זיך נעמען צו זייערע שפּילערייען.

— עס איז צו לאַנגווייליק, ווי אַזוי ווערט עס דיר, שלמה, ניט דער־עסן? — פלעגן זיי אים פרעגן, און צוגעבן, — צו וואָס בלעטערסטו זיך די אויגן אומזיסט און אומנישט.

זיי פלעגן אריינקוקן אין געשריפטס, א צוק טאָן מיט די אַקסלען, א מאַך טאָן מיטן קאָפּ מיט אַן אויסדרוק פון רחמנות, — מיט וואָס א מענטש פאַרנעמט זיך עס! קום, שלמה, שפּילן אין ווערפלעך אָדער אין קלעצלעך, — און אוועקגיין, ווייסנדיק אז מע קען אים פון לייענען ניט אָפּ־רייסן.

— א טשיקאַווער מענטש איז שלמה, — פלעגן זיי ריידן צווישן זיך, — אָבער שיין איז ער ווי גאָלד און עכסה ווערט פאַר אים פאַרכאַפּט...

זי קושט די שפּורן פון זיינע טריט, און ער מאַכט זיך פון דעם ניט וויסנ־דיק, ער איז אינגאַנצן גלייכגילטיק צו איר.

עכסה איז געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע אין הויז. זי פלעגט איר פאָטער אויך ארויסהעלפן אין טעמפּל. זי האָט אכטונג געגעבן אויף די געצן, זיי אויסגעפּוצט, ארומגעווישט פון שטויב, געשטעלט פאַר זיי עסן און טרינקען פון די אָפּער, וואָס די גלויביקע האָבן געבראַכט. נאָך דעם ווי די שפּייז פלעגט אָפּשטיין פאַר די געצן א פּאָר שעה און זיי פלעגן באַ־וויזן ארויסצועסן דעם גייסט פון דער שפּייז, פון דעם פליש, פרוכטן, ניס, קעז, וויינען און אנדערע עסנווארג און טרינקווארג, פלעגן די פּראַ־וויאַנטן סערווירט ווערן אויפן טיש און עס פלעגן זיך באַטייליקן אין דער „סעודת מצווה" דער פּריסטער זכור, עכסה און אויך גאַנץ אָפט די אָפּער־ברענגערס.

# 10

## שלמה וויל דורכפירן משה׳ס שליחות

שלמה לייענענדיק אַט־דעם פראַגמענט פון משהס מגילה אין דער אומגעבונג וואָס איז געווען ענלעך צו דער סביבה אין וועלכער משה האָט זיך געפונען בעת ער האָט דורכגעלעבט אָט־די באַשריבענע דערפאַ־רונגען, האָט זיך אויפאַזויפיל אידענטיפיצירט מיט דעם מחבר פון דער געלייענטער מגילה, אַז ער האָט, ווי אים האָט זיך אויסגעדוכט, ניט גע־לייענט קיין מגילה, נאָר, ממש, פאַרנומען די שטים, געזען דעם פלאַמ־פייער און מיטן קלאָרן פאַרשטאַנד באַנומען די לערע.

ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דער מערכה פון פאָלק ישראל: ווען אַ פאָלק, ריכטיקער ווען די זעער אָון מנהיגים פון אַ פאָלק, מאַכט אַ גרויסע אַנטדעקונג אויף דעם געביט פון מאָראַל, שאַפט אַ געלייטערטן דערהויבענעם גלויבן, און שטעלט אויף דעם סמך צו זיך און צו אַנ־דערע גרויסע פאָדערונגען, מוז זיין לעבן זיין טראַגיש. עס מוז ליידן. עס מוז צאָלן אַ הייכן פּרייז פאַר זיין שטרעבן צו זיין בעסער, שענער פון אַנדערע פעלקער, פאַר זיין וועלן זיך אויפהויבן צו דער מדרגה פון אַ זיטן־מוסטער פאַר די איבעריקע שטאַמען פון דער מענטשהייט.

עס בלייבט פאַר דורות און דורות שטיין אַליין אויפן מאָראַלישן שלאַכטפעלד. עס פאַרנעמט אַ צו הייכע פּאָזיציע. קיינע פון די פעלקער־שאַפטן וויל ניט קלעטערן אויף די הייכע בערג פון מאָראַלישע פליכטן. אַזוי אַז עס פילט זיך איינזאַם, אָפּגעזונדערט פון כלל. קיינער וויל אים ניט נאָכפאָלגן.

נאָך ערגער איז דאָס וואָס זיינע אייגענע פאָלקס־מאַסן קענען די נייע לערע ניט באַגרייפן, צייגן אַרויס אַ ווידערשטאַנד, אַזוי אַז דאָס פאָלק, נאָך אַלע זיינע אומגעהויער גרויסע אָנשטרענגונגען, פאַלט אַדורך אין זיין גייסטיק גראַנדיעזער אונטערנעמונג. און עס פילט זיך כסדר שולדיק. עס שטראָפט זיך, האָט תמיד טענות צו זיך פאַרוואָס עס קומט ניט נאָך זיין לערע אין פּראַקטישן לעבן, אין טעגלעכן אויפפיר. עס שטראָפט זיך און ווערט טאַקע באַשטראָפט פּאָליטיש פאַר זיין „ווידערשפּעניקייט". פאַר זיין ניט אויספילן די זעלטענע פאָדערונגען, וואָס עס האָט זיך געשטעלט דורך זיינע פאַרטרעטער, גייסטיקע מנהיגים וואָס זיינען אַוועק צו שנעל און צו ווייט פאָרויס און עס קען זיי ניט נאָכהאַלטן, ניט אָניאָגן.

די פּראַקטיש פּאָליטישע דערגרייכונגען פון פאָלק ישראל זיינען דער־ווייל גאָר נעבאַכדיקע, מאָגערע. זיין הערויִשער פּאָטער, דער קיניג דוד, דאַרף נאָך אַלץ פירן מלחמות כדי צו פאַרזיכערן די גרעניצן פון אָט־דעם קליינעם קיניגרייך. די לערע פון משהן, ווען אויפגעפּאַסט אין איר אַנפּסולתדיקער ריינקייט, פאַרשטייען בלויז א גאָר קליינער מיעוט צווישן די קינדער פון ישראל. זיין רבי נתן, באַנעמט ריכטיק, טיף משה׳ס תורה, באַגרייפט דעם מהות פון משה׳ס שיטה אין גלויבן. אָבער וויפל נתנס זיינען פאַראַן צווישן פאָלק?! איין, צוויי נביאים אין אַ גאַנצן דור.

די איינאַיכטום־לערע דאַרף אָפּשאַפן מלחמות צווישן די פעלקער און פאַרנייען די ריסן און איינשטילן די צאַנקערייען, וואָס קומען פאָר אין דער מענטשלעכער זעל.

ווי וועט זיך אים, שלמהן, וואָס פליסט זיך מיט כל הכוחות זיך צו פאַרזעלביקן מיט משהן, דעם נביא און פירער־באַפרייער, איינגעבן דורכ־צופירן דאָס, וואָס משה, אין זיין העלדישער געוואַגטקייט, האָט אונטער־גענומען און האָט זיך געמיט דורכצוזעצן און האָט עס בשום אופן ניט געקענט באַוויזן. דעמאָלט איז עס געווען צו פרי, פאַר דער צייט. דער דור איז ניט געווען ראוי, ניט דערוואַקסן צו אַזאַ דערהויבענער לערע.

יעדנפאַלס וועט ער, שלמה, פאַרזוכן עס דורכצופירן, זען אָפּשאַפן מלחמות, אויפשטעלן אַ מזבח ווי אַ סימבאָל פון אַלמענטשהייטלעכן פרידן, אויף וועלכן מע וועט מקריב זיין קרבנות פאַר אַלע פעלקערשאַפטן, זי־בעציק אָקסן, אַ פרידנס־קרבן פאַר יעדער אומה. נתן האָט עטלעכע מאָל גערעדט מיט אים וועגן דעם.

זיין גרויסער פאָטער, דער קיניג, דוד, האָט אַזאַ טעמפּל פון שלום און פעלקער־פאַרברידערונג ניט געקענט בויען, ווייל עס וואָלט דאָך ליגן אין דעם אַ שרייענדיקער ווידערשפּרוך. מע קען ניט בויען אַ טעמפּל פון פרידן פאַר אַלע פעלקער פון דער ערד און פירן אַ לעבנלאַנג מלחמות מיט די שכנים־פעלקער, פרײַדיקן שלום צו די ווייטע און פּראַקטיצירן קריג צו די נאָענטע. קיניג דוד ביי זיין גאַנצער גרייטקייט און וויליקייט עס צו טאָן, האָט אַזאַ טעמפּל ניט געקאָנט, ריכטיקער, ניט געטאָרט בויען. ער האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז זיין זון, וואָס וועט זיצן אויף זיין טראָן, וועט עס באַווייזן צו טאָן. קיניג דוד פירנדיק מלחמות איז באמת־געווען, טיף אין האַרצן אַן ערנסטער רודף־שלום. ער האָט זיך גייסט געקוויקט מיט דער האָפענונג אַז גאָר אײַנגיכן וועט קומען די צייט, ווען קיינער וועט ניט וואַגן צו באַפאַלן די קינדער פון ישראל, און

דעמאָלט וועט אָט־דער גראַנדיעזער טעמפּל פון איביקן שלום, פון אַל־פעלקערלעכן שלום אויפגעריכט ווערן אין לאַנד פון ישראל. און הגם ער אַליין האָט דעם בנין ניט געקענט בויען, האָט ער, קיניג דוד, אָבער צוגע־גרייט דעם בוימאַטעריאַל פאַר דעמדאָזיקן הייליקן בנין, וואָס וועט זיין געהייליקט צום אַלפעלקערלעכן איביקן פרידן.

קיניג דוד האָט באַפעלן איינצוזאַמלען אַלע פרעמדע וואָס אין לאַנד ישראל און ער האָט געשטעלט שטיינהעקער אויסצוהאַקן אָרומטשעשען שטיינער אויף צו בויען דאָס הויז פון אלהים פון פרידן; און אייזן לרוב אויף נעגל פאַר די טירן פון די טויערן, און אויף קלאַמערן, האָט דוד אָנ־געגרייט; און קופּער לרוב גאַר אָן אַ וואָג; און צעדערהאָלץ אָן אַ צאָל; וואָרעם די צידונים און די צורים האָבן געבראַכט דודן צעדערהאָלץ לרוב.

שלמה געדענקט גוט, וואָס דוד האָט אים געזאָגט פאַרן שיידן זיך און גיין איבן זיך אין פאַסטוכערײַ. איטלעכס וואָרט האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון:

— מיין זון, איך אַליין האָב געהאַט בדעה צו בויען אַ הויז צו דעם נאָמען פון יהוה, דעם האַר פון פרידן, אָבער דאָס וואָרט פון יהוה איז גע־ווען צו מיר אַזוי צו זאָגן: „אַ סך בלוט האָסטו פאַרגאָסן צו דער ערד פאַר מיין געזיכט“. אָט וועט דיר געבוירן ווערן אַ זון; און איך וועל אים באַרוען פון אַלע זיינע פיינט פון אַרום, וואָרעם שלמה וועט זיין זיין נאָמען, און שלום און שטילקייט וועל איך געבן ישראל אין זיינע טעג. ער וועט בויען אַ הויז צו מיין נאָמען, און ער וועט מיר זיין ווי אַ זון, און איך צו אים — ווי אַ פאָטער; און איך וועל באַפעסטיקן דעם טראָן פון זיין מלוכה איבער ישראל אויפאייביק“. אַצונד, מיין זון, זאָל יהוה זיין מיט דיר, און זאָלסט מצליח־זיין, און בויען דאָס הויז פון יהוה, דעם אלהים פון פרידן, אַזוי ווי ער האָט גערעדט וועגן דיר. זאָל נאָר יהוה דיר געבן שׂכל און פאַרשטאַנדיקייט און דיך באַפעלן איבער ישראל; און אז דו וועסט היטן די תורה פון יהוה, דיין אלהים, דענסטמאָל וועסטו מצליח־זיין, אז דו וועסט היטן די אָנזאָג־אויסקריצעכצן און די געזעצן וואָס יהוה האָט באַפוילן משהן פאַר ישראל. זיי שטאַרק און פעסט, זאָלסט ניט מורא־האָבן און ניט שרעקן זיך, און אָט אין מיין אָרימקייט האָב איך צוגעגרייט פאַר דעם הויז פון יהוה, דעם האַר פון פרידן, הונדערט טויזנט צענטנער גאָלד, און טויזנט מאָל טויזנט צענטנער זילבער, און קופּער און אייזן אָן אַ וואָג, וואָרעם עס איז דאָ לרוב; אויך האָלץ און שטיינער האָב איך צוגעגרייט, און דו קענסט נאָך צולייגן דערצו. און עס זענען פאַראַן אַ סך בעלי־מלאַ־

כות, שטיינהעקער און מיינסטערס אין שטיין און אין האָלץ, און אַלערליי קינסטלער אין יעטוועדער מלאָכה; צום גאָלד, צום זילבער און צום קו־פער, און צום אייזן, איז גאָר קיין צאָל ניטאָ, שטיי אויף און טו, און זאָל יהוה זיין מיט דיר.

שלמה פאַרטייטשט דודס ווערטער „דו וועסט היטן... די געזעצן וואָס יהוה האָט באַפוילן משהן" אין דעם זינען אַז דוד זאָגט אים אָן צו פאַר־ווירקלעכן דאָס צו וואָס משה האָט געשטרעבט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין פירערשאַפט און האָט ניט געקענט פאַרוואַנדלען אין ממשותדיקן פאָלקס־לעבן אָט דעם באַשטרעב זיינעם, ווייל פאַר דעם דורכפיר פון דער־דאָזיקער אויפגאַבע האָבן זיך געפאָדערט הונדערטער יאָרן פון צוגרייטונג. מע האָט געדאַרפט שאַפן די נויטיקע פאָליטישע פאַרבאַדינגונגען. ווען ישראל איז געווען שוואַך און אָרים האָט קיינס פון די פעלקער זיך ניט צוגעהערט צו זיינע רייד פון שלום. די פעלקער האָבן זיך אויסגעלאַכט, אָפּגעשפּאָט פון אים און פון זיין נעבאַכדיקייט. זיי האָבן געזאָגט: אוודאי וויל ישראל שלום.ער האָט דען כוח צו גיין זיך שלאָגן?! ער האָט מורא מע זאָל אים ניט שלאָגן, די שטאַרקע פעלקער זאָלן אים ניט צעברעכן זיינע וויכע ביינער, זיי זאָלן ניט צעראַבירן אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט אין זיין לאַנד, און דערנאָך אים איינגאַנצן אַרויסשמייסן פון לאַנד. דערפאַר, מחמת חולשה, שטרעקט ער אויס צו אַלעמען, נאָענטע און ווייטע, דעם פּאַלמען־צווייג. ווען ער וואָלט האָבן קרעפטן, אייזערנע מוסקולן, אַ שטאַרקן פויסט, וואָלט ער דען געווען בעסער, לייטישער, מענטשישער פון אונדז?

אַצונד איז, אָבער, די לאַגע אַן אַנדערע. ישראל האָט כוח, האָט די געזונטע ידים און קען דערלאַנגען די ריכטיקע קלעפּ, ווי קיניג דוד און זיינע חיילות האָבן עס ניט איינמאָל באַוויזן. איצטער אַז ישראל וועט שיקן שליחים פון שלום צו אַלע פעלקער, און וועט וועלן איינשטעלן פרידלעכע באַציונגען צווישן זיך און די איבעריקע פעלקער, וועט מען זיך צוהערן צו אים.

יאָ, ער, שלמה, איז באַרופן דורכצופירן אָט־די שליחות וואָס משה האָט אָנגעפאַנגען מיט אַזויפיל ביישפּיללאָזן אייפער און האָט ניט גע־קענט ברענגען צו אַן ענדגילטיקן גמר. די געשיכטע בכלל און די גע־שיכטע פון די קינדער פון ישראל איז געשריבן ניט אין גלייכע ליניעס און אויך ניט אין אַ רונדיקן געשטריך. נייערט אין זיגזאַגן. זי בויגט זיך און נויגט זיך, דאָ אויפרעכטס און דאָ אויפלינקס.

עכסה איז צוגעקומען. זי האָט אים געבראַכט עסן. ער האָט גענומען פון איר האַנט דאָס געקעכץ, וואָס זי האָט ניט בלויז געבראַכט צו טראָגן, נאָר טאַקע אַליין צוגעגרייט, געקאָכט עס און אַרייַנגעטאָן אין דעם גע־קעכץ די בעסטע האַרץ און געפּיל־געווירצן, ווי זי וואָלט געגלויבט אַז עסנדיק עס וועט ער דערפילן איר האַרץ־קלאַפּעניש, דערשפּירן איר גאַרן און לעכצן נאָך אים, און באַהערשט ווערן פון אירע געלוסטונגען, און ניט קענען איר ווידערשטיין.

זי האָט אים געגעבן עסן און אים געקוקט אין די אויגן מיט צערט־לעכקייט און תחנונים, מיט בליקן וואָס זאָגן: ראַטעווע מיך! איך גיי אויס פון בענקשאַפט נאָך דיר".

שלמה איז אָבער געווען אַזוי פאַרטאָן אין זיינע געדאַנקען וועגן איי־ביקן שלום, וואָס משהס לערע פון איינאיכטום וועט ברענגען אויף דער וועלט דורך אים, ווי איר פריידיקער און דורכפירער, אַז פאַר קיין אַנדע־רע זאַכן האָט ער ניט געהאַט ניט קיין צייט און ניט קיין אויפמערקזאַמ־קייט. ער האָט אין אירע בליקן גאָרניט געזען ווי בלויז גוטהאַרציקע גאַסטפריינטלעכקייט. ער האָט זי, אויס בלויזער העפלעכקייט, אָן קיין שום באַזונדערן מיין, געבעטן זיך באַטייליקן אין דעם מאָלצייט.

— עס עסט זיך געשמאַקער בייזאַמען, — האָט ער איר געזאָגט, וועלנדיק כאָטש מיט עפּעס זי אָפּצאָלן פאַר איר טרחה.

הגם ער אליין האָט געהאַלטן, אַז עסן דאַרף מען דווקא ביחידות, און דעמאָלט שטייגט עס צו דער הייך פון אַן עבודה.

ער האָט געבראַכט וואַסער פון אַ קוואַל וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דעם אָרט, אויף וועלכן ער איז געזעסן. ער האָט אליין געוואַשן די הענט און זי געבעטן וואַשן די הענט.

— איז דאָס אַ ישראלישער מנהג זיך צו וואַשן די הענט פאַרן גיין עסן? — האָט זי אים געפרעגט און גלייך צוגעגעבן, — זייער אַ שיינער איינפיר, איבערהויפּט פאַר אַרבעטער וואָס אַרבעטן אין ליים אָדער אַנדערע קלעפּיקע שטאָפן וואָס פאַרשמוצן די הענט, וואָס דאַרפן נעמען די שפּייז און צוטראָגן צום מויל.

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. כאָטש דער מנהג איז ווייט ניט גע־ווען פאַרשפּרייט. בלויז נתן, זיין מוטער און אַנדערע געציילטע פּערזאָ־נען האָבן עס אָפּגעהיט זייער שטרענג.

ער האָט אַרויפגעגאָסן וואַסער אויף אירע הענט און זי דערלאַנגט אַ פאַר טרוקענע אָפּגעשטויבטע בלעטער זיך אָפּצווישן די הענט.

ער האָט זי געלערנט זאָגן די תּפֿילה פֿאַרן עסן „דער בונד פֿון ברויט". זי האָט נאָכגעזאָגט די ווערטער. זי האָט אָבער ניט באַגריפֿן זייער מיין. איטלעכס וואָרט אַרויסגעבראַכט פֿון זיין מויל האָט אָנגענומען געגלעט און געצערטלט איר אויער, און ווען זי האָט נאָכגעזאָגט האָט עס ממש געזיסט, ווי דער ריינסטער האָניק, אויף איר גומען.

זיי האָבן ביידע געגעסן פֿון איין געפֿעס. אָבער זי האָט זיך בלויז געמאַכט עסנדיק, קוים זיך צוגערירט צו דער שפּייז. זי האָט אים געגנאַשט מיט אירע בליקן וואָס פֿון אַנטציקונג האָבן זיך שיער ניט פֿאַרפֿייכט און פֿאַרנעפּלט.

זי האָט זיך געפֿרעגט: צי זעט ער וואָס אין מיר קומט פֿאָר? איטלעכס מאָל ווען זיין האַנט האָט צופֿעליק א ריר געטאָן אירע בשעתן עסן האָט זי געשפּירט ווי פֿונקן וואָלטן זי א ברי געטאָן. אָבער איך ברי האָט זי געשפּירט „טעם גן־עדן". ער האָט איר פֿאַרשאַפֿט אן איבערערדלעך קיצל־רייץ און פֿאַרגעניגן, ווי וואַרימער פֿאַרפֿיומירטער בוימל וואָלט זיך איר צעגאָסן איבערן גאַנצן לייב און וואָלט זי אָנגעטרונקען מיט אַ ניטדאַיקער גליקזעליקייט. זי איז געוואָרן ווי אויפֿגעלויטערט און דערהויבן, — פֿאַרהימלט און פֿאַרמלאכט...

זי האָט באַמערקט אַז לעבן אים ליגט אַ האַלב־פֿאַנאַנדערגעוויקלטע מגילה, און זי גיט אים אַ פֿרעג צי ער וואָלט איר ניט דערלויבט אכטונג צו געבן אַ פּאָר שעה אויף דעם שאָף, כּדי ער זאָל קענען פֿריי זיצן און לייענען.

— איך וואָלט אָבער וועלן אַז דו זאָלסט הערן מיך פֿאַרלייענען.

— זייער גוט, איך וועל בעטן דעם פּאַסטעך־יונג רועתן מיך פֿאַרבייטן.

— וועט עס אים ניט צופֿיל באַלעסטיקן? ער וועט דאָך פֿאַרשטיין אַז דו ווילסט מיר טאָן אַ געפֿעליקייט. מיר דוכט זיך אַז ער איז עפּעס ווי אָנגעשטויסן אויף מיר, כאָטש איך ווייס ניט פֿאַרוואָס, ווייל איך בין מיט אים אדרבא ואדרבא.

רועתן האָט זיך געגערט מיט דער האָפֿענונג, אַז עכּסה, ווען זי וועט דערזען ווי שטאַרק זיין האַרץ לעכצט נאָך איר וועט זי, סוף־כּל־סוף, אויב ניט ליב־קריגן, איז לכל הפּחות, אים ניט פֿאַרשטויסן, נאָכגעבן זיין ברענענדיקער ליבע וואָס איז אַזוי גרויס, אַז ער קען זי מוציא־זיין. אַז איין צד ליבט גאָר שטאַרק איז עס בעסער, ווי ווען ביידע צדדים ליבן זיך צוביסלעכווייז. אָבער מיט שלמהס אָנקומען און עכּסהס אויסגיין נאָך דעם ניי־אָנגעקומענעם פּאַסטעך־יונג, — ער האָט דווקא יאָ געזען וואָס

עס טוט זיך אין עכסהס הארץ, און וואס עס קומט פאר אין אירע גע־פילן, — איז ער געווארן זייער אומרואיק. די איפערזוכט־שלאנג האט אים געביסן און געסמט זיין בלוט. ער האט אלץ געטראכט ווי פטור צו ווערן פון שלמהן, וואס איז געווען כמעט אין איין עלטער מיט אים, אפ־שר מיט א פאר יאר יינגער. אבער דאס איז ניט קיין חילוק... טרויעריק און פארדריסלעך האט ער געמוזט צוגעבן, אז ער קען זיך מיט שלמהן ניט פארגלייכן אין עלעגאנץ, אין איידל דערצויגנקייט, אין קלוגשאפט, אין לשון, אין די מאניערן, אין אויסזען, אין געוווקס. עס איז ווי גאלד לגבי בלאטע. ער האט אלץ געזוכט עפעס א פעלער אין שלמהן. צייטנווייז האט ער גאר צוגעלאזן דעם טשיקאווען געדאנק אז פיליכט איז דער פאס־טעך־יונג, שלמה, גאר א פארברעכער, וואס איז אנטלאפן פון א געפענגע־ניש אדער פון א היגריכטונג. ער האט געהאפט אז מיט דער צייט וועט זיך זיין פארדאכט ארויסשטעלן צו זיין אמת. ווען א קאראוואן האט דורכ־געצויגן דורך דער ווּיסטעניש, פלעגט ער זיי אויספרעגן צי זיי האבן ניט געהערט אין די קאראוואנסארייען אדער אין די דערפער, וואו זיי האבן זיך אפגעשטעלט, רייזנדע דערציילן וועגן אן אנטלאפענעם פארברעכער מיטן נאמען שלמה. אים האט זיך ניט געלייגט אויפן שכל אז אן א באַ־צווינגנדיקער סיבה, ווי א פארברעכערישע געהיימעניש, וואלט אזא „העלד" ווי ער פלעגט רופן שלמהן אין זיינע געדאנקען און הינטער די אויגן, קומען אין אזא העק און זיך אנדינגען פאר א פאסטעך־יונג בלויז פאר „ברויט און וואסער".

די איבעריקע פאסטעכער האבן גוט פארשטאנען וואס רועתנען דריקט און האבן זיך לחלוטין ניט גערעכנט מיט זיינע אויסטראכטענישן און חשדים בנוגע שלמהן.

ווען עכסה האט רועתנען געבעטן אכטונג געבן אויף שלמה׳ס שאף, האט ער געמאכט א זויערע מינע, אבער האט זיך גלייך באהערשט און האט איר געענטפערט:

— איך וועל עס טאן פאר דיר, עכסה, ניט פאר אים.

— טו עס טאקע פאר מיר, און איך דאנק דיך פון טיפן הארצן.

פון דידאזיקע געציילטע ווערטער איז אים ליכטיק געווארן אין די אויגן און לייכטער אויפן הארצן און לויטערער אויפן געמיט...

— עס איז דען פאראן אזא זאך וואס איך וואלט ניט זיין גרייט צו טאן פאר דיר און דיינעטוועגן.

נאָך אַ קורצער פויזע און אַ ווײַלע קווענקלעניש באַשליסט ער צו זײַן געוואַגט און גיט אַ זאָג:

— איך וואָלט דיך אָבער בעטן זיך ניט צו לאַנג צוהערן צו זײַנע טשיקאַווע ליִיענערייען. דו ביסט דאָך אונדזערע אַ צוקונפטיקע פּריסטערין, און ער איז אַ פרעמדער, אַ דינער פון פרעמדע געטער, אָדער גאָר אינגאַנצן אַן אומגלויביקער. איך האָב ניט געזען ער זאָל האָבן צווישן זײַנע זאַכן אַ געץ אָדער אַ געצקע, אַ פעטיש אָדער עפּעס אַן אַנדער סאָרט אַמולעט, אַ טאַליסמאַן, אויסער דער מגילה וואָס ער שלעפּט מיט זיך אַרום און האַלט עס, מסתמא פאַר הייליק. און וואָס קען שוין אין איר זײַן עפּעס רעכטס אָנגעשריבן ווען אַזאַ יונגערמאַן, מסתם אַן אַנטלאָפענער פון געזעץ, טראָגט זיך מיט איר אַרום.

— רועתן, איך בעט דיך, רייד ניט אַזוי וועגן אים אויב דו ווילסט מיך ניט דערצאָרענען. מע דאַרף אַ פרעמדן אויפנעמען פרײַנטלעך. מאַכן אים פאַרגעסן אַז ער איז אַ פאַרוואָגלטער אינדערפרעמד, און ניט אויסטראַכטן אויף אים בלבולים. דאָס איז אַ זינד פאַר גאָט. שלמה, לויט זײַן אויסזען און האַלטן זיך, איז גיכער אַ קיניגס אַ זון ווי אַן אָפּטריניקער פון געריכט און פון שולדן.

איך קען זיך מיט דיר ניט אַמפּערן. אַ קיניגס אַ זון — איז וואָס טוט ער דאָ אין מדין? נאָר זאָל זײַן ווי דו זאָגסט. איך פיל זיך גליקלעך דיך צו דינען און אויספילן אַלע דײַנע פאַרלאַנגען אַפילו די אויסטראַכטעריִשסטע קאַפּריזן.

זי איז געקומען צוריק צו שלמהן אַ צעשטראַלטע פון פרייד.

— אַלץ באַזאָרגט, שלמה.

— איך פיל זיך ניט איבעריקס אָנגענעם צו באַקומען טובות פון אַ מענטשן וואָס איז ניט פרײַנטלעך געשטימט צו מיר. איך וועל אים מוזן זײַן דאַנקבאַר, מיט וואָס קען איך אים דען אָפּדינען. און בלײַבן בײַ אַן אומפרײַנט אַ בעל־חוב איז ניט געזונט פאַר אונדזער געמיט און געוויסן.

— די טובה באַקום איך, און דו באַקומסט זי פון מיר. אַזוי אַז אים קומסטו גאָרניט. און מיר באַצאָלסטו גלײַך אויפֿאַנאָרט צענמאָל אַזויפיל וויפל דו קריגסט.

— איך האַלט אין מיטן דער מגילה. איך האָף דאָס ליִענען וועט דיר ניט זײַן לאַנגווײַליק, נאָר טאָמער יאָ, איז פיל זיך פרײַ צו זאָגן מיר, און איך וועל זיך אָפּשטעלן.

—וועגן וואָס איז עס? — פרעגט זי שלמהן. זי האָט שוין לאַנג געוואָלט אים פרעגן, נאָר עס איז עפּעס ניט אויסגעקומען און זי האָט געוואַרט געדולדיק פאַר א געלעגנהייט צו פרעגן, אויב ער אליין וועט איר ניט זאָגן וואָס ער לייענט מיט אזא פלייס און ארייַנגעצויגנקייט.

— וועגן דעם ווי די עברים גייען אַרויס פון לאַנד מצרים און משה, דער באַפרייער פון די שקלאַפן, פירט זיי.

— האָלסטו ביים אָנפאַנג?

— ניט צו ווייט פון דעם אָנהויב.

—איך דערוואַרט עס צו זיין שפּאַנענדיק פאַרכאַפּנדיק, איבערהויפּט נאָך ווען דו גייסט עס לייענען. דיין שטים איז דאָך אַזוי וואוילקלינגענדיק און דיין דיקציע איז קלאָר. ווען דו רעדסט שנירלען זיך ביי דיר די ווערטער ווי פּערל, און דיין געזיכט ווערט דורכגעלויכטן מיט א מיס־טעריעזער שייַן ווי אַ זון וואָלט זיך באַזעצט אין דיר אינעווייניק און אי־רע שטראַלן וואָלטן זיך אַדורכרייסן דורך די שפּעלטלעך פון דיין הויט.

שלמה קוקט זי אָן פאַרוואונדערט און טראַכט: פונוואַנען האָבן זיך גענומען צו איר אַזעלכע שיינע אויסדרוקן? ער האָט עס פון איר גאָר־ניט דערוואַרט. ער גיט א מאַך מיט דער האַנט מיט ביטול:

— צו וואָס אַזעלכע געפליגלטע שבחים און גרונטלאָזע קאָמפּלימענטן. איך האָב מיין שטים ניט צופיל קולטיווירט. עס איז ניט געווען קיין צופיל צייט זיך אָפּצוגעבן מיט איר, כאָטש מיין לערער, נתן, האָט געלייגט היפּש געוויכט אויף דער אַנטוויקלונג פון קול און אויסשפּראַך ווי אויך ריכטיק אָטעמען.

זי האָט אים געוואָלט פרעגן ווער איז נתן, זי האָט אָבער געזען אַז ער וויל בעסער לייענען ווי שמועסן מיט איר, און זי האָט געשוויגן.

שלמה איז געווען פאַרטיפט אין לייענען. עכסה איז געווען פאַר־שלונגען אין אַרייַנהערן זיך אין שלמהס קלינגענדיקער, מעלאָדישער שטים. זיי האָבן ניט באַמערקט ווי אין די בושעס און הינטער די פעלדזנ־שטיינער פאַרבאַהאַלטן זיך אונטערהערערס.

רעותן איז געווען איפּערזיכטיק. ער האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט אבי אָפּצוראַמען שלמהן פון וועג אַזוי אַז עכסה, בלית ברירה, זאָל מיט אים חתונה האָבן. ער איז אַוועק אין שכנישן דאָרף און זיי דערציילט וועגן דעם אויסטערלישן פּיר פון פאַסטעך־יונג, וואָס איז מן הסתם אַ פריידיקער און אַ פאַרשפּרייטער פון אַ פרעמדן און שעדלעכן גלויבן. און אויב זיי גלויבן אים ניט, זאָלן זיי קומען און זיך אַוועקזעצן

אין לויער און זיך צוהערן צו זיין לייענכץ. האָבן די דאָרפסלייט געשיקט צוויי אונטערהערערס.

רעותן האָט אויך פאַרמוסרט שלמהן פאַר עכסה'ס פאָטער דעם פּריסטער זכור. ער האָט אים געזאָגט, אַז שלמה פירט אַראָפּ זיין טאָכטער פון ריכטיקן גלויבן. ער לייענט פאַר איר פאַרבאָטענע גאָטלאָזע מגילות, און ער זאָל בעסער זען משלח־זיין דעם קלאָמפערשטן פאַסטעך־יונג.

זכור האָט זיך צו רעותנס ריידערייען און מסירות ניט צוגעהערט. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס באַוועגט רעותנס בייזע צונג. דאָך האָט ער געטראַכט עס איז בעסער צו זיין זיכער און אויסגעפינען וואָס עס קומט דאָ פאָר אונטער זיין נאָז. אַזוי אַז ער האָט שטילערהייט זיך אונטערגעגנבעט נאָענט צום פּלאַץ וואו שלמה איז געזעסן און האָט פאַרגעלייענט הייך אויפן קול. יעדעס וואָרט האָט אָפּגעהילכט אין דער רייבער מדבר־לופט און האָט זיך אָוועקגעטראָגן אין די היגלען און דאָרט זיך צעשאָטן אין זיך־איבעררופנדיקע עכאָס.

ווען שלמה האָט פאַרגעלייענט מיט אַ צעוויטאָקט האַרץ און מיט גרויס פּאַרדרוס — און דער ווייטאָק און פאַרדרוס האָבן זיך געלאָזט פילן אין זיין שטים און אינטאָנאַציע — גאַנצע פּאַסאַזשן פאַר עכסהן און זיי גרינטלעך דערקלערט, האָט איר פאָטער, זיצנדיק אין באַהעלטעניש, געקריצט מיט די ציין און געביילט זיינע אלטע שוואַכע פויסטן. ער האָט צו זיך געפּליסטערט גאָר בלחש, כמעט ווי אינערלעך:

— ער איז אַ געפערלעכער מענטש אָט־דער פאַסטעך־יונג, וואָס איז געקומען ערגעץ פונדערפרעמד. מע טאָר אַ פרעמדן ניט צונעמען אין דינסט. אָבער ווער האָט זיך גאָר געקענט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק! ער פּריידיקט אַ לערע, וואָס ווען אָנגענומען, וואָלט ביי מיר צוגענומען דעם ביסן פון מויל... דאָס פאָלק איז אָן אים און אָן זיין שעדלעכע לערע ניט פרום, ניט פריגיביק, זיי זיינען קאַרג ווי די חזירים ווען עס קומט צו באַצאָלן דעם פּריסטער פאַר זיינע דינסט־לייסטונגען און דאָ קומט ער גאָר מיט זיינע פאַרפלוכטע מגילות, וואָס לאַכן אָפּ פון טעמפּל און פון די פּריסטערס. איך האָב טאַקע לעצטנס באַמערקט אַ קענטעוודיקן אָפּפאַל אין טעמפּל באַזוך און געשאַנקען־ברענגען. אָט־דער פאַרדאַרבער פון מענטשלעכע זעלן שטעקט עס אָן דעם עולם מיט זיינע געפערלעכע געדאַנקען.

די צוויי שלוחים פון דאָרף זיינען אויך געווען אויפגעצאַרנטע. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס לייענען. עס האָט זיי געשטאָכן אין

די אויערן, געעגבערט אין מוח. עס האָט זיי געהויבן פון אָרט. זיי האָבן זיך איינגעהאלטן מיט כל הכוחות ניט ארויסצושפרינגען פון זייער באַהעלטעניש און באַפאַלן דעם לייענער און ארויסרייסן אים די צונג פון מויל, וואָס ברענגט ארויס אזעלכע גאָט־לעסטערנדיקע רייד. זיי טאָרן עס אָבער ניט טאָן אויף זייער אייגענעם אימפּולס. מע האָט זיי געשיקט הערן דאָס פאָרלייענען און קומען און אָפּגעבן א באריכט. זיי טאָרן ניט האַנדלען אייגנהענטיק, איבערהויפּט נאָך וואָס ער איז דעם פריסטערס א פאסטעך־יונג און אפשר גאָר א צוקינפטיקער איידעם. זיי דאַרפן זיך באַראַטן מיט די פני פון די דאָרפסלייט. מע דאַרף אויך זיך צענויפריידן מיטן פריסטער זכור און אים לאָזן וויסן, אז ער וואַרעמט א גיפטיקע שלאַנג ביי זיך אין בוזים, ער לאָזט זיין טאָכטער אָפּזיצן שעהן לאַנג און אויסהערן אָט־די געפערלעכע פארלייענעכצן. זיי וועלן זיך אָנטאָן א כוח און זיצן און הערן ביז דער שרץ וועט ענדיקן אָדער ביז עס וועט טונקל ווערן און זיי וועלן קענען זיך ארויסשלייכן פונדאַנען אומבאמערקטערהייט.

— — — — — —

שלמה לייענט ניט אָפּשטעלנדיק זיך. ער איז פארטיפט אין די געדאַנקען וואָס די מגילה ברענגט ארויס. פון איין זייט שפּאַט עס אָפּ פון די טעמפּלען; פון דער צווייטער זייט, גיט עס צו אז מע דאַרף דעם פשוטן פאָלק נאָכגעבן און איינגיין מיט אים אויף פשרות. אים זען אויפהויבן אָבער בהדרגהדיק, שטאפּל נאָך שטאפּל.

עכסה איז אינגאַנצן צעטומלט. עס זשומעט איר אין קאָפּ. זי איז א טיף־גלויביקע, זי גלויבט אין איר פאָטערס טועכץ און לערעס, אין דער הייליקייט אוןווירקזאמקייט פון גאָטעסדינסט וואָס ער ריכט אָפּ אין זייער טעמפּל. זי גלויבט אין דער אלמעכטיקייט פון די געטער־געצן וואָס שאלטן און וואלטן איבער די מערכות פון די מענטשנקינדער און דעריבער דאַרף מען זיי כסדר פאַרגיטיקן, אונטערקויפן, זיי האַלטן גוט־געשטימט צו די מענטשן, וואוילטעטיק איפגעלייגט.

זי גלויבט אין איטלעכס וואָרט פון איר פאָטערס פריידיקן און וועט זיך באין־אופן ניט שיידן מיט זיינע און אירע גלויבערייען. אָבער וואָס האלט זי אנטציקט און צוגעשמידט צום פּלאַץ אויף וועלכן זי זיצט איז שלמהס נאָענטקייט און זיין זיסער קול וואָס באצויבערט זי. זיין לייענעכץ הערט זי ניט. די ווערטער דרינגען ניט אַריין אין איר קאָפּ. זיין קערפּער איז ווי א מאַגנעט און זי א שטיקל אייזן. זי ווערט צוגעצויגן צו אים. זי האלט זיך איין ניט צוצורוקן זיך צו נאָענט, הגם זי וואָלט

קענען נוצן דעם אויסרייד פון וועלן בעסער הערן. זי האָט עס שוין צוויי מאָל געטאָן, זיך צוגערוקט און זיך גלייך אָפּגערוקט. ער האָט עס אפילו ניט באמערקט, האלטנדיק זיינע אויגן ווי צוגעקלעפּט צום פארמעט פון דער מגילה און ניט ארויסנעמענדיק זיי אויף איין אויגנבליק.

די זון האָט זיך גענומען זעצן. אין מערב האָבן זיך צעפלאַקערט האמעטנע וואָלקנס, די שאָטנס פון די פעלדזנשטיינער האָבן זיך גענומען אויסציען אין דער לענג און אין דער ברייט, ווי זיי וואָלטן איינשלינגען שטיקער חשכות און גערייען אויף אָט־דער דיעטע.

עכסה האָט זיך אויפגיך געזעגנט מיט שלמהן, אים באדאנקט פאר זיין פאַרלייענען, און איז אַוועק מיט אַ שנעלן טראָט. זי האָט געדאַרפט העלפן איר פאָטער אין דער עבודה פון אויפאָפּערן אַן אָוונט־קרבן פון א שעפּסעלע און קרייטעכער.

שלמה איז געבליבן זיצן פארטראכט, ער האָט מיטגעפילט דעם גרויסן לערער וואָס זיין שליחות, גענומען פון פּאָליטישן אספּעקט, איז געווען א פולשטענדיקע פיאסקאָ. משה, ווי שלמה האָט אים אויפגענומען, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך א גיגאַנטישע העראָישע אָבער צוגלייך טראַגישע פיגור. ער באפרייט קנעכט וואָס ווילן גארניט זיין פריי. ער שאַפט פאר זיי א לערע, און ער געפינט אויס אז זיי זיינען גאָרניט מסוגל אויפצונעמען זיין לערע, אז זיי ווילן גאָר דינען צו געצן ווי אלע פעלקער. ער פירט זיי אַרויס פון לאַנד מצרים און פירט זיי צו פארנעמען א לאַנד פון וועלכן, ער זעט איינפאָרויס, מע וועט זיי ארויסטרייבן. זיין טראַגיק נעמט זיך פון דעם וואָס ער זעט פאָרויס צופיל. ער זעט און באגרייפט אז זיין לערע וועט פאלסיפיצירט ווערן. ער איז ניט בארעכטיקט צו דערוואַרטן עפּעס בעסערס, ווען ער אליין איז איינגעגאנגען אויף אזויפיל קאָמפּראָמיסן, ער אליין האָט נאָכגעגעבן דעם המון און זיין וואולגאַרן געשמאַק און גראָבער אויפפאסונג, וועלן די לערערס וואָס וועלן קומען נאָך אים אוודאי נאָכגעבן, כסדר געבן קאָנצעסיעס דעם „עמך“, ביז פון זיין אמתער לערע וועט כמעט ווי גאָרניט בלייבן. דער זכר פון איר וואָס וועט יאָ פארבלייבן, וועט זיין פארבאהאַלטן אין די הייליקע שריפטן וואָס מע וועט פאלש אויסטייטשן, שעלכט, פאַרהווירט, צעדרייט איבערגעבן. בלויז די נביאים וועלן אויפהיטן זיין לערע אין איר זויבערקייט. די כהנים וועלן נעמען פאר אביישפּיל זייער שטאמפאָטער אהרון, וואָס איז געווען, אַזאַ אוהב־ישראל אז ער האָט זיך מיט די בני־ישראל ניט געוואָלט איינרייסן. זיי זוילן דינען צו א קאַלב, מאַכט ער זיי

א קאַלב, אַבי עס זאָל ניט קומען צו קיין איבערדרייד, צו קיין אַמפּערניש.

צום סוף האָט ער זיך אַריינגעטראַכט אין די לעצטע ווערטער פון דער מגילה. משה האָט ניט געשאַפן קיין געוויינטלעכן פּאָליטישן פאָלק, נאָר אַן אייביק פאָלק... אַזאַ פאָלק איז ניט קיין שאַפער פון אַן אימפּעריע... דאָס איז דאָך וואָס זיין פאָטער, קיניג דוד, האָט זיך געמיט צו שאַפן און דאָס וועט ניט האַלטן לאַנג. ניט האָבן קיין אַריכות־ימים. עס וועט איינברעכן פריער אָדער שפּעטער, אויב אַזוי איז צו וואָס זאָל ער זיך אָפּגעבן מיט דעם, מיט פאַרזעצן כאָטש אין אַן אַנדער גייסט, זיין פאָטערס אַרבעט פון אַנהאַלטן מלכות... צו פריידיקן די לערע פון איינאיכטום איז בעסער ווען מע איז א פרייער מענטש, מע שלעפּט ניט אויף זיך די משא פון א גאַנ־צער רעגירונג מיט אַן אַרמיי און אַ פּאָליציי, מיט ציינזן־אויפמאַנעניש, מיט געפּענגענישן, מיט תליונים, מיט דעם גאַנצן טייוולאַנישן קלאַפּער־געצייג. מע קען ניט טאָן צוויי זאַכן, אי זיין פּאָליטיש דערפאָלגרייך און אי מאָראַליש אויפטועריש. אויב דאָס פאָלק ישראל איז אַן אויבערפאָלק, דאַרף עס ניט שאַפן א „קיניגרייך פון כהנים" נאָר דאַרף ווערן א פאָלק פון נביאים און זיך לאָזן גיין איבער דער וועלט מיט יהוהס וואָרט, מיט דער לערע פון איינאיכטום, און ליידן און אויסגעריסן ווערן ביז דעם אָנקום פון דעם גרויסן טאָג, ווען די לערע וועט באַזיגן דעם געצנטום, די לערע פון דעם פילאיכטום... משה האָט פאַרלאָזן פּרעהס פּאַלאַץ... און איז אַוועק לערנען די קנעכט ווי באַפרייט צו ווערן. אין יעדן קיניג ליגט אַ שטיק פּרעה, און יעדער קיניגלעכער פּאַלאַץ איז פּרעהס פּאַלאַץ... אין דער געשיכטע קומט פאָר די שטענדיקע ראַנגלענישן פון די פּרעהס און די משהס און ער, וואָס וויל זיין א משה, דאַרף וויכן פון די פּרעהס, מוז זיין פריי פון יעדן פּרעהשן עלעמענט. און אויב די פראַגע שטייט אַזוי, איז וואָס איז זיין אויסקלייב?

שלמה האַלט זיך אָפּ פון ציען מסקנות פון דידאָזיקע הנחות־טראַכ־טענישן. בדרך כלל האָט ער אַלע מאָל ליב געהאַט צו זיין אין טראַכטן קאָנסעקווענט, אומדערשראָקן, נאָכפאָלגן א געדאַנק ביז צו זיין ענדגילטיקן שלוס. דאָס מאָל האָט ער די פּראַקטיק געוואָלט פאַרוואַרפן.

ער האָט גענומען שפּירן אַז די לעצטע ווערטער פון דער מגילה קענען האָבן א גורלדיקע ווירקונג אויף זיין ווייטערן לעבן, קענען מאַכן אַן איי־בערקערעניש אין זיין גייסטיקער און פּאָליטישער קאַריערע.

ער האָט, ווי גאָר אומגעריכט, באַמערקט אַז זיין נאָמען „שלמה" אַנט־האַלט די אותיות, וואָס באַטייטן „למשה". דאָס מיינט אַז ער דאַרף זיך לאָזן

גיין אויפֿן וועג, וואָס פֿירט צו משהן. „שלמה" ווען מען בייט בלויז דעם סדר פֿון די בוכשטאַבן לייענט זיך „למשה" — אין דער ריכטונג צו משהן. זיין נאָמען מיינט ניט שלום, ווי נתן הנביא און זיין פֿאָטער און מוטער האָבן אויסגעטייטשט, נאָר „צו משהן". פֿון דעמדאָזיקן נאָמען־אויסטייטש האָט ער זיך דערפֿילט עקזאַלטירט, דערהויבן און אויך דערשראָקן.

ער וויל וועגן דעם מער ניט נאָכקלערן: עס זאָל אים ניט פֿאַרפֿירן צו ווייט.

ווען עכסה איז אַוועק, איז איר פֿאָטער אויך אַוועק. ער האָט זיך אַרויס־געקראַבקעט פֿון דער באַהעלטעניש און זיך אַוועקגעשלייכט אונטער דעם צודעק פֿון די פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס.

ער האָט געטראַכט אַז ער דאַרף לאָזן וויסן די דאָרפֿסלייט, אַז דער יונגער פּאַסטעך, שלמה, געפֿינט זיך ניט אונטער זיין שוץ, כאָטש ער איז נאָך לעת־עתה אין זיין דינסט.

מיט אַ פֿאַמעלעכן, אָבער נאָך גאַנץ קרעפֿטיקן טראָט שפּאַנט ער אין דער ריכטונג פֿון זיין הויז.

ווי נאָר ער האָט דערגרייכט די שוועל פֿון זיין שטיבל אַזוי איז צו־געקומען דער שליח פֿון דער דאָרפֿס־געמיינדע און אים איבערגעגעבן אַ מינדלעכע פֿאַרבעטונג צו אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון די דאָרפֿסלייט, כמעט אַלע פֿון זיי באַזוכערס פֿון זיין טעמפּל.

## 11

## דער משפּט. באַהעלטעניש און יצירה

זיי האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין אַ גערוימען געצעלט. אייניקע זיינען גע־זעסן אויפֿן דיל, אַנדערע אויף צעשפּרייטע מאַטן, די חשובֿע לייט אויף פֿעלן אָדער קישעלעך, די פּיס אונטער זיך אַרונטערגעבויגן. די שפּעט־געקומע־נע זיינען געבליבן שטיין, שוין ניט געווען קיין פּלאַץ צום זיצן. דער גע־צעלט איז געווען געפּאַקט.

די צוויי שלוחים־אונטערהערערס זיינען געשטאַנען גרייט צו געבן צייגעניש.

דער הויפּט פֿון דאָרף, וואָס איז געווען אויך דער ריכטער, איז געזעסן

אויף אַ קישעלע וואָס איז געווען איבערגעשפּרייט מיט אַ רויטלעכן גע־וואַנט אויף וועלכן עס זיינען געווען אויסגעהאַפטן אַ וואָגשאָל. דאָס האָט געצייגט אַז ער איז דער ריכטער.

דער ריכטער שפטיא האָט זיצנדיק אויפגעקלערט די, וואָס זיינען אויף דער פריערדיקער פאַרזאַמלונג פון דאַרף ניט געווען, וועגן דעם צוועק פון דער אויסעראָרדנטלעכער פאַרזאַמלונג און האָט אויפגערופן די צוויי אונטערהערערס, ביידע אַלטע לייט, שמוע און צייתתא אָפּגעבן זייער באַריכט וועגן דעם וואָס זיי האָבן געזען און, דערעיקרשט, געהערט. צייתתא אויפן אויסזען איז געווען דער עלטערער פון די צוויי. ער איז געשטאַ־נען אַ געבויגענער, אַן איינגעהויקערטער פון זקנה. ער האָט גערעדט דער ערשטער. זיין שטים אַן הייזעריקע אָבער נאָך אַ גאַנץ קרעפטיקע. ער האָט גערעדט מיט פּאַטאָס, מאַכנדיק מיט די הענט ווען ער האָט געוואָלט פאַר־שטאַרקן דעם איינדרוק פון זיינע ווערטער.

— געערטע פאַרזאַמלטע דאָרפסלייט, זקנים און ריכטער. איך האָב גע־הערט וואָס דער יונגערמאַן וואָס רופט זיך שלמה האָט פאַרגעלייענט און מיט זיין קול פאַרהילכט דעם וואַלד און צעשראָקן די פויגלען. ער איז אַן קיין צווייפל אַ גאָט־לעסטערער, אָדער וואָס איז נאָך ערגער, אַ גאָט־פאַר־לייקענער. ער האָט אין זיין לייענעכץ, צי ער אַליין האָט עס אָנגעשריבן איז פאַר אונדז אין אָט־דעם פאַל ניט וויכטיק, אָפּגעשפּאָט פון אונדזער גאָטעסדינסט און פון אונדזערע קרבנות, פון אונדזערע מזבחות און טעמ־פּלען. ער האָט גערעדט משונה און משוגענע רייד וועגן אַן איינאַיכטום. איינ־קורצן, ער איז ניט קיין פאַסטעך־יונג, פאַר וואָס ער גיט זיך אַרויס, נאָר אַ פאַרשפּרייטער פון אַ פאַלשער און שעדלעכער גלויבערריי וואָס, ווען מענטשן נעמען זי אָן, וואָלט דער גאַנצער איינשטעל פון אונדזער געזעלשאַפט איינגעבראָכן, און אַלע פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן וואָלטן פאַרמישט געוואָרן און אַלע געהעריקע פאַרבינדונגען צווישן די מיטגלידער פון דער געמיינדע וואָלטן זיך אויפגעלייזט. ער זאָגט אַז אין אַלע מענטשן איז פאַראַן בלויז איין איך, און אַלע מענטשנקינדער דאַרפן ווערן ווי איין מענטש.

אַלע שרייען אויס:

— ווילדע געדאַנקען! אַ פאַלשע גלויבעריי! עס איז געפערלעך.

צייתתא קוקט זיך אַרום. ער איז צופרידן, וואָס מע האָט אים אויף אַ ווײלע אונטערגעבראָכן, ער קען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ער זעצט פאָר:

— זיבער זיינען די געדאַנקען צעדולטע. איינער איז קיינער. ווי קע־נען אַלע זיין איינער, און ווי קענען אַלע שטאַמען ווערן איין שטאַם. ער האָט

געזאָגט, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך, און אלע זיינען פריסטערס, און דער מענטשלעכער קערפּער איז גאָר אַ הייליקער טעמפּל.

שרעקלעכע רייד! ווי קענען אַלע מענטשן זיין גלייך, ווען איינער איז קלוג און א וואוילקענער, און דער אַנדערער איז אַ נאַר און אַן עם־הארץ. איינער איז הייך און דער אַנדערער איז א „קטונתי״; איינער איז מיט אַן הדרת־פּנים, דער אַנדערער א פּארזעעניש; איינער פלייסיק, דער אנדערער א פוילאַק.

ער האָט גערעדט קעגן אונדזערע הייליקע טראַדיציעס און קעגן אונדזער שטייגער־לעבן וואָס איז איינגעפירט פון אונדזערע אבות אבותינו.

דאָס איז אַלץ וואָס איז האָב אייך איבערצוגעבן.

דער ריכטער שפטיא רופט אויף שמוען, דעם צווייטן אונטערהערער.

— שמוע, וואָס האָסטו צוצוגעבן צו די רייד פון צייתתא?

שמוע רעדט שטיל, קוים וואָס מע הערט אים.

— אַלץ וואָס מיין חבר צייתתא האָט געזאָגט איז ריכטיק. דער מאַן האָט אונדזערע געטער געלעסטערט און האָט זיי גערופן געצן. און ער האָט געזאָגט אַז די טעמפּלען דאַרפן האָבן בלויז די גראָבע יונגען, די פּאַרשטאָפּטע קעפּ. ער שילט אונדז פאַר וואָס מיר דינען צו געצן. און ער דערציילט אַז ער און זיינע חברה־לייט האָבן אויסגעהרגעט מענטשן אין די טויזנטער פאַר קיין שום פאַרברעכן, בלויז פאַר דאָס, וואָס זיי זיינען געווען רעכטגלויביקע און זיי האָבן געדינט צו א הייליקן גאָט־אָקס מיט טענץ און געזאַנג. מיינט דאָך עס אַז ווען ער האָט דאָ זיינע חברה־לייט וואָלט ער אונדז אַלעמען אויסגעהרגעט פאַר אונדזער דינען גאָט. ווער ווייס אפשר האָט ער טאַקע בדעה צו ברענגען אַהער זיינע נאָכפאָלגער און אונדז באַפאַלן און אויסהרגענען.

אלע שרייען אויס:

— שרעקלעך, שרעקלעך!

דער ריכטער שפטיא הויבט זיך אויף פון זיין געזעס אַן אויפגערעגטער, אַן אויפגעצאַרנטער. ער ווענדט זיך צו די פאַרזאַמלטע:

— איר האָט אויסגעהערט די רייד פון אונדזערע צוויי שלוחים־אונטערהערערס, צייתתא און שמוע, ביידע אָרנטלעכע מענטשן, וואָס וועלן קיין פאַלשע עדות ניט געבן. פרעג איך אייך וואָס פאַר א שטראָף קומט דעם פאַרברעכער, דעם פאַרשפּרייטער פון אזא געפערלעכן גלויבן?

אלע, אין כעס, אין גרימצאָרן אויף דעם ניט־דערבייזייענדיקן געמשפטן, שרייען ארויס אין איין קול:

— טויט! טויט!

שפטיא חזרט איבער די ווערטער „טויט, טויט!“ און ער גיט צו:

— ווי ער האָט געטאָן צו מענטשן פאר דינען אונדזערע געטער, אזוי דארף מען טאָן צו אים, וואָס ער האָט געטאָן צו אַנדערע...

עכסהס פאָטער, דער פריסטער זכור, שטעלט זיך אויף. בלייבט שטיין אָנגעלענט אויף זיין גראָבן שטעקן.

שפטיא רופט אויס:

— מיר האָבן פארבעטן צו אונדזער זיצונג דעם זייער געאַכטן פריסטער זכור. מיר וועלן הערן וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן דעם יונגנמאן, וואָס דינט ביי אים ווי אַ פאַסטעך־יונג און ער איז נוגע איך דער זאַך, דערהויפּט נאָך אז דאָ האנדלט זיך דאָך וועגן אמונה ענינים.

אַלע ,מיט דרך ארץ, בעטן:

— זאָל אונדזער זייער געערטער פריסטער ריידן און זאָגן אונדז זיין מיינונג.

— מיינע טייערע קינדער! איך האָב אויסגעהערט די צייגעניש פון די עדות. איך האָב עס ניט באַדארפט ווייל איך בין געווען פארשטעקט הינטער אַ פעלדזנשטיין און געהערט דעם יונגנמאן לייענען. יעדעס וואָרט וואָס ער האָט ארויסגעבראַכט האָט מיר געלעכערט די אויערן און האָט פארוואונדעט מיין האַרץ. זיין לערע איז אַ שעדלעכע, עס קען ברענגען דעם מענטשן צו אַ ווילדער גאווה און צום איינריידן זיך אז ער איז גלייך צו די געטער אָדער אליין אַ גאָט צווישן די געטער. אָבער קיין טויט שטראָף קומט אים ניט דערפאַר. די מעשה וועגן דעם הרגענען די גלויביקע האָט שמוע ניט ריכטיק פאַרשטאַנען, ניט ער און זיינע חברהלייט האָבן אויסגעהרגעט די טויזנטער, נאָר דער וואָס האָט געשריבן די מגילה, וועלכע ער האָט פאָרגעלייענט. פאר זיינע ווילדע גלויבערייען קומט אים ארויסגעטריבן צו ווערן מיט שאַנדע פון אונדזער מקום. מיר טאָרן אָבער ניט פאַרגיסן קיין אומשולדיק בלוט.

— אָבער ער איז געווען איינשטימיק מיט דעם וואָס האָט אויסגעהרגעט די רעכט־גלויביקע, הייסט עס אַז ער וואָלט טאָן דאָס אייגענע צו אונדז.

זכור ענטפערט:

— וואָלט געטאָן מיינט נאָך ניט געטאָן. עס קומט אים ניט קיין טויטשטראָף!

שמוע אַן אויפגעבראכטער רעדט מיט התלהבות און זשעסטיקולירט מיט די הענט אויף אַלע זייטן:

— דער יונגערמאַן, שלמה, האָט שוין אָנגעטאָן פיל שאָדן. מיר האָבן אַן אַלטע געשיכטע וואָס אונדזערע אבות האָבן איבערגעגעבן צו זייערע קינדער און צו זייערע קינדסקינדער ביז עס איז דערגאַנגען צו אונדז. מיט הונדערטער יאָרן צוריק איז צו אונדזער מקום געקומען אַ מאַן, טאַקע אַ פאַסטעך, וואָס האָט געפּריידיקט די זעלביקע אידייען, און ער האָט אומגליקלעך געמאַכט אונדזער געמיינדע. ער האָט אפילו געוווינען אויף זיין זייט דעם פּריסטער, וועמענס טאָכטער ער האָט גענומען פאַר אַ ווייב. ער האָט באַקערט פאַרדעם די טאָכטער צו זיין גאָטלאָזן גלויבן און, שפּעטער צו, אויך דעם פּריסטער גופא. איך האָב שטאַרק מורא אַז די גאָר אַלטע געשיכטע גייט זיך איבערחזרן אין אונדזער צייט ווייל אין אָט־דעם יונגנמאַן, שלמה, ליגט אַריינגעלייבט און אַריינגעגלגולט אָט־יענער שרעקלעכער מאַן, וואָס האָט שיער ניט אומגעבראַכט אונדזער גאַנצע געמיינדע, וואָס האָט זיך צעשפּאָלטן אויפצוויי און עס האָט אויסגעבראָכן אַ ברידערקריג אין וועלכן פילע פון אונדזער פאַרצייטיקער געמיינדע זיינען אומגעקומען. מיר טאָרן צו דעם ניט דערלאָזן. מיר מוזן זיין האַרט, אכזריותדיק. זאָל אומקומען איינער און דערצו נאָך אַ פרעמדער, אַ גאָט לעסטערער איידער אַ גאַנצע געמיינדע פון רעכטגלויביקע.

אַלע שרייען מיט באַנומענע קולות:

טויט! טויט!

שפּטיא שרייט אַלעמען איבער:

— רופט אָן פינף מענטשן וואָס זאָלן אים באַפאַלן און אויספירן דעם פּסק־דין און אַרויסראַמען דאָס שלעכטס וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט שטילערהייט אין אונדזער אומגעבונג.

פינף נעמען ווערן אויסגערופן.

יעדער איינער פון זיי שטעלט זיך אויף און שווערט אַז ער וועט אויספילן דעם איינשטימיקן ווערדיקט פון דער געמיינדע.

שפּטיא ווענדט זיך צו די פינף, וואָס שטעלן זיך אַרום אים און האַלטן זיך פאַר די הענט צו צייגן אַז זיי שאַפן צווישן זיך אַ בונד.

— פירט אויס דעם אורטייל און ברענגט זיין אָפּגעהאַקטע קאָפּ צו די עלטסטע פון דער הייליקער געמיינדע. אַזוי זאָלן אומקומען אַלע פיינט פון

אונדזערע געטער און אַלע קעגנער פון אונדזער איינגעשטעלטן פון־קדמו־נים שטייגער.

די פאַרזאַמלונג איז געשלאָסן.

רעותן איז געשטאַנען פונדרויסן הינטער דעם אַראָפּגעלאָזטן פאָר־האַנג פון אַריינגאַנג. ער האָט געהערט דעם באַשלוס פון די פאַרזאַמלטע. ער איז אויפגיך אַוועקגעגאַנגען צו עכסהן, וואָס האָט זיך געפונען צו הויז און איז געווען פאַרנומען מיט צוגרייטן עסן פאַרן אַלטן פאָטער און פאַר די אַלטע און יונגע געטער־געצן. זי האָט בעת דער אַרבעט אונטער־געזונגען אַ הימנע. זי איז געווען אַן אויפגעלויטערטע. זי האָט געהאָפט אַז אָט־די לייענעכצן וועלן שלמהן צובינדן צו איר און מיט דער צייט וועט ער זי ליב באַקומען. זי האָט זיך און שלמהן געלייגט אויף די וואָגשאָלן און ביי איר, אין פאָרשטעלונג האָבן זיי זיך גלייכגעוויכטיקט. זי איז טאַקע ניט קיין געלערנטע ווי ער, אָבער דערפאַר איז זי אַ גרויסע בריה, אַ גוטע באַלעבאָסטע, האַלט ריין און ציכטיק דאָס הויז. זי איז אויך אַ שיינע. יעדנ־פאַלס ניט קיין מיאוסע. און וואָס נאָך זוכט אַ מאַן, אַ וואוילגעלערנטער אין אַ ווייב. ער דאַרף ניט איר געלערנזאַמקייט, דאָס האָט ער אַליין.

אַז זי האָט דערזען רעותן אָנקומען מיט האַסט און אימפּעט און מיט אַ פאַרכמאַרעטן פּנים, האָט זי זיך דערשראָקן. זי האָט געמיינט ער ברענגט איר אַ שלעכטע בשורה וועגן איר פאָטער.

— וואָס איז געשען? — האָט זי אויסגעשריען אַן אויפגעציטערטע.

ער האָט איר אין קורצע זאַצן און אין אַ געמאַכט־טרויעריקן טאָן איבערגעגעבן וועגן דעם טויטאורטייל, וואָס מע האָט אַרויסגעטראָגן שלמהן. ער האָט פאַרשטיקט אין זיך זיין פרייד.

אַצונד האָט ער געוואָלט שפּילן די פאַלשע ראָלע פון שלמהס אַ פריינט. ער |וויל אים ראַטעווען דעם לעבן. ער האָט געהאָפט אויף אַזאַ שטייגער צו פאַרווישן די שפּורן פון זיין העצע קעגן שלמהן און אויך געווינען ליטזעליקייט אין אירע אויגן, און שפּעטער צו ווען זיין קאָנקורענט איז באַזייטיקט, אויך איר ליבע. זי וועט שלמהן פאַרגעסן און ער וועט פאַר־נעמען זיין פּלאַץ אין איר האַרצן.

— איז וואָס זאָל מען טאָן? — האָט זי אויסגעשריען אין פאַרצווייפלונג, און פאַרבראָכן מיט די הענט.

— ער מוז מאַכן אַ „ויברח“ און נאָך היינט ביי דער נאַכט, איידער עס ווערט צו שפּעט.

— איך גיי גלייך אים זאָגן.
— זאָל ער אנטלויפן אזוי שנעל ווי מעגלעך, ווי זיינע פיס קענען אים טראָגן אהין, וואו זיינע אויגן קוקן, יעדע מינוט איז טייער.

עכסה האָט אויפגעזוכט שלמהן און אים קלאָר געמאַכט די געפאַר אין וועלכער ער געפינט זיך. זי האָט אָבער רעותגס ראט ניט אָנגענומען. זי האָט אים ניט געטרויט. זי האָט מורא געהאַט לאָזן אים אנטלויפן גלייך אין מיטן דער נאַכט, ווען שומרים זייַנען געשטעלט געוואָרן אויף אלע וועגן. זי, מיט דעם צושטים פון איר פאָטער, האָט אים אויסבאַהאַלטן אין היליקן טעמפל אונטער דעם אלטאַר, אין אַ הייל וואָס האָט זיך דאָרט געפונען.

די קנאים האָבן אים אַרומגעזוכט איבערן מדבר, אים אָפגעטשאַטעוועט אויף אַלע וועגן. זיי האָבן געשוואוירן אז זיי וועלן ניט רוען ביז זיי ברענגען ניט זיין קאָפּ אָן אָפּגעהאַקטן צו די עלטסטע פון דאָרף.

די אייפערדיקע פאַנאַטיקער האָבן נאָכגעשפּירט דעם פּריסטער, זכור, און זיין טאָכטער. זיי האָבן פאַרדעכטיקט אַז זיי אויסבאַהאַלטן דעם גאָט־לאָזן מאַן. אָבער וואו? זיי האָבן געהיט דאָס הויז און הויף און די אַרויס־גאַנגען פון פריסטערס נחלה.

שלמה איז געזעסן אין אַט־דער תפיסה־באַהעלטעניש. זכור פלעגט אים ברענגען עסן, ווען ער האָט געטראָגן שפּייז פאַר די געטער. געוויינטלעך איז דאָס שפּייזן די געטער געווען עכסהס אַרבעט. איצט, אָבער, בשעת חי־רום האָט די עובדה אויסגעפירט דער פריסטער אַליין. די קנאים האָבן גע־נומען פאַרדעכטיקן אז דעם פּריסטערס טאָכטער האַלט דעם פאַרמשפּטן ער־געץ אין טעמפּל, אָבער אַריינדרינגען אהין מיט געווער אין די הענט וואָלט מיינען פאַרשוועכן דעם מקום קדוש, און זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעם געטלעכן צאָרן. האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם טעמפּל און געשריען: טויט צום גאָטלאָזן! טויט!

דער פאַקט וואָס משהס דערהויבענע מאָראַלישע לערע וועגן דעם אייגאיכטום האָט אַרויסגערופן צווישן די דאָרפסלייט אַזאַ פאַרביסענע קעגנערשאַפט און האָט געשטעלט שלמהס לעבן אין געפאַר, האָט אין אים אויפגעוועקט אַ געפיל פון העראָיש־שעפערישער טראַציקייט. אויף צו לה־כעיס אַט־די בלינדע געצנדינער האָט ער אויפגעזונגען די לערע פון איינ־איכטום אין אַ סדרה פון פיוטים, וועלכע האָבן אים דערלייכטערט זיין גע־צוואונגענע איינזאַמקייט. די פולשטענדיקע שווייגנדיקע התבודדות (עס איז געווען אַ סכנה אויסצוריידן אַ וואָרט) צו וועלכער ער איז געווען פאַרמש־

פט האָט אין אים אויפגעעפנט א שפּרודלנדיקן קוואַל. עס האָבן פון אים אַרויסגעקוועלט אנוכי־הימנס און ווען אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען די ווערטער „טויט צום גאָטלאָזן!״ האָט ער אָנגעשריבן דעם פּזמון וועגן ליבע און טויט.

ליגנדיק אין היל וואָס אונטער דעם אלטאר האָט ער אויסגעפּאנטאַזירט דעם היכל פון יצירה מיט די זיבן מערות.

# 1

## שלמה באַגעגנט נעמהן

זעקס חדשים זיינען פאַראיבער. זיי וואָלטן זיך געצויגן ווי זעקס יאָר, ווען ניט שלמהס אוועקטראָגן זיך אויף די פליגלען פון געזאַנג און כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן זיך וועגן זיין געפאַר־לאַגע און דעם פּלאַץ אין וועלכן ער געפינט זיך, די פאַרשטיקטע הייל וואָס האָט אין די אַלטע צייטן גע־דינט פאַר אַ געפענגעניש.

ווען דער אייפער פון די קנאים האָט זיך אַ ביסל אָפּגעקילט און די שמירה אַרום דעם טעמפּל און אויף די וועגן איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָט אים זכור שפּעט ביי דער נאַכט, ווען עס האָט נאָך דערצו געמראַ־טשעט, אַרויסבאַפרייט פון זיין באַהעלטעניש און אים איבערגעגעבן צו עכסהן. זי האָט אים דורכגעפירט מיט ציגנשטעגן צווישן די היגלען ביז אויף יענער זייט פון דעם תחום פון זייער קעגנט.

פון עכסהס איינשטעלן איר לעבן אין ראַטעווען אים, אויסבאַהאַלטן אים פון די רוצחנישע פאַנאַטיקער און אים העלפן, סוף כל סוף, מאַכן פּליטה און פון די זודיקע טרערן וואָס זי האָט פאַרגאָסן ביים געזעגענען זיך מיט אים, און פון פּעקל שפּייז, געדריכערטע פישן, געטרינקטע פליישן און פרוכטן וואָס זי האָט אים מיטגעגעבן, פון דעם אַלעם האָט שלמה געמוזט אנערקע־נען, אַז עכסה איז אין אים פאַרליבט, מיט איר גאַנצן האַרצן און מיט איר גאַנצער זעל און גאַנצן וועזן.

וואָס זיינען געווען זיינע געפילן צו איר? ער האָט זיך עס עטלעכע מאָל געפרעגט. ער איז איר שטאַרק דאַנקבאַר געווען, ער האָט דאָך איר צו פאַר־דאַנקען זיין לעבן. אָבער דאַנקבאַרקייט, אפילו ווען זי דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה, איז נאָך ווייט ניט קיין ליבע.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער זען איר אָפּצוצאָלן דעם קרן פון אירע טובות מיט פּראָצענט. אויב ער וועט נאָר זיין ביכולת עס צו באַווייזן, ער קען זיך אָבער ניט צווינגען צו פאַרליבן זיך אין איר. דאָך פילט ער אַז זי האָט אים אויפגעוועקט און געמאַכט מסוגל זיך צו פאַרליבן מיטן גאַנצן כוח פון יוגנטלעכקייט אין אַן אַנדערער, וואָס וועט קומען נאָך איר און זיין יינגער פון איר און שענער.

שלמה האָט ניט געהאלטן אז זיין ווילן אין מדין איז געווען א דורכפאל. ניין, עס איז געווען א גרויסער דערפאָלג. אים האָט זיך איינגעגעבן זיך אריינצולעבן אין משהן, אין זיין לערע און ער האָט מצליח־געווען אין אויפזינגען משהס תורה אין פּרעכטיקע פּזמונים. דער פּרייז איז ניט געווען קיין צו גרויסער. די סכנה האָט אים גערייצט, געשאַרפט זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט, אים סטימולירט אויפצושפּילן אויף די העכסטע טענער די מעלאָדיעס פון איינאיכטום.

אויפן גאנצן וועג, וואָס האָט גענומען וואָכן, ווען ער איז געגאַנגען דורך פעלדער און לאָנקעס פאַרפלייצטע מיט זונשיין האָט ער געהאַלטן אין איין זינגען די הימנס וואָס ער האָט פאַרפאַסט אין דער חשכות פון דער הייל אונטערן אלטאר.

מיט נאַכטצופאַל איז ער אָנגעקומען קיין בית אל. ער האָט געטאָן, וואָס יעקב האָט געטאָן פילע יאָרן פאר אים. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן אינדרויסן. צוקאָפּנס אַוועקגעלייגט א גרויסן שטיין ער האָט זיך גענחתט מיטן גלויבן אז דאָס איז דער שטיין אויף וועלכן יעקב האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ און וועלכן ער האָט דערנאָך געזאלבט מיט בוימל און זיך געגעבן א נדר צו געבן מעשר פון אלץ וואָס ער וועט זיך דערווערבן.

ער האָט דערוואַרט צו אים זאָל זיך באַווייזן אין חלום דער באַרימטער לייטער וואָס האָט אָן א שיעור פּירושים און ביאורים.

יאָ, ער איז אנשלאָפן געוואָרן א מידער פון וועג און ער האָט געזען א חלום, אָבער גאָר ניט קיין ענלעכער צו יעקבס טרוים.

דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן. א פאַרבלענדענדיק ליכט האָט א פלייץ געטאָן דורך די הימל־שפּאַלטן. א געשטאַלט ענלעך צו אים, נאָר אויסגעוועבט פון ליכטער פון פאַרשיידענע קאָלירן, האָט זיך באַוויזן. א שטים אָן ענלעכע צו זיינע, נאָר א פּיל שטילערע, זאנפטערע האָט ער דערהערט:

זי האָט אים געפרעגט:

—שלמה, זון פון דוד, זאָג מיר וואָס פאַרלאַנגסטו? ווילסטו רייכטימער; ווילסטו כבוד אזוי אַז מיט דיין נאָמען זאָל קלינגען די וועלט? זאָג וואָס ווילסטו האָבן?

ער ענטפערט:

— איך וויל דערקענען יהוה, דעם איך־ער, דעם איך וואָס איז דו און דעם דו וואָס איז איך. איך וויל תופס זיין דעם אנוכי יהוה אין זיין פולן באַטייט.

די שטים ענטפערט אים:

שלמה, מי זיך, שטרענג זיך אָן, באהאַנדל דיינע מיטמענטשן ווי זיך אַליין, און דו ווערסט זיך און אים דערקענען.

— וואָס מער איך טראַכט זיך אריין אין זיך, אַלץ ווינציקער פאַרשטיי איך זיך. איך בין איינגעוויקלט אין זיבן שלייערן.

— מייך זון, גלויב אין זיך. אין זיך מוז מען גלויבן, און נאָכן טיפן גלויבן וועט פאַלגן דאָס פאַרשטיין, און די שלייערס וועלן איינער נאָכן אַנ־דערן אראָפפאַלן.

— איז שענק מיר טיפן גלויבן.

— דאָס האָב איך דיר געשאָנקען, דאָס מיינט, דו מוזט זיך עס שענ־קען. דיין גלויבן דאַרף זיין ריין פון געצנדינערישער פסולת, דיין גלויבן דאַרף זיין א זעלבסטגלויבן.

שלמה הערט ווי עכאָס צעקלינגען זיך מיט טויזנטער אָפּהילכעכצן. דאָס ליכט גייט אויס. די געשטאַלט וואָס איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון ליכט־פינטעלעך און ליכט־פאַסיקלעך פון פאַרשיידענע קאָלירן פאַרשווינדט.

ער וויל פרעגן נאָך איין פראַגע: וואו און וואָס איז ער געווען אײדער ער איז געבוירן געוואָרן און וואָס און וואו וועט ער זיין נאָכן שטאַרבן. אָבער ער זעט, עס איז שוין צו שפּעט. ניטאָ ביי וועמען צו פרעגן.

ער כאַפּט זיך אויף. עס איז געווען א חלום.

ער וויל אָפּשאַצן די חלומות, יעקבס און זיינעם און אויסגעפינען וועל־כער פון זיי איז פון גרעסערן באַטייט. אָבער אויך דאָס ווייסט ער ניט ווי צו טאָן, ווי שאַצט מען, ווי מעסט מען, ווי וועגט מען חלומות?

א סך פרעגענישן ווידמען זיך ביי אים אין קאָפּ און לייגן זיך שיער ניט אויף דער צונג, אָבער ער האָט ניט צו וועמען זיך צו ווענדן נאָך אַן ענטפער.

ער טרייסט זיך מיט דער האָפענונג, אז ער וועט נאָך האָבן א סך אַזעלכע געלעגנהייטן צו ריידן אין חלום מיט זיך, מיט זיך אליין און אויס־פרעגן זיך מכוח די פאַרהוילענישן וואָס ליגן אויפן דעק פון זיין נשמהשן איך.

ער קומט אָן אין חרן פאַרנאַכטצייט. פונווייטן דערזעט ער א ברונעם. ער איז משער אז דאָס איז דער ברונעם פון וועלכן יעקב האָט אראָפּגע־קייקלט דעם ריזיקן שטיין און האָט אָנגעטרונקען רחלס שאָף — און האָט אין איר, אין אָט־דער פאַסטושקע, זיך פאַרליבט... פון ערשטן בליק...

ער שפּירט א מאָדנע נאָגעניש־מאַנעניש אין האַרצן. א בענקעניש טאַטשעט אים, אַן אומעט דריקט אים. עפּעס פעלט אים.

ער האָט זיך אַזוי אַריינגעוועבט אין דער הייל אונטערן טעמפּל, אין מדין, וואו ער האָט אָפּגעהוישכט זעקס פולע מאָנאַטן שוועבנדיק צווישן לעבן און טויט, אַז אַט יענע הייל פּעלט אים אויס. ער האָט גענומען באַגרייפן, אַז ניט בלויז מענטשן און בעלי־חיים, נאָר אַפילו איינפאַכע קעגנשטאַנדן, מיט וועלכע מיר געפינען זיך אין שטענדיקן באַריר און אינטימער נאָענטקייט, ווערן אונדז איינגעבאַקן אין האַרצן און מיר קענען ניט לייכט פון זיי זיך שיידן. מיר בענקען. אויך פּאַסט ער אויף אַז ליידן בינדן מער צו ווי פריידן, מחמת זיי זיינען אינטענסיווער, דרינגען אַריין טיפער, אין זעל פון מענטשן. דעמדאָזיקן מאָטיוו האָט ער דאָך אַרויסגעבראַכט אין זיין פיוט וועגן „לעבן און טויט".

ער איז צוגעקומען נאָענט צום ברונעם. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין. ער פיבערט מיט אַן אומדערקלערבאַרער דערוואַרטעניש: אַ פּאַסטושקע וועט קומען און זי וועט פאַרזיגלען זיין געשריפטס פון לעבן אין וועלכן בלויז די ערשטע שורות זיינען שוין אָנגעשריבן, דאָס איבעריקע איז אַ בלויז... אַ שטיק ווייסלעך־געלבלעך פּאַרמעט וואָס בעט זיך פאַרשריבן צו ווערן.

יאָ, אַ הירטין וועט זיך צייגן אומבאַדינגט. ער איז אין דעם זיכער, אָבער אַזוי ווי זיין חלום איז געווען אינגאַנצן אַנדערש פון יעקבס חלום, אַזוי וועט אויך זיין פּאַסטושקע זיין פאַרשיידן פון רחלען.

ער איז געשפּאַנט ווי אַ בויגן. ער האָט אַ גאַנצן טאָג נאָך גאָרניט געגעסן, אָבער ער פילט ניט קיין הונגער. וועגן עסן און דעם עסנוואַרג וואָס עכסה האָט אים מיטגעגעבן און פון וועלכן ער האָט געהאַט אין זיין טאַש נאָך גאָר אַ היפּשן חלק, האָט ער גאָר פאַרגעסן.

עס דעמערט. די שאָטנס פון די ביימער, וואָס שטייען אַרום ווי וואַכלייט, נעמען זיך אָנבלאָזן, זיך כמורענען.

אַ זייל שטויב ווייזט זיך פונדערווייטנס. ער פאַרנעמט שוין דאָס מעקן פון שעפּסן, אַ ציטער נעמט אַדורך אַלע זיינע גלידער.

פּאַסטעכער מיט טשערעדעס דערנענטערן זיך. ער שטעלט זיך אויף, ער שטרענגט אָן זיינע אויגן. יאָ,פּאַסטעכער און צווישן זיי אויך אַ פּאַסטושקע און נאָך אַ פּאַסטושקע. אָבער ניין, דאָס איז ניט זי, זיין באַשערטע. ער הערט די שטים פון דער איינער, פון דער צווייטער. ניין, איר שטים איז ניט גענוג מעלאָדיש, האַרציק, זאַנפט. איר געלעכטער צו פאַרשייט צו אַרויספּאָדערנדיק. זי איז פאַרברענט פון דער זון. ניין. ניט זי. עס גייט אַוועק אַ

פולע שעה, פאַסטעכער קומען, טרינקען אָן אין געאייל זייערע טשערעדעס און ציען אוועק, פאַרשווינדן, ווי זיי וואָלטן געווען א בילד־געשטריך אויף אַ לייוונט, אויף אַ טעפּיך. עס טונקלט שוין, אַט־אַט פאַלט צו די נאַכט. ער איז אנטוישט. האָט ער זיך אָפּגענאַרט אין זיינע דערוואַרטונגען און פאַרשפּירונגען?

ווען ער האָט גערעדט מיט דער שטים וואָס האָט ארויפגעטויכט פון די טיפענישן פון זיין זעל און האָט אויך, צו דער אייגענער צייט, אראָפּגעפאַלן פון די הייכן, האָט ער אין הארצן, ביז אַרויסריידנדיק עס, געבעטן ניט בלויז גלויבן און וויסעניש נאָר אויך ליבע, א גרויסע פלאַמעדיקע ליבע, וואָס זאָל לייכטן און ווארימען און זיין פּזרנותדיק ווי די זון. דערקענען דעם איך מיינט ליבן דעם איך. ליבע אנטהאַלט אין זיך: וויסן, קענען, שפּירן, אויפנעמען, באַנעמען. אין דעם „ואהבת את יהוה" ליגט פולע הזדווגות, דביקות, באהעפטונג. אָן אַט־דעם פאַרשמאָלצן ווערן אין פייער איז דאָס גלויבן און דערקענען ניט מעגלעך. ליבע, אהבה רבה, איז דער אָנהויב און סוף פון זיין, באוואוסטזיין, דערקענען און גלויבן אָן קיין צווייפלען, כדי צו גלויבן און האָבן צוטרוי צו זיך, צו יענעם, צו דער וועלט, מוז מען זיין פאַרליבט אין זיין, אין זיך, אין דער וועלט, און אין דעם גלויבן. אַט־די ליבע דאַרף זיך איבערגיסן איבער די ברעגעס פון ענגן און שמאָלן איך און פאַרפלייצן דעם גאַנצן ארום ביז די ווייטסטע ווייטקייטן. ליבע איז די טיפסטע געהיימעניש פון גאַנצן דאַזיין, פון מענטשן און בעל־חי, צומח און אפילו דומם.

ווען דער מענטש האַסט, צעפאַלט ער, צעגלידערט זיך, ווערט פון אים שטויב.

זי איז דער הויפּט־טייל פון זיך. זי וועט באַלד קומען. וועט זיכער קומען. ער שפּירט עס אין אַלע זיינע איברים, אין זיין בלוט, אין זיין הייסן אָטעם.

יאָ, אָט קומט א פאַסטושקע מיט אַ גאָר קליין טשערעדע, ווי פון יוצא־וועגן, לשמשפּיל.

ער הויבט זיך אויף. ער גייט איר אנטקעגן. זיין טראָט איז לייכט און זיכער, שיער ניט שוועבנדיק. דאָס איז זי, די זי פון זיין זיך.

ער שטעלט זיך פאָר:

— מיין נאָמען איז שלמה. איך האָב דאָ געוואַרט אויף דיר. מיין הארנטע. איך וועל אָנטרינקען דיין שאָף.

— ווי אזוי האָסטו געוואַרט ווען איך זע דיך, מיין האַר, דאָס ערשטע

מאַל, — זי פאַררוּיטלט זיך, קוקט אים דורכדרינגלעך אָן, און גיט צו, — פּילייכט האָסטו, מיין האַר, דאָך רעכט...

— אַמאָל קען מען איינעם, איידער מע זעט אים און איידער מע קען אים אין דעם געוויינטלעכן טייטש פון וואָרט. די נשמות באַגעגענען זיך איידער די קערפּערס טרעפן זיך. אַ זעלנבאַגעגעניש גייט פאַרויס יעדע קערפּערלעכע באַגעגעניש.

— ווער ביסטו, מיין האַר, דו רעדסט עפּעס גאַרניט ווי קיין פּאַסטעך. כאָטש איך זע אַז דו ביסט גאַנץ געשיקט אין באַהאַנדלען שאָף.

— איך בין שלמה, קיניג דודס זון. מיין פאָטער איז געווען אַ גאָר גרויסער מומחה אין הלכות פּאַסטעכעריי און איך האָב מיינע קענטענישן איבערגענומען פון אים גלייך פון מיין געבוירן טאָג אָן. דער פּאַסטעך איז אין מיינע געבליטן.

— מיין האַר, איז פון ירושלים, איז וואָס טוסטו אין חרן, אין פדן ארם?

— איך בין געקומען באַכטאַן אונדזער פאָטער יעקב און געפינען מיין רחל.

— אַזוי גאָר?! — זי האָט זיך צעשמייכלט מיט זיבן חנען. איר גאַנצער גוף מיט אַלע זיינע גלידער שמייכלט, אָבער ליכטיקער פון אַלעמען שמייכלען אירע אויגן.

— מיין האַר, מיין פאָטער הייסט ניט לבן, און דיין מוטער איז ניט מיין טאַנטע...

דו האָסט געזאָגט, אַז דו, מיין האַר, ביסט קיניג דודס זון, קיניג דוד דאַרף האָבן אַ סך זין, דו מוזט זיין דער ייִנגסטער זון זיינער, און אויב אַזוי איז ניט בת שבע דיין מוטער, מיין האַר?

— קענסטו זי, מיין האַרנטע? אַ קשיה אויף אַ מעשה, אפשר איז זי טאַקע דיין טאַנטע?!

— ניין, אָבער איך האָב פיל געהערט וועגן איר, וועגן איר שיינקייט, גוטסקייט און קלוגשאַפט. ביסטו געראָטן אין דיין מוטער אָדער אין דיין פאָטער, דעם גרויסן בראַוון און אומדערמידלעכן קריגער, פאַר וועמען אַלע קיניגן פון ארום ציטערן און פלאַטערן?

— מיין האַרנטע, איז בין געראָטן אין זיך אַליין. אַ מאַן ווען ער ווערט מינדיק, אַ בר־דעת, דאַרף זיך געבוירן פון דאָס ניי, דאַרף זיך אָפּגיסן אין זיין אייגענעם פורעם. ער האָקט זיך אָפּ און גיט זי אַ פרעג:

— מיין גנעדיקע האַרנטע, וואָס איז דיין נאָמען? איך האָב זיך פאַררעדט און פאַרגעסן צו פרעגן.

— מיין נאָמען איז נעמה... איך בין ניט גנעדיק און ניט קיין האַרג־טע, בלויז אַן איינפאַכע פאַסטושקע. וועגן מיר איז ניט פאַראַן אַ סך צו פרעגן און נאָך ווינציקער איז פאַראַן וואָס צו וויסן — נאָך אַ פויזע גיט זי צו — מיין האַר, ווי לאַנג וועסטו פאַרווילן אין די פליינען פון פדן־ארם?

— היסן הייסטו נעמה, כמעט נעמי, אָבער אויסזען זעסטו אויס ווי מיין עלטער־עלטער באָבע רות... הער נעמה, פאַר דיר בין איך קיין האַר, איך בין אַ פשוטער פאַסטוך. איך בין געקומען דאָ זיך אָנצוזדינגען ביי איינעם פון די היגע פיצינגער. נעמה, איך בעט דיך זאָג ניט קיינעם ווער איך בין. דאָס קען מיר שטערן צו קריגן אַ פאַסטעך־יונג שטעל, און איצט נאָך עפּעס, איך וויל דיך רופן שולמית, וועסטו גאָרניט האָבן קעגן דעם.

— רוף ווי דו ווילסט... אויב דו בלייבסט אַ היגער, וועלן מיר זיך טרעפן אין די פאַסיקעס און אין לאָנקעס און אין די פאַרנאַכטן ביי אָט־דעם ברונעם. אַ דאַנק פאַר אָנטרינקען מיין שאָף.

די לעצטע ווערטער האָט זי אים ווי צוגעוואָרפן, — און איז אַוועק.

שלמה האָט איר לאַנג נאָכגעקוקט. אים האָט פאַרדראָסן וואָס ער האָט זיך געהאַלטן צו פריוואַליש־צושטייעריש, כאָטש אַהאַר, ניט פרעך. ער האָט זיך, אָבער, אויף איר ווי אַרויפגעוואָרפן גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש, דאָס פאַסט גאָרניט פאַר אים. זי קען זיך שאַפן וועגן אים אַ פאַלשע פאַר־שטעלונג.

ער פאַרענטפערט זיך מיט דעם וואָס ער פילט זיך אַצונד עפּעס ווי פאַריתומט, פאַרוואַרלאָזט. ער נויטיקט זיך אין חברשאַפט. ער איז אין עכ־סהן ניט געווען פאַרליבט, אָבער די לעצטע זעקס חדשים האָט ער געוווסט אויפזיכער, אַז זי ליבט אים, אַז אַ וואַרם מיידלס־האַרץ קלאַפּט פאַר אים און אַז אַ מלאכטע־באַשיצערן וואַכט איבער אים. אַצונדערט פעלט עס אים אויס. עכסה האָט אים צערודערט, אַרויסגעשלאָגן פון עמאָציאָנעלן גלייכ־געוויכט, כאָטש ניט געקענט אים באַהערשן, אים באַצווינגען, און צוליב זיין געפינען זיך אין אַ צו שאַרף סענסיטיוון צושטאַנד האָט ער גערעדט און גע־האַנדלט אַזוי מאָדנע, צו פריי.

ער איז דאָך געווען אין אַ טויט־געפאַר. ער האָט געהערט די קולות פון די ווילדע אַבערגלויבערישע זעלאָטן וואָס האָבן געדאַרשט נאָך זיין בלוט, אָבער עכסהס געטריישאַפט און איבערגעבנקייט צו אים און איר פאַטערס זיך איינשטעלן פאַר זיין לעבן און פאַר דער הייליקייט פון טעמפּל און זיין אומפאַרלעצבאַר רעכט פון באַהעלטעניש, און זיין אויסערגעוויינ־טלעך־שפּעדיקע שפּערישקייט האָבן אים, אין אַ פולער מאָס מיט אַ

קויב, קאָמפּענסירט פאַר זיינע טויט־אַנגסטן און שרעקן. עס איז געווען באמת סכנת נפשות, אָבער צופיל פחד האָט ער ניט געהאַט. ער איז געווען זיכער אַז עכסה, די גרויסע בריה, די רעסורסנפולע יונגפרוי, וועט געפינען אַ וועג ווי אים אַרויסצופירן פון דאָרטן צו פולער זיכערקייט.

אָבער נאָך אָט־יענע שטאַרק־אויפרעגנדיקע און אויפרייצנדיקע איבערלעבענישן, וואָס האָבן אים אָוועקגעשטעלט, פאַר אַ היפשער ווײַלע אין צענטער פון אינטערעס, ווי אַ פּריז פון צוויי שטרייטנדיקע מחנות, אַ מצב וואָס האָט אים געמאַכט זיך פילן זייער וויכטיק, זעט ער זיך אַצונד ווי פאַרגעסן און פאַרוואַרלאָזט גאָר אינגאַנצן. די איינזאַמקייט און אָט־די אַרומיקע גלייכגילטיקייט צו אים שאָקירט אים און דריקט אים. אָט־די שטיקנדיקע איבערדיפערענטישקייט צו אים פון די אַרומיקע מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף זיין רייזע אַהער און אויך דאָ נאָך זיין אָנקומען, מאַכט אים עפּעס צו קליינגעלט. ער פילט זיך ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ חלל, אין פּוסטקייט און לערקייט.

דערפאַר ווען ער האָט דערזען נעמהן האָט ער זיך מיט איר אַזוי דערפרייט. ער איז פּלוצלונג געוואָרן זיכער, אַז איר וועט עס באַשערט זיין אָנצופילן דעמדאָזיקן חלל, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום אים.

אָבער אַזוי ווי ער האָט זיכער איבערגעכאַפּט די מאָס ביי דער ערשטער באַגעגעניש זייערער, וועט ער זיך צוריקציען אויף עטלעכע טעג און געבן איר צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אים, וועגן זיין פּלוצלינגן דערשיינען און פּלוצלינגן פאַרשווינדן.

ער האָט אויך בשום אופן ניט געדאַרפט איר אויסזאָגן ווער ער איז. צוליב וואָס זיך איבערנעמען מיט עפּעס צו וואָס אויף אַן עקטיוון שטייגער, ער האָט גאָרניט צוגעטראָגן. ער האָט זיינע עלטערן ניט אויסגעקליבן. ער האָט זיי זיכער ניט געבוירן און ניט דערצויגן, איז וואָס באַרימט ער זיך מיט זיי, מיט זיין יחוס. וואָס איז מיט אים דער „מורנו“ אַז דוד האָט אים פאַר אַ זון. יחוס איז אַלעמאָל אַ ריזיקאַלע זאַך. ווי באַלד ער נעמט איבער זיין פאָטערס זכויות בירושה, דאַרף ער אויך איבערנעמען זיינע חובות, זיינע שולדן, די קאָנסעקווענצן פון די פעלערן וואָס ער, זיין פאָטער, איז באַגאַנגען, דאָס איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן אָדער אַ שווערד מיט צוויי שאַרפן. עס איז אַ סך געזינטער און זיכערער צו שטיין און גיין אויף די אייגענע פיס, און ניט אויף די קוליעס געקראָגענע בירושה.

אַזוי פאַרוואָרפעריש טראַכטנדיק איז ער אַוועק צוריק קיין בית אל. צוקאָפּנס אָוועקגעלייגט דעם שטיין וואָס יעקב אבינו האָט געניצט פאַר אַ

קישן, — ער ליגט און וואַרט אויף אַ חלום. ער כאַפּט אַ דרעמל. אין קאָפּ פּלאָנטערן זיך געדאַנקען און פאַר זיינע פאַרנעפּלטע מיט חלום אויגן פלעכטן זיך און איבערקרייצן זיך געשטאַלטן. זייער טשיקאַווע, עכסה און נעמה און זיין מוטער בת־שבע האָבן זיך ווי אויסגעמישט מיט די גלידער. נעמהס אויגן זיצן אין בת־שבעס קאָפּ און בת־שבעס קאָפּ זיצט אויף נעמהס אקסלען אָבער די פיס געהערן צו אַן אנדער באַשעפעניש, אויך בת־שבעס האָר אויפן קאָפּ באַלאַנגען צו אַן אנדער פרויען געשטאַלט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער קאָפּ איז ביי אים ליידיק אויסער אָט דעם געדאַנק וואָס פּיקט אים אין מוח: אַ געליבטע פרוי דאַרף זיך צונויפמענשטעלן פון אַלע פאַרשיידענע פרויען געשטאַלטן. אין איינער באַצויבערן די אויגן, אַ אַן אנדערער די שיינע אויסגעכאַליעטע הענט, און ווידער אין אַן אנדערער די לאָקן, אין גאָר אַן אנדערער דאָס נעזעלע, די מויל, דער קין, אָדער גאָר דער נוסח און געשמאַק פון אָנטאָן זיך. פון אַ מענגע פרויען קען אַ געליבטער אויספורעמען גלידערווייז אַ פּערפעקטע פרוי. אַזוי טראַכטנדיק איז ער ווידער איינגעשלאָפן.

ביים ערשטן בליאַסק אויף טאָג זעט ער דער הימל שפּאַלט זיך. דער אַרום ווערט פאַרפלייצט מיט אַ שיין וואָס שימערירט מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן. ער האָט געמוזט פאַרזשמורען די אויגן, אַזוי שטאַרק, פאַרבלענדנדיק איז געווען דאָס ליכט וואָס האָט געשטראָמט ווי דורך אַן אָפּענער דאַמבע. ער האָט זיך דערפרייט, וואָס ער קריגט אַ געלעגנהייט צו ווענדן זיך מיט דער פראַגע, וואָס פּייניקט אים, צו דעם קול און וואַרט וואָס וויסט אַלע ענטפערס. ער האָט ניט קיין געדולד צו וואַרטן ביז אַ געשטאַלט וועט זיך ווייזן און אַ שטים וועט זיך לאָזן הערן און אים שטעלן אַ פראַגע. ער פאַרלויפט זיך דעם וועג און קומט אַרויס מיט אַ פרעגעניש:

— הימלשע געשטאַלטלאָזע געשטאַלט און קוללאָזע שטים, זאָג מיר, וואָס איז דער אָנפאַנג פון אַלע זאַכן? ווי איז אַלץ אַנשטאַנען? צוליב וואָס איז אַלץ אַנשטאַנען וואָס איז אַנשטאַנען? איך האָב נאָך אַ סך פרעגענישן צו פרעגן. און דערהויפּט וואָלט וועלן איך וויסן פאַרוואָס ווילט זיך מיר אַלץ וויסן און וועגן אַלץ פרעגן? וואָס איז אַזוינס מיין נייגער וואָס לאָזט מיך ניט צורו? וואָס איז באמת דער סוד פון לעבן און טויט? און וואָס איז ליבע? וועגן לעבן און טויט האָב איך אָנגעשריבן אַ „פאַנטאַסיאַ“ אָבער וויסן ווייס איך ניט וואָס אָט־די טשיקאַווע פאַר שטעלט פאַר מיט זיך.

ער האָט געוואַרט אַ ווײַלע און קיין ענטפער האָט זיך ניט געהערט.

שלמה ווערט אין כעס און פרעגט צושטייענדיק:

— סטייטש, פאַרוואָס בלייבן מיינע פראַגן אָן ענטפערס?

— מיין בראַווער פרעגער, — האָט געענטפערט די שטים, וואָס איז געקומען צו אים פון אַלע פיר זייטן און פונאונטן און פונאויבן, — איך ענטפער דיר ניט, ווייל אין מייך פאַרשוויגן די פראַגעס ליגט שוין מיין ענטפער. א ניט־ענטפער געגעבן בכוונה איז אָפט בעסער ווי אַן אויבער־פלעכלעכער ענטפער וואָס פאַרענטפערט גאָרניט. טראַכט זיך גוט אַריין אין מיינע־דיינע רייד, דעמאָלט וועסטו תופס־זיין אז פראַגעס קענען קיינמאָל ניט פאַרענטפערט ווערן.

— פאַרוואָס??

— מחמת דעם וואָס די „פראַגע" בלייבט א פראַגע, ד. ה. פלעכט ווייטער איר ווילקירלעכע קייט פון פרעגעניש, איינפאַך, זי וויל זיך ניט אָפּשטעלן. זי וויל ניט אומקומען. אַלץ איז פאַרעקשנט און וויל דווקא האָבן א חלק אין דאָזיין וואָס איז „דאָמיך", דאָס קיניגרייך פון איינאַיכטום. די פראַגע באַנייט זיך, זי גייט זיך איר גאַנג ווייטער, איינדעראמתן איז זי שוין ניט מער די אייגענע, די פריערדיקע פראַגע, נייערט גאָר אַן אַנדער פראַגע. אָבער אַזוי ווי זי געהערט צו דער משפחה פון פרעגעניש, פאַרזעלביקט זי זיך מיט אַלע פריערדיקע פראַגן און אַלע נאָכקומענדיקע פראַגן און זי בלייבט פראַגע. מיט אַנדערע ווערטער, זי שטרעבט צו ווערן א זעלבסט־פראַגע, א פרעגעניש בכלל. אונטער אַלע פראַגעס ליגט פאַרהוילן איין הויפּט־פראַגע און דאָס איז די פראַגע, פאַרוואָס זאָל דער פרעגער פרעגן פראַגעס? וואָס טרייבט אים דערצו?

און יעדער ענטפער אין זיין ריי שטרעבט צו ווערן א זעלבסט־ענטפער, אַן אַנטפערניש בכלל. און אַזוי ווי צווישן „פראַגע" און „ענטפער", ווי צווייַ קעגנגעזעצטע מהותן, ליגט אַן אָפּגרונט, לויפן זיי זיך פּאַראַלעל, יעדער אין זייער קאַלייע, ביז אין אין־סוף־אריין, וואו זיי ווערן צוזאַמענגעשמאָלצן דורך זייערע זעלבסטן. זעלבסט־פראַגעאונזעלבסט־ענטפער באַגעגענען זיך אין זעלבסטום און זיי ווערן איין איינוקייט. עס ווערט אויס „פראַגע" און אויס „ענפטער". סיי די פראַגע און סיי דער ענטפער לעכצן נאָך, רייסן זיך צו, דעם אני יהוה, צום איינאַיכטום, צו זיך אַליין, צום זעלבסטום, ווי דער עיקר פון אַלע עיקרים. די פראַגע פאָלגט דעם געבאָט, וועלכן עס געהאָרכן אַלע קעגנשטאַנדן סיי גייסטיקע און סיי מאַטעריעלע. אנכי יהוה, איכזיערזי איז פאַרבינדלעך פאַרן גאַנצן באַשטאַנד.

יעדע זאַך שטרעבט צו דער אורזאַך און יעדע אורזאַך לויפט צום

אורזיך, מחמת יעדע זאַך גייט צו זיך, און דער זיך גייט צום אורזיך. יעדער צוועק מוז ווערן א זעלבסט־צוועק, קיין אנדער וועג און קיין אנדערע ריכטונג איז ניט פאַראַן אין תחום פון מענטשלעכן גלויבן און דערקענען, אורטיילן און וויסן.

מיין פרעגער, פרעג זיך פאַרוואָס פרעגסטו, און דו וועסט באַגרייפן אַז דו פלעכסט א קייט פון פרעגענישן, ווייל אַט־די פראַגע וועט גילטן אויך פאַר דער פרעגעניש מכוח פראַגעס־שטעלן.

מיר מוזן גיין צום זעלבסטום. דאָס איז אונדזער באַשטימטער און אויסגעטראָטענער וועג פונקדמונים־אַן, ניט בלויז אין דערקענטעניש, נאָר אויך אין גלויבעניש, און אויך אין טועניש. פון טעטיקייט צו זעלבסט־טעטיקייט, פון פאַרוואַלטונג צו זעלבסט־פאַרוואַלטונג, פון פאַרשטענ־דלעכקייט צו זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט. מיט איין וואָרט, אַלץ שטרעבט צום זעלבסטום.

אַט־דער זעלבסט איז מיין שם־המפורש. דאָס איז דער גרויסער זיך פון אַלע זאַכן ווען זיי ווערן זיכן.

שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט. די ווערטער האָבן נאָך געקלונגען אין זיינע אויערן. ער האָט באַגריפן אַז דאָס וואָס ער האָט געהערט פון דער שטים, פון דער „מימרא“, איז דער ריכטיקער ענטפער. אָבער ער איז דאָך געווען אומצופרידן. און זיין אומצופרידנקייט האָט באַטייט אַז דידאַזיקע אומצופרידנקייט מיט דער איינציקער, ביי היינטיקן טאָג, פאַרענטפערונג וועט טרייבן דעם מענטשן צו שאַפן א בעסערע פאָרם פון פאַרשטענדע־ניש.

## 2

## שלמה פאַרליבט זיך אין נעמהן

דריי טעג האָט ער זיך ביים ברונעם ניט באַוויזן. ער האָט זיך באַ־שטראָפט. ער האָט כמעט ווי געהאַלטן פון דעם מעטאָד פון באַלוינונג און באַשטראָפונג בנוגע זיך אַליין. ער איז געווען צו איינרייסנדיק. ראַשיק־איינרייסנדיק אין זיינע רייד צו איר און ער פאַרדינט כשר דעם פסק וואָס ער האָט זיך אַרויסגעטראָגן און אַליין אים איבער זיך אויסגעפירט.

אַט־די דריי טעג האָט ער זיך אָפּגעגעבן איינגאַנצן מיט האַרב־פאַר־טיפטע טראַכטענישן אַזוי אַז ער זאָל ניט פילן קיין בענקעניש און נאָגעניש,

און די צייט זאָל פאַרלויפן שנעל. ער האָט זיך פאַרשטעקט אין א הייל צווישן פעלדזנשטיינער און האָט דאָרט אָנגעשריבן איינעם פון די קאַפּי־טלען פון זיין ווערק „זעלבסט־גלויבן״.

אין משך פון אָט־די דריי טעג האָט ער שוין באַוויזן זיך צו פאַרדיג־גען. זיין לוין פאַדערונג איז געווען אַזוי קליין אַז ער האָט לייכט געקראָגן אַ „שטעלע״ ווי אַ געהילף־פאַסטעך.

אויפן פערטן טאָג פאַרנאַכט האָט ער גענומען אַפּגעוואָרט אויפן זעל־ביקן פּלאַץ, וואו ער האָט זי באַגעגנט צום ערשטן מאָל. ער איז געזעסן אויפן שטיין און ניט געקענט איינזיצן, זיך אַלע מינוט אויפגעהויבן פון אָרט, זיך אויסגעקוקט די אויגן, אַזוי האָט ער געגאַרט זי צו דערזען אָנקומען מיט איר קליינער טשערעדע פון ווייסע שעפּסעלעך און לאַמען, איינס צו איינס ווי אָפּגעקליבן.

דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. אין די שלייפן האָט אים געהאַמערט, און ער האָט געהאַלטן אין חזרן און איבערחזרן איר נאָמען. ער האָט פּרו־בירט טרעפן, לויט דעם טעם פון די קלאַנגען אויף זיין גומען, ווי זי וועט אים דאָס מאָל באַגעגנען. אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן הלמאי ער האָט איר אויסגעזאָגט ווער ער איז, און איז אַרויסגעפּאַרן מיט זיין גאַנצער אַי־בערנעמערישקייט. דאָס וועט אים שטערן אין זיין טרעפן זי, טרויען אַי־רע געפילן, טאָמער כאַפּט זיך אין זיי אַריין דער עלעמענט פון אָפּנאַר צו־ליב דעם וואָס אין איר ליבט זיך אַ קרוין פרינץ מיט דער אויסזיכט צו ווערן אינגיכן קיניג און מאַכן זי פאַר אַ קיניגין. פאַר אַ פּשוטער פּאַסטושקע דאַרף אַזאַ פּערספּעקטיוו זיין היפּש אָנלאָקנדיק. איצט וועט אים זיין זייער שווער פעסטצושטעלן די עכטקייט פון אירע עמאָציעס און אויב זי וועט וועלן זיין אויפריכטיק מיט זיך אַליין וועט איר אויך ניט אָנקומען לייכט זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין אירע נויגונגען, צו וויסן געניוי אויפוויפל זי איז צוגעצויגן צו שלמהן, דעם יינגל, און אויפוויפל דאָ לאָזט זיך מערקן די צוציקראַפט פון שלמהן, דעם קרוינפרינץ, דעם טראָן־יורש פון קיניג־דודן.

דער נאַר האָט אים אַ שטופּ געטאָן און ער האָט אַרויסגעבאַלבעט דאָס וואָס ער האָט באַדאַרפט האַלטן בסוד. אין ליבע אָנגעלעגנהייטן איז געהיי־מנישפולקייט, פאַרשוויגנקייט תמיד בעסער ווי אָפנקייט און אַרויסגערעדט־קייט, אַנטבלויזטקייט. נאָך אַלעמען קומען דאָך אַלע וויכטיקע זאַכן צוגע־דעקט. מאַן, פרוי טראָגן קליידער, געדאַנקען זיינען פאַרוויקלט אין ווער־טער, וואָס דינען פאַר זיי ווי אַ לבוש.

אזוי אומעטיקלעך טראַכטנדיק, דערזעט ער זי אָנקומען. ער איז אויפֿגעשטאַנען און געגומען זיך דערנענטערן צו איר מיט פאַמעלעכע טריט ניט זייענדיק זיכער ווי זי וועט אים דאָס מאָל באַגעגענען, פריינטלעך צי קאַלט.

אָבער ווי זי האָט אים נאָר דערבליקט, איז זי גלייך צוגעלאָפן צו אים, שפרודלנדיק מיט פרייד און אנטציקונג.

— וואו ביסטו, מיין האַר, געווען אָט־די דריי טעג? איך האָב יעדן אונט געוואַרט אויף דיר, און ניט בלויז איך, אויך מיינע לאַמען האָבן געוואַרט און געבענקט. דו הערסט ווי מלאַ־שמחה זיי בלעקערצן. גאָר ניט ווי אין די פריערדיקע דריי טעג, ווען זייער מעקן האָט געקלונגען אומעטיק, פאַרטרויערט. דוכט זיך דאָס איגענע וואסער, אָבער עס ווענדט זיך ווער עס דערלאַנגט עס און מיט וויפל געטריישאַפט און איבערגעבנקייט. אָט־די שטומע באַשעפענישן, דווקא דערפאַר וואָס זיי ריידן ניט, פלאַפלען ניט אַרויס וואָס עס קומט פאַר אין זיי, שפירן טיפער פון אונדז, „מדברים". זיי דערפילן א פריינט, א ווילן מענטשן וואָס וויל זיי גוטס טאָן און זיי ציען זיך צו אים . פון אַ שלעכטן מענטשן מיט בייזע אבזיכטן, דערוויטערן זיי זיך. ציען זיך צוריק.

ווי זי האָט עס געזאָגט אזוי האָט די טשערעדע זיך ארומגעשטעלט אַרום שלמהן אין אַן ענגן קויק.

מיך פרייט עס צו הערן פון דיר, מיין האַרנטע. עס ווילט זיך מיר גלויבן אז די שעפסעלעך האָבן געבענקט נאָך מיר און די פאַסטושקע האָט זיי אפשר ארויסגעהאָלפן טראָגן די שווערע לאַסט פון בענקעניש.

ער האָט געטראַכט: די שטראָף וואָס ער האָט אויף זיך גענומען האָט אים אָפגערייניקט פון געוויסן פסולת וואָס איז געווען אין אים, און די שטומע באַשעפענישן שפירן עס און טוליען זיך צו אים אזוי פאַרטרויעריש.

—בענקען, מיין האַר, איז ניט תמיד א לאַסט. אמאָל איז עס זייער אנגענעם. עס איז גוט צו זיין צוגעבונדן זעליש און לעכצן נאָך נאָענטקייט.

— איך בין גליקלעך צו הערן עס פון דיין מויל, מיין האַרנטע, און איך טייטש עס אַלץ אויס אזוי אז איך זאָל מיך פילן דערהויבן און דערהייכט אין מיינע אויגן.

ער האָט מיט גרויס שמחה געשעפּט וואסער פון ברונעם און אָנגעפילט די קאַריטעס, און איינס און צוויי אָנגעטרונקען די קליינע טשערעדע, וואָס האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט זיין פרייד און האָבן זיך צוגעשאַרט צו אים און זיך געווישט זייערע נאַסע מאַרדעטשקעס אָן זיינע קליידער.

דריי חדשים זיינען אַוועק ווי אַוועקגעפלויגן. זיי האָבן זיך יעדן אָונט

געטראָפן ביים ברונעם, פאַרבראַכט צוזאַמען ביז שפּעט. געוועזן גליקלעך ווי צווײ יונגע געליבטע, וואָס זײנען אַלט מיטלעך אַכצן יאָר, קענען זײן: זיך געקושט און זיך געהאַלדזט און זיך געקריגט און זיך געברוגזט און געוועזן אומגליקלעך. דאָ האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי ליבט אים ווײניקער ווי ער ליבט זי; דאָ האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז ער ליבט זי ווײניקער ווי זי אים. און דאָס דאָזיקע באַוואוסטזײן האָט צײַטנווײַז אים און צײַטנווײַז איר פאַרביטערט דעם לעבן. וויפל מע האָט זיך געברוגזט. אַזוי־פיל מאָל האָט מען זיך איבערגעבעטן און די איבערבעטעניש האָבן געברויזט מיט יובל און שמחה. אין זײערע יונגע פאַרליבטע הערצער און מוחות האָבן זײערע קאַפּריזן אָנגענומען א קאָסמישן באַטײַט. די גאַנצע וועלט, הימל און ערד, האָבן זיך באַטײליקט אין זײערע ליבע־לײדן און ליבע־פרײדן. זײַנען זײ געוועזן גליקלעך מיט זײער קעגנזײַטיקער ליבע, האָבן די הימלען געיובלט, און די ערד האָט ממש אונטערגעטענצלט אונטער זײערע פיס, ווען זײ האָבן שפּאַצירט מיט געמאָסטענע טריט און מיט געשלאָסענע אָרעמס. האָבן זײ זיך צעקריגט, האָט דער הימל געהאַלטן ביי אַרונטערפאַלן און די גאַנצע וועלט האָט זיך שיער ניט אומגעקערט צו תהו־ובהו, און אַלץ אַרום איז געוואָרן וויסט און לער.

פאַר שלמהן איז געוועזן גענוג צו וואַרפן איין בליק אויף נעמהס שעפּסעלעך און ער האָט שוין געוואוסט צי דער אָוונט וועט זײן א גליקלעכער צי, חס־ושלום א פאַרשטערטער, א מרה־שחורהדיקער.

ער פלעגט איר פאָרלײענען זײנע עראָטישע לידער, לירישע השתפּכות־הנפשן, אַלע געהײליקט איר.

זי האָט זײנע לידלעך געלײבט, זיך געלאָבט מיט זײ, וואָרעם זײ זענען דאָך געוועזן אינספּירירט דורך איר און זײנען געוועזן געשריבן צו איר און פאַר איר, פאַר אירע אויגן צו לײענען און פאַר אירע אויערן צו הערן, ווען ער האָט זײ איר פאָרגעלײענט. אָבער דאָך האָבן זײ איר פאַרשאַפט פיל עגמת־נפש. זי איז געוועזן אײפערזיכטיק צו זײן מוזע, ווי זי וואָלט געוועזן א יונג פרוי און ניט א מיטאָלאָגישע פיגור. איר האָט זיך געדוכט אַז די מוזע נעמט אים צו פון איר. זי האָט געוואָלט, כאָטש זי האָט עס ניט געזאָגט, אַז ער מיט אַלע זײנע געדאַנקען און געפילן זאָל געהערן צו איר, זײן אַבזאָרבירט אין איר, אין בענקעניש און לעכצעניש נאָך איר, אַפילו ווען ער איז אין איר אָנוועזנהייט, אַזוי אַז אים זאָל ניט בלײבן קײן אויפמערקזאַמקייט, קײן טראָפּן ענערגיע זיך אָפּצוגעבן מיט אויסדריקן זײנע געפילן; פונקט ווי זי איז געוועזן אינגאַנצן פאַרשלונגען פון אים און אין

אים. זי ווייסט אײך זאך בלויז, דאָס וואָרט שלמה, זי ווידערהאלט עס טויזנטער מאָל א טאָג אין איר געדאנק, און יעדעס מאָל לייגט זי אין אים אריין אן אנדער באַטייט, אן אַנדער טאָן, אן אנדער קאָליר, אן אנ־דער געשמאַק און אן אנדער אראָמאַט. זי האָט כסדר געהאלטן אין מאָלן זיין געשטאַלט פאר אירע אויגן, אָבער בלויז מיט איר פאַרשטעלונגסקראַפט. זי איז געווען א באגאבטע מאלערין, אָבער זי וואָלט עס געהאלטן פאר א חילול־הקודש ווען זי וואָלט זיך דערלויבט אָנצוטרויען זיין געזיכט, זיין גע־שטאַלט צו אַ שטיק געוואנט, צו דערלאָזן אז צווישן איר און אים זאָלן אריינקומען פארבן, א פאליטרע, מאטעריעלע אָביעקטן.

ערשט איצט האָט זי געגומען באגרייפן דעם מיין פון משהס געבאָט קעגן מאכן אן אָפבילד, שטעלן א סטאטויע מאכן אן אויסשניט, א געמעל, אן אויסקריץ פון יהוה, א געבאָט פון וועלכן זי האָט געהערט אַזויפיל מאָל אָפשפאָטן ביי זיי אין הויז און אין לאַנד. זי באַנעמט איצט אז משה, און ניט די אָפלאכער, איז געווען גערעכט. אמתע גרעניצלאָזע ליבע איז אומ־אויסדריקבאַר, אומאויסשפּרעכבאַר.

ווען מען ליבט מיטן גאנצן הארצן און מיט דער גאַנצער זעל טיילט מען זיך ניט מיט דערדאָזיקער אלצאומפאסנדיקער ליבע מיט וועלכן עס איז אויסערלעכן אגענט, מיט אַ געשניץ אין האָלץ אָדער א געקריץ אין שטיין אָדער אן אָפגאָס אפילו אין דעם טייערסטן מעטאַל ווי גאָלד און זילבער. זי וויל איר ליבע און דאָס געמעל פון איר געליבטן וואָס זי טראָגט אין האַרצן קיינעם ניט אָנטרויען, אפילו ניט דעם אידעלן געפליגלטן פּאָ־עטישן וואָרט. בלויז שוויגן, דאָס אומוואָרט איז גענוג הייליק, גענוג אינ־טים, אים, זיין נאָמען, ארויסצוברענגען און עס זאָל זיך דערביי ניט באַקו־מען אַ חילול־השם.

זי האָט עס, אָבער, שלמהן ניט געזאָגט, זי האָט מיט קיין איין וואָרט זיך ניט ארויסגעכאַפּט קעגן זיינע פּאָעטישע שאַפונגען. זי האָט, אָבער, קלאָר און טייטלעך געטראַכט אז אפילו שלמה דרינגט ניט אריין אין דער פולער טיפקייט פון משהס פארווער פון מאכן געצן. זי האָט דעמדאָזיקן פארווער בפירוש פארטייפט אזוי אַז ער האָט אריינגענומען אויך דעם ווער־באַלן מעדיום פון אויסדרוק. מע טאָר אפילו דעם נאָמען, דעם בלויזן נאָ־מען פון געליבטן ניט ארויסריידן סיידן איין מאָל א יאָר אין קדשי קדשים, אין מינוט פון העכסטן הייליקסטן עקסטאַז און ארגאזם.

זי האָט געהאלטן, אז בלויז אריינגעחושטקייט, אריינגעשפירטקייט

ביז צו פולער דביקות און עמאַציאַנעלער הזדווגות, קען אויסדריקן פולע ליבע.

פון זיין נאָמען האָט זי זיך דערלויבט אַרויסצוברענגען מיט די ליפּן בלויז דעם קלאַנג ש... ש...

אין אָוונט איז שלמה געקומען אַן אויפגעלויכטענער, און ער האָט פאַר איר פאָרגעלייענט זיין פאַרפאַסונג „די ליבע־תורה", וואָס ער האָט איר גע־הייליקט.

ער האָט געענדיקט לייענען. אַרויסגענומען די אויגן פון געשריפטס און זיי אָנגעשטעלט אויף זיין צוהערערין.

זי האָט פאַרשטאַנען אַז ער דערוואַרט איר מיינונג־אויסערונג. נעמה האָט געלויבט זיין אידע, אויפגעזאָגט צו ליבע:

— עס איז אַ שיינער מזמור־שיר.

ער האָט אָבער געפילט אין איר טאָן אַז עפּעס פאַרדריסט איר. זי איז ניט אַנטציקט פון זיין שאַפונג.

— עס איז שוואַך אָנגעשריבן. איך פיל עס אַליין און מוז עס צוגעבן, פון אמת קען מען ניט אוועקגיין, — האָט שלמה געזאָגט און יעדעס וואָרט כמעט איבערגעהאַקט מיט אַ קוש. — ווען עס איז שוין אָנגעשריבן, — זי אונטערשטרייכט דאָס לעצטע וואָרט, — ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין גע־שריבן, ווי באַלד עס איז שוין אַרויסגעבראַכט, איבערגעגעבן אויפן פּאַר־מעט, פאַרלירט עס כוח. אַ געפיל אין איבערגאַנג פון געשפּירט־זיין צום אויסדרוק ווערט אָן אַ טייל פון זיין קראַפט, זאַפט און פרישקייט. עס שטאַרבט אונטער די הענט.

— אָבער ביי גרויסע קינסטלער איז פּונקט פאַרקערט, עס קריגט צו גבורה, — האָט שלמה זיך געאַמפּערט.

— דער גרעסטער מייסטער איז נאָך אַלץ צו קליין אַרויסצודריקן אַ טיפן געפיל אין זיין גאַנצער עכטקייט און אומטיטלבאַרקייט. אָנגעשעפּט וואַסער אַפילו אין דער ריינסטער כלי איז ניט דאָס וואָס דאָס אייגענע וואַסער איז אין קוואַל.

שלמה האָט זיך פאַרטראַכט און געענטפערט:

— מיר מוזן אָבער, שעפּן און טרינקען, אויב מיר ווילן ניט פאַרחלשט ווערן פון דאָרשט.

— מיר מוזן ניט שעפּן... מע קען טרינקען דירעקט פון קוואַל מיטן מויל... אָן דער פאַרמיטלונג פון אַ געפעס, נייערט צואַפאַלן צום קוואַל, אַריינפאַלן אין קוואַל...

א וואָך שפּעטער האָט שלמה איר געבראַכט זיין פּאָעמע „נעמה־שלמהס אינדזל״.

ער האָט עס פאַרגעלייענט פאַר איר מיט גרויס התלהבות.

אויפמאָרגן איז זי געקומען שפּעט אין אָוונט אָן דעם באַגלייט פון איר טשערעדע. די אויגן זיינען ביי איר געווען פאַרוויינט, רויטע פון ניט שלאָפן א גאַנצע נאַכט. זי האָט צו אים א זאָג געטאָן, נאָך איידער ער האָט געהאַט צייט צו פרעגן וואָס איז מיט איר געשען:

— איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט דיר. דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס מיר וועלן זיך זען. זיי געזונט!

— וואָס האָט פּאַסירט? וואוהין גייסטו? — זי האָט זיך צעכליפּעט. — איך וועל דיר נאָכגיין ביזן עק פון דער ערד...

— גיי מיר ניט נאָך, אַלץ איז געענדיקט.

— דו רעדסט ווי דו וואָלסט געוואָרן א פאַרביטענע דורך איין מעת־לעת. האָט זיך אין דיר אריינגעזעצט א פרעמדע, וואָס קען מיך ניט און איך קען זי ניט? וואו זיינען דיינע שבועות, אז דו וועסט מיך אייביק ליבן? וואו זיינען דיינע רייד, אז איך בין דער אָטעם אין דיינע נאָזלעכער, אז אָן מיר קענסטו א מינוט ניט לעבן?!

— פרעג ניט. נעם מיין לעצטן קוש און לעצטע ארומארמונג.

זי איז פאַרשוווּנדן אין די געדיכטע שאָטנס פון פאַרכמאַרעטן אָוונט. ער איז געבליבן זיצן אויפן שטיין לעבן ברונעם, ווי א פאַרשטיינערטער. ער האָט ניט געגלויבט זיינע אויגן, ער האָט ניט געגלויבט זיינע אויערן.

ער רעדט צו זיך:

— עס קען ניט זיין! עס איז א קאַשמאַר־חלום. מיר האָט זיך עס אָפּגעדוכט. דאָס איז ניט געווען זי, דאָ איז געווען אַן אַנדערע. זי וועט באַלד קומען, כאָטש עס איז שוין שפּעט.

יעדן אָוונט איז ער געקומען צום ברונעם. געוואַרט אויף איר.

ער איז אריינגעפאַלן אין א טיפער מעלאַנכאָליע. ער איז געווען זיכער אז עמיצער אויס קנאה צו זייער גליק, וואָס זיינסגלייכן האָט קיין מענטשנ־קינד ביז איצט ניט געוווּסט, האָט זיי עפּעס אָפּגעטאָן, האָט ביי איר דעם זינען צוגענומען, און ביי אים דעם זינען פון לעבן. ער איז געשטאַנען פאַר א רעטעניש, ווי פאַר א טויבער וואַנט.

אַזוי אין קלעמעניש, אין אַנגסטן, אין גיהנום־ייסורים איז פאַראיבער א גאַנצער חודש. ער האָט אָבער דאָך אינגאַנצן ניט פאַרלאָרן די האָפענונג, אז דאָס רעטעניש וועט נאָך קריגן זיין באַשייד צו זייערביידנס טובה, אז

פון דערדאָזיקער סם־המותדיקער ביטערניש וועט נאָך אַרויסקומען אַ לעבנס פרייד און זיסקייט.

ער האָט באַשלאָסן זי צו זוכן און געפינען. ער האָט זיך ניט געקענט שענקען דעם פעלער וואָס ער איז באַגאַנגען מיטן ניט פרעגן זי וועגן אירע עלטערן, וועגן איר היים, ער ווייס וועגן איר גאָרניט, זי איז פאַרלאָרן געגאַנגען, פאַרשוואונדן אָן אַ שפור. ער האָט אויסגעפרעגט די פאַסטעכער, זייער ענטפער איז געווען זייער חידושן־זיך וואָס ער פרעגט ביי זיי. ער האָט דאָך געדאַרפט וויסן. ער האָט דאָך מיט איר כסדר געהאַט ראַנדעוווּס.

ער האָט זי קיינמאָל ניט געפרעגט וועגן איר משפחה. ער האָט גערעכנט אַז זי שווייגט וועגן דעם איז עס אַ סימן, אַז זי קומט אַרויס פון אַ נידעריקן שטאַם. און ער האָט מורא געהאַט איר מאַכן פילן זיך שלעכט פון די פאַרגלייכענישן פון זיין געהויבענעם מצב און איר שפּלדיקן צושטאַנד, ער אויפן העכסטן שטאַפּל אין געזעלשאַפטלעכן לייטער און זי אויפן ביי־דעריקסטן, ביי דער סאַמע ערד. דערפאַר האָט ער פאַרשטיקט זיין נייגעריי־קייט בנוגע אַט־דער אַנגעלעגנהייט. ער האָט ניט געוואָלט וויסן פון דעם כדי איר זאָל זיך ניט אָפּדוכטן אַז אין זייערע באַציאונגען ציינט ער אַרויס אַ גרויסהאַרציקייט מיט זיין אַראָפּלאָזן זיך צו איר. ער איז געווען אין דעם פונקט זייער פאָרזיכטיק. ער האָט עס אויסגעמיטן ווי איינער היט זיך ניט אַ קראַץ צו טאָן אַ וואונד. ער האָט די גאַנצע צייט מורא געהאַט זי זאָל זיך ניט אַריינבנעמען אין געדאַנק אַז זי איז צו נידעריק פאַר אים און ער וועט ניט קענען אַראָפּגיין אַזויפיל שטיגן אום זיך צו באַגעגענען אין מיטן אויף איין ברעטל.

עס איז אַוועק אַ קיילעכדיקער יאָר.

שלמהס האָפענונג אַז נעמה וועט זיך אומקערן צאַנקט, קאַפּטשעט, אָבער איז נאָך אַלץ ניט איינגאַנצן אויסגעלאָשן. ער קען זי ניט פאַרגעסן אויף איין אויגנבליק, וויפל ער האָט זיך ניט געפלייסט עס צו טאָן. ער האָט געמיט זיך אַריינאַרבעטן זיך כאָטש־בי אין אַ מאָמענטנווייזע שכחה דורך פאַרטיפן זיך אין די פאַרפלאָנטערסטע שכלדיקע פּראָבלעמען. ער האָט אַ סך געלערנט, אַ סך נאָכגעטראַכט און אַ סך געשריבן. אַ גאַנצן ספר פון חכמה שפּרוכן האָט ער פאַרפאַסט. ער האָט זיך פאַרטיפט אין תורת־משה, דער־הויפּט אין געבאָט פון „לא תרצח!” ער האָט אויסגעברייטערט דעם פאַר־באָט און אים אָנגעווענדט אויך אויפן גייסט. ער האָט מחבר געווען אַ ספר אונטערן נאָמען „לא תרצח!”

אפילו אין די טעג, ווען ער איז געווען פאַרנומען מיטן שרייבן אַז אי־

בערשרייבן זיין גרויס־געוואַגטן ווערק; האָט ער ניט געקענט זיך אַזויפיל פארשיכורן מיט זיין שאַפן, אַז ער זאָל זיין בכוח זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ איר געשטאַלט. זי האָט זיך בלויז אָפּגערוקט אביסל אַנאַנזייט פון פּאָקוס, אָבער געלאָזט די גאַנצע צייט אים פילן ממשותדיק איר אָנוועזנהייט. ווי נאָר ער האָט אָפּגערוקט דעם פּארמעט, אוועקגעלייגט דעם סטילוס, אַזוי איז זי גלייך געקומען און זיך אוועקגעשטעלט, ווי אַ לעבעדיקע, פאר די אויגן.

ער איז ממש אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך איר.

ער האָט זיך גענומען צום וואַנדערן. ער האָט געביטן קעגנטן, קלי־מאַטן, געקלעטערט אויף בערג, זיך אַראָפּגעלאָזט אין די טאָלן, אַלץ כדי זיך צו צעשטרויען. עס האָט אים ניט געהאָלפן. זי איז כסדר און אומעטום אים פאַרויסגעגאַנגען.

עס איז אריבער נאָך א יאָר פון אומגעוויינטלעך פּרוכטבארער שעפע־רישקייט און צוגלייך פון איבערמענטשלעכע ייסורים. שלמה האָט אָט־די צווי יאָר אָפּגעמרה־שחורהט, שיער פון זינען ניט אראָפּ צוליב זיין געליב־טער, דער שיינער נעמה, וועלכע ער האָט פּלוצלונג אויף א רעטעניש־מיס־טעריעזן אופן פארלאָרן ניט צו געפינען.

איין עשטאַפעט געשיקט פון זיין מוטער, בת־שבען, א צווייטער פון זיין רבין, נתנען, זיינען אָנגעקומען מיט דער ידיעה אז זיין פאָטער, דער קע־ניג דוד, איז פארביי און ער זאָל גלייך אין אײַלעניש קומען קיין ירושלים. עס גייט אין פארווירקלעכן זייערע אמביציעס און קרוינען אים פאר א קי־ניג איבער יהודה און ישראל.

ער וואָלט אוועקגעגעבן עטלעכע קיניגרייכן פאר איין נעמה־שולמית, ווען ער קען זי פאר אָט־דעם פּרייז קריגן.

דאָך האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דער טרויעריקער נאַכריכט, אז זיין פאָטער איז מסוכן קראַנק, ווי פאר א ראַטעוונג־אנקער, אפשר וועט עס אים העלפן זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ זיינע טראַכטענישן וועגן נעמהן און פארטרייבן פון פאר זיינע אויגן איר בילד. און דערנאָך וועלן קומען די אויפ־רעגונגען, אויפשיטערונגען, מיאונגען און אָנשטרענגונגען, וואָס זיינען פאר־בונדן מיט מלוכה, מיט קיניגן איבער א גרויסן און אומרואיקן פאָלק. אפ־שר וועט דאָס אים אויסהיילן פון זיין מרה שחורה, אפשר וועט ער זי, פּאַרט, פארגעסן און אויב ניט פארגעסן וועט זיך אים לכל־הפּחות איינגעבן אָפּצו־טעמפּן די שאַרפע בעגל פון דער חיה־רעה, וואָס הייסט בענקעניש, וואָס דראָפּעט זיין זעל ביז צום ניטאויסהאַלטן, און לאָזט אים ניט אָפּ ניט ביי

טאָג און ניט ביי דער נאַכט. פיליכט וועט דאָס פאַרנעמען זיך מיט די באַ־לעסטנדיקע רעגירונגס־אָנגעלעגנהייטן אים לינדערן זיינע ליידן, וואָס זיי־נען מאָוויִמדיק. אפשר, אפשר, אפשר...

# 3

## דער דיאַלאָג צווישן שלמהן און בת־שבען

שלמה פאָרט רייטנדיק צוריק קיין ירושלים מיט גרויס האַסט.

אויפן וועג האָט ער ניט באַמערקט, אין די פלעצער וווּ ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, קיינע צייכנס פון אויפרודער. ערשטנס האָט קיינער גאָרניט געוואוסט, אַז זייער קיניג איז פאַרביי. כאָטש עס האָבן זיך געטראָגן איבערן לאַנד קלאַנגען אַז ער איז ניט־געזונט. צווייטנס, ווען דער פשוטער עולם וואָלט אפילו געוואוסט אַז דער קיניג איז א חולה מסוכן, וואָלט ער זיך אויך ניט וויסנדיק געמאַכט פון דעם. עס איז ניט זיין עסק. דער ערד־אַר־בעטער איז פאַרנומען מיט זיין שטיקל־ערד, דער בעל־גוף — מיט זיין קליינער באַלעבאַטישקייט, מיט זיין נחלה וואָס איז אי זיין וועלט און אי זיין קיניגרייך, און דאָס האַלט אים באַשעפטיקט א גאַנצן טאָג פון זונאויפ־גאַנג ביז ווייט נאָך זונפאַרגאַנג. בלויז אין די קאַראַוואַנסאַרייען, און אין די פאַרשיידענע האַרבעריקס וווּ ער האָט זיך אָפּגעשטעלט זיך אָפּצורוען, אונטערלעגנדיק דאָס האַרץ, איבערנעכטיקן, אָנקאָרמען זיין מידע בהמה און בייטן זי אויף אַן אויסגערוטער, האָט ער דערשנאַפּט שטיקלעך שמועסן וועגן מלוכה־ענינים. איינמאָל האָט ער אפילו אונטערגעהערט א לענ־גלעכן געשפּרעך אין וועלכן עטלעכע דורכפאָרערס און אָרטיקע תושבים האָבן זיך באַטייליקט. אייניקע האָבן אַרויסגעזאָגט זייער השערה, אַז איצ־טער, ווען דוד איז אַלט, קראַנק און האַלט ביים שטאַרבן, וועלן די שכנישע מלכים זיך אַרויפוואַרפן אויף דעם לאַנד ישראל און רייסן פון אים פאַסן, ווי אין די צייטן פון די שופטים און שאולן. אַנדערע האָבן, אָבער, באַהויפּט אַז פאַר אָנפאַלן פונדרויסן איז ניטאָ וואָס מורא־צו־האָבן, די גרעניצן זיי־נען פאַרפעסטיקט און גוט באַוואַכט. פאַר דער צייט פון דודס קיניגן איז געשאַפן געוואָרן א שטאַרקע אַרמיי מיט דערפאַרענע קריגספירער. אויב איינער וועט וועלן אַריינשטעקן די נאָז, וועט מען זי אים אַראָפּרייסן און אויב אַריינשטעלן א פוס — וועט מען עס אָפּהאַקן. מ׳קען זיך פאַרלאָזן

אויף יואבן. פאַרוואָס מע דאַרף זיך אָבער יאָ שרעקן איז פאַר אַ שפּאַלטונג צווישן יהודה און ישראל, אָדער אַ קריג איבער דער קרוין ירושה, וואָס קען שאַפן צוויי צדדים און אַרויסרופן אַ ברודער־קריג.

ער האָט אַפילו געהערט אין איין פּלאַץ קאָנפליקטירנדיקע באַמערקונגען און מיינונג־אַרויסזאָגונגען וועגן אים גופא. איינציקע האָבן געזאָגט אַז ער וועט זיין אַ קלוגער מושל. אַנדערע — אַז ער איז אַ לעמעשקע, ווייטער אַנדערע — אַז ער איז אַ צעדרייטער: צו קלוג איז ערגער ווי אינגאַנצן אָן שכל. אַ פאָלק דאַרף ניט קיין מלך אַ חכם. וואָס טויג די ביכער־חכמה, ווען אין פּראַקטישן לעבן גילט די נאַרישקייט. אַ קיניג דאַרף זיין פריער פון אַלץ אַ מאַן פון קריג, אַ מעורב בין הבריות, קענען מענטשן, ניט מגילות, מיט וועלכע שלמה טראָגט זיך כסדר אַרום. ער שלינגט מגילות און זעט ניט וואָס עס גייט אָן אַרום אים אין לעבן, וואָס איז ווייט פון די מגילות־מאַרגינס.

אַנדערע האָבן אָפּגעדונגען, איבערגעשפּאַרט די אינגאַנצן־נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פון שלמהן, ווי דעם צוקונפטיקן מלך פון ישראל.

— ער וועט זיין אַ גאָר אויסגעצייכנטער ריכטער. די קלוגע אַנטשיידונגען זיינע האָבן זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד פון דן ביז באר־שבע.

— דאָס איז ניט גענוג, — האָבן אויסגעזעצט אַנדערע, — אַמאָליקע ריכטער זיינען געווען אויך גרויסע קריגער, מלחמה־פירער. אַפילו דבורה, אַ פרוי, איז געווען אי נביאטע, אי קריגערין און אי ריכטערין. זי איז געווען בראווער פון ברקן, דעם זון פון אבינועם. אַ קיניג וואָס קען קיין מלחמות ניט פירן, ניט רייטן פאָרויס און אָנפירן מיט זיינע חילות, איז גאָרניט ווערט, איז אַ ברכה לבטלה. קיינער פון די אַרומיקע מלכים וועט פאַר אים קיין מורא ניט האָבן און, ממילא, אויך ניט קיין דרך־ארץ, קיין רעספּעקט. ווען די מושלים פון די שכנישע לענדער וועלן זיך דערוויסן, אַז מיר האָבן אַרויפגעזעצט אויפן טראָן אַ קיניג, אַ שוואַכלינג, וואָס דער יונגער קיניג שלמה וועט זיכער זיין וועלן זיי מאַכן אַ סוף צו ישראלס אומאָפּהענגיקייט. און צו די אָנפאַלן פון דרויסן וועלן צוקומען צאַנקערייען פונאינעווייניק, און אַלץ, וואָס דוד מיט זיין בראַווקייט און איינשטעלערישקייט האָט אויפגעבויט, וועט זיין שוואַכלינג־יורש צעטרענצלען, פאַרטאַכלעווען. מע וועט צעררייסן ישראל אויף שטיקער.

שלמה אַליין, צוהערנדיק זיך מיט איין אויער צו די ריידערייען, וואָס האָבן זיך געפירט צווישן יידן און לאו דווקא יידן, האָט איינגעשטימט מיט די יעניקע, וואָס האָבן באַהויפּט אַז ער וועט זיין אַ קיניג אַ לא יוצלח.

ער האָט ביי זיך געטראַכט ווען זיי ווייסן וועגן דער טויטלעכער וואונד וואָס ער טראָגט אין הארצן און אין מוח, — וואָלטן זיי זיכער געזאָגט, אז די מלוכה איז ניט פאר אים, דעם אונטערגעשאָסענעם מענטשן־פויגל, דעם מסוכנדיק קראַנקן.

שלמה האָט, ווי אומגערן, זיך צוגעהערט צו די געשפרעכן. קיין איינ־טערעס האָט ער אין זיי ניט געפונען. ער איז געווען אינדיפערענט צו אַלץ און אַלעמען. ער האָט זיך געפילט ווי אָפגעטונקט אין אַ געדיכטן אומדור־זיכטבאַרן נעפּל. ער האָט זיך באַוועגט, זיך אָפּגערוט, געשטילט זיין הונ־גער, זיך געלייגט פרי שלאָפן, אויפגעשטאַנען מיטן שפראַץ אויף טאָג כדי ארויסצורייטן פארפרי — ער האָט עס אַלץ געטאָן ווי פון־יוצא־וועגן, ווי ער וואָלט געווען אַ געצווונגענער.

אים האָט געעגבויערט אין מוח איין פראַגע: וואו געפינט מען נעמהן, זיין שולמית. און זיינע געבליטן האָט אים פארסמט די בענקעניש.

ער האָט זיך נישטערדיש צוגעקוקט צו די פרויען־געשטאַלטן, וואָס ער האָט באַגעגנט אויפן וועג, אַנגעטראָפן אין די פאַרפאַר־הייזער. ער האָט געקלערט: אפשר וועט אים אַ שיין טאָן זיין מזל, און ער וועט זי באַגעגענען צופעליק. און אויב אירע געפילן און אירע געדאַנקען האָבן זיך איבערגע־קערט און זיך אָפּגעקערט פון אים, אויב דאָס איז אזוי און פאַרפאַלן, איז זי דאָך אים פאַרט שולדיק, אַם־ווייניקסטן, אַ דערקלערונג, געבן אירע מאָטיוון פארוואָס זי האָט אים פאַרלאָזן, אַנטלאָפן פון אים אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען. אַזויפיל האָט ער דאָך דאָס רעכט צו פאָדערן פון איר, הן על פי דין און הן על פי יושר.

פאַר גנבענען קומט אַ שטראָף, באַצאָלן כפל; פאַר פאַרוונדן אַ מענטשן — אַ שווערער אָפּצאָל, פאַר טויטן אַ מענטשן — קומט טויט. דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן וועגן קערפּערלעכער גאַנצקייט און באַריר־באַרקייט, מאַטעריעלן פאַרלוסט. אָבער ווי איז דער דין, ווען איינער פאַר־וווּנדעט דעם צווייטן גייסטיק, מאַכט אים פאַר אַ בעל־מום, אין זיין שכל, גנבעט ביי אים ארויס דאָס הארץ, טויט זיינע געפילן, דערשלאָגט זיין מוט, — קומט אים גאָר קיין שטראָף ניט, איז די וועלט הפקר?! ווען ער ווערט קיניג, הויפּט־ריכטער און געזעצגעבער אין ישראל — וועט ער דערפילן אָט־דעם בלויז אין קאָדעקס. זיכער טאָר מען די מענטשלעכע זעל ניט איי־בערלאָזן אָן קיין השגחה, אָן קיין פאַרזיכערונג קעגן מערדער און מערדע־רינס, קעגן רוצחי־נפש.

אָבער וואָס קען ער טאָן אונטער די אומשטענדן?! עס איז ניט פאַראַן

קיין געריכט און קיין ריכטער צו משפּטן אַזעלכע פאַרברעכערישע פאַלן. נעמה האָט אים ניט דערקיילעט גײַסטיק, זי האָט אים איבערגעשניטן ס׳רוב סימנים, און ער צאַפּלט זיך. אָבער באַלד־באַלד וועט דער פאַרלאַנג צו לעבן, שטערבן אינגאַנצן אויסרינען פון זײַן זעל דורך די אָפענע ווונדן וואָס ער האָט, ווי בלוט רינט דורך אַ טיפן שניט, ווי וואַסער רינט אויס פון אַ געלעכערטער כּלי.

ווען ער ווערט קיניג! — אַז ער וויל עס גאָרניט ווערן. צו וואָס זיך אָפּגעבן מיט די הויף־אינטריגעס, אומאָנגענעמע מלוכה־עסקים, וואָס קריכן אים ניט אין קאָפּ, ליגן אים ניט אין דער לינקער פּאה. ער איז אַפּאַטיש צו אַלץ און עלעמען. קיין זאַך אויסער דעם אָנדענק פון נעמהן און די זעקס מאָנאַטן וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען אין חרן, רירט אים ניט אָן, רייצט אים ניט, רעגט אים ניט. ער האָט מער ניט קיינע אַמביציעס וועגן מלוכהשע באַשטרעבונגען, מאַכט־יצר־הרע, איז שוין גאָר אָפּגערעדט.

שלמה איז צוואַנציק יאָר אַלט, ניט מער, ווען געקוקט אויף עלטער כראָנאָלאָגיש. אָבער וואָס איז אַ יאָר? אַ געפּעס אין וועלכן מע גיסט אַרײַן איבערלעבונגען. אויב אַזוי איז די פראַגע, וואָס און וויפל האָט מען אַהין אַרײַנגעגאָסן, וועלכע משקה, וואָסער אָדער ווײַן, האָניק אָדער גאַל, סם־המוות, ווערמוט? יאָרן איז ניט גענוג צו ציילן, מע דאַרף זיי אָפּוועגן.

שלמה, ווי איר קוקט אים אָן האָט נאָך ניט קיין איין גרויען האָר אין קאָפּ, אָבער זײַן האַרץ איז שוין שיוה, שוין גאָר אַלט. און לויטן האַרצן איז ער אַ זקן מופלג. ער איז אָן איבערגעבערענט קנייטל, עס איז בלויז אַש, ווי נאָר מע וועט זיך געבן אַ ריר־צו צו אים, אַזוי וועט ער צעפאַלן ווערן. כאָטש אויסערלעך ציִיגט ער ניט אַרויס קיינע צייכנס פון דעגענעראַציע. ער זעט אויס שיין, קרעפטיק און זאַפטיק. בלויז זײַנע באַוועגונגען זײַנען צו פאַ־מעלעכע, כמעט פלעגמאַטיש, אָבער זיי קען מען אויך אָנרופן באַזאַכטע, פאַרזיכטיקע, ווי פון איינעם וואָס ווייס זײַן גרויסע חשיבות, און דעריבער איז ער אָפּגעהיט מיט יעדן טראָט.

שלמה איז געקומען צוריק קיין ירושלים, איבער דער שטאָט איז גע־האַנגען, ווי אים האָט געשיינט, אַן אומעט. עס האָט זיך געפילט, אין דער לופט, אַן אומזיכערקייט.

ער איז צוגעקומען פאַרן הויז, וואָס איז געווען, פאַר דער צייט פון דודס קראַנקייט, אָפּגעשלאָסן. מע האָט קיינעם ניט דורכגעלאָזן ריי־טנדיק אָדער פאַרנדיק. בלויז פּוסגייער, אויב זיי האָבן ניט געמאַכט קיין גערויש, ניט גערעדט אויפן קול, האָט מען דערלויבט פאַרבייגיין. דער קיניג איז קראַנק,

און די רופאים האָבן פאַראָרדנט רו. מע זאָל אין זיין אָנוועזנהייט, אָדער אַרום אים, ניט ריידן הויך, ניט קלאַפּן, ניט מאַכן קיין טומל.

שלמה איז אַרייַן צו זיין מוטער בת־שבע.

ער האָט זי געפונען אין טרערן.

— מייַן זון, דער קעניג דוד איז פאַרביי, זיינע טעג זיינען געציילטע. ער גייט אויס ווי אַ ליכט. אַזוי איז דער סדר פון דער וועלט, אַ דור גייט אַוועק, אַ דור קומט. דו, מיין ליבער זון, דאַרפסט פאַרנעמען דיין פאָטערס פּלאַץ. אין דעם קיניגרייך טאָר קיין הפסק ניט פאָרקומען. עס דולדעט ניט קיין איבעררייס. די רפואה איז צוגעגרייט פאַר דער מכה, און דער ממלא־מקום, דער שטעלפאַרטרעטער, איז פאַרבאַרייט איידער דער מקום איז אָפּ־געליידיקט, איידער די שטעלע איז וואַקאַנט.

מיין זון, דיין גאַנצע דערציאונג איז געווען געצילט אין אָט־דעם פּונקט. דוד און איך האָבן דיך געהאָט, מיט אַן אויסגעשפּראָכענער כוונה, פאַר דעמדאָזיקן צוועק, בפירוש ווי אַ יורש, ווען די צייט וועט קומען. אַצונד דערנענטערט זיך די שעה פון דערפילונג פון מיין און דודס האָפענונג, וואָס מיר האָבן געלייגט אויף דיר. איך ווייס אַליין, און נתן הנביא האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט צוגעגרייט צו דער דערפילונג פון דיין הייליקער און שווערער אויפגאַבע, אַזוי גוט אַז ער קען זיך גאָר קיין בעסערע הכשרה ניט פאָרשטעלן. זינט דער קיניג דוד איז פאַרשלאָפט געוואָרן געפינט זיך נתן הנביא אין פּאַלאַץ, ער טאָגט און נאַכט דאָ. ער געפינט זיך אין איינעם פון די צימערן לעבן קיניג דודס שלאָפצימער.

שלמה רעדט שטיל, כמעט פליסטערט מיט גרויס ערנסט, אומעט און אַנטשלאָסנקייט:

— ליבע מוטער, איך טויג ניט פאַר מלוכה־פירעריי, מאַלע וואָס מיין רבי זאָגט, ער שאַצט איבער מיינע פעאיקייטן. זאָל ווער עס איז פון מיינע האַלבע ברידער ווערן קיניג. זאָל אדוניהו, דער זון פון חגית ווערן קיניג. ביים אַריינקומען אין שטאָט האָב איך אים געזען אַן אויסגעשטראַלצעטן, באַגלייט פון אַ גאַנצער סוויטע פון רייטער און רייטוואָגנפירער. איך פאַרשטיי אַז אים גייט אין לעבן צו ווערן קיניג. ער מיינט עס איז אַ טייערער ביסן, וויבאַלד ער האָט אַ שאַרפן אַפּעטיט צו מלכות, און איך האָב גאָר קיין אַפּע־טיט ניט דערצו, איז ער בילכער, איז זאָל ער עסן אָט־דעם „מאכל מלכים״, און זאָל עס אים ווויל באַקומען. ער וועט זיך צוכאַפּן צו אָט־דער פּאַ־טראָוע און אויף זיין צערייצטן גומען וועט זי האָבן כל הטעמים. בעת איך וויל עס אפילו ניט פאַרזוכן. איך ווייס איינפאַרויס, עס איז ביטער ווי גאַל.

מלכות, ליבע מוטער, איז א שווערע לאַסט, צו שווער פאַר מיינע שוואכע אַקסלען.

ליבע מוטער, איך האָב ניט די אַמביציע צו ווערן קיניג איבער דעם פאָלק ישראל. איך וויס, איך וועל זיין, אין דעמדאָזיקן דערהויבענעם אַמט, א פולשטענדיקער דורכפאַל. איך וויל בלייבן דער, ווער איך בין. א לייענער און שרייבער פון מגילות. מלוכה־עסקים, פּאַראַדן, צערעמאָניעס, אימפּאָזאַנטע אויפנאַמעס פאַר פאָרשטייער פון פרעמדע קיניגרייכן, דאָס אַרומרינגלען זיך מיט הויפליט, מיט אינטריגאַנטן, מיט שקרנים, מיט רכילות־טרייבער, מיט חניפהניקעס, מיט אַמביציע־קאַריעריסטן, מיט הויט־שינדער פון פאָלק, — עס איז ניט קיין געשעפט פאַר מיר. עס איז קעגן מיין געשמאַק.

ליבע מוטער, מיין רבי נתן האָט מיך צוגעגרייט צו דעם באַרוף, אויב חכמה קען מען באַצייכענען ווי אַ באַרוף, פון א חכם, אָבער ניט צו דער אויסערלעך העכסט בכבודיקן אָבער אינערלעך העכסט בזיונידיקן, חרפה און בושהדיקן אַמט פון א קיניג.

וואָס איז אַ קיניג? שמואל הנביא האָט געהאַלטן שיער ניט אַ גאַנצע דרשה וועגן קיניגעריי, אָבער ער האָט געפּאַסט די זאַך איינזייטיק און אויסזייטיק, ווי א חוצניק, ווי איינער פון פאָלק, וואָס זעט דאָס קיניגן פון־דערזייט און באַמערקט בלויז די אויסערלעכע, מאַטעריעלע,ווירטשאַפט־לעכע באַציאונגען פון קיניג, פון רעגירער, צום רעגירטן פאָלק. וואָס האָט ער געזאָגט אין זיין באַרימטער ווענדונג צו די פאַרזאַמלטע, וואָס זיינען געקומען צו אים בעטן צו זאַלבן א קיניג? „דאָס וועט זיין דער שטייגער־אויפפיר פון דעם מלך, וואָס וועט קיניגן איבער אייך: אייערע זין וועט ער צונעמען און וועט זיי פאַרטאָן ביי זיך ביי זיין רייטוואָגן, און ביי זיינע פערד, און זיי וועלן לויפן פאַר זיין רייטוואָגן. און ער וועט זיי זיך מאַכן פאַר הויפּטלייט פון טויזנט און הויפּטלייט פון פופציק, און אויף צו אַקערן זיין אַקערפעלד און צו שניידן זיין שניט און צו מאַכן זיינע קריגסגעווערק־צייג און די שפּאַנצייג פון זיינע רייטוועגענער. און אייערע טעכטער וועט ער צונעמען פאַר בשמים־מאַכערינס און פאַר קעכינס און פאַר בעקערינס און א י ע ר ע בעסטע פעלדער און ווייגגערטנער און איילבערטגערט־נער וועט ע ר צונעמען און אָוועקשענקען צ ו ז י י נ ע קנעכט. און פון אייערע זאָמען און אייערע ווייגגערטנער וועט ער נעמען מעשר, און אָוועקשענקען צו זיינע הויפּטדינער און צו זיינע קנעכט. און אייערע קנעכט און אייערע דינסטן און אייערע בעסטע בחורים און אייערע איי־

זלען וועט ער צונעמען, און פאַרטאָן פאַר זיין ארבעט. פון אייערע שאָף וועט ער נעמען מעשר, און איר וועט זיין קנעכט ביי אים". דאָס איז אַלץ גע־קוקט אויף דער זאַך אויבערפלעכלעך און פון איין זייט. דער קיניג האלט אין איין נעמען און גאַרניט געבן צוריק.

וואָס טוט, אָבער, באמת דער קיניג? וואָס פּאַסירט מיט אים, מיט דעם רעגירער? ער ווערט דער קנעכט פון אַלע זיינע קנעכט. זיי האָבן איבער זיך איין געוועלטיקער, ער האָט איבער זיך טויזנטער געוועלטיקער. ער איז דער אונטערטאַן פון יעדן אונטערטאַן פון דעם גאַנצן קיניגרייך. ווער עס האָט אַ צונג בארעדט אים, יעדער וואָס האָט א האַנט איז גרייט זי אויפצוהויבן און מיט איר אים נידערשלאָגן. ער איז, בפועל־ממש, ניט זיכער מיט זיין לעבן. ער דאַרף זיך בסדר „ראַטעווען". ער קען קיינעם ניט טרויען. ער איז אַרומגערינגלט מיט שונאים. ער דאַרף זיך בסדר היטן פון זיינע היטער. יע־דער איינער, וואָס געפינט זיך נאָענט צו אים, אין זיין סביבה און סוויטע, וויל צונעמען ביי אים די קרוין, און אים קירצער מאַכן מיט אַ קאָפּ. טראָגט זיך ארום מיט מערדערישע געדאנקען, ווען אפילו ער ברענגט זיי ניט אַרויס קלאָר טייטלעך און פארוואַנדלט זיי ניט אין מעשים, צוליב זיין פּחדנות אָדער אנדערע צוריקהאַלטנדיקע טעמים.

האָט ער דען אן אייגענעם פּריוואַטן לעבן? יעדע שעה איז אָפּגעגעבן צום דינסט פון פאָלק. קיין זאַך טוט ער ניט ווי אַ מענטש פאַר זיך. אפילו דער לוקסוס מיט וועלכן ער רינגלט זיך ארום, איז ניט פאַר אים. פאַר זיין אייגענעם גענוס, נאָר געמיינט פאר די אויגן פון פאָלק, די צוקוקער, איז אויסגערעכנט כדי צו מאַכן אויף זיי א רושם מיט דער רייכער אויסשטאַ־טונג פון הויף. אלץ ווערט געטאָן כדי צו געפעלן דעם המון־עם, וואָס וויל דווקא האָבן אן אויסגעצירטן, אויסגעפּיאַלקעוועטן קיניג. אַלץ ווערט גע־טאָן כדי נושא־חן זיין ביי זיינע קנעכט, כדי געפעלן צו ווערן. ער, דער קי־ניג, געפינט זיך די גאַנצע פּיראַונצוואַנציק שעה פון מעת־לעת אונטער א גלאָז, אין א גלעזערנעם הויז. אלע באַאבאַכטן אים, אלע הנפּענען אים אין די אויגן און לאַכן זיך אויס פון אים הינטער די אויגן. ער הערט קיינמאָל ניט וועגן קיין זאַך, וואָס איז אים באַמת נוגע, דעם ריינעם אמת. ער זעט ניט וואָס טוט זיך ארום אים. אין זיין הויז און אין לאַנד. ער איז ארום־געמויערט מיט אַן אומדורכבברעכבארער וואַנט פון פיינט, וואָס שפּילן די ראָלע פון פריינט. ער איז אפילו ניט זיכער מיט זיינע אייגענע לייבלע־כע זין. אפילו זיי, ס'פּאַסירט, ווערן אויפשטענדלער. און אויב זיי ווערן עס ניט פּאָליטיש, ווירקעלך, זיינען זיי עס אין זייערע הערצער, אין זייערע

געדאַנקען. און קיניג דוד האָט טאַקע געהאַט גענוג אויסצושטיין פון זיינע בנים. און וואָס איז דער הויף, אויב ניט א נעסט פון די גרויזאמסטע רויב־פייגל און א נאָרע פון די בלוטדאָרשטיקסטע פארצוק־חיות. די הויפלייט ראבעווען דאָס פאָלק, — דאָס פאָלק האלט דעם קיניג פאראנטוואָרטלעך, ווען פאַקטיש ווייס ער גאָר קיינמאָל ניט וואָס עס קומט באמת פאָר אין לאנד, אָדער ווי דאָס פאָלק ווערט באהאנדלט פון זיינע משרתים און ואשר־משרתים. די ידיעות, וואָס מע שטעלט אים צו, זיינען תמיד צוגעפּאַרבט, אויב ניט גאָראיינגאנצן שקר וכזב. א קיניג עסט ניט, שלאָפט ניט, רוט ניט, לעבט ניט, — ער קיניגט.

אפילו אין אָט־דעם מאָמענט, ווען מיין קראַנקער פאָטער ליגט אויפן טויטנבעט, טאָר איך, זיין זון, ניט פילן ווי א זון פילט צו א גוססדיקן פאָטער. ניין! איך קען זיך אזא מענטשלעכע זאך ניט פארגינען. איך מוז אלע געפילן אונטערדריקן, דערשטיקן אין זיך. איך דאַרף זיין אויס מענטש, אויס זון, — איך דאַרף האָבן אין זינען דעם אמט וואָס אָט ווערט ער וואַקאַנט און איך דאַרף אים פארנעמען. איך בין מחויב אויסבויגן מיין האַלדז און נאַקן פארן עול, וואָס איך דאַרף ארויפלאָדן. איך געהער ניט צו זיך איך בין אן עקסעסואר פון קיניגרייך...

ליבע מוטער! דערבאַרים זיך איבער מיר און באַפריי מיך פון דער משא, וואָס וועט מיך דערשטיקן און דערדריקן. זאָל עס נעמען דער וואָס מיינט אז עס איז א פארגעניגן צו טראָגן עס. זאָל עס נעמען דער, וואָס מיינט אז אין דעם פאלשן רום און לויב־רייד, מיט וועלכע די הויפלייט וועלן אים פארטויבן, איז פאַראַן אויפריכטיקייט, קערנער פון ערנסטקייט. זאָל עס נעמען דער, וואָס זעט ניט אז אונטער די שמייכלדיקע מאסקעס זיינען פאַראַן פנימער צעקרימטע מיט קנאה און שנאה צו אים; זאָל עס נעמען דער, וואָס הערט ניט דעם טאַדל און שמוץ, וואָס שרייט ארויס פון אונטער דעם ווענער פון תהלות ותשבחות, וואָס זינגען צו אים די פאלשע נפשות אין זיסינקע טענער.

ווי נאָר איך ווער קיניג אַזוי ווער איך גלייך אויסגעשלאָסן פון דער וויפל־ביט־איז נאָרמאלער מענטשלעכער סביבה, איך ווער ווי א פארטריבענער, א מוחרם ומנודה, א פארשטויסענער פון גאנצן כלל ישראל, פון גאנצן קהל. קיין מאַן, ווי א מאַן, קיין פרוי, ווי א פרוי וועט מער ניט שטיין אין מיינע ד׳ אמות. זיי וועלן ווייכן פון מ י ר, א נ ט ל ו י פ ן פון מיר, דעם מענטשן, און לויפן צו מיר, דעם קיניג, ביי וועמען מע קען זיך פאָזשיווען, ביי וועמענס טיש מע קען אָפּלעקן א הויפן פעטע ביינער...

ווי נאָר איך ווער קיניג, פאַרליר איך אַלעמען. אַפילו דו, מיין מו־טער ווערסט זיך נעמען באַציִען צו מיר, ניט ווי צו דיין זון, נאָר ווי צו דעם קיניג פון יהודה און ישראל.

ליבע מוטער, איך דאַרף ניט און וויל ניט האָבן אָט־די אָנשיקעניש וואָס הייסט מלכות. איך וויל ניט אַז מענטשן זאָלן מיר מקנא־זיין. ווען זיי האָבן פאַרשטאַנד און שאַצן אָפּ מיין לאַגע ריכטיק, וואָלטן זיי געדאַרפט מיך באַדויערן, שאָקלען מיט די קעפּ איבער מיר מיט רחמנות, מיט מיטלייד.

בת שבע האָט ניט דערוואַרט קיין קעגנערשאַפט צו איר האַרציק־אויס־געוואַרימטן פּלאַן פון אָט דער זייט. זי איז איבערראַשט און שיער ניט צעבראָכן. זי שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כוחות פון איר אַרגומענטאַציע אים צו ברענגען צו דעם ריכטיקן אויפפאַס פון דער סיטואַציע, אין וועלכער זי געפינט זיך און ער געפינט זיך. זי רעדט מיט אַ שטים וואָס איז דורכ־געווייקט מיט טרערן און אין וועלכער עס פילט זיך פאַרשטשעמעטער פאַר־דרוס און ווייטאָק.

— מיין זון, איך האָב דיך געלאָזן אַזוי לאַנג ריידן און ניט איבער־געהאַקט דיך מיט קיין איין וואָרט, כדי דו זאָלסט זיך אַראָפּריידן פון קראַנקן האַרצן און ווערן מסוגל צוצוהערן זיך צום געזונטן פאַרשטאַנד. מיר זיינען דאָ אויף דערדאָזיקער ערד ניט פאַר אונדזער פאַרגעניגן ווערן, כדי צו גע־ניסן, נאַשן פון לעבן, ווי דער איינפאַכער מענטש מיינט, ער שטעלט זיך פאָר אַז דאָ קומט פאַר אַ סעודה און ער איז איינגעלאַדן אַהער ווי אַ גאַסט. מיר זיינען דאָ כדי צו דערפילן אונדזער פליכט, כדי צו געהאָרכן דעם באַפעל וואָס קומט פון דעם העכערן ווילן. מיר זיינען אַרום און אַרום בעלי־חובות. קיין זאַך איז ניט אונדזער אייגנס, ניט אונדזער גוף מיט זיינע רמ״ח איברים און שס״ה גידים, ניט אונדזער לייב און לעבן. קיין איין טראָפּן בלוט אין אונדזער גאַנצן קערפּער איז ניט אונדזערס. עס איז פאַ־ראַן אַ ווילן וועלכן מיר קענען ניט פאַרשטיין, אָבער פאַר וועלכן מיר מוזן זיך בויגן. האָב איך געוואָלט געבוירן ווערן? וויל איך שטאַרבן? האָב איך געוואָלט ווערן אַ ווייב פון אַ מאַן, דערנאָך אַ מוטער, לידן געבורטווייען, זויגן, ביאַנטשען, אַ קינד? איך האָב געמוזט עס טאָן. אַ העכערער ווילן האָט באַפוילן און איך, אין מיין אייטלקייט, אין מיין איינגערעדטער אומאָפּהענ־גיקייט און פריקהייט האָב זיך איינגעשמועסט אַז איך טו עס, ווייל איך וויל עס, בעת באמת איז אַלץ דיקטירט געוואָרן פון אויבן פון אַ ווילן וואָס מיר ווייסן ניט זיין מהות, ווייסן ניט די תכליתים וועלכע ער פאַרפאָלגט און זעצט אַדורך דורך אונדזער פאַרמיטלונג. מיר זיינען ליים אין די הענט

פון דעם מייסטער־טעפּער אָדער, דאָס העכסטע, זיינע געווערקצייג.

מיין זון, דו זאָגסט אַז אין דיין קאַפּאַציטעט פון א קיניג וועסטו א קנעכט פון א גאנצן פאָלק, און דאָס נידעריקסטע פון די נידעריקסטע קינ־דער פון פאָלק וועט דיין האַר, זאָגט איבער דיר א דעה. יאָ, מיין זון, פּינקט־טלעך אזוי איז עס. מיר זיינען קנעכט אויף אַט־דער וועלט. קנעכט פון אַלץ וואָס געפינט זיך ארום אונדז. מיר פלאנצן ביימער און אַנדערע געוויקסן, — ווערן מיר ניט זייערע קנעכט און זייערע משרתים?! זיינען מיר ניט קיין האַלצהעקער און וואסער־טרעגער ביי זיי, פאר זיי? מיר דינען און בוקן זיך צו אלע קעגנשטאַנדן. מיר זיינען זייערע קעכט און קנעכט פון אונדזער אייגענער קנעכטשאפט, קנעכט פון אונדזערע ליידנשאפטן, געלוסטעניש, באַגערעניש, וואָס זיינען, טיפער ארייגעבליקט אין דער זאַך, אפילו ניט אונדזערע. מיין זון, זיי וויסן, מיר אלע זיינען קנעכט. איז ניט בעסער צו זיין א קנעכט ביי א פאָלק, ביי מענטשן בר־דעתן וואָס האָבן כאָטש אביסל פארשטאַנד, אביסל איינזעעניש, איידער זיין א קנעכט און דינסט פון די נידעריקסטע, גולמדיקסטע קעגנשטאנדן, ביי זאכן וואָס זיינען אפילו ניט קיין באלעבטע. מיר דינען צו שטיין און ביין, צו האָלץ און אייזן. זעסטו ניט ווי מענטשן פראַצעווען, ווערן ארויסגעריסן, גיי אַרויס אין פעלד, אין גאָרטן, גיי אריין צו א בעל־מלאכה אין א ווארשטאַט, גיי אריין צו א באַ־לעבאָסטע אין שטוב, און אויב דו האָסט אויגן צו זען, וועסטו זען אומעטום קנעכט און קנעכט... אָט איז א ברודיק קליידל... וואשט דאָס קליידל מיך, אָדער איך וואש דאָס קליידל, איך באָד עס, איך רייביק עס און אפילו ווען איך טו עס אָן — איז ווער טראָגט וועמען? איך טראָג ארום דאָס קליידל אויף זיך, אויף מיין לייב, ניט דאָס קליידל טראָגט מיך. ווען דו וועסט קיניג, וועסטו באפרייט פון א סך הארן, וואָס שטייען גאָר נידעריק אויף די שטאַפּלען פון דאַזיין, און וועסט צוגלייך א באדינער פון מענטשן. אָבער דו קריגסט דיין קאָמפּענסאציע פארפול אין דעם וואָס דו ביסט באפרייט געוואָרן פון גאָר פילע אדונים קשים, וואָס זיינען פיל ערגער, נידעריקער, אכזריותדיקער, פארגרעבטער פון דעם סאמע פשוטסטן מענטשן.

מיין זון, דאָס אַלץ, איז חקירה, און איך גלויב נישט, אז אין פּראַקטישן לעבן דאַרף מען געברויכן אזעלכע פשטלדיקע קליגלונגען, אזעלכע איבער־געשפּיצטע ארגומענטן. שיין, טיף, קלוג דענקען איז קונסט לשם קונסט. איז א שפּיל פון שכל, א צוועק פאר זיך אליין. אין טאָגטעגלעכן לעבן דאַרף מען האנדלען פארלאָזנדיק זיך אויפן פרימיטיווסטן שכל־הישר, אויף די געזונטע מענטשלעכע חושים און געפילן.

מיין זון, איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן האָב איך דיין געבורט געפּלאַנעוועט, געמאַכט די פּאַסיקע הכנות דערצו, און מיין ניט, אז מיר איז עס אָנגעקומען לייכט. אפילו צו מיין פאַרשוואַנגערשאַפט מיט דיר האָב איך זיך צוגעגרייט, דורכגעגאַנגען אַ פּעריאָד פון הכשרה. ווארטנדיק אויף דיר, מיין אָנגעלייגטן גאַסט, האָב איך אויסגעריייניקט מיין שטיבל־גוף, ציכטיק געמאַכט, גוט צוגעקליבן מיין ענגע דירה פון דער נשמה און אויך די נשמה גופא האָב איך אויסגעכשרט. איך האָב אויסגעקערט אַלץ וואָס איז געווען אין מיר האלב אומריין, ספק־טמא. איך האָב אויסגעברענט דעם שלאַק פון מיינע געפילן, איך האָב אויסגעוואַשן אויסגעשוועבקט מיין געהירן פון אַלע מחשבות זרות. איך האָב געוואָלט אַז מיין האַרץ, אונטער וועלכן איך וועל דיך טראָגן זאָל שלאָגן מיט דעם אומשולד פון אַ קינד אין שפּיל. איך האָב אָפּגעבאַרשט מיין זכרון, ארויסגעקאַמט פון געדעכעניש יעדן אָנדענק פון אַ צרה, פון אַ פּלאָג, אויף דעם פּאַרקעט, אויף מיין דיל פון אינסטינקט האָב איך ניט איבערגעלאָזן קיין שטויבעלע, קיין שפּריצ־קעלע פון בעל־חיימשער גראָבער תאווה. איך האָב אויף אים אויסגעשפּרייט אַ טעפּיך, אַן אויסגעהאָפטענעם מיט הייליקע געזאַנגען און זויבערע פאַר־לאַנגען. אה יאָ, מיין זון, איך האָב צוגעגרייט ווי געהעריק מיין הויז פאַר דעם אָנקום פון מיין דערוואַרטן גאַסט... מיין זון, דאָס אַלץ איז פליכט. און דו דאַרפסט טאָן דיין פליכט, ווי איך האָב געטאָן מיין פליכט אין צו־גרייטן דיך צו דיין הייליקער אחריותפולער שליחות. דו קענסט זיך פון איר אַזוי לייכט ניט אָפּוואַרפן.

מיין זון, איך זע ניט קיינעם וואָס זאָל דיך קענען פאַרבייטן. דו האָסט דערמאָנט אדוניהון, דעם זון פון חגית. ער וואָלט דאָך זיין אַן אומגליק פאַרן לאַנד און פאַרן פאָלק ישראל. ער וואָלט דאָך צעשטערט דעם גאַנצן מדינה־בנין, וואָס דיין פאָטער קיניג דוד האָט מיט אַזויפיל מי, מסירת־נפש אויפגעבויט. אדוניהו מיינט אַז דער מענטש איז דער מלבוש וואָס ער טראָגט. ער מיינט אַ קיניג איז דער וואָס טראָגט אַ קרוין אויף דעם פּלאַץ וואו אַ קאָפּ דאַרף זיך געפינען. ער נעמט דעם ענין מלוכה ווי עס וואָלט זיין אַ שטיקל צירונג, פוץ און שמוק. ער איז אַ פּוסטע כלי, אַ פּוסטער פּראַנט. ער פירט זיך אַרום מיט אַ כאַליאַסטרע רייטער, אין אַלץ טוט ער נאָך אבשלומען, וואָס איז אומגעקומען אין דעם אויפשטאַנד, וואָס ער האָט פאַרפירט קעגן זיין אייגענעם פאָטער. אדוניהו פאַרגעסט, אַז באַלד וועט ער מער קיין פאָטער ניט האָבן, און, ממילא, ניט האָבן קעגן וועמען זיך צו שפּילן אין אַ צופעליסנדיקער נאָכגעמאַכטער מרידה. ער איז ביידע זאַכן

ניט, ניט קיין קריגער און ניט קיין חכם, ניט צו גאָט און ניט צו לייט. ער איז א שפּיל־יינגל, ער טויג זיך אויס פאַר איין זאַך: זיך שפּילן אין ליבעס, כאָטש ער איז שוין ווייט פון צו זיין יונג. ער שעמט זיך ניט צו פירן א נאַרישע דורכזיכטיקע אינטריגע־ליבע מיט אבישג פון שונם, און ער מיינט אז אונטער איר קלייד וועט ער געפינען ישראלס קיניגרייך.

מיין זון, געדענק דיין פליכט צו מיר, דיין פליכט צו דיינע פאָטערס, לייבלעכן און גייסטיקן, קיניג דוד און נתן, און דיין פליכט צו דיין פאָלק ישראל, וואָס טאָר ניט בלייבן ווי שאָף אָן א פּאַסטעך. דו האָסט אָן איינ־דרייענגעפלאָכטענע פליכט, און דו מוזט עס דערפילן.

— ליבע מוטער, איך טויג ניט פאַר קיין פּאַסטעך, ניט פאַר שאָף און רינדער און ניט פאַר מענטשנקינדער.

— מיין זון, דווקא דאָס וואָס דו ווילסט ניט נעמען אויף זיך די שליחות, צייגט אז דו ביסט ראוי צו דיין שליחות, אז דו ביסט דער פּאַסיקסטער מענטש דערפאַר. דער מאַן וואָס וויל ווערן קיניג כדי זיך צו נחתן אין הערשן, דער טויג אויפן פייער. דווקא דער וואָס וויל ניט, וואָס נעמט דאָס קיניגן ווי א יאָך, דער וואָס פילט א ביטערן טעם אין הערשאַפט און נעמט עס ווי איינער נעמט איין א ביטערע רפואה, דווקא דער איז דער יהוה־געזאלבטער.

מיין זון, מער קיין וואָרט ניט וועגן דעם. אָבער זאָלסט וויסן זיין אז אויב אדוניהו ווערט קיניג, וועל איך, ער ווי סנדיק פון לאַנג מיינע אבזיכטן, און דו און נתן הנביא אומקומען פון שווערד... מע וועט אונדז אָפּראַמען פון וועג. אזוי אז אונדזערע דריי לעבנס שטייען אין קאָן.

ביי די ווערטער קומט נתן הנביא אריין מיט א שנעלן טראָט, זיין פּנים פאַרצויגן ווי א כמאַרע.

שלמה בויגט זיך פאַר אים טיף, כמעט אַז ער בוקט זיך.

— שלום, רבי!

נתן קומט צו, לייגט אים אַרויף די הענט אויפן קאָפּ און בענטשט אים.

— זאָל יהוה דיך בענטשן און דיך היטן.

זאָל יהוה דערלייכטן זיין פּנים צו דיר און דיך לייטזעליקן.

זאָל יהוה אויפהויבן זיין געזיכט צו דיר און דיר באַשערן פרידן.

# 4

## שלמה ווערט קיניג

נתן ווענדט זיך צו בת־שבען:

— געערטע פרוי, בת־שבע, דו האָסט דאָך מסתמא שוין געהערט, אַז אדוניהו, דער זון פון חגית, איז שוין געזאַלבט געוואָרן פאַר אַ קיניג, און אונדזער האַר, דוד, ווייס גאָרניט וועגן דעם. זיי האָבן עס אָפּגעטאָן אינגעהיים און אײַנגעאײַלט. זייער כוונה איז צו פאַרלויפן אונדז דעם וועג.

— אַזוי גאָר?! — בת־שבע איז אַן אויפגעציטערטע, — ווער האָט אים געזאַלבט? די חוצפה צו טאָן עס אָן קיניגס וויסן און אָן זײַן ברכה!

— ווער האָט עס געטאָן? ווער וואָלט וואַגן טאָן אַזאַ זאַך אויב ניט יואב, דער זון פון צרויה, דער פעלדמאַרשאַל; ער האָט אין דער דאָזיקער אוואַנטוריסטישער פאַרשווערונג אַרײַנגעצויגן דעם כהן אביתר, אַן איש תמים אָבער, דערצו, אַ נאַר, וועמען יואב האָט צוגעזאָגט די הויפּט־כהונה פון קיניגרײַך, און אַלע קינדער פון דודן. זיי האָבן אויך פאַרופן אַלע פּראָמינענטע לײַט פון שטאָט וואָס זײַנען ניט באַהאַוונט אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון דער רעגירונג. אדוניהו און יואב האָבן זיי, פּראָסט און פשוט, אָפּגענאַרט פאַרזיכערנדיק אַז אַלץ ווערט געטאָן מיט קיניג־דודס צושטים. זיי זײַנען אַלע אַצונד בײַ דעם קאָראָנאַציע־מאָלצײַט. זיי באַנקעטעווען אויף אַ גאָר גרויסן פאַרנעם.

בת־שבע:

— איך האָב גאָרניט געהערט וועגן דעם, כאָטש איך האָב געוואוסט אַז אדוניהו שניידט זיך אויף אַ קיניג. איך האָב עס אָבער ניט גענומען ערנסט, ווייסנדיק אַז ער האָט האַלט צו מאַכן אַן אָנשטעל און שפּילן פרעמדע ראָליעס. אָבער ווי דו נתן הנביא, גיסט איבער, ווערט די זאַך גאַנץ ערנסט און טאַקע געפערלעך. מע מוז גלײַך עפּעס טאָן איידער עס ווערט צו שפּעט און זיי ציִען אַרײַן אין דער נידערטרעכטיקער פאַרשווערונג וויכטיקע פּערזאָנען.

נתן:

— געערטע פרוי, בת־שבע, גיי שוין אַריין צום קיניג דוד און זאָג צו אים: אדוני מלך, דו האָסט דאָך פאַרזיכערט מיט אַ שבועה: שלמה מיין זון וועט קעניגן נאָך מיר און ער וועט זיצן אויף מיין שטול, איז וואָס איז דער מער וואָס אדוניהו איז געוואָרן קיניג?! אויף דיינע רייד וועל איך אריינקומען אין צימער און וועל באַשטעטיקן אַלץ וואָס דו האָסט געזאָגט און זען באַווירקן אים, אַז מע זאָל גלייך זאַלבן שלמהן פאַר אַ קיניג.

בת־שבע האָט זיך גלייך צוריקגעצויגן אין איר פרויען־צימער, האָט זיך אויסגעצירט אין אירע שענסטע קליידער און האָט זיך אויסגעפאַרפיומירט און אָן זאַמען זיך אַוועק זען קיניג דוד.

דוד איז געלעגן אויפן בעט, האלב אין אַ דרימל. די יונגפרוי, אַבישג פון שונם האָט אים באַדינט. זי האָט קיינעם צו אים ניט צוגעלאָזט לויטן אָנזאָג פון די רופאים, און נאָך מער לויט די אינסטרוקציעס וואָס זי האָט געקראָגן פון איר „געליבטן", אדוניהו, וואָס האָט איר בפירוש אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל מיט אַלע מיטלען זען ניט צולאָזן אין אָט־די עטלעכע קריטישע טעג, בת־שבען צום קיניג. ער האָט איר געגעבן זיין ערנוואָרט, אַז אויב זי וועט אים באַהילפיק זיין אין פאַרנעמען דעם טראָן, וועט ער איר אָפּצאָלן מיט דעם, וואָס ער וועט זי היראַטן און מאַכן זי פאַר דער קיניגין.

אַז אַבישג האָט דערהערט דאָס שורשקען פון אַ קלייד און פאַרנומען לייכטע דראָבנע טריט דערנענטערן זיך, האָט זי גלייך משער געווען אַז בת־שבע גייט. איז זי שטיל אויף די שפּיצפינגער אַרויס פון קיניג דודס שלאָפצימער און זיך אַריינגעשטעלט אין טיר־ראַם, לאָזנדיק די טיר אָפן אויף־אַ שפּעלטל.

זי האָט זיך פאַרנויגט פאַר בת־שבען און זייער העפלעך, מיט אַ ליסטיקן שמייכעלע האָט זי אַרויסגעפּליסטערט:

— מיין האַרנטע קיניגין בת־שבע, וועט מיר מוזן אַנטשולדיקן. דער קיניג דרעמלט. ער האָט געהאַט אַן אומרואיקע נאַכט. מע קען אים איצטער ניט זען. איך בעט אום פאַרציאונג. — זי האָט זיך ווידער פאַרנויגט, שיער זיך ניט געבוקט.

בת־שבע האָט גוט געוואוסט וועגן די אינטריגעס וואָס זי און אדוניהו פלעכטן, און זי האָט איר געענטפערט:

— איך מוז זען מיין האַר, דעם קיניג. עס איז אַ דריגנדיקע מלוכה אָנגעלעגנהייט, וואָס מוז גלייך דערלידיקט ווערן.

— אָבער, מיין גנעדיקע הארנטע, בת־שבע דער קעניג שלאָפט און די רופאים האָבן אָנגעזאָגט מע זאָל אים ניט אויפוועקן, ווייל דער שלאָף איז

זיין אײנציקע רפואה. ער איז זײער שלאָף. ער דערקענט שוין כמעט קײנעם ניט.

אבישג האָט אָנטשלאָסן פאַרשטעלט איר דעם אַרײנגאַנג.

בת־שבע איז געוואָרן אָן אויפגעצאָרנטע פון דער פרעכהייט פון דער „דאַרפס־מויד", ווי זי פלעגט זי רופן און האָט אויסגעשריען:

— ווער האָט עס די העזה צו פאַרשטעלן מיר דעם אַרײנגאַנג צו מײן האַר, דעם קיניג!

דוד האָט דערהערט איר שטים און האָט זיך אויפגעכאַפּט און זי דערקענט, און האָט אַ זאָג געטאָן גאַנץ הויך:

— בת־שבע, קום אַרײן, זאָג מיר וואָס איז עס.

אבישג האָט זיך דערפילט פאַרשעמט. זי איז רויט געוואָרן און איז אַרויס אין קאָרידאָר.

ווי נאָר די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער בת־שבען האָט זיך אבישג אָוועקגעשטעלט הינטערן טיר אונטערהערן וואָס זיי ריידן און שפּעטער איבערגעבן זײער געשפּרעך אדוניהון.

בת־שבע איז אַרײן און האָט זיך געבוקט צום קיניג.

דוד פּלײסט זיך אויפצוזעצן זיך און קען ניט. ער קרעכצט אַרויס די פּאָר ווערטער:

בת־שבע, וואָס איז געשען?

בת־שבע: — מײן האַר, דו האָסט געשוואָרן דײן דינסט ביי יהוה דײן אלהים: „נאָר דײן זון שלמה זאָל קיניגן נאָך מיר, און ער זאָל זיצן אויף מײן טראָן. און אַצינד זע, אדוניהו איז געוואָרן מלך, און אַצינד, מײן האַר מלך, ווייסטו גאָר ניט. און ער האָט געשאָכטן אָקסן און געשטאָפּטע קעלבער און שאָף אַסך, און ער האָט פאַררופן אַלע זין פון דעם מלך, און אביתר, דעם כהן, און יואָב, דעם חיל־פירער; אָבער דײן קנעכט, שלמהן, האָט ער ניט גערופן. און דו, מײן האַר מלך, אויף דיר זײַנען די אויגן פון גאַנץ ישראל, זיי צו זאָגן, ווער זאָל זיצן אויף דעם טראָן פון מײן האַר דעם מלך, נאָך אים. וואָרעם עס וועט זײן, ווי מײן האַר, דער מלך, לייגט זיך מיט זײַנע עלטערן, אַזוי וועל איך און מײן זון, שלמה, זײן פאַרשולדיקטע.

און אַט ווי זי רעדט נאָך מיטן מלך, אַזוי איז נתן דער נביא געקומען. האָט מען געזאָגט דעם מלך, אַזוי צו זאָגן: נתן דער נביא איז דאָ. און ער איז געקומען פאַר דעם מלך, און האָט זיך געבוקט צום מלך אויף זײן פּנים צו דער ערד. און נתן האָט געזאָגט (בת־שבע האָט זיך צוריקגעצויגן אין אַ דערבייאיקן צימער):

— מיין האַר, מלך, האָסטו געזאָגט: ,אדוניהו זאָל קיניגן נאָך מיר און ער זאָל זיצן אויף מיין טראָן׳? וואָרעם ער האָט היינט אַראָפּגענידערט, און האָט געשאָכטן אָקסן און געשטאָפּטע קעלבער און שאָף אָסך, און ער האָט פאַררופן אַלע זין פון דעם מלך, און די חייל־פירער, און אביתר, דעם כהן, און אָט עסן זיי און טרינקען מיט אים, און זאָגן: „לעבן זאָל דער מלך, אדוניהו!" אָבער מיך, דיין קנעכט, און צדוק, דעם כהן, און בניהו, דעם זון פון יהוידען, און דיין קנעכט, שלמהן, האָט ער ניט גערופן. צי איז די דאָזיקע זאַך געשען פון מיין האַר דעם מלך, און האָסט ניט צו וויסן געלאָזט דיין קנעכט, ווער עס זאָל זיצן אויף דעם טראָן פון מיין האַר דעם מלך נאָך אים? — געענדיקט ריידן האָט נתן זיך צוריקגעצויגן.

האָט געענטפערט דער מלך דוד און האָט געזאָגט:

— רופט מיר אַריין בת־שבען.

בת־שבע איז אַריינגעקומען און האָט זיך געשטעלט פאַרן מלך. און קיניג דוד האָט געשוואָרן און האָט געזאָגט:

— אַזוי ווי עס לעבט יהוה, וואָס האָט אויסגעלייזט מיין זעל פון יעטוועדער צרה, אַז אַזוי ווי איך האָב דיר געשוואָרן ביי יהוה, דער אלהים פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: „נאָר דיין זון, שלמה, זאָל קיניגן נאָך מיר, און ער זאָל זיצן אויף מיין טראָן נאָך מיר" — אַז אַזוי וועל איך טאָן היינטיקן טאָג.

האָט בת־שבע זיך געבויגט מיטן פנים צו דער ערד און זיך געבוקט צום קיניג און האָט געזאָגט:

— אייביק לעבן זאָל מיין האַר, דער קיניג דוד!

און דער קיניג דוד האָט געזאָגט:

— רופט מיר צדוקן דעם כהן, און נתן, דעם נביא, און בניהו דעם זון פון יהוידען.

זיי זיינען געקומען פאַרן קיניג. און דער קיניג האָט צו זיי געזאָגט:

— נעמט מיט אייך די קנעכט פון אייער האַר, און זעצט אַרויף מיין זון, שלמהן, אויף מיין מוילאייזעלין, און איר זאָלט אים מאכן נידערן צום גיחון, און זאָל צדוק, דער כהן, און נתן, דער נביא, אים דאָרטן זאַלבן פאַר אַ קיניג איבער ישראל. און איר זאָלט אַרויפגיין נאָך אים, און ער זאָל קומען און זיך זעצן אויף מיין טראָן, און ער זאָל קיניגן אנשטאָט מיר, וואָרעם אים האָב איך באַפוילן פאַר אַ פירשט איבער ישראל און איבער יהודה.

האָט בניהו, דער זון פון יהוידען, געענטפערט דעם קיניג און האָט געזאָגט:

— אָמן אַזוי זאָל זאָגן יהוה, דער אלהים פון מיין האַר, דעם קיניג.

אַזוי ווי עס איז געווען יהוה מיט מיין האַר, דעם קיניג, אַזוי זאָל ער זיין מיט שלמהן, און ער זאָל גרויסן זיין טראָן נאָך מער פון דעם טראָן פון מיין האַר, דעם קיניג, דוד.

און צדוק, דער כהן, און נתן, דער נביא, און בניהו, דער זון פון יהוידען, און די כרתים און די פליתים, האָבן אַראָפּגענידערט, און זיי האָבן אַרויפֿגעזעצט שלמהן אויף דער מויל־אייזעלין פון קיניג דוד. און האָבן אים אַראָפּגעפירט צום גיחון. און צדוק, דער כהן, האָט גענומען דעם האָרן מיט אויל פון געצעלט, און ער האָט געזאַלבט שלמהן. און זיי האָבן געבלאָזן אין שופר, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזאָגט:

— לעבן זאָל דער קיניג, שלמה!

און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַרויפֿגעגאַנגען נאָך אים, און דאָס פאָלק האָט געפייפט אויף פייפלען, און זיך געפרייט אַ גרויסע פרייד, און די ערד האָט זיך געשפּאָלטן פון זייער ליאַרעם.

און אדוניהו און אַלע פאַררופענע וואָס מיט אים האָבן דאָס דערהערט, ווען זיי האָבן געענדיקט עסן, און ווי יואב האָט דערהערט דעם קול פון שופר, אַזוי האָט ער געזאָגט:

— וואָס איז דער טומל און ליאַרעם אין שטאָט?

ווי ער רעדט נאָך, ערשט יונתן דער זון פון אביתר, דעם כהן, קומט אָן. האָט אדוניהו געזאָגט:

— קום אהער, וואָרעם אַ וואוילער מענטש ביסטו, און גוטס ווּעסטו אָנזאָגן.

האָט געענטפערט יונתן און געזאָגט צו אדוניהון:

— פאַרוואָר, אונדזער האַר, דער קיניג דוד, האָט געמאַכט שלמהן פאַר קיניג. און דער קיניג דוד האָט געשיקט מיט אים צדוק, דעם כהן, און נתן, דעם נביא, און בניהו, דעם זון פון יהוידען, און די כרתים און די פליתים, און זיי האָבן אים אַרויפֿגעזעצט אויף דער מוילאייזעלין פון דוד. און צדוק, דער כהן, און נתן, דער נביא, האָבן אים געזאַלבט פאַר קיניג ביים גיחון. און זיי זיינען אַרויפֿגעגאַנגען פון דאָרט פריילעכע, און די שטאָט האָט געיובלט. דאָס איז דער ליאַרעם וואָס איר האָט געהערט. און שלמה האָט זיך אויך געזעצט אויפן טראָן פון דער מלוכה. און אויך זיינען די קנעכט פון מלך געקומען ווינטשן אונדזער האַר, קיניג דוד, אַזוי צו זאָגן: זאָל דיין אלהים באַגיטיקן שלמהס נאָמען נאָך מער פון דיין נאָמען, און גרויסן זיין טראָן נאָך מער פון דיין טראָן. און דער מלך האָט זיך געבוקט אויפן געלעגער, און אויך האָט דער קיניג אַזוי געזאָגט: „געלויבט איז יהוה, דער אלהים פון

ישראל, וואָס האָט היינט געגעבן ווער עס זאָל זיצן אויף מיין טראָן און מיינע אויגן זעען עס".

האָבן אַלע פאַררופענע, וואָס ביי אדוניהון אויפגעציטערט און זיי זיינען אויפגעשטאַנען און געגאַנגען איטלעכער אויף זיין וועג. און אדוניהו האָט מורא געהאַט פאַר שלמהן, און ער איז אויפגעשטאַנען, און איז געגאַנגען און האָט זיך אָנגענומען אָן די הערנער פון מזבח.

איז אָנגעזאָגט געוואָרן שלמהן, אַזוי צו זאָגן:

— זע, אדוניהו האָט מורא פאַר דעם קיניג שלמה, און אָט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן די הערנער פון מזבח, אַזוי צו זאָגן: „זאָל מיר דער קיניג שלמה היינט שווערן, אויב ער וועט טויטן זיין קנעכט מיטן שווערד".

האָט שלמה געזאָגט:

— אויב ער וועט זיין אַן אָרנטלעכער מאַן, וועט אַ האָר פון אים ניט פאַלן צו דער ערד, אויב, אָבער, בייז וועט געפונען ווערן אין אים, וועט ער שטאַרבן.

און דער קיניג שלמה האָט געשיקט, און מען האָט אים אַראָפּגענידערט פון מזבח; און ער איז געקומען, און האָט זיך געבוקט צום קיניג שלמה.

און שלמה האָט צו אים געזאָגט:

— גיי אַהיים!

און די טעג פון דודן האָבן זיך גענענט צום שטאַרבן, און ער האָט באַפוילן זיין זון, שלמהן, אַזוי צו זאָגן:

— איך גיי אין דעם וועג פון דער גאַנצער ערד, זאָלסטו זיך שטאַרקן און זיין אַ מאַן. און זאָלסט היטן די היטונג פון יהוה, דיין אלהים, צו גיין אין זיינע וועגן, צו היטן זיינע חוקים און זיינע געבאָטן און זיינע געזעצן און זיינע אָנזאָגן, אַזוי ווי עס שטייט אין תורת־משה, כדי זאָלסט באַגליקן אין אַלץ וואָס דו וועסט זיך אַהין קערן. כדי יהוה זאָל מקיים־זיין זיין וואָרט וואָס ער האָט גערעדט וועגן מיר אַזוי צו זאָגן: „אויב דיינע קינדער וועלן אָפּהיטן זייער וועג צו גיין פאַר מיר מיט אמת, מיט זייער גאַנצן האַרצן און מיט זייער גאַנצער זעל, אַזוי צו זאָגן: „וועט דיר ניט פאַרשניטן ווערן אַ מאַן פון דעם טראָן פון ישראל". און אויך ווייסטו וואָס יואב, דער זון פון צרויהן, האָט מיר געטאָן, וואָס ער האָט געטאָן צו די צוויי חייל־פירער פון ישראל, צו אַבנרן, דעם זון פון נרן, און צו עמשא, דעם זון פון יתרן, ווי ער האָט זיי געהרגעט, און פאַרגאָסן בלוט פון מלחמה אין שלום, און אַרויפגעטאָן בלוט פון מלחמה אויף זיין גאַרטל, וואָס אויף זיינע לענדן און אויף זיינע שיך, וואָס אויף זיינע פיס. דרום זאָלסטו טאָן לויט דיין חכמה, און זאָלסט ניט לאָזן

זיינע גראָע האָר נידערן בשלום אין קבר. און מיט די קינדער פון ברזלי, דעם גלעדער, זאָלסטו טאָן חסד, און זיי זאָלן זיין פון די, וואָס עסן ביי דיין טיש, ווארעם זיי האָבן מיך מקרב געווען, ווען איך בין אַנטלאָפן פון דיין ברודער, אבשלום. און דאָ איז ביי דיר שמעי, דער זון פון גראַן, דער בנימינער פון בחורים, וואָס האָט מיך געשאָלטן מיט טויטע קללות אין דעם טאָג, וואָס איך בין געגאַנגען קיין מחנים. און ער האָט אַראָפּגענידערט מיר אַנטקעגן ביים ירדן, און איך האָב אים געשוואָרן ביי יהוה, אַזוי צו זאָגן: „איך וועל דיך ניט טויטן מיטן שווערד". און אַציגד, זאָלסטו אים ניט שענקען וואָרעם אַ קלוגער מענטש ביסטו, און ווייסט וויסן וואָס דו זאָלסט טאָן מיט אים; און זאָלסט מאַכן נידערן זיינע גראָע האָר מיט בלוט אין קבר.

און דוד האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין דודס שטאָט... און שלמה איז געזעסן אויף דעם טראָן פון זיין פאָטער דודן.

# 5

## יואָבס איינפאַל — דער משפט

חגית, די מוטער פון אדוניהון און יואָב, דער זון פון צרויה, דער געוועזענער פעלדמאַרשאַל פון דודן.

חגית: ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ אָפּשניט. דוכט זיך אַלץ איז געווען צוגעגרייט אויפן בעסטן אופן, אויפוויפל אַזאַ אונטערנעמונג קען ווערן צוגעגרייט.

יואָב: זיי האָבן דודן איבערגערעדט אין דער לעצטער מינוט. דאָס איז אַלץ די אַרבעט פון נתנען, אָט דעם פאַלשן און כיטרען נביא. ער האָט עס אַנגעסטראָיעט בת־שבען. אַליין וואָלט זי דעם דרייסט ניט געהאַט. דערהויפּט נאָך אַז איך האָב בפירוש אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל קיינעם ניט צולאָזן צום אַלטן און מסוכן־קראַנקן דודן.

חגית: אפשר איז ער טאַקע געווען אַ געטלעכער מאַן און ער האָט זיך דערוואוסט דורך אַ חלום, אַז אדוניהו מיין זון איז ניט זיין זון?

יואָב: חגית, וואָס רעדסטו? דו טאָרסט עס אַפילו איצטער ניט אַרויס־

בּרענגען פאַר דיין מויל. וועגן אונדזערע באַציאונגען האָט קיינער ניט געוואוסט און קיינער טאָר וועגן דעם ניט וויסן. בּלויז מיר צוויי. אַפילו אדוניהו ווייסט ניט. איז פונוואַנענט האָט דוד געקענט וויסן? און וועגן מיין פעטער דודס חלומות, וויזיעס, רוח־הקודש — פאַרגעס וועגן דעם, דער מאַן, וואָס האָט געקענט האָבן די רשעות אין זיך צו הייסן מיר הרגענען אוריהן, דעם חתי, נאָכדעם ווי ער האָט באַשלאָפן זיין ווייב, און ווען יענער איז געוועז אויפן פראָנט און זיך געשלאָגן מיט אַזאַ ביישפּיללאָזער בראַווקייט פאַר דודס כּבוד און גדולה און פאַר דער זיכערקייט און אויסשפּרייט פון די גרעניצן פון ישׂראל־מדינה, וועגן אַזאַ הייליקן איז ניטאָ פיל וואָס צו ריידן...

חגית: טאָ ווי האָט עס פּאַרט געשען?

יואָב: איך זאָג דאָך דיר, דאָס איז די אַרבעט פון דעם אינטריגאַנט, נתנען, פון אָט־דעם צבועיאַק, דעם כּיטרען פוקס. צום אָנפאַנג האָט ער זיך גאָר צעיאָכמערט און האָט זיך געזידלט און געשאָלטן, און דערנאָך איז ער געוואָרן ווייך, כּאָטש לייג אים צו צו אַ געשוויר. ער האָט געדרייט מיט דער צונג אַהין און אַהער, און אַלץ אין יהוהס נאָמען. בּת־שבע האָט אים אָפּגעקויפט מיט דעם, וואָס זי האָט אים געמאַכט פאַר דעם דערציער פון איר תכשיט.

מיר איז דווקא יאָ געפעלן געוועזן דאָס וואָס ער, נתן, האָט זיך גענומען דערציען שלמהן. איך בין געוועזן כּמעט ווי זיכער אַז פון זיין דערציאונג וועט שלמה אַרויסקומען אַ לעמעשקע, אַ גאָרנישט־מיט־נישט, ניט צו גאָט און ניט צו לייט.

יואב: איצט פאַרדריסט מיך וואָס איך האָב אָט־דעם איבערגעדרייטן שלעסל, אָט־דעם היפּאָקריט ניט פאַרטיק געמאַכט. איך האָב עס לייכט געקענט טאָן. כ'האָב באַזייטיקט פון מיין וועג אַזויפיל קעגנער מיינע, און וויכטיקערע פיגורן פון אָט־דעם גאָטס־סטריאַפּטשע, וואָס פּרעפּלט בּלומרשט זאָגעכצן וואָס ער כאַפּט אַרויס פון גאָטס מויל.

חגית: אפשר איז שלמה זייער ביידנס זון, און קיינער ווייסט ניט?

יואָב: וואָס רעדסטו? בּת־שבע, אָט די זאַפּטיקע, תאוותדיקע נקבה און נתן, דער אויסגעטריקנטער באָקסער. אַ שיינע פּאָר קליידער, כ'לעבן! מיר שיינט אַז ער איז גאָר קיין מאַן ניט...

חגית: ער האָט דאָך צוויי זין, עזריהו און זבוד, מיט וועלכע שלמה איז אויסגעבונדן. זיי חברן זיך, ווי זיי וואָלטן געווען צוויי ברידער פון איין טאַטע און מאַמע.

יואָב: זיינע זין?! אפשר האָט אים עמיצער אַרויסגעהאָלפן... חוץ דעם אַלעם איז ער נאָך אַ חולה־נופלים. ער טראַכט אויס און רעדט אין דעם

עולם־גולם אַז בשעת ער קריגט די אַנפאַלן און ער ליגט באַוואוסטלאָז און עס שוימט אים פון מויל, קריגט ער די גרויסע נביאישע אַנטפּלעקונגען און זעט געטלעכע זעאונגען. אָבער דאָס איז אַלץ שווא ושקר. ער איז אַן אויסוואורף. ער איז אַ שקרן און אַ רמאי.

איך האָב ליקווידירט אבנרן, דעם זון פון נר, איך האָב אָפּגערעמט עמשאַן, אַבשלומס פעלדמאַרשאַל, און דערהויפּט, טאַקע אַבשלומען אַליין. און דעם שטיק גאַרנישט, „גאָטס־גנב", האָב איך פאַרקוקט. איך האָב דאָך אים געקענט צערייבן צווישן מיינע צוויי פינגער.

חגית: פאַרוואָס האָסטו עס טאַקע ניט געטאָן?

יואָב: ווייסט דאָך, פאַרט אַ שטיקל נביא. ריר זיך צו צו אים, וועט עס פאַרעיפּושן דאָס גאַנצע לאַנד... און, ווייטער, איך האָב געטראַכט אַז ער איז ניט ווערט א שטאָך מיט אַ שפּיז. זיך ניט געוואָלט פאַטשקען מיט אַזאַ נפש.

חגית: און נאָך אַלע אונדזערע אָנשטרענגונגען פאַר אַזוי פיל יאָרן בלייבן מיט אַ נאָז און מעגלעך גאָר אָן אַ נאָז און אָן אַ קאָפּ... וואָס גייען מיר טאָן, ווען שלמהן פאַלט איין אונדז אָפּצוראַמען פון וועג? ווער וועט זיך פאַר אונדז איינשטעלן? ער קען דאָך טאָן וואָס ער וויל!

יואָב: ער וועט ניט וואָגן, ער האָט קיין ווילן ניט. ער איז דאָך אַ מיאַמליע, אַן אייזל וואָס איז אָנגעלאָדן מיט גאַנצע פּעק מגילות.

חגית: אַמאָל פּאַסירט אַז גראָד די שטילע וואַסערן גראָבן אָם־טיפסטן, און די וואָס קענען, דוכט זיך, קיין צוויי ניט ציילן, שטעלן זיך ארויס צו זיין ניט נאָר בעלי־חשבון, נאָר אפילו אָפּנאַרער אין חשבון: און דערצו האָט ער דאָך בת־שבען און נתנען אין ווען עמען עס זיצט אַ בייזער רוח... וואָס קען אַפילו אַ מלאך איבעררײדן צו ווערן א שד...

יואָב: ניטאָ וואָס זיך צו שרעקן. מיר זיינען נאָך ניט דורכגעפאַלן אינגאַנצן. ס׳איז נאָך ניט פאַרפאַלן.

חגית: וואָס רעדסטו? ער איז דאָך געקרוינט, געזאַלבט...

יואָב (האַקט איר איבער): און אדוניהו איז ניט געזאַלבט?!

חגית: אָבער דוד האָט דאָך באַפעלן אים קרוינען מיט זיין קרוין און אוועקזעצן אויף זיין טראָן און ער האָט עס אַלץ צוגעקוקט.

יואָב: עס קען גריילעך זיין, אַז דוד האָט עס קיינמאָל ניט באַפעלן און דער כזבן נתנקע האָט די גאַנצע מעשה אויסגעטראַכט. עס איז אויך מעגלעך, אַז דוד איז שוין דעמאָלט ביים קלאָרן זינען ניט געווען און וואָס בת־שבע, אַט־די אשת־חיל, האָט אין אים אַריינגערעדט, האָט ער נאָכגערעדט. אבישג זאָגט אַז אין די לעצטע טעג איז ער געלעגן איינגאַנצן באַוווסטלאָז, ווי אין אַ

הינערפּלעט. איך בין ניט געווען ביי זיך בעט. דער חברהמאַן, בניהו, דער זון פון יהוידען, דער אויפזעער איבער דודס לייבגוואַרדיע, וואָס קיין איין ישראלי איז צווישן זיי ניט פאַראַן, האָט מיך ניט צוגעלאָזט. פאַרשטייסט די חוצפּה פון דעם גראָבן נפש!

חגית: דאָס באַווייזט דאָך אַז אויך זיי האָבן זיך געגרייט.

יואָב: זיכער האָבן זיי זיך געגרייט. אָבער ווען ניט די עטלעכע אומדערוואַרטע געשעענישן וואָס האָבן זיי אַריינגעשפּילט אין האַנט, וואָלטן זיי גאָרניט אויפגעטאָן.

חגית: וועלכע געשעענישן?

יואָב: דודס פאַרלירן זיין פאַרשטאַנד און בניהוס חוצפּה. ער האָט געוואָגט אָנצוזאָגן די טויער־וועכטער מיך ניט דורכצולאָזן. איך האָב שיער ניט באַשלאָסן קומען מיט מיין לאַיאַלן חייל און שטורעמען דודס פעסטונג.

חגית: ווי האָסטו עס געקענט טאָן, ווען דער קיניג איז געלעגן אויפן טויטן־בעט און האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דעם קלענסטן גערויש. מיר אין הויף האָבן גערעדט אין האַלבע טענער, מע האָט קיינעם פאַרבייפאָרן אָדער פאַרביירייטן ניט דערלאָזט אום אויסצומיידן דעם מינדסטן רעש.

יואָב: דערפאַר טאַקע האָב איך זיך צוריקגעהאַלטן. אָבער אין אַזעלכע קריטישע מאָמענטן מוז מען זיין וואַגזאַם, זיך ניט רעכענען צי עס פּאַסט אַזוי צו האַנדלען צי ניט. דאָס פאָלק האָט אפשיי און אפשר טאַקע, פּשוט מורא מאַר דעם בראַוון העלד, וואָס שטעלט אַלץ איין אין קאָן — און געווינט דעם גרויסן געווינס. מע מוז שפּילן און האַנדלען ריזיקאַליש. לעבן באמת „מיינט ריזיקירן מיטן לעבן". איך האָב זיך ניט געדאַרפט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך, שפּילן „אַ וואַ־באַנק".

חגית: מעגלעך אַז דאָ האָבן זיך גענומען ווייזן סימנים פון זקנה. מע ווערט עלטער, איינגעהאַלטענער, מיושבדיקער, ביז מע ווערט שוין אַזוי מיושבדיק, אַז מע הערט שוין אויף איינגאַנצן צו אָטעמען.

יואָב: ניט דאָס, חגית, ניט קיין זקנה, נאָר מיין צופיל איינגעגלויבטזיין אין דעם דערפאָלג פון אונדזער אונטערנעמונג. עס איז דאָך באמת אַ ווילדער שפּאַס, אַ חוזק אַוועקצושטעלן אויף דודס פּלאַץ, אַוועקזעצן אויף דודס טראָן, אויף דעם טראָן פון דעם גרויסן קריגער, אַ מענטשן וואָס קען ניט אונטערשיידן אַ שווערד פון אַ שפּיז, אַ מענטש, וואָס הויבט ניט אָן צו וויסן ווי מ'פירט אָן מיט אַ שלאַכט, אַ מענטש, וואָס איז אַ ווייבל אין מאַנצבילשע בגדים. שלמה — אַ קיניג! שלמה — אַ יורש פון דודן, אָט דער שוואַכלינג,

אַט דער צעקראַכענער טויגעכץ, אַט־דער שטיק גלאָמפּ, וואָס מער ווי מגילות האָט ער פאַר זיינע אויגן ניט געזען.

חגית: זעסט דאָך אַז די גרעסטע אומגעלומפּערטקייטן קומען פאַר אין לעבן.

יואָב: מיר האָבן נאָך ניט פאַרשפּילט. די ישׂראל מדינה איז נאָך ניט קאַפּוט. מע וועט אים אַראָפּוואַרפן פון טראָן. אָדער ער וועט זיך אַליין אָפּזאָגן פון מלכות אָדער ער וועט מאַכן אַ תל פון דער ישׂראל־מדינה. זי וועט צעפאַלן אויף שטיקער. שלמה איז ניט קיין הערשער, ער ווייסט ניט ווי מ׳עסט אַזאַ געריכט ווי הערשאַפט. אַ מלוכה דאַרף האָבן אַ שטאַרקן מאַן וואָס קען אַ פּאַכע טאָן מיט אַ שווערד, ווען מ׳דאַרף עס; און ווען דאַרף מען עס ניט? (פּויזע).

אַלע אדוניהוס קאָנקורענטן אויף וועמען מיין חשד איז נאָר געפאַלן, אַז זיי קענען האָבן פּרעטענזיעס אויפן טראָן, האָב איך אויף איין וועג אָדער אַ צווייטן באַזייטיקט. שלמהן האָב איך אויסגעלאָזן, ווייל איך האָב אים פאַר קיין פּרעטענדענט ניט געהאַלטן.

חגית: וויפל קאָנקורענטן זיינען עס געווען?

יואָב: אין צאָל ניט פיל, בלויז צוויי, אָבער זיי זיינען דאָך געווען ריזן. דער ערשטער איז געווען אמנון, האָט ער אָפּגעשפּילט אַ חתונה... איז וואָס?! דאָס האָט אים ניט געפּסלט... ער האָט נאָך דעם אַלעם געקענט ווערן אַ דערפאָלגרייכער קיניג. און איך, האָבנדיק אין זינען אדוניהון, האָב געזען אַז ער זאָל זיך מיט אים אָפּרעכענען, אים טויטן און בלייבן גערעכט. איך האָב אבשלומען אַריינגעגעבן דעם געדאַנק, אַז אויב ער וויל ירשענען דודס טראָן, דאַרף ער זען פּטור צו ווערן פון אמנונען, דעם בכור און ליבלינג פון קיניג דוד. עס האָט מיר גענומען פולע צוויי יאָר פון איינטענהן, ביז איך האָב אים איבערגערעדט. איך האָב די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין פאַר־זיכערן אים, אַז ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבן. אַז איך, דאָס מיינט דאָך די אַרמיי, וועל זיין מיט אים. און דאָס פאָלק וועט אים זיכער געבן גערעכט. פאַרקערט, זיין דרייסטע האַנדלונג וועט אים אויפהויבן אין זייערע אויגן. ער האָט זיך, סוף כל סוף, אָפּגערעכנט מיט דעם פאַרשוועכער פון זיין שוועסטערס ערע, מיט דעם באַרויבער פון איר אומשולד.

אַזוי אַרום, נאָך פיל מאַטערניש און קלעמעניש, זיינען מיר מיט זיין הילף באַפּרייט געוואָרן פון דער שרעק פאַרן געזעצלעכן טראָן־יורש. אָבער אַציינד האָב איך גענומען קלערן און צוטראַכטן פּלענער, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אבשלומען.

נאָך דעם מאָרד איז ער אַנטלאָפן צו זיין זיידן, דעם קיניג פון גשור. אין אַ פרעמדן הויף, וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? האָב איך גענומען מאַנעווריִרן אַזוי אַז דוד זאָל אים דערלויבן קומען צוריק קיין ירושלים.

חגית: וועגן אָט־דער איינצלהייט האָב איך גאָרניט געוואוסט. איז ווי אַזוי האָסטו עס דורכגעפירט?

יואָב: זייער וויינִיקע וויסן עס. דאָס איז געווען אַ סוד צווישן אונדז דריי: דוד, איך און די פרוי פון תקוע.

חגית: פאַרוואָס האָסטו מיר עס קיינמאָל ניט דערציילט?

יואָב (שמייכלט גוטהאַרציק און ווינקט צו מיט איין אויג וואויל־יונגעריש, קלאַמפערשט): ווייל אַ פרוי איז געווען אין דעם פאַרמישט... ניט געוואָלט וועקן אייפערזוכט ביי דיר.

חגית: ערשט אַצינד ווער איך פאַראינטריגירט.

יואָב: מעגסט זיין רואיק. יענע פרוי איז שוין דאָרט, וואו קיניג דוד געפינט זיך, און וואו מיר וועלן זיך אַלע געפינען פריער אַביסל אָדער שפּעטער.

חגית: איז וואָס האָט יענע פרוי געטאָן? ווי אַזוי האָט זי דיר געהאָלפן פועלן ביי דודן, אַז ער זאָל לאָזן אבשלומען קומען צוריק, און דו זאָלסט קענען האַלטן אַן אויג אויף אים?

יואָב: איך האָב צוגעטראַכט אַ מעשה, וואָס האָט זיך כלומרשט פאַרלאָפן. עס איז געווען אַ גערעכט־זאַך וועגן אַ מאָרד, וואָס איין ברודער איז באַגאַנגען קעגן צווייטן. דער קיניג האָט עס באַדאַרפט אַנטשיידן. אַזוי ווי עס איז ניט געווען זיין פאַמיליע־זאַך, האָט ער אַרויסגעגעבן זיין אורטייל מיטן קאַלטן פאַרשטאַנד, על־פי־שכל־הישר. און דאָ האָט ער מיר געגעבן אַ געלעגנהייט אים צו כאַפּן אויף דער ווענדקע.

חגית: דו ביסט שוין איינמאָל אַ צוטראַכטער. דערצייל מיר אַצונד די גאַנצע מעשה, אפשר קען מען עפּעס אָפּלערנען פון דעם, וואָס זאָל אונדז צוניץ קומען אויך ביי היינטיקן טאָג אין אונדזער טרויעריקער לאַגע.

יואָב: איך האָב געשיקט קיין תקוע און האָב געבראַכט פון דאָרטן אַ קלוגע פרוי און האָב צו איר געזאָגט: „מאַך זיך, איך בעט דיך, טרויערנדיק, און טו אָן, איך בעט דיך, טרויער קליידער, און זאָלסט זיך ניט זאַלבן מיט קיין אויל, און זאָלסט אויסזען און זיך האַלטן, ווי אַ פרוי, וואָס טרויערט שוין פילע טעג נאָך אַ טויטן; און זאָלסט קומען צום מלך און ריידן צו אים אַזוי ווי איך זאָג דיר". און איך האָב אַריינגעטאָן די ווערטער איר אין מויל.

און איך האָב זי געבראַכט אין הויף און אָנגעזאָגט די וועכטער זיי זאָלן זי צולאָזן צום קיניג.

האָט די פרוי פון תקוע גערעדט צום קיניג דוד און זי איז געפאַלן אויף איר פּנים צו דער ערד, און האָט זיך געבוקט און געזאָגט:

— העלף, מלך!

האָט דוד צו איר געזאָגט:

— וואָס איז דיר?

האָט זי געזאָגט:

— פאַרוואָר, אַ פרוי, אַן אלמנה בין איך, וואָרעם מיין מאַן איז געשטאָרבן און דיין דינסט האָט געהאַט צוויי זין; האָבן זיי זיך ביידע צעקריגט זייענדיק אין פעלד, און עס איז נִיט געווען קיינער, ווער עס זאָל זיי פאַנאַנדערנעמען, האָט איינער געשלאָגן דעם אַנדערן און האָט אים געטויט, און אַצונד איז צוגעשטאַנען די גאַנצע משפחה צו דיין דינסט, און זיי זאָגן: „גיב אונדז דעם, וואָס האָט געהרגעט זיין ברודער, וואָס ער האָט דערמאָרדעט, און מיר וועלן אים הינריכטן פאַר דעם לעבן פון זיין ברודער, וואָס ער האָט דער־מאָרדעט, און מיר וועלן פאַרטיליקן אויך דעם יורש" און זיי וועלן אויסלעשן מיין קויל, וואָס איז געבליבן, נִיט צו לאָזן מיין מאַן אַ נאָמען און אַן איבערבלייב אויפן געזיכט פון דער ערד.

האָט דער קיניג דוד געזאָגט צו דער פרוי:

— גיי אַהיים און איך וועל באַפעלן וועגן דיר.

האָט די פרוי פון תקוע געזאָגט צום קיניג דוד:

— אויף מיר, מיין האַר מלך, איז די שולד און אויף מיין פאָטערס הויז, און דער מלך און זיין טראָן איז ריין.

האָט דער מלך געזאָגט:

— דער וואָס רעדט צו דיר און דראָעט דיך, זאָלסטו אים ברענגען צו מיר, און ער וועט דיך מער ווידער נִיט אָנרירן.

האָט די פרוי געזאָגט:

— זאָל, איך בעט דיך, דער מלך געדענקען יהוה, דיין אלהים, אַז דער בלוטמאָנער זאָל נִיט נאָך מער אומברענגען, און זיי זאָלן נִיט פאַרטיליקן מיין זון.

האָט דער קיניג דוד געזאָגט:

—אזוי ווי יהוה לעבט, אויב אַ האָר פון דיין זונס קאָפּ וועט פאַלן צו דער ערד!

האָט די פרוי געזאָגט:

— זאָל דיין דינסט, איך בעט דיך, ריידן צו מיין האַר, דעם מלך, אַ וואָרט.

האָט קיניג דוד געזאָגט:

— רייד!

האָט די פרוי געזאָגט:

— און פאַרוואָס טראַכסטו אַזוינס אַקעגן דעם פאָלק פון אלהים? ווארעם אַז דער מלך וויל פאַרטיידיקן מיין זון, קומט אויס אַז ער אַליין איז אַ שולדיקער, וואָס דער מלך קערט ניט אום זיין פאַרשטויסענעם. וואָרעם שטאַרבן מוזן מיר שטאַרבן; יאָ, אַזוי ווי וואַסער אויסגעגאָסן אויף דער ערד, וואָס קען ניט אויפגעזאַמלט ווערן. און אלהים שוינט ניט קיין נפש: אָבער ער טראַכט טראַכטונגען אַז פון אים זאָל ניט פאַרשטויסן ווערן אַ פאַרשטויסענער, אַזוי אַז קיין יורש זאָל, חלילה, ניט בלייבן. און אַצונד, וואָס איך בין געקומען ריידן צו מיין האַר, קיניג, דאָס דאָזיקע וואָרט, איז עס דערפאַר, וואָס דאָס פאָלק איז אָנגעשראָקן, אַז דאָס קיניגרייך פון ישראל זאָל ניט בלייבן אָן אַ יורש. און דיין דינסט האָט געזאָגט: „לאָמיר אקאָרשט ריידן צום מלך, אפשר וועט דער מלך טאָן דעם פאַרלאַנג פון זיין דינסט, וואָרעם דער מלך וועט זיך צוהערן, און דאָס וואָרט פון דעם מלך וועט זיין פאַר אַ באַרואיקונג, וואָרעם ווי אַ מלאך פון אלהים אַזוי איז מיין האַר, דער מלך, אויף צו פאַרשטיין גוטס און שלעכטס". און זאָל יהוה, דיין אלהים זיין מיט דיר.

האָט געענטפערט דער קיניג דוד און האָט געזאָגט צו דער פרוי:

— זאָלסט נאָר ניט פאַרלייקענען פון מיר קיין זאַך, וואָס איך גיי דיך פרעגן.

האָט די פרוי געזאָגט:

— זאָל, איך בעט דיך, מיין האַר, דער מלך, ריידן.

האָט דער מלך געזאָגט:

— איז יואָבס האַנט געווען מיט דיר אין דעם אַלעם?

האָט די פרוי געענטפערט און געזאָגט:

— אַזוי ווי דיין זעל לעבט, מיין האַר מלך, אויב מע קען אַוועק רעכטס אָדער לינקס פון אַלץ, וואָס מיין האַר, דער מלך, האָט גערעדט! וואָרעם דיין קנעכט, יואָב, ער האָט מיך באַפוילן, און ער האָט אַריינגעלייגט אין מויל פון דיין דינסט אַלע די דאָזיקע ווערטער. כדי צו פאַרדעקן דעם פנים פון דער זאַך, האָט דיין קנעכט, יואָב, געטאָן די דאָזיקע זאַך. אָבער מיין האַר איז קלוג, ווי די קלוגשאַפט פון אַ מלאך פון אלהים צו וויסן אַלץ וואָס אויף דער ערד.

אַזוי האָב איך „באַאַרבעט" דעם קיניג אַז ער זאָל מיר דערלויבן פאָרן גיין גשור און ברענגען אַבשלומען אַהיים.

דוד איז געווען גענוג קלוג צו כאַפּן זיך, אַז הינטער דער אויסטראַכ־טעניש מיט אירע ערנסטע אָנצוהערענישן בין איך געשטאַנען. ער איז, אָבער, ניט געווען גענוג קלוג זיך צו כאַפּן, וואָס איז געווען מיין כוונה, וואָס האָב איך באַצוועקט מיט מיין אָננעמען זיך פאַר אַבשלומען.

דערנאָך אַז אַבשלום האָט זיך אומגעקערט, בין איך געווען דער וואָס האָט זיך אַריינגעלייגט אין אַ שלום, געמאַכט אַז פאָטער און זון זאָלן זיך איבערבעטן. צו דער אייגענער צייט האָב איך אָנגעפאַנגען צו דערמוטיקן אַבשלומען ער זאָל אָפן דערקלערן אַן אויפשטאַנד און פּרובירן פאַרכאַפּן זיין פאָטערס טראָן. איך האָב אים געזאָגט: דוד איז געזונט און שטאַרק ער קען אַריינלעבן אפשר אַ הונדערט יאָר, איז ווען וועסטו זיך דערוואַרטן צו ווערן קיניג, ווען דו וועסט שוין זיין אַ זקן, און אויף דער עלטער וואָס וועסטו אויפטאָן מיט דער מלוכה? איך האָב צוגעזאָגט די הילף פון דער אַרמיי, אין פאַל עס וועט קומען צו אַן אָפענעם קריג.

פאַרשטייט זיך אַז איך האָב אים גענאַרט. ווי נאָר דער אויפשטאַנד האָט זיך צעפלאַקערט אַזוי גלייך בין איך אַרויס באַקעמפן אַבשלומען, דעם מורד במלכות, דער פאַרברעכער זון, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן זיין פאָטער. איך האָב אים מיט דער אייגענער האַנט דערשטאָכן. אַזוי אַרום האָב איך אָפּגערייניקט דעם וועג פאַר אונדזער אדוניהון. איך האָב דאָך געמוזט אים דערמאָרדן, כדי עס זאָל ניט אויפגעדעקט ווערן מיין טייל אין דער פאַר־שווערונג, מיין העצן אים צו דער מרידה.

אַז דוד האָט זיך דערוואוסט אַז אַבשלום איז געפאַלן אין שלאַכט איז ער געווען אויסער זיך. ער האָט געטרויערט נאָך אים.

אצונד בין איך געווען זיכער אז דער וועג שטייט אַן אויסגעפלאַסטער־טער, און דער טויער שטייט ברייט אָפן אַריינצופאָרן אין הויז פון מלכות, ערשט אַ בייער מכשול האָט זיך באַוויזן, אַן ערנסטע שטערעניש אויפן וועג האָט זיך געצייגט פון אַ זייט, פון וועלכער איך האָב גאָרניט געקענט דערוואַרטן. — דאָך, חגית, ניט צופיל געזאָרגט. ער וועט לאַנג ניט זיצן, מע וועט אים אַראָפּזעצן.

חגית: ער איז זייער אָנגענומען ביים פאָלק.

יואָב: עס איז בלויז צייטווייליק. דער עולם מיט זיין געזונטן חוש וועט זיך באַלד אַרומזען אין וועלכן ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן זומפּ זיי זייבען

פאַרקראַכן. זיי וועלן גיך קומען צום שכל און דערזען וואָס פאַר אַ לא־יוצלחנתן, דער כיטראַק, האָט זיי צוגעשאַרט פאַר אַ קיניג.

חגית: אַלע ווייסן אַז ער טויג זיך אײַנגאַנצן ניט אויס פאַר מלחמה־פירערײַ. זיי האָבן זיך, אָבער, אײַנגערעדט, אַז ער איז זייער אַ קלוגער ריכטער, און ער וועט איינשטעלן שלום מיט זײַנע אורטיילן. דאַרף מען באַווײַזן דעם ברייטן עולם, אַז אויך ווי אַ ריכטער טויג ער אויפן פייער. מע דאַרף אײַנסצענירן אַ ליטיגאַציע, וועלכע ער זאָל ניט ווײַסן ווי צו אַנטשיידן, וועט ער ווערן דיסקרעדיטירט, און דאָס פאָלק, וואָס איז געוווינטלעך קאַפּריציעז ווי אַ קינד און וואַרפט זיך פון איין זײַט אויף דער צווייטער, וועט זיך פון אים אָפּקערן. פון דער מעשה מיט דער פרוי פון תקוע, וואָס דו האָסט מיר פאַרטרויט, זע איך דאָך אַז דו ביסט אַ בריה אויף אויסקלערעניש, איז טראַכט עפּעס צו אַ פאַרוויקלטן משפּט, אַ קאָמפּליצירטן סכסוך, וואָס ער זאָל ניט קענען פאַנאַנדערנעמען.

יואָב: אַז מען רעדט לאַנג דעררעדט מען זיך. דו האָסט אַרויסגעבראַכט אַ טייערן געדאַנק. איך וועל שוין עפּעס צוטראַכטן. אַרום די לאַגערן וואַלגערן זיך זונות. איך וועל מיט זיי אויפשפּילן עפּעס אַ פּלאָנטעריניש וואָס ער וועט ניט קענען פאַנאַנדערפּלאָנטערן. און עס וועט פּלאַצן דאָס בלעזל פון זײַן ריכטערישער חכמה. די זונות האָבן קופּערנע שטערנס און פאַר אַ פּאַר קלינגער וועלן זיי טאָן אַלץ, וואָס איך וועל מיט זיי אײַנקנעלן.

חגית: טו עס טאַקע גלײַך. אין דער איצטיקער טראַגיש־געשפּאַנטער לאַגע איז אַ טאָג — אַ יאָר. מיר מוזן זיך ראַטעווען און ראַטעווען די מלוכה פון ישראל. אונטער שלמהס הערשאַפט וועט פון איר גאָרניט ווערן.

יואָב שווייגט. ער איז פאַרטראַכט. ער אַרבעט שוין איבער זײַן פּלאַן.

חגית (רעדט ווייטער): דאָך האַלט איך זיך ביי מײַן חשד, אַז שלמה איז בת־שבעס און נתנס אַ זון, אויב ניט דאָס, פאַרוואָס רײַסט ער זיך אַזוי דעם פּעלץ פאַר שלמהן. ער מוז דאָך גאַנץ גוט ווייסן אַז שלמה טויג זיך ניט אויס פאַר דעם אַמט, אַז די קרוין פּאַסט אַזוי אויף אים ווי אויף אַ הונט אַ זאָטל. בת־שבען פאַרשטיי איך. זי, ווי אַ מאַמע, וויל האָבן נחת פון איר בן־יחיד און אויך פאַרגלעטן איר זינד. וויבאַלד ער און זי מיט אים זײַנען אַרויפגעשטויגן אַזוי הייך, ווי צו שאַפן אַ דינאַסטיע, וועט איר און דודס פיר פאַרגעסן ווערן ווי ער איז פאַרגעבן געוואָרן. אָבער, נתן, צוליב וואָס זאָל ער עס טאָן, סיידן ער איז דער טאַטע פון דער דאָזיקער אָנשיקעניש.

יואָב: צוליב וואָס טוט ער עס? איך האָב זיך עס עטלעכע מאָל געפרעגט. דײַן השערה האָט זיכער ניט אויף וואָס זיך צו האַלטן.

**חגית:** אָבער אין הויף האָט מען גערעדט וועגן די צוויי. בת־שבע פלעגט זייער אָפט לויפן צו נתנען, לויפן אַהין אַ דיק־פאַרשלייערטע אָן קיין שום באַגלייט אַפילו אָן עטרהן, אָן וועלכער, ווי אַ רעגל, זי פלעגט זיך קיין ריר ניט טאָן. בת־שבע פלעגט נתנען באַזוכן און זיך זאַמען ביי אים אין שטיבעלע, וואו אויסער אים איז קיינמאָל קיינער ניטאָ. זי האָט זיך געפירט גאַנץ טשיקאַווע: זיך אַרויסגנבענען פון הויף און דערנאָך, מיט עטלעכע שעה שפּעטער, זיך אַריינגנבענען אין הויף, אַזוי אַז קיינער זאָל זי ניט באַמערקן און ווען יאָ באַמערקן — ניט דערקענען. איך און מיינע באַדינערינס האָבן געהאַלטן אויף איר אַ וואַכזאַם אויג...

**יואָב** (האַקט זי איבער אומגעדולדיק): דיין חשד האָט קיין יסוד ניט. צו האָבן אַן „אַפערע" מיט נתנען דאַרף אַ פרוי זיין בלינד, און בת־שבע האָט צוויי שאַרפע קוקערס. זי פלעגט גיין צו אים כדי אים אַריבערצוגעווינען אויף איר צד און כדי צו מאַכן אים בייטן זיין מיינונג וועגן איר און דודס הנהגה... זי האָט זיך געוואָלט ריינוואַשן אין זיינע אויגן.

און וואָס איז דער מער מיט נתנען, וואָס ער שטעלט זיך איין פאַר שלמהן און וויל אים דווקא האָבן פאַר אַ מלך, אַ זאַך, וואָס יעדער בר־דעת קען זען אַז עס איז קרום ווי אַ קאַטשערע? מע קען פון שלמהן מאַכן אַ געהעריקן מלך ווי פון פראָסטן שקמה־האָלץ מאַכן אַ פידל. איך האָב אַן ענטפער אויף נתנס מאָדנער האַנדלונג.

אָט־די נביאים מיט זייערע חברותות פון „בני־נביאים" מאַכן זיך פאַר מטורפים, פאַר ווילדע מענטשן. זיי טאַנצן, זיי שפּרינגען, זיי גייען אַרום האַלב־נאַקעטע. דאָס ווערט אַלץ געטאָן מיט אַ מיין, כדי מע זאָל זיי ניט רודפן. זייער פּרעפּלען כסדר אלהימס וואָרט איז אַ שירמע, אַ פּראָטעקטיווער צודעק. באמת ווילן זיי אָנהאַלטן אָדער ריכטיקער, צוריקברענגען זייער הערשאַפט איבערן פאָלק. אין תוך גענומען זיינען זיי די ערגסטע, די פאַרביסנסטע שונאים פון דער ישראל־מלוכה. שמואל, דער נביא, איז געווען אַ דם־שונא פון דער מלוכה און ער האָט עס אַרויסגעזאָגט אָפן פאַרן עולם. און ווער האָט געשאַפן די פאַבל וועגן דיביימער וואָס גייען זאַלבן אַ קיניג און קיינער וויל דעם אַמט ניט אָננעמען, נאָר בלויז דער דאָרן כאַפּט זיך אָן אָן דעם מיט אַלע זיינע שטעכעלקעס. די נביאים זיינען אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון מלכות און זיי גייט עס אין לעבן די מדינה אומצוברענגען. זייער טענה איז אַז אַ מדינה איז אַ גוישער אויפטו. אַ „ככל־הגוים" זאַך. ישראל דאַרף האָבן נביאים, ניט קיין מלכים. עס איז אַ קאַמף, וואָס גייט אָן שוין אַ היפּשע ביסל יאָרן. זיי ווילן שאַפן פון ישראל אַ הייליק פאָלק. אַ פאָלק וואָס גיט

זיך אָפּ מיט הימלישע זאַכן, הענגט אינדערלופטן, האָט ניט קיין באָדן אונטער די פיס. זיי זיינען אָן ענערגיש געזינטל ווי אלע פאַנאַטיקער. זיי טוען זייער אַרבעט אין דער שטיל און איינגעהיים. זיי האָבן אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון ברודערשאַפטן איבערן גאַנצן לאַנד. זיי וואַרטן אויף אַ גינציקן מאָמענט זיך אַרויפצוואַרפן און חרוב מאַכן די ישראל־מלוכה. זיי באַהויפּטן אַז ביי ישראל טאָרן ניט זיין קיין הערשער, קיין געוועלטיקער. אַז די קינדער פון ישראל דאַרפן זיך האַלטן ביי דער הייליקער טראַדיציע. זיי זאָגן אַז אויף ישראל־לשון באַטייט דאָס וואָרט „מלך" אַן עצה־געבער. פון „נמלך" וואָס מיינט ער האָט זיך באַראַטן, זיך מיישב געווען, און אַז איר ווילט, נעמט איר אָן זיין עצה טובה און אַז איר ווילט ניט, נעמט איר ניט אָן. ער האָט ניט קיין רעכט אייך צו צווינגען אים פאָלגן. אַ מלך האָט ניט קיין מאַכט. דאָס אייגענע זאָגן זיי וועגן ממשלה און מושל. זיי לייטן עס אָפּ פון וואָרט משל, אַ ציור, אַ ביישפּיל. אַ „מושל", איז דער, פון וועמען מע דאַרף זיך אַראָפּנעמען אַ משל, ער דאַרף מיט זיין פיר אייך געבן אַ מוסטער פון הנהגה, דאָס אַלץ. ער טאָר ניט באַזיצן קיין אויטאָריטעט. נתן איז איינער פון זייערע לייטנדיקע גייסטער, כאָטש ער איז אַ יוצא־ונכנס אין קיניגלעכן הויף. זיין כוונה איז צו גראָבן און עגבויערן פון אינעווייניק, און אַזוי אַרום באַגראָבן די ישראל־מלוכה. דעריבער וויל ער טאָקע שלמהן פאַר אַ קיניג, ווייל ער האַלט אַז ער דער מלך גופא, איז געכאַפּט אין דער מעשה. ער האָפט אַז דורך שלמהן וועט זיך אים איינגעבן איינצוואַרפן דעם גאַנצן בנין פון ישראל־מלכות, וואָס שטייט סיי ווי ווי אויף הינערשע פיסלעך. און אויב מיר, די געטרייע זין און בויער פון דער מלוכה וועלן זיך ניט שטעלן אַנטקעגן מיט אונדזער גאַנצן כוח, מיט אונדזער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט, מיט יעדן אונץ פון אונדזער ענערגיע, וועט זיך אים טאָקע איינגעבן זיין טייוולאַנישער פּלאַן, וועלכן ער רופט „געטלעך" און די ישראל־מלוכה וועט אונטערגיין און ישראלס נאָמען וועט ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט. אַלע פעלקער וועלן פיינט האָבן די ישראלים, וועלן ווייכן פון זיי ווי פון קרעציקע, וועלן זיי פּלאָגן און יאָגן פון זיך; אָבער ביי זיי, ביי אָט־די צעדרייטע מוחות וועט עס באַטייטן אַז ישראל, דאָס אויסדערוויילטע פאָלק פון יהוה, פירט דורך זיין שליחות אין דער וועלט, גייט באַקערן אַלע פעלקער און זיי וועלן אַלע אַ תל־מאַכן פון זייערע מלוכות און מלכים, פון זייערע הערשאַפטן און הערשער.

אַצונד, חגית, באַגרייפסטו שוין אין וואָס דאָ גייט? נתן האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שלמהן ניט גלאַט אַזוי זיך, אָרעקגעשאָנקען אים גאַנצע דרייצן יאָר. ער האָט אים אריינגעקראָגן אין דערדאָזיקער פאַרצווייגטער און טיפ־

גייענדיקער פאַרשווערונג קעגן ישראל־מלכות. אדוניהו קעגן שלמהן איז ביי מיר ניט ניט קיין פראַגע בלויז פון אַ פּאַטערלעכער אַמביציע צו װעלן זען זיין זון קיניגן איבער ישראל. עס איז אַ סך מער ווי דאָס. עס גייט איז דעם צי ישראל וועט ווערן אַ גרויס פּאָליטיש פאָלק, שאַפן אַ גרויסמאַכט, אָדער עס וועט איינשרומפּן און דערנאָך איינגאַנצן אונטערגיין פּאָליטיש, ווערן אַ פאָלק פון פּאָליטישע טויגעניכטסן, פּאָליטישע שנאָרער וואָס וועלן אַוועק מיט דער טאָרבע איבער דער וועלט. חגית, באַגרייף! עס איז ניט קיין קאַמף פון פּערזאָנען און ניט קיין פראַגע פון איין דור. איך קאָן שטייט ישראלס צוקונפט. נתן מיט דער הילף פון שלמהן וועט אומברענגען די ישראל־מלוכה, חרוב מאַכן זי אויף שטענדיק און תמיד, איינמאָל פאַר אַלע מאָל. אַט־דער דורכפאַל אונדזערער וועט באַטייטן אַ זיג פאַר דער פאַר־פלוכטער סעקטע פון די „בני־הנביאים". זיי ווילן פאַרוואַנדלען ישראל אין אַ פאָלק פון מטורפים ווי זיי אַליין זיינען. זיי זאָגן אַז דאָס איז דער רצון פון יהוה. אַט אום וואָס עס גייט דאָ אָן דער טיטאַנישער שטרייט.

זעסטו, חגית, ווען איך האָב געפלאַנעוועט דעם אומקום פון אַבשלומען, האָט אין מיר געאַרבעט מיין פערזענלעך־פּאַטערלעכע אַמביציע. אָבער אין מיין קאַמף קעגן שלמהן ווער איך באַווירקט פון העכערע מאָטיוון, פון רייך אהבת־ישראלדיקע טעמים. עס ברענט אין מיר ישראל פּאַטריאָטיזם. אין שלמהס קיניגן זע איך און הער דעם דייטלעכן אָנזאָג פון אַ גרויסער קאַטאַס־טראָפע. ישראל שטייט פאַרדאַמט צו ווערן אויף אייביקע ייסורים. פאַרשטיי, חגית, און באַגרייף דאָס איז ערגער פון איינפאַכן אומקום. אומקום איז טויט. שטאַרבן איז דער גורל פון יעדן מענטשן און, אפשר, אויך פון יעדן פאָלק. שטאַרבן מוז אַלץ וואָס לעבט, ווי עס זאָגט דאָס ווערטל, וואָס איך האָב איינגעחזרט מיט דער פרוי פון תקוע, „עס איז אַזוי ווי וואַסער אויסגעגאָסן אויף דער ערד וואָס קען ניט אויפגעזאַמלט ווערן". ניט דעם אומקום פון ישראל גייען אַט־די נביאים מיט די „בני־הנביאים" פאַראורזאַכן. דאָס וואָלט נאָך זיין אַ קנאַפּע צרה. געלעבט, געבליט — און פאַרקוועלט, אַראָפּ פון דער אַרענע. ניין, ניט דאָס זע איך פאַר מיינע אויגן. איך שפּיר איז נתנס האַנדלונג, אין אַרויפזעצן שלמהן אויף דודס טראָן עפּעס וואָס איז פיל ערגער, פיל גיהנמדיקער ווי פּשוטער טויט און אומקום. איך זע אַן אייביקע גסיסה, אַ מאַטערניש, אַ פּלאָגעניש, וואָס האָט ניט קיין ענד. דאָס איז טויזנט מאָל ערגער פון טויט. זיי ווילן פאַרוואַנדלען ישראל אין אַ פאָלק וואָס וועט זיך אייביק פּלאָגן, שטענדיק אויסגעריסן ווערן, בעטן אויף זיך דעם טויט און ניט קענען שטאַרבן. ווייל אויך צום שטאַרבן דאַרף מען האָבן אַ ביסל מוט,

אַביסל כּוח. ישראל אויסער זייערע הענט וועט ווערן אַ „גוי קדוש“, אַן אייביקער מאַרטירער אָן קיין תכלית און אָן קיין צוועק. ישראל וועט ניט לעבן און ניט שטאַרבן. ער וועט זיך אַרומבלאָנקען אויף דעם עולם התהו, געשליידערט ווערן אין אייביקן כּף־הקלע. ער וועט זיך יאָגן נאָך אַ וויסטן מיראַזש פון אַ מלכות־שדי, פון אַ מלכות נביאים. ער וועט זיך אַרומטראָגן מיט אַ כימערע־געדאַנק צו דערגרייכן אַ צושטאַנד, ווען אַלע וועלן ווערן נביאים, „מי יתן והיה כל עם ה׳ נביאים“, און ניט בלויז דער עם־ה׳, נאָר די גאַנצע מענטשהייט... מיט אַזעלכע משוגענע חלומות וועט זיך ישראל־פאָלק אייביק אַרומשלעפּן איבער דער וועלט און וועט אייביק אויסגעלאַכט ווערן, אייביק פאַרשפּיגן ווערן, אייביק צעטראָטן ווערן אונטער די פיס פון די הערשנדיקע פעלקער. ער וועט זיין אַ וואָרים, וועט ליגן אין דער אַדמה און זיך איינשמועסן, אַז ער שוועבט אין די הימלען און שווימט צווישן די שטערן און באַוויגירט צווישן די מילכשטעגן.

אָט־די נתנס און שלמהס וועלן אונדז אומגליקלעך מאַכן אויף תמיד און תמיד. זיי נעמען אַ יונג פאָלק פון קריגערס, שלעגערס, דעראָבערערס, לענדער־פאַרנעמערס, אימפּעריע־בויערס און ווילן אים פאַרגילגולן אין אַ באַנדע שלעפּוירים, וועלט־בעטלערס, וואָס וועלן שטאַרבן פאַר אַ פאָליטישער סקאָרינקע און זיך אַרומטראָגן מיט וויסטע פּלענער ווי צו דערפילן די פּגימות פון דער לבנה, ווי איבערצושאַפן דעם גאַנצן באַשטאַנד. מיין קאַמף קעגן נתנען און שלמהן איז דאָס ווערן זיך פון געזונטן ערדישן פאָלקס־חוש קעגן אַן אָנפאַל פון אַ געטלעכן טירוף, אַ געטלעכער פאַרשיכורטקייט.

זיי האָבן זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַ ווילדן געדאַנק: אַזוי ווי זיי זיינען געווען שקלאַפן אין מצרים און זיי האָבן זיך באַפרייט, לכן ליגט אויף זיי אַ התחייבות צו ווערן די באַפרייער פון אַלע קנעכט און דינסטן פון דער גאָרער וועלט. אַ קנעכט, אַז אים געלינגט באַפרייט צו ווערן, דאַרף פאַרגעסן, זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ זיין צרהדיקע פאַרגאַנגענהייט, ניט האַלטן אין איין איבערחזרן: „געדענק אַז דו ביסט געווען אַ שקלאַף אין לאַנד מצרים!“ מיט קנעכטשאַפט איז זיך ניטאָ וואָס צו גרויסן, זיך איבערנעמען. שקלאַפעריי איז אַ שאַנדע ניט בלויז אַן אומגליק! מע דאַרף אָפּמעקן די שפּורן פון אַזאַ שאַנד־פולן עבר. די „בני הנביאים“ הערן ניט אויף צו פידלען אויף אָט־דער סקרי־פּנדיקער סטרונע פון פאַראייביקן אין אָנדענק דעם געוועזענעם שקלאַפן־צושטאַנד.

זיי טראָגן זיך אַרום מיט דעם רעיון, אַז זיי זיינען אַן אויסלייזער־פאָלק, ניט קיין געוויינטלעכס פאָלק.

איך בין אַפילו ניט זיכער, אַז די־גאַנצע מעשה וועגן מצרים קנעכטשאַפט איז היסטאָריע און ניט אַ פאַנטאַסטישע אויסטראַכטעכץ, כדי צו האָבן אַן אויסרייד פאַר ארויפלייגן אויף די שולטערן פון ישראל־פאָלק דעם עול פון גאולה און אים איינשפּאַנען אין דעם אויסלייזונג־וואָגן.

נאָר אויב עס איז אַפילו געשיכטע, איז וואָס? וועלכן שלוס דאַרף מען פון אָט דעם היסטאָרישן פאקט ציען? אַזוי ווי מע האָט אונדז פאַרשקלאַפט, ווען מיר זיינען געווען שוואַך, אַזוי דאַרפן מיר אַ צוגד, ווען מיר זיינען שטאַרק, פאַרשקלאַפן אנדערע פעלקער, וואָס זיינען שוואַכער פון אונדז, און דאָס וועט דינען פאַר דער בעסטער גאראַנטיע קעגן אונדזער אַריינפאַלן אין דער זעלביקער צרה פון פאַרשקלאַפט־זיין נאָך אַמאָל. אָט־די גאולה־מחלה מיט וועלכער די נביאים ווילן אָנשטעקן דעם אָרגאַניזם פון ישראל־פאָלק קען האָבן איין פועל־יוצא — אומגליק, צרות, פורעניות. מיט איין וואָרט, מיר דאַרפן זיין ווי אַלע, ניט ערגער און ניט בעסער, אַ געזונט פאָלק אָן מיחושים, אָן איינריידענישן פון אויסדערוויילט־זיין וואָס מיינט זיין דער אייביקער שעיר־לעזאזל, דאָס כפרה־הענדל פון דער גאַנצער מענטשהייט.

חגית: איך קען ניט נאָכפאָלגן דעם זיגזאַגישן גאנג פון דיינע געדאַנקען, איך שפּיר, אָבער, אַז אדוניהו דאַרף זיין דער מלך פון ישראל.

איך האָב אַלע מאָל געוואוסט, און ווער וויס עס ניט אין ישראל־לאַנד און אין אַלע שכנישע לענדער אַרום ישראל־לאַנד, אַז דו ביסט אַ גרויסער קריגספירער — און פרויען ווערן פאַרכאַפּט פאַר אַ העלדישן מאַן, אָט־דער שוואַכער געשלעכט פאַרהערלעכט דווקא גבורה — אָבער אַז דו ביסט אַזאַ חכם, האָב איך זיך ערשט היינט, אָט־איצט זיך דערוואוסט. ניט אומזיסט האָסטו מיר פאַרדרייט מיין שוואַך קעפּל... איך האָב זיך דיר איבערגעגעבן, ניט ווי אַ באַלאַגערטע שטאָט וואָס דו ביסט געוואוינט צו באַצווינגען, איינ־נעמען מיט שטורם און געוואַלד.

יואָב (לאַכט): דו דערמאָנסט אַלטע זאַכן. אָבער דעם אמת זאָגנדיק, ביי אונדזביידן איז עס לכתחילה געווען מער אַן אַקט פון נקמה, ווי פון ליבע. איך האָב זיך געוואָלט נוקם־זיין אין דודן, אים אָפּצאָלן מדה כנגד מדה פאַר זיין נידערטרעכטיקער האַנדלונג קעגן אוריהן, דעם בראַוון זעלנער. איז ווי האָב איך עס אַנדערש געקענט טאָן ווי זינדיקן מיט איינער פון זיינע ווייבער און דערנאָך אים דערמאָרדן...

דאָס דערמאָרדן איז געווען, פאַרשטייט זיך, בלויז דער שוים אויפן בעכער וויין פון ראַכע געפיל... דאָס איז געווען לאַוו־דווקא, דאָך האָב איך, כאָטש אויפצופלייסן, אַ היפּשע ווילע געניאַנטשעט אָט־דעם מאָרד־געדאַנק.

זיין האַנדלונג קעגן אוריהן האָב איך געפילט ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. ער האָט פאַרשעמט דעם גאַנצן חייל, וואָס בראַדזשעט אין בלוט ביזן האַלדז און אַלץ פאַרן וואוילזיין פון קיניג. און וואָס טוט דער קיניג בשעת זיינע חיילות שטייען הינטער די ווענט פון שונאס פעסטונג, פון וועלכער דער שונא שיסט אויף אים מיט פאַרגיפטיקטע פיילן, גיסט אויף זיי ברענענדיקע סמאָלע, וואַרפט אויף זיי פון דער הייך פון די טורעמס שווערע שטיינער—וואָס טוט דער קיניג? ער לאָזט זיך וואוילגיין מיט דעם ווייב פון איינעם פון די קאָמאַנדירן; און ווען דאָס ווייבל פאַרשוואַנגערט, באַפעלט ער מע זאָל דעם קאָמאַנדיר אַוועקשטעלן אויף אַן אַרויסגערוקטער געפערלעכער פּאָזיציע כדי ער זאָל דערהרגעט ווערן אויפן שלאַכטפעלד... און ער זאָל קענען פראַנק און פריי, שוין געזעצלעך לעבן מיט דעם דערמאָרדעטן מאַנס ווייב...

און דיך האָט מתמא אויך באַהערשט אַ געפיל פון באַליידיקונג און דו האָסט זיך געוואָרפן אין מיינע אָרעמס. די ליבע אונדזערע איז געקומען ערשט שפּעטער.

חגית: זיכער האָב איך זיך געפילט באַליידיקט...אַלע מאָל נעמט ער זיך פאַר אַ ווייב אַן יינגערע... אָבער איך בין אין דיר געווען פאַרליבט ווי אַ זעכצן־יאָריק מיידל. איך האָב דיך, ממש, פאַרגעטערט.

יואָב: דערנאָך האָב איך זיך אין דיר אַזוי פאַרליבט, אַז איך בין געווען געצוואונגען צו טראַכטן אַז דער ראַכע־אימפּולס איז געווען בלויז אַ תירוץ צו כשר'ן, פאַרענטפערן, אונדזערע באַציאונגען.

יואָב געזעגנט זיך, דריקט אַרויף אַ קוש אויף חגיתס צעקנייטשטער אָבער דיק אָנגעשמינקעווטער, באַק, און לאָזט זיך גיין צום אַרויסגאַנג. ער קערט זיך אום, גייט צו צו איר נאָענט, קוקט איר אַריין אין די אויגן און גיט אַ זאָג: אונדזער געפעכט קעגן די צעשטערערישע כוחות, וואָס לויערן אויף ישראלס מערכה, איז נאָך ניט פאַרלאָרן.

חגית: פאַרגעס ניט וועגן צוטראַכטן אַ משפּט. דו ביסט דאָך עפּעס אַ ווירטואָז אין די ענינים.

יואָב: דאָס איז שוין אַזוי גוט ווי צוגעטראַכט. אָבער, דו, זע אַז אַ גרויסער עולם זאָל קומען. וואָס גרעסער דער עולם אין געריכטזאַל, אַלץ גרעסער וועט זיין זייער אַנטוישונג און אַלץ טיפער און גיכער זיין נידערפאַל.

חגית: איך וועל צעשיקן מינדלעכע איינלאַדונגען דורך מיינע דינער און דינסטן צו אַלע אונדזערע באַקאַנטע און זיי צוזאָגן אַן אינטערעסאַנטן ספּעקטאַקל. און צווישן עולם וועלן מיר פאַרשפּרייטן קלאַנגען אַז שלמה גייט

דעמאָנסטרירן זיין חכמה, ווי אַ ריכטער, אַזוי אַז עס וועלן שטראָמען אין געריכטס־פּאַלאַטע סיי פריינט און סיי פיינט פון דעם קיניג, און עס וועט דאָרט זיין אַ ריזיקער עולם. און אפשר וועט זיך אומדז איינגעבן צו אימפּראָ־וויזירן דאָרט אַן אָפענעם אַרויסטריט, אַ דעמאָנסטראַציע קעגן קיניג, וואָס קען זיך אַמאָל צעוואַקסן אין אַן אויפשטאַנד... מיר'ן זען...

## 6

## דער משפט

דער זאַל פון געריכט איז אָנגעפּאַקט, די ווענט ווערן שיער ביט צעשפּאַרט. אַלע זייבען געשפּאַנט. מע דערוואַרט עפּעס אויסערגעוויינטלעכעס. אַלע ריידן, אַלע זשעסטיקולירן. פון וויטן האָט מען געקענט מיינען אַז אַ ים ברויזט, אַזאַ געזשוזשעריי און געקלאַנגעריי האָט זיך געטראָגן. פּלוצלונג ווערט שטיל ווי אין אַן אויער. דער יונגער קיניג האָט זיך באַוויזן. אַלע האָבן זיך גענויגט און געבוקט אויפוויפל דאָס געדרענג האָט דערלאָזט די דאָזיקע באַוועגונגען דורכצופירן. שלמה פאַרנעמט זיין פּלאַץ אויפן טראָן. פון דער רעכטער זייט שטייט אחישר, דער אויפזעער איבערן קיניגלעכן פּאַלאַץ, פון דער לינקער זייט שטייט יהושפט, דער זון פון אחילוד, אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע. ער איז דער דערמאָנער.

צוויי וועכטער, פון זייערע לעדערנע גורטן זייגען אַראָפּגעהאָנגען בלאַנקענדיקע שפּיזן, אָנגעטאָן אין גרוילעכע טוניקס, פירן אַריין צוויי זונות פון די זעלביקע יאָרן כמעט און פון זעלביקן געוואוקס. זיי זיינען געווען געוויינטלעכע הורס, ניט קיין קדשות פון עשתרות אָדער כמוש. ביידע יונג, שיין און רייצנדיק. די באַקן אָנגעשמינקעוועט, די ליפּן אָנגערוזשט אַזש עס דוכט עס שפּריצט פון זיי בלוט. זייערע אויבערשטע מאַנטלען פון גראָבן וואָל האַלב צעעפנט אַזוי אַז מ'האָט געקענט זען זייערע העמדער און אונטער־קליידלעך פון דינעם לייגען. אַ דורכזיכטיקע דינע וואואַל סיעטקע, וואָס האָט אָנגעצייגט אויף זייער באַרוף, האָט צוגעדעקט זייער האָר־פריזור, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן אַ שטאַרקער ריח פון פּערפיומירטן ביימל. די קעפּ פאַרבונדן מיט שטערנבענדער. פּאַלש־גאָלדענע בראַסלעטן האָבן באַצירט זייערע אָרעמס און שווערע באַגילטע אוירינגלעך זייגען אַראָפּגע־

האָנגעַן פון זייערע עווערן און זיך געבאָמבלט מיט יעדן טראָט וואָס זיי האָבן געשטעלט. אין זייערע בעזער האָבן זיי געהאַט באָזרינגען. זיי זיינען אַריין שוועבנדיק, געשטעלט געמאָסטענע טריטעלעך אויפוויפל די טריטקייטלעך האָבן דערלאָזן. אויף די בריסטן האָבן זיי געטראָגן רויטע טיכלעך, וואָס האָבן זייערע בוזימער צוגעגעבן אַרויסשטאַרטשונג. איינע פון זיי האָט געהאַלטן אַן עופעלע אין אירע אָרעמס.

נאָך זיי איז אַריין אַ יונגע פרוי, זייער אָרעם געקליידט. זי איז געבליבן שטיין ביי דער טיר.

ביידע יונגע זונות האָבן זיך געבוקט פאַרן טראָן און ביידע האָבן אויפֿאַמאָל אויסגעשריען:

— דערבאַרים זיך אויף מיר, האַר קיניג!

יעדע איינע האָט געוואָלט זיין די ערשטע אויסצולייגן אירע טענות און מאָנענישן. זיי האָבן געוויינט אויפן קול, זיך געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער. זיי האָבן זיך געוואָרפן איינע אויף דער אנדערער אין אַן אומגעלונגענעם פאַרזוך אויסצודראַפּן די אויגן און אויסרייסן די האָר. די שומרים האָבן זיי מיט געוואַלט פאנאנדערגענומען, און קוים מיט צרות, פראָסט מיט דראָונגען מיט זייערע שפּיזן קוים איינגעהאַלטן און איינגעשטילט.

די עטלעכע כּוהנים וואָס זיינען געשטאַנען הינטערן טראָן האָבן קוקנדיק אויף זיי, געמאַכט זויערע געזיכטער און אַ זאָג געטאָן:

— גראָבע שטיק פלייש, געמיינע זעלנערשע הורס....

דערביי איז געשטאַנען אַ לייבגוואַרדייער און ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן זעלנערשן כבוד. אים האָט פאַרדראָסן דער ביטול־טאָן פון די פאַררי־סענע ביי זיך כּוהנים.

— זעלנערשע הורס, האַ? און איר קרימט זיך?! הורס קומען די זעלנער גאַנץ גוט צוניץ. אייער בלאָזן אין די האָרנס און אייער מאַכן הקפות אַרום יריחו מיט דעם אָרון פון בונד וואָלטן וויניק אויפגעטאָן ווען ניט רחב, די הור, וואָס האָט אַרויסגעהאָלפן יהושען און זיינע חיילות...

דער געריכט־סעקרעטאַר האָט געהייסן די מאָנערין צו זיין די ערשטע און אַרויסברענגען איר אָנקלאַגע.

זי האָט זיך געבוקט פאַרן טראָן און אָנגעפאַנגען:

— איך בעט דיך, מיין האַר קיניג, איך און די דאָזיקע פרוי וואויבען אין איין הויז, און איך האָב געבאָרן אַ קינד. און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג נאָך מיין געלעגן ווערן, האָט אויך די דאָזיקע פרוי געבאָרן: און מיר זיינען געווען זאַלבעַנאַנד. קיינער איז מיט אונדז ניט געווען אין הויז. בלויז

מיר צווי. איז געשטאָרבן דאָס קינד פון דערדאָזיקער פרוי ביי דער נאַכט, ווייל זי איז געלעגן אויף אים און האָט אים דערשטיקט אין שלאָף, ווי עס פּאַסירט אַמאָל. איז זי אויפגעשטאַנען אין מיטן נאַכט און האָט אוועקגענומען מיין זון פון לעבן מיר, בעת איך, דיין דינסט, בין שטאַרק געשלאָפן, און זי האָט אים געלייגט אין איר בוזעם. און איך בין אויפגעשטאַנען אינדערפרי אָנצוזויגן מיין זון, ערשט ער איז טויט. אָבער אַז איך האָב אים באַטראַכט, האָב איך זיך אַרומגעזען אַז עס איז ניט מיין זון וואָס איך האָב געבאָרן. דאָס איז אַלץ, מיין האַר קיניג, וואָס איך האָב צו זאָגן. איך פאָדער אַז זי זאָל מיר אָפּגעבן מיין זון.

האָט די צווייטע זונה זיך געבוקט פאַרן טראָן און האָט געזאָגט:

— ניין, מיין האַר קיניג! מיין זון איז דער לעבעדיקער און איר זון איז דער טויטער.

די ערשטע שרייט:

— ניין! נייערט דיין זון איז דער טויטער און מיין זון איז דער לעבעדיקער.

שלמה האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז עס איז אַן אָפּגעמאַכטע זאַך צווישן זיי. ער האָט באַגריפן אַז די „אָפּאָזיציע" שטעקט הינטער דעם: מע וויל אים פאַרשעמען פאַרן עולם, וואָס איז געקומען אויף חידושים און באַוויזן זיין אומבאַהאָלפנקייט אין אנטשיידן אַזאַ פאַרפּלאָנטערטן סכסוך. שלמה האָט געטראַכט: אויפדעקן דעם שווינדל איז אַ לייכטע זאַך, ווען מע נעמט די פרויען אויף אַ שטרענגן פאַרהער און מע שרעקט זיי אָן אַביסל, וועלן זיי זיך מודה זיין און ארויסגעבן די וואָס האָבן באַצאָלט פאַר שפּילן אָט־די סצענע. אָבער דאָס וועט ניט געבן דעם נויטיקן עפעקט, וועט ניט מאַכן קיין שטאַרקן רושם אויף די צוהערער און צוקוקער וואָס פילן אָן דעם זאַל. זיי שפּילן, איך וועל זיי וויזן, אַז איך קען בעסער שפּילן.

און שלמה האָט געזאָגט:

— דערלאַנגט מיר אַ שווערד.

האָט מען אים דערלאַנגט אַ שווערד.

האָט ער זיך אָפּגערופן צו איינעם פון דער וואַך:

— דו ביסט אַ בראַווער מאַן, נאַ דיר די שווערד, אַצונד נעם דאָס קינד, לייג עס אַוועק אויפן טיש, און צעשנייד אים אויף צוויי גלייכע חלקים, און ביידע וועלן קריגן צו העלפט פון קינד.

דער עולם איז געוועזן אויפגעבראַכט:

— אַזאַ אַכזריות! אַזאַ אכזריות!

דער וועכטער האָט גענומען די שווערד פון קיניגס האַנט און צוגענומען דאָס קינד פון דער פרוי, עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש וואָס פאַרן טראָן. דאָס קינד האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. זיך געצאַפּלט און געוואָרפן.

די צוויי הורס האָבן געשריען:

— גוט! דאָס איז יושר! ניט מיר און ניט איר!

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַן אַנגסט־געשריי פון דער אָרימער פרוי, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט נאָכגעפאָלגט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. זי האָט אויסגעשריען:

— טשעפּעט ניט דאָס קינד!

זי האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם און געפאַלן אויף איר געזיכט פאַרן טראָן:

— מיין האַר קיניג דערבאַרים זיך!

שלמה האָט געזאָגט:

— דאָס קינד איז אירס און גיט עס איר. זי איז אַן אָרימע אַלמנה און זי האָט איר קינד פאַרדונגען אויס נויט. זעט אַז זי זאָל קריגן אַרבעט אין הויפּס קיך. די צוויי קורטעזאַנקעס טרייבט אַרויס פון געריכטסזאַל און זאָלן זיי ניט מיינען, אַז דעם קיניג קען מען לייכט אָפּנאַרן.

דער עולם אין זאַל איז געבליבן אויף איין אויגנבליק, שטיל ווי אָן אָטעם פון באַוואונדערונג און גלייך אויסגעבראָכן ווי איין מענטש אין אַן אויסרוף:

„עס איז ניט געווען און עס וועט ניט זיין אין ישראל אַזאַ קלוגער שופט, ווי אונדזער קיניג שלמה. יהוהס חכמה איז אין אים! לאַנג זאָל לעבן דער קיניג!

אַלע האָבן זיך געבוקט און געפאַלן אויף זייערע פּנימער.

דער קלאַנג וועגן דער דאָזיקער אַנטשיידונג האָט זיך בליץ שנעל צעטראָגן איבער ירושלים און פון ירושלים איז עס אַוועק איבערן גאַנצן לאַנד. אומעטום, אין שטעט און אין דערפער, וואו מענטשן האָבן זיך באַגעגנט האָט מען גערעדט וועגן דעם משפּט.

דער אַלגעמיינער צושטים איז געווען: אַן אויבערמענטשלעכע חכמה איז דער אַרב פון קיניג צו טאָן גערעכטיקייט, ווי קיין שופט פאַר אים.

# ז

## שלמה זוכט שלווה אין שידוכים און בויען

אויף אַ ווײַלע האָט אויסגעזען אַז שלמה איז געקומען צו זיך. ער האָט זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט פֿון אַרײַננעמען אין די הענט די לייצעס פֿון דער רעגירונג און פֿאַרזיכערן זיך קעגן די פֿאַרשווערער פֿון אינעווייניק און פֿאַרפֿעסטיקן זי קעגן אירע שכנים שונאים און זי אַרומנעמען מיט אַ רינג פֿון פֿעסטונגען אויפֿגעשטעלט אויף די גרעניצן. אָבער ווי נאָר אָט־דער אָנפֿאַנגלעכער פּעריאָד פֿון פֿאַרפֿעסטיקן דעם טראָן, ער זאָל זיך ניט וואַקלען אונטער אים, איז פֿאַריבער, און קיין געפֿאַר האָט מער ניט געדראָט ניט אים און ניט בת־שבען און ניט נתנען זײַן רבין, אַזוי האָט זיך אומגעקערט צו אים די בענקעניש און נאָגעניש. זיי האָבן נאָך פֿאַרטאָפּלט זייער קראַפֿט און האָבן אים געפּײַניקט מער ווי פֿריער, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויפֿמאָנען דאָס וואָס זיי האָבן פֿאַרפֿעלט פֿאַר דער צײַט וואָס ער איז געווען פֿאַרטאָן מיט ראַטעווען זיך, און זײַן מוטער און דאָס קיניגרײַך פֿון ישראל עס זאָל ניט צעשפּליטערט ווערן.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער זײַנע צימערן אַ פֿאַרחושטער. ער האָט ניט געהערט וואָס מ׳האָט גערעדט צו אים. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפֿינען. פֿאַר זײַנע אויגן איז געשטאַנען נעמה, איר געזיכט איז געווען אָפּגעמאָלט אויף די ווענט, אויפֿן דיל, אויפֿן סופֿיט, וואוהין ער האָט נאָר אַ וואָרף געטאָן אַן אויג — האָט ער זי געזען.

ער איז ניט געשלאָפֿן קיין נעכט. אין קאָפּ זײַנען אים געקראָכן געדאַנקען וועגן אָנטאָן זיך אַ מיתה־משונה און באַפֿרײַט ווערן פֿון זײַנע יסורים.

בת־שבען, מיט איר מוטערש אויג, האָט לאַנג ניט געקענט צו באַמערקן אַז איר זון שלמה איז אַ האַרץ־פֿאַרוואונדעטער. זי האָט פּרובירט מיט אים ריידן צום אָנפֿאַנג מיט וואונקען, מיט טונקעלע אָנצוהערענישן. זי האָט אַלץ געהאָפֿט אַז ער וועט אַרויסקומען מיט אַ ווידוי, ער וועט זיך אין איר פֿאַרטרויען. ער האָט אָבער עקשנותדיק געשוויגן. אַצונד האָט זי גענומען ריידן צו אים קלאָרע דיבורים, דהיינו, אַז עס איז שוין צײַט ער זאָל חתונה האָבן, זיך פֿאַרזאָרגן מיט אַ קרוין־יורש. אַ מענטש לעבט ניט אייביק, און דאָס פֿעלד פֿון לעבן דאַרף מען פֿאַרזייען, ווען מע איז יונג און בײַ די פֿולע ברויזנדיקע קרעפֿטן. זי איז באַרעכטיקט צו האָבן אַן אייניקל, צו דערלעבן נחת פֿון אים, אַזוי אַז זי זאָל קענען אַוועקגיין פֿון דער זינדיקער וועלט אַ

באַרואיקטע, מיט דעם באַוואוסטזיין אַז די קייט פאַרמאַגט ווייטערדיקע רינגען, און זי וועט ניט איבערגעריסן ווערן. ער איז נאָך יונג און ער האָט זיך ניט וואָס צו איילן. דאָס איז אמת. ער האָט נאָך גענוג צייט אויפצוטאָן זיינס. אָבער זי איז שוין ווייט־ווייט פאַרפאָרן פון איר יוגנט.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה שידוכים, וואָס האָבן געהאַט אונטער זיך אויך דיפּלאָמאַטישע חשבונות: זיך פאַרבינדן מיט די אַרומיקע מדינות, דורך חתונות און אַזויאַרום פאַרזיכערן די מדינה און שאַפן זיך פאַרבינדעטע, אַליאַנצן, וואָס וועלן זיך האַלטן אויפן יסוד פון קרובהשאַפט, אויפן יסוד פון בלוט פאַרוואַנדשאַפט. ער און די קיניגן פון די אַרומיקע לענדער וועלן פאָרמירן איין געשלאָסענע, דורך מחותנעשאַפט, משפּחה.

ער האָט אויך גענומען פאַר אַ ווייב און קיניגין פּרעהס טאָכטער, נאַג־סאַרא. פּאָליטיש איז אָט־דער שידוך געווען אַ גלענצנדיקער טריאומף. מצרים איז געווען אַ גרויסמאַכט, כאָטש אין דעם פּעריאָד היפּש אָפּגעשוואַכט, יעדנפאַלס א סך מעכטיקער פון מדינת ישראל.

פּרעה האָט געגעבן זיין אײדים, שלמהן, גזר אין נדן צו זיין טאָכטער. אדוניהו בן יהוידע האָט פּרובירט איינצונעמען גזר, אָבער ער איז דורכגעפאַלן און האָט פאַרלאָרן צוליב אָט־דעם דורכפאַל אַביסל פּרעסטיזש ווי אַ גרויסער קריגספירער. אָבער פּרעה האָט באַצוואונגען גזר און עס פאַרברענט און דעם כנעני, וואָס איז געזעסן אין שטאָט האָט ער אויסגעהרגעט. שלמה האָט זי אויפגעבויט און זי פאַרוואַנדלט אין א שטאַרקער פעסטונג.

נאַגסאַראַ איז אַראָפּגעקומען קיין ירושלים מיט גרויס פּאָמפּ און מיט אַ סוויטע פון יונגפרויען, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ געהויבענער בת־מלך. זי איז אַריינגעפאָרן דורך דעם „פאָנטאַן־טויער“ אין אַ זילבערנעם רייטוואָגן. דער געשפּאַן פון די פערד איז געווען באַצירט מיט די טייערסטע פעדערן. די סאַמעטענע פּאָפּאָנעס פון די פערד זיינען געווען אויסגעהאָפטן מיט עקזאָ־טישע בלומען. נאָך דעם רייטוואָגן האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער קאָרטעזש פון שקלאַפן, זיי האָבן געטראָגן קריג און פלאַקאָנען. יונגע שיינע שקלאַפינס, אַלע פון זעלביקן געוואוקס, זיינען געווען געהילט אין דורכזיכטיקע טיולן. זיי האָבן געטראָגן אין די הענט האַרפן, גיטאַרן, פליטן, צימבלען און טאַמ־בורינען. אייניקע פון זיי זיינען געווען פּריסטערינס.

שלמה, מיט זיין סוויטע און אין באַגלייט פון זיין לייבגוואַרדיע אויסגע־קליידט אין בלויע טוניקס מיט גאָלדענע שילדן און מיט בלויזע שווערדן מיט העלנטלעך געפלאַסטערט מיט טייערע שטיינער, האָט זי אָפּגעוואַרט ביים טויער. מע האָט זי גלייך אַריינגעזעצט אין אַ באַגילטן טראָגבעטל

געמאַכט פון צעדערהאָלץ און איבערגעדעקט מיט אַ באַלדאַכין, אַן אַפּריון, פון רויטן פּליוש, אויף וועלכן עס זיינען געווען דורכגעשטריקט, מיט גאָלדענע און זילבערנבע פעדים, מאָנאָגראַמען פון איר און שלמהס נאָמען אריינגעפלאָכטן צווישן די מזלות וואָס זיינען געווען אויסגעהעפּט אויף אַ תכלת־הינטער־גרונט.

מע האָט זי געטראָגן מיט אַ פּראָצעסיע פון שטורקאַצן און פייערווערק, אונטער די טענער פון שאַלנדיקער מוזיק פון אַן אָרקעסטער, וואָס איז באַשטאַנען פון שפּילער אויף פאַרשיידענע אינסטרומענטן.

מיט זיינע ברייטפאַרצווייגטע שידוכים האָט שלמה פאַרפאָלגט אויך אַ צווייטן צוועק. ער האָט פאַר זיינע אַגענטן־שדכנים אָפּגעמאָלן אין אַלגעמיינע שטריכן דעם אויסזען פון נעמהן און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז ווען זיי באַגעגנען אַ יונגפרוי וואָס איז ענליך אויף דער באַשרייבונג, זאָלן זיי זי קריגן פאַר אים; רעכט פאַר אַ ווייב, רעכט פאַר אַ קעבסווייב. ער האָט זיך אַזוי איינגעשאַפט אַ האַרעם פון טויזנט פרויען, זיבן הונדערט ווייבער, דריי הונדערט קעבסווייבער. ער האָט געהאָפט אַז צווישן אַזאַ מענגע וועט זיך אפשר אָפּזוכן נעמה. ער איז געווען אַנטוישט און זיין פאַרביטערטקייט האָט ער אויסגעדריקט מיט דעם ווערטל: „אַ רעכטע פרוי איינע פון טויזנט האָב איך נית געפונען". ער האָט ניט געפונען די, וועמען ער האָט געזוכט, וואָס איז אים געווען טייערער פון זיין לעבן. אָן איר איז זיין לעבן געווען ערגער פון טויט, אַ הוילע שטענדיקע קווענעניש, מאַטערניש, אָפּקומעניש. ער ווערט געטריבן, ממש, צום ראַנד פון אָפּגרונט, וואָס הייסט טירוף־הדעת.

ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די שידוכים, האָט ער אויך געשיקט אַ שליח צו עכסהן אין מדין. ער האָט געהאַט בדעה זי צו נעמען פאַר אַ ווייב און אפשר אויך מאַכן זי פאַר די קיניגן.

דער שליח איז אוועק, זיך געזאָמט עטלעכע חדשים, געקומען צוריק און איבערגעגעבן דעם קיניג שלמהן אין קורצן די לעבנסגעשיכטע פון דער יונגפרוי, דער איינציקער טאָכטער פון פריטער זכור, ווי מע האָט אים דערציילט אין דאָרף בטופה.

„זי האָט זיך געהאַט פאַרליבט אין אַ פאַסטעך. דער אַלטער פריסטער האָט ניט געוואָלט געבן דעם פאַסטעך־יונג זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. די איינוואוינער פון דאָרף זיינען אַלע ווי איין מענטש געווען קעגן פאַסטעך פאַר זיין אָפּשפּאָטן פון זייערע געטער, און פאַרשוועכן זייער טעמפּל. האָבן זיי אים געוואָלט הרגענען. האָט זי, די געליבטע, אים אויסבאַהאַלטן. דערנאָך איז ער פאַרשוואונדן. וואַרשיינלעך איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן

ליגנדיק אין דער פאַרשטיקטער באַהעלטעניש צו לאַנג, מעגלעך אַז ער איז אַנטרונען. די דאָרפסלייט ווייסן ניט אויפגעוויס וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

אָבער עכסה האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַז ער איז פאַרשטיינט געוואָרן פון די אײַנוואוינער פון דאָרף נטופה. האָט זי אַליין אָנגעהויפט אַ בערגל שטיינער אויף זיין קלאָמפּערשטן קבר. און ביי יענעם בערגל פלעגט זי אָפּזיצן גאַנצע טעג און נעכט און באַוויינען איר אומגעקומענעם געליבטן. אַז עמיצער פון די דאָרפסאײַנוואוינער איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען נאָענט צו יענעם בערגל פלעגט זי זיך אויף אים וואַרפן און אים וועלן אויסדראַפּן די אויגן. זי האָט געהאַט אַן אומגעוויינטלעכע גבורה אין זיך. זי איז געווען ווילד צעריצט, ווי אַ פאַרוואָרפענע לייביכע. אַלע האָבן געציטערט פאַר איר אַזאַ אַכזריותדיקע שטאַרקייט האָט זי אַרויסגעצייגט אין אירע אָנפאַלן אויף די פאַרבייגייער־מאַנצבילן.

אַזוי זיינען פאַראיבער עטלעכע יאָר.

פון וואָס און ווי אַזוי זי האָט זיך גענערט די אַלע יאָרן פון איר אָנהאַלטן אַבילות און האַלטן שטרענגע וואַך איבער זיין קבר, ווייס קיינער ניט. זיי זיינען משער אַז זי האָט זיך געשפּייזט מיט ווילדע קרייטעכער און שוואָמען, וואָס זי האָט געקליבן אין די פעלדער, און אויך מיט אייער פון די פייגלען וועמענס נעסטן זי פלעגט נישטערן און אויסליידיקן.

אירע קולות פון באַוויינען איר געליבטן האָבן זיך געטראָגן איבערן דאָרף. איבערהויפּט פלעגן זיי פאַרשטאַרקט ווערן נאָך האַלבער נאַכט, דעמאָלט האָט זי געיללהט אַזוי, אַז זי האָט פאַרטויבט די אויערן און קיינעם אין דאָרף ניט געלאָזן איינשלאָפן.

דער סוף איז געווען אַז אין אַן אָנפאַל פון פאַרצווייפלונג, האָט זי זיך אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים איבער דעם בערגל. מעגלעך אַז עמיצער האָט זי ביי דערנאַכט דערהרגעט און זי אויפגעהאָנגען און פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס איז געווען אַ פאַל פון זעלבסטמאָרד, כדי ניט צו ווערן באַשטראָפט. די שטראָף וואָלט סיי ווי געווען אַ לייכטע, ווייל דער דאָרף האָט אָפּגעאָטעמט פרייער אַז מען איז פון אירע קולות און געוואַלדן פּטור געוואָרן.

דער שליח האָט איבערגעגעבן וואָס מע האָט אים פאַרציילט. ער האָט פּרובירט אויספאָרשן די טראַגישע געשיכטע פון די צוויי געליבטע, אָבער ער האָט קיין ריכטיקע פאַרלעסלעכע דאַטן ניט געקענט אויסגעפינען. די מעשה האָט פאַרשיידענע ווערסיעס און נוסחאות און קיין טאָלק האָט ער ניט געקענט דערגיין, עס איז פעסטגעשטעלט בלויז אַז זי איז באַגראָבן געוואָרן אויף איר פאַטערס נחלה. זיי האָבן אים געצייגט איר קבר, אין שכנות פון

איר פאַטערס באַגראָבונגס־־פּלאַץ. אַצונד האָבן די פּרויען פון דעם דאָרף מורא אַרויסצוגיין פון הויז ביי דער נאַכט. זיי זאָגן אַז זי גייט אַרום ווי אַ גייסט איבער די פעלדער.

אַז שלמה האָט אויסגעהערט די טרויעריקע געשיכטע, האָט ער דעם שליח אַוועקגעיאָגט פון זיך מיט אַזאַ רציחה, ווי ער, דער שליח, וואָלט געהאַט אַ האַנט אין די פאַטאַל־אומגליקלעכע געשעענישן.

ווען ער איז געבליבן אַליין, האָט ער געמורמלט צו זיך:

— איך בין אין הוילער שרעק אַז מיין סוף וועט זיין ווי אירער. איך בין שולדיק אין איר משוגעת און אויך אין איר טויט האָב איך אַ דירעקטן אָנטייל...

כדי זיך צו בארוישן מיט פליסיקער פאַרכאַפּנדיקער טעטיקייט, אין וועלכער ער וואָלט אפשר געפינען, זאָל זיין, צייטווייליקע באַרואיקונג, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן אימפּעט אין בויען. ער וועט לאָזן אויפריכטן אַ גראַנדיעזן טעמפּל און אויך בויען אַ פּראַכטפולן קעניגלעכן פּאַלאַץ.

וואָס איז שייך דעם טעמפּל האָט ער דאָך געגעבן זיין הן־וואָרט סיי זיין פאַטער, דעם קעניג דוד און סיי זיין רבין, דעם נביא נתן, אַז ער וועט אויפשטעלן אַ טעמפּל, וואָס זיין גלייכן איז ניט צו געפינען אין קיין לאַנד אַרום.

מיט אַלע חושים האָט ער זיך אַריינגעטאָן אין אָט־דער אַרבעט. ער האָט דערביי געהאַט אַ הייליקע כוונה, אַוועקשטעלן אַ טעמפּל וואָס וועט זיין געהייליקט צו יהוה, דעם איכטום־ערטום, דעם האַר פון פעלקער־פרידן. אָט־דער בית־המקדש וועט זיין אַ מקום־קדוש פאַר אַלעמען, פאַר די ישראלים און ניט־ישראלים.

אין אַ באַראַטונג מיט נתן הנביא און צדוק הכהן האָט ער אויסגעקליבן דעם פּלאַץ וואו אויפצוריכטן דעם בית־המקדש. דאָס איז דער באַרג מוריה אין צפון־מזרח פון ירושלים. דער באַרג איז געווען פאַרהייליקט אין די טראַדיציעס פון פאָלק. פאַרוועבט מיט לעגענדעס: אברהם האָט אויף אים געבראַכט צ דער עקדה זיין זון, יצחק. נח האָט אויף אים אויפגעבויט אַ מזבח און מקריב געווען קרבנות, גלייך נאָכן מבול און זיין פאַרלאָזן די תבה. אויך קין און הבל האָבן אויף אים געבראַכט זייערע אָפּפער.

פאַר דעמדאָזיקן ריזיקן בנין האָט זיך געפאָדערט זייער אַ סך געהילץ און שטיינער. אמת, אין שטיינער איז ניט געווען קיין דוחק אין לאַנד כנען, און מ׳האָט זיי ניט געדאַרפט ברענגען פון דער פרעמד. אָבער האָלץ האָט

אויסגעפּעלט, מ׳האָט געדאַרפט עס ברענגען פון לבנון. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער וואָס שלמה האָט צונויפגענומען צווישן די באַזיגטע כנעניִשע שטאַמען, האָבן אויסגעהאַקט שטיינער אין די בערג און זיי אַרומגעטשעשעט אין גלייכע בלאָקן. אַנדערע אַרבעטער האָבן די דאָזיקע שטיינער געפירט צום פּלאַץ פון געבוי.

כדי צו באַקומען דאָס נויטיקע געהילץ אין וואָס אין ישראל־לאַנד איז געווען אַ מאַנגל, האָט זיך שלמה געווענדט צום פעניציִשן קיניג חירום, וואָס זיין הויפּט־שטאָט צור איז געווען באַרימט מיט אירע שיינע געביידעס. חירום האָט באַוויליקט צוצושטעלן שלמהן צעדערן און צעדער־ברעטער און ציפּרעסן־ביימער פון די לבנון־וועלדער און זיי ברענגען צו פירן מיטן ים ביז יפו, דער נאָענטסטער האַפן צו ירושלים.

דרייסיק טויזנט יידן זיינען געווען גענומען פאַר דערדאָזיקער קיניג־לעכער אַרבעט צו האַקן וואַלד אויפן באַרג לבנון. זיי זיינען געווען צעטיילט אין דריי אָרטלען, צו צען טויזנט מאַן אין יעדער פּאַרטיע. די אָפּטיילונגען האָבן געאַרבעט איינע נאָך דער אַנדערער אין אַ באַשטימטער אָרדענונג: איין מאָנאַט געאַרבעט און צוויי זיך אָפּגערוט. חירום האָט צוגעשטעלט דאָס געהילץ אין יפו. ער האָט אויך געשיקט שלמהן בוימייסטער און געשיקט מויערער פון צור. ווען דער גאַנצער בוימאַטעריאַל איז שוין געווען פאַרטיק, האָט מען צוגעטראָטן צום עצם בויען.

די ווענט פון בית־המקדש זיינען געבויט געוואָרן פון די פאַרפערטיקטע שטיינערנע בלאָקן. פונאינעווייניק האָט מען די ווענט געשאַליעוועט מיט ברעטער פון צעדערהאָלץ אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעשניצט בלומען, פּאַלמען־ביימער און כרובים. די גאַנצע שניצעריי אויף די ווענט איז געווען באַדעקט מיט גאָלד.

דער בית־המקדש איז געווען זעכציק איילן די לענג און צוואַנציק איילן די ברייט און דרייסיק איילן די הייך, די זעלבע הייך וואָס נחס לעגענדאַרער קאַסטן האָט פאַרמאָגט. דער פּאָליש פאַר דעם היכל פון הויז איז געווען צוואַנציק איילן די לענג און צען איילן די ברייט.

ער האָט געמאַכט אין בית־המקדש פענצטער אינעווייניק ברייט און אויסווייניק שמאָל, ווי אַן אָנווייז אַז דאָס ליכט שטראָלט אַרויס פון אינעווייניק און גיט זיך אַרויס אינדרויסן און ניט ווי געווײנטלעך. ער האָט געבויט אין דער וואַנט פון בית־המקדש אַן אָנבוי, רונד אַרום די ווענט, רונד אַרום דעם „היכל״ און דעם „דביר״. ער האָט געמאַכט זייט־קאַמערן רונד אַרום. דער אונטערשטער שטאָק פון דעם אָנבוי איז געווען פינף איילן די ברייט,

און דער מיטלסטער — זעקס איילן אין דער ברייט[1] און דער דריטער זיבן איילן די ברייט... דאָס הויז איז געבויט געוואָרן פון שטיינער, וואָס מע האָט פאַרפערטיקט אויפן פּלאַץ, וואו מ'האָט זיי אויסגעהאַקט, קיין האַמער און קיין האַק און קיין שום אייזנגעצייג־קלאַפּעריי איז ניט געהערט געוואָרן אין דעם בית־המקדש.

דער בית־המקדש האָט געהאַט צוויי אָפּטיילונגען: אַן אינעווייניקסטע און אַן אויסווייניקסטע. די אינעווייניקסטע אָפּטיילונג איז געווען אין סאַמע אָפּגעלייגטן הינטערשטן חדר פון דער געביידע, און האָט זיך גערופן „דביר" אָדער קדשי־קדשים. דאָ זיינען געשטאַנען צוויי כרובים פון באַגילטן איילבערטהאָלץ.

איטלעך כרוב איז געווען צען איילן די הייך, פינף איילן איז געווען איין פליגל פון אַ כרוב און פינף איילן דער צווייטער פליגל. צען איילן פון איין עק פון זיינע פליגלען ביזן אַנדערן עק פון זיינע פליגלען, איין מאָס און שניט ביי ביידע כרובים. מע האָט געמאַכט די פליגלען פון די כרובים אויסגעשפּרייט, און דער פליגל פון איינעם האָט אָנגערירט איין וואַנט, און דער פליגל פון צווייטן כרוב האָט אָנגערירט די צווייטע וואַנט. און זייערע פליגלען האָבן זיך אָנגערירט אין מיטן הויז אַ פליגל אָן אַ פליגל. די געשטאַלט פון די כרובים איז געווען די געשטאַלט פון פערד באַשאָנקען מיט פליגלען. איין כרוב איז געווען אַ זכר דער צווייטער כרוב אַ נקבה און זיי זיינען געווען באַהעפט צו דינען אַלס סימבאָל פון דער ליבשאַפט פון רבונו של עולם צו ישראל וואָס איז ווי פון אַ זכר צו אַ נקבה! מע האָט זיי איבערגעצויגן מיט גאָלד. אונטער די צעשפּרייטע פליגלען פון די כרובים איז געשטאַנען דער אָרון־קודש דאָ האָט תמיד געהערשט אַ געהיימעניש פולער האַלבטונקל. אין דער אויסווייניקסטער אָפּטיילונג, וואָס האָט געהייסן „מקדש" אָדער „היכל", טעמפּל, האָבן זיך געפונען די פאַנען צו רויכערן אין זיי קטורת, די מנורות, די טישן פאַרן הייליקן לחם־הפּנים (געזיכט־ברויט), אַלץ געמאַכט פון ריינעם גאָלד. לאַנגאויס דעם טעמפּל האָט זיך געצויגן אַ שיינע גאַלעריע מיט צוויי דיקע קופּערנע זיילן. פון דערדאָזיקער גאַלעריע איז געגאַנגען אַ ברייטער הויף, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ וואַנט. אין הויף האָבן זיך געפונען: אַ גרויסער קופּערנער מזבח, אַ גרויסער קופּערנער האַנטפאַס פאַר די כהנים צו וואַשן די הענט, וועלכער מחמת זיין אומגעהויער גרויס, פינף איילן די הייך און צען איילן פון ראַנד צו ראַנד האָט געהייסן דער קופּערנער ים, דאָ האָבן זיך אויך געפונען אַלע איבעריקע כלים וואָס האָבן זיך געפאָדערט פאַר די קרבנות.

---

1. יומא, נ"ד.

אַלע װענט פֿון דעם בית־המקדש רונד אַרום האָט מען אויסגעשניצט מיט געשניצן פֿון כּרובֿים און טײטלבײמער און געעפֿנטע קװײטן פֿונאינעװײניק און אויסװײניק, און דעם דיל פֿון בית־המקדש האָט מען איבערגעצויגן מיט גאָלד. און פֿאַר דעם אַרײַנגאַנג פֿון דבֿיר (קדשי קדשים) האָט מען געמאַכט טירן פֿון אײלבוימהאָלץ. דער טירגעשטעל מיט די באַשטידלעך איז אויסגעקומען פֿינפֿעקיק, און די צװײ טירן פֿון אײלבוימהאָלץ האָט מען אויסגעשניצט געשניצן פֿון כּרובֿים און טײטלבײמער און געעפֿנטע קװײטן, און מ'האָט זײ איבערגעצויגן מיט גאָלד. און מע האָט אויסגעקלאַפּט דאָס גאָלד אויף די כּרובֿים און אויף די טײטלבײמער. און דאָסגלײַכן האָט מען געמאַכט פֿאַר דעם אַרײַנגאַנג פֿון היכל, בײשטידלעך פֿון אײלבוימהאָלץ, פֿירעקיק. און צװײ טירן פֿון ציפּרעסהאָלץ. די צװײ פֿליגלען פֿון אײן טיר האָבן זיך צענויפֿגעלײגט, און דאָס אײגענע די צװײטע.

און מע האָט געהאַט דעם אינעװײניקסטן הויף פֿון דרײַ צײַלן געהאַקטע שטײנער, און אַ צײַל צעדערבאַלקנס. דאָס גלײַכן פֿאַר דעם אינעװײניקסטן הויף פֿון בית־המקדש און פֿאַר דעם פּאַליש.

און דער קיניג שלמה האָט געשיקט נאָך חירמען פֿון צור, זײַן פֿאָטער איז געװען אַ קופּערשמידט. און ער, חירם, איז געװען פֿול מיט חכמה און פֿאַרשטענדעניש און קענשאַפֿט צו מאַכן אַלערלײ אַרבעט אין קופּער, און ער איז געקומען צום קיניג שלמה און האָט געמאַכט פֿאַר אים די גאַנצע אַרבעט.

ער האָט אויסגעפֿורעמט די צװײ זײַלן פֿון קופּער; אַכצן אײלן איז געװען די הייך פֿון אײן זײַל און אַ פֿאָדים פֿון צװעלף אײלן האָט אַרומגערינגלט. דאָס אײגענע דער צװײטער זײַל. און צװײ קרוינען האָט ער געמאַכט אַרויפֿצוטאָן אויף די קעפּ פֿון די זײַלן, אויסגעגאָסן פֿון קופּער; פֿינף אײלן די הייך פֿון אײן קרוין, און פֿינף אײלן די הייך פֿון דער צװײטער קרוין; מיט נעצן פֿון פֿלעכטאַרבעט, שנורן פֿון געקײטלטער אַרבעט, פֿאַר די קרוינען װאָס אויף די קעפּ פֿון די זײַלן; זיבן פֿאַר אײן קרוין, און זיבן פֿאַר דער צװײטער קרוין. אַזױ האָט ער געמאַכט די זײַלן; און צװײ צײַלן רונד אַרום אויף אײן נעץ צו באַדעקן די קרוינען װאָס אויבן איבער די מילגרוימען. און אַזױ האָט ער געמאַכט פֿאַר דער צװײטער קרוין. די קרוינען װאָס אויף די קעפּ פֿון די זײַלן אין דעם פּאַליש זײַנען געװען פֿון ליליעאַרבעט, פֿיר אײלן, און די קרוינען װאָס אויף די קעפּ פֿון די צװײ זײַלן זײַנען אויך געװען פֿון אויבן אַנטקעגן דעם בויך װאָס פֿון דער זײַט פֿון דער נעץ. און די מילגרוימען זײַנען געװען צװײ הונדערט, אין צײַלן רונד אַרום אויף דער צװײטער קרוין. און ער האָט אויפֿגעשטעלט די זײַלן בײַם פּאַליש

פון היכל, און ער האָט אויפגעשטעלט דעם רעכטן זייל און גערופן זיין נאָמען יכין; און ער האָט אויפגעשטעלט דעם לינקן זייל און גערופן זיין נאָמען בועז. און אויף די קעפּ פון די זיילן איז געווען ליליענארבעט. אַזוי איז פאַרענדיקט געוואָרן די אַרבעט פון די זיילן.

און ער האָט געמאַכט דעם ים (אַ גרויסן האַנטפאַס). אַ געגאָסענעם, צען איילן פון ראַנד צו ראַנד, קיילעכדיק רונד אַרום, און פינף איילן זיין הויך; א שנור פון דרייסיק איילן האָט אים אַרומגערינגלט רונד ארום און אונטער זיין ראַנד רונד אַרום האָבן אים ארומגערינגלט קנעפּ צען איילן, ארומצירקלנדיק דעם ים רונד ארום; אין צוויי ציילן זיינען געווען די קנעפּ, אויסגעגאָסן אין איין גוס מיט אים. ער איז געשטאַנען אויף צוועלף רינדער: דריי געקערט צו צפון, און דריי געקערט צו מערב, און דריי געקערט צו דרום, און דריי געקערט צו מזרח. און דער ים איז געווען איבער זיי פון אויבן; און אַלע זייערע הינטערלייבער זיינען געווען אינעווייניק־צו. און זיין גרעב איז געווען א האַנטברייט; און זיין ראַנד איז געווען אזוי ווי די אַרבעט פון דעם ראַנד פון אַ בעכער, ווי א ליליענבלום. צוויי טויזנט בת האָט ער געהאַלטן.

און ער האָט געמאַכט די צען געשטעלן פון קופּער; פיר איילן איז געווען די לענג פון איטלעכן געשטעל, און פיר איילן זיין ברייט, און דריי איילן זיין הייך. און אַזוי איז געווען די אַרבעט פון די געשטעלן: זיי האָבן געהאט ראמען און די ראַמען זיינען געווען צווישן לייסטן. און אויף די ראַמען, וואָס צווישן די לייסטן פון אויבן זיינען געווען לייבן, רינדער און כרובים און אונטער די לייבן און די רינדער זיינען געווען קרענץ פון אראָפּגעהאָנגענער ארבעט. און פיר קופּערנע רעדער זיינען געווען צו איטלעכן געשטעל, און קופּערנע אַקסן; און זיינע פיר ווינקלען — צו זיי זיינען געווען אַקסלען; אונטער דעם האַנטפאס זיינען די אַקסלען געווען אויסגעגאָסן, מיט קרענץ ביי דער זייט פון איטלעכן. און די עפענונג פון דעם האַנטפאַס אינעווייניק אין דער קרוין און איבער איר איז געווען אן אייל די הייך. און די עפענונג פון דער קרוין איז געווען קיילעכדיק, ווי די אַרבעט פון אַ פוסגעשטעל, אַן אייל און אַ האַלב,; און אויך אויף איר עפענונג זיינען געווען אויסקריצונגען; און זייערע ראמען זיינען געווען פירעקיק, ניט רונד. און די פיר רעדער זיינען געווען אונטער די ראַמען. און די אַקסן פון די רעדער זיינען געווען אין דעם געשטעל; און די הייך פון אַ ראָד איז געווען אַן אייל און אַ האַלבע אייל. און די אַרבעט פון די רעדער איז געווען ווי די אַרבעט פון אַ ראָד פון אַ וואָגן. זייערע אקסן, און זייערע רייפן, און זייערע

פּליעקלעך, און זייערע אַקסרעדלעך, אַלץ איז געווען געגאָסן. און פיר אַקסלען זיינען געווען צו די פיר ווינקלעך פון איטלעכן געשטעל; פון געשטעל גופא זיינען געווען זיינע אַקסלען. און אויבן אין געשטעל איז געווען קיילעכדיק רונד אַרום אַרום אַ האַלבע איל די הייך. און אויבן אויפן געשטעל זיינע הענטלעך און זיינע ראַמען זיינען געווען פון אים גופא. און ער האָט אויס־געקריצט אויף די פלאַכן פון זיינע הענטלעך, און אויף זיינע לייסטן, כרובים, לייבן און טייטל־ביימער, ווי נאָך דעם בלייז פון איטלעכן, און קרענץ רונד אַרום. אַזוי האָט ער געמאַכט די צען געשטעלן; איין גוס, איין מאָס, איין שניט פאַר זיי אַלעמען.

און ער האָט געמאַכט צען האַנטפאַסן פון קופער: פערציק בת האָט געהאַלטן איטלעכער האַנטפאַס; פיר איילן איטלעכער האַנטפאַס; איין האַנטפאַס אויף איטלעכן געשטעל פון די צען געשטעלן. און ער האָט אַוועק־געשטעלט די געשטעלן, פינף אויף דער רעכטער זייט פון בית־המקדש, און פינף אויף דער לינקער זייט. און דעם ים האָט ער אַוועקגעשטעלט אויף דער רעכטער זייט פון בית־המקדש צו מזרח, אַנטקעגן דרום.

און חירם האָט געמאַכט די טעפּ און די שופלען און די שפּרענגבעקנס. און דאָס אַלץ, די כלים, די האַנטפאַסן, דער ים, די זיילן, זיינען געמאַכט געוואָרן פון בלאַנקן קופּער.

און שלמה האָט באַפוילן צו מאַכן אַלע כלים וואָס אין בית־המקדש: דעם גילדענעם מזבח, און דעם טיש וואָס אויף אים איז געלעגן דאָס „ברויט פון אָנגעזיכט" — פון גאָלד. און די מנורות, פינף פון דער רעכטער זייט און פינף פון דער לינקער זייט, פאַר דעם דביר (קדשי־קדשים) — פון עכטן גאָלד; און די בלומען, און די ריערלעך, און די צווענגלעך — פון גאָלד. און די בעקנס, און די שניידמעסערס, און די שפּרענגבעקנס, און די שאָלן, און די פייערפאַנען — פון עכטן גאָלד; און די געלענקען פאַר די טירן פון דעם אינעווייניקסטן אָפּטייל, פאַר דעם קדשי־קדשים, און פאַר די טירן פון דעם היכל — פון גאָלד.

און אין יעדער זאַך האָט מען אַריינגעטאָן סימבאָלן און רמזים.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן צען טישן, פינף האָט מען אַוועקגעשטעלט פון דער רעכטער זייט, דאָס מיינט אין דרום, ווייל פון אָט־דער זייט קומען די געבענטשטע טויען און די רעגנס. אין זכות פון די טישן אויף וועלכע עס ליגן די חלות פון לחם־הפנים, און וועלכע געפינען זיך אין דרום וועלן די ברכה רעגנס און ברכה טויען אַרויסקומען אין דער וועלט פון דער רעכטער זייט. און פינף טישן האָט מען אַוועקגעשטעלט אין צפון, ווייל פון דער דאָזיקער

זייט קומען אַלע צרות, און די טישן און די ברויטן וועלן זיך מיען אָפּצו־שטויסן אָט־די אַלע בייזן.

אויף די האַנטפּאַסן האָט מען אויסגעשטעלט פינף אויף דער רעכטער זייט און פינף אויף דער לינקער זייט.

די צען גאָלדענע מנורות זיינען קעגן די צען געבאָטן, אין יעדער מנורה זיינען געווען זיבן רערן און אין יעדן רער אַ ליכט, האָבן מיר זיבעציק ליכטלעך קעגן די שבעים אומות, אַ ליכטל פאַר יעדער אומה פון דער וועלט, וואָס דאַרף אויפגעהויבן ווערן; די ליכטלעך האָבן באַדאַרפט פאַרטרייבן די פינצטערניש און רשעות פון די פעלקער. ווייל די תורה איז געגליכן צו ליכט, פאַרשפּרייט ליכט. און כאָטש מע האָט געמאַכט צען טישן, האָט מען צוערשט אויסגעלייגט דעם לחם־הפּנים אויף משהס טיש (פון משכן), און דערנאָך אויף די איבעריקע טישן. און הגם שלמה האָט געלאָזט מאַכן צען מנורות, האָט ער די ערשטע אָנגעצונדן משהס מנורה, און ערשט דערנאָך די איבעריקע. אין קדשי־קדשים די צוויי כרובים האָבן סימבאָליזירט די צוויי לוחות פון בונד. די לענג פון די פליגלען פוןביידע כרובים איז געווען צוואַנציק איילן, צוויי כרובים צוגעגעבן צו דער צאָל צוואַנציק האָבן מיר אַ קיימאַ־לן פון צווייאונצוואַנציק דאָס איז קעגן די צווייאונצוואַנציק אותיות פון אלף־בית. און אַזוי ווי דער אות למד שטייט אין מיטן פון אַלף־בית, אַזוי זיינען די כרובים געשטאַנען, זיי זיינען געשטאַנען אויף זייערע פיס ווי דער בוכשטאַב ל', און זייערע געזיכטער זיינען געווען געווענדט צום בית־המקדש. די שכינה האָט גערוט אויף זיי און אויף דעם ארון, וואָס איז געשטאַנען אונטער זייערע פליגלען. די צוויי זיילן יכין און בועז זיינען געווען קעגן דער לבנה און דער זון. און אַזוי ווי אין קערפּער זיינען פאַראַן צוויי אויגן און די אויגן זיינען איינגעפאַסט אין קאָפּ גאַנץ הייך, אַזוי זיינען די זיילן געווען הייכע. און די האַנטפּאַסן זיינען געמאַכט געוואָרן כדי צו פאַרמערן די רעגנס וואָס גיסן זיך פון הימל ווי וואַסער פון אַ האַנטפּאַס. אין מדבר האָבן די יידן ניט באַדאַרפט קיין רעגנס, ווייל זיי האָבן דאָרט ניט געקענט זייען און פלאַנצן, דעריבער האָט דער משכן זיך באַגענוגנט מיט איין האַנטפּאַס, אָבער אַצונד אַז די יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט האָבן זיי באַדאַרפט האָבן רעגנס פאַר זייערע פעלדער און גערטנער, דעריבער האָט שלמה געמאַכט צען האַנטפּאַסן, עס זאָל פאַלן וואָס מער רעגן. יעדער האַנטפּאַס האָט געהאַלטן פערציק בת כדי צו דערמאָנען די פערציק טעג אין משך פון וועלכע משה האָט אויסגע־האַקט די לוחות און אויסגעקריצט אין זיי די צען געבאָטן. פיר טעג פאַר יעדן געבאָט, און פיר איילן איז געווען די מאָס פון איטלעכן האַנטפּאַס, מע

האָט געמאַכט צען געשטעלן קעגן די צען מאמרים מיט וועלכע די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. דער ים איז געווען אַן אָפּגעגאָסענער ווי די וועלט איז אַן אָפּגעגאָסענע. צען איילן פון ראַנד צו ראַנד פון ים — קעגן די צען ספערן פון בלימה אויף וועלכע די וועלט האַלט זיך. ער איז געווען רונדיק אַרום, וואָרעם דער הימל איז רונדיק. פינף איילן איז ער געווען אין דער הייך קעגן דעם מהלך פון פינף הונדערט יאָר פון דער ערד צום הימל. „אַ שנור פון דרייסיק איילן האָט אים ארומגערינגלט" — קעגן די דרייסיק טעג פון מאָנאַט, און אויך קעגן די צען געבאָטן, די צען שפּרוכן און די צען ספערן פון בלימה, וואָס צוזאַמען אַנטהאַלטן זיי די צאָל דרייסיק.

דער ים איז געשטאַנען אויף צוועלף רינדער — קעגן די צוועלף מזלות, וואָס לויט זיי באַך פירט זיך די וועלט. דריי רינדער זיינען געווען געווענדט צו צפון־זייט. ער האָט אָנגעפאַנגען מיטן צפון, ווייל צפון איז אָפן און דער צפון־ווינט איז אָפן פאַר דער וועלט, און פון צפון קומען אַלע בייזן. דער לאָם, דער לייב, דער בויגן זיינען געקערט צו צפון, דער אָקס, די מויד, דאָס ציגעלע געווענדעט צו מערב; דער צווילינג, די וואָגשאָל און דער עמער זיינען געווענדט צו דרום, דער ראַק, דער סקאָרפּיאָן און די פישעלעך זיינען געווענדעט צו מזרח. און דער ים שטייט איבער זיי פונאויבן, וואָרעם די וועלט פירט זיך לויט די מזלות, וואָס גיבן דער וועלט ריכטונג. מיט זייערע הינטערטיילן זיינען (די רינדער) געווענדט אויפאינעווייניק־צו, וואָרעם זיי זיינען ניט באַשאַפן געוואָרן גלאַט אזוי זיך, נייערט פאַר דער באַדערפעניש פון דער וועלט. זיין דיק איז א טפח, א טפח איז די דיק פון פינף מיטעלע פינגער און די דיקייט פון הימל איז פינף הונדערט יאָר־גענג.

„ווי אַ ליליענבלום", וואָרעם דער הימל און די ערד זיינען צענויפ־געפלאָכטן צוזמען. „צווייטויזנט בת האַלט דער ים" — אָנגעוואונקען אַז ווער עס וועט מקיים זיין די תורה וואָס איז עלטער פון דער וועלט מיט צוויי טויזנט יאָר, וועט באַלוינט ווערן אויף טויזנט דורות.

אַז דער בית־המקדש איז פאַרטיק געוואָרן האָט שלמה זיך פאַרנומען מיט בויען זיין קיניגלעכן פּאַלאַץ. די מייסטערס האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון צור. דער פּאַלאַץ איז געבויט געוואָרן ניט ווייט פון בית־המקדש. ער איז באַשטאַנען פון עטלעכע בנינים, וואָס זיינען געווען פאַראייניקט איינער מיטן אַנדערן דורך קאָרידאָרן. צום פּאַלאַץ האָט געפירט אַן אלייע, וועלכע מ'האָט אַ נאָמען געגעבן דער „לבנון־וואַלד" ווייל זי איז באַשטאַנען פון צוויי לאַנגע ציילן פון צעדער־ציילן. דאָ איז געשטאַנען די קיניגלעכע וואָך מיט שווערדן און גאָלדענע שילדן. אין פּאַלאַץ האָט זיך געפונען די געריכט־

קאַמערע, און דאָ איז געשטאַנען דער קיניגלעכער טראָן פון העלפאַנטביין מיט פאַרשיידענע גאָלדענע באַפּוצונגען.

אין דעם דאָזיקן זאָל פלעגט דער קיניג משפטן און אויפנעמען שלוחים פון פרעמדע מלוכות. ביי די זייטן פון דעם הויפּטפּאַלאַץ זיינען געשטאַנען צוויי בנינים, אין איינעם האָט געוואוינט דער קיניג שלמה, און אין דעם צווייטן האָט זיך געפונען די קיניגין מיט איר סוויטע פון יונגפרויליינס.

דאָס הויז פון „לבנון-וואַלד" איז געווען הונדערט איילן די לענג, פופציק איילן די ברייט און דרייסיק איילן די הייך. עס איז געשטאַנען אויף פיר ציילן צעדערזיילן, מיט צעדערבאַלקנס אויף די זיילן. עס איז געווען באַדעקט מיט צעדערהאָלץ פונאויבן, איבער די זייט קאַמערן וואָס אויף די פינף־אונפערציק זיילן, פופצן אין אַ צייל און באַלקנס זיינען געווען דריי ציילן. דאָ זיינען אויך געווען פענצטער ראַמען דריי ציילן, אַ פענצטער קעגן אַ פענצטער דריי מאָל. און אַלע טירן מיט די ביישטידלעך זיינען געווען פירעקיק אין געשטעל; און אַ טיר קעגן אַ טיר אין דריי ציילן.

און דאָס פאַדערהויז פון זיילן האָט ער געמאַכט: פופציק איילן די לענג, דרייסיק איילן די ברייט, מיט אַ פירהויז פאַר זיי, מיט זיילן און אַ באַלקנ־דעכל פאַר זיי.

ער האָט געמאַכט דאָס פאַדערהויז פון טראָן וואו ער האָט געמשפּט. און עס איז געווען באַדעקט מיט צעדערהאָלץ פון דיל ביז דער סטעליע.

און זיין הויז אין וועלכן ער האָט געוואוינט וואָס איז געשטאַנען אין אַן אַנדער הויף הינטער דער משפּט-פּאַלאַטע איז געווען פון דער אייגענער אַרבעט. ער האָט אויך געמאַכט אַ הויז פאַר פרעהס טאָכטער וואָס שלמה האָט גענומען און עס איז געווען געבויט ווי דאָס פאַדערהויז.

דאָס אַלץ איז געווען געבויט פון טייערע שטיינער, לויט די מאָסן פון געהאַקטע שטיינער, אַרומגעזעגט מיט אַ זעג פונאינעווייניק און פונאויסווייניק און פון גרונטפעסט ביזן געזימס. און עס איז געווען געגרונטפעסט מיט טייערע שטיינער, גרויסע שטיינער, שטיינער פון צען איילן און שטיינער פון אַכט איילן. און פונאויבן זיינען געווען טייערע שטיינער, לויט די מאָסן פון געהאַקטע שטיינער און צעדערהאָלץ. און דער גרויסער הויף רונד אַרום איז געווען פון דריי ציילן געהאַקטע שטיינער, און אַ צייל צעדערבאַלקנס.

אַרום דעם הויז האָט ער אויסגעלייגט סעדער און ווייגערטנער. ער האָט געמאַכט וואַסער רעזערוואַרן און קאַנאַלן צו באַשפּריצן די געוויקסן אין צייט פון טריקעניש.

## 8

# דער חנוכת־הבית און שלמהס געבעט

שלמה האָט פאררופן די עלטסטע פון ישראל און אַלע הויפּטלייט פון די צוועלף שבטים, די ראשים פון די פּאַטעררהייזער פון די קינדער פון ישראל, קיין ירושלים, כדי אַרויפצוברענגען דעם אָרון פון יהוהס בונד פון דודס שטאָט, וואָס האָט געהייסן ציון.

אַלע מענער פון ישראל האָבן זיך איינגעזאַמלט צום קיניג שלמה. זיי זיינען געקומען פייערן דעם גרויסן יום־טוב פון חנוכת־הבית.

גאַנצע מחנות זיינען אָנגעקומען פון אַלע עקן פון לאַנד, פון די פאַר־וואָרפנסטע פלעצער. אַנדערע האָבן פאַרלאָזן זייערע טשערעדעס אין גלעד, אַנדערע האָבן איבערגעלאָזן זייערע נעצן ביים ים כנרת, אַנדערע זיינען געקומען פון די ברעגעס פון ירדן, אָדער פון די געזאַלצענע זומפּן וואָס לעבן ים־המלח, אַנדערע זיינען געקומען פון גליל, פון כרמל און גלגל מיט זייערע אָזיסן, פון שרון מיט זייערע לאַנדפּלאַכן. זיי זיינען געקומען פון יריחו מיט אירע טייטלביימער וואָס זייערע טייטלען זיינען געווען זיס ווי האָניק, זיי זיינען געקומען פון סדום, וואו אויף די עפּל־ביימער זיינען געוואַקסן עפּלעך וואָס זיינען געווען ביטער ווי אַש, מע איז געקומען פון חברון וואָס איז געווען פול מיט מערות, מע איז געקומען אויך פון באר־שבע.

און זיי האָבן געטריבן פאַר זיך שעפּסן און ווידערן, בעק און ציגן, לעמער, קעלבער, יונגע אָקסן און הייפערס.

זיי האָבן געבראַכט מיט זיך ווייץ און גערשטן, טרויבן און מילגרוימען, פייגן, טייטלען און איילבערטן. קיינער איז ניט געקומען מיט ליידיקן, יעדער לויט זיין פאַרמעגן־נאָך האָט געבראַכט מתנות און קרבנות.

די כהנים האָבן געטראָגן דעם אָרון. זיי האָבן אַרויפגעבראַכט דעם אָרון פון יהוה און דעם אוהל־מועד און אַלע הייליקע כלים וואָס אין געצעלט. די כהנים און די לוויים האָבן זיי אַרויפגעבראַכט. און דער קיניג שלמה און מיט אים די גאַנצע געמיינדע פון ישראל, וואָס האָבן זיך צענויפגעזאַמלט, זיינען געווען פאַר דעם אָרון, שלאַכטנדיק שאָף און רינדער, וואָס האָבן ניט געקענט געציילט־ווערן פון אפולעקייט.

די כהנים האָבן געבלאָזן אין שופרס ; די לוויים האָבן געשפּילט אויף פלייטן, האַרפן און גיטאַרן, און געקלאַפּט אין פויקן און צימבלען. זיי האָבן

געזונגען און דער גאַנצער עולם, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן באַרג מוריה, האָבן מיטגעזונגען.

הללויה... לויבט אים מיט שופר־בלאָזן, לויבט אים מיט גיטאַר און האַרף, לויבט אים מיט פויק און טאַנץ, לויבט אים מיט סטרונעס און פלייט, לויבט אים מיט קלינגנדיקע צימבלען, לויבט אים מיט הילכיקע צימבלען. אַלץ וואָס אָטעמט וועט לויבן יה. הללויה (תהלים, ק״נ).

הללויה. הויז פון ישראל, בענטשט יהוה.

הויז פון אהרן, בענטשט יהוה,
הויז פון לווי, בענטשט יהוה,
יהוה־פאָרכטיקע, בענטשט יהוה.
געבענטשט איז יהוה פון ציון,
וואָס רוט אין ירושלים. הללויה. (דאָרט, קל״ה).

אַז די כוהנים זיינען שוין צוגעקומען צו דער טיר פון בית־המקדש און זייערע באַרוועסע פוספלאַכן האָבן אָנגערירט די שוועל, האָבן די לוויים געזונגען:

שטיי אויף, יהוה, צו דיין רו,
דו, און דער אָרון פון דיין שטאַרקייט.
דיינע פרומע לייט זאָלן זינגען. (דאָרט, קל״ב).

און אַז די כוהנים וואָס טראָגן דעם אָרון זיינען צוגעקומען צום קדשי־קדשים, האָבן די לוויים געזונגען:

הויבט אויף, איר טויערן, אייערע קעפּ,
און הויבט אייך אויף, איר אייביקע טירן,
און זאָל אַריינגיין דער קיניג פון פּראַכט.
ווער איז דער קיניג פון פּראַכט?
יהוה דער שטאַרקער און דער העלד,
יהוה דער העלד פון מלחמה.

הויבט אויף, איר טויערן, אייערע קעפּ,
און הויבט אויף, איר אייביקע טירן,
און זאָל אַריינגיין דער קיניג פון פּראַכט.
ווער איז דער קיניג פון פּראַכט?
יהוה צבאות ער איז דער קיניג פון פּראַכט.
סלה. (תהלים, כ״ד)

און שלמה האָט אויסגערופן אויפן קול און נאָך אים דאָס גאַנצע פאָלק:
פון וועגן דודן דיין קנעכט,
זאָלסטו ניט אָפּשטויסן דעם פּנים פון דיין געזאַלבטן.
(תהלים, קל״ב).

די כהנים האָבן אַריינגעשטעלט דעם אָרון פון־יהוהס־בונד אין קדשי־קדשים אונטער די אויסגעשפּרייטע פליגלען פון די כרובים וואָס האָבן באַשירעמט דעם אָרון. אין אָרון איז קיין זאַך ניט געווען אויסער די צוויי שטיינערנע לוחות, וואָס משה האָט אין אים אריינגעטאָן אין חורב, בעת יהוה האָט געשלאָסן אַ בונד מיט די קינדער פון ישראל, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מצרים.

און עס איז געווען, ווען די כהנים זיינען ארויסגעקומען פון היילקטום אַזוי האָט עפּעס ווי אַ וואָלקן אָנגעפילט דאָס הויז פון יהוה. און די כהנים האָבן ניט געקענט זיך שטעלן טאָן זייער דינסט מחמת דער טונקלקייט.

האָט שלמה אויסגערופן:

— יהוה האָט געזאָגט אַז ער וויל רוען אין אַ נעפּל. האָב איך בויען געבויט דיר אַ הויז פאַר אַ וואוינונג, אַן אָרט פאַר דיר צום זיצן אויף אייביק.

און שלמה האָט אומגעדרייט זיין געזיכט און האָט געבענטשט די גאַנצע איינזאַמלונג פון ישראל. און אַלע זיינען געשטאַנען אויף זייערע פיס.

און שלמה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַרן מזבח פון יהוה אַנטקעגן דער גאַנצער איינזאַמלונג פון ישראל, און ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט צום הימל און ער האָט געזאָגט:

— יהוה, דו אלהים פון ישראל, ניטאָ אין הימל אויבן אָדער אויף דער ערד אונטן אַן אלהים ווי דו, וואָס היטסט דעם בונד און די גנאַד צו דיינע קנעכט וואָס גייען פאַר דיר מיט זייער גאַנצן האַרצן, וואָס האָסט געהיט דיין קנעכט, מיין פאָטער דודן, דאָס וואָס דו האָסט אים צוגעזאָגט; און מיט דיין מויל האָסטו גערעדט און מיט דיין האַנט האָסטו דערפילט, אַזוי ווי היינט־צו־טאָג. און אַצונד, יהוה, דו אלהים פון ישראל. האַלט דאָס וואָס דו האָסט צוגעזאָגט דיין קנעכט, מיין פאָטער דוד, אַזוי צו זאָגן: „עס וועט דיר ניט פאַרשניטן ווערן פון פאַר מיר אַ מאַן צו זיצן אויף דעם טראָן פון ישראל, אויב נאָר דיינע קינדער וועלן גיין פאַר מיר אַזוי ווי דו ביסט געגאַנגען פאַר מיר". און אַצונד, אלהים פון ישראל, איך בעט דיך, זאָל מקויים ווערן דיין צוזאָג, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט דיין קנעכט, מיין פאָטער דודן.

וואָרעם קען דען אײַנדעראמתן אלהים וואוינען אויף דער ערד! אז די

הימלען און די הימלען פון די הימלען קענען דיך ניט אַריינבעמען, היינט ווי שוין דאָס דאָזיקע הויז וואָס איך האָב געבויט? אָבער קער זיך צו דער תפילה פון דיין קנעכט און צו זיין בקשה, יהוה, מיין אלהים, צוצוהערן זיך צו דעם געשריי און צו דער תפילה וואָס דיין קנעכט איז מתפלל פאַר דיר הייַנט. אַז דיינע אויגן זאָלן זיין אָפן אויף דעמדאָזיקן הויז נאַכט און טאָג אויף דעם אָרט, וואָס דו האָסט געזאָגט: „מיין נאָמען זאָל דאָרט זיין", צוצוהערן זיך צו דער תפילה וואָס דיין קנעכט וועט מתפלל זיין אַנטקעגן דעמדאָזיקן אָרט. און זאָלסט זיך צוהערן צו דער בקשה פון דיין קנעכט, און פון דיין פאָלק ישראל, וואָס זיי וועלן מתפלל זיין אַנטקעגן דעמדאָזיקן אָרט; און דו זאָלסט הערן אין דעם אָרט פון דיין וואוינונג, אין הימל, און אַז דו וועסט הערן, זאָלסטו פאַרגעבן.

אַז אַ מאַן וועט זינדיקן קעגן זיין חבר, און מע וועט אַרויפלייגן אויף אים אַ שבועה אים צו באַשווערן, און ער וועט קומען און שווערן פאַר דיין מזבח אין דעמדאָזיקן הויז, זאָלסט דו צוהערן אין הימל, און טאָן, און משפטן דיינע קנעכט, צו מאַכן שולדיק דעם שולדיקן און אים באַשטראָפן לויט זיין טואונג; און צו מאַכן גערעכט דעם גערעכטן און אים באַלויבען לויט זיין גערעכטיקייט.

אַז דיין פאָלק ישראל וועט געשלאָגן ווערן פאַרן פיינט, ווייל זיי האָבן געזינדיקט צו דיר, און זיי וועלן זיך אומקערן צו דיר, און וועלן באַקענען דיין נאָמען און וועלן מתפלל־זיין און בעטן צו דיר אין דעמדאָזיקן הויז, זאָלסט דו צוהערן אין הימל, און פאַרגעבן די זינד פון דיין פאָלק ישראל.

אַז דער הימל וועט זיין פאַרשלאָסן, און עס וועט ניט גיין קיין רעגן, ווייל זיי האָבן געזינדיקט קעגן דיר, און זיי וועלן מתפלל־זיין אַנטקעגן דעם דאָזיקן אָרט און וועלן באַקענען דיין נאָמען, און זיך אומקערן פון זייער זינד, ווען דו האָסט זיי געפייניקט, זאָלסטו צוהערן אין הימל, און פאַרגעבן די זינד פון דיינע קנעכט און דיין פאָלק ישראל, ווען דו וועסט זיי האָבן געוויזן דעם גוטן וועג וואָס זיי זאָלן אויף אים גיין, און זאָלסט געבן רעגן אויף דיין לאַנד, וואָס דו האָסט געגעבן דיין פאָלק פאַר אַ נחלה.

אַז עס וועט זיין אַ הונגער אין לאַנד, אַז עס וועט זיין אַ מגפה, אַז עס וועט זיין אַ קאָרנבראַנד, אַ וועלקעניש, אַ היישעריק, אַ גראָז־פרעסער, אַז זיין פיינט וועט אים באַלאַגערן אין דעם לאַנד פון זיינע שטעט, וואָס נאָר פאַר אַ פּלאָג, וואָס נאָר פאַר אַ קראַנקשאַפט, וואָס נאָר פאַר אַ תפילה, וואָס נאָר פאַר אַ בקשה, עס וועט זיין ביי עמיצן איינעם פון דיין גאַנצן פאָלק ישראל ווען איטלעכער פון זיי פילט די פּלאָגעניש פון זיין האַרצן, און ער שפּרייט אויס זיינע הענט צו דעמדאָזיקן הויז, זאָלסט דו צוהערן אין הימל,

דעם אָרט פון דיין וואוינונג, און זאָלסט פאַרגעבן, און זאָלסט טאָן און געבן איטלעכן לויט זיין פיר, אַזוי ווי דו ווייסט זיין האַרץ — וואָרעם דו אַליין ווייסט דאָס האַרץ פון אַלע מענטשנקינדער, כדי זיי זאָלן מורא האָבן פאַר דיר אַלע טעג וואָס זיי לעבן אין דעם לאַנד, וואָס דו האָסט געגעבן צו אונדזערע עלטערן.

און אויך צו דעם פרעמדן וואָס ער איז נישט פון דיין פאָלק ישראל, אַז ער וועט קומען פון אַ ווייט לאַנד צוליב דיין נאָמען — וואָרעם זיי וועלן הערן פון דיין גרויסן נאָמען, און פון דיין שטאַרקער האַנט און פון דיין אויסגע־שטרעקטן אָרעם — און ער וועט קומען און וועט מתפלל־זיין אַנטקעגן דעמדאָזיקן הויז, זאָלסט דו צוהערן אין הימל, דעם אָרט פון דיין וואוינונג און זאָלסט טאָן אַלץ וועגן וואָס דער פרעמדער וועט רופן צו דיר; כדי אַלע פעלקער פון דער ערד זאָלן דערקענען דיין נאָמען, מורא צו האָבן פאַר דיר, אַזוי ווי דיין פאָלק ישראל, און וויסן אַז דיין נאָמען ווערט גערופן אויף דעמדאָזיקן הויז, וואָס איך האָב געבויט.

אז דיין פאָלק וועט אַרויס אויף מלחמה אנטקעגן זיין פיינט אויף וועלכן וועג דו וועסט זיי שיקן, און זיי וועלן מתפלל זיין צו יהוה אנטקעגן דער שטאָט וואָס דו האָסט אויסדערוויילט, און דעם הויז וואָס איך האָב געבויט צו דיין נאָמען, זאָלסטו צוהערן אין הימל זייער תפילה און זייער בקשה, און טאָן זייער רעכט.

אז זיי וועלן זינדיקן צו דיר — וואָרעם ניטאָ אַ מענטש וואָס זאָל נישט זינדיקן — און דו וועסט צאָרענען אויף זיי, און זיי איבערגעבן צום פיינט און זייערע פאַנגערס וועלן זיי נעמען געפאַנגען אין לאַנד פון דעם פיינט, ווייט אָדער נאָנט; אז זיי וועלן זיך נעמען צום האַרצן אין דעם לאַנד וואָס זיי זענען גענומען געוואָרן געפאַנגען אהין, און זיי וועלן תשובה טאָן, און וועלן בעטן צו דיר אין לאַנד פון זייערע פאַנגערס, אַזוי צו זאָגן: „מיר האָבן געזינ־דיקט און פאַרבראָכן, מיר האָבן שלעכטס געטאָן", און זיי וועלן זיך אומקערן צו דיר מיט זייער גאַנצן האַרצן, און מיט זייער גאַנצער זעל. אין לאַנד פון זייערע פיינט, וואָס האָבן זיי געפאַנגען און זיי וועלן מתפלל זיין צו דיר אַנט־קעגן זייער לאַנד, וואָס דו האָסט געגעבן צו זייערע עלטערן אַנטקעגן דער שטאָט וואָס דו האָסט אויסדערוויילט און אנטקעגן דעם הויז וואָס איך האָב געבויט צו דיין נאָמען, זאָלסטו צוהערן אין הימל, דאָס אָרט פון דיין וווינונג, זייער תפילה און זייער בקשה, און טאָן זייער רעכט; און זאָלסט פאַרגעבן דיין פאָלק וואָס זיי האָבן געזינדיקט צו דיר. און אַלע זייערע פאַרברעכנס וואָס זיי האָבן פאַרבראָכן קעגן דיר; און זאָלסט זיי געבן דערבאַרימונג ביי זייערע

פאנגערס, אז זיי זאָלן זיך דערבארימען אויף זיי; וואָרעם זיי זיינען דיין פאָלק און דיין ארב, וואָס דו האָסט ארויסגעצויגן פון מצרים פון דעם אייזנשמעלץ־אויוון. דיינע אויגן זאָלן זיין אָפן צו דעם געבעט פון דיין קנעכט. און צו דעם געבעט פון דיין פאָלק ישראל, זיי צוצוהערן, ווען נאָר זיי רופן צו דיר. וואָרעם דו האָסט זיי אָפגעשיידט דיר צום ארב פון אלע פעלקער פון דער ערד. אַזוי ווי דו האָסט גערעדט דורך דיין קנעכט משהן, ווען דו האָסט אַרויס־געצויגן אונדזערע עלטערן פון מצרים, יהוה מיין האר.

און עס איז געווען ווי קעניג שלמה האָט געענדיקט מתפלל־זיין צו יהוה די דאָזיקע גאנצע תפילה און בקשה, איז ער אויפגעשטאנען פון פארן מזבח פון יהוה, פון קניען אויף זיינע קני מיט זיינע הענט אויסגעשפרייט צום הימל, און ער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט געבענטשט די גאַנצע איינ־זאמלונג פון ישראל אויף א הייכן קול אַזוי צו זאָגן:

— געלויבט איז יהוה וואָס האָט געגעבן זיין פאָלק ישראל רו. אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט צוגעזאָגט, ניט אַן איינציק וואָרט איז אָפּגעפאַלן פון זיין גוטן צוזאָג וואָס ער האָט צוגעזאָגט דורך זיין קנעכט משהן. זאָל יהוה, אונד־זער האַר, זיין מיט אונדז, אַזוי ווי ער איז געווען מיט אונדזערע עלטערן; ער זאָל אונדז ניט פארלאָזן און ניט אוועקוואַרפן, כדי צו בויגן אונדזער הארץ צו אים, צו גיין אין אלע זיינע וועגן און צו היטן זיינע געבאָטן און זיינע חוקים און זיינע געזעצן, וואָס ער האָט באפוילן אונדזערע עלטערן. און זאָלן די דאָזיקע ווערטער מיינע וואָס איך האָב געבעטן פאַר יהוה, זיין נאָנט צו יהוה אונדזער אלהים טאָג און נאכט, צו טאָן דאָס רעכט פון זיי־נע קנעכט און דאָס רעכט פון זיין פאָלק ישראל טאָג טעגלעך. כדי אלע פעל־קער פון דער ערד זאָלן וויסן אז יהוה איז אלהים און אויסער אים איז קיין אלהים ניט פאַראַן. און זאָל אייער האַרץ זיין גאַנץ מיט יהוה אונדזער אלהים, צו גיין אין זיינע וועגן און היטן זיינע געבאָטן און זיינע געזעצן אין אייער גאנצן לעבן, ווי היינט צו טאָג.

און דער קעניג שלמה און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל האָבן געשלאָכט שלאכטאָפּפער פאר יהוה און שלמה האָט געשלאכט פרידאפער זייער א סך. און אַזוי האָט מען באַנייט דאָס הויז פון יהוה, דער האַר פון פרידן.

אויפן אכטן טאָג האָט דער קעניג שלמה זיך געזעגנט מיטן פאָלק און ער האָט זיי אָפּגעשיקט צו זייערע ערטער פון וואנענט זיי זיינען געקומען. זיי האָבן געבענטשט דעם קעניג שלמה און זיינען אוועק אהיים, צו זייערע הייזער און זייערע געצעלטן פריילעכע מיט אויפגעראַמטע הערצער און מיט דאַנקבארקייט פאר אלדאָס גוטס, וואָס יהוה האָט געטאָן צום קעניג דוד און צו זיין זון, דעם קעניג שלמה.

# 9

## שלמה פֿאַרפֿעסטיקט די מלוכה

שלמה האָט ניט געוואָלט ווערן קיין קעניג. ער האָט געהאַלטן אַז ער איז ניט דער פּאַסיקער מאַן פֿאַר דעמדאָזיקן באַרוף. ער האָט אויך גאַנץ גוט געוווּסט אַז דאָס איז די מיינונג פֿון דער אָפּאָזיציע קעגן אים. אָבער ווײַבאַלד ער האָט אויף זיך גענומען אָט־דעם שווערן עול, וועט ער אים טראָגן מיט פֿולער אַחריות און מיט ווערדע. ער וועט ווײַזן ווי אַ מלוכה דאַרף געפֿירט ווערן.

ער האָט אויפֿגעבויט דעם בית־המקדש און געפּראַוועט דעם חנוכּת־הבית מיט אויסערגעוויינלעכער פֿײַערלעכקייט. ער האָט מקריב געווען קרבנות מיט גאָר אַ ברייטער האַנט. ער האָט פֿײַנט קמצנות, און ער טראַכט אַז דאָס פֿאָלק האָט דעם זעלביקן געשמאַק. אים פֿרייט צו זען פּזרנות און לוקסוס פֿון זייערע הערשער.

שלמה האָט פֿאַרבאָטן די במות. ער האָט אָפּגעשאַפֿט די לאָקאַלע מקום־קדושס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פֿאַרשיידענע פֿלעצער און האָבן פֿיל צו געטראָגן צו דער צעשפּליטערקייט פֿון פֿאָלק. זיי האָבן באַשטעטיקט און כּמעט פֿאַרהייליקט די צעשפּאָלטנקייט פֿון ישׂראל אויף די צוועלף שבֿטים, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אין זייערע אויטאָנאָמיעס. ער האָט געמאַכט אַן ענד צום סעפּאַראַטיזם, שבֿטימשן פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט די כּוחות פֿון ישׂראל.

בײַ יעדער געלעגנהייט פֿלעגט זיך שוין אָפּזוכן אַ שבֿע בן בכרי וואָס פֿלעגט אַ געשריי טאָן: „צו אײַערע געצעלטן, ישׂראל!“ וואָס דאָס האָט געמיינט יעדער זאָל זיך האַלטן בײַ זײַן שבֿט און זיך ניט רעכענען מיט די אַלגעמיינע אינטערעסן פֿון כּלל ישׂראל, גענומען ווי עפּעס גאַנצעס פּאָליטיש.

אָט־דאָס שעדלעך געוויקס מוז אויסגעוואָרצלט ווערן פֿון באַוווּסטזײַן פֿון דעם יחיד, דעם זון פֿון ישׂראל. די שטאַם־לאָיאַלקייטן דאַרפֿן פֿאַרביטן ווערן מיט דער פֿולער איבערגעבנקייט צום כּלל, צום גאַנצן פֿאָלק. עס מוז נעמען אַ סוף צו דער ריוואַליטעט און שׂנאה־קנאה פֿון איין שבֿט צום צווייטן. אַלע האָבן אַ גלײַכן חלק אין בית־המקדש, כאָטש ער געפֿינט זיך אין תּחום פֿון בנימין און יהודה. איין טעמפּל פֿאַר אַלעמען. איין צענטראַליזירטע קאָנצענטרירטע מאַכט. איין פֿאָלק און איין קעניג, פֿון וועלכן שבֿט דער קעניג שטאַמט — איז אומוויכטיק. אויך איין פּריס־

טערטום מיט באַשטימטע פונקציעס און באַשטימטע זכיות. אין דער שפּיץ פון אַלע כוהנים שטייט דער כוהן גדול, און ער איז עזריהו, דער זון פון צדוק און אַלע כוהנים זיינען מחוייב אים צו פאָלגן בנוגע דער עבודה אין בית־המקדש. אויך די לוויים האָט ער איינגעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען: באַדינער, היטער פון די טויערן און זינגער. בראש פון די זינגער איז געשטאַנען דער קוואַרטעט הימן, קורח, אָסף און ידותון.

שלמה האָט גוט געוואוסט פון דער יידישער מחלה, וואָס האָט זיך אַריינגעגעסן אין די אַלטע יידישע ביינער און זיי צעווייכט: ברידער־קריג, שנאת־חנם, דער יצר־הרע פון צאַנקערייען. ער האָט זיך אונטערגענומען זי אויסצוקורירן. ער וועט צעמענטירן פאָלקישע אחדות. עס ליגט אַ כוח אין גאַנצקייט. אַ גאַנצע זאַך איז תמיד מער פון אירע באַשטאַנדטיילן. עס קומט צו אַ מערקראַפט, אַן עודף פון דערדאָזיקער באַהעפטונג. דער צוזאַמענגעם איז שעפעריש, גענערירט אַ צוגאַב. וואָס אַ קייט קען אויפטאָן, קענען קיין באַזונדערע אומפאַראייניקטע רינגען ניט באַווייזן.

שלמה איז גוט באַקאַנט מיט דעם יידישן מיחוש וואָס באַשטייט אין אַ תאווה צו צווויסטיקייטן, איין ברודער קעגן צווייטן. ער וועט ווערן דער פאָטער פון דער משפחה וואָס הייסט ישראל. מאַמעס און הויזגעזינטן קענען זיין עטלעכע, אָבער אַ פאַטריאַרך דאַרף זיין איינער. עס דאַרף הערשן אַ שטרענגער מאָניזם: איין זון אין הימל און איין מלך אויף דער ערד.

קין האָט געהרגעט הבלען. ווער איז שולדיק אין דעם? אָדם וואָס האָט ניט אויסגעאיבט זיין אויטאָריטעט. ער האָט ניט דיסציפּלינירט זיינע זין. ער האָט זיי ניט מדריך געווען ווי געהעריק. יעקב און עשו — ווידער אַ ברידער־קריג. ווער איז שולדיק אין אָט־דער רייסעריי? יצחק. ער האָט ניט געהאַלטן די פאַמיליע־לייצעס שטייף אין זיינע הענט. צו דעם אַלעם קומט נאָך צו דער קריג פון די ברידער. מע פאַרקויפט יוספן פאַר אַ שקלאַף. פון דעמדאָזיקן פאַרברעכן און אומגליק שטאַמען אַלע אומגליקן פון ישראל. עד־היום האַלטן זיי נאָך אַן די אַלטע מחלוקות. זיי קענען צווישן זיך ניט דורכקומען. זיי קענען ניט פאַרגעסן די אַלטע עוולות און שטירדעס. מ׳דאַרף קענען פאַרגעסן. ער, שלמה, גייט אָפּמעקן די שפּורן פון די אַלטע געשיכטעס. דער געבאָט פון היינטיקן טאָג איז: איין גאַנצס פאָלק זאָל ווערן!

ער האָט איינגעטיילט דאָס לאַנד טאַקע אין צוועלף חלקים, דווקא אין צוועלף, אָבער ער האָט מיט אַ כיוון איגנאָרירט די שבטים־איינטיילונג. ער האָט אָנגעשטעלט צוועלף נציבים, אַדמיניסטראַטאָרן פון גאַנצע קעגנטן. זיי וועלן פאַרוואַלטן יעדער אין זיין תחום און זיין פאַראַנטוואָרטלעך צו אים

ווי צו דעם ראָש פון לאַנד. אַ קערפּער האָט איין קאָפּ און אין קאָפּ אַ מוח. דער איינטייל אין צוועלף האָט צו טאָן ניט מיט די שבטים און זייערע נחלאות, נייערט מיט די חדשים. ישראל דאַרף וויסן אַז עס איז פאַראַן איין הויז, וואָס קאָנקרעטיזירט אין זיך די אידייע פון זיין גאַנצקייט און דאָס איז דעם מלכס־הויז. אַלע שיכטן און שטאַמען פון פאָלק דאַרפן צוטראָגן זייער ביישטייערונג צו זיין אויפהאַלט אין עושר און כבוד. מיט דער פאַרוואַלטונג פון הויז גיט זיך אָפּ אחישר.

דאָס זיינען די נעמען פון די נציבים און די קעגנטן וואָס זיי פאַרוואַלטן: בן־חורן אין דעם געבערג פון אפרים; בן־דקר אין מקץ און אין שעלבים און בית־שמש און אילון בית־חנן; בן־חסד אין ארובות: אונטער אים איז געווען שוכו, און דאָס גאַנצע לאַנד חפר; בן־אבינדב אין דעם גאַנצן תחום פון דור; בענא דער זון פון אחילודן, דער ברודער פון יהושפטן, אין תענך און מגידו און גאַנץ בית־שאָן, וואָס לעבן צרתן אונטער יזרעאל, פון בית־שאָן ביז אָבל־מחולה, ביז פון יענער זייט יקמעם; בן־גבר אין רמות־גלעד: אונטער אים זיינען געווען די דערפער פון יאיר, דעם זון פון מנשהן וואָס אין גלעד: אונטער אים איז אויך געווען דער תחום פון אַרגוב, וואָס אין בשן, זעכציק גרויסע שטעט מיט מויערן און קופערנע ריגלען; אחינדב דער זון פון עדאָן אין מחנים; אַחימעץ אין נפתלי; בענא דער זון פון חושין אין אָשר און בעלות; יהושפט, דער זון פון פרוחן, אין יששכר; שמעי דער זון פון אלאָן, אין בנימין; גבר, דער זון פון אורין, אין לאַנד גלעד, דאָס לאַנד פון סיחון מלך האמורי און פון עוג, דער מלך פון בשן.

עזריהו, דער זון פון נתנען, איז געווען אויפגעשטעלט איבער אַלע נציבים.

איינאיכטום פאָדערט איינפאָלקסטום. עס דאַרף געקנאָטן ווערן פון דער גאָרער מענטשהייט איין פאָלק, און דאָס פאָלק וועט זיין ישראל, דאָס פאָלק וואָס האָט געשאַפן און פאַרשפּרייט אָט־די גרויסע אידייע פון איינהייט. ער שלמה דאַרף ווערן באַטראַכט טעאָרעטיש ווי אַ קאָסמאָקראַטאָר. ישראל קען און מוז ווערן אַ גרויסמאַכט. און שלמה וועט עס באַווייזן דורכצופירן. און געטאָן דאַרף עס ווערן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ. דער לעבן פון אַ מענטשן, נאָך מער, פון אַ מלך, איז קורץ, און ער קען זיך ניט פאַרגינען צו שטעלן קליינע טריטלעך. אויב ער וועט אַזוי גיין, וועט ער אינערגעץ ניט דערגיין.

שלמה וויל ניט זיין אַ קליינער יורש פון אַ גרויסער ירושה. ער גופא גייט איבערלאָזן נאָך זיך אַ קאָלאָסאַלע ירושה, און דאָס זיינען זיינע אויפטוס אויפן געביט פון מדינה־בויעריי. זיינע פּאָליטישע דערגרייכונגען דאַרפן

פארשאַטענען די דעראָבערונגען פון זיין גרויסן טאַטן, דוד, דעם העכסט העראָישן קריגספירער. ער וועט זיין דער גרעסטער שטאַטסמאַן אין דער געשיכטע פון דער ישראל־מדינה. ער וועט דאָס אַלץ דערגרייכן דורך מי, אימפּולס און אימפּעט.

ישראל פון אַ קליין מדינהלע דאַרף ווערן אַ מדינה, וועלכע מע זאָל ניט בלויז פאַרכטן, נייערט טאַקע רעספּעקטירן און באַוואונדערן. ער וועט איר שאַפן אַ נאָמען און ער וועט נתעלה ווערן צוזאַמען מיט איר. ער וועט ווייזן זיינע קעגנער וואָס אַ מענטש פון גייסט, פון פּאָעטישער וויזיע, פון דרייסט און שווונג, קען אויפטאָן אויפן געביט אויך פון מלוכה־איינשטעל. ניט ווי זיי מיינען אַז בלויז אַ קריגסמאַן, אַ זעלנער וואָס זעט ניט ווייטער פון זיין נאָז, קען זיין אַ פּאַסיקער מלך איבער ישראל.

זיינע אָפּאָזיציע־מענטשן זיינען פאַרשוינען מיט קליינע השגות. אַ פאָלק דאַרף האָבן גרויסע אַמביציעס. עס דאַרף זיך לאָזן שווימען איבער די גרויסע און טיפע וואַסערן, און ניט זיך פּליושקען אין אַ קליינער אָזערקע, אָדער בראָדזשען כל־ימיו דורך זומפּן. ישראל מוז אויסשפּרייטן אירע גרעניצן.

ער וועט מאַכן ישראל רייך און מעכטיק. ישראל־לאַנד וועט ווערן אַ גרויסער האַנדעלס צענטער. ישראל דאַרף זיך איינשאַפן אַ האַנדלס־פלאָט, וואָס זאָל זעגלען צו די ווייטסטע לענדער און ברענגען פון דאָרטן גאָלד, עלפנביין, קאָסטבאַרע שטיינער און טייערע געווירצן. ישראל איז לעת־עתה אַן ערד־אַרבעטער־פאָלק וואָס קולטיווירט בלויז תבואה און שאָר־ירקות. דאָס איז אַ גוטער אָנפאַנג, אָבער ביי דעם טאָר עס ניט בלייבן. ישראל מוז אַרויף אויף די ימען. ער וועט נעמען בויען גרויסע שיפן אין עציון־גבר. ער וועט איינריכטן גוטע האַפנס.

יאָ, ער וויל שלום. און ער וועט זיין אַ פרידנס־קיניג. ער וועט קיין מלחמות ניט פירן. אָבער כדי עס זאָל הערשן אומגעשטערט שלום צווישן אים און די שכנים קיניגן, דאַרפן די שכנים באַגרייפן אַז ישראל איז שטאַרק, און אויב זיי וועלן זיך פאַרטשעפּן, וועלן זיי מיאוס אָפּשניידן. ישראל וועט קיינעם ניט באַפאַלן, אָבער טאָמער וועט עמיצער וואַגן צו באַפאַלן ישראל, דעמאָלט וועט ישראל יענעם גוט אָנלערנען און ער וועט פאַרזאָגן אַ צענטן.

ישראל מוז האָבן אַ שטאַרקע אַרמיי. אָן דעם קען זיך קיין מדינה ניט באַגיין. אַ קלוג און פאַרשטענדיק פאָלק, אַן „עם חכם ונבון", ווי ישראל ווערט באַצייכנט, דאַרף באַזיצן גענוג פאַרשטאַנד צו באַגרייפן, אַז מיט חכמה אַליין קען מען אויפן פּאָליטישן געביט קיין סך ניט אויפטאָן. צו דער חכמה דאַרף מען האָבן די „יד חזקה" און דעם „זרוע נטויה", די שטאַרקע האַנט

און אויסגעשטרעקטן אָרעם. ערשט דעמאָלט וועט ישראלס קלוגשאַפט אָנערקענט ווערן, וואָס וויסן די געצנדינערישע פעלקער פון חכמה. זיי דאַרף מען געבן אין די ציין, אונטערהאַקן די אויגן. אַט די פויסט-חכמה שעצן זיי. גבורה אַפּעלירט צו זיי, ניט אַבסטראַקטע קלוגשאַפט.

אַז מע וויל שלום, דאַרף מען זיין גוט צוגעגרייט צו מלחמה. דאַרף מען האָבן אַן ערשט-ראַנגיקע אַרמיי און זי דאַרף זיין באַזאָרגט מיט די נייעסטע כלי-זין, ניט מיט די פאַרצאָסענע פיילן און בויגנס, אָדער גאָר שטיינוואַרפערס. פוסגייערס אַליין זיינען ניט גענוג. מע דאַרף האָבן אויך קאַוואַלעריע, רייטערס אין די שווערע טויזנטער. מע דאַרף, דערעיקרשט, האָבן אַ סך רייטוועגענער, און וואָס מער, אַלץ בעסער.

אָבער כדי צו האָבן אַ סך רייטוועגענער, דאַרף מען האָבן פערד, אַ שפע פון פערד. די בטלנים וואָלטן נאָך אַלץ וועלן פירן מלחמות מיט שוין לאַנג-אָפּגעלעבטע וואָפן. ער ווייסט אַז ישראל האָט עפּעס אַ ווידערווילן קעגן פערד. אָבער אויב מע וויל האָבן אַ שטאַרקע מדינה, דאַרף מען קענען זיך אָפּזאָגן פון שעדלעכע טראַדיציעס. מע דאַרף גיין פאָרויס מיט דער צייט, און ניט בלויז אָניאָגן די גרויסע מדינות אין באַוואָפענונג, נאָר זיי אַפילו אַריבעריאָגן.

שלמה, וואָס האָט אינאָנפאַנג אימפּאָרטירט פערד פון מצרים, האָט אַצונד אַזוי אַנטוויקלט די פערד-האָדעוואונג ביי זיך אין לאַנד, אַז ער עקספּאָרטירט שוין פערד. ער ווייסט אַז די פרומאַקעס האָבן אויף אים תרעומות, זיי טייטן אויפן אָנזאָג: „לא ירבה לו סוסים”, „דער מלך זאָל זיך ניט איינשאַפן קיין סך פערד”. זיי האָבן טענות צו אים הלמאַי ער האָט געבראָכן אַ הייליקע טראַדיציע! אָבער אויב מע וויל בויען נייע בנינים, דאַרף מען אַ היפּש ביסל אַלטע חורבות אַראָפּוואַרפן.

אַ גוט באַשיצטע מדינה מוז זיך האַלטן אויף פערד. שלמה האָט אין אַ גאָר קורצער צייט ניט נאָר אָנגעיאָגט, נאָר אַריבערגעיאָגט אַזאַ גרויסמאַכט ווי מצרים. ער האָט געשאַפן אַ בעסערן רייטוועגענער-קאָרפּוס ווי מצרים האָט פאַרמאָגט. די ישראל-מדינה האָט אַצונד איבער 750 עסקאַדראָנען פון רייטוועגענער. יעדער עסקאַדראָן פאַרברויכט בערך אַ 120 פערד. דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון מגידו האָט געהאַט אין זיין רשות צום געברויך פאַר די באַוואַכונג פון דער פעסטונג בערך 300 פערד.

שלמה האָט אויפגעשטעלט 40,000 קאָניושנעס, און יעדע קאָניושנע איז באַשטאַנען פון פינף גרויסע שטאַלן, יעדער שטאַל 55 מעטער אין דער לענג און 26 מעטער אין דער ברייט. די קאָניושנעס זיינען געבויט מיט

פּראַכט און גלאַנץ, מיט עסטעטישן געשמאַק, ווי אַלע געביידעס, וואָס שלמה האָט אויפגעריכט. יעדע קאַניושנע האָט געהאַט צוויי ציילן צו צוועלף זיילן וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט לענג־אויס דעם הויפּט־דורכגאַנג. צו יעדן זייל איז געווען צוגעבונדן אַ פערד, מיט דער מאָרדע געקערט צום פערד וואָס געפינט זיך אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט פון דורכגאַנג. אַזוי אַז איין קאַניוך האָט געקענט אַכטונג געבן אויף אַ גאַנצער קאַניושנע פערד, געבן זיי עסן, טרינקען און האַלטן זיי ריין. די ווענט פון די שטאַלן האָבן אַזש געבלאַנקט פון זייער ווייסקייט.

די פּאָדלאָגע פון די שטאַלן איז געווען אַ ציגלברוק. דער הויפּט־דורכגאַנג איז געווען אויסגעברוקירט מיט אָפּגעפּאָלירטע קאַלכשטיין און פון ביידע זייטן זיינען געווען רינעס אַזוי אַז דאָס וואַסער זאָל לייכט קענען אַראָפּרינען.

שלמה פלעגט אָפט באַזוכן די קאַניושנעס, אינספּעקטירן זיי. די פערד זיינען געווען פון אַ „פּאַראַדע" געבראַכט פון סיליציע: פון נידעריקן־געוואוקס, מיט שלאַנקע העלדזער און דינע פיס און מיט לאַנגע דיקע ווידלען.

דער קלימאַט אין מגידו האָט זיי „פּאַליובעט" בעסער ווי אין מצרים. אַזוי אַז ביי פּרעהן האָבן זיך די פערד ניט געהאַלטן, און ער פלעגט אָפט זיין געצוווּנגען איינצוקויפן נייע פערד.

שלמה האָט געהאַנדעלט פערד אויך פאַר קאָמערציעלע צוועקן. ער האָט איינגעהאַנדלט אַ פערד פון די סיציליִשע סוחרים פאַר 50 שקלים און ער האָט אים צוגעפּאַשעט און אויסגעכאַליעט און אים פאַרקויפט אין מצרים פאַר 150 שקלים. פאַר דעם זעלביקן פּרייז האָט ער פאַרקויפט פערד צו די חתים און צו אַרם.

די פויערים זיינען געווען געצוווּנגען צוצושטעלן היי און האָבער פאַר די קיניגלעכע קאַניושנעס.

שלמה האָט גוט באַוואַכט די צוגאַנגען צו זיין רעזידענץ־שטאָט ירושלים. ער האָט אויפגעבויט מעכטיקע פעסטונגען: חצור אין צפון פון דער גליל קעגנט; מגדו אין טאָל יזרעאל; גזר און דעם אונטערשטן בית־חורון אין עק פון דרום אין דעם הייכלאַנד פון אפרים און אויפן פלאַכלאַנד ביים ברעג פון ים; בעלת און תדמור אין מדבר.

שלמה איז געווען גרויסצוגיק אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען. אַלץ האָט געדאַרפט האָבן אַ גרויסן פאַרנעם. ער האָט זיך ניט גערעכנט מיט די גרויסע הוצאות, וואָס די אַרמיי און די פעסטונגען האָבן געקאָסט. אַזוי אַז ער האָט באַלייגט דאָס פאָלק מיט זייער שווערע שטייערן. מע האָט פון די נידעריקע

שיכטן, איבערהויפט פון דער אַגראַרישער באַפעלקערונג, צוגענומען מער ווי זיי איז געבליבן פון דער פרוכט פון זייער פראַצע פאַרן אייגענעם געברויך אויף צו לעבן.

דאָס גאָלד און די געווירצן און טייערע שטיינער און עלפנביין וואָס די דריי תרשיש־שיפן האָבן געבראַכט איין מאָל אין דריי יאָר האָט ניט געקלעקט צו דעקן די מאוויימדיקע אויסגאָבן.

דער יאָך פון די אָפּצאָלונגען איז געווען זייער שווער. די שטייער אויפ־מאָנעקס זיינען געווען שטרענג, זיי האָבן געריסן אַ פאַס. ניט געוואוסט פון קיין רחמנותדיקער איינזעעניש. די גרויסע אומצופרידנקייט האָט ארומגעכאַפּט גאַנץ ברייטע שיכטן פון פאָלק. עס האָט זיך געלאָזט פילן אַ שטאַרקע אויפ־רודערונג. די אָפּאָזיציע האָט עס אויסגענוצט, געגאָסן בוימל אויף די פייערן פון אויפגעבראַכטקייט, געהעצט קעגן שלמהן און זיין אויטאָקראַטישן רעזשים, זיין פּזרנותדיקן לוקסוסדיקן פיר. אויך די פאַרקנאַכערטע טראַדיציאָנאַליסטן, די פרומאַקעס און די סעפּאַראַטיסטן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דעם פריערדיקן אויטאָנאָמישן שטאַט פון די שבטים האָבן אויפגעבורעט דאָס פאָלק קעגן שלמהן.

אָבער שלמה איז געווען אַנטשלאָסן דורכצופירן זיין גרויסן פּלאַן און פאַרוואַנדלען אָט־די קליינע מדינהלע פון ישראל אין אַ גרויסמאַכט אום יעדן פּריז. און ווען אַן אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, מיט וועלכן עס האָט אָנגע־פירט ירבעם דער זון פון נבט, איינער פון די אויפזעער איבער דער צוואַנג־אַרבעט, וואָס מע האָט געברויכט אין בויען די פעסטונגען, האָט שלמה אים אונטערדריקט מיט אַ שטאַרקער האַנט. ער האָט באַפוילן כאַפּן ירבעמען און אים הינריכטן. אָבער דעם מורד האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטריננען. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין מצרים.

שלמה האָט באַגריפן אַז אַ מדינה, אַ שטאַרקע, גרויסע מדינה, מוז פאָדערן אַ סך קרבנות. מע מוז מקריב זיין דאָס וואוילזיין פון יחיד אויפן מזבח פון כלל. מע טאָר ניט זיין קאַרג און ציילן די גרויפּן אין נאַציאָנאַל־מלוכהשן טאָפּ. מע דאַרף זיך ניט אָפּשרעקן פאַר קיין חובות. מע דאַרף אָוועקגעבן דעם לעצטן ביסן פון מויל אָבי באַוויזן אויפצובויען אַ מאַכט, פאַר וועלכער די שכנים־פעלקער וועלן מורא האָבן. מע בויט פאַר דער צוקונפט, פאַר די קומענדיקע דורות. די מדינה בויט ער ווי ער האָט געבויט דעם בית־המקדש און זיין אייגענעם פּאַלאַץ, סאָליד און אויף אַ גרויסן פאַרנעם. שלמה איז אַן עקסטרעמיסט אין זיינע באַנעמונגען און האַנדלונגען: אָדער גאָר אָדער גאָרניט. ער האָט פיינט פּשרות־מאַכעריי, קאָמפּראָמיסן. אָדער אַ גרויסע

מלוכה אָדער גאָר קיין מלוכה ניט. אַנמלוכהשאַפט אויב עס איז אויסגעהאַלטן ווי אַ „מלכות־שדי״־איינשטעל און געוועגדט מיט אימפּעט, מיט שלאָגפּאַרטי־קער אַגרעסיוויקייט קעגן אַלע געצנדינערישע מלוכות, מיט דער אויסגע־שפּראָכענער פאָדערונג אָפּצושאַפן אַלע וועלטלעכע מדינות איז אַ וויכטיקער ענין, אַ ריזיקע אונטערנעמונג. אָבער דאָס וואַקלען זיך און קווענקלען, „דאָס שפּרינגען אויף ביידע שוועלן״ אָדער זיצן צווישן צוויי שטולן, אַ קיניגלעכן טראָן אויף דער ערד און אַ כסא־הכבוד אין די הימלען — דאָס האָט ער ניט געקענט פאַרטראָגן. דאָס פאָלק ישראל מוז אויפהערן זיך צו טאָפּטשען אויף איין אָרט, מאַכן איין טראָט אויף רעכטס און איינעם אויף לינקס, איינעם פאָרויס און איינעם צוריק. אויב זיך טריפה מאַכן איז עסן חזיר, פעטן חזיר־פליש מיטן פולן מויל, דאָס פעטס זאָל אַזש רינען פון פּיסק, אָבער ניט לעקן חזיר. פון אַזאַ לעק־טאָן ווערט מען טריפה, אָבער ניט זאַט. אויף אַזאַ דיעטע פון מלוכה־לעקעניש קען אַ פאָלק ניט געדייען. אָדער אַ פאָלק פון מלכים אָדער אַ פאָלק פון נביאים, וועלן זיין ביידע אויפאַמאָל וועט עס האָבן אַ זינען ווי איינשפּאַנען אין איין וואָגן אַ וואָלפיש און אַן אָדלער, איינער שלעפּט אין וואַסער אריין און דער צווייטער רייסט זיך צו די הימלען, און דער וואָגן רירט זיך ניט פון אָרט.

שלמה האָט געוווּאוסט אַז אין אַלע אויפרודערונגען פון המון־עם האָבן אַ האַנט יואב דער אַלטער פוקס און אביתר דער פרומאַצקער כוהן און, זיכער, אדוניהו דער געזאַלבטער מיט ניכטערן שפּייעכץ; אויך שמעי דער זון פון גרא האָט אין זיי אַ פינגער.

שלמה איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אין לאַנד ישראל וועט קיינמאָל ניט זיין שטיל כל־זמן אָט־די חברה לייט האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרנעמען מיט פאַרשווערערישער אונטערגראָבערישער אַרבעט. אַצינד האָט ער זיך דערמאָנט וואָס קיניג דוד האָט אים אָנגעזאָגט פאַרן שטאַרבן, ממש פאַר יציאת־נשמה. ער פאַרשטייט איצט אַז דוד האָט ריכטיק אָפּגע־שאַצט די לאַגע. ער האָט אים באַפוילן זיי ניט לאָזן שטאַרבן מיט אַ נאַטיר־לעכן טויט. דוד האָט די הינריכטונג פון יואבן און שמעין פאַרלאַנגט, כלומרשט, ווי אַ באַרעכטיקטן אַקט פון נקמה. דער אמת איז אַז ער האָט פאָרויסגעזען אַז זיי וועלן זיין אַ שטעכיקער דאָרן אין זייַן, שלמהס, זייט. זייַן טראָן וועט ניט שטיין פעסט, אַזוי לאַנג ווי זיי לעבן און אינטריגירן קעגן אים פראַנק און פריי.

אַזוי ווי דער משפּט פון די צוויי זונות איז דורכגעפאַלן האָט יואב און אביתר צוגעטראַכט אַ נייעם פאָרטל. אדוניהו דאַרף חתונה האָבן מיט אבישג

פון שונם און אזוי ווי דער עולם ווייסט אז זי האָט אויף דודן אויפגעפּאַסט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן און ס׳רוב האַלטן זי פאַר זיין לעצטער און יינגסטער ווייב, וועלן זיי פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג אַז דוד האָט איבער־געלאָזט אַ שריפטלעכע צוואה, געשריבן מיט זיין אייגענער האַנט אָדער דיקטירט צו אבישגן מינדלעך און בלויז אונטערגעחתמעט פון אים, אין וועלכן עס ווערט בפירוש געזאָגט, אַדוניהו זאָל קעניגן נאָך אים. אבישג וועט פאַרזיכערן אַז דאָס איז אַזוי. און נתן און בת־שבע האָבן אָפּגענאַרט דעם עולם, ווען זיי האָבן באַהויפּט אַז דוד האָט באַפוילן צו זאַלבן שלמהן. פאַר איר טאַט אין דער צוטראַכטעניש וועט איר אדוניהו באַצאָלן מיט הייראַטן זי, און שפּעטער צו, ווען זייער פּלאַן וועט זיך זיי איינגעבן, זי מאַכן פאַר דער קעניגין פון ישראל. די הייראַט גופא וועט כלומרשט דינען ווי אַ באַווייז אַז אדוניהו איז דער קרוין־יורש, וואָרים אין דער צוואה גיט דוד איבער צו אדוניהון אי דעם טראָן, אי זיין לעצטע ווייב, די קעניגין־אלמנה.

אבישג האָט זיך געפונען אין שלמהס רשות. זי איז געווען אין האַרעם, געהאַלטן אונטער אַ שטרענגער וואַך. איינער פון אירע וועכטער־סריסים איז געווען אַן אונטערגעקויפטער און דורך אים זיינען אָנגעגאַנגען די אונ־טערהאַנדלונגען צווישן אדוניהו און אבישג.

זי אַרויסגבבענען פון האַרעם וואָלט זיין אַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג. לכן האָט יואב געראַטן, אַז אַדוניהו זאָל זיך ווענדן צו בת־שבען און באַ־ווירקן זי, אַז זי זאָל זען פועלן ביי שלמהן אַז מען זאָל לאָזן אים חתונה האָבן מיט זיין געליבטער, אבישג פון שונם, בת־שבע ווי אַ פרוי און מיט אַזאַ ראָמאַנטישער פאַרגאַנגענהייט וועט אים גלויבן, אַז ער איז שרעקלעך פאַרליבט אין אבישג און וועט קיין זאַך ניט פאַרדעכטיקן. זי וועט ווילּיק זיין אים צו פאַרגיטיקן, כאָטש־בי מיט עפּעס פאַר דעם פאַרלוסט פון דעם קע־ניגרייך, וואָס זי האָט אים גורם געווען. זי ווייסט דאָך אַז לויטן געזעץ האָט די מלוכה־ירושה באַלאַנגט צו אדוניהון, צום עלטערן זון.

דער אויפזעער פון האַרעם האָט גענומען אונטער אַ חשד דעם סריס־שומר פון אבישג. ער האָט באַמערקט אַז ער האַלט מיט איר זיך אין סודן גאַנץ אָפט, און אַז זי איז געווען לעצטנס אַן אויפגערודערטע, אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרחלומטע. הכלל, ער האָט אים גענומען אויף אַ פאַרהער מיט דעם פייניקונג־קלאַפּער־געצייג און ער, דער סריס־שומר, האָט אַרויסגעגעבן די פאַרשווערונג און די פאַרשווערערס.

דער אויפזעער האָט גלייך עס מיטגעטיילט שלמהן.

אדוניהו האָט גאָרניט געוווסט וועגן דעם דורכפאַל און דעם פּאַרראַט פון אונטערגעקויפטן סריס. ער איז אוועק זען בת־שבען, ווי יואב האָט אים אינסטרוקטירט. זי האָט אים אויפגענומען, ווי נאָר ער האָט זיך געמאָלדן.

בת־שבע: איז דיין קומען מיט פרידן?

אדוניהו: מיט פרידן. איך האָב צו דיר א בקשה.

בת־שבע: רייד! זאָג וואָס איז עס?

אדוניהו: דו ווייסט, אז די מלוכה האָט מיר געקומט, און צו מיר האָט זיך געקערט גאַנץ ישראל אז איך זאָל ווערן קעניג. אָבער אַלץ האָט זיך אומגעדרייט און די מלוכה איז אַנגעקומען צו מיין יינגערן ברודער, ווייל אזוי איז אים באַשערט געווען, מסתמא, פון השם. און אַצינד האָב איך צו דיר איין בקשה און זאָלסט מיר ניט אָפּזאָגן.

בת־שבע: איז זאָג־זשע, וואָס איז דיין בקשה?

אדוניהו: איך בעט דיך, זאָג דעם מלך שלמה — וואָרעם דיר וועט ער ניט אָפּזאָגן — ער זאָל מיר געבן אבישג פון שונם פאַר א ווייב.

בת־שבע: גוט. איך וועל ריידן פונדיינטוועגן צום מלך.

בת־שבע איז געקומען צום מלך שלמה צו ריידן צו אים פון אדוניהוס וועגן. דער מלך איז אויפגעשטאַנען, איר אַנטקעגן געגאַנגען א פּאָר טריט, און ער האָט זיך צו איר געבוקט, און ער האָט זיך געזעצט אויף זיין טראָן, און אָנגעוויזן איר פּלאַץ זיך אנידערצוזעצן. זי האָט זיך געזעצט אויף זיין רעכטער זייט. און זי האָט געזאָגט:

— איין קליינע בקשה האָב איך צו דיר, זאָלסט מיר ניט אָפּזאָגן.

שלמה: בעט, מיין מוטער, וואָרעם איך וועל דיר ניט אָפּזאָגן.

בת־שבע: זאָל אבישג פון שונם געגעבן ווערן צו דיין ברודער, אדוניהו, פאַר א ווייב.

(שלמה איז אַן אויפגעציטערטער געוואָרן. ער האָט זיך אָבער באַהערשט)

שלמה: פאַרוואָס בעטסטו אַבישג פון שונם פאַר אַדוניהון, בעט פאַר אים אויך די מלוכה, ווייל ער איז אַן עלטערער ברודער — פאַר אים, פאַר אביתרן, דעם כוהן און פאַר יואבן דעם זון פון צרויה.

ער האָט זיך מער ניט געקענט באַהערשן און מיט א בייזער שטים האָט ער אויסגעשריען אויפשפּרינגנדיק פון געזעס אויפן טראָן:

— איך שווער ביי יהוה, אזוי צו זאָגן: זאָל מיר אלהים טאָן אזוי און נאָך מער, אז אום זיין לעבן האָט אדוניהו גערעדט דאָס דאָזיקע וואָרט. און

אציבד אזוי ווי עס לעבט יהוה, וואָס האָט מיך באפעסטיקט און האָט מיך אַרויפגעזעצט אויף דעם טראָן פון מיין פאָטער, דוד, און וואָס האָט מיר געמאכט א הויז אזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט, אז נאָך היינט מוז אדוניהו גע־טויט ווערן.

בת־שבע איז געבליבן זיצן א ווײַלע דערשטוינט. זי האָט ניט געקענט באַנעמען אין וואָס באַשטייט דאָ אדוניהוס פאַרברעכן און אין וואָס באַשטייט דאָ איר פאַרזען אין איבערגעבן זיין אומשולדיקע ביטע. זי האָט זיך אָן איבערוועלטיקטע מיט באַוווּנדערונג און שרעק אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ און שטילערהייט זיך אַרויסגעשלייכט פון טראָנזאַל.

און דער מלך שלמה האָט געשיקט בניהו דעם זון פון יהוידען. און ער האָט אים אָנגעגריפן און ער (אדוניהו) איז געשטאָרבן.

דער מלך שלמה האָט געשיקט ברענגען צו אים אביתרן, דעם כהן. און אז ער איז געקומען האָט דער מלך צו אים געזאָגט:

— גיי קיין ענתות צו דיינע פעלדער, וואָרעם דעם טויט ביסטו ווערט, אָבער היינטיקן טאָג וועל איך דיך ניט טויטן, ווייל דו האָסט געטראָגן דעם ארון פון יהוה, דעם האַר, פאַר מיין פאָטער, פאַר דודן, און ווייל דו האָסט זיך געפּלאָגט אין אַלץ, וואָס מיין פאָטער האָט זיך געפּלאָגט.

און שלמה האָט פאַרטריבן אביתרן פון צו זיין א כהן צו יהוה.

און ווי די הערונג איז אָנגעקומען צו יואבן... איז יואב אַנטלאָפן צום טעמפּל פון יהוה און האָט זיך אָנגענומען אָן די הערנער פון מזבח.

איז אָנגעזאָגט געוואָרן דעם מלך שלמה, אז יואב איז אַנטלאָפן צום טעמפּל פון יהוה און אז ער איז ביים מזבח.

און שלמה האָט געשיקט בניהון, דעם זון פון יהוידען, אזוי צו זאָגן: גיי און גרייף אים אָן!

איז בניהו געקומען צום טעמפּל פון יהוה און ער האָט געזאָגט צו יואבן: אזוי האָט געזאָגט דער מלך: „גיי אַרויס!"

האָט יואב געזאָגט:

— ניין, נייערט דאָ וועל איך שטאַרבן. און דאָ ביים מזבח טאָרסטו מיך ניט טויטן. דער מזבח גיט מיר אַזיל־שוץ, איך האַלט זיך ביים מזבחס ווינקלען.

איז בניהו געקומען צוריק צום מלך און האָט אים איבערגעגעבן זייער קורצן געשפּרעך.

האָט דער מלך צו אים געזאָגט:

— טו אַזוי ווי ער האָט גערעדט, און גרייף אים אָן און זאָלסט אים באַגראָבן און אָפּטאָן דאָס אומזיסט בלוט, וואָס יואב האָט פאַרגאָסן, פון מיר

און פון מיין פאָטערס הויז. און זאָל יהוה אומקערן זיין בלוט אויף זיין קאָפּ, פאַרוואָס ער איז באַפאַלן צוויי מענטשן גערעכטע און בעסערע פון אים, און האָט זיי געהרגעט מיטן שווערד, און מיין פאָטער דוד האָט ניט געוווּסט: אבנרן, דעם זון פון נרן, דעם חיל־פירער פון ישראל, און עמשאָן דעם זון פון יתרן, דעם חיל־פירער פון יהודה; און זייער בלוט זאָל זיך אומקערן אויפן קאָפּ פון יואָבן, און אויפן קאָפּ פון זיין זאָמען, און צו דודן און זיין זאָמען, און צו זיין הויז, און צו זיין טראָן זאָל זיין פרידן ,אויף אייביק פון יהוהן.

בניהו, דער זון פון יהוידען, בוקט זיך פאַרן קיניג שלמה און פרעגט:

— אדוני קעניג, אָבער יואב טענהט אז דער מזבח גיט אים אנטרינונג־רעכט.

שלמה ענטפערט אים מיט אויפרעגונג:

— טו ווי איך היים. יואב ווייסט ניט וואָס ער רעדט, ער מאַכט דריי טעותן; ערשטנס, אנטרינונג ווערט געשאָנקען בלויז צו איינעם, וואָס באַגייט א מאָרד אומבאַוואוסטזיניק. יואב האָט, אָבער, פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט אָבזיכטלעך; צווייטנס, בלויז דאָס דעכל פון מזבח שיצט דאָס אזיל־רעכט, און יואב האַלט זיך אָן די ווינקלען פון מזבח; דריטנס, אָט־די פּריווילעגיע קען אויסנוצן בלויז א כוהן בשעת דער הייליקער עבודה.

איז בניהו, דער זון פון יהוידען, ארויפגעגאנגען און ער האָט יואבן, דעם זון פון צרויהן, דעם געוועזענעם קריגספירער פון יהודה און ישראל, אָנגעגריפן און געטויט.

# 10

## צוויי הספדים

און יואב איז באַגראָבן געוואָרן אין זיין היים, אין מדבר.

ביים חנוכת־הבית איז בת־שבע ניט געווען. זי איז געלעגן אין בעט א מסוכן־קראַנקע. אויך נתן האָט ניט געקענט קומען און זיך פרייען מיט דעם וואָס זיין נבואה איז פולפילט געוואָרן. און צוליב דער אייגענער אור־זאַך וואָס בת־שבע. די לעצטע פאָר יאָר איז ער געווען אַזוי פאַרשלאָפט, און ער האָט פון הויז ניט געקענט ארויס.

שלמה האָט געהייסן מען זאָל אים אַריבערפירן אין פּאַלאַץ, כדי ער זאָל קענען אים אָפט מבקר־חולה־זיין.

ביידע זיינען געשטאָרבן אין איין וואָך. שלמה האָט ביידען מספּיד געווען. ביים אָפענעם קבר פון בת־שבע האָט ער פאַרגעלייענט זיין „אָדע צו דער פרוי", „אשת חיל".

„אַן אשת חיל ווער קען געפינען ?
איר ווערט שטייגט אַריבער פּערל.
דאָס האַרץ פון איר מאַן האָט אין איר בטחון
און ער באַרט זיך אין איר ניט אָפּ.
זי טוט אים און אַלעמען גוטס און ניט קיין שלעכטס,
אַלע טעג פון איר לעבן.
זי קעמט וואָל און בלייכט דעם פלאַקס,
און אַרבעט מיט אירע וויליקע הענט.
זי איז אַזוי ווי די האַנדלסשיפן,
פונדערווייטנס ברענגט זי איר ברויט.
זי שטייט אויף ווען נאָך נאַכט,
און גרייט צו שפּייז פאַר איר הויזגעזינט,
און די אויסקומעניש פון איר דינסט־מיידלעך.
איר געפעלט אַ פעלד, קויפט זי עס,
און מיט די אייגענע הענט פאַרפלאַנצט זי אַ ווייַנגאָרטן,
זי גורט אָן מיט קראַפט אירע לענדן
און זי שטאַרקט אירע אָרעמס.
זי מערקט אַז איר פאַרדינסט איז גוט,
ניט פאַרלאָשן ביינאַכט ווערט איר ליכט.
מיט אירע הענט דרייט זי דעם שפּינראָד
און אירע האַנטפלאַכן האַלטן אונטער דעם שפּינדל.
איר האַנט פלאַך שטרעקט זי אויס צום אָרימאַן,
און אירע הענט ציט זי אויס צום אביון.
זי האָט ניט מורא וועגן איר הויזגעזינט פאַרן שניי,
וואָרעם איר גאַנץ געזינטל איז אָנגעטאָן אין רויט־געוואַנט.
דעקן מאַכט זי זיך,
פיינלייוונט און פּורפּל איז איר אָנטועכץ.
באַקאַנט אין די שטאָט־טויערן איז איר מאַן,
ער זיצט דאָרט מיט די עלטסטע פון לאַנד.

## שלמה המלך

אַ ליינענטוך מאַכט זי און פאַרקויפט,
און גאַרטלען באַט זי אַן דעם הענדלער.
שטאַרקייט און שיינקייט איז איר קליידונג.
און זי לאַכט פון שפּעטערדיקן טאָג.
איר מויל עפנט זי מיט קלוגשאַפט,
און די לערנונג פון גנאַד איז אויף איר צונג.
זי עסט ניט קיין ברויט פון פוילקייט.
זי גיט אַכטונג אויף דער באַלעבאַטישקייט,
אירע קינדער שטייען אויף און לויבן זי,
איר מאַן — ער רימט זי גאָר אָפּ:
„אַ סך טעכטער האָבן באַוויזן בריה׳שאַפט,
אָבער דו שטייגסט זיי אַלעמען אַריבער,
חן איז אַן אָפּנאַר, שיינקייט איז אייטלקייט,
אַ יהוה־פּאַרכטיקע ווייב, זי זאָל געריטמט ווערן״.
גיט איר וואָס איר קומט, די פּרוכט פון אירע הענט.
און זאָלן אירע מעשים זי רימען אין די טויערן.

שטייענדיק איבער נתנס, זיין רבינס קבר האָט ער אימפּראָוויזירט אַ פּזמון וועגן טויט, און אַרויסגעבראַכט נתנס אַ פונדאַמענטאַלן געדאַנק.

עס איז דער טויט אַ תוכחה, אַ שרעקלעך פּלאָג,
וואָס אויף דעם יחיד האָט סמאל אַנגעשיקט...
ס׳איז טויט אַ פּועל־יוצא פון פאַרשאַרפטע מחלוקת
וואָס ווערט געפירט, סיי אָפן סיי געהיים, אין קהילה
קדושה, וואָס הייסט קערפּער — יחיד, ציבור, וועלט.
און מחמת אָט־דעם קאַמף און שטרייט, דער „מנוול״ זיגט.
איעדער שטערבלעכער שטאַרבט מיט אַ מיתה משונה.
עס זיינען אַלע טויטן, אָן קיין אויסנאַם, מאָרדן שטילע.

דאָס מענטשנקינד פאַלט אויפן שלאַכטפעלד אין געפעכט
וואָס גייט אָן צווישן כל ישראל און ר׳ ייד׳.
ס׳איז מענטש אַ קרבן פון אַ טאָפּלטער מלחמה:
אין אים, אין קערפּער גופא ראַנגלען זיך די גלידער;
און אין די גלידער צעלן רייסן זיך אַרום.

### אבא גאַרדין

אַזוי זײַנען טויט־סוף מענטש איגנהענטיק שמידט.
דער מעשה־בראשית קריגט זיך מיטן תהו־בהו...
עס איז ניטאָ קיין שלום צווישן רשעים ברידער.

די גרויסע ברייטע וועלט מיט אונדז זי פירט זיך אויף,
ווי מיר אַליין זיך האַלטן אין באַצוק צו מענטשן.
זי ווי אַן עכאָ קלינגט אָפּ, ענטפערט אונדזער רוף:
ווען מיר זיך שעלטן, וועט זי אונדז ניט קומען בענטשן.

ווי מיר בנוגע אַנדערע זיך פירן אויף,
אַזוי זיך פירן בנוגע אונדז אַליין די גלידער,
וואָס איז דען אָט־דער בלוט און פלייש און ביין, דער גוף?
אַ מסית ומדיח וואָס שרייט צו זיך: „נידער!"

געשטעלטע פירעכץ כּלפּי אַנדערע זי דינט
פאַר אינערלעכע לעבנס־שייכותן אַ מוסטער.
אין יענעמס ווייטאָק אונדזער אייגן ווי געפינט.
מיר זײַנען אַלע איינס — דער כּלל איז אַ באַוואוסטער.

ווען בייזער קערפּער לעבט בשלום מיטן לייב
און איברים אַרבעטן און מאַכן קיין גערידער,
הערט אויף דאָס לעבן דען צו זיין אַ צייט פאַרטרייב,
אַ רגעס שטיפערישעס שפּיל פון קידער־ווידער.

די מאַמע צאָלט ניט מיטן לעבן פאַרן „ברית".
דעם טאַטן וועט דער זון ניט טויטן, ניט באַגראָבן.
געשלעכט טוט ניט צעקנאַקן מענטשעלעך, ווי ניס,
בכדי די יאַנדרע פון דעם שאָלעכץ אויסצוסקראָבן.

און ווען אין פולן פרידן לעבט דאָס קינד אין דור,
דאַן הערן אויף צו קעמפן פאָלגנדיקע דורות.
צום אָוונט איילט ניט מידער טאָג, דורכאויס קאַיאָר:
עס גרינען אויף די אַלטע שטאַמען יונגע פּירות.

דער טויט איז ניט באַטירלעך, נייערט שווערע שטראָף;
פון ווירוואַר האָט דער שטן אים אַרויפגערופן,
און שטן איז דער טייטש אנטקעגנשטעלן שטאָף
דעם גייסט, און די וועלט — קעגן „עלמין דכיסופין״...

אַזוי לאָגג ווי מיר האַלטן אַן דעם ברודער־קריג,
באַגייען מיר זיך ווי די קינדער פון דעם שטן.
דעריבער איבער אונדז עס האַלט אַפּ טויט זיין זיג;
אויף שטויבעלעך ווערט בנין פון דעם לייב צעשאָטן...

# 11

## שלמה און אחיה

איבערן לאַנד פון ישראל זיינען געווען צעוואָרפן חברותות וואָס זיינען באַשטאַנען פון מיטגלידער וואָס האָבן זיך גערופן „בני הנביאים״. אַזעלכע קערפּערשאַפטן האָבן עקזיסטירט אין כרמל, אין גלגל, שילה און רמה און אין אַנדערע מקומות. דאָס זיינען געווען אייגנאַרטיקע אַגודות אָדער „בתי־מדרשים״, וואו מ׳האָט געלערנט שפּילן אויף האַרפן, גיטאַרעס, פּלייטן, פּייקלעך און צימבלען און אַנדערע אינסטרומענטן און אויך טאַנצן און זינגען. אָבער אַט־די קונסט־אָפּטיילונג איז ניט געווען קיין וועלטלעכע, נייערט אַ שטרענג רעליגיעזע. מ׳האָט געזונגען און געשפּילט הייליקע פּזמונים. די מיטגלידער האָבן געלעבט אין געמיינדעס, וואָס האָבן זיך געפירט לויט אַ שטרענג־רעליגיעזן רעגלאַמענט בנוגע עסן, טרינקען און זיך קליידן. זיי זיינען געווען אַסקעטן, זיי האָבן אָבער געמעגט האָבן צו איין ווייב. זיי האָבן ניט אַנדערקענט קיין גטן. זייערע בתי־מדרשים האָבן געצויגן זייער אַרויס־גאַנג־ליניע נאָך פון דעם פּרעהיסטאָרישן, אָדער, אפשר, איגנאַנצן לעגענדאַ־רישן בית־מדרש פון שם ועבר.

זיי האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אין דער דערציאונג און אויסבילדונג פון זייערע אַגודהניקעס ניט אויף דער שאַרפונג פון שכל, און אויך ניט אויף דעם פּעדאַנטישן אָפּהיט פון געוויסע פּאַרפיקסירטע אלהים־דינסטלעכע ריטואַלן, נייערט אויף דער אַנטוויקלונג און אויסשולונג פון דער פאַנטאַזיע, אויף דער אינטענסיפיקאַציע פון עקסטאַז, התלהבות וואָס איז דערגאַנגען

צום פולשטענדיקן ביטול־היש, דאָס מיינט דאָס פאַרגעסן זיך וועגן דעם גרויען אָרום, „אַרויסגיין פון די כלים", זיך אויסטאָן פון אייגענעם קערפּער מיט זיין באַגרעניצטער צאָל חושים און זיך איבערגעבן צו די פאַרשיכורנדיקע פּראָפעטישע וויזיעס. די אַרויפשרויפונג פון זייער שטימונג פלעגן זיי דער־גרייכן ניט דורך דער פאַרמיטלונג פון באַרוישנדיקע משקאות אָדער דורך עסן געוויסע קרייטעכער אָדער רויכערן געוויסע געווירצן און וואָרצלען, נייערט אויסשליסלעך דורך שפּילן, זינגען און טאַנצן. די טענץ פלעגן זיך אָנהויבן בציבור מיט לאַנגזאַמע כמעט פלעגמאַטישע באַוועגונגען אין קאָרע־האָדן און אויסלאָזן זיך מיט ווירבלען און דרייען זיך און קאָנוולסירן פון יחידים, וואָס פלעגן זיך פאַרגיין אין דביקות ביז צום אַוועקפאַלן אין חלשות, און פאַרלירן דעם פּשוטן מענטשלעכן באַוואוסטזיין, און זיך אַריינאַרבעטן אין אַ טראַנס־צושטאַנד, וואָס פלעגט פאַר זיי עפענען נייע תחומים פון איבער־מענטשלעכע דערפאַרונגען.

דער ברייטער ישראלדיקער עולם האָט זיי געהאַלטן פאַר האַלב־צעדרייטע סוביעקטן, אָבער צו דער אייגענער צייט יהוה־אינספּירירטע פּערזאָנען, צו וועמענס וואָרט מע דאַרף זיך צוהערן, ווייל מיט זייער מויל רעדט דער אלהים פון דער צוקונפט. זיי קענען פאָראויסשפּירן און פאָראויסזען געשעע־נישן, וואָס פאַר געוויינטלעכע שטערבלעכע זיינען זיי פאַרהוילן און טער דיקע צודעקן.

די בני־הנביאים האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט דער הייל־פּראַקטיק. זיי האָבן קורירט קראַנקע מיט קרייטעכער, וואָרצלען, שוואָמען, וועלכע זיי פלעגן קלייבן, טריקענען און צערייבן און מאַכן פון זיי רפואות, וואָס זיי פלעגן איינגעבן זייערע חלאים אין באַשטימטע קליינע דאָזעס.

זיי זיינען אויך געווען פיל ווייניק באַהאַוונט אין הלכות מעטעאָראָלאָגיע און געקענט פאָראויסזאָגן דעם וועטער, צי עס וועט רעגענען, שטורעמען אָדער זיין שיין שטיל און טרוקן, צי אַ היישעריק גייט באַפאַלן אַ געוויסע פּרוכטבאַרע קעגנט, צי אַ הונגער וועט זיי פּלאָגן.

אָט־די חברותות זיינען געווען פאַרבונדן צווישן זיך לייז־פּריוואַליק. אַזוי ווי זייערע „פאָטערס" אָדער „זקנים" פלעגן וואַנדערן איבערן לאַנד פון פּלאַץ צו פּלאַץ האָבן זיי אָנגעהאַלטן די פאַרקניפּונגען אָדער געמאַכט די פאַרבינדונגען דורך זיי.

אָט־די „בני־הנביאים" האָבן פאַרמירט פרייע אָרדענס. זיי זיינען געשטאַ־נען אויסער די ראַמען פון דעם איינגעאָרדנטן בירגערלעכן געמיינדע־שטייגער. זיי האָבן פונקציאָנעל אָרגאַניזאַציאָנעל ניט באַלאַנגט צו דער

קאָסטע פון די כהנים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט מקריב זיין קרבנות. די דאָזיקע „בני הנביאים" זיינען געווען עפּעס אַ מין „גייסטיקע כוהנים", וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט מקריב זיין עמאָציעס, קליגלונגען, תאוות, ליידנשאַפטן, מיט שעכטן דעם יצר־הרע און אויפאָפּערן אים פאַר אַ בראַנד־אָפּער. כאָטש זיי האָבן ניט פאַרמאָגט קיין אָפיציעלן סטאַטוס, דאָך האָבן זיי אויסגעאיבט אַ שטאַרקע השפעה אויפן לעבן פון ישראל. פאַר זייערן אַ קללה־וואָרט האָט מען מורא געהאַט, זייערס אַ ברכה־וואָרט איז הייך געשעצט געוואָרן. זייערע אויסערונגען זיינען געווען פריי און אומדערשראָקן. זיי האָבן קיינעם ניט געשאָנעוועט. זיי האָבן געשמיסן מיט זייער צונג אַלע די וואָס לויט זייער פאַרשטייין נאָך, האָבן באַגאַנגען אַן עוולה. זיי האָבן געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף די מעכטיקע און רייכע, דעם מלך אַריינגערעכנט.

זיי זיינען געווען כמעט ווי ארויסגעשטויסענע פון איינגעשטעלטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, דעריבער האָבן זיי ווי גענאָסן, דורך אַ צוגעגעבענעם הסכם פון קהל, ספּעציעלע זכיות. זיי האָט מען פאַרגעבן אַזעלכע האַנדלונגען און רייד, וואָס ביי אַנדערע, איינפאַכע מענטשן, וואָלטן זיי פאַררעכנט געוואָרן פאַר פאַררעטערישע און וואָלטן ארויסגערופן האַרבע שטראָפן און אַפילו אַ חייב־מיתה, אַ טויט־אורטייל.

שלמה איז געווען גוט באַקאַנט מיט די דאָזיקע „משפחות" אָדער „געזינטלעך" נאָך פון די טעג, ווען ער און נתן האָבן אַרומגעוואַנדערט איבערן לאַנד. ער האָט פיל מאָל בייגעוווינט זייערע פאַרזאַמלונגען אָדער „חיזוקים". ער האָט זיך געפילט צווישן זיי ווי אַן אייגענער, כמעט.

ער האָט גוט געוואוסט אַז אַט־די סביבה איז אַן אַראַנזשערייע, וואו מע פלעגט מיט אַ באַזונדער זאָרגפעלטיקייט די פלאַנצן פון אומצופרידנקייט מיט זיין פּאָליטישן איינשטעל און דאָ ווערן אויסגעלופטערט די שאַרפע תרעומות קעגן זיין אויפפיר. ער האָט אויך געוואוסט, אַז דאָ קען מען געפינען דעם באַראָמעטער, וואָס צייגט די מדרגה פון דרוק פון דער אויפשטענדלעריש־קייט־אַטמאָספער. זיך פאַרשטעלן פאַר איינעם פון זייער „געזינדל" איז שלמהן אָנגעקומען גאָר ניט שווער. ער איז געווען באַקאַנט מיט זייער קליידונג, מאַניערן פון ריידן, זייערע מנהגים און נוסחאות פון באַגריסונג. ווען ער וואָלט ניט געוואָרן קיין קיניג, האָט ער געהאַט בדעה זיך אָנצושליסן אין איינער פון זייערע געמיינדעס.

שלמה וועלנדיק אויסגעפינען די שטימונגען וואָס באַהערשן דאָס פאָלק און אויך, אויב מעגלעך, באַגעגענען אַחיהן, דעם אַנדערקענטן הויפּט־פירער פון די בני־הנביאים, האָט זיך איבערגעטאָן און זיך פאַרשטעלט

פאר איינעם פון די בני־נביאים וואָס איז געקומען קיין ירושלים, קלאָמ־פערשט, פון רמה. ער האָט געטראַכט אפשר וועט ער קענען קומען צו א פאַרשטענדעניש מיט אחיהן, וואָלט ער אים פאַרבעטן אין הויף, און זאָל ער פאַרנעמען דעם פלאַץ פון נתנען.

ניט ווייט פון ירושלים איז געווען א וויינגאָרטן וואָס האָט באַלאַנגט צו א מאַן מיטן נאָמען אחיעזר. ער איז געווען דער פעטער פון אחיהן פון שילה. אָט־דעם וויינגאָרטן האָט אחיעזר אָפּגעגעבן פאר א פארזאמלונג־פּלאַץ פאר די „זין".

שלמה איז אהין אוועק, אָן באַגלייטער. ער איז אריין אין גאָרטן, ווען עס איז שוין געווען היפּש טונקל. ער האָט זיך באַגריסט מיט די „זין" און האָט זיי געזאָגט, אַז ער קומט פון דעם רמה־געזינדל. זיי האָבן זיך נאָכגע־פרעגט אויף די „זין" פון רמה. ער האָט איבערגעגעבן וואַרימע גרוסן פון זייערע ברידער. מע האָט אים אויפגענומען ווי אַן אייגענעם.

באַלד האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס שפּילן אויף גיטאַרעס און האַרפן.

שלמה פרעגט ביי זיין שכן וואָס האָט געשפּילט אויף א פלייט מיט גרויס באַגייסטערונג, אויסנוצנדיק א פויזע, ווען יענער האָט זיך אָפּגערוט אויף א ווײַלע.

— ווען היינט פאַרקומען די קאַראַהאָדן בציבור און די יחידישע רקידהלעך?

— ניין, היינט דערוואַרטן מיר דאָ אונדזער „פאָטער", דעם נביא אחיה, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון א לאַנגער נסיעה איבערן לאַנד. ער וועט אויסלאָדן פאר אונדז זיין „משא".

מע האָט אצינד אָנגעפאַנגען זינגען מזמורים און פּזמונים פון אייגענער פאַרפאַסונג. זיי האָבן געזונגען שטיל, אָבער מיט א טיפער צעוואַרימטער דביקות. זיי האָבן זיך, אָבער, צוריקגעהאַלטן פון אַריינפאַלן אין אַן עקסטאַז. זיי דאַרפן האַלטן קאָפּ אום צו באַנעמען אחיהס רייד, וואָס האָבן תמיד פאַרהוילענע כוונות און אָנדייטונגען.

דאָס זינגען האָט פאַרנומען בלויז א האַלבע שעה. גלייך האָט זיך אָנגע־פאַנגען דער פעריאָד פון יחידישע פּירזאָגענישן פון „חזונות". אַזוי ווי שלמה איז געווען א „זון" פון גייסט, האָט מען אים מכבד געווען מיט דער ערשטער „עליה".

— זאָל דער „זון" רפאל פון רמה (אַזוי האָט שלמה אָנגעגעבן זיין נאָמען) געבן אונדז זיין „חזון".

שלמה שטעלט זיך אויף, באַדאַנקט די ברידער פאר דעם כבוד, וואָס זיי

האָבן אים צוגעטיילט. ער הויבט אָן פּירזאָגן אין אַ שטילער שטים, וואָס איז קוים העכער פון א פליסטער. קיינער הערט ניט וואָס ער שעפּטשעט.

נאָך שלמהן שטעלט זיך אויף דער „זון" רמז, א גרייז גרויער זקן. ער זאָגט אָפּ זיין „חזון" מיט א קרעפּטיקער שטים.

## אחד

צו אלע ברואים געטלעכע א „ברוך הבא!"
אַריינגעגומען אין דעם כלל אויך העסלעך זשאַבע.
מיר אלע דינען אונדזער בורא
אָוים ליבשאַפט, ניט אויס מורא.

— — — — — — — — — —

מיר אלע דאַנקען זיך, חסדים זיכיש בעטן.
מיר אלע זיינען זיכזיכס שלוחים, עשטאפעטן.
צו זיך צו פליען אויסגעשפּרייט מיר האַלטן תמיד אונדזער פליגל.
אין אונדז אין קלענסטן, ווי אין גרעסטן, צייגט זיך זיך ווי אין א שפּיגל.

— — — — — — — — — —

אין חדר ווינקל גוט באוואַכטן
פון אונדזער טיפן, הויכן טראַכטן
געמעלעכצן פון אונדזער זעל מיר שטעלן.
מיר בלייבן אויפּגאַנאַרט אין ציטלויף שנעלן.

באַענט צו האלבער נאַכט קומט אריין אחיה. א ציטער נעמט אדורך די אַנוועזנדיקע.

אחיה אַנגעטאָן אין א נייער שמלה, גייט מיט געמאָסטענע קליינע טריט פון זון צו זון. ער באַגריסט יעדן איינעם פון די פופציק פאַרזאַמלטע מיט א האַנטדרוק און די ווערטער:

— שלום אויף דיר, מיין זון!

שלמהן גייט ער פאַרביי מיט אן אַנגעכמורעטן שטילשוויַיגן.

די זין באַמערקן זיין האנדלונג. זיי טייטשן עס אויס אז עס קומט פון זיין ניט וויסן ווער דער „חוצניק" איז.

מע שטעלט שלמהן פאָר פאַר אים.

— דער איז א גאַסט, א זון גקומען פון רמה. זיין נאָמען איז רפאל.

אחיה איגנאָרירט זייערע רייד. ער גיט א ברום:

— איך ווייס! איך ווייס!

ער נעמט שלמהן אדורך מיט זיינע שפּיזיקע בליקן. שלמהן ווערט אומהיימלעך פון דידאָזיקע שפּיזיקע, שטעכיקע בליקן.

אָן קיינע הקדמות פאַנגט אחיה אָן צו ריידן מיט אימפּעט, ברען און צאָרן:

— דאָס פאָלק בויגט זיך אינדרייען אונטער דער שווערער לאַסט פון שטייערן און אָפּצאָלונגען אין געלט, אין אַרבעט און אין תבואה.

דאָס קיניגלעכע געזינדל איז אַ באַנדע רויבער, פרעסער און זויפער. זיי עסן אָפּ דעם קאָפּ דעם האָראָפּאַשנעם פאָלק. זיי שינדן די הויט. צעפרעסן דעם פלייש און צעכראָמשקען די ביינער!

גיט נאָר א קוק אויף דער פרעסאַרניע, וואָס מע רופט „דער קעניגלעכער הויף". אַלץ וואָס דער נביא שמואל האָט געזאָגט וועגן דעם פיר פון מלך איז ווי געאַרביט לגבי דעם וואָס עס טוט זיך אין קעניג שלמהס פּאַלאַצן! איר האָט עפּעס א השגה וואָס זיי פרעסן אויף אין איין טאָג!

דרייסיק כור זעמלמעל און זעכציק כור גראָבע מעל, צען פעטע רינדער און צוואַנציק רינדער פון דער פּיטער און הונדערט שאָף. אחוץ הינדן און הירשן, און דאַמהירשן, און געשטאָפּטע קאַפּהענער. מיט אַזוי פיל זולל־וסובאניקעס האָט זיך דער טיראַן, שלמה, ארומגערינגלט.

דאָס האָרעפּאַשנע פאָלק קען עס מער ניט אויסהאַלטן. עס פאַלט פון די פיס. עס איז געבליבן אָן כוחות. עס האָרעוועט און פראַצעוועט און עסט ניט קיין ברויט אין דעם שוויס פון זיין געזיכט, ווייל די שטייער אויפנעמערס רייסן ביי זיי ארויס פון מויל דעם לעצטן ביסן.

און וויפל געצנדינערישע ווייבער ער האָט זיך איינגעשאַפט אין זיין האַרעם. אַזאַ נבלה איז קיינמאָל ניט געווען אין ישראל.

ווייבער און פערד, פערד און ווייבער, רייטוועגענער און פעסטונגען אויף דעם פאַרלאָזט זיך שלמה, דער קעניג. ער מיינט אז אַזוי קען מען פאַרזיכערן די געדייונג פון זיין טיראַנישער ממשלה. אין זיין נאַרישער קלוגשאַפט באַגרייפט ער ניט, אַז ווען די ברייטע שיכטן פון פאָלק זיינען אומצופרידן, האָבן תרעומות, געפינען זיך אין אַן ערב־מרידה שטימונג, וועלן קיינע רייטוועגענער, קיינע פעסטונגען און קיינע שידוכים־בונדן דאָס לאַנד ניט אָפּהיטן פון אָנפאַלן און אריינפאַלן אין די הענט פון די שונאים.

שלמה פירט דאָס לאַנד צום אומקום, צום פולשטענדיקן חורבן.

עס הערן זיך שטימען:

— און וואָס זאָלן מיר טאָן?

— טאמעוועז דעם גרימצאָרן פון פאָלק, זען עס זאָל זיך ניט לאָזן פּראָ־וואָצירן, עס זאָל ניט דערלאָזן ווערן קיינע אויסברוכן פון ספּאָראַדישע, ניט צוגעגרייטע, פּריצייטיקע אויפשטאַנדן, אָנמעכטיקע בונטן, וועלכע שלמה און זיינע סאטראַפּן וועלן דערטרינקען אין בלוט פון די קינדער פון ישראל. ער האָט א שטאַרקע, א גוט־דיסציפּלינירטע ארמיי. גיט א קוק אויף זיין לייבגוואַרדיע. פון וועמען באַשטייט זי? פון כרתי און פלתי, פון פרעמדע ווילדע שבטים, איינוואוינער פון די כרתים אינדזלען. די אייגענע, די ישראלים, האָט ער מורא אָנצוטרויען זיין שמירה.

צו וואָס דאַרפן מיר אזוי פיל פעסטונגען, אזא גרויסע ארמיי, אזא מאוימדיקע צאָל פערד! דער אויסרייד איז אז דאָס אַלץ באַצוועקט איין זאַך און דאָס איז באַשיצן דאָס לאַנד קעגן די אויסערלעכע שונאים. דער אמת איז, אז שלמה האלט אזא גרויסע גוט־באוואָפנטע ארמיי קעגן אונדז, קינדער פון ישראל, מיר זאָלן ניט מאכן קיין אויפשטאַנד און אים אראָפּזעצן פון טראָן.

אלע אומגליקן קומען פון דעם בית־דוד און פון דעם שבט יהודה, וואָס איז מאכט־הונגעריק, הערשאַפט־גלוסטיק. ער טיראַניזירט אלע איבעריקע שבטים. די גוטע פירער זיינען געקומען פון שבט אפרים: עלי, שמואל, יהושע, דבורה.

מיר דאַרפן זיך גרייטן און זיך גוט צוגרייטן צו א באַוואָפנטן אויפ־שטאַנד. מיר מוזן צעברעכן דעם יאָך וואָס דער טיראַן, שלמה, האָט ארויפגעלייגט אויף די שוואכע שולטערן פון די אָרימע יגיע־כפּימניקעס וואָס אין ישראל.

מיינע טייערע זין, זייט געבענטשט אין נאָמען פון יהוה, און דער פאָטער וואָס איז אין הימל, און בעמט זיך מיט כל הכוחות צו דער הייליקער ארבעט פון צוגרייטן א באַפרייאונגס־אויפשטאַנד.

זייט אַלע גרייט צו קעמפן פאַר יהוה און פאַר זיין אויסדערוויילטן פאָלק ישראל!

אלע האָבן אָפּגעענטפערט:

— מיר זיינען גרייט!

זיי זיינען אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער און האָבן געשוואָרן אז זיי וועלן קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק ישראל ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט.

בלויז שלמה רפאל האָט זיך ניט אָפּגערופן און געבליבן זיצן, ווי א פאַרגליווערטער.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט צו אים מיט פאַרוואונדערונג. זיי

האָבן זיך געחידושט ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז די פלאַמפּיערדיקע זעלאָטן, קעגנער פון שלמהס רעזשים, קומען פון דעם רמה־געזינטל.

מע האָט זיך גענומען צעגיין. זיי זיינען אַרויס איינציקווייז און אין פּאָרלעך.

די לעצטע זיינען אַרויס אַחיה און נאָך אים שלמה. געפינענדיק זיך אויסערן וויינגאָרטן און האָבנדיק אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועגס צוזאַמען, ביידע אָנגעלאָדענע מיט שווערער שוויגעניש, גיט זיך אַחיה אַ קער צו שלמהן.

— דו מיינסט דאָך, אַז איך האָב דיך ניט דערקענט. איך קען דיך, שלמה! דו פאַרדאַרבער פון דעם וויינגאָרטן פון ישראל!

שלמה קוקט אים אָן מיט פאַרשטאַרטע אויגן. ער איז נאָך אַלץ געווען אונטער דעם פיינלעכן איינדרוק פון אַחיהס שאַרפע רייד, וואָס האָבן אים געשמיסן דעם לייב ווי מיט אָנגעגליטע ריטער.

— אַחיה, דו ווילסט ניט פאַרשטיין אַז אויב מע האָט א מלוכה מוז מען זי האַלטן אויף דער געהעריקער הייך, מיט גרויסע מלוכות צו גלייך, אַז מע האַלט אָן אַ מדינה, מוז מען זי פירן מיט אַ שטאַרקער האַנט, מיט א שטאַרקער אַרמיי, אַניט וועלן אונדז די שכנים שונאים צערייסן אויף שטיקער.

— דו, שלמה, און דיין באַנדע זיינען ערגער פון די ערגסטע שונאים פון ישראל! דו האָסט זיך ניט נאָר משדך געווען מיט פרעהן, געוואָרן זיין אײדעם, נאָר דו ביסט אליין געוואָרן אַ בלוטיקער פרעה. דו האָסט דאָך איינגעפירט דעם ריכטיקן שיעבוד מצרים, די עבודת־פרך, אין לאַנד ישראל.

אין אויפברויז כאַפּט אַחיה אַראָפּ פון זיך זיין שלמה, צערייסט זי אויף צוועלף שטיקער און דערלאַנגט שלמהן צוויי שטיקלעך.

— אָט־דאָס וועט דיין זון קריגן. די איבעריקע צען גיט יהוה אַוועק צו אַ בראַוון מאַן פון בית־יוסף, צו אַ מאַן פון שבט אפרים.

שלמה ווערט אַן אויפגעצאָרנטער. ער כאַפּט אַראָפּ זיין שלמה פון זיך, צערייסט עס אויף צוועלף שטיקער און גיט עס אַ וואָרף אין פּנים אַחיהן.

— נאַ, אַחיה, האַלט זיך מיט זיי! צעשפּאַלטן די מדינה, צערייסן דאָס פאָלק ישראל! דאָס דערמאָנט מיך די לאָדעניש פון די צוויי זונות: ביי דיר איז רעכט אַז מען זאָל דאָס קינד צעשניידן. דו ביסט ניט די מאַמע און ניט דער טאַטע פון קינד ישראל, פון ישראלס מדינה. איידער צעשפּאַלטן זאָל עס איבערנעמען ווער עס וויל און האַלטן עס אינגאַנצן, מע טאָר ניט צעשפּאַלטן די מדינה, מע טאָר ניט צעשפּאַלטן דאָס פאָלק, צעשפּאַלטענער־הייט וועט עס אומקומען!

אַחיה, דו ביסט אַ פאַלשער נביא!

# 12

## שלמה דינט עבודות זרות

נאָכן טויט פון נתנען און בת־שבען האָט זיך שלמה געפילט איינזאַם און פאַרלאָרן. נאָך דער צוזאַמענשטויס־באַגעגעניש מיט אחיהן האָט ער זיך דערפילט אין גאַנצן דערשלאָגן. דאָס קיניגן, דאָס אָפּגעבן זיך טאָג און נאַכט מיט אַ מלוכה, וואָס שטייט אַ פאַרמשפּטע צום אונטערגאַנג איז אים געוואָרן אומדערטרעגלעך. ער האָט גערופן אַחיהן, אויף דער אותו רגע פון צאָרן־אויפברויז, פאַלשער נביא, ער האָט אָבער גוט באַגריפן, אַז אַחיה איז ניט קיין פאַלשער נביא, נאָר אַ נביא אַן אַכזר; וואָס זאָגט דעם אמת ווי ער זעט אים, און מעג עס זיין ביטער ווי דער טויט; אַ נביא וואָס קען זיך ניט פאַרשפּילן מיט פאַלשע האָפענונגען. די ישראל מדינה האָט ניט קיין צוקונפט, זיין גאַנצע אַרבעט און מי — איז אַרויסגעוואָרפן. ער קען מיט אַט דער אַרבעט זיך מער ניט באַרוישן. דעם מלוכה־ווייַן, וואָס ער האָט געטרונקען און זיך פאַרשיכורט מיט אים ביז צום פאַרגעסן זיינע ליבע־ווייען, האָט אַחיה צוגענומען פון אים און פאַר זיינע אויגן אים אויסגעגאָסן אויף דער ערד...

די בענקשאַפט נאָך נעמהן און נאָך יענע חדשים וואָס זיי זיינען געווען צוזאַמען, ביידע פאַרליבטע אויף לעבן און טויט, האָט זיך אומגעקערט צו אים מיט אַ פאַרמערטער קראַפט און האָט אים געדלובעט, ווי אַ פּיקפויגל וואָלט זיך פאַרזעצט אין אים געמאַכט אַ נעסט אין געהירן, און אַ גיפטיקע שלאַנג וואָלט זיך פאַרקליבן אין האַרצן און פאַרסמט אים די געבליטן.

וואָס טויג מיר מיין חכמה — האָט ער זיך געפרעגט אין יאוש. וואָס טויג חכמה אינאַלגעמיין, אויב זי קען ניט געבן קיין גליק?!

אַזוי פיל מגילות דורכגעשטודירט, אַ צאָל אַליין פאַרפאַסט. אָבער קיין איין מגילה האָט ער ניט געפונען, וואָס זאָל לערנען דעם מענטשן ווי און וואו צו געפינען גליק, אָדער, לכל־הפחות, שלווה, איינפאַכע צופרידנקייט, אָדער רעזיגנאַציע, פאַרשלומונג מיט דער צרהדיקער מערכה פון מענטשנ־קינד דאָ אויף דער ערד.

ער האָט זיך באַקענט מיט די פאַרשיידנסטע מיסטעריעס. ער האָט געזוכט ביי זיי דעם שליסל צו שלווה. ער האָט זיך פלייסיק גענומען צום שטודיום פון פרעמדלענדישע קולטן. ער האָט אַראָפּגעבראַכט צו זיך אין הויף פּריסטער און פּריסטערינס פון אַלערליי עבודה־זרהעס. ער האָט דער־

וואָרט אַז זיי וועלן אים אַנטפּלעקן דעם גרויסן סוד וואו דער קוואַל פון גליק אָדער שלווה געפינט זיך. זיי האָבן עס ניט געטאָן. זיי האָבן אים ניט געקענט אַנטפּלעקן דאָס, וואָס זיי האָבן אַליין ניט געוואוסט. ער האָט אויסגעפונען אַז זיי אַלע, וואָס זיינען כלומרשט אַזעלכע זיכערע, אַזעלכע איבערצייגטע אין זייערע אמתן, ווען זיי ווענדן זיך צום ברייטן עולם פון זייערע גלויביקע, זיינען אַליין צווייפלערס און קווענקלערס, זיינען אַליין בלויז זוכערס וואָס בלאָנ־דזשען אויף די ווייטסטע און קרומסטע וועגן און זוכן דאָס, וואָס ער זוכט — און קענען ניט געפינען.

איינמאָל, ווען שלמה איז צו איר געקומען, רופט זיך אָפּ נאַגסאַרע צו שלמהן:

— איך זע דו גייסט אַרום אַ צעוויטאַקטער און אַ פאַראומערטער. איך בין אויך פאַרבענקט. איך בענק נאָכן נילוס, נאָך די לאָטוסן, ספּניקסן, נאָך מיין פאַמיליע, נאָך מיינע יינגערע שוועסטער. דערלויב מיר אריינרופן מיינע שקלאַפינס און זאָלן זיי פאַר אונדז שפּילן און טאַנצן הייליקע טענץ, און זיי וועלן דיך און מיך אביסל אויפמונטערן.

דער לעבן אין ירושלים און די עבודה אין טעמפּל, וואָס איך האָב מיט דיר איינינקע מאָל בייגעוואוינט, איז, דערלויב מיר צו זיין אָפנהאַרציק, גרוי און מאָנאָטאָן. עס איז גאָר קיין טעמפּל ניט און קיין עבודה ניט, ווי מיר אין מצרים פאַרשטייען די זאַכן. וואָס ווערט געטאָן אין טעמפּל? מע רויכערט אַ קטורת, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין רייצנדיקן אויפוועקנדיקן אַראָמאַט, און מע שעכט כסדר שעפּסן און לאַמען. וואָס איז עס אַ שלאַכטהויז? אייער עברישער אלהים־קולט, האָב ניט קיין פאַראיבל, אַז איך וועל דיר זאָגן, איז אַן אומעטיקער, אַ געשמאַקלאָזער.

דערלויב, קיניג שלמה, מיין האַר, לאָז זיך איבעררײדן, און מיינע שקלאַפינס, די טענצערינס און שפּילערינס צוזאַמען מיט די פּריסטערינס וועלן דיר געבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון אונדזערן, אַ מצרישן, גאָטעס־דינסט. איך בין זיכער אַז דו וועסט זיך מחיה־זיין, דו וועסט אַן אויפגעלעבטער ווערן, וועסט אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלע פאַרדראָסן און אַלע זאָרגן, וועסט ווערן אַן אויפגעלויטערטער.

שלמה האָט געשוויגן.

זיין שוויגן האָט נאַגסאַרא אָנגענומען פאַר אַ צושטים.

זי האָט אריינגערופן אירע שקלאַפינס. יעדע איינע פון זיי איז געווען געפאַרבט אין אַן אַנדער קאָליר פון קאָפּ ביז די פיס. זיי זיינען געווען איינגע־

הילט אין לייכטע וווּאַלן. זיי האָבן אַריינגעבראַכט זייערע האַרפן, גיטאַרן, פלייטן, פייפלעך, פויקן און צימבלען.

בשעת זיי האָבן מיט זייערע דינע לענגלעכע פינגער גערירט די סטרונעס פון די האַרפן האָבן זיי געבלאָזן אין די פלייטן און פייפלעך און מיט די פיס געקלאַפּט אין די פייקלעך. געצנדינערישע הימנען האָבן אָנגעפילט די לופט פון זאַל. פון זילבערנע און גאָלדענע שפּריצערס האָבן אייניקע פון זיי געשפּרינקלט טייערע פּערפיומען. אויף קופּערנע און בראָנזענע ברענערס האָבן זיך גערויכערט פאַרשיכורנדיקע געווירצן.

מע האָט אַריינגעטראָגן לאָגלען מיט שטאַרקע משקאות, מע האָט דערלאַנגט טאַצן איבערגעלאָדענע מיט געטריקנטע פישן, געוועגדזלטע פליישן און כל־המינים זיסקייט־נאַשערייען.

די פּריסטערינס האָבן געטאַנצט תאווה־וועקנדיקע טענץ. זייערע שלאַנקע פיגורן האָבן זיך געבויגן און געפלאָכטן, זיך צעשרויפט און זיך פאַנאַנדערגעשרויפט, ווי זיי וואָלטן געווען שלאַנגען.

די טענץ, די געזאַנגען, די מוזיק, די פּערפיום־שפּריצונגען און געווירצן־רייכערײַ און די סערווירטע געטראַנקען און נאַשערייען האָבן, עפּעס ווי דורך אַ כישוף, געבראַכט אַהער אין זאַל אַריין, ווי זיי וואָלטן געקומען רייטנדיק אויף די לופט־כוואַליעס, די געטער און געטינס פון מצרים־לאַנד.

שלמה אַ צענומענער איז אויפגעשפּרונגען פון דעם דיוואַן אויף וועלכן ער איז האַלב־געלעגן און איז אַרויסגעלאָפן פון זאַל. דער געצנדינערישער קאָנצערט איז ווייטער אָנגעגאַנגען. אין דער האַלב־טונקלקייט האָט קיינער ניט באַמערקט זיין אָפּוועזנקייט.

ער האָט זיך, אָבער, גלייך צוריק אַריינגעשלייכט אין זאַל און זיך איבערגעגעבן דעם צויבער פון דער דאָזיקער חושים־באַצווינגענדיקער עבודה־זרהישער סימפאָניע. ער האָט געפילט אַז ער איז אָמעכטיק קעגן אָט־דעם קונסט־אָנגריף.

עס זיינען אַריינגעקומען באַדינערס מיט שעפלעך וואַסער פון פאַרשיידענע גראַדן פון טעמפּעראַטור, מיט פילע אינסטרומענטן, קאַמען, באַרשטן, אָפּצווינגעלעך, זאַלבן, מעטאַלענע און הילצערנע דיסקן, דרייעקן און קוואַדראַטן, אַנדערע פאָלירטע־גלאַטע און אַנדערע שאָרסטקע. דאָס זיינען אַלץ געווען מכשירים פאַר מאַסאַזש.

זיי האָבן אויסגעטאָן שלמהן און באַגאַסאַרן. און זיי געגעבן לייכטע דושן און דערנאָך איינרייבונגען און רייבונגען וואָס זיינען באַשטאַנען פון אַ פולער גאַמע פון אָנריר טענער, ווי גלעטן, לאַסטשען, קניפּן, צופּן, שטורכן

און פּאַטשן, בערשטן און קעמען, דראַפּן און קיצלען. עס האָט זיך געשאַפן אַן אומבאַשרייבלעכע הנאה־פאַרשאַפנדיקע סימפּאַניע פאַרן אָנטאַפּ־חוש און פאַר די געבליטן, וואָס האָבן אַצונד געריזלט דורך די אָדערן שנעלער, ריט־מישער און מונטערער.

דאָס איז געווען דער ערשטער געצנדינערישער נסיון, וואָס שלמה האָט ניט געקענט ביישטיין, אַזוי האָט עס אים פאַרכאַפּט, באַרוישט און איבער־געוועלטיקט. ער האָט זיך דערוואוסט, א זאַך וואָס ער האָט פאַרדעם ניט געוואוסט, אַז עס זיינען פאַראַן מעגלעכקייטן אויפצושפּילן גערוכן און שאַפן פון זיי סימפּאָניעס און דאָס אייגענע קען געטאָן ווערן פון צוריר־עפעקט. צוויי געביטן פון עכטער קונסט וואָס זיינען אים ביז איצט געווען פרעמד, און וועלכע ווערן קולטיווירט מיט געשיקטקייט פון די פּריסטערינס אין זייערע געצנדינערישע ריטואַלן און צערמאָניעס.

אין פילע פּלעצער אין ירושלים ווי אויך אין די טאָלן און בערג וואָס אַרום אָט־דער הייליקער שטאָט, האָט מען לויט דעם באַפעל פון שלמהן געפלאַנצט אַשרות, אויפגעשטעלט שטיין־זיילן, אַוועקגעשטעלט מזבחות צו אָפּגעטער. דאָס גאַנצע לאַנד, פון חברון ביז די פלאַכן פון ממרא, זיינען פאַר־אומרייניקט געוואָרן פון די אויפגעריכטע במות, אויף וועלכע עס האָבן געברענט פייערן און קרבנות האָבן זיך געדאַמפּט און קטורת האָט זיך געראויכערט צו די אָפּשיילעכע געצן. די פּלעצער וואָס זיינען געווען הייליק נאָך פון די צייטן פון די אָבות, אַברהם, יצחק און יעקב, זיינען טמא געוואָרן פון די אָפּגעטער. אין גבעון און שילה, און אין אַלע ערטער, וואו דער אָרון מיט די לוחות וואָס משה האָט אויסגעהאַקט און אויף זיי אויסגעקריצט די צען געבאָטן, האָט זיך פאַר א צייט אויפגעהאַלטן האָט מען אָנגעבויט קליינע טעמפּלען וואו מ'האָט געדינט צו פרעמדע געטער. אויפן באַרג פון די אויל־בערטן, ווי אויך אויפן כרמל און עיבל, חרמון, תבור און גריזים, אויף די אַלע פאַרהייליקטע פּלעצער האָט מען אויפגעשטעלט אַלטאַרן און טעמפּלען צו געצנדינסט, אויסגעבויט קאַבינעס פון האָלץ און פון ליים, אָדער אויס־געפלאָכטענע פון צווייגן און גרויסע אויסגעטריקנטע בלעטער, פאַר די הייליקע זונות, די קדשות, וואו זיי האָבן געפּראַוועט אָרגיעס, זיך פאַרנומען מיט געצנדינערישער זנות. פון די אַלע עבודה־זרהס איז שלמה געוואָרן אַ פּריסטער.

שלמה האָט פאַרויסגעזאָגט די צוקונפט לויט ווי ער האָט זי געפונען אָנגעדייט אין די נירן פון אַ נאַר־וואָס געשאָכטענעם לאַם, אין די איינגעווייד פון אַנדערע בהמות און אויך פון געקיילטע חזירים, אָדער אין דעם רויך,

וואָס איז אַרויפגעשטיגן פון דעם גרינלעכן פייער וואָס האָט געצאַנקט ווען מ׳האָט געברענט די פעל פון אַ קאַברע וואָס מ׳האָט אָפּגעשונדן, זי אויסגע־טריקנט און צעריבן אויף פולווער, אָדער אין דעם געפלי פון שפּאַרבערס, אָדער גאָר אין דער שורשעריי פון דעמבע־ביימער.

שלמה האָט אַרויסגערופן טויטע מיט שאלן און בלאָזן אין האָרנס און טרומייטאָרס. ער האָט אַרויפגעפּאָדערט גייסטער פון לאַנג־פאַרשטאָרבענע מכשפים דורך קלאַפּן און פויקן אין אויסגעשפּרייטע אויסגעטריקנטע פעלן פון פאַרשיידענע חיות.

ער האָט געשיקט קושן צו די פינקלדיקע שטערן, ער האָט געגאָסן פּערפיומירטע בוימלען און שאַרף־געווירצטע ווייַנען אויף די דעכער פון די טעמפּלען לכבוד דער לבנה. ער האָט געגעבן טרינקען טייערע משקאות דער זון, ער האָט געקאָרמעט די ערד מיט רויע און געבראָטענע פליישן באַגראָבנדיק זיי מיט געצנדינערישע צערמאָניעס אין באָדן פון די קעלערן אין די טעמפּלען. ער האָט געשפּיזט דעם ים מיט טייערע שטיינער וואָס ער האָט אין אים געוואָרפן מיט געזאַנגען און שעפּטשערייען פון כישוף־שפּרוכן.

ער האָט מקריב געווען אויף די אַלטאַרן האָר, נעגל, שפּייעכץ, צואה, פּיסלעך פון יאַשטשערקעס, קעפּ פון קראָטן, און דערביי געשפּילט אויף פייפלעך און פאַרצויבערט שלאַנגען.

ער האָט זיך געקליידט אין פעדערן פון כל מיני פייגלען, ווי אויך אין שופּן און פלוספעדערן פון פאַרשידענע פיש, ווי אויך אין פעלן פון חיות און בהמות. ער האָט זיין האַלדז און נאַקן באַצירט מיט גריוועס פון לייבן און פערד. ער האָט פּרובירט זיך אַריינאַרבעטן און זיך אַריינשפּילן אַמאָל אין אַ ים־וואָלף, אַן אַנדערש מאָל אין אַ לעאָפּאַרד און גאָר אַמאָל אין אַ שאַקאַל אָדער אין אַ קאַרשון. ער האָט זיך פאַרדולט און פאַרחושט מיטן רויך פון שירלינג אַזוי אַז ער האָט זיך געדרייט און געווירבלט און ווילד־געטאַנצט און געזען מטורף־הדעת־זעאונגען, דערנאָך פלעגט ער אַנידערפאַלן אַן אויס־געשעפּטער און שוים פלעגט אים אַרויסשלאָגן פון מויל און ער האָט געפּרעפּלט אין טויטאַנגסטן.

ער האָט ניט מקריב געווען קיין געקיילעטע בהמות, נאָר ער פלעגט זיי לעבעדיקערהייט אַריינוואַרפן אין פלאַמענדיקע קאַלכאויוונס.

ער פלעגט וואַרפן אין סאַזעלקעס און סטאַוון, וואָס מ׳האָט פאַר אַט־דעם צוועק אויסגעגראָבן, אָפּבילדער פון יונגפרויען איינגעהילטע אין שלייערס פון בלויע און רויטע קאָלירן. אין גליענדיקע אויוונס האָט ער געברענט די

סטאַטועטקעס פון בחורים וועמעס הערצער ער פלעגט עסן אין דינסט צו די אָפּגעטער.

ער האָט געשטאָכן מענער, געמאַכט זיי וואונדן אין די בייכער, געשטאָכן פרויען, געמאַכט זיי וואונדן אין די גאָרגלען און כדי צו גיסן זיין אייגן בלוט פאַר די אָפּגעטער האָט ער זיך געשניטן דעם לייב, געצייכנט אויף דער אייגענער הויט מיט אַ שפּיציקן שאַרפן מעסער די סצענעס פון זיינע אָרגיעס. ער האָט זיך געשמיסן און געקאַטעוועט ביז בלוט.

אויף די בערג פון ירושלים האָבן נאַקעטע כהנים פון אַשור געהאַלדזט און געדריקט צו זיך די נאַקעטע קערפּערס פון די טעכטער פון ציון. און אין טאָל פון הינם האָבן פאָטערס און מוטערס געבראַכט זייערע בכורים־עופעלעך צום מולך און זיי אַרויפגעלייגט אויף זיינע ביז־ווייס אָנגעגליטע לאַפּעס.

שלמה האָט געדינט צו סאָבקו, דעם קראָקאָדיל און אַפּאָפּי, דעם סקאָרפּיאָן, צו סיבו, חנומו און רא, גאָט פון מיטאָג־זון, אמטו, די שקיעה־זון מענטו, אויפגאַנג־זון, און פּטאה, דעם גאָט פון לעבן און קראַפט, האַטדאָר, די געטין מיט דעם קאָפּ פון אַ קו, און טהאַט, מיטן קאָפּ פון אַן איביס, און צו אַפּיס, דעם אָקס, און איזיס און אזיריס און צו די צוועלף זין פון בל מיט די קערפּערס פון טיגערס, און צו נבו און נאַרגל, מיט די העלדזער פון אָקסן, און צו ניביב און מרודך מיט זייערע לאַנגע פליגלען, און צו שמש און סין און כמוש און דגון וואָס איז געווען האַלב־מענטש און האַלב פיש, און צו בעל־זבוב, צו וועמען ער פלעגט מקריב זיין אַ היישעריק און צו אַלע געטער פון גת, צור און צידון, און צו די גייסטער פון די דעמבע־ביימער און קיפּאַריסן־ביימער.

שלמה מיט א גאנצער כאַליאַסטרע פון זיינע ווייבער און קעבסווייבער האָבן געפּראַוועט אָרגיעס אויפן הייליקן בארג מוריה און אין דער עזרה פון בית־המקדש. זיי פלעגן אלע קומען פארשטעלטע פארמאסקאראַדירטע ווי חיות און פייגלען מיט סנוקעס און שנאָבלען, מיט פעדערן און ציין, מיט קלאָיען און קאָפּיטעס. זיי האָבן געברומט און געמוקעט, געבולן, געהירזשעט און געבלעצערט. זיי האָבן געוואָרפן צואה און בהמהשן אָפּפאַל אויפן מזבח. זיי האָבן געטאנצט אויפן דיל פון בית־המקדש, געשפּרונגען אויפן מזבח פון קרבנות און אויפן מזבח פון קטורת ווי אויך ,אויף די טישן, אויף וועלכע דער לחם הפנים איז געלעגן. פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אריינגעכאַפּט פאַרלעכערייז אין קדשי־קדשים און זיך פארשטעקט אונטער די פליגלען פון די כרובים... וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם אקט פון באהעפטונג. שלמהן זיינען, אָבער, גאָר גיך נמאס געוואָרן אָט־די אלע

ווילדע הוליאנקעס. ער האָט זיך אנטווישט אין אַט־די אלע הייליקע געשלעכט־קולטן, שכרות און זנות עבודות. א פארצווייפלטער און א צעעסענער מיט חרטה און בושה האָט ער געטראכט: איך יאָג זיך נאָך א מיראזש. איך זוך א זאַך וואָס איז ניט בנמצא אויף אָט־דער וועלט, און זיכער געפינט זיך עס ניט ביי די נעבאכדיקע אומוויסנדיקע מענטשנקינדער. וויפל מיר קליגלען זיך ניט, אַלץ נאַרישער מאַכן מיר זיך. דער וועג צו אמתער קלוגשאפט און תוכיקער פארשטענדעניש איז פאר אונדז, שטערבלעכע, פאַרצאמט, ניט דורכצוברעכן. דער וועג צו גליק איז איינגאנצן פארוואַקסן מיט דערנער און ווילדע גראַזן, אזוי אז פון אים איז אפילו דער לייכטסטער שפור ניט קענטעוודיק.

# 13

## קהלת

מיט אַ פארביטערטן אימפּעט האָט ער כאַפּ געטאָן זיין רערנפעדער, וואָס שוין עטעכע חדשים אז ער האָט זי אין האנט ניט גענומען, ער האָט אויפגעזוכט א שטיקל פּארמעט און האָט אָנגעפאנגען שרייבן, מיט איילעניש, מיט האסט, ווי זיין האנט וואָלט פון א דרויסנדיקער קראפט געשטופּט געוואָרן, און ער האָט איבער איר קיין שום שליטה ניט. די ווערטער זיינען געקומען צו אים ווי ארייגעדרימטע אין אויער, ווי א שטים א שטילע, אָבער אן אומגעהויער מעכטיקע אין איר באפעלערישקייט, וואָלט זיי אים דיקטירט און געהייסן אָנשרייבן זיי אונטער צוואנג פון שטראָף: „א הויך פון הויכן, א הויך פון הויכן, אלץ איז ווי א הויך, עס האָט ניט קיין שום ווערט! וואָס פאר א נוץ האָט דער מענטש פון זיין גאנצער מי וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון. איין דור פארגייט און אן אנדער דור קומט, און די ערד באשטייט אייביק און זי שלינגט זיי אלעמען איין און ניט דעם מענטשנס גליק אָדער אומגליק קימערט זי אויף־א־האָר. און די זון גייט אויף, און די זון גייט אונטער, און יאָגט צו איר אָרט, אווו זי גייט אויף, און אויך זי קימערט זיך ניט וועגן מענטשלעכן גורל. זי איז גלייכגילטיק צום מענטשנס גליק און אומגליק, צו זיינע פעלערן און פארברעכנס ווי צו זיינע וואוילטעטיקע מעשים. דער ווינט גייט קיין דרום און פארדרייט זיך קיין צפון, רונד ארום רונד אַרום גייט ער, און צו זיינע געדרייען קערט זיך אום דער ווינט אָן א

פארוואָס און אַז אַ פּאַרוועָן. ניטאָ קיין זיבעָן און קיין ברעקל תכלית אין גאנצן באַשטאַנד. אַלע טייכן גייען צום ים, און דער ים ווערט ניט פול; צו דעם אָרט וווהין די טייכן גייען, אַהין גייען זיי ווידער. ווער טרייבט זיי? צו וואָס גייען זיי? ווער דאַרף זיי? וואָס טוען זיי אויף מיט זייער גיין און אָנטריבקען די שטרעקעס ערד דורך וועלכע זיי רייזן אַדורך. און דער מענטש קען קיין גליק און קיין רו ניט געפינען, איז אויף וואָס דאַרף מען האָבן דעם גאנצן באַשאַף?! דער קדמון איז געווען גערעכט, מע האָט די וועלט אינ־גאַנצן ניט באַדאַרפט באַשאַפן, ווייל זי איז אַ שטיק אומזין. אַלע ווערטער ווערן מיד ריידנדיק און קענען גאָרניט אַרויסברענגען. דאָס אויג קען זיך ניט אָנקוקן זאַט, און וואָס עס זעט, זעט עס אויך ניט, עס קען ניט אַריינ־דרינגען אין דער אינעווייניקייט פון זאַכן. און דאָס אויער קען זיך ניט אָנהערן פול, און זיין הערן איז קיין הערן ניט. ער הערט קלאַנגען וואָס האָבן ניט קיין באַדייט, קיין מיין. דער מענטש איז דער ריכטיקער שטיק גולם. ער קוקט און זעט גאָרניט, ער פאַרנעמט קולות און הערט ניט וואָס זיי האָבן צו זאָגן. ריידנדיק איז דער מענטש אַ שטומער און זייענדיק הערעוודיק איז ער אַ טויבער. וואָס איז געווען וועט זיין, און וואָס איז געשען דאָס וועט געשען און עס איז ניטאָ קיין בייעס אונטער דער זון. דער צוקונפט־עפּל פאַלט ניט וויט פון פאַרגאַנגענהייט־בוים. פאַראַן אַמאָל אַ זאַך וואָס מע זאָגט דערויף: אָט דאָס איז אַ נייס, אַן אויפטו! עס איז אַן אָפּנאַר. דאָס איז שיין געווען אין די אַלטע צייטן וואָס זיינען געווען פאַר אונדז.

אַלא פאַרוואָס מיינט מען, אַז עס איז נייס, ווייל מיר האָבן ניט קיין זכרון. ניטאָ קיין זכר פון די פריערדיקע, און פון די שפּעטערדיקע, וואָס וועלן ערשט זיין, אויך פון זיי וועט קיין זכר ניט בלייבן צווישן די וואָס וועלן זיין נאָך שפּעטער. איך שלמה בין קעניג איבער ישראל... אין ירושלים...

זיין האַנט מיטן רערנפעדער שטעלט זיך אָפּ פון זיך אַליין, אַן אַ באַזונדער באַפעל פון אים, ער פאַרטראַכט זיך. טראָפּנס קאַלטן שוויס באַווייזן זיך אויפן שטערן. ער פאַרמעקט די לעצטע עטלעכע אָנגעשריבענע ווער־טער, און שרייבט אָן „איך בין געווען קעניג איבער ישראל אין ירושלים...".

יאָ, איך בין געווען — ווידערהוילט ער אויפן קול און גיט צו מיט אַרויספאָדערונג, — און איך וויל און וועל עס מער ניט זיין, מיין קיניגן איז אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

ער פאַסט אַ באַשלוס. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט. זיין ווערן קעניג איז געווען בלויז אַ קאָנצעסיע צו זיין מוטער און אַ נאָכגעב צו נתנען, ער זאָל

זיך ניט פילן אנטוישט אין זיין מעטאָד פון דערציִאונג. אַציגד אַז ביידע זייִנען שוין ניט פאַראַן צווישן די לעבעדיקע, איז צו וואָס דאַרף ער דאָס מלוכהנען?!

ער שרייבט ווייטער:

און איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו זוכן און צו פאַרשן מיט חכמה וועגן אַלץ וואָס געשעט אונטער די הימלען. דאָס איז אַ שלעכטער ענין פאַר די מענטשנקינדער, עס לוינט זיך ניט צו פאַרנעמען מיט דעם. איך האָב געזען אַלע טועניש, וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון, ערשט אַלץ איז אַ הויך און אַ ווינט בלאָז, אַ ווינטיאָגעניש, אַ קרומקייט וואָס קען ניט אויסגעגליכט ווערן און אַ פעלער וואָס קען ניט גוט געמאַכט ווערן.

איך רייד צו זיך אַליין, איך טענה איין מיט מיין אייגענעם האַרצן און זאָג אַזוי: — אַט האָב איך געהאַט חכמה גרעסער און מער איידער אַלע וואָס זייִנען געווען פאַר מיר אין ירושלים, און איך האָב זיך דערוואָרבן אַ סך קלוגשאַפט און זייער פיל קענטעניש. און איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיטן פאַרשטייִן חכמה און אויך פאַרשטיין נאַרישקייט און אַפילו משוגעת— און וואָס האָב איך דערגרייכט? אויך דאָס איז ווערט אַ בלאָז פון ווינט... וואָרעם אין פיל חכמה איז פיל פאַרדראָס, און מערט מען קענטשאַפט, מערט מען ווייטאָק"...

ער שרייבט איבער און זאָגט איבער בעל־פה דאָס וואָרט „משוגעת"... דאָס וואָרט שרעקט אים, שטויסט אים אָפּ פון זיך און ציט אים צו. ער רעדט צו זיך:

„מאָמענטנווייז פיל איך אַז איך שטיי ממש אויפן ראַנד... איין טראָט ווייטער און איך פאַרליר מיין פאַרשטאַנד, איך גיי אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען. און, באמת, אויף וואָס טויג מיר מיין זינען און וואָס מער קען מיר מיין זינען געבן, ווי בלויז יסורים און קלעמעניש."

ער שרייבט ווייטער:

„איך האָב אויפגעטאָן גרויסע זאַכן; איך האָב מיר געבויט הייזער, איך האָב אויפגעריכט אַ טעמפּל פאַר איינאיכטום וואָס פאַרמאָגט זיין טעמפּל אין מענטשנס האַרצן און דאַרף ניט קיין שטיינערנעם טעמפּל. אָבער פּשוטע מענטשן דאַרפן עס האָבן... זיי דאַרפן זיך אָן עפּעס קלאַמערן. איך האָב געפלאַנצט ווייִנגערטנער. איך האָב מיר געמאַכט גערטנער און איינגעפלאַנצט אין זייביימער פון אַלערליי פירות. איך האָב מיר גע־מאַכט וואַסערטייכן אָנצוטרינקען פון זיי דעם וואַקסיקן וואַלד וואָס שפּראָצט מיט ביימער. איך האָב איינגעקויפט קנעכט און דינסטן, און הויז געבאָרענע

האָב איך געהאַט; אויך רינדער און שאָף א סך האָב איך געהאַט, מער פון אַלע וואָס זיינען געווען פאַר מיר אין ירושלים. איך האָב מיר אָנגעזאַמלט אויך זילבער און גאָלד און שאַצן פון מלכים און מדינות. איך האָב מיר איינגעשאַפט זינגערס און זינגערנס און אַלע פאַרגעניגנס פון מענטשנ־קינדער, ווייבער אויף ווייבער, פון אַלע פעלקערשאַפטן, פון אַלע שטאַמען... איך האָב געמיינט איך וועל זיך פאַרשיכורן און פאַרגעסן מיין אומגליק, זיך אַרויסטאָן פון מיין אומגליקלעכער ליבע. ערשט קיין זאַך האָט מיר נישט געהאָלפן... איך האָב מיך געקערט צו באַקוקן חכמה און משוגעת און נאַרישקייט, און איך האָב שיער ניט אויסגעקליבן משוגעת ווי דעם איינציקן אַנטרינונגס־מיטל, ווי דעם איינציקן וועג צו אַנטלויפן פון זיך; אָבער דאָס צו טאָן האָב איך ביי זיך ניט געקענט פועלן. און אַלע מיינע טעג זיינען ווייטאָק און מיין עסק איז ערגערניש און בענקעניש און קלעמעניש. אפילו ביי דער נאַכט ליגט ניט איין מיין הארץ אין רואיקייט.

„איך ווייס אַז עס איז ניטאָ קיין בעסערע זאַך פאַר די מענטשנקינ־דער ווי נאָר זיך צו פרייען און זיך וואויל צו טאָן אין זייער לעבן. אָבער וואָס קומט מיר אַרויס פון מיין וויסעניש, ווען איך בין תמיד פאַרצערט און פאַרצרהט, פאַראומערט און צעקלעמט. יאָ, אלהים שטעלט זיך תמיד איין פאַר דעם געררודפטן, אָבער ניט פאַר דעם, וואָס רודפט זיך אַליין. איך ווער גערודפט פון מיין אייגענעם האַרצן, אייגענעם זכרון, איז ווער קען זיך איינשטעלן פאַר מיר? קיינער ניט.

„יאָ, דער טראָף פון מענטשן איז ווי דער טראָף פון דער בהמה, אָבער די פשוטע בהמה איז פיל גליקלעכער פון מענטשן, וואָס האָט זיך דער־וואָרבן קלוגשאַפט זיך אָנצוטאָן צרות, ברענגען אויף זיך פורעניות. איך בין מקנא די בהמות. איך בין היינט אַדורכגעגאַנגען אַ געמייזעכץ. אַ טשערעדע בהמות האָבן זיך דאָרט געפאַשעט. עטלעכע פון זיי זיינען געלעגן רואיק צופרידענע און געמעלה־גרהט. זייערע געזיכטער אָזעלכע טעמפּע אָבער וואָס פאַרא מקנא־ווערטיקע. שלווה איז געווען אויסגעגאָסן איבער זייער גאַנצן וועזן. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און געווענדט זיך צו איין קו, וואָס האָט זיך אַרויסגעטיילט פון די איבעריקע מיט איר רואיקייט און צופרידנקייט מיט איר מערכה, און איר הויזן מיט דער אַרומגעבונג, איר פרידלעכקייט און פריינטלעכקייט, און איך האָב געזאָגט צו איר בזה הלשון:

— דו קו, טאָכטער פון אַ קו, דו ביסט געבוירן געוואָרן אין אַ שטאָל, דערצויגן געוואָרן אין אַ טשערעדע פון אַ פּאַסטעך מיט א בייטש און א הונט —

און דו ביסט צופרידן. דו עסט דיין מאַלצייט אין פולער שלווה; און איך, שלמה, דער זון פון דודן, און בת־שבען, בין געבוירן געוואָרן אין אַ פּאַלאַץ, דערצויגן געוואָרן פון אַ גרויסן נביא. איך געפין זיך ניט קיין אָרט אין מיין גאַנצן קיניגרייך. איך ווייס ניט פון קיין שלווה. איך בין אומגליקלעך, מיך פּייניקן ייסורים פון זעל...

„און איך האָב ווידער געזען אַלע רויבערייען וואָס ווערן אָפּגעטאָן אונטער דער זון. און אָט זיינען די טרערן פון די געדריקטע, און ניטאָ ווער עס זאָל זיי טרייסטן. און איך, שלמה, וואָס האָב זיך געגליכן צו משהן, האָב אַ האַנט, אַלע צען פינגער, אין די רויבערייען און אין דער דריקונג וואָס מיינע באַאַמטע דריקן דעם פשוטן עולם. בעסער אַ בעטלער אַ חכם איידער אַן אַלטער קיניג און אַ נאַר. און ווער איז נאַרישער פון מיר! איך בין דער קליגסטער נאַר אויף דער וועלט. איך בין קליגער פון אַלעמען אין מיינע משלים און אין מיינע מגילות. איך בין אָבער נאַרישער פון דעם אָפּגעריסנסטן נאַר אין מיין אייגענעם לעבן.

„איך טענה צו זיך: ,זיי ניט צופיל קיין חכם!' אָבער חכמה האָלט מיך ווי אַ שטריק אַן אויפגעהאַנגענעם, ווי אַ זיגער — אַ געפאַנגענעם. איך וואָלט גרייזלעך ווערן נאַריש, פאַרגעסן אַלץ וואָס איך האָב געלערנט, ווען אין אָט דעם פּעקל פאַרגעסעניש וואָלט אויך זי און מיין ליבע צו איר געקאָנט איינ־געפּאַקט ווערן.

„אָבער זי האָלט מיך איינגעקלעמט, צוגעהעפט צו איר בילד, און קיין פאַרגעסעניש קומט ניט צו מיר אַפילו אין די שעהן ווען איך פאַרגעס שיער ניט זיך אַליין. קיין מענטש געוועלטיקט ניט איבער זיין גייסט צו קענען איינהאַלטן זיין גייסט, צו האָבן די פולע דעה איבער זיין טראַכטן, איבער־קלערן, זיין געדענקען, זיין דערמאָנען זיך די גליקלעכע טעג פון זיין יוגנט אַזוי ווי עס איז ניט פאַראַן קיין געוועלטיקונג איבערן טויט.

„ווען אַ מענטש געוועלטיקט איבער זיין מיטמענטשן, טוט ער אים תמיד שלעכטס און ניט בלויז אים, ער טוט זיך אַפּ נאָך ערגער. ער פאַרדאַרבט זיין זעל. און ווי קום איך צו געוועלטיקן איבער מענטשן, ווען איך קען ניט געוועלטיקן איבער זיך גופא, קען ניט געוועלטיקן איבער מיינע געדאַנקען, איבער מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט, איבער די בילדער וואָס מיינע גייסטיקע אויגן צויבערן אַרויף און שטעלן אַוועק פאַר מיר".

נאָך אַ וואַכע קאַשמאַרפולע נאַכט ער האָט ניט געקענט צומאַכן מיט קיין אויג. ער האָט זיך געשליידערט אויף זיין געלעגער פון איין זייט אויף דער צווייטער.

אין זיינע אויערן האָבן געשטאָכן די הילכיקע יאָמערייען און קלאָגערייען פון עכסהן, באַוויינענדיק אים ווי ער וואָלט נאָר וואָס געטויט געוואָרן.

ער טראַכט, עכסה איז געווען גערעכט, ווי אין איר היסטערישן דעליריום וואָס גרעניצט מיט אַראַקולישקייט, מיט סופּערסענסיטיוויקייט האָט געשפּירט אַז ער איז אַ טויטער. הלוואַי וואָלט ער געווען אַ טויטער.

ער האָלט די טויטע וואָס זיינען שוין געשטאָרבן פאַר גליקלעכער פון די לעבעדיקע, ווי ער, וואָס לעבן נאָך און זיינען ערגער ווי טויט. אַ טויטער פילט דאָך ניט קיין ייסורים, און ער ווערט פאַרשרפהט אין אַן אינערלעכן פייער, וואָס ווערט ניט אויסגעלאָשן אויף קיין איין אויגנבליק.

אין דער אייגענער צייט, ווען ער הערט די יללות פון עכסהן, קומט צו אים אויך דער אפּהילך פון די קושן פון נעמהן און ער הערט זי איבערחזרן עטלעכע מאָל איר בקשה.

קושן זאָלסטו מיך מיט די קושן פון דיין מויל
וואָרעם בעסער פון ווין איז דיין ליבשאַפט.
וואויל צום גערוך זיינען דיינע אוילן,
געקלערטער בוימל איז דיין נאָמען
דרום האָב איך דיך אַזוי ליב.

אָט זעט ער ווי עכסה הענגט אויפן בוים, זי וויגט זיך אין ווינט, אירע אויגנאַפּלען אויסגעקערטע מיט די ווייסלעך אַרויס. אירע ליפּן פאַרביסן און בלוי. און אָט זעט ער פאַר זיך נעמה אָנקומען מיט איר טשערעדע פון ווייסע לאָמען און שעפּסעלעך. זיי ריגלען אים אַרום, זיי לעקן זיין האַנט, זיי גייען אים נאָך. אָט אַזוי ווערט ער געשליידערט אומברחמנותדיק פון איין זעאונג צו אַ צווייטער, פון איין סצענע צו אַ צווייטער.

# 14

## שלמה אַנטלויפט פון מלכות

ער איז אויפגעשטאַנען מיטן ערשטן בליאַסק אויף טאָג.

ער האָט זיך אָנגעטאָן אין די קליידער פון זיין אַלטן באַדינער *שמשא*, וואָס איז געשלאָפן אין אַ דערבייאיקן צימער, און האָט ניט געהערט, ווי דער קיניג באַגנבעט אים, נעמט צו זיינע מלבושים פון גראָבן געוואַנט און לאָזט איבער די *בגדי מלכות*.

שלמה אַן איבערגעטאָנענער האָט זיך ארויסגעשלייכט פון פּאַלאַץ, פון קעניגלעכן הויף — און איז אַוועק. די וועכטער אין דער טונקלקייט פון פאַרטאָג האָבן אים ניט דערקענט, זיי האָבן געמיינט אַז שלמהס משרת איז ערגעץ וואוהין אַוועק אין אַ שליחות.

שלמה איילט דורך די הויפּטגאַסן פון ירושלים. אַט איז ער שוין אין פאַרשטאָט. ער שפּרייזט שנעל. ער האָט מורא זיך אָפּצושטעלן, כאָטש ער פילט זיך שוין מיד. ער שרעקט זיך פאַר זיין אייגענעם שאָטן. ער וויל ניט מע זאָל אים דערקענען אין די אָרימאַנסקע קליידער, מע זאָל זיך כאַפּן אין פּאַלאַץ אַז ער איז ניט געוואָרן, און מע זאָל ניט אַרויסשיקן קיין שלוחים אים אויסצוזוכן און בעטן אים ער זאָל זיך צוריקקערן. זיי קענען אויך צושטיין צו אים ער זאָל קומען צוריק און אָנגיין מיט זיין קיניגן איבער זיי.

ער באַגרייפט איצטער ווי שטאַרק ער האָסט די מלוכה, די פּאַלאַצן וואָס ער האָט אָנגעבויט אויף דעם פאָלקס שווייס און בלוט, און דעם שווידערלעכן האַרעם וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפן. וואָס טויגן אים זיינע וואַכליט מיט די שווערדן און די גאָלדענע פאַנצערס, וואָס טויגן אים זיינע בראַווע לייב־גוואַרדייער, ווען זיי קענען ניט אָפּשטעלן פון אַריינדרינגען די שרעקלעכע ווזיעס, וואָס באַזוכן אים און נאָכן אַריינדרינגען קענען זיי זיי ניט אַרויס־טרייבן. ווער וועט פירן די מלוכה אין זיין אָפּוועזנהייט? דאָס אַרט אים ניט. ערשטנס איז בניהו בן יהוידע געניג קאָמפּעטענט זיך אַן עצה צו געבן. דער כיטראַק, ער וועט מאַכן אַ שוויג וועגן קיניגס פליטה־מאַכן. ער וועט זאָגן אַז דער קיניג וויל קיינעם ניט זען, קיינעם ניט אויפנעמען, נאָר אים אליין, ווי דעם העכסטן באַאַמטן. און אַלץ וועט זיך פירן ווי פאַרדעם.

וואָרעם, פון דער אַנדער זייט גערעדט, ווער דאַרף דען אַ קיניג? מע קען זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן אים. מע דאַרף דען האָבן אַ קיניג אין פליישׁ און בלוט? דאָס פאָלק דאַרף בלויז די אילוזיע, אַן איינריידעניש אַז הינטער די פאַרמאַכטע טירן און טויערן געפינט זיך איינער וואָס קיניגט. ווען מע זעצט אַוועק אויפן טראָן אַ גולם, וואָלט ער געקיניגט און אַפילו דערפאָלגרייך געפירט מלחמות, אויב די חייל־הארן וואָלטן געווען בראַווע פעאיקע קריגער, און די חיילות זאָלן מיינען אַז עס איז פאַראַן אַ קיניג און אַז ער שיקט עס זיי מלחמה־האַלטן און שלאָגן זיך פאַר דעם לאַנד, פאַר דעם פאָלק און פאַר דעם קיניג. קיינער דאַרף ניט דעם הויפּט־שררה, דעם מלך, און ניט די קלענערע שררות, זיינע האַרן. בלויז די הערשער דאַרפן האָבן די הערשאַפט, וואָרעם דאָס גיט זיי אַ מעגלעכקייט צו ראַבירן דאָס פאָלק גוזעצלעך, ראַבירן אָפן, בפרהסיא, און קיינער קען זיי ניט רופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די

געוועלטיקער דאַרפֿן האָבן דאָס פֿאָלק, אָבער דאָס פֿאָלק דאַרף די שררות האָבן אויפֿן פֿייער. ווען אַלע קיניגן זיינען זיך מיישב און מאַכן אַ יד־אחת און אין איין שיינעם טאָג זאָגן זיי זיך אָלע אָפּ פֿון זייערע טראָנען, גנבֿנען זיך ארויס פֿון זייערע פּראַכטפֿולע פּאַלאַצן, וואָלט זיך אין די לענדער און אין דער געזעלשאַפֿט גאָרניט געביטן. זעט איר ווען אַ צוואַנציק טויזנט ערד־אַרבעטער גייען אַראָפּ פֿון זייערע פֿעלדער, הערן אויף צו אַקערן און זייען — דאָס וואָלט ארויסגערופֿן קאַטאַסטראָפֿאַלע פּערטורבאַציעס, אַ טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג וואָלט בלייבן אָן ברויט, וואָלט מוזן אונטערהונגערן.

מיר, קיניגן, זיינען איבעריקע מענטשן, אי פּאַראַזיטן און אי זעלבסט־פּאַראַזיטן. מיר פּרעסן יענעם און ווערן אַליין צעפּרעסן פֿון אינעווייניק. מיר פֿאַרסמען אונדזערע נשמות מיט דעם טויטלעכן גיפֿט פֿון געוועלטיקונג. עס איז אַ פֿאַל פֿון זיך ביידע אויגן אבי יענעם איין אויג.דאָס פֿאָלק ווערט ארויס־געריסן פֿון קיניג, און דער קיניג ווערט נאָך מער ארוסגעריסן פֿון פֿאָלק. עס איז די פּראַקטיק פֿון קעגנזייטיקער רשעות־אַנטועכץ. די פֿעלקער פֿאַר־פֿייניקן זייערע קיניגן און די קיניגן, אין זייער ריי, טוען אָן די פֿעלקער כל המיני נגישות. אַזוי רעכענען זיי זיך אָפּ און דינען זיך אָפּ איינע די אַנדערע.

ער גיט אַ קוק אויף זיין סיגנעט, דעם צייכן פֿון מלכות וואָס ער האָט פֿאַרגעסן אַראָפּצונעמען פֿון פֿינגער און עס איבערלאָזן דאָרט, וואו ער האָט אַלץ איבערגעלאָזן, זיין קרוין וואָס האָט אים תמיד פֿאַרשאַפֿט אַ קאָפּוויטאָק, זיין צעפּטער וואָס איז באמת אַ גלגול פֿון אַ רוט, מיט וועלכער מע האָט געשמיסן אָדער געשטאָכן אָדער אונטערגעטריבן קנעכט וואָס מע האָט באַהאַנדלט ווי בהמות; זיין רייכע פּורפּורנע מאַנטיע. אַלץ האָט ער גע־לאָזן, נאָר דער רינג איז אים ארויס פֿון זינען.

גייענדיק לאַנגאויס דעם ברעג פֿון טייך, האָט ער מיט אימפּעט אַראָפּ־געריסן דעם רינג פֿון פֿינגער, און אים מיט ברענענדיקן כעס אַריינגעוואָרפֿן אין וואַסער.

אַצונד האָט ער זיך דערפֿילט אָביסל בעסער, פּטור געוואָרן פֿון אַ צרה און פֿון אַ בייזער געדעכעניש. ווען ער קען אַזוי אַרייַנשליידערן אין די טיפֿע וואַסערן זיין בענקעניש און קלעמעניש!

פּלוצלונג האָט ער אין וואַסער־שפּיגל דערזען די געשטאַלט פֿון עכסהן און גלייך לעבן איר נעמהן, ווי זי קומט אָן מיט דער טשערעדע, און איטלעכעס לעמעלע איז געווען אָפּגעשפּיגלט אַזוי קלאָר דייטלעך, ווי לעבעדיק, אַ האָר זאָל פֿעלן. און אין מילדן פּליעסק פֿון דעם וואַסער אָן ברעג הערט ער:

## שלמה המלך

טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל אויף דיין האַרצן,
ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם,
וואָרעם שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט,
האַרט ווי דער קבר די אײפּערזוכט.

און די ווערטער זײנען גלײך פֿאַרשריען געוואָרן פֿון אַן האַרצרײסנדיקער און פֿאַרטויבנדיקער יללה פֿון עכסהן: מערדערס! מאַכט מיר צוריק לעבעדיק מײן שלמהן!

יאָ, גיט אַ בליק דורך זײן געהירן אַ געדאַנק: בלויז אײנע קען צוריק לעבעדיק מאַכן שלמהן, און די אײנע איז נעמה. ווער ווײס, האָט אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג אַ גלי געטאָן אין זײן האַרצן, אפֿשר אויף זײנע וואַנדערונגען וועט ער זי באַגעגנען.

עס זײנען שוין פֿאַריבער דרײ מעת־לעת. ער האָט קײן ביסן אין מויל ניט געהאַט, און ער האָט גאָר געהאַט פֿאַרגעסן אַז אַ מענטש דאַרף און מוז עסן. ערשט אַצונד האָט אים דער הונגער גענומען קווען און ער האָט זיך געכאַפּט אַז ער פֿאַסט שוין דעם פֿערטן טאָג, און ער דאַרף זיך מיט עפּעס אָפּפֿאַסטן. ער דערזעט אַ סקאָרינקע ליגט אַ פֿאַרטאָפּטשעטע אין בלאָטע. ער האָט עס אויפֿגעהויבן. עס איז אָבער געווען טרוקן ווי ביין און קויטיק. איז ער צוגעגאַנגען צום טײך זיך אַראָפּגעבויגן צום וואַסער אָפּצוואַשן דאָס שטיקל שמוציק ברויט און אויך עס אַ ביסל צו צעווײכן. אָבער דאָס ברויטל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון זײן האַנט און איז אַרײנגעפֿאַלן אין וואַסער. און גלײך איז אַ פֿיש אונטערגעקומען, אַ כאַפּ געטאָן די „המוציא“ און שנעל אָפּגעשוואומען.

שלמה טראַכט: ווער ווײסט אפֿשר איז דער פֿיש הונגעריקער פֿון אים. ווײטער, ער האָט אויף זײן לעבן מיט גענוג פֿיש זיך אָנגעגעסן, מעג ער דאָך זײ כאַטשבי מיט עפּעס אָפּדינען.

קײנער שטאַרבט ניט פֿון הונגער, אויב ער שטאַרבט, איז עס פֿון שעמען זיך צו בעטן. ער וועט זיך ניט שעמען צו בעטן אַ שטיקל ברויט.

ער איז אוועק אין נאָענטן דאָרף און גענומען גײן פֿון הויז צו הויז, פֿון געצעלט צו געצעלט, און בעטן עפּעס צו עסן: „איך בין פֿאַרשמאַכט“. אַז מע פֿלעגט אים געבן אָפּצועסן אַ שטיק ברויט אָדער אַ שיסל מיט שאַר־ירקות, פֿלעגט ער גלײך בעטן מע זאָל אים לאָזן אָפּאַרבעטן פֿאַר זײן עסן: אָנטראָגן וואַסער פֿון קוואַל צי פֿון ברונעם, אָנהאַקן אָדער אָנזעגן האָלץ, אָדער טאָן עפּעס אַן אַנדער שטיקל אַרבעט אַרום הויז, אויך רעכט אין גאָרטן, אין פֿעלד אָדער אויף דער לאָנקע. ער האָט געהאָלפֿן אַקערן אָדער

יעטן אָדער אָנקאָשן היי. צייטנווייז פלעגט מען אים אָנבאָטן בויערײַ אָדער מויערײַ אַרבעט. ער האָט עס אָנגענומען מיט גרויס חשק און האָט געאַרבעט מיט פלייס. ער האָט געלייגט ציגל, געהאַקט שטיינער, געהאָלפן אויפבויען אַ הויז צי אַ שטאַל צי גאָר אַ שייער. ער האָט געאַרבעט שווער און אָנגעקוואָלן פון זיין פראַצעוועז. ער האָט אָפּגעאַרבעט אויף איין פּלאַץ אַ קירצערע צייט, אויף אַן אַנדער פּלאַץ אַביסל אַ לענגערע צייט, און אַוועק ווייטער.

איינמאָל איז ער אַריין אין אַ הויז פון אַ גאַרבער. אַז ער האָט אָפּגעגעסן און געבעטן אָפּצואַרבעטן פאַר זיין עסעכץ האָט אים דער גאַרבער געזאָגט אַז ער האָט ניט קיין אַרבעט אַרום הויז אָדער אין גאָרטן. האָט שלמה זיך אָנגעבאָטן אים אַרויסצוהעלפן אין זיין גאַרבערישער אַרבעט. שלמה האָט געטראַכט: אַפילו אַ נבלה אָפּשינדן אבי ניט אָנקומען צו מענטשן, ניט נעמען קיין זאַך אומזיסט. די בעסטע פאָרם פון גאָטעסדינסט, און ער האָט אויסגעפּרובירט שוין גאָר אַ סך פאָרמען, איז פּשוטע געזונטע אַרבעט. דאָס איז דער געהויבנסטער קולט. געניסן פון פראַצע דאָס איז די היילקסטע עבודה. דער גאָרטן, דאָס פעלד, די לאָנקע איז יהוהס טעמפּל און די ערד־אַרבעטער זיינען די עכטע כוהנים.

גענוג וואָס מיר זיינען וועלט־בעטלער, וואָס מיר קריגן דאָ די טייערסטע זאַכן אומזיסט, אויסגעבעטלט. מיר קריגן לופט צום אָטעמען, שיין פאַר די אויגן, אַלץ אויסגעבעטלט ביי דער וועלט. זיינען מיר טאַקע אַלע בעטלער, ווען מיר זיינען אפילו קיניגן, אָבער מע דאַרף ניט זיין אַ בעטלער ביי די בעטלערס. דעריבער איז ער באַשטאַנען אויף אָפּצואַרבעטן פאַר זיין עסן, אָפּאַרבעטן און אָפּגעבן דעם בעל־צדקה, מער וויפל ער האָט פון אים געקראָגן.

פטור ווערן פון בעטלערײַ אין פולן זינען וועלן מיר ערשט ווען עס וועט מקויים ווערן יעקבס „אַנטפּלעקונג“ און דער וואונדערבאַרער ספר פון אדם הראשון וועט ווערן אויס ספר נייערט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין א שטיקווירקלעכקייט. דאָס הייסט ווען עס וועט קומען די גרויסע קאָסמישע אויסלייזונג, די אמתע גאולה...

ער האָט זיך א נדר געטאָן ניט הנאה צו האָבן פון מלכות־פאַרמעגן וואָס איז גניבה און גזילה און איז גרונטפעסטיקט אין שפיכת־דמים. ווי נאָר ער האָט זיך פאַרשוואָרן אַז ער וועט מיט מלכות מער קיין מגע ומשא ניט האָבן, אַזוי האָט ער דערפילט אַ דערלייכטערונג. און ווען די יללות פון עכסהן האָבן אים געשטאָכן אין די אויערן, מיט איר באַפעל: „מערדערס, מאַכט מיר לעבעדיק

מיין שלמהן!" האָט אַן אינערלעכע שטים געענטפערט מיט זיכערקייט: „נעמה וועט עס טאָן, זי וועט דיך אומקערן צום לעבן".

אָבער וואו געפינט זי זיך?

זוך, זוך, הער ניט אויף צו זוכן און נאָך פיל מיאונג וועסטו זי געפינען. זוך, נישטער און גלויב!

וואָס ווייטער ער איז אַוועק פון זיין פּאַלאַץ און פון ירושלים זיין רעזידענץ שטאָט, אַלץ בעסער האָט ער זיך געפילט: ווייניקער קלעמעניש, ווייניקער ווייטאָקן, ווייניקער שווער־געמיט. די כמאַרע אויף זיין גייסט־הימל איז געוואָרן לייכטער. ערטערווייז דורכגעריסן און די וואָלקנס וואָס האָבן זיך געוויזן דורך די ריסן זייַנען פון אַ ביסל אַ העלערן קאָליר.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין אין שאָטן פון אַן איילבערטבוים ניט ווייט פון אַ שפּרודלענדיקן קוואַל.

ער האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט ניט געטאָרט באַטראַכטן דעם טראָן און איבערנעמען די מלוכה וואָס דוד האָט צעמענטירט און פאַרפעסטיקט מיט אַזויפיל פאַרגאָסן בלוט. מלכות איז ניט פאַר אים, פאַר זיינסגלייכן. ער האָט דאָך גלייך פונאַנפאַנג ניט געוואָלט ווערן קיין קיניג, בלויז דער מוטער האָט ער צוליב־געטאָן, און דאָס נאָר דערפאַר וואָס איר לעבן איז געווען אין אַ סכנה און ער האָט זי געראַטעוועט. עס איז געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט, און ער האָט ניט געהאַט קיין ברירה, סיידן נעמען די מוטער און בתנען און אַנטרינען, אַנטלויפן אין אַן אַנדער מדינה וואו די האַנט פון אדוניהון וואָלט זיי ניט געקענט דערגרייכן. ער איז געווען אַ אָנוס, אַ געפאַנגענער אין קיניגלעכן הויף.

ער רעדט צו זיך:

— ווי קום איך צו מלכות! איך האָב אַמאָל אין מיין נאַאיווקייט, וואָס איך האָב באַקומען פון ביידן, פון מיין מוטער און פון נתנען וואָס האָבן זיך איינגערעדט אַז ישראל וועט געהאָלפן ווערן פון אַ קיניג אַ חכם און אַ רודף־שלום — געזאָגט און געמיינט אַז איך זאָג אַרויס אַ גרויסע חכמה, און באמת האָב איך אַרויסגעזאָגט אַ גרויסע שטות. מיין זאָג האָב איך אַריינגעפּאַסט אין אַן „אָדע צו חכמה". און די גאַנצע אָדע איז איין שטיק נאַרישקייט ווי איך זע עס איצט. אָט ווי זי לייענט זיך:

חכמה רופט דאָך
און פאַרשטענדיקייט רעדט מיט אַ הויכן קול.
ביים שפּיץ פון די הייכן, ביים וועג,
ביים צעגויפטרעף פון שטעגן האָט זי זיך געשטעלט,

לעבן די טויערן,ביים ראַנד פון גרויס שטאָט,
ביים אַריינגאַנג אין די טירן האָט זי זיך צעזונגען:
„צו אייך, מענער, רוף איך,
און מיין שטים איז צו די מענטשנקינדער.
איר שוטים! באַנעמט קלוגשאַפט
און איר נאַראָנים! שאַפט זיך איין אַ פאַרשטענדיק האַרץ.
הערט צו, וואָרעם געהויבענע זאַכן גיי איך זאָגן
און פון דער עפענונג פון מיינע ליפן קומט אַרויס ריכטיקייט
וואָרעם מיין צונג וועט זאָגן דעם אמת
און שלעכטס איז אָפּשיילעך פאַר מיינע ליפן
מיט גערעכטיקייט זיינען אַלע ווערטער פון מיין מויל
ניטאָ אין זיי קיין פאַרדרייעניש און קרומקייט.
זיי אַלע זיינען קלאָר פאַרן פאַרשטענדיקן
און רעכטפאַרטיק פאַר די, וואָס האָבן קענטעניש.
נעמט מיינע שטראָף־רייד און ניט קיין זילבער
און ליבערשט קענטעניש אידער געקליבנסטן גאָלד.
וואָרעם חכמה איז בעסער פון פערל
און קיין צירונג איז ניט גלייך צו איר.
און קענטעניש פון צוטראַכטענישן וועל איך געפינען.
איך, חכמה, וואוין צוזאַמען מיט ליסטיקייט.
מוראַ פאַר יהוה מיינט פיינט האָבן שלעכטס,
פאַרריסנקייט, שטאָלץ און דעם וועג פון רשעות.
אַן איבערגעדרייט מויל האָב איך פיינט.
איך האָב עצות און בריהשאַפט.
איך בין פאַרשטענדיקייט, און שטאַרקייט איז מיינע.
דורך מיר רעגירן די קיניגן
און פירשטן מאַכן גערעכטע געזעצן.
דורך מיר געוועלטיקן די הערשער
און די אדללייט — אַלע ריכטער פון דער ערד...“

איך פרעג אייך, זאָגט מיר, וויזט מיר, וועלכע מלכים הערשן אַ דאַנק זייער חכמה?! זיי הערשן מיט זייער האַרצלאָזיקייט, זיי געוועלטיקן דורך הריגות, רציחות, מלחמות, ראַבירעריי. זיי זיינען כמעט אַלע אַ באַנדע רויבער, גנבים און גזלנים, פּיראַטן אויף די ימים און אויף דער יבשה. מערדער זיינען זיי! און צום אַלעם ערשטן מאַרדן זיי דאָס געזעץ. אויף וואָס האַלטן זיך די

גרעניצן פון דער מלוכה? אויף מאַרד, אויף פאַרכאַפעריי. לענדער ווערן ניט אָפּגעגאָסן אין הוטעס, אין קאַלכאויוונס, אין ציגעלניעס. קיינער האָט זיי ניט געמאַכט. אויב אַזוי, ווער האָט אַ רעכט צו זאָגן: דאָס לאַנד איז מיינס און דאָס יעניקע איז ווידער מיינס, אויף וועלכן יסוד וואָלט אַזאַ רעכט זיך געהאַלטן? אַזאַ רעכט קען זיך האַלטן נאָר אויף הוילן אומרעכט. די אָדערן אין פּאָליטישן גוף, די גרענעץ־ליניעס זיינען אָנגעגאָסן מיט בלוט, בלוט פון שכנים, באַזיגטע פעלקער, שבטים.

די פּאָליטישע צאַמען זיינען געמאַכט פון שאַרבנס, פון הויפנס טויטע קערפּערס וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן אין שלאַכט, אין געשלעג פאַר דעם שטיקל לאַנד. וואו איך וואַרף מיינע אויגן, זע איך כסדר אָנגעראַבעוועטע לענדער, פאַרכאַפּטע קעגנטן, פאַרגוואַלדיקטע פּראָווינצן, איינער כאַפּט פון צווייטן, דער שטאַרקערער נעמט צו פון שוואַכערן.

איך קען די מגילה „יהושע" אויפאויסוועניק, און ווען איך דערמאָן זיך אָט־די שטעלן פלאַמט מיר דער פּנים פאַר בושה.

„און זיי האָבן באַצוואונגען די שטאָט און זיי האָבן פאַרוויסט אַלץ אין שטאָט, פון אַ מאַן ביז אַ פרוי, פון יונג ביז אלט... מיטן שאַרף פון שווערד... און די שטאָט האָבן זיי פאַרברענט אין פייער מיט אלץ וואָס אין איר... (ו' כד)

דאָס רעדט זיך וועגן דער שטאָט יריחו, און דער כראָניקלער באַרימט זיך און נחתט זיך מיט די העלדן און מיט זייערע העלדנטאַטן.

און עס איז געווען, אַז ישראל האָבן געענדיקט אויסהרגענען אַלע באַוואוינער פון עי... זיי זיינען אַלע געפאַלן דורכן שאַרף פון שווערד ביז זיי זיינען פאַרלענדט געוואָרן... און אַלע וואָס זיינען געפאַלן אין יענעם טאָג פון אַ מאַן ביז אַ פרוי זיינען געווען צוועלף טויזנט; אַלע מענטשן פון עי... און יהושע האָט פאַרברענט עי, און האָט זי געמאַכט פאַר אַן אייביקן חורבה־הויפן, אַ וויסטעניש" (ח' כד־כח)

און די ביטערע איראָניע פון דעם איז וואָס דער כראָניקלער דערציילט גלייך אַז יהושע אָט־דער קריגער, וואָס האָט געשניטן מענטשישע לייבער, ממש, ווי אין קרויט, האָט געבויט אַ מזבח פון גאַנצע שטיינער אויף וועלכע מ'האָט קיין אייזן ניט אויפגעהויבן (דאַרט, לא) ווייל אייזן הרגעט מענטשן, פאַרגיסט בלוט און דער מזבח דאַרף ראַטעווען מענטשן פון אומקום... ביים בויען דעם מזבח איז יהושע געוואָרן אַ גרויסער רודף־שלום...

„...און יהושע האָט באַצוואונגען מקדה אין יענעם טאָג, און האָט גע־

שלאָגן זי... מיטן שאַרף פון שווערד. ער האָט פאַרוויסט זי, אַלע נפשות וואָס אין איר; ער האָט ניט געלאָזט קיין איבערבלייב.

„און יהושע און גאַנץ ישראל מיט אים זייַנען איבערגעגאַנגען פון מקדה קיין לבנה, און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט לבנה... און ער האָט זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, מיט אַלע נפשות וואָס אין איר. ער האָט ניט געלאָזט אין איר אַן איבערבלייב" (דאָרט, י', כ"ח־כ"ט)

„און יהושע און גאַנץ ישראל מיט אים זייַנען אַריבערגעגאַנגען פון לבנה קיין לכיש... און ער האָט זי באַצוואונגען... און האָט זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, מיט אַלע נפשות וואָס אין איר...

„און יהושע און גאַנץ ישראל מיט אים זייַנען אַריבערגעגאַנגען פון לכיש קיין עגלון... און זיי האָבן זי באַצוואונגען און האָבן זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד; און אַלע נפשות וואָס אין איר האָט ער פאַרוויסט...

„און יהושע און גאַנץ ישראל מיט אים זענען אַרויפגעגאַנגען פון עגלון קיין חברון... און זיי האָבן זי באַצוואונגען, און האָבן זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד... און אַלע נפשות וואָס אין איר; ער האָט ניט געלאָזט קיין איבערבלייב.

„און יהושע און גאַנץ ישראל מיט אים האָבן זיך אומגעקערט קיין דביר... און ער האָט באַצוואונגען זי... און זיי האָבן זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, און פאַרוויסט אַלע נפשות וואָס אין איר; ער האָט ניט געלאָזט קיין איבערבלייב, נייערט וואו נאָר אַן אָטעם האָט ער פאַר־וויסט". (דאָרט)

„און יהושע און דאָס גאַנצע מלחמה־פאָלק מיט אים זייַנען געקומען אויף זיי פּלוצים... און זיי האָבן זיי געשלאָגן... ביז ניט צו לאָזן זיי קיין איבערבלייב.

„און יהושע... האָט באַצוואונגען חצור... און זיי האָבן דערשלאָגן אַלע נפשות וואָס אין איר מיטן שאַרף פון שווערד — פאַרוויסט; עס איז ניט געבליבן קיין לעבעדיקער אָטעם; און חצור האָט ער פאַרברענט אין פייער... אַלע מענטשן האָבן זיי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד ביז זיי האָבן זיי פאַרטיליקט. זיי האָבן ניט איבערגעלאָזט קיין לעבעדיקן אָטעם" (דאָרט יא)

דער דברי־הימים שרייַבער האָט אַלץ באַשריבן אַזוי גענוי, מע זעט אַז ער פאַסמאַקעוועט זיך מיטן בלוט וואָס מע האָט פאַרגאָסן... וויפל וואָלט איך ניט געגעבן אַז מע זאָל עס אָפּמעקן, פאַרגעסן די שאַנדע... אָבער זאָל עס שטיין און עדות־זאָגן... און באַווייַזן אויף קאָנקרעטע בייַשפילן, ווי

לענדער ווערן פאַרכאַפּט, ווי מלוכות ווערן געגרינדעט. משה האָט גע־וואָלט זיי זאָלן ווערן באַפרייער, וואָס זײַנען זיי געוואָרן? באַצווינגער. לענדער פאַרכאַפּער, רוצחים...

און זאָל יעדער בר־דעת וויסן, אַז יעדער רעגירער איז אַ גזלן. עס זײַנען פאַראַן וואַלד־גזלנים און עס זײַנען פאַראַן שטאַט־גזלנים. מלכות הויבט זיך אָן מיט גזלנות און זי בלײַבט דערבײַ. זי קען פון דעם ניט אָוועק. דאָס איז איר לעבנסקוואַל. די געוועלטיקער איבער פעלקער, די באַהערשער פון לענדער זײַנען רשעים, איינס ווי איינס, ניטאָ גאָר קיין אויסנאַם, און עס קען ניט זײַן.

אין דעם אויגנבליק ווען ער באַהויפּט אַז קיין אויסנאַם איז ניט פאַראַן גייט אים דורך דורכן קאָפּ דאָס בילד פון זײַן פאָטער, וועמען ער האָט פאַרערט און פאַרהערלעכט ביז אָט־דעם מאָמענט. און ער דערזעט אים אין גאַר אַ נײַעם געמעל. ער דערשרעקט זיך פאַר אָט־דער גײַסטיקער אַנטראַנונג און אַנטקרויזונג פון זײַן אייגענעם „גרויסן" פאָטער...

ער דערזעט זײַן פאָטער איצטער אַ נאַקעטן אָן די באַצירונגען און באַפּוצונגען מיט וואָס די סביבה ארום אים און ער אַליין פון קינדהייט אָן און אפילו אויך נתן, האָבן אים באַקליידט. דאָס איז אַלץ פּלוצלונג אַראָפּ־געפאַלן, דוד שטייט אדם־נאַקעט, הויל פון די אילוזיעס און אידעאַליזאַ־ציעס אין וועלכע ער האָט געהאַלטן אָט־די פאָטער געשטאַלט אײַנגע־הילט. עס ווערט אים פּינצטער אין די אויגן. ער פילט זיך פאַרשעמט, באַ־ליידיקט. פאַר זײַן בלינדקייט, וואָס ביז אָט־דעם מאָמענט האָט ער אים ניט געזען אין זײַן ריכטיקן אָפּשטויסנדיקן אויסזען... אָט דערזעט ער זײַן פאָטער ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג און ער האָט זיך געשדכנט צו קעניג שאָולן פאַר אַן אײדעם, געוואָלט קריגן זײַן טאָכטער מיכל...

„איז דוד אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען, ער מיט זײַנע מענטשן, און ער האָט געשלאָגן פון די פלישתים צוויי הונדערט מאַן, און דוד האָט געבראַכט זייערע פאָרהויטן, און מע האָט זיי איבערגעגעבן פאַרפול צום קעניג, כדי ער זאָל ווערן דעם קעניגס אײדעם. און שאול האָט אים גע־געבן זײַן טאָכטער מיכלען פאַר אַ ווײַב...[1]"

שלמה שוידערט אויף פון דעם בילד. אָט וואָס פאַרא חתן־געשאַנק זײַן פאָטער האָט עס געבראַכט צו זײַן כלה...

„דוד האָט געשלאָגן מואבן, און האָט זיי געמאָסטן מיט אַ שנור.

1. שמואל א׳, י״ח כ״ז.

זיי אויסלייגנדיק אויף ד ע ר ערד, און ער האָט אָפּגעמאָסטן צוויי שנורן צו טויטן און איין פולע שנור צו ל אָ ז ן ל ע ב ן... און דאָס פאָלק וואָס אין איר (רבה) האָט ער געלייגט אונטער זעגן... אייזער־נע דרעש־שליטנס... אייזערנע העק, און האָט זיי געמאַכט דורכגיין דורך ציגלאויוונס. אַזוי פלעגט ער טאָן צו אַלע שטעט פון די קינדער פון עמון[1]״

שלמה פילט זיך דערשלאָגן. אָבער אין דער אייגענער צייט ווי דער־הויבן, וואָס ער האָט צעבראָכן אַן אייגענעם געץ, וואָס איז געשטאַנען אויף א הייכן פּעדעסטאַל ביי אים אין הארצן. ער איז פּטור געוואָרן פון דעם גרויסן טאַטן, וועמען ער האָט ביז אָט־דער לעצטער מינוט הערלעך געהאַלטן און געטייערט אין אָנדענק.

עס האָט אים אָפּגעעקלט פון זיין גאַנצן מלוכהשן ייחוס. און ער איז געווען צופרידן וואָס ער האָט איבערגעריסן מיט זיין פאַרגאַנגענהייט. ער אונטערשטרייכט דאָס וואָרט צופרידן. ער וויל אָפּמעקן די גאַנצע מלוכהשע געשיכטע פון ישראל. „צופרידן״... שוין איבער צוואַנציק יאָר ווי ער האָט אַזאַ וואָרט ניט געברויכט. יאָ, ער איז צופרידן, אים טוט הנאה וואָס ער האָט זיך ארויסגעקאַראַבקעט פון מדינהשן זומפּ, פון דער מלוכה־בלאָטע...

ניטאָ קיין אָרנטלעכע מלוכה. ווען יושר קומט אריין, מוז מלוכה ארויס. זיי קענען צוזאַמען זיך ניט געפינען אונטער איין דאַך. ווען צדק און אָרנטלעכקייט וואָלטן רעגולירט די פאַרהעלטענישן פון מענטשן, דעם בין־אדם לחבירו, וואָלטן אלע קעניגרייכן אָפּגעווישט געוואָרן פון דעם פּנים פון דער ערד, ווייל זיי זיינען א חרפּה און א שאַנדע פאַר דעם מין מענטש!

אויב די זון שיינט אין אונדזערע לענדער, אויב רעגנס פאַלן און גראָזן וואַקסן — איז עס פאַר די בהמות. און מיר, פאַרדאָרבענע מלוכה־לייט גענינסן אָט־די אלע טייערע מתנות אין זכות פון די אומשולדיקע בהמות.

פאַרוואָס בין איך גלייך ניט אַנטלאָפן פון פּאַלאַץ, זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן. אַ גוטע העלפט פון מיינע ייסורים און קלעמעניש זיינען געקומען פון מיין געוועלטיקעריי. איך האָב געפילט ווי מיט יעדן טאָג זינק איך אַלץ טיפער און טיפער אין אָט־דעם בלוטיקן מיאַזמעטישן זומפּ. קיין מענטש, ווער ער זאָל ניט זיין, האָט ניט קיין שום רעכט צו רעגירן איבער א צווייטן. א מענטש אַ מענטשן מעג געבן אַן עצה, אויב יענער פרעגט אַן עצה, אָבער ניט באַפעלן, קאָמאַנדעווען איבער יענעם.

---

1. שמואל ב׳, ח׳ ב׳.

עס איז ניט מיין בענקעניש אַליין, מיין אומגליקלעכע ליבע וואָס האָט מיך געפּייניקט. עס איז מיין בענקעניש געפּאָרט מיט מיין געוויסן־פּלאָגעניש וואָס האָבן ביי מיר שיער מיין זינען ניט צוגענומען. איך האָב געפילט אַז מיין גאַנצער לעבנס־בנין שטייט אויף אַ פאַלשן פונדאַמענט.

ווי נאָר איך האָב זיך צוגערירט צו מלכות, האָב איך גלייך גענומען באַגיין איין נידערטרעכטיקייט נאָך דער אַנדערער, איין געמיינקייט ערגער פון דער פאַרויסגייענדיקער. איך האָב איבערגענומען בירושה מיין פאָטערס דודס קיניגרייך און מיט דעם א חתיכה פון דודישקייט, זיינע שפיכות־דמים־מעשים. די מערדערייען, וואָס ער האָט אַליין ניט געקענט דורכפירן, האָט ער מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל עס טאָן פאַר אים, איך זאָל זיין זיין שליח. און איך בין געווען זיין שליח. זיכער יענע אויסוואורפן האָבן כשר פאַרדינט זייער שטראָף, אָבער ווי קום איך צו זיין זייער ריכטער און הינגריכטער, ווי קום איך צו פאַרגיסן זייער בלוט. יעדער חזיר פאַרדינט מע זאָל אים רייסן פאַרן אויער, אָבער בלויז אַ כלב טוט עס. און אויב איך האָב אָט־די מערדערייען ניט אויסגעפירט מיט מיינע אייגענע הענט, האָב איך עס געטאָן מיט מיין וואָרט, דאָס הייסט געהרגעט מענטשן מיט מיין מויל, וואָס איז נאָך ערגער.

שלמה דערשפּירט ווי דאָס מויל ווערט אים אָנגעפילט מיט בלוט, מיט אווירדיקן בלוט. ער שפּייט אויס דריי מאָל. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן קוואַל און האָט אָנגענומען א פולן מויל מיט וואַסער און עס אויסגע־ליידיקט, אַזוי עטלעכע מאָל. ער האָט אַזוי אויסגעשוויינקט זיין מויל פון דעם בלוט.

וואָס איז דער וואונדער וואָס איך האָב ניט געקענט צומאַכן מיט אַן אויג אין מיין פּראַכטפולן שלאָפצימער ליגנדיק אויף מיין בעט אונטער דעם רויטן באַלדאַכין און האַלטנדיק צוקאַפּנס די פוכענע קישנס אין די זיידענע ציכן. עס האָט געשטונקען אין מיין פּאַלאַץ, צום דערשטיקט ווערן, מיט שוויס פון די פאַרהאָרעוועטע אַרבעטער, וואָס מע האָט געצוואונגען האַקן די וועלדער, אויסגראָבן און טשעשען די שטיינער. דער שווער־געראָכידיקער שוויס האָט געטריפט פון די ווענט, פון די הייכע באַגילטע סופיטן. עס האָט אַרויפגעשפּריצט מעשה־פאַנטאַן פון דעם דיל. דער גאַנצער פּאַלאַץ האָט זיך געטונקט אין שוויס פון די אָרימע אַרבעטער...

## 15

# דער קעניג בעטלער

שלמה האָט געוואַנדערט און געבעטלט זיין ברויט. אַזוי איז אַריבער אַ גאַנצעס יאָר, זיינען מלבושים האָבן זיך צעריסן עס זיינען געהאַנגען פון זיי ברינדזשעס. פעדים האָבן זיך פון זיי געדריבלט. זיינע שיך האָבן זיך איינ־גאַנצן צעטראָטן. אָבער אים האָט עס הנאה געטאָן. ער האָט ניט געוואָלט האָבן מיט זיך און אויף זיך קיין זכר פון זיין הויף־לעבן, און די קליידער, הגם זיי זיינען געווען אַנטועכץ פון אַ משרת, אָבער דער משרת האָט דאָך געדינט אין אַ קיניגלעכן הויף, האָט אים באַדינט, לכן האָבן זיי נאָך אַלץ געריחט מיט אַ דערמאָנעניש פון פאַרהאַסטער מלכות. ער האָט געוואָלט פטור ווערן פון דערדאָזיקער עקלהאַפטער הלבשה.

אין די הייזער, איבער וועלכע ער איז געגאַנגען, האָט ער גענומען בעטן מע זאָל אים געבן אַנטועכץ און ביסלעכוויז האָט ער זיך באַקליידט פונדאַסניי מיט אַלטוואַרג. אין איין הויז האָט מען אים געגעבן אַ פּאָר אַלטע פאַרלאַטעטע הויזן, אין אַן אַנדער הויז האָט ער אויסגעבעטלט עפּעס א צעריסענעם מלבוש, אַ מין רעקל. ער האָט אָט־די־שמאַטעס־קליידער אָנגעטאָן מיט גרויס פרייד און שטאָלץ, ווי איינער טוט אָן די טייערסטע מלבושים, בגדי מלכות. די קליידער־געבעכצן האָט ער ניט גענומען ווי אַ מתנה, ער האָט פאַר זיי געווי־סנהאַפט און שווער אָפּגעאַרבעט. די שיך האָט ער אַוועקגעוואָרפן און איז אַוועק באָרוועס, ביז ער וועט זיך אויספלעכטן פון קאָרע „סאַנדאַלן"־לאַפּטשעס.

פטור געוואָרן פון זיין פריערדיקער באַקליידונג, וואָס האָט אַנטהאַלטן פיינפולע דערמאָנענישן פון זיין הויף־פאַרגאַנגענהייט, האָט שלמה דערפילט א דערלייכטערונג. זיינע ליידן זיינען פיל לינדער געוואָרן. זיין פאַרכמאַרעט געמיט האָט אָנגעפאַנגען זיך אויסצולייטערן. די האָפענונג האָט זיך אין אים געשטאַרקט אז ער וועט געגעזן ווערן. דער שטורם אין זיין האַרצן וועט זיך איינשטילן, זיין מרה־שחורה וועט אַוועק מיט דער צייט; און זי? — זי וועט ער געפינען.

עס איז שוין בינתים אַוועק א צווייטער יאָר, און עס האַלט שוין אין מיטן פון דריטן יאָר. שלמה וואַנדערט און שנאָרערט.

ער איז אָנגעקומען אין אַ קליינעם יישוב וואָס איז געלעגן ביים סאַמע גרעניץ פון ישראל־לאַנד און לאַנד פון די בני־עמון.

ער איז אריין אין אַ הויז און געבעטן עפּעס אָפּצועסן. מע האָט אים דערלאַנגט אַ שטיק קליַיען און קאָרן־ברויט און אַ שיסל שאַר־ירקות. ער האָט געבענטשט די געבער און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער הייכער שוועל פון דרויסן און אָנגעפאַנגען עסן. די טיר אין הויז אַריין איז געשטאַנען האַלב אָפן. שלמה הערט אַ געשפּרעך צווישן זון און פאָטער. שלמה אורטיילט לויט זייערע שטימען.

דער זון איז ערשט נעכטן אָוונט געקומען צוריק פון ירושלים, וואו ער איז געווען צוגאַסט ביי זיין אָנקל. ער טיילט זיך מיט זיין פאָטער מיט די טשיקאַווע קלאַנגען, וואָס ער האָט געהערט אין דער הויפּשטאָט.

שלמה האָט אָנגעשפּיצט די אויערן.

דער זון דערציילט:

— אין אָנקלס הויז האָבן מענטשן גערעדט, אַז דער קיניג שלמה געפינט זיך גאָרניט אין זיין פּרעכטיקן פּאַלאַץ, וואָס ער האָט אַליין אויסגעבויט.

— איז ווער איז דאָרטן? — פרעגט דער פאָטער פאַרוואונדערט.

— אַהין האָט זיך פאַרקליבן דער אשמדאי און ער לאָזט זיך וואוילגיין מיט די הונדערטער ווייבער וואָס שלמה האָט געהאַלטן אין זיין האַרעם. ער קומט צו זיי אַלעמאָל אין דיקע ארויפגעצויגענע ביז איבער די קני, זאָקן, זיי זאָלן ניט זען זיינע הענערשע פיס מיט די שפּאָרן. ווייל דער אשמדאי דער קיניג פון די שדים, קען אָננעמען וועלכע מענטשלעכע געשטאַלט ער וויל נאָר אַליין, ער קען אָבער ניט בייטן זיינע פיס פון אַ האָן. מיט זיי קען ער זיך ניט שיידן.

— גאָר אַזוי? — רופט זיך אָפּ דער פאָטער פאַרחידושט — ווי קומט אַהין דער אַשמדאי? ווי האָט ער געקענט אַריינדרינגען אין פּאַלאַץ, דאָרט איז דאָך פאַראַן אַ שטאַרקע שמירה?

— ווי די מענטשן האָבן פאַרציילט איז די מעשה פאָרגעקומען אָט־אַזוי: דער קעניג שלמה פלעגט אַלע טאָג זיך זעצן רייטנדיק אויף אַ כרוב פון קדשי־קדשים אַרויס און אַרויפפליען אויפן הימל צו הערן די סודות פון עזא און עזאל. ער האָט פאַר די מלאכים קיין פּחד ניט געהאַט. די אויבערשטע צבאות אַז זיי פלעגן דערזען שלמהן אַרויפקומען, פלעגן זיי זיך בוקן צום האָר פון די האָרן און אים רימען און לויבן וואָס ער האָט אויפגעשטעלט אַזאַ קלוגן קיניג איבערן פאָלק ישראל. פאַר שלמהן זיינען זיי געווען דאָס לעבן. זיי וואָלטן פאַר אים טאָן אַלץ אין דער וועלט, דערפילן זיין יעטוועדן וואונטש און פאַרלאַנג. קיניג שלמה האָט געוועלטיקט ווי איבער די אונטערשטע אַזוי אויך איבער די אויבערשטע, איבער מענטשן, בהמות, חיות און עופות און

רוחות און שדים און מלאָכים. ער האָט אָבער געוועלטיקט מיט חסד און גנאָד. אַז ער האָט גענומען בויען דעם בית־המקדש, האָט ער געהאַט, גאַר אומגע־ריכט, שוועריקייטן מיט די גרויסע שטיינער, מע האָט זיי געדאַרפט שפּאַלטן און צושניידן צו דער ריכטיקער מאָס, אָבער קיין אייזן פאַר דעם האָט מען ניט געטאָרט געברויכן, ווייל אייזן פאַרגיסט בלוט, פירט קריג, ווערט גענוצט פאַר געווער, און דער בית־המקדש און דער מזבח דאַרפן ברענגען שלום צווישן מענטשן און צווישן די פעלקער. האָט שלמה געמוזט קריגן דעם שמיר. דער איינציקער וואָס האָט געוואוסט וואו דער שמיר געפינט זיך איז געווען דער אַשמדאַי, האָט שלמה מיטן כּח פון שם המפורש וואָס איז געווען אויס־געקריצט אויף זיין סיגנעט באַצוואונגען דעם אַשמדאַי און אים געשמידט אין קייטן און דער אַשמדאַי האָט אים געבראַכט דעם שמיר. דער קיניג שלמה האָט געהאַלטן דעם אַשמדאַי געפאַנגען אין זיין טראָן־צימער אין פּאַלאַץ יאָרן נאָכדעם ווי דער בית־המקדש איז שוין לאַנג געווען אויפגעבויט און באַניצט.

איינמאָל האָט דער אַשמדאַי גענומען זיך בעטן ביי שלמהן ער זאָל אים אָפּבינדן און דעמאָלט וועט ער אים אַנטדעקן א סוד, וואָס פאַרן קיניג איז זייער וויכטיק צו וויסן.

— וואָס איז געווען דער סוד? — פרעגט דער פאָטער.

— דער קיניג שלמה האָט אין זיינע יונגע יאָרן געהאַט א געליבטע און זי איז ניט געוואָרן, זי איז פלוצלונג פאַרשוווּנדן, און דער אשמדאַי האָט אים צוגעזאָגט אַז ער וועט אים זאָגן וואו זי געפינט זיך. האָט שלמה אים אָפּגעבונדן. האָט דער אַשמדאַי געבעטן ער זאָל אים ווייזן זיין רינג אויף וועלכן דער שם־המפורש איז אויסגעקריצט, וועט ער אים דעמאָלט אָוועקפירן אהין וואו זיין געליבטע געפינט זיך. אָדער, אויב שלמה וויל, וועט ער זי ברענגען צום קיניג שלמה. שלמה האָט אים געצייגט דעם רינג. האָט דער אַשמדאַי אַראָפּגעכאַפּט דעם רינג פון שלמהס פינגער, ער האָט אים א שליידער געטאָן און ער איז אַריינגעפאַלן אין ים און דאָרטן האָט אים דער לויתן אַראָפּגעשלונגען.

און דער אשמדאַי האָט א גענם געטאָן שלמהן אים אויפגעהויבן און א וואָרף געטאָן אויף א שטרעקע פון פיר הונדערט מייל. פון דעמאָלט אָן איז דער אשמדאַי געוואָרן קעניג און זיצט אין פּאַלאַץ, און שלמה בלאָנקעט זיך ארום איבער פרעמדע לענדער און בעטלט.

אַז שלמה האָט דאָס געהערט איז ער אויפגעשפּרונגען און איז אריינ־געלאָפן אין צימער און אויסגעשריען אימפּולסיוו און מיט גרויס צאָרן:

— וואָס אשמדאי, ווען אשמדאי! ווער פאַרשפּרייט עס אַזעלכע ווילדע מעשיות?! עס איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. אָבער אַ טיפער אמת ליגט פאַרבאַהאַלטן אין דער געשיכטע. בלויז דער אשמדאי איז מסוגל צו קעניגן אין ווער עס קעניגט, ווי גוט ער זאָל ניט זיין ביים אָנהויבן צו הערשן, וועט ער מיט דער צייט ווערן אן עכטער אשמדאי. אַלע מלוכות זיינען אַ שפּיל פאַרן טייוול.

אַלע אין הויז האָבן אָנגעשטעלט די אויגן אויפן בעטלער, וואָס רעדט מיט אַזאַ שטייפקייט און זיכערקייט און האָט די העזה זיך אַריינצומישן אין זייערן אַ געשפּרעך.

דער זון, דער פאַרציילער, ווערט אַן אויפגעקאָכטער און שרייט אויס:

— דו שנאָרער, שוויג! פונוואַנענט ווייסטו וואָס עס טוט זיך אין קעניגלעכן הויף?! !

שלמה האָט זיך באַליידיקט פון דעם חוצפּהדיקן צורוף פון דעם יוגנט־לעכן און האָט זיך פאַרגעסן אויף דער אותו־רגע, וועגן זיין לאַגע, און ער ציט זיך אויס צו זיין פולער הייך און ענטפערט מיט גרויס זעלבסט־ווערדע:

— פונוואַנע..ט ווייס איך? דאָס איז אַ פראַגע! איך בין דאָך שלמה המלך. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן פרייוויליק, איך האָב זיך אַרויסגע־שלייכט פון מיין פּאַלאַץ.

אַלע אין הויז, קינד און קייט, ברעכן אויס אין אַ דונערדיקן גע־לעכטער.

דער זון שרייט אויס:

— ווי געפעלט אייך דער משוגענער?!

שלמה האָט זיך גלייך באַזינט. ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט זיין סוד, וואָס ער האָלט פאַרשטיקט שוין קאַרגע דריי יאָר.

ער איז אַרויסגעלאָפן פון הויז.

די קליינע קינדער פון הויז, וואָס האָבן בייגעוווינט די אויסטערלישע סצענע, זיינען אַרויסגעלאָפן נאָך אים. עס האָבן זיך גלייך צענויפגעקליבן אַלע קינדער פון אָט־דעם ישוב. זיי זיינען שלמהן נאָכגעגאַנגען און זיך געריצט מיט אים, געטאַנצט אַרום אים און געזונגען אַ לידל וואָס זיי האָבן אויף דער שטעל אימפּראָוויזירט:

אָט איז שלמה המלך
אין דעמדאָזיקן הולך,
ער איז שלמה קיניג,
ווי איך בין אַ מיזינעק.

## אבא גארדין

פונצייט צו צייט פלעגט א יינגל זיך ארויסרייסן פון קרייז פון די טענצערס, צולויפן צו שלמהן, אים א שלעפ טאָן ביי אַ פּאָלע, געבן א שפרונג און וועלן אים א צופּ טאָן ביי דער באָרד, און גלייך שפּעטעריש זיך אראָפּלאָזן פאר אים אויף די קני, זיך בוקן און אויסרופן:

מאמעס און טאטעס
אנקלס און טאַטעס!
בוקט זיך צום קעניג אין לאטעס,
בוקט זיך צום קעניג אין טראנטעס!
באָבעס און מומעס,
ארויס־זשע פון די כאטעס!
באגעגנען שלמהן, מלך אין שמאטעס,
דעם הערשער פון די אומות!

אזוי האָבן חברה קונדסים ארויסבאגלייט שלמהן און אים נאָכגעגאנגען ביז צו דער גרעניץ.

שלמה איז אָנגעקומען אין לאנד פון די קינדער פון עמון. ער איז דערגאנגען ביז דער רעזידענץ שטאָט רבה.

דאָ אין דער פרעמדער שטאָט פון פרעמדן לאנד האָט ער באשלאָסן צו בייטן זיין פיר. אַ שטאָט צו בעטלען און דערנאָך אַפּארבעטן, וועט ער זיך בעסער פארדינגען פאר אן ארבעטער און וועט גאָר אינגאנצן מער ניט בעטלען. אייגנטלעך האָט ער דאָך קיין בעטל־ברויט ניט געגעסן. ער האָט בלויז גענומען „באצאָלט" פאר זיין ארבעט איבערארויס, כאָטש דער וואס האָט אים געגעבן אָפּצועסן, האָט ניט געוואוסט, אז דער בעטלער האָט גאָר בדעה אָפּצואַרבעטן פאַר דעם ביסל שפּייז, און האָט געמיינט צו געבן אים א נדבה.

דעם קעניגס קוכער האָט זיך פּונקט געניטיקט אין אַ געפּעס און געשיר־וואשער. אַז ער האָט דערזען דעם פרעמדן מאַן אין מאַרק, פאַר־לייגנדיק זייַע ביידע הענט צום פארדינג, האָט ער אים אָנגעדונגען פאר עסן און שלאָפן אין אלקער הינטערן באק־אויוון אין דער גרויסער קיך. שלמה האָט זיך צו דער ארבעט אויסגעטויגט. דער קוכער איז געווען צו־פרידן, און שלמה איז געווען מער ווי צופרידן. ער האָט געשפּירט אין דער לופט עפּעס אזעלכעס וואס האָט אים געמוטיקט, געהאלטן אין אן עקזאל־טירטן צושטאַנד.

אויף זיינע שפּירונגען האָט שלמה זיך פארלאָזן און האָט קיינע פראגעס ניט געפרעגט. ער איז געווען געשפּאנט און געהאלטן אין אין דערווארטן

א סורפריז. אזוי זיינען אריבער דריי חדשים. און קיין אויסערגעוויינלעכע געשעעניש איז זיך ניט פארלאפן.

בעכטן אוונט איז געגעבן געווארן א גרויסער באנקעט אין קעניגס פאלאץ. די געלעגנהייט דערצו האט געדינט דער געבוירנטאג פון מלכּס איינאיינציקע טאכטער. זי איז געווען א פארזעסענע מויד, און דער קע־ניג האט שטארק געוואלט זי חתונה־מאכן פאר איינעם פון זיינע הויפלייט. ער האט געהאפט אז די דאזיקע באנקעטן, וואס ער אָרדנט איין אלע פיר וואכן, וועלן דערנענטערן זיין טאכטער צו די הויכגעשטעלטע מיליטערלייט. איבערהויפט האט ער געהאט אין זינען איינעם, וואס שוין יארן און יארן ווי ער בעט ביי אים זיין טאכטערס האנט. דער קעניג איז געווען שוין לאנג גרייט צו געבן זיין הסכּם און ברכה, און זאל ווערן א זיווג אין א מזלדיקע שעה. איז אבער די צרה, וואס זיין טאכטער האט זיך פארעקשנט און וויל ניט הערן פון קיינע שידוכים. זי זאגט אלעמען אפ. כאטש זי איז שוין גאר ווייט פארפארן פון איר ערשטער יוגנט. דער קעניג און די קעניגן וואלטן גריילעך וועלן האבן פון איר נחת. און אויב עס וועלן אזוי אוועק איינביוועץ נאך א פינף יאר, קען שוין אמאל ווערן צו שפעט. אבער די טאכטער וויל פון דעם ניט וויסן. זי זעט גארניט ווי אירע יארן רוקן זיך. רוקן זיך און פארלויפן אזוי שנעל.

זי גייט ארום א פארטרויערטע, אנגעטאן אין שווארצע אבילות־קליידער. און ווען מע זאל זי אפילו אפגילטן, אפילו איר צוזאגן א קע־ניגינס דיאדעמע, וויל זי ניט הייראטן.

זי באקלאגט אירע צוויי יינגערע ברידער און צוויי עלטערע שוועס־טער, וואס זיינען געהרגעט געווארן בעת דוד האט פארנומען די שטאט רבּה. דוד האט דעמאלט אויסגעהרגעט טויזנטער פון די קינדער פון עמון. מע האט זיי אומגעבראכט מיט מיתות משונות.

— וויפל איז דער שיעור צו טרויערן? עס זיינען דאך שוין פאר־פלאסן אזויפיל יארן זינט יענעם אומגליקלעכן טאג. די לעבנגעבליבענע מוזן דאך אנגיין מיט זייער לעבן. מען קען זיך ניט ארייינלייגן אין קבר צו־זאמען מיט די טויטע, — אזוי פלעגן פאטער און מוטער מיט איר איינ־טענהן, אבער אן א פעולה.

דערפאר ארגאנזשירט ער אפטע באנקעטן אין הויף. ער וויל אז זיין טאכטער זאל זיך באגעגענען און פארברענגען מיט זיינע מיטליאריקע דאטגעבער און חייל־־שׂררות, און בשעת חדוה, ווען מ׳כאפט א געשמאקן ביסן און מע גיט א גוטן טרונק, וועט זי זיך אפשר צעווארימען, די גע־

בליטן וועלן זיך צעשפילן און זי וועט זיך לאָזן איבעררײדן, און עס וועט ווערן א שידוך...

צו די באנקעטן פלעגן קומען אויך שררות, הויכגעשטעלטע לײט פון שכנישע פרײנטלעכע מלוכות.

אויפן פארן־לעצטן און לעצטן באנקעט איז געווען דער קרוין־פרינץ פון אדום. אים איז נעמה שטארק געפעלן געוואָרן.

ער איז געווען אין אירע יאָרן, מיט זײַער שײנע מאַניערן, אטלעטיש געבויט, ניט קײן גרויסער טרינקער, אָבער זײַער אַן אנגענעמער קלוגער שמועסער. ער האָט פיל געררײזט, ער האָט באַזוכט פילע קע־יגלעכע הויפן. ער איז געווען אין מצרים, אין אשור, אין צור, אין צידון און אויך אין ירושלים. נעמה האָט מיט אים לאַנג געשמועסט, ד. ה. גערעדט האָט ער, געגעבן באשרײבונגען פון די הויפן, וואָס ער האָט באזוכט און זי האָט אים אנגעצויגן מיט די פראגן וואָס זי האָט אים געשטעלט. זי האָט ניט געוואָלט ארויסצײגן איר באַזונדער אינטערעס אין ירושלימער הויף, האָט זי אים פאנאַנדערגעפרעגט אויך וועגן אלע איבעריקע הויפן. אָבער וואָס זי האָט געוואָלט הערן איז וועגן שלמהס הויף.

דער פרינץ הדד איז געווען א באגאבטער מאָלער און ער האָט גע־מאַכט א סך צײכענונגען פון די פערזאָנען און געבײדעס פון די רעזידענץ־שטעט וואָס ער האָט באַזוכט, און ער האָט נעמהן אײניקע געצײגט.

ער האָט איר דערצײלט וועגן שלמהס גרויסן דערפאָלג ווי א שטאטס מאַן און א גרויסער בויער, און א גאָר באַרימטער ריכטער. עס קלינגט מיט אים א וועלט. ער האָט געשאפן א גאָר שטארקע הײנטצײטיקע ארמײ. איבערהויפט זײַנען באַרימט די עסקאַדראָנען פון זײַנע רײַטוועגענער. זײַנע פערד זײַנען גאָר א שם־דבר. מ'כאַפּט זײ אויס אויף די מארקן פון מצרים און סיריע.

ווען קעניג דוד, דער בראַווער קריגער, האָט זיך אָפּגעטראָגן, האָבן אלע ארומיקע מושלים געשאַרפט די צײן. יעדער האָט געהאָפט אָפּצוקריגן די לענדערײַען, וואָס דוד האָט בײַ זײ צוגענומען אין קריג, אָבער אַלע האָבן זיך ביטער אנטוישט. זײ האָבן אונטערגעשאַצט שלמהס פעאיקײטן. אויף אלע גרעניצן פון ישראל־לאַנד האָט ער אויפגעשטעלט פעסטונגען. דערצו האָט ער זיך פאַרבונדן מיטן קיניג פון מצרים. ער האָט גענומען זײַן טאָכטער פאַר א ווײַב, און זי איז די קעניגין, און וואָס פאַר א פּראַכטפולן פּאַלאַץ ער האָט אויפגעבויט פאַר איר!

אין נעמהן האָבן זיך געביטן די קאָלירן, ווען דער פרינץ פון אדום

האָט איר מיטגעטיילט, אז שלמה האָט שוין א קעניגן. כדי ער זאָל ניט באַמערקן איר צערודערטקייט, האָט זי גענומען אויסליידיקן איין כוס ווייַן נאָך א צווייטן.

זי האָט אים פּאנאנדערגעפרעגט ווי פרעהס טאָכטער זעט אויס, און צי ער האָט, פּילייכט, אירן א פּאָרטרעט.

— זי איז א שיינהייט, אָבער צו דיר, פרינצעסן נעמה, קומט זי ניט צו. ווייל איר אויסזען, האָט זי געקענט זיין ביי דיר ניט מער ווי א דינסטמויד.

נעמה זייענדיק שטארק פאראינטערעסירט אין דעם אינפאָרמאַטיווען שמועס, האָט זיך שיער ניט פאראינטערעסירט אין שמועסער גופא. א גאנצן אָוונט האָבן די צוויי זיך געהאלטן צוזאמען. ער איז פון איר ניט אָפּגעטראָטן, זי ממש ניט אָפּגעלאָזן, געהאלטן זי פאראינטריגירט, און זי האָט קיינעם ניט געזען און ניט געהערט. וויבאלד ער האָט געוואוסט אזוי פיל צו דערציילן וועגן שלמהן, סיי לשבח און סיי לגנאי, סיי גוטע זאכן און סיי שלעכטע, איז ער פאר איר געוואָרן א מין גייסטיקער מאגנעט און זי — א שטיק אייזן.

איר פאָטער, דער קיניג, האָט עס ניט געקענט ניט באַמערקן. אָלע אויפן באנקעט האָבן געזען אז די צוויי זיינען ווי ניט צעשיידבאר.

הדד האָט זי געהאלטן די גאנצע צייט אנגאזשירט צום טאַנצן און קיינעם קיין געלעגנהייט ניט געגעבן. בעת די טענץ האָט ער זי „אוזורפּירט“, האָבן זיך געוויצלט די „פאַרשטויסענע“.

קיין יונגע פּרויען, איבערהויפּט, שיינע, האָט מען צו די באנקעטן ניט איינגעלאַדן. דער קעניג האָט ניט געוואָלט האָבן קיינע קאָנקורענטינס וואָס וואָלטן אָפּציען די אויפמערקזאמקייט פון זיין טאָכטער.

פרי פאַרטאָג, ווי נאָר דער באַנקעט־באַל האָט זיך פאַרענדיקט, האָט דער קעניג פאררופן נעמהן צו זיך און געהאַט מיט איר א פאָטערלעכן שמועס.

ער זעט ניט איין פארוואָס זי זאָל ניט נעמען דעם שארמאנטן פרינץ הדד פאַר א מאַן און לעבנס־באַגלייטער.

— פונוואַנען נעמסטו, פאָטער, מיין האַר און קעניג, אז דער פּרינץ וויל מיך פאַר א ווייב? — פרעגט נעמה און מאכט זיך תמעוואַטע.

— דער פּרינץ האָט גערעדט מיט מיר. ער האָט ביי מיר געבעטן דיין האנט נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק, גלייך נאָך דעם פאַרדעמדיקן באַל. ער האָט מיר צוגעזאָגט— אז ער וועט דיך מאַכן פאַר דער קעניגן פון אדום.

נעמה איז געוועזן מיד און אביסל אויסגעשנאָשקעט, דערצו אויך

פאַרביטערט קעגן שלמהן פאַר זיין חתונה האָבן מיט פּרעהס טאָכטער און, צו דער אייגענער צייט, צוגעצויגן צום פּרינץ דווקא דערפאַר וואָס שלמה איז פאַר אים געווען ווי אַן אָפענער בוך. אַזוי אַז זי האָט אין אים געזען אַ מין דופּליקאַט אָדער אַ במקום פון שלמהן.

זי האָט איר פאָטער צוגעזאָגט צו נעמען דעם פּרינץ פאַר אַ מאַן. אָבער זי וויל זיך נאָך איבערלייגן, באַטראַכטן, ניט האַנדלען געאיילט. זי האָט געבעטן די אָפיציעלע פאַרלאָבונג אָפּלייגן אַם־וויניקסטן אויף אַ חודש־צייט.

ווי שלמה שטייט אַזוי און וואַשט און ווישט די כלים פון טייערן גאָר־דינעם גלאָז און פון דיקן געוויכטיקן זילבער און גאָלד, מיט גרויס חשק, ווי ער איז געוואוינט געווען צו טאָן עס, דערזעט ער דורכן פענצטערל פון קיך אַ סילועט פון אַ פרוי שלייכט אַדורך דעם הויף און גייט אַריין דורך דעם הינטערשטן טירל אין קעניגלעכן גאָרטן.

זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּן האַסטיקער. שלמה באַגרייפט ניט די האַנדלונג פון זיין האַרץ־שלאָג. וואָס איז דער מער? וואָס איז געשען? וואָס שווינדלט אים פאַר די אויגן? פאַרוואָס איז אים אַזוי הייס געוואָרן? פאַר־וואָס גאַלאָפּירט אַזוי זיין פּולס? וואָס איז פאַרגעקומען?

ער מוז גיין זען און זיך דערקונדיקן וואָס דאָ איז פאַרגעקומען.

עפּעס רופט אים, עפּעס רייצט אים. ער מוז דערגיין ווער די פרוי איז געווען.

פאַר אַן אויסרייד אַרויסצוכאַפּן זיך פון קיך, גיט ער אַ נעם אַ פּאַמוניצע און לויפט העמדום־פּענדום אַרויס אויסצוגיסן די ברודיקע וואַסער אין רינשטאָק.

ער האָט באַוויזן צו דערבליקן פונדערווייטנס בלויז איר רוקן און שטאָלצן טראָט.

ער האָט זי אָבער דערקענט. ער איז געבליבן שטיין ווי דערשלאָגן פון אַ דונער. איז זי דעם קעניגס טאָכטער? אָט־וואוהין זיין שיקזאַל האָט אים געבראַכט, צו איר פּאַלאַץ. זי — אַ בת־מלך און ער אַ קיך־באַדינער. וואָס פאַר אַן אָפּגרונט עס געניצט צווישן זיי. ער האָט זיך געכאַפּט אַז ער איז שטיין געבליבן מיט דער פּאָמוניציע אין די הענט אַ ניט־אויסגעגאָסענע.

דער קוכער זעענדיק אַז שלמה זאַמט זיך האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער האַלבאָפענגעבליבענער טיר און האָט אויסגעשריען:

— שלמה! וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? איך דאַרף די טעפּ, מע דאַרף אויך דאָס געשיר!

שלמה איז אַפּגעלאָפן צו דער קלאָאַקע אויסגעגאָסן דאָס וואַסער און זיך געלאָזן לויפן העגדום־פּעגדום צוריק אין קיך.

דער קוכער האָט פאַרמאָגט א געזונטע באַסאָווע שטימע און דאָס וואָרט „שלמה" האָט זיך צעטראָגן איבערן הויף אריינגעדרונגען אין גאָרטן. און דאָס וואָרט האָט אַ שניט געטאָן נעמהן אין אויער. אָבער די זאַך אז דער קוכער, זי האָט געקענט זיין שטים, זאָל רופן שלמהן אין פאַרבינדונג מיט טעפּ און געשיר האָט איר אויסגעזען אזוי אומגלויבלעך, אז זי איז געווען זיכער אז עס איז געווען אַ געהער־פּאַרווירעניש. דאָס שרייט זיין נאָמען אַרויס פון איר האַרצן, פון איר געהירן, וואו די געדאַנקען וועגן אים וועבן זיך שטענדיק אָן אויפהער סיי בייטאָג און סיי ביי דער נאַכט, אויף דער וואָר און אויך אין חלום. כאָטש זי איז געווען זיכער אז פון איר אי־נערלעכקייט שרייט עס ארויס זיין נאָמען, דאָך אז זי האָט פארנומען דאָס וואָרט „שלמה" האָט זי זיך געלאָזט גיין אַהין פונוואַנענט דער רוף איז געקומען. זי איז צוגעגאַנגען צום צאַם פון גאָרטן, זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן און אָן אויפגערודערטע אוועק צוריק צו דער אלטאַנקע, וואו זי פלעגט זיצן יעדן טאָג א שעה פאַרמיטאָגצייט און זיך מתיחד־זיין מיט שלמהן אין איר שווערמעריי.

שלמה איז אריין אין קיך. זיך גענומען צו דער אַרבעט, אָבער די זע־אונג לאָזט אים ניט אָפּ. ער טראַכט, עס האָט געמוזט זיין אַ האַלוצינאַציע, איר בילד וואָס שטייט תמיד פאַר זיינע אויגן האָט אים פאַרפירט און אים האָט זיך אָפּגעדוכט אז ער האָט זי געזען אין פלייש און בלוט.

ער וועט פרעגן דעם קוכער וואָס איז דער נאָמען פון קעניגס טאָכטער פאַר וועמען עס איז געגעבן געוואָרן דער גרויסער באַל נעכטן און צוליב וועלכן ער האָט היינט אזא שווערן טאָג, אזויפיל כלים צו וואַשן.

שלמה איז געווען אזוי צערודערט און צעשרויפט אז אלץ איז אים געפאַלן פון די הענט. ווישנדיק האָט ער צעבראָכן א טייערן באַקאַל פון „געשניטענעם" גלאָז. דער קוכער איז געוואָרן געפערלעך אין כעס און האָט אים געזידלט און שיער זיך ניט געוואָרפן אויף אים שלאָגן; אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט די לעצטע כוחות.

שלמה קען זיך ניט באַהערשן. ער מוז אויסגעפינען דעם נאָמען פון דער פּרוי.

ער ווענדט זיך צום צעצאָרנטן קוכער:

— זאָגט מיר, ווי הייסט דעם קעניגס טאָכטער? איז זי פאַרהייראַט? ווי אַלט איז זי?

דער קוכער שיסט אויס מיט א געלעכטער. די קאָמישקייט פון די פּראַגן, וואָס האָט אים געשטעלט דער מיטליעריקער, ניט־דערפאַרענער און ניט־דערבאַקענער קיך־משרת זיינער, האָט פאַרטריבן זיין כעס.

— די פּרינצעסן הייסט נעמה. ביים קעניג איז זי דאָס אויג אין קאָפּ. זי איז אַן איינאיינציקע. צוליב וואָס פרעגסטו צי זי איז נאָך אַ בתולה און ווי אַלט זי איז? דו האָסט מסתמא געוואָרפן אויף איר אַן אויג, און ווילסט ווערן דעם קעניגס איידעם, דאָס איז שוין איינמאָל אַן אמביציע פון אַ שטיק משוגענעם האַלעדראַנעץ ווי דו!

ער קאַטשעט זיך פון געלעכטער.

און ווי נאָר עס קומען אריין די מעלצערס און די דינסטמוידן צו נע־מען דאָס טייערע געשיר, זאָגט דער קוכער צו זיי:

— די פּרינצעסן נעמה קען זיך קיין חתן ניט צוקלייבן, וויפל באַנ־קעטן מען מאַכט ניט, וויפל בעלער מע גיט ניט אין פּאַלאַץ און זי ווייסט גאָר ניט, אַז דאָ אין קיך געפינט זיך איר באַשערטער.

זיי שטעלן אַן אויף אים מויל און אויערן און צוקן מיט די אַקסלען.

— איר ווילט וויסן ווער דאָס איז? שלמה, דער פּאָמוניציע־טרעגער, דער געשיר־וואַשער וויל מיט איר חתונה האָבן, ווערן דעם קעניגס איי־דעם! כאַ, כאַ, כאַ!

ער קוועלט אַן פון זיין אייגענעם אויסטראַכט. און די מיידן און מעל־צערס פּלאַצן פון געלעכטער.

קוקט אים נאָר אָן! ער איז אַ פאַרליבטער! זעט נאָר ווי ער איז פאַראומערט! איר זעט ווי ער שטייט און מאַכט מיט די ליפּן. דאָס פּליס־טערט ער איר נאָמען. מיר וועלן אײנקורצן האָבן אַ קעניגלעכע חתונה. דאָס גאַנצע לאַנד וועט זיך פרייען. שלמה דעם קעניגס איידעם!! שלמה דעם קעניגס איידעם!!

אַלע לאַכן און פּליעסקען אין די הענט.

שלמה שוויגט פאַרצערט. פּלוצלונג צעלייכט זיך אים דער פּנים.

ער גיט אַ טראַכט:

— אפשר רעדט אַ נבואה אַרויס פון אַט־די נאַראַנים.

— זעט נאָר ווי פריילעך לעבעדיק ער איז געוואָרן! קומט לאָמיר אים אַלע אָפּגעבן „מזל־טוב!"

די גאַנצע קיך באַדינערשאַפט וואָס זיינען זיך צונויפגעלאָפן אויף דעם הילכיקן געלעכטער שטעלן זיך אויס אין אַ ריי און איינציקווייז גייען זיי צו צו שלמהן און גראַטולירן אים.

— נישט געשפּאָסט! — באַפעלט דער קוכער, שרייענדיק אויפן קול — פאַרנויגן זיך פאַר אים! בוקט זיך צו אים, אונדזער צוקונפטיקן קעניג!

ער כאַפּט אַ קופּערנע פאַן און טוט זי אָן אויף שלמהס קאָפּ.

— מיט דעם קרוין איך אים!

ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני פאַר שלמהן און זינגט:

אילומינאַציע גיט א קנייטל אין אַ לאָמפּ.
דעם בראַוון קעניג טו איך זאַלבן, מיט גרויס פּאָמפּ
מיט זופּעכץ, וואָס איך מיט אַ קאָכלעפל שעפּ.
פאַר אים פּאָמוניצעס זיך בוקן, ס׳קניען טעפּ.
די קעסלען, פאַנען, שיסלען זיינען לוסטיק פריילעך:
אָם ענד דערלעבט צו האָבן זייער מלך.
צעכריאַשטעט וויעכעטש מיטן בעזים גייען טאַנצן,
פון קאָטשערעס און פּאָמעלעס אים פלעכטן קראַנצן.

# 16

## שלמה געפינט נעמהן

שלמה ליגט אין אלקערל וואָס איז ד׳ אויף ד׳, הינטערן אויוון און קען ניט צומאַכן מיט קיין אויג. ער טראַכט:

— נעמה האָט מיך אָוועקגעוואָרפן, אַנטלאָפן פון מיר, ווען איך בין געווען אַ קעניגס א זון מיט א דערוואַרטונג צו ווערן אינגיכן קעניג און מאַכן זי פאַר אַ קעניגן. וועט זי דען וועלן אַ קוק טאָן אויף מיר איצט, ווען איך בין אַ געשיר-וואַשער אין קיך, אין איר פאָטערס הויז?!

און אפשר, אפשר...

עס וואַרפט אים פון יאוש צו האָפענונג, און פון האָפענונג צוריק צו יאוש. ער איז ווי אַ קליין שיפל אויף דעם ברויזנדיקן ים פון לעבן און עס שליידערט אים פון כוואַליע צו כוואַליע.

ער שטייט אויף פון זיין געלעגער, גייט ארויס אין הינטערשטן הויף, זעצט זיך אויף אַ שטיין, און אויף אַ שטיקל פּאַרמעט, ביים שיין פון דער פולער לבנה שרייבט ער אָן אַ ליד, און זינגט עס אויס אין האַרציק שטילע טענער:

אבא גאַרדין

## שטעל איבער

שטעל איבער צוואַנציק טריט צוריק
אויף לעבנס הענגענדיקער בריק,
און קום צו מיר אַלט אַכצן יאָר,
און ניט אין חלום, נאָר אויף וואָר.

דעם צוק קאַריק מיט דיר כ׳מאַך מיט.
דער פרייער־שליאַד די זוילן בריט.
אַריבער צוואַנציק יאָר איך שפּרייז,
אַן אַכצן־יעריק בחור־גרייז...

אָבער ווי קען ער איבערשיקן זיין ליד צו נעמהן? ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, און האָט גאָרניט געקענט צוטראַכטן.

וואַשנדיק דאָס געפעס פלעגט ער איצט גאָר ניט זאָלעוען קיין וואַסער, אַזוי אַז דער פּאַמוניעץ שאַף פלעגט עטלעכע מאָל אַ טאָג איבערפולט ווערן און ער פלעגט אים לויפן אויסגיסן. בשעת מעשה האָט ער נאָכגעשפּירט נעמהן פונדרווייטנס אַריבערקוקנדיק איבערן פּאַרקאַן פון גאָרטן. ער האָט אויסגעפונען, אַז יעדן טאָג קומט זי אַריין אין סאָד און זיצט דאָרט אין דער אַלטאַנקע.

ביי דער נאַכט האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אַהין און אויפן טיש געלאָזן דאָס ליד.

ער האָט געוואָרט, זיך ניט געקענט דערוואַרטן דער טאָג זאָל אוועק און חצות זאָל אָנקומען.

מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן איז ער אַריין אין אַלטאַנקע. ער האָט געזוכט און ניט געקענט געפינען דאָס ליד, וואָס ער האָט מיט אַ נאַכט פאַר־דעם איבערגעלאָזט. הייסט עס אַז זי האָט עס צוגענומען, איז דאָך נאָך ניט אויסגעלאָשן די האָפענונג זי צו געווינען. אָבער טאָמער נעמט עס צו עמיצער אַן אַנדערער. אָבער אויף וויפל ער האָט נאָכגעשפּירט איז עס איר פלאַץ אויסשליסלעך.

ער האָט דאָס מאָל איבערגעלאָזט אַ בינטל פון דריי לידער.

נעמהן האָט געפונען די לידער. האָט זיי געלייענט. דערקענט דעם אָרט שרייבן און די האַנטשריפט און איז געווען אויסער זיך.

זי האָט די לידער געלייענט און יעדעס וואָרט געלאָזט אַוועקשווימען אין אַ טייך פון טרערן.

וואו געפינט ער זיך? ווי אַזוי האָט ער אויסגעפונען וואו איך געפין זיך? ער האָט זיך אַרומגעגורט מיט אַ גאַנצן האַרעם ווייבער, בעת איך בין אים געבליבן געטריי.

ווען מיין פאָטער געפינט אויס אַז ער געפינט זיך אין זיין לאַנד, וואָלט ער זיכער שיקן אים כאַפּן. ער וואָלט אים מיט די אייגענע הענט צעריסן אויף שטיקער. ווי אַזוי האָט ער, שלמה, קיין מורא ניט אריינצודרינגען אין זייער הויף.

זי ווייסט ווי איר פאָטער האָט געהאַסט דודן און זיין הויזגעזינט. ער האָט אלע מאָל מתפלל־געווען צו די געטער זיי זאָלן אים שענקען די גע־לעגנהייט זיך אָפּצורעכענען, אויב ניט מיט דודן, דעם רוצח, איז כאָטש־בי מיט זיין זון.

— איז ווי וואָרנט מען שלמהן, אַז זיין לעבן איז דאָ אין געפאַר, און ער זאָל זיך פונדאַנען אַפּטראָגן וואָס אַמשנעלסטן? — טראַכט זי.

אויפן פערטן טאָג האָט ער געפונען אַ צעטעלע מיט די פאָר ווערטער:

— וואו געפינסטו זיך? וואו האַלסטו זיך אויף? דיין לעבן איז אין געפאַר. מיין פאָטער וועט דיך קיין לעבעדיקן ניט אַרויסלאָזן פון זיין לאַנד, אויב ער דערוויסט זיך וואו דו געפינסט זיך. פאַרוואָס פאַרפאַלגסטו מיך מיט דיינע לידער! צו וואָס ברעכן אַ צעבראָכן האַרץ?

שלמה האָט צוגענומען דאָס צעטעלע און האָט געהאַט בדעה איבער־צולאָזן אַ ליבע ליד, אָבער אין דעם מאָמענט איז די ליבע נעמה אריין אין דער אלטאַנקע. זי האָט זיך פאַרשטעקט הינטער אַ בוים און האָט גע־וואָלט אויסגעפינען דורך וועמען שיקט ער איר איבער זיינע לידער. ערשט זי זעט, ער אליין ברענגט זיי. ער שטעלט איין זיין לעבן, רוקט אריין זיין קאָפּ אין לייבס מויל... און ער איז אַנגעטאָן אין אַזעלכע אָרימע קליידער. וואָס האָט פּאַסירט מיט אים?

אַז ער האָט דערהערט טריט, האָט ער זיך איבערגעשראָקן. ער האָט געמיינט אַז מע שפּיאָנירט אים נאָך. ערשט ער זעט נעמה שטייט פאַר אים.

ער איז איר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז מיט אַ געוויין.

פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט? פאַרוואָס האָסטו מיר פאַרחושכט מיין לעבן?

— רייד שטילער, מע קאָן נאָך אונדז דערהערן און דעמאָלט איז דיין לעבן אַ פאַרשפּילטער.

— וואָס אַרט מיר מיין לעבן. איך בעט אויף זיך דעם טויט צען מאָל אַ טאָג.

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט, זיך האַלטנדיק ביי די הענט.

ער ווײנט מיט זודיקע טרערן און זי ווײנט מיט זודיקע טרערן.

שלמה: פאַרוואָס האָסטו מיך פלוצלונג פאַרלאָזן? איך בין דאָך שיער פון זינען ניט אַראָפּ פון בענקשאַפט. ווי טוסטו עס אַזאַ זאַך?!

נעמה: מיינסטו אז מיר איז אונדזער צעשיידונג אָנגעקומען לייכטער ווי דיר, מיינסטו אז איך האָב ווייניקער געליטן?!

— איז צוליב וואָס האָסטו עס געטאָן און שיער ניט אומגעבראַכט צוויי לעבנס?

— צוליב וואָס? האָב איך דען געקענט געניסן פון דיין ליבע, קושן דיינע ליפּן, לאָזן זיך האַלדזן פון דיר, האַליובען, ווען דיין לייבלעכער פאָטער האָט פאַרגאָסן אונדזער בלוט ווי וואַסער, האָט אויסגעקיילעט מיינע ברידער און שוועסטער, און איך האָב זיך געראַטעוועט דורך אַ צופאַל וואָס איך האָב זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פאַסטושקע און געוועזן מיט דיר אין אַ פרעמדן לאַנד, וויסנדיק אַז דו ביסט דער קרוין־פּרינץ, אַז דו גייסט ירשענען דעם טראָן פון דעם טיראַן, דיין פאָטער, איז וואָס האָב איך געקענט אַנדערש טאָן ווי אַנטלויפן פון דיר און פון דיין און מיין ליבע?!

פּונקט דעמאָלט, ווען דו האָסט מיר איבערגעלייענט דיין פּאָעמע „דער אינדזל" און איך בין געקומען אין מיין געצעלט און יעדעס וואָרט פון דיין ליבע שאַפונג האָט געקלונגען אין מיינע אויערן ווי זילבערנע גלעקלעך און עס האָט זיך אויסגעקלאַפּט ריטמיש אין מיינע שלייפן און אין מיין האַרצן, פּונקט דעמאָלט איז אָנגעקומען אַן עטשאַפעט פון רבה געשיקט פון מיין פאָטער מיר איבערצוגעבן די שרעקלעכע בשורה און מיך רופן אַהיים צו דער לוויה...

האָב איך דען געקענט נעמען גליק, וואָס ווערט מיר דערלאַנגט מיט דיינע הענט, פון וועלכע עס האָט גערונען בלוט פון מיין פאַמיליע, פון מיין פאָלק? דיינע הענט זיינען די אייגענע וואָס דיין פאָטערס הענט, ווי באַלד דו ירשנסט זיין קיניגרייך, זיין טראָן און צעפּטער.

אַצינד באַגרייפסטו שוין וואָס איך האָב אין יענער נאַכט איבערגע־לעבט. איך קען עד־היום ניט פאַרשטיין פאַרוואָס איך האָב זיך דעם האַלדז ניט איבערגעשניטן. איך האָב בלויז געשאַנעוועט מיין פאָטער און מוטער, ניט געוואָלט זיי איבערלאָזן אינגאַנצן אָן קינדער, צונעמען ביי זיי דאָס לעצטע קינד, וואָס איז זיי געבליבן פון פינף. כ׳האָב זיך אויפגעאָפּ־ערט פאַר אָט־דער פאָטער־מוטער־ליבע, אַניט וואָלט איך שוין לאַנג געמאַכט אַ סוף צו מיין אומגליקלעכן לעבן.

— נעמה, מיין לעבן, פאַרוואָס האלסטו מיך פאַרנטוואָרטלעך פאַר די טואונגען פון מיין פאָטער? ביסטו פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די טואונגען פון דיין פאָטער?

—איך בין ניט פאַראַנטוואָרטלעך, אָבער דו, שלמה, ביסט, דו זיצסט דאָך אויף זיין טראָן, טראָגסט זיין קרוין וואָס ער האָט צוגענומען פון מיין פאָטער.

— נעמה, איך זיץ ניט אויף קיין טראָן, איך טראָג ניט קיין קרוין. איך בין אַ בעטלער.

עס גייט שוין דאָס פערטע יאָר ווי איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מלכות. איך וויל עס ניט קענען און ניט וויסן. זעסטו ניט ווי אָרים איך בין געקליידט? איך אַרבעט ווי אַ געפּעס־וואַשער ביי אייך אין קיך.

— אַזוי?? — נעמה איז דערשטוינט — האָב איך טאַקע געהערט ווי דער קוכער האָט דיך גערופן און איך האָב געמיינט, מיר האָט זיך עס אויסגעדוכט.

זי איז אים געפאַלן אויפן האַלדז, אים געדריקט צו איר בוזים.

— מיין שלמה, מיין שלמה! דו האָסט אין מיר אַריינגעבלאָזן אַ ניַיע נשמה. איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, ווי אויף דעם עולם־התהו. אצונד ביסטו מיינער, שלמה, און איך בין דיינע, דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט פון מלכות, פון דיין בלוטיקער ירושה, דו האָסט געקויפט מיין ליבע מיט דיינע יסורים און אויסגעקויפט זיך פון דיין פאָטערס גרויל־טאָטן. דו ביסט אַ נײַ־געבוירענער, דו ביסט מער ניט דיין פאָטערס אַ זון...

— נעמה, איך פאַרשטיי דיך. אָבער זאָג מיר איין זאַך, ווען דיין פאָטער וואָלט אַרויס פון קריג דער זיגער? וואָלט ער געהאַנדלט בנוגע מיין פאָלק, מיין פאַמיליע מענטשליכער? וואָלט ער פאַרגאָסן ווייניקער בלוט? איז דען מיין פאָטער געווען איינער פון די ערגסטע קיניגן? פאַרקערט, מיר דוכט אַז ער איז געווען איינער פון די מילדסטע, אַ מענטש מיט אַ נשמה פון אַ דיכטער, און דאָך, האָט ער געהאַנדלט אַזוי אומ־מענטשלעך אכזריותדיק, איז וואָס צייגט עס? אַז מלכות מיינט רשעות, חיה־רעהדיקייט. עס איז קיין פראַגע פון פּערזאָנען. דער שטאַט איז אַ הענקער, אַ קאַט. ווייסטו די געשיכטע, דיין זיידע האָט געוואָלט מאַכן שלום מיט די איינוווינער פון יביש גלעד אונטער איין באַדינג, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן אַרויסנעמען דאָס רעכטע אויג פון קאָפּ, ווייסטו עס?

— יאָ, איך ווייס עס.

— איז וואָס איז דער שלוס? אז מע מוז וויכן פון מלכות, וויכן פון דעם ווי פון אַ פּעסט.

אַז נעמהס פאָטער האָט זיך דערוואוסט פון דער באַדינערשאַפט, וואָס האָבן געזען שלמהן און נעמהן פראַוועז ראַנדעוויוס, אַז זיין טאָכ־טער, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די בעסטע שידוכים ניט קוקנדיק אויף אלע זיינע צושטייערישע בקשות צו הייראַטן איינעם פון זיינע ייִנגערע ראַטגעבער, אָדער דעם קרוין־פּרינץ פון... פּירט גאָר אַ משונה־פּאַרדרייטע ליבע מיט דעם געפעס־וואַשער וואָס דינט ביי זיי אין קיך — איז ער געוועזן אויסער זיך. ער האָט עס גאָרניט געקענט באַגרייפן. ווי קומט עס צו דער קלוגער נעמהן?!

ער האָט זי גערופן צו זיך און זי געפרעגט דירעקט צי איז עס אמת וואָס מע האָט איבערגעגעבן צי בלויז בייזע צינגער האָבן עס אויס־געטראַכט, ווארעם די זאַך לייגט זיך אים ניט אויפן שכל, און ער וועט באַפוילן די צינגער אָפּצוהאַקן.

זי האָט אים פאַרזיכערט אַז זי איז פאַרליבט אין געפעס־וואַשער.

— אָבער ער איז דאָך אַ נבזדיקער משרתל, אַ קנעכט ביי קנעכט, אַ דינער ביי דעם קוכער? ווי אַזוי ביסטו עס אַזוי נידעריק געפאַלן. איך קוק זיך אויס די אויגן דו זאָלסט שוין טאָן אַ פאַסיקן שידוך. דו ביסט מיין איינציקע טאָכטער. דו דאַרפסט מיר געבוירן אַ זכר פאַרן טראָן, און פון אים, פון אָט־דעם שטיק שלאַק, זיי זאָגן מיר אַז ער איז אַ צע־מישטער, ווּעסטו עס האָבן אַ קרוין־פּרינץ?!

דו, אומפאַרשעמטע! דו האָסט גאָר ניט אין זינען דיינע פליכטן צו דיין פאָלק, צו דיין פאָטער און מוטער! פון אַלע מיינע קינדער ביסטו געבליבן ווי דורך אַ נס. דער גורל האָט דיך געשאָנעוועט פאַר אַ צוועק. די געטער האָבן דיך אויפגעהיט כדי דו זאָלסט אַריינפלעכטן דאָס ווייטערדיקע רינגעלע אין דער קייט פון אונדזער מלכות־פאַמיליע. דער־מאָן זיך אָן דיין זיידן, נחש, וואָס האָט גרונטפעסטיקט אונדזער הויז! ווילסטו מיט דיין אומזיניקער האַנדלונג איינוואַרפן דעם גאַנצן בנין און אליין באַגראָבן ווערן אונטער די רואינען?! דו, אומפאַרשעמטע!

זי האָט איר פאָטער מיט קיין איין וואָרט ניט געענטפערט. זי האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. זי האָט ניט געטאָרט אויפדעקן פאַר אים דעם סוד פון אָט־דעם נבזהדיקן משרתל, ווי איר פאָטער האָט באַצייכנט איר געליבטן. ווען איר פאָטער וויס ווער ער איז, וואָלט ער פונדאַנען

קיין לעבעדיקער ניט ארויס. על כן איז איר איינציקער ענטפער געקענט זיין בלויז שווייגן.

— דו שווייגסט, דו מטורפת! איך וועל הייסן אייך ביידן היבריכטן. אראָפּהאַקן די קעפּ אָדער אויפהענגען. ארויס פונדאַנענט! איך זאָל דיין טריפהנעם פּרצוף מער ניט אָנקוקן!

מע האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין געפענגעניש גרוב. דער קעניג האָט באַפוילן מע זאָל זיי ביידן אין דריי טעג אַרום אויפהענגען אויף איין תלייה.

די מוטער־קיניגן האָט אונטערגעקויפט די וועכטער פון דער תפיסה. און האָט אַרויסבאַקומען איר טאָכטער און זי געוואָלט העלפן אנטלויפן פון לאַנד און פון איר פאָטערס צאָרן.

די טאָכטער ,אָבער, האָט באַין אופן ניט געוואָלט זיך ראַטעווען איינע אַליין. איז די מוטער געוועז געצוואונגען אַרויסצוקריגן אויך שלמהן. זיי זיינען ביידע אַנטלאָפן.

זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער וויסטעניש, ווייט פון גרעניץ פון לאַנד עמון. זיי האָבן זיך געשפּייזט מיט פאַרשיידענע וואָרצלען און ווילדע יאַגאָדעס און זיך געפילט גליקלעך איבערגליקלעך, וואָס באַך אַזויפיל יאָרן זיין צעשיידט זיינען זיי אצונד פאַראייניקט. פאַר זיי איז זייער צוזאמענזיין געווען אַלץ, נאָך וואָס זיי האָבן געגאַרט און געלעכצט. זיי האָבן אין מדבר פון לעבן לסוף געפונען זייער אָאַזיס, אַן אָאַזיס מיט אַ שפּרודלנדיקן קוואַל פון גליק.

נאָך אַ פּאָר וואָכן פון אַרומבלאָנקען זיך האָבן זיי דערגרייכט אַ פּי־שערס־דאָרף. דאָ האָבן זיי זיך באַזעצט. שלמה איז געוואָרן אַ פּישער. נעמה פלעגט אים ארויסהעלפן אין דער אַרבעט, זי איז געווען געשיקט אין פלעכטן נעצן און אויך פאַרריכטן זיי.

איינמאָל האָט שלמה געכאַפּט אַ גאַר היפשן פיש, וואָס שליידערנ־דיק זיך האָט שיער ניט צעריסן די קניפּלען פון נעץ. מיט דער הילף פון די שכנים־פישערס האָט שלמה אים קוים מיט צרות געבראַכט אַהיים.

נעמה האָט איינגעלאַדן אַלע שכנים און שכנות צו קומען עסן דעם פיש. מע וועט פּראַווען אַ וואַרע סעודה, כיד המלך...

ווען נעמה האָט געעפנט דעם בויך פון פיש און אַרויסגענומען די אינגעווייד און זיי אַדורכגעשווענקט, האָט זי געפונען אַ גאָלדענעם רינג.

זי האָט מיט אנטציקונג צוגערופן שלמהן און עס אים באַוויזן. זי האָט געערעכנט, אז דער געפינס איז אַ סימן פון גליק.

אבא גארדין

שלמה האָט א קוק געטאָן און גלייך דערקענט זיין רינג מיטן קע־ניגלעכן חותם.

— לויף געשווינט און וואַרף עס אַריין צוריק אין וואַסער. איך וויל זיך צו אים ניט צורירן. איך וויל אים אַפילו ניט אָנקוקן. ער פאַראומ־רייניקט די הענט און די אויגן. ער איז דער סימבאָל פון מלכות. און מלכות איז רשעות און בויז. — — — — —

די ערשטע צייט פלעגן די פישער־לייט קומען צו שלמהן אין די פרייע יום־טוב־טעג און ער פלעגט מיט זיי לערנען.

שפּעטער־צו האָט ער זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן. ער האָט זיי צום לעצטן מאָל אַזוי געלערנט:

— אַ מענטש האָט ניט קיין רעכט צו לערנען זיין מיטמענטשן. אַלץ וואָס ער מעג טאָן איז געבן אַ ביישפּיל מיט זיין אויפפיר. און אויב עמיצער וויל, לערנט ער זיך פון אים אָפּ הנהגות. פאַרשפּרייטן אַ לערע איז אסור. יעדער איינער דאַרף לערנען פאַר זיך און זיך שאַפן זיין אייגענע לערע.

מע דאַרף ניט האָבן קיין גייסטלעכע פּאַסטעכער. און מענטשן זיינען ניט קיין שאָף און רינד אין טשערעדעס.

לא תרצח!

ולא ילמדו...

MAIN JUN 26 1962

SEP 25 1963 AUSTIN

AUG 28 1972

## אין אונזער פארלאג איז דערשינען:

אנא פראנק — „טאגבוך פון א מיידל" (אילוסטרירט)

ש. פראנק — „טאגבוך פון לאדזשער געטא" — (אילוסטרירט)

באריס פאסטערנאק — „דאקטאר זשיוואגא", (2 בענד)

ראבערט ס. דזשאן — „דוד בן-גוריון" (לעבנס־ביאָגראפיע פון אן אומגעווייגלעכן מענטש).

מ. מאן — „דאס הויז צווישן דערנער"

אנדרע שווארץ-בארט — „דער לעצטער פון די צדיקים".
(פרעמירט פון גאָנקאָור־פרייז אין פאריז)

אבא גארדין — „שלמה המלך", (היסטאָרישער ראָמאַן).

משה וויטיעס — „מסות על ספרות (עסייען וועגן ליטעראטור)
(איבערגעזעצט דורך שלמה שנהוד)

בקרוב דערשיינט:
שלמה שנהוד — מיט חלום איבער תהום (געקליבענע לידער)

פארלאג „מנורה", רח' זנגביל 24
תל־אביב, ישראל